STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08714

MAYN LEBNS-GESHIKHTE

Kalmon Marmor

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Judd Marmor
in memory of
his brother Matthew Marmor

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן מרמר

קלמן מרמר

מיין לעבנס־געשיכטע

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף
פון דעם איקוף און די לייען־קרייזן
אין לאָס־אַנדזשעלעס

•

ווערק פון קלמן מרמר אין בוכפאָרם

„דע פראָפונדיס״ פון אָסקאַר ווײַלד, איבערגעזעצט און דערקלערט, לאָנדאָן, 1909.

ציון, אָדער ציוניזם ? (בראָשור), גלאַסגוי, 1909.

„נאַציאָנאַלע אַרבעטער קאָמיטע״ און קאָנגרעס באַוועגונג (בראָשור), שיקאַגאָ, 1916.

אָסקאַר ווײַלד און זײַן טראַגעדיע (צוזאַמען מיט „דע פּראָפונדיס״, צווייטע אויפלאַגע), ניו־יאָרק, 1926.

מאָריס ווינטשעווסקי, זײַן לעבן און שאַפן (אַרײַנפיר צו זײַנע „געזאַמלטע ווערק אין 10 בענד״ — רעדאַקטירט פון קלמן מרמר), ניו־יאָרק, 1927.

קלאַסנקאַמפן אין אַלטערטום, ניו־יאָרק, 1933.

דאָוויד עדעלשטאַט, ביאָגראַפיע און בריוו, מאָסקווע, 1935.

דוד עדעלשטאַט צו זײַן פופציקסטן יאָרצײַט (בראָשור), ניו־יאָרק, 1942.

דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע (1890־1871), ניו־יאָרק, 1944.

דוד עדעלשטאַט, ביאָ־ביבליאָגראַפיע, ניו־יאָרק, 1950.

אהרן ליבערמאַנס בריוו, ניו־יאָרק, 1951.

יוסף באָוושאָווער, ניו־יאָרק, 1952.

יעקב גאָרדין, ניו־יאָרק, 1953.

קלמן מרמר

מיין לעבנס־געשיכטע

באַנד איינס

איקוף פאַרלאַג

ניו־יאָרק

KALMAN MARMOR

MEIN LEBNS GESHICHTE

(My Autobiography)

Vol. I

Published by the
Yiddisher Kultur Farband (YKUF)
189 Second Avenue
New York 3, N. Y.

Copyright by
Yiddisher Kultur Farband (YKUF)
1959

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.
166

אינהאַלט:

●

קאַפּיטל		זייט
	צו די לייענער — פון נחמן מייזיל	9
	פאָרוואָרט	15
.1	מיין משפחה	16
.2	די ליבע צווישן שרה־בלומען און מאָטען	17
.3	מיין געבורט	20
.4	מיין דאָרפישער זיידע	23
.5	פון דאָרף אין שטעטל	25
.6	אין זיידנס שטוב	32
.7	לאהקעס חברטעס	36
.8	מיין באָבעס דאָקטאָריע	41
.9	ליבע צום עמוד	46
.10	שמעון דער פּאדראַטשיק	50
.11	מיין עלטער־זיידע דוד	54
.12	שבת קודש	59
.13	דער אלמנהס קריוודע	63
.14	אין טאָטע־מאַמעס היים	68
.15	אין דעם זיידנס נייער שטוב	80
.16	אונדזער גאָרטן	84
.17	דער נייער אָרון־קודש	88
.18	צוליב אַ הילצערנעם אָפּגאָט	92
.19	מיין פעטער פישל	98
.20	מיין נייער רבי און אַלטער חבר	102

קאַפּיטל		זייט
21	געברענטע צרות	107
22.	עקשנות	111
23.	מען פירט די תורה אין שול אַריין	115
24.	מיין נייער רבי — בערטשיק שאַפּיראָ	120
25.	סוף זומער אין דאָרף	124
26.	סטאָליאַרניע ווערט אַ חדר	128
27.	איך ווער אַ דאָקטאָר	133
28.	דאָס בערגל קעגן בית־המדרש	137
29.	איך באַקען זיך מיט אונדזער שטעטל	142
30.	צען שטעטלשע קרעמער	148
31.	מיסיאָנערן טיילן ביכלעך	154
32.	איך שרייב אַ ספר	159
33.	דער רב מאָנט שכירות	163
34.	אַ לוויה פון שמות	168

אין ווילנע

35.	אין ווילנער ישיבה	173
36.	מיין ראש ישיבה און מיינע לערער	179
37.	איך באַקוק דעם ווילנער שול־הויף	183
38.	אין ווילנער גרויסער שול	188
39.	אין ווילנער גאונס קלויז	192
40.	ר׳ אליהו פנחס לערנט מיט אונדז מוסר	196
41.	איך הער אַ דרשה פון קעלמער מגיד	201
42.	דער טינט־פלעק אויף דער וואַנט	206
43.	מיר מאַכן אַ חברה בסוד	211
44.	ביים סוף זמן	216
45.	אויף פסח אַהיים אין דאָרף	221
46.	מיין רבי וויל ניט קיין מתנות	226
47.	אַרגענטינע אָדער ארץ־ישראל	230

קאַפּיטל	זייט
48. אַ בלוט־בילבול צוליב יידישן רחמנות	233
49. מיינע ערשטע וואַנדערונגען	237
50. ר' יהושע־כלב יאַשונסקי	240
51. די גרויסע דין־תורה	245
52. איך פאָר בשתיקה קיין ארץ־ישראל	250
53. זשאַנדאַרמען אַרעסטירן אונדז אויפן וואָקזאַל	254
54. באַראָן הירש באַפרייט אונדז פון טורמע	259
55. אַ זומער אין שטעטעלע יאַנישאָק	264
56. מיין באָבע לאה האָט חתונה	269
57. „נסים" אויף מיין וועג קיין פוילן	274
58. ביי אַ פרעמדן טיש צום סדר	279

איך ווער אַן אַרבעטער

59. ווילנער מייסטערס ווילן מיך ניט לערנען די מלאכה	285
60. מאָריס ווינטשעווסקיס „אני־מאמינס"	290
61. אַ טעות אין חשבון	294
62. אין טאַקאַרניע אויף טראָקער גאַס	299
63. מיין געווינס פון אָפּטראָגן אַרבעט	304
64. אויף אַן אַרבעטער־חתונה	309
65. „אַלעקסאַנדער" און „רעזטשיק"	314
66. אויף אַ קוואַרטיר ביי רוסן	319
67. מיין מייסטער צעשטערט אַ ספר	324
68. פּאָליציאַנט העלפט מיר איינשטילן אַ מסור	328
69. אַ ווינטער אין קאָוונע און אַלעקסאָט	333
70. איך געפין זיך צווישן צוויי מאַגנעטן	339
71. איך הויב אָן צו בלאָנדזשען	344
72. מיט דער מאַמעס טויט צעפאַלט די היים	349
73. מיין פאַרשפעטיקטער פריזיוו	353
74. העצער קעגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג	359

קאַפּיטל		זייט
75.	אויפֿן וועג פֿון ווילנע קיין בערן	366
76.	איך קריג אַ וואויל צימער, ווייל איך בין אַ ייד	371
77.	ווי אַ דורשטיקער ביים קוואַל	376
78.	איך באַזוך פּראָפֿעסאָר לודוויג שטיין	382
79.	די נייעס וועגן פּאָגראָם אין ניקאָלאַיעוו	387
80.	דער שווייצער זינגער־יום־טוב	393
81.	אַ מחלוקה וועגן טאַנצן תשעה־באב	399

צו די לייענער

.1

קלמן מרמר האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנג, אינטערעסאַנט און קאָלירפול פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעך לעבן. ער איז געבוירן געוואָרן שמחת תורה, אין יאָר 1876, ער איז געוואַקסן אין אַ יידיש־דאָרפישער סביבה ביי פּשוטע און גלייכצייטיק אויפגעקלערטע עלטערן און זיידע־באָבעס. אַ גאָר יונגער איז ער אַריבער קיין ווילנע, אין דער שטאָט וואו תורה און עבודה, למדנים און משכילים, רבנים און אַרבעטער־פירער האָבן זיך געראַנגלט און געקעמפט און באַמיט זיך צו פאַרנעמען דעם אויבנאָרט אין דער דעמאָלסטיקער יידישער וועלט.

פון זיינע יונגע יאָרן האָט זיך קלמן מרמר אויסגעצייכנט מיט זיין פלייס, מיט זיין אויפריכטיקן אַרט לעבן און מיט זיין טיף־ערלעכער באַציאונג צו די פאַרשיידענע גייסטיקע כוחות, וואָס האָבן זיך געראַנגלט אין דער יידישער געזעלשאַפט. ער איז געווען אַ יונגער בחור, ווען ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אַקטיוון קולטור־שאַפערישן און פּאָליטישן לעבן, וואָס האָט ערשט געהאַלטן אין זוכן אינהאַלט און פאָרם אין דער אָפּגעשטאַנענער יידישער וועלט. די יידישע אַרבעטער־יוגנט האָט זיך אין יענער צייט, אין די 90־ער יאָרן פונעם 19טן י״ה, געפונען צווישן די צוויי אין פלוג סתירותדיקע באַוועגונגען, אין דער אַלגעמיין־רעוואָלוציאָנערער און אין דער יידיש־נאַציאָנאַלער. גלייכצייטיק איז געווען נאָך זייער שטאַרק דער כוח פון דער רעליגיע, דער כוח פון דעם בית־המדרש. צווישן דער ירושה און די טראַדיציעס פון ווילנער גאון און דער אויפקומענדיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך געפונען אויך דער ערלעכער, אויפריכטיקער יונגער בחור קלמן מרמר, וואָס אַט ציט עס אים צום בית־המדרש, צו דער ישיבה, און אַט ווערט ער געפאַנגען פון די ליכטיקע און לויכטנדיקע אידעאַלן און לאָזונגען פון סאָציאַליזם אין זיין אַמאָליקער יידישלעכער פרימיטיווער פאָרם.

קלמן מרמר האָט געלעבט אַ לאַנג לעבן, — קרוב צו 80 יאָר. פון דעם האָט ער אַ 75 יאָר געלערנט און געהאַלטן כסדר אין לערנען, — פריער האָט ער מער געלערנט ביי אַנדערע, און מיט דער צייט האָט ער שוין גענומען לערנען זיינע תלמידים. צו זיין אַלט ווערן 75 יאָר, האָט ק. מרמר אויף אַ פייערונג לכבוד אים געזאָגט: „אַ גרויסן טייל פון מיין לעבן האָב איך גע־

לערנט געשיכטע ווי אַ תּלמיד און ווי אַ לערער, אָפט איןביידע אופנים צוגלייך. איך האָב זיך געטיילט מיט אַנדערע, וואָס איך האָב געלערנט מינדלעך און שריפטלעך פון די, וואָס האָבן געוואוסט מער פון מיר".

אַליין לערנען און לערנען אַנדערע — דאָס איז געווען קלמן מרמרס שטענדיקער גאַנג אין לעבן.

קלמן מרמר האָט אַלע זיינע יאָרן געהאַלטן אין גיין און אין שפּרייזן, — פון די נביאים, פון די ביבלישע פּראָפעטן, דורך די תּנאים און אמוראים, און דורך די היסטאָרישע קעמפער פאַר יושר און גערעכטיקייט, פאַר פרייהייט און גאולה, און דורך די מאַקאַבייאישע גיבורים צו די שפּעטערדיקע העלדישע רעוואָלוציאָנערן, יידישע ווי אַלגעמיין־מענטשלעכע. ער האָט געזוכט און געפונען צווישן זיי טיפע פאַרבינדונג, ענגע שייכותן, קעגנזייטיקע ווירקונגען. און אָט די פאַרבינדונג האָט ער אויפגעהיט אַלע זיינע יאָרן, געטראָגן טיף אין האַרצן. און עס איז אינטערעסאַנט: ער האָט קיינמאָל נישט געצונדן קיין בריקן הינטער זיך, ער האָט נישט איבערגעריסן מיט זיינע פריערדיקע אידייען און אידעאַלן, ווי טייער און אייגן עס זיינען אים דערנאָך נישט געוואָרן די נייע אידייען און אידעאַלן, פאַר וועלכע ער האָט די לעצטע 30 יאָר געקעמפט מיט דעם זעלבן אייפער און מיט דער זעלביקער טריישאַפט ווי אַמאָל, פאַר די פריערדיקע אידעאַלן.

.2

אין אַ שמועס, וואָס ק. מרמר האָט געהאַט מיט ז. זילבערצווייג, דער אַנפירער פון אַ יידישער ראַדיאָ אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט ער געזאָגט: „צום מאָדערנעם סאָציאַליזם בין איך געקומען: ערשטנס דורך מיינע דערפאַרונגען, זייענדיק אַ לערן־יינגל און אַן אַרבעטער אין אַ טאַקער־וואַרשטאַט (אין ווילנע), — צווייטנס, דורך די סאָציאַליסטישע בראָשורן און זשורנאַלן אין יידיש, געדרוקט אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, און דריטנס, דורך מיין באַקאַנטשאַפט מיט די נביאים, וועלכע כ'האָב געלערנט אין תּנ"ך זינט מיין קינדהייט".

און ווייטער אין דעם שמועס האָט ער באַטאָנט זיין נאָענטקייט צו „די פרייהייט־קעמפער שמעון בר גיורא, בר־כוכבא, ווי אויך אַזעלכע תּנאים ווי הלל און רבי עקיבא, אין די צייטן פון מיטלאַלטער" — דער רמב"ם און דון יצחק אברבנאל, און אין די ווייטערדיקע יאָרן — משה העס, וועלכער פרייַדיקט „נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייאונג פון יידישן פאָלק".

קלמן מרמר איז קיינמאָל נישט געווען און נישט פאַרבליבן בלויז אַ רעדנער, אַ פאַרשער. ער האָט שטענדיק פאַרבונדן טעאָריע מיט פּראַקטיק, אָדער ווי ער דריקט זיך אויס „מדרש" (לערנען) מיט „מעשה" (טאָט). טעאָריע אַליין, לערנען, אידייע, אידעאַלן זיינען ווייניק. מען טאָר זיך נישט באַגנוגענען

מיט זיי, מען דאַרף זיך באַמיען זיי אַדורכפירן אין לעבן, זיי פאַרוואַנדלען אין רעאַלע מעשים. און אין אַלע צייטן, אין די פאַרשיידענע פעריאָדן פון זיין פּאָליטישן, קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן איז ער טאַקע אַריבער פון טעאָריע צו פּראַקטיק. ער איז געווען אויסער שרייבער, אויך טוער. און ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַררוקט אין די ד׳ אמות פון זיין אייגן שטיבל, נאָר עס האָט אים אַלעמאָל געצויגן צום עולם, ער האָט גערעדט, געפירט סעמינאַרן, ליב געהאַט תלמידים. ער איז געווען רייך אין זיין תורה שבעל פה, ווי אין זיין תורה שבכתב. ער האָט נישט נאָר פיל געשריבן, נאָר אויך מינדלעך פיל אויפגעטאָן.

ער איז געשטאַנען ביים וויגעלע פונעם יידישן סאָציאַליזם, פונקט ווי ער איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פונעם פּאָליטישן ציוניזם, ער האָט זיך אפילו באַטייליקט, ווי אַ דעלעגאַט, אויף עטלעכע ציוניסטישע קאָנגרעסן אין באַזעל. און אומעטום איז ער געווען אַן אייגענער מענטש, אַ „בן־בית״, און מיט זיין אַקטיוון אַנטייל געהאָלפן אויך אויסצוקריסטאַליזירן און אויסצו־פורעמען די פאַרשיידענע פועלי־ציון־ריכטונגען און גרופּירונגען אין פאַר־שיידענע לענדער. ער פאַרבייט זיין היימשטאָט ווילנע אויף בערן, דערנאָך ווערט ער אַ גאָר היימישער מענטש אין לאָנדאָן, נאָך זיין לענגערן באַזוך אין ארץ־ישראל קערט ער זיך צוריק קיין אַמעריקע, וואו עס שפּרייט זיך אויס פאַר אים גאָר אַ ניי, רייך און פאַרשיידנאַרטיק פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעך און ליטעראַריש לעבן, — ווי אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָר פון פאַר־שיידענע צייטונגען און זשורנאַלן. ער איז ממילא געקניפּט און געבונדן מיט די „אבות״, מיט די גרונטלייגער פון דער ציוניסטישער, פועלי־ציוניסטישער און דערנאָך — קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואו ער פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט.

פאַר אים איז יידישע געשיכטע נישט געווען קיין ווייטע, לאַנג־אָפּגעקלונ־גענע וועלט. ער האָט אַלע זיינע יאָרן אַרומגעשפּאַצירט אין איר און די געשיכטלעכע געשטאַלטן פונעם ווייטן און נאָענטן עבר זיינען פאַר אים געווען און פאַרבליבן לעבעדיקע, סטימולירנדיקע כוחות. ער האָט אין זיי געזען מוסטערן, ביישפּילן פאַר הייַנטצייטיקע שטרייטן און קאַמפן. ער אַליין איז אַלעמאָל געקרעפטיקט און געמוטיקט געוואָרן דורך דער דערנעענטערונג צו די אַמאָליקע העלדישע קעמפער און גרויסע לערער. און אין זיינע פאַר־שיידענע היסטאָרישע, ליטעראַרישע מאָנאָגראַפיעס און ווערק וועגן לאַנג־פאַרגאַנגענע תקופות און וועגן גרויסע פערזענלעכקייטן האָט ער אַריינגעבראַכט נישט נאָר פלייס, וויסן און בקיאות, נאָר אויך האַרץ, נשמה און ליבע. און די זעלבע בקיאות און התמדה ווייזט ער אַרויס ביים אַרויסברענגען די גרויסע יידישע דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט און אַנדערע. אומעטום קומט אַרויס דאָס אינטימע, לירישע און באַהאַרצטע, וואָס די קעמפער און די שרייבער־דיכטער רופן אַרויס אין אים.

ער איז קיינמאָל נישט קיין קאַלטער, טרוקענער קריטיקער, באַאָבאַכטער.

ער באַמיט זיך אַלעמאָל צו געפינען וואָס־מער באַריר־פּונקטן, נאָענטקייט, אייגנקייט אין די קעמפער, דענקער, שרייבער און דיכטער, וואָס ער שרייבט וועגן זיי. מיט פיל פון די שרייבער איז ער געווען אין ענגע פאַרבינדונגען, זיך אָפט געטראָפן מיט זיי, זיך באַפריינדט מיט זיי, און זיי זיינען אים געוואָרן גאָר אייגן, היימיש.

קלמן מרמר האָט פאַרהיט אין זיך די זכרונות פון די אַלע קרייזן און סביבות, ער האָט פאַרהיט אין זיך ראָמאַנטישע און אפילו סענטימענטאַלע געפילן און איבערלעבענישן פון די אַלע פּאַסירונגען און שטרייטן, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט אין זיין לעבן, — פון די סאַמע קינדער־יאָרן ביזן טיפן עלטער. ער האָט זיי פאַרגעדענקט מיט די אַלע פּרטים, איינצלהייטן, און אין זיינע זכרונות טיילט ער זיך מיט זיי מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט און טרייקייט.

3.

אויף וויפל יעדע איינצלהייט און יעדער עפּיזאָד אין זיין לאַנגן לעבן, אויף וויפל יעדער מענטש, סיי פון זיין משפּחה און סיי פון זיינע פריערדיקע יוגנטלעכע חברים און פריינט, זיינען געווען אים אייגן און טייער, זעט מען פון די זכרונות, וואָס ער גיט איבער מיט אַזאַ באַהאַרצטקייט און פּינקטלעכקייט. יעדער פּרט, יעדער שריט, יעדע געשעעניש איז אים טייער און ער איז אַזוי וויליק און גערן זיך טיילן מיט זיי.

קלמן מרמר האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין לעבנס־געשיכטע שוין לאַנג, ער האָט אויך געפירט טאָג־ביכער, וואו ער האָט פאַרצייכנט זיינע פּאַסירונגען, זיינע באַגעגענישן מיט מענטשן, און זיינע איינדרוקן פון שטעט און לענדער. ער האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זיין לעבנס־געשיכטע אין „מאָרגן פרייהייט" דעם 14־טן יוני 1947, דער לעצטער קאַפּיטל איז געווען געדרוקט דעם 29־טן מערץ 1952. דאָס מיינט, אַז די זכרונות זיינען געדרוקט געווען אין משך פון אַ פינף יאָר, מיט גרעסערע איבעררייסן אינמיטן. ער האָט די זכרונות געשריבן אין פאַרשיידענע אומשטענדן, ביי פאַרשיידענע געמיט־און געזונט־צושטאַנדן און אין די לעצטע יאָרן, — נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט אַליין, מיט דער אייגענער האַנט צו שרייבן, האָט ער זיי דיקטירט צו פריינט, ווען ער איז שוין געווען שוואַך אין געזונט. אַט די הפסקות צווישן די פאַרעפנטלעכטע קאַפּיטלען זעען זיך אָן אין די זכרונות, פאַראַן דעריבער נישט זעלטן ווידער־האָלונגען, אָפטמאָל זיינען דאָ מער־גענויע פּרטים וועגן איין געשעעניש, און נישט זעלטן — שפּרינגט ער איבער וויכטיקע פּאַסירונגען.

אין די עטלעכע הונדערט זייטן פון דעם ווערק האָבן מיר שטיקער יידיש לעבן פון דאָרף און שטעטל, פון ווילנע און אַנדערע שטעט. עס קומען אַרויס פאַר אונדז פאַרשיידנעראַליי פּשוטע יידן, האַרעפּאַשניקעס, מענער און פרויען, מלמדים, לערער, רבנים, ראש־ישיבות, חדרים, די ווילנער מלוכה־שול, דער

ווילנער לערער־אינסטיטוט, די ערשטע סאָציאַליסטישע קרייזלעך, די ווילנער סטראַשון־ביבליאָטעק, די יידישע בחורים און מיידלעך פון פאַרשיידענע מינים און כאַראַקטער, און בעיקר קומט אַרויס אין בוך ער גופא, קלמן מרמר, וועלכער גייט זיך פאַמעלעך זיין לעבנס־וועג, אַמאָל מיטן ברייטן שליאַך, מיטן דרך המלך, און אָפטמאָל — מיט זייטן־וועגן, אויף שמאָלע סטעזשקעס. ווען ער באַגעגנט אין זיין וועג, טוליעט ער זיך צו אים, ווי ער טוליעט יענעם צו זיך, ער האָט וועגן יעדן איינעם גוטמוטיקע דעראינערונגען און האַרציקע געשיכטעס צו דערציילן.

4.

אָפטמאָל קאָן זיך אונדז אויסווייזן, אַז קלמן מרמר פאַרנעמט זיך צופיל מיט איינצלהייטן, אַז ער שטעלט זיך אָפּ אויף נישט גאָר וויכטיקע פּרטים, אָבער פון די אַלע קליינע שטריכן באַקומען מיר אָפּט אַ פולע און גאַנצע פאָרשטעלונג וועגן מענטשן, וועגן באַוועגונגען, וועגן וויכטיקע היסטאָרישע פּאַסירונגען. קלמן מרמר איז אין זיינע זכרונות נישט נאָר אַ דערציילער פון זיין אייגענעם לעבן, נאָר ער איז אויך אַ מעמואַריסט־היסטאָריקער, וואָס יעדע פּאַסירונג איז פאַר אים וויכטיק און טייער, ווייל דורך די פּרטים וואַקסט אויס דער מענטש, די פּערזענלעכקייט, ווען עס איז מיט דער צייט אויסגעקומען צו שפּילן אַ אָנגעזעענע ראָלע אין דעם יידישן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און באמת, לייענען מיר אַזוי די זכרונות, די פּרטים פון זיין לעבנס־געשיכטע, שטויסן מיר זיך אָן אויף פיל נעמען פון שרייבער, טוער, פירער פון די פאַרשיידענע יידישע פאַרטייען, דורך וועלכע עס זיינען געקומען צום אויסדרוק אַלדי געשעענישן, שטריטן און געראַנגלענישן אין דער יידישער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער וועלט פאַר די לעצטע 60 יאָר, ווי אויך דער אויפקום פון כלערליי צייטשריפטן, צייטונגען, זאַמלביכער און זאַמלונגען, מיט זייערע רעדאַקציעס, מיטאַרבעטער און אַרויסגעבער, מיט וועלכע קלמן מרמר האָט געהאַט צו טאָן אין דער שווייץ, אין איטאַליע, אין לאָנדאָן און לעצטנס אין אַמעריקע.

אין סך־הכל איז דאָס ווערק „מיין לעבנס־געשיכטע" נישט קיין געשיכטע בלויז פון קלמן מרמר דעם איינצלנעם מענטש, נאָר עס איז די לעבנס־געשיכטע פון פיל ריכטונגען, פאַרטייען, פון זייערע פירער און מאַסן, עס איז די מגילה פון אַ דור, פון דורות, אָנגעהויבן אין מיישעגאָלע, ווילנער געגנט, און פאַר־געזעצט דורך די אַלע שטעט און ערטער, וואו דאָס לעבן און די צייט האָבן פאַרטראָגן קלמן מרמרן. אומעטום איז ער געקומען אין באַריר, אין קאָנטאַקט מיט מענטשן און אָרגאַניזאַציעס, מיט פירער און פאַרטייען; און דאָס אַלץ

ווערט אונדז דורך די זכרונות נאָענט און טייער, אייגן און ליב, ווייל אַזוי גיט איבער וועגן דעם אַלעמען דער האַרציקער און גוטמוטיקער קלמן מרמר.

די זכרונות פון קלמן מרמר ווערן, צום באַדויערן, איבערגעריסן ביים יאָר 1908. ווען מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דעם לעצטן אָנגעשריבענעם קאַפּיטל, טוט אונדז שטאַרק באַנג, וואָס קלמן מרמר איז נישט געווען בכוח ווייטער זיי פאָר־צוזעצן. זינט דאַן איז דאָך קלמן מרמר געווען קולטור־שאַפעריש טעטיק אין אַמעריקע, אין פאַרשיידענע שטעט, און געווען אַריינגעצויגן ווי אַ שרייבער, רעדאַקטאָר, טוער־פירער אין פאַרשיידענע וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, און שפּעטער — אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, וואו ער האָט געשפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָלע, און זיינע פאַרדינסטן זיינען געווען גרויסע און באַדייטנדיקע. עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען אין זייער פולן פאַרנעם די ווייטערדיקע געשעענישן און פּאַסירונגען פון זיין לעבן אַרום די אַלע טעטיקייטן, פאַרמעסטן און טוּאונגען, וועלכע האָבן אַריינגעשריבן וויכטיקע בלעטער אין דער קולטור־ און ליטע־ראַטור־געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע.

קלמן מרמר האָט אויך גאָר גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם איקוף, ער איז דאָך געווען דער סעקרעטאַר, דער אומדערמידלעכער איניציאַטאָר פון דער קולטור באַוועגונג אין אַמעריקע ערב דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, אין 1937, איז אויך געווען אַ וויכטיקער דעלעגאַט אויפן קאָנגרעס, און — שפּעטער — דער ערן־פּרעזידענט פונעם איקוף.

עס איז די פליכט און די אויפגאַבע פון זיינע נאָענטע פריינט אַרויסצו־ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט דאָס רייכע לעבן און די פאַרשיידענע קולטור־ליטעראַרישע טעטיקייטן פון קלמן מרמר פון דעם מאָמענט אָן, ווען עס רייסן זיך איבער זיינע זכרונות.

מיר האַלטן פאַר אונדזער חוב צו באַדאַנקען דעם ח׳ נ. הייקין פאַר דער אַרבעט צוצוגרייטן דעם מאַנוסקריפּט צום דרוק. ער האָט אַריינגעלייגט פיל פלייס אין צונויפזאַמלען די איינצלנע קאַפּיטלען און צונויפשטעלן דאָס ווערק.

עס קומט אַ יישר־כוח דעם לאָס־אַנדזשעלעסער איקוף און די דאָרטיקע לייען־קרייזן פאַר זייער מאַטעריעלער הילף, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט צוצוטרעטן אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

נחמן מייזיל

יאַנואַר 1959.

פאָרוואָרט

אין פאַרלויף פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָב איך אויפגעשריבן אַ סך לעבנס־געשיכטעס, נאָר ניט מיין אייגענע. זי האָט מיר אויסגעזען ניט גענוג וויכטיק, ווען דערציילט פון אַ ניט־בעלעטריסט.

ערשט אויף דער עלטער האָב איך דערזען מיין פאַר־גאַנגענהייט אין אַ נייַ ליכט. כ׳זע איצט אין מיין לעבנס־געשיכטע די איבערלעבונגען פון אַ געוויסן טיפּ יידישן מענטשן, וואָס האָט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט זיך באַ־טייליקט אין די קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון יידישן פאָלק אין דער עפּאָכע פון אונדזער יידישן רענעסאַנס.

מיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט הויבט זיך אָן אין האַרבסט 1894, ווען איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער געהיימער גרופּע „יידישע סאָציאַל דעמאָקראַטן" אין ווילנע. כדי אָבער צו מאַכן קלאָרער מיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, האָב איך דאָ פאַרצייכנט אויך מיין משפחה און סביבה אין דאָרף, שטעטל און שטאָט און מיינע פאַרשיידענע איבער־לעבונגען פאַרן האַרבסט 1894.

ערשטער טייל

עלטערן און משפחה

קאַפּיטל איינס

מיין משפּחה

מיין טאַטע, ר׳ מרדכי (מאָטע), אַ דאָרפס־ייד, האָט אָפּגעשטאַמט פון דורות דאָרפסלייט, ישובניקעס, אַרענדאַטאָרס. זיין טאַטע, ר׳ שאול־יהודה, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז איינער פון זיינע עלטער־עלטער זיידעס איז געווען אַ ספרדישער וואויל לערנער, ר׳ יהודה (יודל) אַמסטערדאַמער, וועלכן אַן אַנגעזעענער אַרענדאַטאָר אין ליטע האָט אַראָפּגעבראַכט פון אַמ־סטערדאַם, האָלאַנד, אַלס אַ חתן פאַר זיין איין־און־איינציקער טאָכטער. ווען די משפּחה האָט אָנגעהויבן זיך אָנרופן מרמר (מאַרמאָר), אָדער מאַר־מער, איז מיין זיידן ניט געווען באַקאַנט.

אויך מיין מאַמע, שרה־בלומע, האָט פון איר טאַטנס צד געשטאַמט פון דאָרפסלייט. איר טאַטע, ר׳ שמואל־יצחק (שמואל־איטשע) סאַפּירשטיין, איז דער זון פון אַ פּשוטן דאָרפס־יידן — דוד אַראָנאָוויטש. נאָר פון איר מאַמעס צד האָט זי געשטאַמט פון רבנים. איר מאַמע, דבורה זייפערט סאַפּירשטיין, אַ געבאָרענע אין ווילנע, האָט אַזוי ווי איר גאַנצע ווילנער משפּחה, זיך געגרויסט מיט דער לומדות, השכלה און יחוס פון איר טאַטן, גאָטלעב זייפערט.

לויט ווי די באָבע דבורה האָט מיר דערציילט, איז איר טאַטע ביים אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט געוואָרן דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון השכלה און זיך אָפּגעזאָגט פון צו זיין אַ רב, ווי זיינע אבות זיינען געווען, צענדלינקער דורות נאָכאַנאַנד. כדי אָבער ניט צו פאַרשעמען די משפּחה, פאַרלאָזט ער זיין היים: ער באַזעצט זיך אין ווילנע, וואו ער לערנט זיך אויס אַ מלאכה (מאַכן פאַרפיומירטן זייף), און ער לעבט פון זיין אייגענער אַרבעט. ער האָט חתונה אין ווילנע מיט אַ מיידל שרה־בלומע און זיי דער־

ציען זייערע דריי קינדער, צוויי טעכטער — חנה און דבורה, און אַ זון, קלמן, אין דעם גייסט פון די ווילנער משכילים אין יענער צייט.

אַלע דריי קינדער לערנען חומש און תנ״ך, דיקדוק, אַריפמעטיק, אַ פּאָר פרעמדע שפּראַכן און אַ צאָל אַנדערע וועלטלעכע לימודים. דאָס יינגל לערנט אויך גמרא און פוסקים (פּאָסקים). שפּעטער באַזוכן זיי אַלע דריי די מעדיצינישע קורסן אין דעם ווילנער שפּיטאָל אויפן נאָמען פון „היי־ליקן יאַקאָב״, אויף סאַוויטשער גאַס. דער זון פּראַקטיצירט נאָכדעם פעלד־שעריי אין ווילנע און אין ווילקאָמיר. די טעכטער ווערן בײדע אַנערקענטע אַקושאָרינס. די יינגערע, דבורה, ווערט אויך אַ פעלדשערין און אַן אַפּ־טייקערין (די אַפּטייקעריי דערלערנט דבורה אין ספּאַרס אַפּטייק אויף ווילנער דייטשישער גאַס).

גאָטלעב זייפערט האָלט בסוד זיין גאַנץ לעבן דעם אָרט פון זיין געבורט און דעם נאָמען פון זיין משפּחה. זיין אָפיציעלן נאָמען „גאָטלעב זייפערט״ האָבן זיינע קינדער איבערגעזעצט: ר׳ „יחיאל דער זייף־מאַכער״. נאָר כאָטש ער האָט הארטנעקיק פאַרשוויגן די רבנישע פאַרגאַנגענהייט און דעם גרויסן יחוס פון זיין משפּחה, האָבן דאָך געוויסע רבנים עס אויסגעפונען און זיך געפּלייסט משדך צו זיין זיך מיט זיינע קינדער און קינדס־קינדער *).

קאַפּיטל צוויי

די ליבע צווישן שרה־בלומען און מאָטען

מיינע ביידע באָבעס, דער מאַמעס מאַמע — דבורה, און דעם טאַטנס מאַמע — לאה, האָבן מיר דערציילט, אַז מיין טאַטע־מאַמע האָבן חתונה געהאַט אויס ליבע, כאָטש זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען ווי אין אַ גערעדטן שידוך. די מעשה איז געווען אַזוי:

מיין מאַמעס טאַטע, ר׳ שמואל־איטשע סאַפּירשטיין אין מיישעגאָלע,

---

*) דער ווילקאָמירער שטאָט־מגיד, ר׳ וועלוול ראַפּאָפּאָרט, אַן איידעם פון ר׳ יחיאלס טאָכטער חנה, האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז זיין פאָטער, הרב ר׳ יצחק אהרן הכהן ראַפּאָפּאָרט פון ווילקאָמיר און ירושלים, דער מחבר פון פירוש „עין יצחק״ אין דער ווילנער אויסגאַבע פון דעם „עין יעקב״ מיט די אַנערקענטע פירושים, געדרוקט אין דער דרוקעריי פון דער „אלמנה און ברידער ראָם״, האָט געהאַלטן, אַז ר׳ יחיאלס משפּחה איז נאָך פון אַ סך אַ גרעסערן יחוס, ווי זייערע, די כהנים ראַפּאָפּאָרט, וועמעס יחוס־בריוו ער האָט פאַרפּענטלעכט אין זיין דערמאָנטן פירוש אויפן „עין יעקב.״

אַ קליין שטעטל אין מערב־זייט פון ווילנע, האָט געהאַט משפחה אין שיר־ווינט, אַ היפש שטעטל אויפן וועג צווישן מיישעגאָלע און דער שטאָט ווילקאָמיר. די דאָזיקע קרובים זיינען געווען געקניפּט און געבונדן מיט מיין טאַטנס דאָרפישער משפחה אין יענער געגנט. ווען דער מאַמעס על־טערן דערוויסן זיך פון די שירווינטער קרובים די גרויסע מעלות פון זייער יוגנטלעכן דאָרפישן קרוב מאָטע, פאַרבעטן זיי אים צו זיך צו גאַסט אויף אַ שבת. דער דאָרפישער בחור, מאָטע, מאַכט גרויס אויפזען אין מיישע־גאָלע. ער נעמט שטאַרק אויס ביי די באַלעבאַטים צוליב זיין אויסזינגען די ברכות פון דער הפטורה מיט אַ שיינער האַרציקער שטים. דעם יידן געפעלט מאָטע פאַר זיין קענטשאַפט אין די שוואַרצע פינטעלעך, און דער באַבען — פאַר זיין אַנגעלייענטקייט מיט ביכער אין יידיש. מאָטע, אַ הויכער ברייט־פּלייציקער דאָרף־יונג מיט אַ פיינעם קאָפּ שוואַרצע געקרויזטע האָר, פאַרברוינטן פּנים, טונקל־ברוינע שיינענדיקע אויגן און אַ שוואַרץ־זיידן בערדל, געווינט אויך די הערצער פון די שטעטלשע מיידלעך מיט זיין פריילעכקייט, מיט זיין זינגען און טאַנצן.

שרה־בלומע האָט זיך אין אים פאַרליבט ביים ערשטן בליק. זי איז אָבער געווען צו שעמעוודיק זיך צו פאַרטרויען פאַר עמיצן. ניט געקוקט אויף איר צוריקגעהאַלטנקייט און איר ניט באַטייליקן זיך אין די שפּילע־רייען און טענץ פון אירע חברטעס, וועלכע האָבן דעם שבת בייטאָג פאַר־בראַכט מיטן לוסטיקן גאַסט, איז דאָך אים שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָס קליינע חנעוודיקע מיידעלע מיט די לאַנגע שוואַרצע צעפּ און מיטן שניי־ווייסן פּנים אויף וועלכן עס האָבן „געבליט רויטע בלומען“...

ווען דער מאַמעס שירווינטער קרוב, טוביה־אשר, האָט געפרעגט דעם דאָרפישן בחור, ווי געפעלט אים דאָס שטעטלשע מיידל? האָט ער ניט געענטפערט. קומענדיק אָבער אַהיים, האָט מאָטע פאַרלויבט דאָס מיידל פאַר זיין מאַמען. דער באָבע לאהס ענטפער איז געווען, אַז אין אַזאַ וויכ־טיקן ענין פאַרלאָזט זי זיך ניט אויף אַ יינגלס מבינות. זי דאַרף אַליין אַלץ אויסגעפינען. דערוויייל האָבן ניט־פאַרגינער און בייזע צינגער דערציילט דער באָבע לאהן, אַז דאָס מיישעגאָלער מיידל איז ניט קיין געזונטע. דערצו באַשטייט איר גאַנצער נדן אין איר ווילנער מאַמעס יחוס. די באָבע לאה וואָרנט דאָן איר געראָטענעם זון צו פאַרגעסן דאָס שטעטלשע מיידל און טאָן אַ שידוך מיט זיינס גלייכן...

די באָבע דבורה האָט באַמערקט, אַז איר כלה־מיידל ווערט בלאַסער פון טאָג צו טאָג. זי האָט אויך געוואוסט די סיבה דערפון. זי פּרואווט פאַרבעטן צו זיך די באָבע לאהן, זיך דורכצושמועסן וועגן זייערע קינדער, נאָר יענע וויל דערפון ניט הערן. ווען די באָבע לאה זעט אָבער איין, אַז איר לוסטיקער בחור האָט פאַרלאָרן זיין פריילעכקייט, רעדט זי זיך אויס:

„אויב די ווילנער 'מיוחסת' וויל זיך מיט מיר דורכריידן, זאָל זי קומען צו אונדז אין דאָרף. נישקשה, ס'מעג איר אָנשטיין"... ווען די באָבע דבורה האָט זיך עס דערוואוסט, האָט זי דאָס אָנגענומען פאַר אַן איינלאַדונג און איז געקומען צופאָרן.

איר גאַנצן טאַלאַנט און וויסן האָט די באָבע דבורה אָנגעווענדט אײַ־בערצוריידן די פאַרעקשנטע ישובניצע. זי האָט זיך באַמיט צו איבער־צייגן זי, אַז איר טאָכטער שרה־בלומע איז געזונט ווי אַ ריב, כאָטש זי איז קליין און דין. די באָבע דבורה האָט אויך צוגעזאָגט אַ פיינעם אויס־שטייער פאַר דער כלה און באַדייטנדיקע מתנות פאַרן חתן. זי וויל ניט צוזאָגן קיין סומע געלט פאַר נדן. זי פאַרזיכערט אָבער איינצואָרדענען אַ שיינע היים פאַר דעם יונגן פאָר־פאָלק מיט נייע מעבל און אַלע נויטיקע זאַכן. אַ חוץ דעם וועט מען אים אויך באַפרייען פון דינען דעם קייסער און מען וועט אים באַזאָרגן מיט פרנסה.

ניט צוזאָגנדיק קיין זאַך, האָט אָבער די באָבע לאה איינגעוויליקט צו פאָרן זען דאָס מיידל. ווען די באָבע לאה איז צוריקגעקומען פון מיישע־גאָלע, האָט זי פאַר דער מיידל געהאַט נאָר שבחים: זי איז אַ טיכטיקע האָרעפּאַשניצע, אַ גרויסע בריה, אַ פיינע באַלעבאָסטע, אַ זעלטענע צוכט; דערצו — אַ שטילע טויב, וואָס איז גאָר אָן אַ גאַל.

יאָרן שפּעטער, ווען די באָבע לאה האָט מיר איבערגעגעבן „איר צד" וועגן דעם שידוך צווישן מיין טאַטע־מאַמען, האָט זי אויך גערעדט מיט התפעלות וועגן זייער חתונה אין מיישעגאָלע, וואָס האָט געדויערט פון מיטוואָך ביז זונטיק (כ"ב—כ"ו אלול תרל"ב; סעפּטעמבער 24—28, 1872). זי האָט אויך געדענקט קלוגע ווערטלעך, גראַמען און לידער פון אליקום בדחן (צונזער), וועמען די באָבע דבורה האָט אַראָפּגעבראַכט אויף דער חתונה פון איר עלטסטער טאָכטער.

דער מאַמעס משפּחה האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט, אַז „מאָטע שרה־בלומעס" זאָל זיך פילן היימיש אין שטעטל. זי האָט אים געמאַכט פאַר אַ מיישעגאָלער נכתב, אַ מיטגליד פון איר אָפּיציעלער געמיינדע, אים געזעצלעך באַפרייט פון מיליטער־דינסט, מיט אַ בילעט און אַ פּאַס אויף זיין אייגענעם נאָמען. דער מאַמעס „גרויסער פעטער", יאַנקל אַראַנאָוויטש, און זיינע חברים שניט־קרעמער, יונה און לייזער־חיים, האָבן געאַרבעט שווער צו מאַכן מיין טאַטן פאַר אַ סוחר פון מאַנופאַקטור, אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. אים האָט געצויגן צום דאָרף. ער האָט זיך באַזעצט מיט דער מאַמען אין פּולוואַרעק אקמינע אין שכנות פון זיינע עלטערן, אין דעם דאָרף לוצין. זיי פלעגן אָבער ביידע קומען צופאָרן אין שטעטל יעדעס מאָל, ווען די מאַמע האָט געדאַרפט געלעגן ווערן. זי האָט געוואָלט

דעמאָלט זיין אונטער דער השגחה פון איר מאַמען, די טיכטיקע אַקושאָרין, וועלכע איז אין יענע יאָרן געווען הויך אָנגעזען אין אַלע אַרומיקע פּריצישע הויפן. מיין מאַמע האָט אַלע אירע קינדער טאַקע געבאָרן אין מיישעגאָלע.

קאַפּיטל דריי

מיין געבורט

וועגן מיין געבורט האָבן קרובים מיר דערציילט אַזוי:

שרה־בלומע און מאַטע דערוואַרטן דאָס געבורט פון זייער צווייט קינד *) אַרום סוכות תרל״ז (אָקטאָבער 1876). זיי קומען דאַרום צופאָרן קיין מיישעגאָלע מיט אַ חודש פריער. דאָס איז געווען די צייט פון בלאָזן שופר, זאָגן סליחות און טאָן תשובה. דער יונגער דאָרפס־ייד פילט זיך דעמאָלט זייער גוט אין שטעטל. ער דאַוונט דאָרט פון צייט צו צייט פאַרן עמוד און רירט ביז טרערן די דאַוונער אין מיישעגאָלער בית־מדרש, מיט זיין האַרציקן זאָגן און זינגען געוויסע תפילות.

באַזונדערס גוט פילט זיך מאַטע שרה־בלומעס סוכות־צייט, אין דעם יום־טוב פון פרייד. ער פירט אָן מיט די געזאַנגען און טענץ פון דער יוגנט, און אונטערהאַלט אויך די עלטערע מיט זיין זינגען זמירות און שירים אין לשון־קודש און באַקאַנטע לידער אין יידיש.

גאָר פריילעך איז געווען שמחת־תורה ביים דאָרפיש פּאָרל אין שטוב. פון נאָכן דאַוונען אָן האָט אַ לוסטיקער עולם פאַרבראַכט אַרום געדעקטע טישן. מאַטע האָט געזונגען, געטאַנצט און דורכגעפירט פאַרשיידענע שפּילן. שרה־בלומע האָט כסדר דערלאַנגט פרישן כיבוד, און האָט גאַנץ פאַרגעסן, אַז זי איז „אויף דער צייט". פּלוצעם האָבן איר אָנגעכאַפּט די געבורטס־ווייען. מאַטע טראָגט זי אַריין אין זייער שלאָף־קאַמער, און אַ שליח לויפט ברענגען איר מאַמען, די אַקושאָרין דבורה. ווען דער זייגער שלאָגט צוויי, ווערט זיין קלינגען פאַרהילכט פון די פריילעכע קולות: „מזל־טוב! — אַ יינגל!"

די הוליאַנקע אין שטוב האַלט אָן ווייטער. אַ טייל געסט אַמפּערט זיך וועגן דער צוקונפט פון דעם ניי־געבאָרענעם קינד: צי ס'וועט זיין אַ לערנער, ווייל ס'איז אָנגעקומען צו דער שמחה מיט דער תורה, אָדער אַ טרינקער, ווייל ס'האָט זיך באַוויזן, ווען אויפן טיש איז געשטאַנען משקה?... נאָר די גליקלעכע מאַמעלע האָט געהאָפט, אַז איר זון וועט לערנען תורה...

---

*) דאָס ערשטע קינד איז געווען הענע־טאָנע — דערהרגעט דורך די נאַצים אין זייער שחיטה פון די יידן אין ווילנע.

***

מיין ערשטע איבערלעבונג וואָס איך געדענק איז אַ געשעעניש אויף אַ בערגל זאַמד.

כ׳ליג אינעם בלישטשענדיקן זאַמד, איבער וועלכן עס שיינט אַ הייסע זון. דער וואַרעמער גאָלדיקער זאַמד באַדעקט מיינע קני. כ׳וויל אים אַרונטערוואַרפן פון זיך. טאַנקע, מיין עלטערע שוועסטער הענע־טאַנע, אָבער, לאָזט ניט. זי באַשיט מיך מיט נייע הויפנס זאַמד. מיר דאַכט, זי וויל מיר טאָן שלעכטס. אין מיין קליין הערצל טליעט אַ גרויס פאַרדרוס אויף איר.

טאַנקע, מיין פינף־זעקס יאָריקע שוועסטער, האָט אַרויסגעהאָלפן דער מאַמען אין שטוב־אַרבעט. שפּעטער אַביסל האָט זי אויך געקאָרמעט, אָנ־געטאָן און אויסגעטאָן דאָס קליינוואַרג. אין צייט פון מיין פאַרדרוס האָב איך זיך ניט געלאָזט פון איר באַדינען.

אַ צייט שפּעטער האָב איך איינמאָל פאַרגעוואָרפן טאַנקען, אַז זי האָט מיר אַמאָל געוואָלט טאָן שלעכטס. זי האָט געענטפערט, אַז דאָס האָט זיך מיר מסתמא געחלומט. די מאַמע אָבער האָט באַמערקט, אַז די דאָזיקע אי־בערלעבונג אין מיין צווייטן און דריטן יאָר, איז פאַרגעקומען אויפן וואָר. דאָס האָלטן מיך אינעם וואַרעמען זאַמד איז געטאָן געוואָרן פון מיין טובה וועגן.

פון דעם וואָס די מאַמע האָט אונדז דערציילט, און פון דעם וואָס כ׳האָב שפּעטער געהערט פון מיינע באָבעס, איז די מעשה אַזוי געווען:

מיינע עלטערן האָבן אין יענער צייט געוואוינט אין אַ קליין דערפל, אקמינע, ניט ווייט פון די יידישע שטעטלעך פּאָדברעזע און גאַדרעוויטש. איינמאָל אין אַ קאַלטן ווינטער־פאַרנאַכט איז די מאַמע געזעסן אויפן וואַ־רעמען אויוון און זיך געשפּילט מיט איר פינף־פערטל יאָריקן בן־יחיד. מיטאַמאָל האָט אַ שטאַרקער שטורעם־ווינט אויפגעריסן אַ פענצטער קעגן אויוון. די מאַמע האָט אויפגעשוידערט און דאָס קינד איז איר אַראָפּגעפאַלן פון שויס. דער טאַטע איז ניט געווען אין דער היים. נאָר מיין פלינק שוועס־טערל, טאַנקע, איז געשווינד אַרויסגעלאָפן אין גאַס און געריפן נאָך הילף. באַלד זיינען זיך צונויפגעקומען דאָרפישע מענטשן. זיי האָבן געמאַכט ליכ־טיק אין שטוב, אָפּגעמינטערט די מאַמע און אויפגעהויבן פון דער ערד איר קינד — אַ האַלב טויטס. ס׳האָט אים געהאַט אָפּגענומען דאָס לשון און די פיס. די זנאַכערינס, וועלכע האָבן זיך אַרום אים געפּאָרעט אַ היפּ־שע צייט, האָבן אים דערקלערט פאַר טויב־שטום און פּאַראַליזירט.

אַ שליח איז געשיקט געוואָרן קיין מיישעגאָלע צו ברענגען דער מאַ־מעס געלערנטע מוטער.

די באָבע דבורה, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן מע־דיצין און אַליין מאַכן רעצעפּטן, איז געקומען מיט אירע אינסטרומענטן און רפואות. די באָבע האָט איר אייניקל געבאָדן אין ספּעציעלע וואַסער־לעך און געריבן מיט זאַלבן. זי האָט אויך איבערגעלאָזן דער טאָכטער אַ „גאַנצע אַפּטייק": פּראָשקעס, פלעשלעך און סלויעלעך מיט מעדיצינען. דאָס קינד האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן הערן וואָס מ'רעדט צו אים. ס'האָט אויך אַרויסגעלאָזן קלאַנגען און געשטאַמלט האַלבע ווערטער. זיינע פיסלעך האָט ער אָבער ניט געקאָנט מער באַוועגן.

אין פרילינג, ווען ס'איז געוואָרן וואַרעם אין דרויסן, האָט די מאַמע אָנגעהויבן אויספּרואוון אַ „באַבסקע סגולה", וואָס אַלטע פּויערטעס האָבן איר רעקאָמענדירט: צו האַלטן דעם קינדס פיסלעך אין זון־געוואַרעמטן זאַמד. די פינף־זעקס יאָריקע טאַנקע האָט יעדן זוניקן טאָג אָוועקגעטראָגן איר אומבאַוועגלעכן ברודערל צום זאַמדיקן באַרג און זיך אָנגעשטרענגט צו האַלטן זיינע פיסלעך אונטערן אָנגעגליטן שטויב.

דער „אויסגעפּרואווטער" הייל־מיטל פון דער דאָרפישער טראַדיציע האָט ניט באַלד געהאָלפן. דער זומער איז אַוועק און מיינע פיס זיינען נאָך אַלץ געווען אָפּגענומען. דאָך האָט די מאַמע ניט פאַרלאָרן איר צוטרוי צו דער היילונגס־קראַפט פון זאַמד און זון. זי האָט זיך אויך דערוואַרט אויף דעם גוטן סוף. אינעם דריטן זומער פון מיין לעבן האָב איך ווידער אָנגע־הויבן באַוועגן מיינע פיס. אינעם האַרבסט 1879, ביים אַראָפּנעמען אונד־זערע לעצטע תבואות, גרינסן און פרוכטן בין איך שוין אַרומגעלאָפן אי־בער גאָרטן און פעלד און אפילו געקלעטערט אויף ביימער.

די מאַמע האָט געהאַלטן, אַז דאָס זוניקע זאַמד האָט געהאַט אַ גרעסערן חלק אין מיין געזונט ווערן ווי דער באָבעס מעדיצינען, מיט וועלכע מ'האָט מיינע פיס געוואַשן און געזאַלבט.

מיינע דאָרפישע דעראינערונגען פריער פאַר מיין פערטן יאָר, זיינען אַ געמיש פון חלום און וואָר.

צו דער וועלט פון חלום געהערן, נאַטירלעך, מיינע שמועסן מיט בהמות און עופות, און אַלע אַנדערע באַשעפענישן, וועלכע מ'רופט אָן שטומע; מיט גראָזן, ביימער און בלומען; מיט ווינט און רעגן און אפילו מיט קלעצער און שטיינער, וואָס מ'האַלט פאַר שווייגענדיקע. פאַרנאַכט, זיצנדיק אויפן היכן וואָגן היי, וואָס מ'האָט געפירט פון לאָנקע אין „גומנע", האָב איך געהערט דאָס געזאַנג פון דער פאַרגייענדיקער זון און דאָס פייפל־שפּילן פונעם „וואָלקן־פאַסטעך", טרייבנדיק די „וואָלקן־שאָף"; ביינאַכט, ליגנדיק אויף דער קושעטקע, אָדער אויפן שלאָפבאַנק, האָב איך געהערט זינגען די לבנה און די שטערן.

צו מיינע איבערלעבונגען אויפן וואָר געהערט וואַרשיינלעך מיין דער־אינערונג פון אַ פאַרנאַכט ווען צו אונדז אויפן געהעפט זיינען אָנגעקומען

הויכע מענער, יונגע און אַלטע. אַ טייל מיט קיילעכדיקע בערד און אַ טייל מיט לאַנגע פאַרדרייטע וואָנצעס. זיי האָבן געטראָגן ביקסן אויף די רוקנס און האָרנס, מעסערס און גרינע טאָרבעס מיט פאַרבלוטיקטע חיות און עופות ביי די זייטן. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין הויכע שטיוול און אין גרינע זשאַקעטן מיט זילבערנע קנעפּ, די גרויס ווי טויבן־אייעלעך. הינ־טער די מענער זיינען געשטאַנען שיינע גרויסע הינט, צו וועלכע מיין על־טערע שוועסטער טאָנקע האָט מיך ניט צוגעלאָזט צוגיין נאָענט.

אָן אַנדער דעראינערונג, וואָס זעט אויס צו האָבן פאָרגעקומען אויפן וואָר, איז מיין באַזוך מיט טאָנקען אינעם פּריצישן הויף. געבראַכט אַהין האָט אונדז דער „פּקיד" אין אַ קאַרעט. ער האָט אונדז אַריינגעפירט צו דער „אכמאסטריגע", וועלכע האָט אונדז איבערגעגעבן צו דער „פּאָקע־יאָווע". יענע איז מיט אונדז דורכגעגאַנגען אַ סך הויכע טירן און לאַנגע שווערע פאָרהאַנגען. צולעצט האָט זי אונדז צוגעפירט צו אַ ברייטן טיפן שטול אין וועלכן ס׳איז געזעסן אַ ברייטער שׂררה, אָדער גראַף, מיט לאַנגע ווייסע וואָנצעס. ער האָט עפּעס וואָס געפרעגט און טאָנקע האָט געענט־פערט.

קאַפּיטל פיר

מיין דאָרפישער זיידע

מיין דאָרפישער זיידע ר׳ שאול־יהודה מאַרמאָר איז געווען אַן ערד־אַרבעטער. דעם גרעסטן טייל יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין גאָרטן און פעלד, פון פרימאָרגן ביז נאַכט.

גערעדט האָט דער זיידע גאָר ווייניק. ער האָט זיך גוט צוגעהערט, וואָס אַנדערע ריידן, נאָר זעלטן זיך אַריינגעמישט מיט אַ וואָרט. באַרע־דעווודיק איז ער געוואָרן נאָר, ווען ער איז געבליבן מיט מיר — זיין ערשטן מענלעכן אייניקל פון זיין זון. ער האָט קענטיק זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט מיר צו דערציילן וואָס מער וועגן יידן, כדי איך זאָל, חלילה, ניט ווערן אָפּ־געפרעמדט דורך מיין שפּילן זיך גאַנצע טעג מיט קריסטלעכע קינדער.

דער זיידע האָט זיך ניט באַנוגנט דערמיט, וואָס מיין עלטערע שוועס־טער, טאָנקע, האָט יעדן פרימאָרגן געזאָגט מיט מיר ברכה און יעדן אויפ־דערנאַכט געלייענט מיט מיר קריאת־שמע (קרישמע). ער האָט געוואָלט כ׳זאָל וויסן מער וועגן יידן און יידישקייט.

פון צייט צו צייט האָט דער הויכער זיידע מיט די ברייטע פּלייצעס, מיט די פעך־שוואַרצע פּיאות (פּייעס) און באָרד אַרום זיין מילדן פאַר־ברוינטן פּנים, מיך אַוועקגעזעצט אויף זיינע קני און מיר דערציילט יידישע מעשׂיות.

איינמאָל געדענק איך, האָט ער צו מיר גערעדט אומגעפער אַזוי:

— אונדזער משפּחה איז זייער אַ גרויסע. אַ חוץ אונדזערע קרובים אין ווילנע און ווילקאָמיר, און אין די שטעטלעך געדרעוויטש, פּאָדברעזע, מיישעגאָלע און שירווינט, האָבן מיר אויך אַ סך קרובים אין אַנדערע נאָענטע און ווייטע דערפער, שטעטלעך און שטעט. אַלע יידן געהערן צו אונדזער משפּחה. מיר האָבן אַלע די זעלבע עלטער־זיידעס און עלטער־באָבעס.

דערביי האָט דער זיידע מיר אָנגעהויבן דערציילן אַלערליי שיינע מעשיות פון יענע עלטער־זיידעס: אברהם, יצחק און יעקב, און פון די עלטער־באָבעס: שרה, רבקה, רחל און לאה, ווי אויך פון אַ היפּשער צאָל עלטער־פעטערס און עלטער־מומעס. דעם טיפסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דעם זיידנס מעשה וועגן דעם פעטער דוד.

— דער פעטער דוד — האָט דער זיידע מיר דערציילט — איז ייִנגל־וויִיז געווען אַ פּאַסטעך. ער איז געווען קליין געוואַקסן, נאָר געהאַט אַ סך מוט. האָט ער זיך געשטעלט קעגן דעם בייזן פּריץ גלית (גאָליעס), אַ גבור, אַ ריז, וואָס האָט אָנגעטאָן אַ סך צרות צו אונדזער משפּחה יידן. דער פעטער דוד איז אים בייגעקומען. ער האָט דעמאָלט אויסגעבויט פאַר דער משפּחה אַ גרויסן דאָרף — ירושלים — מיט אַ באַזונדער שטוב צום דאַוונען — אַ בית־המקדש. אונדזערע פעלדער און גערטנער זיינען געווען גראָטן, און מיר האָבן געקאָנט לעבן רואיק און פרידלעך. אַ טייל פון אונדזער משפּחה האָט אָבער ניט אויפגעפירט זיך ווי געהעריק: זיך אַרומגעקריגט און זיך געשלאָגן איינע מיט די אַנדערע. זיינען געקומען בייזע פּריצים — רוימער — און חרוב געמאַכט דעם פעטער דודס דאָרף. זיי האָבן פאַרברענט די הייזער, צעטראָטן די פעלדער און גערטנער און צעטריבן אונדזער משפּחה אין אַלע פיר זייטן פון דער ערד.

— און וואָס איז געווען דער סוף? — האָב איך געפרעגט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

— דער סוף דאַרף נאָך ערשט קומען. ס'דאַרף אין אונדזער משפּחה אויסוואַקסן פון דאָס ניי אַ גוטער ייִנגל ווי דער פעטער דוד איז געווען. אַזאַ איינער וועט זיין אַ „משיח", דאָס מיינט, ער וועט בייקומען די בייזע פּריצים און ווידער אויפבויען דעם פעטער דודס חרובן דאָרף. דעמאָלט וועלן שוין אויך מער ניט זיין קיין בייזע פּריצים אויף דער וועלט. אַלע מענטשן וועלן לעבן אין רו און פרידן.

*
**

די גוואָווערנאַנטין רעבעקאַ איז ניט געווען קיין אָנגעלייגטער גאַסט ביי אונדזערע קרובים אין דאָרף, כאָטש זי איז געווען דער באָבע לאהס אַ שוועסטער און דעם טאַטנס אַ מומע. רעבעקאַ פלעגט דעריבער ניט גערן באַזוכן מיין טאַטנס עלטערן, וואו איר עטלעכע און־ניינציק־יאָריקע

מאַמע, מײַן עלטער־באָבע דבורה לאָעווע, האָט זיך אויפגעהאַלטן.
רעבעקאַ האָט געוואוסט, אַז אירע דאָרפישע קרובים שעמען זיך מיט איר. זי איז פאַר זיי ניט געווען מער די שוועסטער און מומע רבקה, אָדער ריוועלע, נאָר די פריצטע רעבעקאַ*), וועמען זייער יידיש לעבן איז פרעמד. זי האָט דעריבער זעלטן זיי באַזוכט און זיך באַנוגנט מיט שיקן אָפטע מתנות פאַר איר אַלטער מאַמען.
קרובים דערציילן פון איר אַזאַ עפּיזאָד אין שייכות צו מײַן קינדהייט. זי באַזוכט אונדזער הויז אין דער צײַט פון מײַן פריער דערמאָנטער קראַנקהייט אויף די פּיס, אין עלטער פון דריי יאָר. זי האָט מיך געהאַלטן אויף אירע הענט און זיך וויצלענדיק געפרעגט: „וואָס וועט זיין, אויב זי וועט מיך אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער?" מײַן ענטפער איז געווען: — וועסט צעברעכן די שויבן!
זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און באַמערקט:
— ער וועט שפּעטער אויסגעפינען, אַז ס'איז געזינטער צו זאָרגן פאַר די אייגענע ביינער איידער פאַר פרעמדע שויבן...

קאַפּיטל פינף

פון דאָרף אין שטעטל

אונדזער גאַנצע הויז־געזינד איז געפאָרן פונעם דערפל אַקמינע צום שטעטל מיישעגאָלע, וואו מײַן מאַמעס עלטערן וואוינען. פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געטראָגן געשמאַקע ריחות און זיסע פויגל־געזאַנגען.
מיטאָג־צײַט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַ וואַלד פון יאָדלעס און סאָסנעס. מיר זיינען געווען זאַלבע־זעקס: טאַטע־מאַמע, טאַנקע, ראָכקע,

---

*) דאָס יידישע דאָרפס־מיידל ריוועלע איז געוואָרן די פּריצישע גוּ־ווערנאַנטין רעבעקאַ, שפּעטער מאַדאַם גאָרדאָן, אַדאַנק דעם ווילנער משכיל לעאָן לעבענזאָן, אַ זון פון דעם באַרימטן העברייאישן דיכטער, אָדם הכהן (אברהם דוב (בער) מיכאַלישקער), וועלכן פרומע לייט פלעגן אָנרופן „בער־קע מיכאַלישקער דער אפּיקורס". ה' לעבענזאָן פאַראינטערעסירט זיך אין דעם קלוג און שיין דאָרפיש יידיש קינד, ווען עס פאַרלירט אַן אָרעם. ער גיט זי אַריין אין ווילנער גימנאַזיע און שיקט זי נאָכדעם שטודירן ווייטער אין פּאַריז. זי ספּעציאַליזירט זיך דאָרט אין פּעדאַגאָגיע און רעדט פלי־סיק עטלעכע מאָדערנע אייראָפּייאישע שפּראַכן. ווען זי קומט צוריק קיין ליטע, פאַרנעמט זי שטעלעס אַלס גוּווערנאַנטין אין די הויפן פון דעם הויכן פוילישן אַדל.

גיסטעלע און איך. מיר האָבן אַלע געגעסן זיצנדיק אויפן גרינעם גראָז. נאָכ־
דעם איז די מאַמע אַוועק מיט טאַנקען טיפער אין וואַלד זוכן פּאָזימקעס
אָדער אַנדערע יאַגעדעס. דער טאַטע האָט זיך אַ ווייל געעוסקט אַרום
פערד און וואָגן. נאָכדעם האָט ער אונדז, קליינוואַרג, אַמוזירט מיט געזאַנ־
גען, שפּילערייען און קונצן. ווען די מאַמע מיט טאַנקען זיינען צוריקגע־
קומען, האָט דער טאַטע זיי ניט באַמערקט. די מאַמע האָט זיך דערגענ־
טערט שטילערהייט, צעקוועטשט עטלעכע פּאָזימקעס אָדער ברושניצעס
אויף זיין שוואַרצער זיידענער באָרד און איז אַוועקגעלאָפן מיט אַ קלינגענ־
דיקן געלעכטער. לויפנדיק אויפן גראָז איז איר אַרונטערגעפאַלן דאָס באַסטן־
טיכל פונעם קאָפּ און אויף איר פּלייצע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צוויי לאַנגע
שוואַרצע צעפּ. זי האָט זיך צוריקגעקערט, אַ כאַפּ געטאָן דאָס טיכל אין
האַנט און איז ווייטער געלאָפן. דעם הויכן פלינקן טאַטן נעמט ניט לאַנג
צו כאַפּן די לויפנדיקע קליינע מאַמעלע. ער נעמט זי „באַראַנטשיק" (אויף
דער פּלייצע), ווי ער פלעגט דאָס אָפט טאָן מיט אונדז, אירע קליינע קינ־
דער. ער לאָזט זי אַרונטער צווישן אונדזער קליינוואַרג און וואַרנט זי,
האַלב לאַכנדיק, צו האָבן מער דרך־ארץ פאַר אַ טאַטן...

אַנקומענדיק אין מיישעגאָלע, איז אונדזער פור דורכגעפאָרן די גאַנצע
לענג פונעם שטעטל און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בערגל. עמיץ האָט פאַר
אונדז געעפנט אַ נידעריקן הילצערנעם טויער. מיר זיינען אַרויפגעפאָרן
אויפן שפּיץ בערגל און זיך באַזעצט אין דער איינציקער שטוב דאָרט,
אַרומגערינגלט פון גאָרטן און פעלד.

דער טאַטע פאָרט באַלד אַוועק צו זיין אַרבעט באַוואַכן יידישע סע־
דער אין אַ ווייטן דאָרף. די מאַמע לאָזט מיך ניט אַרונטערגיין פון בערגל.
דאָרט אונטן לויפן אָפט דורך פויערשע פורן און „בריטשקעס", פּריצישע
קאַרעטן און באַלעגאָלישע בוידן. ציטערט די מאַמע, מ'זאָל מיך ניט אי־
בערפאָרן. שפּיל איך זיך צוזאַמען מיט מיין ייִנגערער שוועסטערל רחלע
אין גאָרטן אויפן בערגל.

שבת אינדערפרי קומט אַריין צו אונדז אין שטוב דער שטעטלשער
זיידע, מיין מאַמעס טאַטע, ר' שמואל־יצחק (איטשע) סאַפּירשטיין, וועמען
כ'האָב פריער ניט געקענט.

דער שטעטלשער זיידע שעמט זיך מיט מיר. ער זאָגט, אַז שטעטלשע
קינדער אין מיינע יאָרן (כ'בין שוין אַלטע געווען איבער פיר און אַ האַלב
יאָר) לערנען שוין חומש מיט רש"י, און איך ווייס נאָך אפילו ניט וואָס אַז
אַלף איז!..

⁂

מיין קליין שוועסטערל גיטעלע איז געוואָרן קראַנק. זי האָט אַ גאַנצע
נאַכט געשריען. אינדערפרי ווערט זי אַנטשוויגן. נאָכדעם קומען פרעמדע

מענטשן און נעמען זי אַוועק פון שטוב. גיטעלע שווייגט, נאָר די מאַמע און מיין עלטערע שוועסטער, טאַנקע, קלאָגן און וויינען. ווען מיין ייִנגערע שוועסטערל, רחלע, און איך פרעגן, וואו מ'האָט גיטעלען אַוועקגעטראָגן? ענטפערט אונדז טאַנקע: — צום הימל:

ווילן מיר וויסן: צי ס'איז ווייט פון אונדז צום הימל, און צי מיר וועלן קאָנען אַמאָל גיין זען גיטעלען?

נאָר קיינער ענטפערט איצט ניט. וויינען מיר זיך ביידע פאַנאַנדער:

— ניטאָ מער גיטעלע!

*
**

איינמאָל שפּילנדיק זיך מיט רחלען טיפער אין גאָרטן, טרעפן מיר אַנדערע צוויי קינדער ביי די בוימער אַרום דער קרעניצע. זיי זאָגן אונדז, אַז זייער טאַטע איז דער מיישעגאָלער „קליוטשוואָיט" (באַאַמטער) טאָמאַ־שעווסקי. מיר ווערן נאָענטע חברים, כאָטש זיי ריידן אויס אונדזערע נעמען ניט ריכטיק. אַנשטאָט קלמן־הירש — „הירשקאָ" און אַנשטאָט רחל — „ראָכקאָ". מיר שפּילן זיך צוזאַמען ניט בלויז אין גאָרטן און פעלד, נאָר אויך אין אונדזערע שטיבער.

טאָמאַשעווסקי, איז אַ הויכער מאַן מיט אַ פיינער לאַנגער שוואַרצער באָרד. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ מונדיר, און טראָגט אַ פּיסטאָלעט און אַ שווערד ביי דער זייט. זיינע גוטע אויגן און פריינטלעכע ווערטער מאַכן מיר זיך פילן היימיש ביי אים אין שטוב; כ'וואָג אפילו אָנרירן זיין שווערד.

די טאָמאַשעווסקיכע קומט פון צייט צו צייט פאַרברענגען מיט מיין מאַמען. איינמאָל קומט זי פאַרוויינט. ווען זי גייט אַוועק זאָגט די מאַמע צו טאַנקען:

— טאָמאַשעווסקי איז שוין אויס „קליוטשוואָיט". זיין אָרט פאַרנעמט אַן „אוראַדניק" (פּאָליציאַנט). ווען זיי קלייבן זיך אַרויס, בענק איך לאַנג נאָך זיי אַלעמען.

*
**

דער טאַטע האָט מיך באַזאָרגט מיט אַ סך בהמות, חיות און עופות פון קאָלירטן פאַרצעליי. אַ טייל זיינען מיט פייפלעך, איך פאַרשפּיל זיך אַ ווייל מיט זיי. כ'בענק אָבער נאָך די לעבעדיקע באַשעפענישן פון מיין „חלום און וואָר" אין אַקמינע. באַזונדערס בענק איך נאָך מיין טאַטן. עס העלפט ניט דער מאַמעס דערקלערונג: דער טאַטע איז אין דאָרף יאָדע, ווייט פון דאַנען. ענדלעך זאָגט זי מיר צו, אַז דער זיידע וועט מיך נעמען צו־גאַסט צום טאַטן. שפּעטער דערוויס איך זיך, אַז דאָס איז געווען אויף מיין טאַטנס פאַרלאַנג.

די מאַמע האָט מיך געצוואָגן, געקעמט און געפּוצט פאַר דער דאָזיקער

נסיעה. דער זיידע האָט מיך אַוועקגעזעצט אין וואָגן ביי זיין האַנט און צו־געזאָגט דער מאַמען גוט אַכטונג געבן אויף מיר. ער איז מיט מיר דורכ־געפאָרן די גאַנצע לענג פונעם שטעטל און פון דאָרף, אויפן וועג פון ווילנע צו ווילקאָמיר. זיין ערשטער אָפּשטעל איז געווען לעבן אַ קליין שטיבל אינעם דערפל מיזשוק. דאָרט האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין טאַטן, מיין עלטער־זיידן דוד אַראָנאָוויטש. מיין עלטער־באָבע, בונע, האָט מיך מכבד געווען מיט אַ גלאָז מילך און אַ קיכל. נאָכדעם זיינען מיר ווייטער געפאָרן.

ווען מיר קומען אָן קיין יאַדע, טרעפן מיר דעם טאַטן ביים טויער פון סאָד; ער שטייט דאָרט מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע, ווייל ער איז געווען דער שומר פון דעם גרויסן פּריצישן סאָד, וואָס דער זיידע און זיין ברודער, יאַנקל אַראָנאָוויטש, האָבן אָפּגעדונגען ביים יאַדער פּריץ.

דער טאַטע האָט אונדז צוגעפירט צו זיין ביידל. דאָרט האָט ער מיך מכבד געווען מיט אַ גרויסער, זאַפטיקער באַרנע (באַר). זיין כיבוד האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך האַרצווייטיק. ביי מיין ערשטן ביס פון דער באַרנע האָט איר זאַפט באַשפּריצט און פאַרפלעקט מיין אויסגעפּרעסטע ווייסע „רובאַשקע״: דער טאַטע האָט דערצו באַמערקט, אַז כ׳בין נאָך „גאָר קיין מענטש ניט״... אַזאַ און נאָך אַ שאַרפערן אויסדרוק האָב איך געקאָנט לייכט פאַרנעמען פון טאַטן (מיין עלטערער שוועסטער) און אפילו פון דער מאַמען. דעם טאַטנס שלעכטע מיינונג האָט מיר אָבער שטאַרק ווי געטאָן. באַרואיקט האָב איך זיך ערשט אויפן שפּאַציר אין סאָד, מיטן טאַטן און זיידן.

מיר זיינען פאַרביי׳געגאַנגען בעיטן מיט בלומען פון זעלטן שיינע קאָ־לירן און פאָרמען. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז דאָס זיינען „זאַגראַניטשנע״ (אויסלענדישע), און אָנגערופן יעדע בלום מיט אַן אַנדער נאָמען. ער האָט אויך געהאַט באַזונדערע נעמען פאַר אַלע פּרוכטן.

גייענדיק צווישן די עפּל־בוימער האָט דער טאַטע אָנגעהויבן דערציילן דעם זיידן געשעענישן פונעם סאָד. די שענסטע און לוסטיקסטע פון זיי איז פאַר מיר געווען די מעשה מיט די „דריי כלאָפּעס״, ווי אַזוי מיין טאַטע האָט געפאַנגען דריי באַלעגופישע זינדלעך פונעם דערבייאיקן דאָרף. ער האָט בייטאָג באַמערקט, אַז אין עטלעכע ברעטער פון צאַם זיינען אַרויסגע־נומען די טשוועקעס. ער קלאַפּט ניט אַריין קיין אַנדערע טשוועקעס, נאָר לויערט ביינאַכט אין יענעם ווינקל. ווען ער האָט געהערט און געזען דאָס אַריינקומען אין סאָד פון די דריי כלאָפּעס האָט דער טאַטע ניט געקלאַפּט טרעוואָגע, נאָר זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער דערעפענונג, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין צאַם. ער איז געשטאַנען מיט אָפענע אָרעמס און געוואַרט. ווען דער ערשטער כלאָפּ איז צוריקגעקומען מיט זיין רויב, איז ער אַריינגע־

פאַלן מיין טאַטן אין די אָרעמס. ער האָט אים צונויפגעדריקט ווי מיט צוואַנ־גען, אים פאַרבונדן די הענט אויף הינטן, אַוועקגעלייגט אויף דער אַנדערער זייט צאַם און אים געצוואונגען צו שווייגן. אַזוי האָט דער טאַטע געפאַנגען אַלע דריי פרוכט־רויבער מיט די הוילע הענט.

כ׳קוק אויף מיין טאַטן מיט שטאָלץ און טראַכט, אַז ווען ער זאָל וועלן קאָן ער איינער אַליין איינעמען אַ גאַנצן דאָרף...

טאַנקע נעמט מיך אַמאָל אַרונטער אין גאַס. זי פירט מיך פאַרביי דעם צאַם פון אונדזער גאָרטן. דאָרט ביים שטוב פון פריערדיקן קליוטשוואַיט און איצטיקן אוראַדניק שטייט די טורמע. טאַנקע זאָגט מיר, אַז דאָרט זיצן פאַרשפאַרט די, וועלכע נעמען צו פרעמדע זאַכן, אָדער שלאָגן עמיצן.

אַן אַנדער מאָל פירט זי מיך אַריין, אויף דער רעכטער זייט בערגל, אין יעשיע יאַנקל לענצנערס פאַרלאָזענעם ברויז. איך זע דאָרט קופערנע קעסלען און הילצערנע בוטלס און באַלייעס. כ׳שטעל אַ סך פראַגעס און פון אַלץ וואָס טאַנקע זאָגט מיר געדענק איך נאָר, אַז פון בריי ווערן די קי פעט. אַמאָל לאָזט זי מיך איבער זיך שפּילן מיט די קינדער ביי די ברייטע טרעפּ פון יאַנקל טשוכנעס שטוב. די קינדער לערנען מיך אויס אַ נייע שפּיל: „קויפן אין קראָם״. אָט די שטעטלשע שפּיל איז גאָר לייכט: מ׳דאַרף געדענקען, אַז אַ קוואָרט איז מער ווי אַ קוואַרטירל, אַ פונט — מער ווי אַ פערטל און אַ צענער — מער ווי אַ קאָפּיקע. די „קרעמערקע״ (מעגלעך יאַנקל טשוכנעס אייניקל, די יתומה) מעסט אַלץ מיט אַ בלעכענער שוואַוואַקס־פּושקעלע, וועגט מיט אַ שטעקל אַלס אַ „בעזמען״, אָדער מיט אַ קליינער קיילעכדיקער פּאַפּירענער שאַכטל, אַלס אַ וואָג־שאָל. איר „סחורה״ איז פון זאַמד, אונדזער „געלט״ — בלישטשענדיקע שערבלעך.

אַנטקעגן, אויף דער רעכטער זייט וועג קיין ווילנע, ביים לאַנגן הויכן צאַם פונעם פּריצס גרויסן סאַד, שטייט יאַנקל טשוכנעס קוזניע. זי מאַ־ניעט מיך צו זיך מיט איר קלאַפּעריי, מיט די פונקען פייער און הירזשענ־דיקע פערד, וואָס וואַרטן אין דרויסן צו קריגן נייע פּאַדקאָוועס אויף זייערע פיס.

איינמאָל טוט מיר טאַנקע צוליב און פירט מיך אַריבער אויף דער אַנדערער זייט וועג. כ׳געדענק לאַנג די וואונדער פון דער קוזניע: דעם גרויסן לעדערנעם בלאָז־זאַק, וואָס צעגליט די קוילן און מאַכט דעם אייזן רויט ווי פייער; די מעכטיקע קאָוואַדלע, אויף וועלכער דעם שמידס זין קלאַפּן דעם ברענענדיקן אייזן מיט גרויסע האַמערס; די שרעקלעכע גע־וואַלדן, וואָס דער אייזן מאַכט, ווען מ׳קלאַפּט אים, און זיין „פּיפּטשען״, ווען מ׳באָדט אים אין אַ קעסעלע וואַסער. כ׳בין אַנטציקט פון דער גבורה פונעם יונגן שמיד, ווי ער האַלט פעסט דעם פוס פון אַ מוראדיקן פערד, קאַלופּעט זיין פּיאַטע און קלאַפּט אויף איר אַרויף אַ פּאַדקאָווע מיט נעגל.

דעם שמידס זין ווערן מיר ליב. ווען כ׳הער נאָכדעם, אַז איינעם פון זיי האָט דערשלאָגן אַ דונער, פאַרדריקט מיר דאָס האַרץ.

***

מיין שוועסטער טאַנקע האָט אַ חברטע עטקע, דאָס עלטסטע קינד פון ירחמיאל דעם שניידער, אַ יאַדעשליוועו מיט אַ רויטער באָרד.ביידע חברטעס שפּילן זיך דעמאָלט אין „צייכנס״ און אין אַנדערע שפּילערייען. איינמאָל האָט עטקע, מיטגעבראַכט מיט זיך אירע צוויי יינגערע ברידער־לעך: יאָשקע, אַן עלטערער פון מיר און מאַירקע, אַ יינגערער.

די ערשטע צייטן שפּילן מיר זיך אַלע דריי ביי אונדז אין גאָרטן אָדער אויפן גאָהעפט. שפּעטער דערלויבט מיר די מאַמע אַרונטערצוגיין אונטן און זיך שפּילן מיט זיי לעבן זייער שטוב צו־פוסן פון אונדזער בערגל.

יאָשקע איז שוין אַ חדר־יינגל. ער ווייזט מיר דעם אלף־בית אין זיין סידור, דערציילט מיר ווי מ׳זאָגט עס אַרויס. מיר געפעלן דאָרט די גלייכע ציילן גרויסע אותיות מיטן גלייכן קלאַנג (אָ—באָ, אָ—באָ). מיין טאַטע פאַרשאַפט מיר דעמאָלט אַ גרויסן אלף־בית אויף אַ באַזונדער פּאַפּיר, און מיט אויסגעמאָלטע צאַצקעס ביי די זייטן. כ׳ווער אין דעם פאַראינטערע־סירט נאָך מער ווי אין מיינע פאַרצעלייענע, בלייענע, בלעכענע און מע־שענע שפּילזאַכן. דער טאַטע פאַרהערט מיך און איז צופרידן. נאָר ווען דער זיידע שמואל־איטשע שלאָגט פאָר מיך צו שיקן אין חדר, איז דער טאַטע קעגן. ער זאָגט, אַז ער וועט עס ערשט טאָן ווען כ׳וועל אַלט זיין זעקס יאָר.

***

מיר בלייבן ניט לאַנג אין שטעטל. מיר באַזעצן זיך ווידער אין אַ דערפל קאַצישאָק — אויפן וועג פון מיישעגאָלע קיין ווילנע.

אונדזער שטוב קומט אַריין אין אַ סאָד. ביי אונדזערע פענצטער שטיי־ען קאַרשן־בוימער. דערגרייכן מיינע ציינער אַ קאַרש דורכן אָפענעם פענצטער.

מיינע דאָרפישע חברימלעך דאָרט דערטראַכטן זיך צו אַ שפּיל אין סאָד מיט די גרויסע שווערע עפּל, וואָס הענגען נאָענט צו דער ערד. מיר גריזשן אָפּ דעם טייל, וואָס צום בוים און לאָזן איבער די דרויסנדיקע זייט פון עפּל הענגען אויפן צווייג, ווי גאָר ניט אָנגערירט. ווען דער טאַטע גע־פינט דאָס אויס, פירט ער מיך צו צום בוים און זאָגט צו מיר (אומגעפער) אַזוי:

— מ׳קאָן מוחל זיין אַ ק ל י י ן ק י נ ד, וואָס ווייס ניט, וואָס עס טוט. דו אָבער פאַרשטייסט דאָך, אַז דאָס איז אָ פ נ אַ ר ע ר י י. פון דיר האָב איך אַזוינס ניט דערוואַרט...

דעם טאַטנס שטראָף־רייד טוען מיר שטאַרק ווי. כ׳שעם זיך עטלעכע טעג די אויגן צו ווייזן פאַר די עפּל־בוימער. מיין „כאַליאַסטרע״ שפּילט זיך נאָכדעם מיט מיר אינעם דערבייאיקן וועלדל. מיר בראָדזשען אין זיין שמאָלן פלאַכן טייכל, קלעטערן אויף זיינע ביס־בוימער, יאָגן זיך נאָך די פלינקע וועווערקעס, וועלכע שפּרינגען פון צווייג צו צווייג, און פון בוים צו בוים. קנאַקן ניס און לאַכן פון אונדז. מיר כאַפּן באַבעטשקעס (זומער־פייגעלעך) און שטעלן פאַסטקעס פאַר וואָראָבעיטשיקעס און שוועל־בעלעך. כ׳קאָן זיי אָבער ניט ברענגען אַהיים. די מאַמע הייסט מיר זיי תיכף אַוועקלאָזן.

מיין גרעסטער תענוג אינעם דערפל קאַצישאָק איז דער שפּאַציר מיט מיין טאַטע־מאַמען שבת בייטאָג. מיר שפּאַצירן איבער די סטעזשקעס און מעזשעס צווישן די פעלדער קאָרן, האָבער, גערשטן, ווייץ, אַרבעס, באָב, רעטשקע און בולבעס. דער טאַטע ווייזט אָן דער מאַמען אויף יעדן מין געוויקס, וואָס עס איז געראָטן, אָדער איז ניט ווערט די זריעה און מי, וואָס מ׳האָט אין אים אַריינגעטאָן. אויפן וועג צוריק גייען מיר פאַרביי די לאַנגע בעיטן פון אונדזער גרינס־גאָרטן. די מאַמע לויבט טאָנקעס בריה־שאַפט אין פּאָליען, יעטן און באַשפּריצן זיי. דער טאַטע שמייכלט: „דו האָסט אויך צוגעלייגט אַ האַנט״...

מיט געמישטע געפילן קוק איך אויף דאָס קאָסען היי. די בלישטשענ־דיקע קאָסע מיט איר לאַנגן שטעקן, אַזוי ווי פון דער גרויס־ציינערדיקער גראַבליע, אימפּאָנירט מיך, ווען דער טאַטע וויגט זי מיט זיינע שטאַרקע הענט. ס׳איז מיר אָבער אַ שאָדן די לאָנקע מיט אירע גרינע גראָז, גאָל־דיקן רומיאַנעק און בלויע קרייטעכער. מער הנאה האָב איך ביים שניידן די תבואה מיט סערפּן. טאַטע־מאַמע, טאָנקע און שכנהשע שניטערינס הויבן אויף די געפאַלענע זאַנגען מיט געזאַנג, וויקלען זיי אַרום מיט שטרוי־ענע גאַרטלען און שטעלן זיי אויס אין רייען אויפן אָפּגעשניטענעם פעלד.

צוזאַמען מיט מיין „כאַליאַסטרע״ לויף איך אַרום אַ פריילעכער, ווען מ׳רייסט אַראָפּ פון די שטעכיקע בוימלעך די אַגרעסן און פאַרעטשקעס (וויינפּערלעך) און מ׳לייגט זיי אַריין אין געפלאָכטענע קערבעלעך. אונדזער סאָד איז פול מיט געלעכטער און געזאַנג פון די פרויען, וואָס קומען פון דאָרף אין שטעטל מיטצוהעלפן אין דער אַרבעט.

נאָך פריילעכער איז מיר, ווען דער טאַטע קלעטערט אויף די בוימער און וואַרפט אַרונטער עפּל. מיר דריי — טאָנקע, ראָכקע און איך אויפן גראָז לייגן אויס די עפּל, לויט זייערע קאָלירן, אין ציילן און רינגען, איינע אויף די אַנדערע. אַז דער טאַטע שפּרינגט אַרונטער פון אַ בוים און זאָגט: „דאָס איז שיין״ טאַנצן מיר אַרום אים גליקלעכע.

קאַפּיטל זעקס

אין זיידנס שטוב

מיין טאַטע פרעגט מיך ניט, וואו כ׳וויל זיין. ער זעצט מיך אַריין אין אַ פור און פירט מיך אַוועק פון דאָרף אין שטעטל. מיינע שוועסטער בלייבן אין דאָרף מיט דער מאַמען. אויך דער טאַטע קערט זיך אום צוריק אַהיים. מיך איינעם לאָזט ער איבער ביי מיין באָבען און זיידן אין שטעטל מיישע־גאָלע.

ער וויל אַפּנים, כ׳זאָל ווערן מער „יידיש קינד״, ווי אין דאָרף, וואו כ׳לויף אַרום גאַנצע טעג מיט מיין ניט־יידישער „כאַליאַסטרע״.

מיין זיידנס גרויסע שטוב איז פול מיט וואַזאַנעס. אַ טייל פון זיי מיט בליאונג און בלומען. זיי שטייען אין פיל־פאַרביקע גלאַזירטע ליימענע טעפּ אויף די פענצטער און אין גרינע הילצערנע צעבערס אויף דער פּאָד־לאָגע. זיי הענגען אויך אַרונטער פון די באַלקנס, אַזוי ווי הענג־לייכטער מיט אַ סך רערן.

פרויען און קינדער קומען אָפט אַריין בעטן אַ „פלאַנץ״ פאַר זייער אַ נייעם וואַזאָן־טעפּל; אַנדערע בעטן אַ שטיקל „עליאַש״ (קאַקטוס), פאַר אַ רפואה, ווייל עמיץ האָט זיך איינגעשניטן אַ פינגער.

די געטינקעוועטע ווענט זיינען פאַרקלעפּט מיט אָבישעס, אויף וועלכע ס׳זיינען אויסגעמאָלט בוימעלעך, בלימעלעך און פייגעלעך. אויף איין וואַנט הענגען אין באַגילדעטע ראַמען בילדער פון ווילנער גאון, ר׳ יצחק אלחנן, משה מאָנטעפיאָרע און גרופּעס אַלטע „שיינע יידן״ („גדולי ישראל״ און „גאוני ישראל״). אונטן אין קליינע קיילעכדיקע רעמלעך הענגען אַ פּאָר קייסאָרים און קייסערינעס מיט רויטע צורות. אין דער הויך איבער אַלע בילדער הענגט אַ גרויסער „מזרח״, אין אַ ברייטער געשניצטער בראָנזענער ראָם. אויפן „מזרח״ זיינען אויסגענייט און אויסגעהאָפט, אין ליכטיקע קאָלירן: אותיות, טויבן, אָדלערס, הירשן, לייבן, די שטאָט ירושלים מיטן בית המקדש אין מיטן.

רעכטס פון די בילדער זיינען פענצטער מיט געשטריקטע ווייסע גאָר־דינען ביי די זייטן און אונטער זיי אַ קושעטקע באַצויגן מיט שוואַרצער צעראַטע.

אויבנאָן, אַנטקעגן דעם „מזרח״ שטייט דער לאַנגער ברייטער פּאָליר־טער דעמבאָוועך טיש מיט אַ טיש־קעסטל אין מערב־זייט. אין די ווינקלען זיינען אָפּגעמאָלט בלימלעך און אין מיטן — שוואַרצע און געלע קעסט־לעך צו שפּילן אין דאַמקעס, אָדער אין שאַך.

פון אַלע זייטן טיש שטייען טונקל־רויטע הילצערנע שטולן און טאַ־

בורעטקעס (פיר־קאַנטיקע בענקלעך); זיי געפינען זיך אין שטוב אין אַ גרויסער צאָל. דאָס רוב שטולן האָבן אין רוקן אַן אויסשניט אין דער פאָר־מע פון אַ גאָמעלקע. צוויי גרעסערע שטולן (פאָטעלן) מיט ווייכע געזעסן, זיינען דעם זיידנס און דער באָבעס.

ביים עסן זיצט דער זיידע מיטן רוקן צום גאָס, און די באָבע מיטן פנים צום „מזרח״. ביי איר רעכטער האַנט זיצט די מיזינקע, מיין מאַמעס פּופּצן־יאָריקע שוועסטער לאהקע. איך זיץ אַנטקעגן זיי מיט מיין רוקן צו די בילדער. אינדערוואָכן איז דער טיש צוגעדעקט נאָר ביים עסן און נאָר אויף דעם טייל אַרום וועלכן מיר זיצן. שבת איז דער טיש באַדעקט מיט אַ ווייסן לייוענטענעם טישטעך, איבער וועלכן ס׳איז פאַרשפּרייט אַ געשטריקטס, אָדער אַ סערוועט מיט אַ „באָרדער״ און פרענז.

אויפן וועג פון טיש צו דער טיר שטייט אַ הויכער ברייטער קליידער־אַלמער מיט צוויי גרויסע טירן און אונטער זיי אַ לאַנגער שופלאַד. ווען דער זיידע איז אַ „דעפּוטאַט״, ליגן דאָרט די ביכער און פּאַפּירן פון דער „אַבשטשעסטווע״ (אָפיציעלער יידישער געמיינדע). דער שופלאַד איז דע־מאָלט פאַרחתמעט מיט טריוואַקס, אויף פעדעם, און מ׳טאָר אים ניט עפע־נען אָן דעם „סטאַראָסטע״. לעבן אַלמער הענגט דעם זיידנס סאַמעטענער טלית־זאַק מיטן טלית און תפילין. הינטערן אַלמער זעט אויס ווי אַ באַ־זונדער שטוב. אויף די צוויי ווענט דאָרט הענגען מעשענע און קופּערנע טאַצן, פאנען און בעקנס, מעדניצעס און שיסלען; קריגלעך, סקאָווערע־דעס, ריב־אייזנס, זאַיערס, לעיקעס, האַק־מעסערס, ברעטלעך פאַר זאַלצן, בראָקן, האַקן, שניידן, זיפּן, מולטערס, וואַלגער־העלצער, אַ לאָקשן־ברעט, אַ וואַלצער און וואַליק צו מאַנגלען וועש; לאָמפּן־בערשטלעך און קליי־דער־בערשט. אויף אַ פּאָליצע שטייען טעפּ און קעסלעך פון קופּער, טשו־גון און ליים; לאָמפּן און לוסטרעס פון שפּיגל־גלאָז און בלעך; לייכטער פון מעש און קופּער; אַ מעשענער שטייסל און טוקאַטש. דאָרט ליגן אויך דער גרויסער ברויט־מעסער, דער שאַרפער פלייש־מעסער, שערן, שער־לעך, פּראַפּנציערס, ניס־קנאַקערס.

אויף דער וואַנט אַנטקעגן דעם רוקן פונעם קליידער־אַלמער הענגט די גרויסע „גראַטקע״. אירע פּאָליצעס זיינען ביי די ברעגן פאַרקלעפּט מיט אויסגעשאָרענע בלומען און שפּיצן פון קאָלירטן פּאַפּיר. אויף די פּאָ־ליצעס שטייען טעלער, שיסלען און פּאַלומיסקעס. די ווייס־בלויע פּאַרצע־לייענע געשיר איז פליישיק. די גרויע צינענע איז פּאַרעווע, און די פּיל־פּאַרביקע ליימענע, גלאַזירט און באַמאָלט מיט אַלערליי צאַצקעס, איז מילכיק. פון די קאַרבן אין די פּאָליצעס הענגען אַרונטער גאָפּלען, לעפל און קאָכלעפל. די פליישיקע זיינען פון מעש, די מילכיקע — פון געשלי־פענער פּאָלירטער האָלץ, און די פּאַרעווע — פון צין (פון איינעם פון זיי

גיסט אויס אַן „אָרעם־בחור״ אַ חנוכה־דריידל פֿאַר מיר). אויף דער אונ־טערשטער פּאָליצע ליגן מעסערס: פֿליישיקע — מיט ווייסע ביינערנע הענטלעך, מילכיקע — מיט שוואַרצע הילצערנע הענטלעך, פּוטער־מעסער־לעך פֿון האַרטן געשליפֿענעם פֿאָלירטן האָלץ און טיי־לעפֿעלעך פֿון באַזיל־בערטן מעש. דאָרט שטייען אויך קוביקעס, ספּאָדקעס, טעצלעך, טיי־גלעזער, גראַפֿינעס, וויין ג[illegible], [illegible], קעלישקעס, צוקערניעס (צוקער־פּושקעס), סאָלניטשקעס (זאַלץ־מעסטלעך) און פֿעפֿער־פּושקעס.

ביים פֿענצטער צו דער גאַס שטייט אַ ווייסער הילצערנער טיש אויף וועלכן די באָבע און לאָהקע גרייטן צו אַלצדינג צום קאָכן, באַקן, אָנטאָן, א. אַז. וו. אויף אָט דעם טיש ליגט אויך אויס דער פֿאַקנטרעגער די בי־כער און ביכלעך, פֿון וועלכע די באָבע קלייבט אויס וואָס צו לייענען: די קליינע קויפֿט זי, די גרויסע נעמט זי אויף פּראָקאַט. אונטערן טיש שטייט דער פּרעס־אײַזן. ער איז אָנגעפּילט מיט קוילן און איז פֿאַרמאַכט מיט אַ דעק, וואָס האָט אַ הענטל און אַ קוימען. דאָרט, אונטערן טיש שטייט אויך אַ קליין קעסטל מיט שוואוואַקס־פּושקעס, שוך־בערשטלעך און קעסטלעך פּאָמאַדע, ווי אויך אַנדערע קלייניקייטן צום רייניקן, שייערן און פּוצן.

לינקס פֿון ווייסן טיש שטייט אַ טאַבורעטקע באַדעקט מיט אַ בליש־טשענדיקן שוואַרצן טאַץ, באַמאָלט מיט פֿיגורן; אויפֿן טאַץ שטייט אַ מע־שענער סאַמאָוואַר, לעבן אים געפֿינען זיך אַ פֿאַרצעלייענער טשאַיניק, אַ בלעכענער זאַיערל און אַ צינענע שיסעלע, אונטערן קראַן. אויף אַן אַנדער טאַבורעטקע, רעכטס פֿון טיר, שטייען אויף אַ שוואַרצן טאַץ אַ בלעכענער קרוג מיט וואַסער און אַ קופּערנע קענדל מיט צוויי אויערן. אינדערפֿרי גיסט מען אָפּ מיט איר „נעגל־וואַסער״ און פֿאַר יעדן מאָלצייט וואַשט מען זיך מיט איר צום עסן, אין אַ הילצערנעם שעפֿל צופֿוסן פֿון דער טאַבורעט־קע. דערבײַ הענגט אַרונטער, פֿון אַ הילצערנעם בייגל אויפֿן וואַנט, אַ ווײַ־סער האַנטעך, אָפּצואווישן די הענט.

לינקס פֿון דער טיר איז דער גרויסער אויוון. אויף זיין פּריפּעטשיק ביי דער דערעפֿענונג שטייען אין די ווינקלען אײַזערנע „דרייפֿוסעס״ (אויף וועלכע מ׳קאָכט, ווען אָט דער באַק־אויוון איז ניט איינגעהייצט). אין ווינקל צווישן אויוון און טיר שטייען די קאָטשערע, די לאָפּעטע, די פּאָמעלע און דער בעזים. דער אויוון האָט פֿוןביידע זייטן קאַכלעס מיט פֿאַרמאַכטע אײַזערנע טירלעך, די גרויס ווי די פֿאָרטקעס פֿון פֿענצטער. אין איינעם פֿון זיי שטעלט די באָבע אַריין, פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט, אַ ליאַק הייסע וואַסער פֿאַר טיי אויף שבת; אינדערוואָכן טריקנט זי דאָרט פּאָמע־ראַנצן־שאָלעכץ, וואָס זי באַנוצט ביים קאָכן פּלוימען און פֿרעגלען איינגע־מאַכטס.

לעבן גרויסן אויוון שטייט אַ קליין אויוועלע מיט אַ לאַנגער הויכער

„קאַכלעוואַנט״, וואָס טיילט אָפּ די שטוב פֿונעם גרויסן קאַמער, צו וועלכן מ׳גייט אַריין צווישן צוויי פֿאָרהאַנגען.

אינעם קאַמער געפֿינט זיך דער באָבעס אַלמערל מיט רפֿואות פֿאַר אירע חולאים. ער איז פֿול מיט פֿלעשלעך, סלאָיקעס און סלאָיעקלעך פֿון גלאָז און פֿאַרצעליי. איין גלעזערנער סלאָי איז אָנגעפֿילט מיט שוואַרצע פּיאַווקעס און איז פֿון אויבן פֿאַרבונדן מיט אַ ווייסן טיכל. דעם דאָזיקן סלאָי מיט לעבעדיקע נפֿשות האַלט אָפּט די באָבע אויך אויפֿן פֿענצטער. אין דעם זעלביקן אַלמערל שטייען אויך קליינע מעשענע שטויסלען, אין וועלכע די באָבע צעשטויסט, מיט קליינע טוקאַטשלעך, די זאַלצן פֿון וועל־כע זי מאַכט פּראָשקעס. דאָרט ליגן אויך, אין שיידלעך, בריטוועס, לאַנ־סעטן, שערעלעך און די פֿיר־קאַנטיקע מאַשינקע, מיט די פֿילע מעסערלעך אינעווייניק, פֿאַר „געהאַקטע״ באַנקעס. איינגעוויקלט אין ווייסע טיכער געפֿינען זיך דאָרט קיילעכדיקע צינענע קאַנעס און קאַנעלעך, ווי אויך באַנקעס פֿון פֿאַרשיידענער גרויס: גומענע זעקלעך פֿאַר אייז און הייסע וואַסער; פּעקלעך ברייטע און שמאָלע באַנדאַזשן, דינע צעראַטע, ווייסע מערלע און וואַטע. גאַר אונטן — קליינע פֿענדלעך און טעפּלעך פֿון קופּער צו קאָכן קרייטיכער און מעדיצינען.

נאָענט פֿון אָט דעם רפֿואות־אַלמערל הענגט אַ שפּיגל אין אַ ברייטער ראַם. לינקס פֿון אים אַ געפּאָלירטער יאַסינאָווער קאָמאָד און אויף אים אַ ספֿרים־אַלמער מיט צוויי גלעזערנע טירן. צוזאַמען מיט די ספֿרים געפֿי־נען זיך דאָרט אויך דער זילבערנער קידוש־בעכער, די באַזילבערטע בשׂמים־פּושקע, דאָס מעשענע חנוכּה־לעמפּל און אַ געפֿלאָכטן הבֿדלה־ליכט אין אַ סך קאָלירן. אויף אַ ברעג קאָמאָד ליגט דער באָבעס גרויסער שווערער קרבן־מנחה־סידור מיט גילדערנע אותיות, רעמלעך און בלימעלעך אויף זיינע לעדערנע טאָוולען.

אין קאַמער שטייען אויך פֿאַרבעטע בעטן מיט אַ סך קישנס און קישע־לעך אויף זיי. אונטער די בעטן געפֿינען זיך פּוס־בענקלעך, פּאַנטאָפֿל, מעס־טעס, וואַליקעס, קאַמאַשן און קאַלאָשן. ביי דער רעכטער זייט קאַמער, הינטער אַ הויכן, ברייטן „פֿאַראַוואַן״ געפֿינען זיך צונויפֿגעלייגטע היל־צערנע בעטלעך, קאָלדרעס, דעקעס און שפּאַנישע ווענטלעך, וועלכע מ׳שטעלט אַוועק ביינאַכט לעבן יעטווידן געלעגער.

די פֿענצטער פֿון קאַמער קוקן אַרויס אין אַ גאָרטן. הינטער אים זעען זיך גרינע פֿעלדער, וואָס ציען זיך ביז צום שוואַרצן זוים פֿון די ווייטע פֿעלדער. ביי איין פֿענצטער שטייט אַ קיילעכדיק אָפּגעפּאָלירט טישל פֿון יאַסען־האָלץ אויף אַ דיקן פֿיל־קאַנטיקן פֿוס, מיט דריי גרויסע לאַפּעס. דאָס דאָזיקע טישל איז תּמיד באַדעקט מיט אַ ווייסן געשטריקטן טישטעך. אינמיטן שטייט אויף אים אַ געפֿלאָכטן קערבל מיט לאהקעס שטריק־נאָד־

לעך, האַפּט־נאָדלען, מאַטקעס און קיילכלעך פּאָדעם, אין אַלערליי קאָלירן, מעשענע פינגערהוטן און הילצערנע נאָדל־טעשלעך.

דעם זיידנס שטוב האָט אויך אַ גרויסן פירהויז מיט אַן „אַנטקעגן", וואו עס וואוינט פּייווע דער שוסטער. אינעם פירהויז געפינען זיך פעסער און פעסלעך וואַסער. אַ בלעכענער קרוג מיט טייך־וואַסער פאַר טיי, עמערס און אַ „נאשטשע" (קאָראָמיסלע), זיי צו טראָגן מיט וואַסער פון ברונעם; אַ ווייסער הילצערנער אַלמער מיט עסן און געטראַנקען; אַ ברייט שטיק קלאָץ, צום צעהאַקן אויף אים האָלץ, אין שייטלעך און קינעלעך; העק, זעגן, זעגלעך און האַמערס, אַפּצוואַנגען, פיילן, דלאָטן, שרויפנציער, האַקנס, שרייפלעך, טשוועקעס און נעגל: אַ שוואַרצע רער אָדער טרויב אָנצוטאָן אויפן קוימען פונעם סאַמאָוואַר, ווען מ'שטעלט אים אויף; מולטערס, וואַנעס, באַלייעס, פּריילניקעס; בלעכענע קריגלעך מיט קעראָסין און אַנדערע זאַכן, וועמעס שמאָלע העלדזער זיינען פאַרשטאָפּט מיט קאַרקענע שפּונטן, אַרומגעוויקלט מיט טיכלעך און פאַרשנורעוועט מיט שפּאַגאַט.

דורכן פירהויז קומט מען אויך אַריין אין דער שטאַל פון דעם זיידנס רויטן פערד. ביי דער וואַנט שטייט דאָרט דעם פערדס קאָרעטע מיט אָפּגעצאַמטע ערטער פאַר היי, סעטשקע, האָבער, וואַסער און אַנדערע „געריכטן."

דער זיידע שפּרייט אָפּט אויס פאַרן פערד ריינע שטרוי אויף צו שטיין און צו ליגן; פּרייטיק, פאַרן גיין אין מרחץ, מאַכט אים דער זיידע אַ „באָד", ער וואַשט, קעמט און באַרשט אים.

אויף נעצן, אויסגעפלאָכטן פון גראָבע שטריק, ליגן אין דער הויך פּעק היי און קוליעס שטרוי וועלכע דער זיידע צעשניידט אויף זיין „וואַרשטאַט" אין סעטשקע. אונטער די נעצן שטייען אויף דער ערד אַ וואָגן, אַ שליטן, אַ קליינע בריטשקע. רעדער, אַקסן, דראָנגעט. אינעם וואָגן געפינט זיך תמיד דאָס קעסטל „מאַזשע" אויף צו שמירן די רעדער. אויף די ווענט הענגען זאָטלען, כאָמעטן, דועס, רימענס, לייצעס, צוימען, פּענטעס, גראָבע שטריק און בייטשן, צווישן זיי איינער מיט אַ געפלאָכטן הענטל.

קאַפּיטל זיבן

לאהקעס חברטעס

די באָבע מיטן זיידן פאַרן אַוועק קיין הראַדנע צו דער חתונה פון זייער איינציקן זון, מיין פעטער יאַנקל־משה. כ'בלייב איבער מיט זייער מיזינקע, מיין פופצן־יאָריקע מומע לאהקע.

מיין מומע לאהקע האָט אַ סך חברטעס. זיי זעצן זיך אויס אויף דער קושעטקע, אויף די שטולן און טאַבורעטקעס און שפּילן אין „פאַנדן". זיי

טאַנצען אויף אַלערליי טענץ. אַמאָל זינגען זיי דערביי וועגן „דייטשן מיט לאַנגע בייטשן״. אַן אַנדערש מאָל מאַרשירן זיי מיט שטעקנס אין די הענט, מיט וועלכע זיי קלאַפּן אין פּאַדלאָגע און ציילן זינגענדיק: „אָקע, באָקע, בענדזי שטאָקע, הללויה.״

דורכן פענצטער זע איך אויף דער אַנדער זייט גאַס אַ בערגל באַדעקט מיט גראָז. דאָס בערגל בעט זיך, כ׳זאָל אויף אים אַרויפלויפן און זיך אַראָפּקייקלען. לאהקע לאָזט מיך אָבער ניט אַרויס פון שטוב.

ביי טאָג שפּיל איך זיך אַליין אויף דער ריינער אויסגעשייערטער פּאָד־לאָגע, וואָס איז אין אַ רעגנדיקן טאָג באַדעקט מיט „פּאַלעווינעס״ (האָלץ שטויב). איך שפּיל זיך מיט די פּילע שפּילצייג, וואָס מיין טאַטע האָט מיט־געבראַכט פון דאָרף מיט מיר צוזאַמען. אַמאָל פירט אַריין לאהקע אַ שכנס אַ קינד זיך מיט מיר צו שפּילן. היימישער פיל איך זיך ווען זי, לאהקע, לאָזט מיך אַרויס דורך דער הינטער־טיר, פון פירהויז אינעם גאָרטן.

אין אָוונט ווערט די שטוב פול מיט לאהקעס חברטעס. זיי שטריקן פּאַטשיילעס און טישטעכער, נייען און האַפטן און דערציילן זיך מעשיות פון גיבורים, קאַרליקלעך, ריזן, רויבער, כישוף־מאַכער, פּרינצן, בת־מלכהס, רביים, רביצינס. כ׳ווער מיד האָרכנדיק. וואָר און חלום מישן זיך מיר צו־זאַמען. באַלד רינגלען מיך אַרום מיינע אַלטע גוטע פריינט: עופות, שטוב־חיות און בהמות, און מיר פאַרברענגען לוסטיק און פריילעך ווי אַמאָל אין דאָרף, אין אַקמינע און אין קאַצישאַק.

דער זיידע מיט דער באָבען קומען צוריק ניט אַליין. זיי ברענגען מיט זיך זייער זון און שנור, מיין פעטער יאַנקל־משה און מיין מומע האָדע, ביידע הויכע און דינע. ער מיט אַ שוואַרץ בערדל, זי אין אַ פּאַרוק מיט שוואַרצע לאָקן. אַ פּאָר טעג שפּעטער מאַכט די באָבע אַ שמחה לכבוד דעם יונגן פּאָרל. די גרויסע שטוב איז פול מיט קרובים און געסט. מ׳ברענגט אַריין נאָך שטולן און טאַבורעטקעס פונעם אַנטקעגן. אַנדערע זיצן אויף פוס־בענקלעך, קישעלעך און קאָלדרעס, אויף דער פּאַדלאָגע. מ׳עסט טאָרט און לעקעך, און מ׳טרינקט ווין און אַנדערע געטראַנקען. ווייבער טונקען האָניק־לעקעך, קיכלעך און „באבקע״ אין קעלישקעס משקה. מיין טאַטע זיצט אויף אַ שטול און האַלט מיך אויפן שויס. דער מומע האָדעס אַ שוועס־טערקינד, שרה, אַ ווילנער זינגערין, זינגט האַרציקע ניגונים. אָפט זינגט אויך מיין טאַטע מיט איר. פון איין ליד אירן געדענק איך ביז היינט אַ סטראָפע (מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ צושפּיל, און זי האָט עס איבער־געזונגען עטלעכע מאָל). איך געדענק דאָס אַזוי:

„ראש חודש אלול קומט שוין אָן,
ס׳פאַנגט אָן צו בלאָזן שופר;
ווען נעמט דאָס פאָרן האַרצן ניט אָן,
אפילו דעם גרעסטן כופר.״

מיין זיידע שמואל־איטשע האָט ליב צו דערציילן פון זיינע גרויסע מסחרים, וואָס ער האָט אַמאָל געפירט: ער האָט צוגעשטעלט טיטון־בלע־טער קיין מאָסקווע, געשיקט טראַנספּאָרטן פלאַקס, תבואה און פּרוכט קיין אויסלאַנד; געהאַלטן די פערד־פּאָטשט און באַוואוינט דעם צוויי־גאָרנדיקן קאַפּע־הויז — דעם איינציקן מויער אין מיישעגאָלע. ער גיט צו, אַז ער האָט געקראָגן אַ סך גוטע געלעגנהייטן, אַ דאַנק דער באָבעס הויכן אַנזען אַלס אַקושאָרין ביי די גראַפן פּלאַטער, ליכאַנאָווסקי (?) און אַנדערע שררות וועמעס נעמען איך געדענק ניט מער, ווי אויך ביים מיישעגאָלער פּריץ הוואָלט, וועמעס „פּאַניטש" (זון) און „פּאַנענקעס" (טעכטער) האָבן זי אָנגערופן „באָבע". שפּעטער הויבט אָן דעם זיידן גיין ניט גוט, באַזונדערס, ווען ער מוז זיך אַרויסקלייבן פון הוואָלטס קאַפּע־הויז, ווייל קריסטן פּראָטעסטירן, למאַי אַ ייד וואוינט פונקט אַנטקעגן קלויסטער.

אויף דער עלטער איז דער זיידע איינגעטונקט אין חובות. „וואָכערער" נעמען אַ קאָפּיקע אַ וואָך פּראָצענט פאַר יעדן רובל. אַז דער זיידע צאָלט ניט אין יעדע וואָך די פּראָצענט, רעכנט אים צו דער מלוה סוף יאָר פינף רובל פאַר יעדע צען, וואָס ער האָט אַנטליען דאָס פאַריקע יאָר. דער זיידע מוז אים דעמאָלט געבן אַ נייעם וועקסל פון פופצן רובל און צאָלן אויך פּראָצענט פאַר די פּראָצענט. סוף צווייטן יאָר קומט שוין דעם מלוה מער ווי טאָפּלט. דאָך הערט ניט אויף דער זיידע צו פירן ווייטער מסחר. ער האַנדלט מיט ווייץ און קאָרן, גערשטן און האָבער. און באַזונדער מיט זוימען.

די זוימען ווערן אויסגעשאָטן פון זעק אין אַ ווינקל פון דער גרויסער שטוב. דער זיידע און זיינע פריינט שאָפלען עס מיט גרויסע הילצערנע שאָפלס. ער נעמט אַלע ווילע „פּראָבקעס" (אין אַ קליינעם גלעזערנעם רערל) צי די זוימען זיינען שוין געוואָרן בעסער. די קופּע זוימען ליגט אין שטוב עטלעכע טעג. מיך לאָזט מען ניט צו נאָענט. כ'באַוויז דאָך איינ־מאָל אָנצוהויבן קלעטערן אויף אָט דעם „ברוינעם באַרג". כ'נעם אָבער באַלד זינקען אינעם גליטשיקן זוימען. מ'ראַטעוועט מיך אַרויס קוים אַ לעבעדיקן...

שפּעטער האַנדלט דער זיידע מיט אַרטיקע מסחרים: קעלבערנע און שעפּסענע פעלכלעך, מאַגענלעך, פּענכערס, יאַגעדעס, זשוראַווינעס, ראַבי־נעס, ברוזשניצעס. ייִנגלעך לויפן צו צום וואָגן ברוזשניצעס, זאָגט דער זיי־דע: „קינדער, עסט געזונטערהייט, נאָר לייגט ניט אין די קעשענעס". זיי קאָנען אָבער קיין סך ניט עסן, ווייל עס ווערן דערפון „איילינק" די ציינער...

פון דעם זיידנס אַלע מסחרים איז מיר ליבער דער מסחר מיט פיש. דאָס איז דערפאַר, ווייל ער נעמט מיך אַמאָל מיט, אין אַן ערב־שבת אָדער ערב־יום־טוב באַגינען צו דער בלישטשענדיקער אָזערע, וואו די פיש האַלטן זיך אויף. דער זיידע אָבער האָט אָפּט, ווי די באָבע זאָגט, „מער צער

ווי נחמה״ פון דעם דאָזיקן מסחר. ער האָט ליב אָנצואווייזן די ווייבער אויף די „עקסטרע גוטע״ פיש. ווען זיי קלייבן אויס ערגערע האָט ער דערפון עגמת־נפש. רעדט ניט מער, נאָר רעכנט אויס די פרייזן פאַר העכט, קאַרפּן, שלייענס, אָקונעס, איזגאַרקעס, שטינקעס, פלאָטקעס און אַנדערע מינים. די ווייבער דינגען זיך ניט מיטן זיידן. אַז איינע פאַרגעסט זיך און טוט דאָס, ענטפערט ער ניט. אַז ער פילט גוט צו מוט, גיט ער אָפּ די קונים אַ חשבון: באַצאָלט ביי דער אָזערע כך וכך. דערצו האָבער דעם פערד, שמירן די רעדער וכדומה. זיין אייגענע טירחה רעכנט ניט דער זיידע. ער האַלט, אַז ס׳איז איבערגענוג פאַר אים די מצוה צו באַזאָרגן יידן מיט „פרישע לע־בעדיקע פיש לכבוד שבת״ אָדער „לכבוד יום־טוב״...

***

שמחת־תורה תרמ״ג (1882) בין איך אַלט געוואָרן זעקס יאָר. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל באַלד נעמען לערנען ביי אַ רבין. מיין טאַטע פירט מיך אָבער אַוועק (אַ שטיק אין זמן) צום לערער לוריע.

דער לערער לוריע איז אַ יונגערמאַן פון מיטעלן וואוקס מיט אַ קורץ, קיילעכדיק בלאָנד בערדל. ער לערנט מיידלעך לייענען און שרייבן אַ יידיש בריוול און אַ רוסישן אַדרעס און אַביסל רעכענען. אויב די עלטערן פאַר־לאַנגען, לערנט ער די מיידלעך אויך זאָגן עברי. ער רופט זיי אָן אויך מיט זייערע פאַמיליע־נעמען. אַ טייל פון זיי „שטייען שוין אין שידוכים״. די עלטסטע מיידלעך זיינען די טעכטער פון ברוך־לייב דעם קרעמער, וואָס האָט זיך אַריינגעקליבן פון פאָדברעזע אין מיישעגאָלע. איינע פון זיי, ביילקע, איז אַ גוטהאַרציקע. זי מאַכט פאַר מיר אַ פּלאַץ לעבן זיך אויף דער קושעטקע. דאָס יינגסטע מיידל איז גנענדקע סאָלאָווייטשיק, מיט אַ קאָפּ געדיכטע שוואַרצע קרייזלעך און מיט גרויסע בלישטשענדיקע שוואַר־צע אויגן.

לוריע לערנט מיך צוזאַמענשטעלן ווערטער (דעם אלף־בית קען איך שוין. כ׳ווייס אויך די נעמען פון אַלע אותיות און נקודות). ער לערנט אויך די מיידלעך די אותיות, אָנע צו שרייען „קמץ־אלף אָ״. ער הייסט זיי אים נאָכזאָגן נאָר: אָ—באָ, אָ—באָ, און אַזוי ווייטער. ניטאָ ביי אים קיין „טשיפּלינע״ אָדער קאַנטשיק, נאָר אַ „ליניקע״ מיט וועלכער ער גיט אַמאָל די קלענערע מיידלעך איבער די הענט. אַז איך בין שלעכט, שטעלט ער מיך אַוועק אינעם ווינקל.

אין „מיידלשן חדר״ אָדער שולע, לערנט מען ניט אַזוי פיל ווי אין אַ חדר פאַר ייִנגלעך. אפילו אין די קורצע ווינטער־טעג גייען מיר אַהיים נאָך פאַר מנחה. אין אַ שיינעם טאָג לאָזט מיך לוריע אַרויס זיך שפּילן אין דרויסן. די ערשטע צייט האָב איך ניט מיט וועמען זיך צו שפּילן. טו איך נאָך

גנענדקע (שלום־ישראלס) סאַלאָווייטשיק, וועלכע איז כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי איך. זי מאַכט חלות, קיטקעס, באַבקעס, טאָרטן, באָנדעס, לעקעך און קיכלעך פון ליים און בלאָטע. ווען כ׳מאַך דערצו אַן אויוון אין זייט פון אַ גראָבן, אַריינצושטעלן די „געבעקס״, געפעלט עס איר און זי ווערט מיט מיר חבר. כ׳וואַרף אָבער אַוועק אָט די „מיידלשע שפיל״, ווען לוריע קריגט אַריין, מיט מיין טאַטנס הילף, נאָך צוויי ייִנגלעך: הירשקע לאָזער דעם קצבס און שמואלקע שרה־בונעס, אָדער אפרים־משהס. מיר שפּילן זיך אין קנעפּלעך, וואָס מיר האַקן אויס פון פּאָרצעלייענע שערבלעך.

די שפּיל איז אַזאַ: מיר מאַכן אַ גריבל נאָענט פון אַ וואַנט, אויף וועל־כער מיר וואַרפן אונדזערע אייגענע געמאַכטע קנעפּלעך. ווען זיי ליגן אַלע אויף דער ערד הויבן מיר אָן, נאָך דער רייע נאָך, זיי שנעלן צום גריבל. יעדער איינער, וואָס שנעלט אַריין אַ קנעפּל אין גריבל מעג שנעלן נאָך, כל־זמן ער שנעלט אַריין יעדן קנעפּל מיט איין (1) שנעל. ווער עס איז אַ גוטער „שנעלער״ קאָן אַזוי אַליין אַריינשנעלן כמעט אַלע קנעפּלעך אין גריבל. ווער עס שנעלט אַריין מער קנעפּלעך פון אַלעמען איז דער געווינער.

צוזאַמען מיט די אַרומיקע קינדער פון דער „יורסדיקע״ שפּילן מיר זיך אויך אין „העזעלעך״ און „פערדלעך״ אָדער אויך אין דער שווערער שפּיל: „וואָלף און גאָנער.״

מיר מאַכן מיט אַ שטעקן אַ גרויסן צירקל אויף דער ערד און מיר דריי־ען זיך אַרום אין אים. פאַראויס גייט דער „גאָנער״ און נאָך אים די „געגנד־זעלעך״. מיר האַלטן זיך פעסט איינע די אַנדערע פאַר די „קעזיקעס״ (דער הינטערשטער טייל העמדל, וואָס מען קריגט לייכט אַרויס פון מייטקעס אָן אַ „פאַרטעך״). אין דרויסן פון צירקל שטייט דער „וואָלף״ און „טשאַ־טעוועט״ אויף די געגנדזלעך, וואָס פאַלן אַרויס פון צירקל. דער „גאָנער״ גיט אָבער גוט אַכטונג און לאָזט ניט דעם „וואָלף״ כאַפּן קיינעם פון זיי.

אין אַ שטאַרקן פראָסט, אָדער אין אַ זאַווערוכע, לאָזט אונדז לוריע ניט אַרויס אין דרויסן. קלעטערן מיר אַרויף אויפן גרויסן אויוון און דער־ציילן זיך מעשיות פון גבורות. הירשקע לאָזערס דערציילט, אַז זיין טאַטע לייגט אַנידער און בינדט מיט שטריק דעם שטאַרקסטן אָקס. שמואלקע שרה־בונעס — אַז זיין ברודערל פרצקע איז געבאָרן געוואָרן מיט אַן איי־זערנעם רייף אַרום זיך און איז שטאַרק ווי אייזן. איך דערצייל, ווי מיין טאַטע האָט געפאַנגען דריי דאָרפישע גבורים אין יאָדער סאָד. כ׳גיב נאָך צו אַ גוזמא, אַז ווען מיין טאַטע זאָל וועלן, קאָן ער איינער אַליין איינעמען אַ גאַנצן דאָרף...

אַמאָל דערצייל איך פאַר מיינע צוויי חברים די מעשיות וועגן משיחן, וואָס מיין דאָרפישער זיידע, שאול־יהודה, האָט מיר אַמאָל דערציילט. דער־ביי קלער איך אויס אַ „משיח־שפּיל״, וואָס מיר שפּילן אַלע דריי אין אַ שיינעם ווינטער־טאָג.

מיר לויפן אַרום אויף דער פאַרפּראַרענער סאַזשעלקע צווישן בית־המדרש און דעם לערער לוריעס מיידלשן חדר. אַרום אונדז איז ניטאָ קיין לעבעדיקער נפש. דאָך פּאַכען מיר מיט שטעקנס קעגן די בייזע שונאים, וואָס פאַרצאַמען דעם וועג פאַר משיחן. נאָכדעם מאַכן מיר איין שטעקן פאַר אַן אייזל און נאָך צוויי — פאַר פערד, און מיר זעצן זיך אַוועק אַלע דריי רייטן אויף זיי. די צוויי רייטער אויף די פערד רייטן פאַראויס און שרייען:

— מאַכט אַ וואַרע! משיח קומט! משיח פירט יידן קיין ארץ־ישראל!

דערביי קלאַפּן מיר מיט אונדזערע פיס אויפן אייז און עס הערט זיך דער גאַנג פון די מחנות יידן, וואָס גייען הינטער משיחן, וועלכער רייט פאַראויס פון זיי אויף זיין ווייסן אייזל...

אַמאָל מאַכן מיר אויך אַ מענטש פון שניי, אָדער מיר גליטשן זיך אויף אַ פּאַס גליטשיקן אייז. אויב לוריע האָט אונדז געקריוודעט: געהאַלטן צו־לאַנג אין „ווינקל", אָדער באַשטראָפט איבערצוזאָגן אַ סך מאָל „פּיטום הקטורת", „במה מדליקין" און אַנדערע שווערע שטיקלעך עברי, רעכענען מיר זיך אָפּ מיט אים דורך דעם, וואָס ביים גליטשן זיך שרייען מיר: „לוריעטשקע, פלוריעטשקע". קיין גרעסערע נקמה דערפון פאַלט אונדז דעמאָלט קיינעם ניט איין.

אָנהויב זומער הויבט אָן לוריע לערנען מיט מיר חומש. ער פאַרלאָזט אָבער מיישעגאָלע אין מיטן זמן. אין שטעטל רעדט מען, אַז ער וויל זיך גטן מיט זיין רויזעלען, ווייל זי האָט קיין קינדער ניט. אַנדערע זאָגן, אַז לוריע איז געווען אַ פאַרשיקטער „ניהיליסט" און מען האָט אים איצט גע־הייסן פאַרן ערגעץ אַנדערשוואו.

קאַפּיטל אַכט

מיין באָבעס דאָקטאָריע

מיין באָבע דבורה איז אַ סך צייט פאַרנומען מיט היילן קראַנקע. פאַראַן טעג, ווען עס קומען אָן מער חולאים וויפל ס'קאָנען אַריינגיין אינעם זיידנס גרויסער שטוב. אַ טייל חולאים וואַרטן דעמאָלט אין פירהויז, אָדער אינ־דרויסן אויף די פורן.

פריער פון אַלעמען באַהאַנדלט די באָבע די קליינע עופהלעך, וועלכע די מאַמעס טראָגן אויף די הענט. זי „האַקט אונטער" צינגלעך מיט אַ לאַנצעט. זי קוועטשט אויס מאַנדלען און גוליעס; שטעלט פּאָקן, מאַכט איינשפּריצונגען. נאָכדעם נעמט זי אויף פרויען אַליין. די יונגע — איינציקווייז, אָדער צו־

זאַמען מיט אַ מאַמען, מיט אַן עלטערער שוועסטער. די עלטערע — צו עט־לעכע מיטאַמאָל. צולעצט קומען די מענער.

די באָבע פֿאַרשרײַבט ניט קיין רעצעפּטן. זי מאַכט זיי אַליין פֿון די מאַטעריאַלן, וואָס זי קויפֿט אַגולנע אין אַ גרויסער ווילנער אַפּטייק. אַזוי ווי אירע חולאים זײַנען דאָס רוב דאָרפֿסלײַט, קאָנען ניט לייענען און ניט שרײַבן, הייסט זיי די באָבע זיך אויסלערנען אויף אויסנווייניק, וואָס זיי דאַרפֿן טאָן מיט אירע רפֿואות און ווי אָפֿט זיי אײַנצונעמען. זי פֿאַרהערט זיי נאָכדעם, צי זיי געדענקען אַלץ.

אין איר רפֿואות־אַלמערל האַלט די באָבע פּאַרטיקע מעדיצינען פֿאַר שלעכטע אויגן, בייסונגען, אויסשיטונגען, געשווילעכץ, בויכווייטאָקן, פֿאַר־קילונגען, הוסטן, מאַזלען, סקאַרלאַטין, שאַרלאַך־פֿיבער און אַנדערע אָפּטע קראַנקהייטן. פֿאַר אַ ניט־געווייגלעכער קראַנקהייט מאַכט זי עקסטרע רפֿואות. זי מישט, וועגט, מעסט און קאָכט; פֿילט אָן פֿלעשלעך און סלאָי־איקעס, קאַפּסולס און פּראָשקעס. אויב אַזאַ חולה האָט עמיצן, וואָס קאָן ברענגען רפֿואות פֿון ווילנע, פֿאַרשרײַבט אים די באָבע אַ רעצעפּט, וועלכן זי הייסט באַשטעלן אין שפּאָרס אַפּטייק אויף דײַטשישער גאַס.

פֿאַר יענע חולאים, וואָס „ריידן זיך אײַן אַ קרענק" האָט די באָבע אַ ספּעציעלן מין רפֿואות, צו באַרואיקן זייערע נערוון. זי לאָזט זיך ניט לאַנג בעטן צו שטעלן „טרוקענע" באַנקעס. זי איז אָבער זייער אויסקלײַבעריש ביים שטעלן פּיאַווקעס אָדער „געהאַקטע" באַנקעס (מיט דער „מאַשינקע"). גאָר שווער קומט אָן אַ חולה צו פּועלן ביי איר אים צו „לאָזן בלוט" אָדער „האַקן אַן אָדער". הויכע שטאַרקע פֿויערים פֿאַלן אָפּט אויף די קני פֿאַר איר, זי זאָל זיי „ראַטעווען" דאָס לעבן דורך „אָפּצאַפּן" דאָס „שלעכטע בלוט". ווען זי שטימט ענדלעך אײַן צו מאַכן אַזאַ אָפּעראַציע, לאָזט זי עס איבער אויף צולעצט. זי פֿרעגט דאַן אויס גרינטלעך יענעם מאַן וועגן זײַן חולאת, פֿילט זײַן פּולס, מעסט זײַן היץ און האָרכט אויס זײַן האַרץ און לונגען. נאָכדעם נעמט זי צוגרייטן רפֿואות, ווי אויך מאַרליע, וואַטע און ברייטע באַנדאַזשן. זי וואַשט דעם חולהס פֿוס מיט זייף און וואַרעמע וואַסער, גאָלט אָפּ אַ טייל האָר און באַשמירט די אָפּגעגאָלטע הויט מיט רפֿואות. צולעצט שטעלט זי אַרײַן דעם דאָזיקן פֿוס אין אַ מעדניצע און הייבט אָן די אָפּעראַ־ציע מיט איר שאַרפֿן לאַנצעט. זי לאָזט מיר ניט שטיין דערביי, אויב זי באַמערקט מיך נאָר אינעם קאַמער. דאָך האָב איך עטלעכע מאָל דאָס צו־געזען מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן (די באָבע, שוין דעמאָלט אַ זקנה, האָט אַלץ געטאָן מיט אַ פֿעסטער האַנט, פֿלינק און דעליקאַט).

נאָכן פֿאַרהאַלטן דאָס בלוט און פֿאַרבאַנדאַזשירן די וואונד, גיט זי דעם חולה עפּעס קרעפּטיקס און הייסט אים זיך אויסרוען אויף דער קושעטקע אין דער גרויסער שטוב.

די באָבע דבורה רעדט ניט גערן פון איר לעבן אין ווילנע, וואו זי איז געבאָרן געוואָרן און זיך אויסגעהאָדעוועט *). גאָר אַנדערש באַנעמט זיך דער זיידע. ער דערציילט גערן אַלערליי מעשיות וועגן דער באָבעס גע־לערנטקייט און קלוגשאַפט. ער טוט עס אָבער נאָר, ווען די באָבע איז ניטאָ אין שטוב. דער זיידע רימט דעמאָלט איר טיכטיקייט אַלס פעלדשערין, „פּראָוויזערן״ (פאַרמאַציסטין) און אַקושאָרין אין ווילנע. דערביי דערציילט אויך דער זיידע צוויי מעשיות וועגן דער באָבען, וואָס האָבן שוין פּאַסירט אין שטעטל מיישעגאָלע:

1. די שטוב, וואו זיי וואוינען, אויף יורסדיקע, אַלס אַ יונג פּאָר פאָלק, ווערט שטאַרק באַוואַכט פון „כאַפּערס״ (געזונטע ברוטאַלע מענער, וועלכע זוכן צו כאַפּן דעם זיידן און אים אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט). אַזוי גיך, ווי עמיצער פון זיי עפנט די טיר, לויפט־צו די באָבע צום בעט און מאַכט גע־וואַלדן. די כאַפּערס שטעלן זיך פאָר, אַז דער זיידע באַהאַלט זיך אונטערן בעט, אָדער אונטער דער פּערענע. לויפן זיי אַלע אַריין אין שטוב און רינגלען אַרום דאָס בעט. אינעם טומל שאַרט זיך דער זיידע אַרויס פון שטוב און אַנטלויפט אין דער פינצטערער נאַכט. אַדאַנק איר אַנזען, אַלס אַקו־שאָרין אין די „הויכע פענצטער״ געלינגט איר נאָכדעם צו ענדערן דעם זיידנס נאָמען פון „אַראָנאָוויטש״ אויף „סאַפּירשטיין״ און אים אײַנגאַנצן באַפרייען פון מיליטער־דינסט. יאָרן שפּעטער גיט די באָבע זיינעם אַ יינגערן ברודער, משה, איר אייגענעם פאַמיליע־נאָמען, זייפערט, כדי אים צו פאַרהיטן פון צו גיין אין דער טערקיש־רוסישער מלחמה, וואו איין ברו־דער זייערער, זעליג אַראָנאָוויטש, איז דערהרגעט געוואָרן.

2. אין אַ שיינעם זומער־טאָג פאָרט דורך מיישעגאָלע דער ווילנער גובערנאַטאָר, אָדער גענעראַל־גובערנאַטאָר. דער עולם שרייט הוראָ און דער געהויבענער גאַסט פאַרנייגט זיך אין אַלע זייטן. פּלוצלונג דערזעט ער די באָבען. ער הייסט אָפּשטעלן זיין קאַרעטע און פרעגט, וואָס זי טוט דאָ אינעם שטעטל. זי דערקלערט אים די לאַגע און שטעלט אים פאָר איר מאַן. פרעגט ער דעם זיידן: וואָס קאָן איך טאָן פאַר דיר? איר וועל איך ניט

---

*) יאָרן שפּעטער האָבן דער באָבעס קרובים אין ווילנע מיר געזאָגט, אַז זי וויל ניט ריידן פון איר פאַרגאַנגענהייט אין ווילנע, ווייל זי האָט דאָרט דורכגעלעבט אַ טראַגעדיע. זי איז געבליבן אַ יונגע אלמנה, וואָס דאָס איז אין יענער צייט, אין די דרייסיקער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט, געווען אַ גרויסער חסרון ביי די ווילנער פרומע יידן. ניט געקוקט אויף איר שיינ־קייט, געלערנטקייט און יחוס, קאָן זי מער ניט טאָן קיין שידוך אין שטאָט לויט איר ערך נאָך. זי מוז דעריבער זיך „אַרונטערלאָזן״ חתונה צו האָבן מיט אַ קליינשטעטלדיקן אַלט־מאָדישן בחור...

מער פרעגן. זי וויל פון מיר קיין שום מתנה ניט נעמען. זאָגט דער זיידע: ביטע, פאַרשאַף מיר די נויטיקע (אָפּיציעלע) פּאַפּירן, אַז זי האָט דאָס רעכט דאָ צו פּראַקטיצירן דאָקטאָריע און אַפּטייקעריי. דער גובערנאַטאָר זאָגט עס תיכף צו און הייסט זיין אַדיוטאַנט עס פאַרשרייבן. דערביי דערציילט ער פאַר זיין סוויטע אַזאַ מעשה: ער האָט אַמאָל געליטן פון אַ פיינלעכער וואונד, וואָס האָט ניט געלאָזט זיך אויסהיילן. איין טאָג האָט דער גרויסער דאָקטאָר פונעם שפּיטאָל אויף סאַוויטשער גאַס מיטגעבראַכט מיט זיך זיין שיינע געהילפין. זי באַהאַנדלט אים (דעם הויכן נאַטשאַלניק) ווי אַ קאַפּריזנעם קינד און נעמט אים איין מיט אירע גוטע רייד. יעדעס מאָל ווען זי בינדט איבער זיין וואונד מיט אירע דעליקאַטע פינגער, פאַרגעסט ער יעדן ווייטאָק און ווערט אַזוי אַרום פולשטענדיק אויסגעהיילט. ווען ער ווערט געזונט, באַט ער איר אַן רייכע מתנות. זי זאָגט זיך אָפּ פון אַלץ מיטן תירוץ, אַז זי איז שוין געננוג באַלוינט מיט דעם כבוד צו האָבן מיטגעהאָלפן דעם גרויסן דאָקטאָר היילן אַזאַ הויך־אָנגעזעענעם מענטשן, וועמעס לעבן איז אַזוי וויכטיק פאַר דער מדינה.

***

אַלע מיינע קרובים אין שטעטל מיישעגאָלע זיינען פון זיידנס צד. די באָבע האָט ניט קיינעם פון איר משפחה אין שטעטל. זי האָט בכלל ווייניק קרובים: איר איינציקער ברודער, קלמן, אַ פעלדשער (וועמעס לומדות און השכלה די באָבע רימט, און דערמאָנט מיר דערביי, אַז כ׳בין נאָך אים אַ נאָמען), און איר שוועסטער חנה, אַן אַקושאָרין, זיינען שוין געשטאָרבן. קלמן זייפערטס געבילדעטע טעכטער, וועלכע פּראַקטיצירן אַלס אַקושאָרינס אין סימפעראָפּאָל (קרים), לאָזן פון זיך הערן נאָר דורך בריוו. זיינע זין (צווישן זיי אויך משה זייפערט, שפּעטער אַ פּאָפּולערער ראָמאַנען־שרייבער אין אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען) זיינען מיין באָבען ווייניק אָדער גאָר ניט באַקאַנט. חנהס צוויי קינדער, אַ זון, חיים־שמעון, און אַ טאָכטער, שרה, באַזוכן די באָבע יעדעס מאָל ווען זי איז אין ווילנע; זי איז דעמאָלט אויך צוגאַסט ביי איר יוגנט־חברטע דבורהלע ראָם, די אָנפירערין פון דער וועלט־באַרימטער דרוקעריי מיטן נאָמען „די אלמנה און ברידער ראָם.״

מיין באָבע האָט ווייניק נחת פון איר פלימעניצע שרה, וועמען זי האַלט פאַר „קלוג און שטאָלץ.״

שרה איז די פרוי פון דעם ווילקאָמירער שטאָט־מגיד, ר׳ וועלוול ראַפּאָפּאָרט, וועלכער פאַרנעמט די שטעלע פון זיין טאַטן, ר׳ יצחק־אהרן, וועלכער פאָרט אַוועק אויף דער עלטער קיין ארץ־ישראל. זי וויל אָבער ניט זיין קיין רביצין. פאַרלאָזט זי אים און קערט זיך אום צוריק קיין ווילנע,

צוזאַמען מיט זייערע פיר קינדער. די צוויי ייִנגלעך גיט זי אָפּ צו באַלמע־לאָכעס, צו אַ שוסטער און אַ שניידער. די מיידלעך העלפֿן איר אין שטוב און אין איר שניט־קרעמל, אַראָפּ שלאָס־גאַס.

דאָס וואָס שרה ראַפּאָפּאָרט מאַכט אירע ייִנגלעך פֿאַר באַלמעלאָכעס, איז קיין בייז ניט, זאָגט די באָבע. שרהס זיידע, מיין באָבעס טאַטע, ר׳ יחיאל־גאָטלעב זייפערט, האָט דאָך פֿאַרביטן רבנות אויף מלאכה, נאָך מיט אַ הונדערט יאָר פֿריער, ווען אַ סך יידן האָבן געהאַלטן, אַז „אַ בעל־מלאכה איז אַ פּסול אין דער משפּחה״. די באָבע דערמאָנט דערביי, אַז איר מאַן (מיין זיידע שמואל־איטשע) איז געווען אַ פֿעלצן־נייער, ווען זי האָט מיט אים חתונה געהאַט; איר איינציקער זון (מיין פֿעטער יאַנקל־משה), נאָכ־דעם, ווען ער האָט זיך אָנגעלערנט מיט תנ״ך, גמרא און דקדוק, איז געוואָרן אַ סטאָליער; איר צווייטע טאָכטער, מיין מומע בת־שבע איז פֿאַרהייראַט צו אַ שוסטער. זי, די באָבע דבורה, האָט אָבער אַ סך „עגמת נפש״, וואָס שרהס קינדער האָדעווען זיך אָן אַ טאַטן. זי קאָן אויך ניט צוזען דעם צער פֿון ר׳ וועלוול ראַפּאָפּאָרט, דעם ווילקאָמירער שטאָט־מגיד, וואָס זיינע זין, אייניקלעך פֿון רבנים און גאונים, זיינען פּראָסטאָקעס.

ר׳ וועלוול ראַפּאָפּאָרט פֿאָרט אָפּ פֿון ווילקאָמיר קיין ווילנע (אָפּנים זען זיינע קינדער). ער שטעלט זיך אָפּ יעדעס מאָל אין מיישעגאָלע, דורך וואַנען אַלע ווילקאָמירער בוידן פֿאָרן דורך, כדי זיך צו זען מיט מיין באָבע דבורהן, וועמען ער רופֿט „מומע״. דער הויכער מאַן מיט דער לאַנגער גרויער באָרד, וואָס כ׳האָב צוערשט געהאַלטן פֿאַר אַ דראָטענע, איז זייער פֿריינטלעך צו מיר. ער גלעט מיין קאָפּ, און ווינטשט דער באָבען, אַז כ׳זאָל זיין אַ בן־תורה, ווי אירע זיידעס און עלטער־זיידעס . . .

פֿון צייט צו צייט שיקט ר׳ וועלוול דער באָבען פּאָסט־קאַרטלעך, גע־דיכט באַשריבן מיט דריבנע בוכשטאַבן. ער שיקט אויך אַריבער די לאַנגע בריוו מיט גרוסן צו איר פֿון זיין דעמאָלט באַרימטן טאַטן, ר׳ יצחק־אהרן הכהן ראַפּאָפּאָרט פֿון ארץ־ישראל.

ווען כ׳לערן זיך אויס לייענען געשריבענעם יידיש, האָב איך ליב אַריינ־צוקוקן אין די דאָזיקע בריוו. ערשטנס, אימפּאָנירט מיך זייער שרייבער, צוליב דעם, וואָס זיין פּירוש „עין יצחק״ געפֿינט זיך, צוזאַמען מיטן פּירוש פֿון רש״י, אויף די זייטן פֿון דעם „עין יעקב״, וועלכן דער עולם לערנט, מיט אַ רבין, שבת בייטאָג אין בית־מדרש. צווייטנס, פֿאַראינטערעסירן מיך שטאַרק זיינע לעבהאַפֿטע באַשרייבונגען פֿונעם לעבן־שטייגער פֿון די אוי־סערסט פֿרומע ארץ־ישראל־יידן אין ירושלים, חברון, טבריה, און צפֿת, וועלכע האָבן מיר אויסגעזען משונה־פֿרעמד און דאָך קרוביש־נאָענט.

קאַפּיטל ניין

ליבע צום עמוד

מיינע עלטערן און שוועסטער וואוינען אינעם דערפל קאַצישאַק. מיין טאַטע קומט אָבער אָפט צופאָרן מיך זען אינעם נאָענטן שטעטל מיישעגאָלע. אַמאָל פאַרברענגט ער דאָרט אַן אָוונט מיט גוטע ברידער אין שפּיל, געזאַנג און טענץ ביי פּייוועס צאַלען אין שטוב. דאָרט פלעגט ער אויך פאַרברענגען מיט מיין לערער לוריע (פּייווע צאַלע איז איינער פון די צוויי חשובע באַלעבאַטים, ביי וועלכע מיין טאַטע קריגט אַ גמילות־חסד. דער צווייטער איז ר׳ עליע דעם מגידס — דעם אַמאָל באַרימטן און באַליבטן ווילנער שטאָט־מגיד, ר׳ וועלוועלע). שבת קומט אַמאָל צוזאַמען מיטן טאַטן אויך מיין מאַמע. זיי שפּאַצירן דעם וועג, הין און צוריק, איבער סטעזשקעס און שטעגלעך צווישן די פעלדער אַרום בית־עולם.

דעם טאַטנס „שטאָט" (פּלאַץ) אין שול, אָדער בית־מדרש, איז אין מזרח־זייט פון דער בימה. ער שטייט שמונה־עשרה מיטן פּנים צום ארון־קודש. דער זיידע ווינצלט זיך, אַז דער טאַטע וויל ניט שטיין אין מזרח־וואַנט, ווייל ער וויל זיין נאָענט צום עמוד.

מיין טאַטע דאַוונט טאָקע זייער אָפט פאַרן עמוד. ווען ער שטייט מיטן טלית איבערן קאָפּ מיטן פּנים צום „שיוויתי" (די אויסגעקריצטע ווערטער אויף דעם מעשענעם טאָוול פונעם עמוד), איז ער גאָר אַן אַנדער מענטש. דער תמיד פריילעכער, לאַכנדיקער, שפּילעוודיקער, טאַנצנדיקער יונגער טאַטע מיינער, קריגט אַ וויינענדיקן קול. פאַראַן תפילות, וואָס בשעת ער זאָגט זיי ווערט אַ יללה (יעלאָלע) אויבן אין דער ווייבערשער שול, און עס ווישן זיך די אויגן אויך די מאַנסבילן אונטן.

שטייענדיק ביי זיין „שטאָט" כאַפּט דער טאַטע אַמאָל אַ שמועס מיטן חזן אָדער מיטן שמש. מיט ביידן איז ער גוטע פריינט. ער זינגט דאָרט מיט (אין דער שטיל) מיטן חזן און די משוררים. ער קוקט אין די אויגן יעדן בעל־דרשן, וואָס האַלט אַ דרשה ביים ארון־קודש. ביים לייענען די תורה האַלט דער טאַטע אָפן זיין חומש מיט די „ל"ב פּירושים" און האָרכט זיך איין צו יעדן וואָרט פון בעל־קורא, וועלכער איז מיין מאַמעס ברודער, דער פעטער יאַנקל־משה סטאָליער.

דעם טאַטנס שכנים אין בית־המדרש זיינען בערע־לייב דער שוסטער און ירחמיאל דער שניידער. בערע־לייב איז אַ לוי; ער איז אָבער אַ כעסן, ווי אַ כהן. ער ווערט גרינג אין כעס און זידלט זיך. איינמאָל האָט ער ביים לייענען געזידלט מיין טאַטן. דער טאַטע האָט אים ניט געענטפערט, און קיינער האָט ניט געוואוסט, וועמען בערע־לייב זידלט...

ביים דאַוונען שטיי איך לעבן מיין טאַטנס פיין־געשניצטן שטענדער.

כ׳טרעף זיך דאָרט מיט ירחמיאלס יינגלעך, מיינע אַמאָליקע חברים יאָשקע און מאירקע. בערע־לייב האָט אַ זון, יחיאלקע. ער איז שוין אַריבער בר־מצווה, לערנט אין ווילנע און קומט אַהיים סוף־זמן.

עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען כ׳בין שוין אַ גמרא־ייִנגל, גייט אַרויס אַ קלאַנג, אַז יחיאלקע וויל זיך שמדן. אַזוי ווי ער איז דעמאָלט גראָד בײַ זיך אין דער היים, גיי איך צו אים אַוועק אויסגעפינען דעם אמת. יחיאלקע, אַ דאַרער בחור מיט קורצזיכטיקע אויגן, נעמט מיך אויף זייער פרײַנטלעך. ער דערציילט מיר, אַז ער וויל אויסבעסערן דעם סידור. אַ פּאָר נײַע תפילות זײַנען זײַנע מיר געפעלן. ווען ער דערקלערט מיר אָבער, אַז דער הייליקער נאָמען, וועלכן כ׳לייען דעמאָלט „אַדוישעם", און בוכשטאַביר אים: „יוד העי, וואָוו העי", מיינט די ראשי־תיבות (ערשטע אותיות) פון די ווערטער „ישוע הנוצרי ומלך המשיח" (יעזוס קריסטוס), פאַרלאָז איך אים אָן אַ גוטן טאָג... מער זע איך אים קיינמאָל ניט. כ׳הער נאָר אַמאָל, אַז ער איז גע־וואָרן אַ מיסיאָנער.

***

יעדן טאָג, ווען כ׳קום פון חדר פרעגט מיך די באָבע, וואָס כ׳האָב היינט געלערנט. באַזונדערס טוט זי דאָס זינט כ׳לערן חומש. דער זיידע פרעגט מיך אויך אַמאָל עפּעס. ווען כ׳ענטפער אים גוט, איז ער צופרידן און פּטור. די באָבע אָבער שטעלט מיר אַ סך פראַגעס. זי וויל, כ׳זאָל גוט געדענקען ווער ס׳איז געווען פריער און ווער — שפּעטער. ס׳אַרט איר ניט אויב כ׳ווייס ניט געגנוי ווי אַלט איז געווען מתושלח. איך מוז אָבער וויסן אויף זיכער, אַז נח און זײַנע דריי זין שם, חם און יפת זײַנען געווען פריער, ווי אברהם, שרה און הגר מיט זייערע זין יצחק און ישמעאל; וואָס ווײַטער כ׳האַלט אין חומש, אַלץ מער פראַגעס שטעלט מיר די באָבע. זי וויל שוין אַז כ׳זאָל אויך ענטפערן ריכטיק: ווער ס׳האָט אויסגעקליבן רבקהן פאַר יצחקס כלה און ווי אַזוי? זי פאָדערט פון מיר כ׳זאָל אויך וויסן אַלע אייַנצלהייטן וועגן זייערע (רבקהס און יצחקס) זין יעקב און עשו, רבקהס פלימעניצעס, איר ברודער לבנס טעכטער, רחל, און לאה; יעקבס זין און טאָכטער, און זײַן ליבלינג יוסף. נאָכדעם מוז איך נאָך פאַרטײַטשן די נײַע ווערטער, וואָס כ׳האָב יענעם טאָג געלערנט; די באָבע ווייס אַלץ אויף אויסווייניק.

אַז די באָבע איז צופרידן פון מײַנע ענטפערס מאַכט זי מיר „עקסטרע געריכטן": געבראָטענע קאַרטאָפל אין פּוטער, געגנדזענע גריוועס, ווײַ־צענע אָדער בולבענע לאַטקעס, וכדומה. מאַכנדיק די דאָזיקע פּאַטראַוועס, זינגט זי מיר אַלטע ניגונים: „ווי קומט אַ ייד פון פּאַלטאַווע", „די קאַנ־טראַסטן", — „דער פּוסטער פראַנט" און נאָך אַזוינע לידער, פון מיכל גאָר־דאָן, אליקום בדחן (צונזער) און פון אַנדערע פאָלקס־זינגער.

כ׳לערן שוין ניט מער ביי קיין לערער, נאָר ביי אַ רבין. מיין רבי איז שלמה דער שמש, אַ שוואָגער פון מיין פריערדיקן לערער לוריע, וועמעס שוועסטער איז די רביצין.

שלמה דער שמש איז מיר גוט באַקאַנט אי פונעם בית־מדרש און אי פון מיין זיידנס שטוב. יעדן ערב־שבת קומט ער צום זיידן קלייבן וואָכער — דעם רבס שכירות. ער שמועסט מיט דער באָבען וועגן שטעטלשע ענינים, אין וועלכע ער איז גוט באַהאַוונט. ער ווייס געגוי פון אַלע גוטע און שלעכטע מעשים, וואָס ווערן דאָרט באַגאַנגען. ער דערציילט דער באָבען וועלכן „אָרעם־בחור״ עס פעלט אַ טאָג, אַ העמד אָדער אַ בגד. זיי סוד׳ען זיך אויך וועגן הילפס־באַדערפטיקטע באַלעבאַטים. אויף מאָרגן, שבת ביי־טאָג, סוד׳עט זיך וועגן דעם די באָבע מיט עטלעכע ווייבער, וועלכע די חדר־יינגלעך רופן אָן „גבאיטעס״. שלמה דער שמש פלעגט מיך אויך פרעגן, וואָס איך לערן און געבן אַ קניפּ אין בעקל.

כ׳קען אויך שלמהס טאַטן, דעם אַלטן יחיאל. ער איז אַ הויכער פעסט־געבויטער ייד, אַ האָרעפּאַשניק, מיט אַ שוואַרץ־גרויער באָרד. ער דאַוונט הויך אויפן קול און זאָגט אַרויס שאַרף יעדעס וואָרט באַזונדער. די קינדער אין שלמהס חדר רופן עס אָן: „לייגן ווערטער ווי קלעצער״. מיין רבי, שלמה דער שמש, אָבער, דאַוונט שטיל און רעדט בנעימות. ער הויבט אויף זיין קול נאָר שבת אויף דער בימה, ווען ער פאַרקויפט עליות. ער וויגט דעמאָלט זיין שוואַרץ בערדל אויף אַלע זייטן און רופט אויס לאַנגזאַם, וויפל מ׳באַט אים אָן פאַר די עליות: „צום ערשטן מאָל, צום צווייטן מאָל און צום דריטן מאָל״. ער באַרעכנט די אָנבאָטס נאָר אין גילדנס, אפילו ווען עמיצער באָט אים אָן רובלס אָדער אַ רענדל.

***

מיין רבי שלמה דער שמש באַמיט זיך שטאַרק אויסצובעסערן מיין „זאָגן עברי״. יעדעס מאָל, ווען ער לערנט מיט מיר, דערמאָנט ער, אַז דער לערער האָט איבערגעפּירט מיין עברי: מיך ניט געלערנט אונטערשיידן פון אַ חולם ביז אַ צירה, פון אַ שין ימין ביז אַ שין שמאל (סין סמאָל). ס׳פאַרדריסט מיר, וואָס חומש לערנט מיך דער רבי וויניקער, וויפל דער לערער פלעגט מיט מיר לערנען (לוריע האָט שוין מיט מיר געהאַלטן ביי די שיינע מעשיות פון יוספן מיט זיינע ברידער). מיר געפעלט אויך ניט, וואָס דער רבי, שלמה דער שמש, זעצט מיך ביים טיש מיט העשקע עלי־עטשקעס, וואָס האָט ניט קיין חשק צו לערנען. דערצו זאָגן מיר די קינדער, אַז העשקע איז אַ גנב; אַז זיין טאַטע עליעטשקע, אַ געוועזענער חזן און שוחט, איז פאַרשיקט אין סיביר פאַר מאַכן פאַלשע געלט... איך פרעג מיין באָבען צי דאָס איז אמת? זי ענטפערט מיר אומגעפער אַזוי:

— ס׳קאָן זיין, אַז מ׳האָט אויף עליען געמאַכט אַ בלבול. זיינע ברידער זיינען פיינע לייט. איינער איז אַ מלמד, אַ גרויסער למדן, און דער צווייטער — אַ קצב, אַן ערלעכער ייד.

שפּעטער, ווען כ׳לערן אין ישיבה אויפן ווילנער שול־הויף, טרעף איך העשקען אַלס אַ פירער ביי די קליינע „קעשעניקעס״ דאָרט. ווען איינער פון זיי כאַפּט אַרויס פון מיינע הענט מיין טייסטערל מיט קליינגעלט, באַווייזט זיך העשקע און הייסט יענעם עס מיר צוריקגעבן. ער זאָגט אויך אָן, אַז קיינער פון זיי זאָל ביי מיר קיין זאַך ניט גנבענען. כ׳לאַד אים איין, נאָכדעם, צו גיין מיט מיר אין באַראָדולעסעס באָד. דאָרט ביים וואַשן זיך טענה איך אַריין אין העשקען ער זאָל ווערן אַ בעל־מלאכה. ער דערציילט מיר דעמאָלט, אַז זיין מאַמע, אָדער משפּחה, האָבן אים שוין אַמאָל אָוועקגעגעבן פאַר אַ לערן־ייִנגל צו אַ מייסטער. יענער אָבער האָט אים ניט געלערנט די אַרבעט און אויך ניט געגעבן געגוג עסן, איז ער אַנטלאָפן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז העשקע פאַרשוואונדן פון שול־הויף און כ׳האָב אים מער קיין מאָל ניט געזען.

די שטעטלשע יונגע ווייבלעך, וועלכע האָבן שטאַרק געהאַלטן פון מיין לערער לוריע, האָבן פיינט זיין שוועסטער ליבע, די ווייב פון מיין רבין שלמה דעם שמש. זיי האַלטן זי פאַר אַ שטאָטישער גרויסהאַלטערקע. זיי קאָנען ניטליידן אירע שמועסן, אין רוסיש, מיטן „סמאַטריטעל״, ווען זי קומט אין פּאָטשט פרעגן אויף אַ בריוו. זיי ריידן אויף איר, אַז זי מאַכט עקסטרע וויזיטן אינעם „קאָפּע־הויז״, וואו די פּאָטשט־צימערן געפינען זיך. פאַרברענגט צופיל מיטן שרייבער פון קאַנצעלאַריע, ווי אויך מיט אַנדערע יונגע רוסישע טשינאָווניקעס. די ווייבלעך טרעטן צולעצט אַרויס מיט אַ „פּסק־דין״ אַז זי איז ניט פּאַסיק צו זיין אַ רביצין, אָדער אַ שמשטע. זיי פּאָדערן דורכאויס, אַז שלמה זאָל זי אָפּגטן. ווען שלמה דער שמש זאָגט, אַז דאָס וואָס זיי דערציילן איז רכילות, ווערן די ווייבלעך בייז אויף אים און נעמען אָפּ זייערע קינדער פון זיין חדר. זיי הויבן אויך אָן מ׳זאָל פון אים אָוועקנעמען די שמשות.

שלמהן איז דעמאָלט סיי־ווי מיאוס די שמשות. ער הערט אויף גיין קלייבן וואָכער פאַרן רב, כדי זיך ניט צו טרעפן מיט די בייזע ציגגער. ער הערט אויך אויף אַ ווייל צו פאַרקויפן עליות שבת ביים דאַווענען. צום סוף אָבער באַשליסן זיי ביידע, מיין רבי מיט דער רביצין, זיך צו גטן. זיי מאַכן אויך אָפּ, אַז ביי אים זאָלן בלייבן זייערע דריי קינדער — אַסנע, מיין שוועסטערס אַ חברטע, בענטשקע און קיווקע, מיינע חברים. ווען די אָפּגעגטע פרוי זעצט זיך נאָכדעם אויף אַ פור אָפּצופאָרן פונעם שטעטל, באַגלייטן זי יענע ווייבלעך מיט קאַצן־מוזיק. זיי מיאוקען, קוויטשען און זידלען: קלאַפּן מיט טוקאַטשעס און קאָכלעפל אין טאַצן, מעדניצעס, קענדלעך, טעפּ

און פּאַנען. מיך באַבע זאָגט, אַז זיי פּאַרזינדיקן זיך, אַז דאָס איז שפיכת דמים. זייערע קינדער וואַרפן מיר נאָכדעם פאָר, אַז מיין באַבע איז „אַ צו גרויסע צדקניות״, אַז זי איז „געקנאָטן פון זעמל־מעל מיט הייליקן בוימל״ און „ס׳איז אַ סברה, אַז זי טראָגט אַן ארבע כנפות (טלית־קטן) און לייגט תפילין...״

איבער דער וויבערשער מחלוקת אַרום דער רביצין צעפּאַלט דער חדר פון מיין רבין שלמה דער שמש. ער בלייבט אַ געוויסע צייט אָן אַ קנעלונג. כ׳קער זיך אום צוריק אין דאָרף, וואו כ׳פיל זיך זייער גוט לעבן סאָד, גרינס־גאָרטן, וועלדל און פעלדער. מיין טאַטע פירט מיך אָבער ווידער אַוועק אין שטעטל און גיט מיך אַריין אין חדר פון שמעון דעם פּאָדראַטשיק.

קאַפּיטל צען

שמעון דער פּאָדריאַטשיק

מיין נייער רבי האָט צוויי נעמען: שמעון מאַטלס און שמעון דער פּאָד־ריאַטשיק.

„פּאָדריאַטשיק״ רופט מען אָן מיין רבין דערפאַר, ווייל יעדן ערב פסח האַלט ער „פּאָדריאַד״ צו באַקן מצות.

אונדזער חדר פאַרנעמט אַ דריטל פון רבינס שטוב, אויף דעם אָרעם־געסל יורסדיקע. אין איין דריטל, גלייך ביים אַריינגאַנג פון צפון־זייט, שטייט דער גרויסער באַק־אויוון. אין אים באַקט אונדזער רביצין, הינדע, געבעקס צו פאַרקויפן. די בייגל קאָכט זי פריער אין אַ טאָפּ וואַסער; די בולקעס פלעכט זי אויס מיט די הענט; די קוכנס שניידט זי אויס מיט פורעמס; דאָס גלייכן די ווייסע און ברוינע לעקעכלעך אין אַלערליי געשטאַלטן. זי פאַר־קויפט דאָס אַלץ אויפן מאַרק, לעבן קלויסטער, צו די אָנגעפאָרענע פּויערים.

אינעם צווייטן דריטל שטוב שטייט דער לאַנגער טיש, אַרום וועלכן מיר זיצן פון צוויי זייטן. מיר זיצן אויף גלאַט־געהובלטע ברעטער, וועלכע ליגן אויף גראָבע קלעצלעך. אויבנאָן זיצט דער רבי אויף אַ בענקל. אויפן צווייטן ברעג, אַנטקעגן אים, זיצט אָדער שטייט דער אָרעם־בחור, וואָס קומט אין אָוונט פון בית־מדרש אונדז לערנען שרייבן. אַ טייל פון אונדז לערנט ער דעם אלף־בית, אַנדערע שרייבן שוין נאָך גאַנצע שורות ווערטער פון אַן „אפּאר״. די עלטערע תלמידים גיט ער „דיקטאָווקע״ פון לעאָן דאָרס בריוונשטעלער.

דער דריטער טייל שטוב איז דער „קאַמער״. דאָרט שטייען די בעטן, דאָס וויגעלע, דער קאָמאָד מיטן סאַמאָוואַר, צוקער־פּושקע און גלעזער אויף אים. דאָרט געפינען זיך אויך כלים פון דער רביצינס בעקריי: די ברויט־

דייזשע, די מולטער, די לאָקשנבררעט, אויף וועלכער די רביצין מאַכט אויך די געבעקס און דאָס לעקעך; אירע בלעכענע בעקנס, פורעמס און אַנדערע זאַכן פון דעם מין.

די פענצטער פון רבינס שטוב קומען אַרויס אין דריי זייטן: אין מזרח — אין דעם גערטנדל מיט די „טייטשישע" בעבלעך און מיט בלומען, אויף וועלכע דעם רבינס קינדער גיבן גוט אַכטונג. אין צפון — אין אָרעמען יידישן געסל יורסדיקע, וועמעס בלאָטעס ווערן ניט איינגעאַנצן אויסגעטריקנט אפילו אין די הייסע זומער־טעג. אין יורסדיקע איז אויך אַחוצן בית־מדרש ניטאָ קיין איין שיין הויז. אין דרום בלישטשעט די קיילעכדיקע סאַזשלקע, וועלכע איז צום גרעסטן טייל אַרומגערינגלט פון גערטנער, הינטער וועלכע עס זעען זיך די קאַנצעלאַריע, דער קלויסטער, דאָס צוויי־גאָרנדיקע קאַפע־הויז און אַנדערע גרויסע הייזער אויף דער ברייטער גאַס.

מיר, די קלענערע חדר־ייִנגלעך, האָבן האָלט דעם רבינס הויז־געזינט. ווען כינעלע, דעם רבינס עלטסטן זונס שבתים ווייבל ליגט אין קאַמער און קרעכצעט, האָבן מיר דערפון גרויס צער. דערנאָך, אַז זי ווערט אַ מאַמע, און מיר לייענען „קריאת־שמע" (קרישמע) ביי איר בעט, פרייען מיר זיך מיט איר קינד, וואָס זי האָלט אין אירע ווייסע לויכטנדיקע אָרעמס. מיר האָבן אויך האָלט צו הערן זינגען דעם רבינס בחור אברהמל, וועלכער איז אַ משורר ביים חזן קופער אין ווילנע (שפּעטער אין ניו־יאָרק).

נאָענט ווי אייגענע, ווי משפחה זיינען אונדז דעם רבינס קלענערע קינ־דער, מיט וועלכע מיר שפּילן זיך צוזאַמען. ווען אין דרויסן איז אַ פראָסט, איז דער רבי מסכים מיר זאָלן זיצן אין אַ ווינקל אין קאַמער און זיך שפּילן שטילערהייט. מיר זיצן דאָרט דעמאָלט צוזאַמען מיט זיינע קינדער, און זיין מיידל חנהקע, די עלטסטע פון אונדז אַלעמען, דערציילט אונדז שיינע מעשיות. אַמאָל דערציילן מיר אַליין אויך עפּעס, וואָס מיר האָבן געהערט אין דער היים.

מיט דעם רבינס קינדער אין מיינע יאָרן, ווי אויך מיט דער פון מיר עלטערער חנהקע, בלייב איך נאָענטע פריינט אויך שפּעטער, ווען מיר גע־פינען זיך אין ווילנע. כ'לערן דעמאָלט אויפן שול־הויף, זיי וואוינען ווייט אויף נאָוויגאָראַד, גיי איך שבת עטלעכע שעה, הין און צוריק, צו פוס, אַבי צו פאַרברענגען אַ ווײַלע מיט זיי.

די קינדער פון אונדזער חדר זיינען איינגעטיילט אין פאַרשיידענע כיתות (קיטעס). די ערשטע כיתה לערנט חומש. דאָרט לערן איך צוזאַמען מיט משהקע שמעון פאַלאַקס — אַ שיינער געזונטער ייִנגל. ער איז עלטער פון מיר און האָלט שוין וויטער ווי איך. ער ווייס אַ סך טייטשווערטער, נאָר וויל זיי מיר ניט זאָגן אומזיסט. באַצאָל איך אים פאַר זיי מיט אַ העלפט אָדער מער פון מיין „המוציא" ברויט, אָנגעשמירט מיט פּוטער, אָדער מיט געגענד־זענע שמאַלץ, וואָס די באָבע גיט מיר מיט אין חדר. אַמאָל גיב איך אים אויך

אַוועק מיין קיכל אָדער מיין חלק „באבקע״. ווען כ׳דעריאָג משהקען און יאָג אים אויך אַריבער, מוז איך אָנקומען נאָך נייע טייטשוועַרטער צו גיטקע עטלס פונעם „פּאָדקריז״, אַ שענק אויפן בערגל קעגן מיין ניידנס הויז.

גיטקע, אַ הויכע מיידל מיט אַ קלוגן פּנים, וועלכע איז מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מיר, וויל כ׳זאָל פאַר די ווערטער, וואָס זי פאַרטייטשט מיר, איר באַצאָלן מיט צוקערקעס, באַמבאַנקעס, און אַנדערע נאַשערייען. כ׳גיב איר אויך אַוועק די הייזער און די שיפן, די פייגל, חיות און פערד, וואָס דער קור־לאנער (אַן אָרעם־בחור) מאָלט אויס פאַר מיר אויף אַ פּאַפּיר, ווען ער קומט עסן זיין טאָג ביים זיידן. כ׳זאַמל אויך פאַר גיטקען קאָלירטע „עטיקעטס״, קליינע פּאַפּירענע קעסטלעך און אַלערליי בילדלעך.

אַזוי ווי מיין רבי איז דער גבאי פון חברה ש״ס, קומען צו אים אָן די נייע ווילנער גמרות, אויף וועלכע די חברה האָט זיך פאַרשריבן. יעדעס מאָל ווען ס׳קומען אָן נייע בויגנס (אַ נאָך ניט געבונדענע גמרא), מאַכט דער רבי אַ יום־טוב אין חדר. ער דערציילט אונדז חידושים וועגן די „הונדערטער פּירושים״, וועלכע געפינען זיך אין דעם נייעם „ווילנער ש״ס״. ער באַווייזט אונדז, ווי שיין די גמרא איז געדרוקט, מיט אַלערליי מינים שריפט און מיט פיין אויסגעמאָלטע פאָדער־בלעטער. דער רבי לויבט אויך שטאַרק די ווילנער דרוקער: די אלמנה און ברידער ראָם.

***

אַרום יענער צייט חלומט זיך מיר אַ מאָדנער חלום. ער איז אינגאַנצן אַנדערש ווי אַלע מיינע פריערדיקע חלומות. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר חלומען זיך מענטשן. פריער פלעגן מיר קומען צו חלום נאָר די, אַזוי־גערופענע, שטומע באַשעפענישן, און מיר איבערלאָזן אַ פאַרוואונדערטן. כ׳פלעג ניט פאַרשטיין פאַרוואָס די זעלביקע באַשעפענישן, וועלכע זיינען אַזוי באַריידעוודיק ביינאַכט,ריידן ניט אויס אַ וואָרט בייטאָג. כ׳פלעג אַמאָל, בייטאָג, אויך ווערן אין כעס, פאַרוואָס מיינער אַ נעכטיקער „חבר־לאָוער״ האַלט זיך היינט אַזוי פרעמד פון מיר, און פלעג אים סטראַשען, אַז כ׳וועל ביינאַכט מיט אים ניט ריידן.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אַט די אַלע באַשעפענישן, ווי אויך בוימער, בלו־מען, תבואות, גראָז, ווינט און וואַסער פלעגן אין מיינע חלומות זיך באַנעמען ווי מענטשן און ריידן אַ מענטשלעכע שפּראַך, על־פּי־רוב אין יידיש. און וועגן אַזוינע ענינים, וואָס זיינען ענלעך צו מענטשלעכע. למשל, די טויבן פון אונדזער טויבנשלאַג — פון זייער שפּייז; די הינער און הענער — אַז דער פערד פאַרגינט זיי ניט דאָס ביסל האָבער, וואָס פאַלט אַרונטער פון זיין מויל, און בריקעט זיך, ווען זיי נעמען עס פּיקן. אַלערליי פייגל, צווישן זיי אויך דער שטאָלצער בוטשאַן (בושעל), וואָס האָט זיין נעסט אויף אַ הויכן

דראַנג, און אַלערליי אַנדערע מינים באַשעפענישן, פון די אָקסן און פערד ביז די פליגן און מוראַשקעס, פלעגן בײַנאַכט אויסריידן דאָס האַרץ פאַר מיר; באַקלאָגן זיך אויף קריוודעס און באַרימען זיך מיט אויפטואונגען.

אין מיין מאָדנעם חלום אָבער איז ניט געווען קיין איינציקע שטומע באַשעפעניש. אַלע ריידנדיקע ברואים זיינען דאָרט געווען מענטשן: קינ־דער און דערוואַקסענע.

מיין מאָדנער חלום האָט אויסגעזען אַזוי:

ס׳איז שבת בייטאָג אינעם שטעטל מיישעגאָלע. דער הימל איז ריין און קלאָר. ניטאָ אויף אים קיין סימן פון אַ וואָלקן. אין גאַס איז שטיל, אַזוי ווי אַלע יידן וואָלטן נאָך געווען פאַרטיפט אין שלאָף פון שבת נאָכן קוגל. דאָ און דאָרט זעט זיך אַן איינצלנער מענטש, אַ ייד אָדער אַ יידענע וואָס לויפט מיט אַלע כוחות צו מיין רבין אין שטוב.

די שטוב פון מיין רבין שמעון דעם פּאָדראַטשיק געפינט זיך אינעם מזרח־זייט פון בית־מדרש. די מענטשן שטעלן זיך אָבער ניט אָפּ ביים בית־מדרש, נאָר לויפן ווייטער צום רבינס שטוב. פּלוצלונג געפין איך זיך אויך דאָרט. דעם רבינס שטוב איז געוואָרן אַזוי גרויס ווי דער בית־מדרש. אין חדר ביים לאַנגן טיש, וואָס איז באַדעקט מיט אַ ווייס טישטעך, זיצן יידן און עסן שלש־סעודות. כ׳זוך אויס מיט די אויגן מיין טאַטן און זיידן. זיי זיצן דאָרט און ריידן היציק מיט זייערע שכנים. כ׳פאַרשטיי ניט וואָס דאָ קומט פאָר. כ׳פרעג אָבער קיין קשיות ניט, נאָר בעט ביים טאַטן אַ „המוציא". ער זעט מיך ניט, און הערט מיך ניט. צי איך זיין אַרבל און שריי צו אים הויך אויפן קול. ער קוקט זיך אָבער ניט אום אויף מיר, נאָר הערט זיך איין צו זיין שכן, וועלכער רעדט צו אים מיט התלהבות. לויף איך אַריין אין קאַמער, וואו עס זיצן אויסגעפוצטע ווייבער ביי געגרייטע טישן, ווי אויף אַ חתונה. כ׳גיי צו צו דער מאַמען און שריי אויס מיט אַלע כוחות: „מאַמע! וואָס איז דאָ היינט?" די מאַמע ענטפערט מיר מיט ליבשאַפט:

— זיי וויסן מיין זון, באַלד קומט משיח. מיר וועלן אַלע גיין קיין ארץ־ישראל, קיין ירושלים. נאָך אַ רגע וועסטו הערן בלאָזן דעם „שופר של משיח". דער הימל וועט אַרונטערפאַלן אויף דער ערד. האָב קיין פחד ניט, מיין קינד. זאָג נאָר: „הימעלע דעק מיך צו" און לויף קיין ירושלים.

אין מיטן דערינען גיט אַ קלאַפּ אַ שטאַרקער דונער. די ווענט צו מזרח און דרום עפענען זיך פונאַנדער. אַלע גייען אַרויס פון רבינס שטוב. זיי לויפן אויף גיך קיין מזרח־זייט און שרייען: „ירושלים!"

כ׳וויל גיין צוזאַמען מיט דער מאַמען. כ׳זע זי אָבער ניט מער; לויף איך צוגלייך מיט אַלע אַנדערע קינדער. פּלוצלונג רירט עמיץ אָן מיין פּלייצע. כ׳קער אום מיין פּנים און כ׳זע שרה בונע, וועמעס יינגל, שמואלקע, האָט מיט מיר צוזאַמען געלערנט ביים לערער לוריע. שרה בונע לויפט מיט אַן

עופהלע אויפן בוזעם. זי האָלט אין האַנט אַ ליימענעם קריגל מיט מילך, וואָס זי גיט מיר איבער מיט דער בקשה, עס אַוועקצושטעלן אויף אַ לעזשאַנ־קע אין ירושלים, דאָס קינד זאָל האָבן וואַרעם מילך צו טרינקען.

אונדזער מחנה ייִנגלעך לויפט אָן אַ סדר אַלץ ווייטער אויפן וועג קיין מזרח. נאָך אַ ווײַלע און עס זעען זיך שוין גרויסע מויערן מיט הויכע טורעמס, וועלכע כ׳האָב פריער קיינמאָל ניט געזען אַ חוץ אויפן „מזרח״ אינעם ייִדנס שטיבל. מיר שרייען אַלע אויס:

— ירושלים! ירושלים!

פלוצלונג טרעטן אַרויס קעגן אונדז טערקישע יונגען אין בלוט־רויטע פעסקעס מיט שוואַרצע פרענדזן אויף זייערע קעפּ. זיי האַלטן לאַנגע שטעקנס אין די הענט און שלאָגן אונדז מיט זיי אָן רחמנות. מיר קערן זיך אָבער ניט אום צוריק, נאָר לויפן מיט אַלע כוחות פאָראויס. אַ טערקישער יונג באַ־מערקט דעם קריגל מילך אין מיין האַנט. ער גיט אים אַ קלאַפּ מיטן שטעקן. דער קריגל צעברעכט זיך אין שערבלעך. כ׳ווער דערשראָקן און שריי אויס מיט אַלע כוחות:

— גזלן! וואָס וועט טרינקען דאָס קינד?!

תיכף דערהער איך דעם מיר ליבן קול פון מיין באָבען:

— וואָס איז דיר, נשמה טייערע?!

כ׳עפן אויף די אויגן און זע: כ׳ליג אויף מיין געלעגער. די באָבע שטייט פאַרזאָרגט לעבן מיר און נעמט פאַנאַנדער מיינע הענט, וועלכע ליגן מיר אויפן האַרצן. כ׳פאַרשטיי באַלד, אַז מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום, ווי כ׳האָב געלערנט אין חומש וועגן יוספס חלומות.

כ׳האָב דערציילט מיין חלום צו מיינע חברים אין שמעון דעם פאָדריאַ־טשיקס חדר. איינער האָט געזאָגט: דאָס קאָן זיין אַן אָנזאָג אויף עפּעס און כ׳דאַרף געפינען עמיצן, וואָס קאָן דאָס פּותר־חלום־זיין. אַ צווייטער האָט עס געמאַכט צו גאָרניט. אַ דריטער האָט מיר דערפאַר געגעבן יוספס צונע־מעניש: „בעל־חלומות״. כ׳האָב עס מער ניט דערמאָנט. האָבן עס אַלע אָפּנים פאַרגעסן.

קאַפּיטל עלף

מיין עלטער־זיידע דוד

מיין עלטער־זיידע דוד איז געווען, ווי כ׳האָב געלערנט אין חומש: „אַלט און זאַט אין יאָרן״. ער געדענקט נאָך דעם פראַנצויז (די פראַנצויזיש־רוסישע מלחמה פון 1812). ער דערציילט אַמאָל מעשיות וועגן דעם צער בעלי חיים פון די הונגעריקע, פאַרפראָרענע פראַנצויזן, וועלכע פלעגן — באַרוועסע און נאַקעטע — בעטלען אַ שטיקל ברויט. ער זאָגט, אַז דער עולם

האָט דעמאָלט געגלויבט, אַז די פּראַנצויזן האָבן באַהאַלטן אוצרות גאָלד אין די וועלדער און בערג אַרום קערנעווע: אַ היסטאָרישער ליטווישער פּלאַץ אין דרום־מערב פון ווילנע. מיר האָבן דאָרט משפּחה, דאָך האָט קיי־נער פון זיי קיינמאָל דאָרט ניט געפונען קיין פּרענטל גאָלד, קיין טאָפּ מיט גילדערנע מטבעות און אפילו ניט קיין „רביעות״ (קווערטל) מיט זילבער.

דער עלטער־זיידע דוד, מיין זיידע שמואל־איטשעס טאַטע, און מיין מאַ־מעס זיידע, איז דער עלטסטער פון אונדזער משפּחה. ער איז עלטער פון מיינע עלטער־עלטער פעטערס אברהם־בער דער קצב, טוביה־אשר דער שירוועננטער און ראובן דער טעפּער, דער מיישעגאָלער „פּאַמאַטשניק״ (גע־הילף) פון קאַזיאַנעם רב אין ווילנע, וועלכער איז אונטערגעשריבן מיט יידי־שע אותיות „ראובן סילין״, אויף מיין רוסישער מעטריקע.

מיין עלטער־זיידע פלעגט אַמאָל קומען צום זיידן שמואל־איטשע און אויך צו מיינע עלטערן אויף כיבוד. איצט איז ער אַ חולה און גייט ניט אין ערגעץ. ער קומט אפילו ניט מער דאַוונען אין בית־מדרש. אויף זיין שטאָט אין מזרח־וואַנט שטייט זיין זון, מיין עלטער־פעטער, יאַנקל אַראַנאָ־וויטש. ס׳קומען דעם עלטער־זיידן געוואויר ווערן זיינע קינדער און קינדס־קינדער, צווישן זיי אויך מיין טאַטע־מאַמע.

צוזאַמען מיט מיין זיידן שמואל־איטשע בין איך עטלעכע מאָל געווען ביים עלטער־זיידן דוד אין דער היים. ער וואוינט אין אַ קליין דאָרף־שטיבל צוזאַמען מיט דער באָבע בונען. איצט, אַז ער איז קראַנק, רעדט די משפּחה פון אים כסדר. דערוויס איך זיך אַ סך פון זיין לעבן, וואָס האָט פּאַסירט נאָך איידער כ׳בין געבאָרן געוואָרן. כ׳דערוויס זיך, אַז מיין עלטער־זיידע דוד אַראָנאָוויטש איז אַלעמאָל געווען אַ האָרעפּאַשניק. ער האָט אויך אַלע זיינע זין געלערנט אַ מלאכה: נייען פּעלצן פּאַר פּויערים. קיינער פון זיינע זין איז אָבער ניט געבליבן קיין בעל־מלאכה. איין זון זיינער, זעליג אַראַנאָ־וויטש, איז אין 1877, געפאַלן אין דער רוסיש־טערקישער מלחמה.

זעליגס אלמנה, ראָכע־גאָלדע, און זייער איינציקע טאָכטער לאה, וואַנ־דערן שפּעטער אויס קיין יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע. זעליג גאָדעס, און אור־אייניקל היימאַן קאַץ, זיינען געווען סאָלדאַטן פון דער בריטישער אַרמיי אין צפון־אַפריקע. זיי זיינען דאָרט געפאַלן געוואָרן פון די דייטשן אין 1942.

פון די איבעריקע פּאָר זין פון מיין עלטער־זיידן דוד זיינען דריי געוואָרן סוחרים. דער דערפּאָלגרייכסטער פון זיי איז דער יינגסטער, פּסח, וואָס וואַנדערט אויס יונג קיין אַמעריקע.

דער דאָזיקער „וועסטערנער ביזנעסמאַן״, פּיטער, פּלאַנט איצט אינעם עלטער פון עטלעכע און אַכציק יאָר צו ווערן אַ קאָלאָניסט אין ארץ־ישראל.

די אַנדערע צוויי סוחרים זיינען מיין זיידע שמואל־איטשע, פון וועמעס מסחרים כ׳האָב שוין דערציילט פריער, און מיין עלטער־פעטער יאַנקל אַראַ־נאָוויטש.

יאַנקל אַראַנאָוויטש איז מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע זיינע ברידער. די משפּחה רופט אים אָן: דער גרויסער פעטער. ער האַנדלט ווינטער מיט שניט־סחורה (מאַנופאַקטור) און זומער מיט פרוכט. סוף זומער עפנט ער אין ווילנע אַ סקלאַד פון אימפּאָרטירטע קאָווענעס און וויינטרויבן, וועלכע ער פאַרקויפט אָגולנע און אויך לאחדים פּאָר „שהחינו". ער שטייט זיך רו־איק אויף זיין שטאָט אין דרום־ווינקל פון דער מזרח־וואַנט און מישט זיך כלל ניט אין קהלשע ענינים. ער גיט אָבער מיט דער ברייטער האַנט אויף אַלע שטעטלשע הצטרכותן. דאָס שטעטל האַלט אים, דעם גרויסן פעטער, פאַר אַ חכם און אַ וויצלינג. אַלע זיינע מסחרים פירט דער פעטער יאַנקל בשותפות מיט זיין חבר יונה, אַ הויכער ייד מיט אַ ברייטער בלאָנדער באָרד. יונה געהערט צו אַ סך חברות, איז אַ גבאי אין שול, מאַכט שמיני עצרת פּאַרנאַכט אַ סעודה ביי זיך אין שטוב און לאָזט זיך נאָכדעם פירן מיט פּאַראַד אין שול אַריין צו די הקפות. ביידע שותפים גייען שבת און יום־טוב אָנגעטאָן אין שוואַרצע סורדוטן מיט הויכע צילינדער־היט; ווייסע קאָלנער, מאַנישקעס און מאַנזשעטן מיט קאָלירטע קראַוואַטן און זילבערנע שפּאָנקעס.

דעם פעטער יאַנקלס צוויי זין, דוד און זעליג אַראַנאָוויטש, שפּילן שפּעטער וויכטיקע ראָלן ביי דער גרינדונג פון דער ליטווישער רעפּובליק, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אירע נייע הערשער קומען צו זעליגן אַהיים פרעגן ביי אים עצות. אין מיטן פון זיין „גדולה" ווערט ער אָבער פאַרסמט.

דער אָרעמסטער און האָרעפּאַשנער פון אַלע זיינע ברידער איז מיין עלטער־פעטער משהטשיק, משה זייפערט. קיין אַרבעט איז אים ניט צו שווער אַבי צו פאַרדינען אויף חיונה. צייטנווייז אַרבעט ער אין ווילנע, אין אַ פאַבריק פון זייף און ליכט.

דער פעטער משהטשיק וואַנדערט אין שפּעטער אין אַמעריקע, וואו ער אַרבעט ביי אָנלאָדן און אויסלאָדן ברוכוואַרג. זיין זון דוד, אין ווילנע אַ סופר, ווערט אין אַמעריקע אַ באַרבער, זיין טאָכטער לאה (לינע), אַ פּראָדוקט פון אַמעריקאַנער „פּאָבליק־סקול", לאָזט אירע טעכטער שטודירן אין אוניווערסיטעט און שיקט זיי אויך לערנען „יידישע בילדונג" ביי ציוניסטישע רעפאָרם־ראַבאַיס.

פון מיין עלטער־זיידנס פינף טעכטער איז איינע, הענע־טאָנע, די פרוי פון לאָזער דעם קצב, געשטאָרבן יונג (מיין עלטערע שוועסטער טאָנקע איז אַ נאָמען נאָך איר). אַ צווייטע, די מומע איטע־ראָכע, וואוינט אין ווילנע מיט איר מאַן שאול דעם בעקער (ווינסקי) און זייערע צען קינדער: זעקס זין און פיר טעכטער.

איר עלטסטער זון, לייבע־עליע, אַ טאַבאַק־בראַקער, דער בעסטער בעל־מלאכה אין דערונצעס טאַבאַק־פאַבריק אין ווילנע, באַזעצט זיך אַרום 1890 אין דייטשלאַנד. ער ווערט דאָרט דער פאָטער און זיידע פון אַ גרויסער משפּחה דייטשישע יידן.

אַ דריטע טאָכטער, די מומע ליבע, וואוינט אין דאָרף צאַבישאַק, מיט איר מאַן, דעם פרומען סמאָלע־טרייבער שמואל־לייזער, און זייער גרויסער הויז־געזינד. דעם עלטער־זיידנס פערטע טאָכטער, די מומע פריידל, וואוינט אין וואַרשע און רופט זיך אָן „פרעדעריקא״. ווען זי קומט אין שטעטל צו גאַסט, מיינען דאָרט אַלע, אַז זי איז אַ פוילישע פּריצטע.

דעם עלטער־זיידנס מוזינקע, די מומע שרה, מיטן לאַנגן בלאָנדן צאָפּ, פאָרט יונג אַוועק קיין דייטשלאַנד. איר מאַן אַרבעט דאָרט אין אַ פאַבריק.

זייערע דאָרט געבאָרענע קינדער און אייניקלעך אַנטלויפן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה קיין תל־אביב.

די באָבע בונע איז מיין עלטער־זיידן דודס צווייטע פרוי. זיינע עלטסטע אַכט קינדער, פיר זין און פיר טעכטער, זיינען פון זיין ערשטער פרוי, מיין עלטער־באָבע לאה. די עלטערע פיר זין האָבן אַלע טעכטער מיטן נאָמען לאה. די באָבע בונע האָט אויך אַ טאָכטער פון איר ערשטן מאַן, מיר רופן זי אַלע: „די מומע חיהלע״. איר מאַן הייסט „חיים דער אַמעריקאַנער״. ער האָט לאַנגע וואָנצעס און אַ קורץ קיילעכדיק בערדל. ביידע שוואַרץ ווי די האָר פון זיין קאָפּ. ער טראָגט שיך, אַנשטאָט שטיוול, אַ קורצן ראָק, אַנשטאָט אַ קאַפּאָטע; און אַ קאַפּעלוש, אַנשטאָט אַ היטל. ער דערציילט חידושים פון אַמעריקע, וואו ער איז שוין אַ פּאָר מאָל געווען. די באָבע דבורה זאָגט:

— ווען חיים איז אין אַמעריקע בענקט ער נאָך חיהלען; ווען ער קומט צוריק צו חיהלען, בענקט ער נאָך אַמעריקע.

מיין עלטער־זיידע דוד שטאַרבט אַוועק. מ׳ברענגט זיין ארון אין מיין זיידנס שטוב. מיין מאַמע וויל — פון סגולה וועגן — אַ גלעט געבן מיין „האַרץ״ מיט דעם עלטער־זיידנס טויטער האַנט. די באָבע דבורה לאָזט ניט. זי רופט עס „זאַבאַבאָנע״ און בייזערט זיך אויף דער מאַמען. אין דרויסן לעבן זיידנס שטוב מאַכט דער רב אַ הספד. דער טאַטע הויבט מיך אויף אין דער הויך, כ׳זאָל זען מיין עלטער־זיידנס גרויסע לויה. מ׳טראָגט נאָכדעם דעם עלטער־זיידנס אָפענעם ארון דעם גאַנצן וועג פונעם שטעטל צום בית־עולם. ס׳גייען אים נאָך די באָבע בונע, די זין, טעכטער, שניר, איידעמס, אייניקלעך, אור־אייניקלעך און משפחה אָן אַ צאָל.

מיין זיידע שמואל־איטשע, רופט אָן דעם מיישעגאָלער רב מיטן נאָמען „חבל יעקב״, ווייל אַזוי הייסט דעם רבס ספר. דער זיידע האַלט פונעם רב אַ וועלט. ער זאָגט: דער „חבל יעקב״ האָט באַוויזן, אַז אפילו אַ זון פון אַן אָרעמען שוסטער, ווען ער וויל נאָר לערנען, קאָן אויסוואַקסן אַ גרויסער למדן. דערצו איז נאָך דער זיידע אַ חבר פון דער חברה משניות מיט וועלכע דער רב לערנט יעדן טאָג נאָכן דאַווענען און מיין זיידע זיצט ביים רבס רעכטער האַנט.

די שטעטלשע באַלמעלאָכעס האַלטן, אַז זייער רב, רבי אבא יעקב, איז ניט קיין גוטער בעל־דרשן.

די שוסטער און שניידער דערציילן וועגן דעם אַזאַ מעשה: זיי האָבן אַמאָל זיך שטאַרק צעהוליעט שמחת־תורה ביינאַכט צו די הקפות. די באַלעבאַטים האָבן עס ניט געוואָלט ליידן און האָבן געבעטן דעם רב, ער זאָל אויסמוסרן דעם המון־עם. איז ער אַרויף אויף דער בימה און זיך געבייזערט:

— שוסטער־שניידער! אַ קלאָג צו אייך!...

די שוסטער־שניידער האָבן עס אויסגעטייטשט, אַז ער מיינט: „אַז אַך און אַז ווי איז צו אייך!" ווייל אַלס אַ זון פון אַ שוסטער האָט אים פאַרדראָסן, וואָס די „שוסטער־שניידער" באַנעמען זיך ניט אַזוי בכבודיק, ווי די באַלע־באַטישע שיינע יידן. די שוסטער משה, רפאל און שמואל, צוזאַמען מיט עט־לעכע שניידער, האָבן אים דערפאַר אויפגעהויבן אויף זייערע הענט, ווי אויף אַ שטול, געגאַנגען מיט אים אַ הקפה אַרום דער בימה און געזונגען: „שוס־טער־שניידער, אַ קלאָג צו אייך: עוזר דלים הושיעה נא!"

ניט געקוקט אויף זייער ווילצלען זיך וועגן זיין „כח הדבור" האָבן די מיי־שעגאָלער יידן אַ סך געהאַלטן פון זייער רב. באַזונדער האָט אים שטאַרק האָלט געהאַט מיין זיידע שמואל־איטשע.

ביים זיידן אין שטוב פלעגט מען אויך דערמאָנען צום גוטן די רביצין און זייערע קינדער, באַזונדער זייערע זין ארע מיכקע (אהרן מיכל), דער שריפט־שטעלער א. מ. באַראַכאָוו — ברכיהו (1869—1946), און בעבקע, דער שפּע־טערדיקער הרב ר' בער באַראַכאָוו (1875—1939) אין מאַלדען ביי באָסטאָן.

ר' אבא יעקב באַראַכאָוו (תק"ב—תרצ"ו) איז אַרומגעפאָרן מיט זיין ספר פון שטאָט צו שטאָט. ווען ער קומט קיין קופּישאָק, קלייבט אים אויס די דאָר־טיקע קהלה פאַר איר רב. מיישעגאָלע מאַכט פאַר אים אַ שיינעם צאתך לשלום (אָפּשייד). מיין זיידע ווערט אויסגעקליבן צו זיין איינער פון דעם רבס מיישע־גאָלער אונטערפירער ביי זיין קבלת־פּנים אין קופּישאָק. ער, מיין זיידע, דער־ציילט נאָכדעם חידושים, ווי פיין די קופּישקער יידן האָבן אויפגענומען דעם מיישעגאָלער רב, דעם „חבל יעקב". זיי זיינען אים געפאָרן אַנטקעגן ווייט אויסן שטאָט און אים געבראַכט צופירן מיט גרויס פּאַראַד. דערביי האָט דער זיידע אויך אַ גוט וואָרט פאַר די קופּישקער חסידים. ער זאָגט, אַז כאָטש זיי גייען אָנגעטאָן אַנדערש ווי מיר „עולמשע יידן"; זיי טראָגן שיך מיט זאָקן, שטריימלעך און זשופּיצעס מיט גאַרטלען, און דאַוונען אויך מיט אַנאַנדער נוסח, זיינען זיי דאָך פרומע ערלעכע יידן. פאַראַן אויך, זאָגט ער, צווישן זיי פיינע לומדים, אַזוי ווי ביי אונדז.

נאָכדעם ווי דער „חבל יעקב" באַזעצט זיך אין קופּישאָק, הויבן אָן קומען אין מיישעגאָלע אַלערליי רבנים, וואָס ווילן פאַרנעמען זיין פּלאַץ. זיי האַלטן דרשות און זאָגן פּילפּולים פון וועלכע כ'פאַרשטיי קיין וואָרט ניט. ווען עס ווערט אָנגענומען פאַר רב אַ יונגערמאַן, אַן איידעם פונעם שטעטל קרעווע, איז די חברה ש"ס מיט זייער גבאי, מיין רבין שמעון דעם פּאָדריאַטשיק, קעגן

דעס. זיי טענהן, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן איז מער בעל־דרשן, ווי למדן. ס׳ברעכן אויס מחלוקות. באַלעבאַטים ווענדן זיך מיט אַ בריוו צום קאָוונער רב, ר׳ יצחק אלחנן. ער ענטפערט מיט אַ פּאָסט־קאַרטל אַז דער יונגערמאַן, משה־יעקב ראַבינאָוויטש, איז ראוי צו זיין ביי זיי אַ רב. מיין רבי און זיין חברה ש״ס טענהן, אַז אַזאַ פּאָסט־קאַרטל איז ניט קיין „סמיכה״. דערצו, זאָגן זיי, אַז ר׳ יצחק אלחנן איז אַ „צו גוטער מענטש״. ער גיט אַרויס יעדן לערנער אַ „כתב״... אדרבה, זאָל דער קרעווער יונגערמאַן באַווייזן צו קריגן „סמיכה אויף רבנות״, פון ווילנער מורי־הוראות...

מיין זיידע איז ניט מסכים מיט דער חברה ש״ס, און אויך ניט מיט מיין רבין, דעם פּאָדריאַטשיק. דער זיידע זאָגט:

— ניט יעדער רב קאָן זיין אַ „חבל יעקב״, און אַ גוטער בעל־דרשן קאָן אויפטאָן אַ סך גוטע זאַכן אין שטעטל.

קאַפּיטל צוועלף

שבת קודש

שבת נעמט די באָבע ניט אויף קיין חולאים אין שטוב. זי גייט אָבער געוואויר ווערן צו אַ „חולה מסוכן״ אָדער צו אַ קימפּעטאָרין. קומט צו פאָרן אַ פּויער פון אַ וויטן דאָרף מיט אַ שליחות, אַז עמיצער איז דאָרט אין לעבנס־געפאַר, זאָגט די באָבע איר שפּרוך: „פּיקוח נפש דוחה (פּיקוּעך נעפעש דויכע) שבת״ — אַ מענטשנס לעבן איז הייליקער ווי שבת — און זי נעמט זיך תיכף גרייטן אין וועג אַריין. זי נעמט מיט אירע געציייג, אָדער אינסטרומענטן, און רפואות ווי אויך אַלערליי „לאַבונגען״: (סאָק, איינגעמאַכטס, וואַרעניע און מאכלים).

אַז די באָבע פאָרט ניט אום שבת צו קיין חולה, גייט זי דאַווענען אין בית־מדרש, וואו זי איז אַ „זאָגערקע״ פאַר די ווייבער. איך בין עטלעכע מאָל געווען אין דער ווייבערשער שול, ווען די באָבע „זאָגט״. זי איז אַזוי אַריינגע־טאָן אין איר זאָגן, אַז זי באַמערקט מיך כלל ניט. זי זאָגט דאָרט גאָר אַנאַנדער מין דאַווענען, ווי דעם וועלכן זי דאַוונט ביי זיך אין שטוב. די באָבע זאָגט ניט פאַר די ווייבער די עברי פונעם סידור, נאָר די „עברי־טייטש״, אַ חוץ די עטלעכע תפילות, וואָס כמעט יעדע יידישע פרוי קאָן אויף אויסנווייניק. אַמאָל לאָזט די באָבע אויס אינגאַנצן אַ שטיק דאַווענען און לייענט מיט די ווייבער אַ תחינה אַנשטאָט דעם.

ווען די באָבע דאַוונט אין שטוב, זאָגט זי אַלץ אויף אויסנווייניק, כאָטש אויפן טיש ליגט פאַר איר אָפן איר גרויסער קרבן מנחה־סידור. אינדערוואָכן

טוט זי דערביי איר שטוב־אַרבעט, אַ חוץ ווען זי שטייט שמונה־עשרה (שימ־ענעסריי). זי קען אויף אויסנווייניק סידור און מחזור, ווי חומש און תנ״ך; זי ווייס אויך דאָרט אַלע טייטש־ווערטער; ווען זי „פאַרהערט״ מיך, וואָס איך האָב געלערנט אין חדר, זאָגט זי אויף אויסנווייניק אַ פּאָר פּסוקים, הייסט מיר זיי פאַרטייטשן און דערקלערן. צוגלייך פאַרריכט זי מיר אַלע מיינע גרייזן. זי דערמאָנט מיר אויך, וואָס עס שטייט געשריבן אין יעדער פּרשה חומש און אין יעדן קאַפּיטל תנ״ך.

*
**

די באָבע שטעלט ניט קיין טשאָלנט און מאַכט ניט קיין קוגל אויף שבת. זי האַלט, אַז טשאָלנט איז ניט געזונט. די מצוה צו עסן עפּעס וואַרעמעס, זאָגט זי, קאָן מען יוצא זיין דורך טרינקען טיי. אַ ליאַק מיט הייסע וואַסער פאַר טיי האַלט זי געגרייט פון ערב־שבת אָן אין אַ „קאַכלע״ פונעם אויוון, וואָס איז פאַרמאַכט מיט אַן אייזערנער טירל. דאָרט האַלט זי אויך די הייסע זופּ, וואָס זי גיט צוזאַמען מיט קאַלטן עוף דעם זיידן און דעם אורח, אָדער די אורחים אויף שבת.

פרייטיק־צו־נאַכט נאָכן עסן לייענט די באָבע דערציילונגען און ראָמאַנען. זי טוט עס אויך אַמאָל אין די וואָכעדיקע אָוונטן. דער זיידע לייענט קיינמאָל ניט קיין מעשה־ביכלעך. ער האָט האָלטער צו דערציילן זיינע אייגענע מעשיות.

דעם זיידנס מעשיות זיינען געווייגלעך וועגן משה מאָנטעפיאָרע, ווי אַזוי ער איז אויפגענומען געוואָרן אין ווילנע און אין סט. פעטערבורג, זיין פאַר־שאַפן גרויס כבוד יידן און יידישקייט; וועגן דער מלכה וויקטאָריע, ווי זי עפנט פאַר מאָנטעפיאָרען אַלע קעניגלעכע הויפן, ער זאָל דאָרט קאָנען זיין אַ מליץ־יושר פאַר יידן; וועגן מאיר אַנשל ראָטשילד, ווי אַזוי ער איז גע־וואָרן רייך פון אָפּהיטן ערלעך דאָס אָנגעטרויטע; וועגן די אויפפירונגען פון זיינע גוטע און שלעכטע יורשים, ווי דער שלעכטער צווישן זיי גייט אויס פאַר הונגער אין אַ שאַץ־קאַמער פול מיט גאָלד; וועגן קייסער ניקאָלאַי דעם ערשטן, זיין קלוגשאַפט, זיין קוראַזש, זיינע גזירות קעגן יידן; זיין זון אַלעק־סאַנדער דער צווייטער, וועלכן דער זיידע רופט אָן „דער גוטער״. וועגן אַלעק־סאַנדער דעם דריטן רעדט ניט דער זיידע. מיר אָבער האָט ער איינמאָל גע־זאָגט: דער „דריטער״ איז אַ שיכור און אַ שונא־ישראל. דער זיידע דער־ציילט אויך מעשיות און אַנעקדאָטן וועגן „איזבאָרשטשיקעס״, „כאַפּערס״ און „קאַנטאָניסטן״, ווי אויך וועגן גראַפן, שררות (סראָרעס), שליאַכטיטשעס און פּויערים, אין צייט פון פּאַנשטשיזנע און פון „מיאַטעזש״. ניט גערן אָבער דערציילט דער זיידע, ווי אַזוי מען האָט באַשטראָפט „די מיאַטעזשניקעס״. ער זאָגט: דאָס רעגט אויף צופיל. דאָך דערמאָנט ער אַמאָל, וואָס ער האָט גע־

הערט און געזען אין ווילנע, אויף טראָקער גאַס, ביים ראָג פון דייטשער גאַס; ווי די „קאַטעס" האָבן אויפגעהאַנגען פּוילישע פיינע יונגע לייט, קענטיק גע־בילדעטע מענטשן; ווי די פאַרמשפּטע האָבן שטייענדיק אויפן עשאַפאָט גענו־מען עפּעס ריידן אָדער זינגען און די באַראַבאַנשטשיקעס האָבן געקלאַפּט אין די פּויקן, ניט צו לאָזן הערן קיין וואָרט; ווי די פּאָליציי האָט צוזאַמענ־געטריבן אַן עולם, דאָס רוב פּאָליאַקן, צו זען דאָס אויפהענגען פון די „מיאַ־טעזשניקעס"; ווי דער גענעראַל מוראַוויאָוו האָט געסטראַשעט אויפצוהענגען יעדן איינעם, וואָס האָט רחמנות אויפן „קייסערס שונאים."

געוויינלעך דערציילט דער זיידע זיינע מעשיות שבת בייטאָג, ביי אַ גלעזל טיי. פריייטיק־צו־נאַכט קוקט ער אַריין אין אַ ספר, אָדער פאַרענדיקט „מעביר־קריאה־זיין" די סדרה און זאָגן שיר־השירים, אויב ער האָט דאָס ניט באַוויזן פאַרנאַכט. אַמאָל גייט ער אַוועק נאָכן עסן אין בית־מדרש, וואו דער רב, אָדער בערטשיק שאַפּיראָ, דער מלמד, „לערנט תורה" מיטן עולם ביי איינעם פון די לאַנגע טישן, לעבן די פּאָליצעס ספרים אין מערב־זייט פון בית־מדרש.

שבת בייטאָג, ווען דער זיידע דערציילט זיינע מעשיות פאַר אורחים און געסט, לייענט די באָבע פאַר אַן עולם ווייבער די סדרה פון דער וואָך, אין טייטש־חומש. אַמאָל לייענט זי אויך פאַר עפּעס וואָס פון אירע עברי־טייטש־ספרים: „בחיי", „חזקוני", „מנורת המאור", „צאינה וראינה", „שמחת הנפש" און אַנדערע. נאָכדעם איז די באָבע מכבד די ווייבער מיט טיי און וואַרעניע, קיכלעך און באַבקע, אַמאָל אויך מיט פּרוכט. דערביי שמועסט די באָבע מיט די שטעטלשע ווייבער וועגן הילף פאַר אָרעמע און קראַנקע, אלמנות און יתומים; וועגן „טעג", וועש און מלבושים פאַר אָרעם־בחורים, אָדער קלויז־ניקעס, וועלכע לערנען אין בית־מדרש „פאַר זיך"; וועגן האָלץ, קעראָסין און ספרים פאַרן בית־מדרש; וועגן איינגעבן אַ ספר־תורה, מאַכן נייע מענטעלעך פאַר די ספר־תורהס און אויך נייע פּרוכתן (פאַר דעם ארון־קודש, „שולחן"*) און עמוד. באַשטימען זייערע שטאָפן, קאָלירן, אותיות און אוזאָרן, ווי אויך די העפטערינס עס אויסצוהעפטן.

די באָבע דערציילט זעלטן מעשיות. זי לייענט זיי פאַר. אַן אויסנאַם מאַכט זי פאַר געשעענישן פון ווילנער גאונס לעבן. די באָבע זאָגט, זי האָט דאָס אַמאָל געהערט דערציילן פון אַזוינע לייט, וועלכע האָבן דעם ווילנער גאון געקענט פּערזענלעך. איינע פון דער באָבעס באַליבטע מעשיות איז וועגן „דעם גאונס ווידוי":

— דער ווילנער גאון האָלט ביים שטאַרבן. שוין צייט פאַר אים צו זאָגן ווידוי. ער קאָן זיך אָבער דערצו ניט אַנטשיידן. דאָרט, אינעם ווידוי ווערן

---

*) דער טיש אויף דער בימה, וואו מען לייענט די תורה ביים דאַוונען.

אויסגערעכנט אַזוינע זינד, וועלכע ער איז קיינמאָל ניט באַגאַנגען, וועט ער דאָך זאָגן ליגן... זאָל ער עס ניט זאָגן, מיינט עס דאָך שטאַרבן אָן ווידוי — אָן חרטה און אָן תשובה. אין זיין פאַרצווייפלונג קומט אים צו הילף דער דובנער מגיד, וועלכער באַוועגט אים, דעם ריינעם ערלעכן גאון, זיך פאַרצושטעלן, אַז ער איז אַן אָרעמער יידישער קליינהענדלער; ער האָרעוועט שווער און ביטער מפרנס צו זיין זיין ווייב און קינדער; ער מוז צוליב דעם אַרומרייסן זיך מיט קאָנקורענטן און קונים, און פילט זיך שולדיק אין די אַלע זינד, וועלכע ווערן אויסגערעכנט ביים ווידוי זאָגן...

צום „שלוש־סעודות" זיצן ביים זיידנס טיש אַ סך אורחים און געסט. מען זינגט מער ווי מען עסט. עס ווערן איבערגעזונגען אַ טייל זמירות פון פרייטיק־צו־נאַכט און פון שבת אינדערפרי. אַמאָל זינגט מען אויך שטיקלעך חזנות און פאָלקס־געזאַנגען. נאָכמער ווערט געזונגען שבת־צו־נאַכט.

שבת־צו־נאַכט נאָך דער הבדלה ווערט דעם זיידנס גרויסע שטוב פול מיט מענטשן. מען העלפט דעם זיידן זינגען זמירות. באַזונדער זינגט מען צוזאַמען „המבדיל בין קודש לחול", „איש חסיד היה", „אל תירא עבדי יעקב" און „אליהו הגלעדי". (די לעצטע צוויי געזאַנגען ווערן געזונגען אין לשון־קודש און אין יידיש. איינער זינגט דאָס הויפּט־ליד און אַלע צוזאַמען זינגען די צו־שפּילן: „אל תירא עבדי יעקב" (האָב ניט קיין מורא, ייד!) און „אליהו הנביא — במהרה יבוא אלינו עם משיח בן דוד" (דער נביא אליהו וועט קומען צו אונדז אין גיכן מיטן משיח בן־דוד).

נאָך די זמירות שטעלט מען אַוועק אויפן גרויסן טיש דעם זיידנדיקן סאַמאָוואַר, אַ טאַץ מיט גלעזער און ספּאָדקעס, אַ טשייניק מיט סענס, און אַ צו־קערניצע מיט צעהאַקטן צוקער. אַמאָל אויך טעצלעך מיט וואַרעניע.

אַרום טיש זיצן שכנים, קרובים און באַקאַנטע. אייניקע ריידן מיטן זיידן וועגן יידישן מצב, קהלשע ענינים, אָדער וועגן מסחר. אַנדערע שפּילן אין דאַמקעס, דאָמינאָ, קאָרטן אָדער שאָך. ווען די מוזינקע, מיין מומע לאַהקע, איז אין דער היים — געוויינלעך לערנט זי און אַרבעט אין ווילנע — קומען אויך אַריין אַ סך חברטעס אירע. זיי זעצן זיך אויס אויף דער קושעטקע און אויף די אַרומיקע שטולן און טאַבורעטקעס. זיי שפּילן אין „פאַנדן" און זינגען לידער.

דאָס שפּיל אין „פאַנדן" פון לאַהקעס חברטעס, באַשטייט געוויינלעך פון צוויי טיילן. אין דעם ערשטן טייל קלייבן זיך אויס די שפּילער אַלערליי נעמען פון לענדער, שטעט און באַרימטע מענטשן, נאָכדעם הויבט מען אָן שמועסן, כלומרשט אין דער וועלט אַריין. ווען מען דערמאָנט אַ לאַנד, אַ שטאָט, אָדער אַ פּערזאָן, דאַרף אַ שפּילער, אָדער אַ שפּילערין, וואָס האָט אַזאַ נאָמען, זיך אויפשטעלן. ווער עס פאַרגעסט זיך אויפצוהויבן קריגט שפּעטער אַ שטראָף און דאַרף דערווייל איינלייגן אַ „פאַנד", עס מיינט אַ משכן.

אינעם צווייטן טייל שפּיל טיילן זיך איין די שפּילער אין גרופּעס פון ריכטערינס און ריכטער, צו משפּטן די וועלכע האָבן ניט אָפּגעהיט די רעגלען. זיי ווערן פאַרמשפּט צו שפּאַסהאַפטע שטראָפן: שפּרינגען, טאַנצן אויף איין פוס, קרייען, ווייזן קונצן, מאַכן גימנאַסטיק, א. ד. גל.

גאָר פריילעך ווערט אין זיידנס שטוב ווען מיין טאַטע קומט פון דאָרף אין שטעטל. דער טאַטע שפּילט־מיט אין אַלע שפּילן, פון די „פאַנדן" ביז צום שאַך. ער זינגט און טאַנצט, אַליין און מיט אַנדערע, אַ בייגעלע מיט אַ גרופּע יונגע לייט און אַ קאַדריל מיט די מיידלעך. ער איז ניט קיין איבערקלייבער. אַבי „חי — געלעבט". די באָבע און מומע לאהקע דערלאַנגען אים כיבוד. דער טאַטע העלפט זיי מיט און מאַכט אויך דערפון אַ שפּיל, באַגלייט פון געזאַנג און טענץ.

קאַפּיטל דרייצן

דער אלמנהס קריוודע

די באָבע און דער זיידע זיינען ביידע איינציק, אַז אַן ערלעכער מענטש דאַרף זיך אָננעמען די קריוודע פון אַן אלמנה אָדער אַ יתום. ווען דער זיידע האָט זיך אָבער איינגעשטעלט פאַר אַ געקריוודעטער אלמנה האָט אים זיין אייגענער פעטער אָנגעטאָן בזיונות. די מעשה איז געווען אַזוי:

אַן אלמנה וואָס וואוינט אין אַ קאַמער ביי מיין עלטער־עלטער פעטער ראובן דעם טעפּער, האָט אַ יאָר נאָכאַנאַנד אים ניט געצאָלט קיין דירה־געלט. האָט ער איר געהייסן זיך אַרויסקלייבן און געוואָלט פאַרדינגען דעם קאַמער צו עמיצן אַנדערש. די אלמנה איז דעריבער געקומען אין בית־מדרש, זיך אָוועקגעשטעלט אויף די טרעפּלעך ביים ארון־קודש און ניט געלאָזט אַרויסנעמען די תורה פון ארון־קודש, ביז וואַנען קהל וועט זיך ניט אָננעמען איר קריוודע.

דער עולם האָט רואיק אויסגעהערט דער אלמנהס טענות און געשוויגן. צווישן זיך אָבער האָט מען שטילערהייט געמאַכט אַלערליי באַמערקונגען. ס'זיינען געווען באַלעבאַטים, וואָס האָבן געזאָגט אַז דאָס איז ניט קיין כלל־זאַך, צוליב וואָס מ'זאָל אַן עדה יידן לאָזן הונגערן... אַנדערע האָבן דער־קלערט, אַז עס איז ניט ריכטיק צו פאַרלאַנגען אַז אַ באַלמעלאָכע, אַ האָרעפּאַשניק, ווי ראובן דער טעפּער, זאָל איינער אַליין אויסהאַלטן די אלמנה מיט דירה־געלט. דאָס איז אַ קהלשער ענין און שטעטל דאַרף געפינען מיטלען אויף דעם.

מיין עלטער־עלטער פעטער ראובן (סילין) איז די גאַנצע צייט געזעסן רואיק אויף זיין שטאָט אין מזרח־וואַנט, די ערשטע, לינקס פון ארון־קודש,

געקוקט דורך זיינע שפּאַקולן אין חומש און ניט געענטפערט קיין וואָרט אויף דער אלמנהס טענות. דאָס האָט מיין זיידן שמואל־איטשען שטאַרק פאַרדראָסן. אָן אויפגערעגטער איז ער אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ־לעך פונעם ארון־קודש און געמוסרט דעם עולם און באַזונדערס דעם איי־גענעם פעטער, ראובן דעם טעפער, פאַר זייער גלייכגילטיקייט צום מצב פון אַן עלנטער אלמנה.

דער פעטער ראובן האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטאָט, צורעכט געמאַכט די שפּאַקולן אויף זיין נאָז, צוגעגאַנגען מיט שווערע טריט צום ארון־קודש, אָנגענומען זיין פלימעניק, מיין זיידן שמואל־איטשען, פאַרן אויער, ווי אַ קליינעם חדר־יינגל, אים אַראָפּגעפירט פון די טרעפּלעך, און אויסגערופן הויך אויפן קול:

— גיי, זעץ זיך אַוועק אויף דיין פּלאַץ און מיש זיך ניט אין פרעמדע עסקים. ס'איז דאָ אַ דין ביי יידן.

דער רב האָט תיכף צוגערופן מיין פריערדיקן רבין שלמה דעם שמש און אים עפּעס וואָס געזאָגט. יענער איז באַלד אַרויף אויף דער בימה און אויסגערופן:

— היינטיקן שבת־צו־נאַכט וועלןביידע צדדים האָבן אַ דין־תורה ביים רב. די אלמנה וועט איצט מוחל זיין און גיין צוריק אין דער ווייבער־שער שול.

קיינער האָט פון מיין זיידן ניט געלאַכט. קיין יינגל האָט עס מיר קיינ־מאָל ניט פאַרגעוואָרפן. פאַרקערט, ס'האָט אויסגעזען ווי אַלע האַלטן, אַז דער זיידע האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַ גערעכטער זאַך און ניט געשוינט זיין אייגענעם פעטער. דאָך האָב איך אַ צייט זיך געשעמט מיט מיין זיידנס „בזיונות."

די באָבע האָלט מער פון ווייבער ווי פון מאַנסבילן. זי זאָגט, אַז ווייבער וואָלטן קיינמאָל ניט פאַרכאַפּט פאַר זיך אַלע מצוות, ווי די מאַנסבילן האָבן עס געטאָן. די ווייבער וואָלטן אויך קיינמאָל ניט געמאַכט קיין אויס־נאַמען פאַר מענער: ניט צורעכענען זיי צו אַ מנין און אַ מזומן, ניט אויפ־רופן זיי צו דער תורה, ניט צולאָזן זיי דאַווענען פאַר עמוד, וואַרפן „גאַל־קעס" ביי די „ווייבאָרעס" (וואָלן) פאַר סטאַראָסטע, דעפּוטאַטן און גבאים. זיי, די ווייבער, וואָלטן אויך קיינמאָל ניט באַשאַפן קיין ספּעציעלע ברכה פאַר אַ פרוי — אַדאַנק דעם אויבערשטן, פאַרוואָס ער האָט זי ניט גע־מאַכט פאַר קיין מאַנסביל . . .

ווען מ'האָט איר אָנגעוויזן, אַז די תורה הייסט דעם מאַן געוועלטיקן איבער דער פרוי, האָט די באָבע באַמערקט, אַז דאָס האָט דאָרט אויפגע־שריבן אַ מאַנסביל . . . און אַז איך האָב זיך געחידושט: ס'טייטש, די

תורה שטאַמט דאָך פון אויבערשטן אַליין, — האָט די באָבע רואיק געֿענטפערט:

— דער אויבערשטער אַליין איז אויך אַ מאַנסביל...

⁂

כ׳האָב האַלט צו בלעטערן דער באָבעס גרויסן טייטש־חומש און קוקן אויף די בילדער דאָרט*). דער „אויבערשטער" איז דאָרט אויסגעמאָלט, ווי כ׳האָב זיך אים פאָרגעשטעלט ביים אָנהויבן לערנען דעם חומש: אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. ווען כ׳טראַכט אָבער פון זיין אַרבעט צו באַשאַפן מענטשן, חיות, בהמות און פייגל פון ערד, שטעל איך זיך אים פאָר, ווי אַ באַלמעלאָכע, ווי, למשל, דער פעטער ראובן דער טעֿפער, וועלכער זיצט אין לעדערנעם פאַרטעך, ביים טעפערשן וואַרשטאַטל, און מאַכט פון אַ שטיק ליים אַלץ, וואָס ער וויל נאָר. אַמאָל דערמאָנט עס מיך אפילו אין די חלות און קיטקעס, וואָס גבענדקע סאָלאָווייטשיק און איך האָבן געמאַכט פון ערד, אין דרויסן, לעבן שטוב פון אונדזער לערער לוריע. כ׳פאַרשטיי אָבער שוין איצט, אַז זיין אַרבעט איז מער ווי דאָס „מאַכן אַ מענטשן" פון ערד, ליים, אָדער גאָר פון שניי. דער עיקר איז דאָס אַריינֿבלאָזן אין די באַזונדערע פונעם געמאַכטן מענטשן אַן „אָטעם פון לעבן", ער זאָל ווערן אַ „לעבעדיקער נפש". דאָס קען טאָן נאָר דער אויבערֿשטער, וועלכער האָט אויך אַ סך אַנדערע נעמען.

מיר איז שוין אויך באַוואוסט, אַז ניט אַלע זיינע נעמען מעג מען דערֿמאָנען. די באָבע רופט אים טאַקע אַן אַמאָל: „דער, וועמעס נאָמען כ׳וויל ניט דערמאָנען די הענט אומגעוואַשן". געוויינלעך אָבער הייסט ער ביי איר: „רבונו של עולם" (ריבוינעשעלוילעם — האַר פון דער וועלט), אַחוץ שבת פאַרנאַכט, ווען זי רופט אים אָן: „גאָט פון אברהם". ער איז אַפנים זייער אַ גוטער. דער טאַטע זאָגט תמיד: „דער אויבערשטער וועט העלפן". דער זיידע שמואל־איטשע זאָגט: „שמיא (שמאיע) וועט העלפן". ער מיינט אָבער אים.

אויך די מלאכים שטעל איך זיך פאָר, ווי זיי זיינען אָפגעמאָלט אין דער באָבעס טייטש־חומש. זיי האָבן ווייסע פליגלען מיט וועלכע זיי שוועבן צווישן הימל און ערד. זייערע פנימער אָבער זיינען קינדערשע. אַזוי שטייֿען זיי אויך פאַר מיינע אויגן, פאַרן שלאָף, ווען איך לייען „קריאת־שמע" (כ׳קען עס שוין אויסוויינִיק) און רעכן אויס די פיר מלאכים, וועלכע רינגֿלען אַרום מיין געלעגער: רעכטס — מיכאל, לינקס — גבריאל, פון פאָרענט — אוריאל און פון הינטן — רפאל.

---

*) די ביבלישע אילוסטראַציע פון דעם פראַנצויזישן מאָלער גוסֿטאַוו דאָרע (1832—1883).

דאָס בילד פון דער „שכינה״, וועלכע שטייט ביי מיר צוקאָפּנס, האָב איך נאָך אין ע ר ג ע ץ ניט געזען. כ׳שטעל זיך אָבער פאָר, אַז זי איז פול גוטסקייט און וואַכט איבער מיר, אַזוי ווי מיין באָבע דבורה.

כ׳האָב האָלט די באָבע. ווען כ׳פאָר אַוועק אין דאָרף צו מיינע עלטערן בענק איך נאָך איר. דאָך האָב איך צייטנווייז אויף איר פאַראיבל. כ׳וויל ניט ליידן, וואָס זי קומט אַמאָל ביינאַכט מיך אָפּנעמען פון חדר. זי ווייס דאָך, אַז כ׳האָב אַ שטאַרקע בלעכענע לאַמטערנע מיט גלעזערנע שייב־לעך, וואָס באַלייכט מיר גוט דעם וועג. דערצו גיי איך דאָך צוזאַמען מיט נאָך קינדער. מיר געפעלט אויך ניט, וואָס זי וויל מיך דווקא פאַרקעמען מיט אַ „שייטל״ און צעטיילט מיינע האָר אין צוויי העלפטן, ווי אַ פּאַרוק, מיט אַ ווייסן שטריך אין מיטן. כ׳צעמאַך דעריבער באַלד דעם שייטל, און די באָבע טענהט, אַז אָן אים פאַלן אַרונטער די „שוואַרצע קודלעס״ אויף מיינע אויגן.

כ׳האָב האָלט דעם זיידן. כ׳וואָלט אים נאָך האָלטער געהאַט, ווען ער לאָזט מיך צורו וועגן עסן. דער זיידע זאָגט: „לערן ווי אַ ייד, און עס ווי אַ בורלאַק״. די ערשטע העלפט היט איך אָפּ. עסן אָבער ווי אַ בורלאַק קאָן איך ניט. דער זיידע זאָגט: „דו קאָנסט, נאָר דו ווילסט ניט.״

פּרייטיק אינדערפרי וויל דער זיידע כ׳זאָל עסן די מילכיקע גרייפּלעך, וואָס די באָבע גיט מיר מיט אַ פריש געבאַקענער פּוטער־בולקע, אָדער קוילעטש. ער זאָגט צו מיר אַזוי: — וויסטו, פאַרוואָס מ׳רופט עס „מלכס־גרייפּלעך?״ — ווייל דאָס איז אַ מאכל מלכים. דער קייסער עסט דאָס יעדן טאָג. דאָס גיט מען אויך עסן דעם בן־מלך און דער בת־מלכה.

כ׳נעם אָן דעם זיידנס דערקלערונג פאַר ריכטיק, נאָר דעם קייסערס מאכל עס איך ניט.

***

אין דרויסן איז פינצטער און קאַלט. אין זיידנס שטוב איז אָבער ליכ־טיק און וואַרעם. כ׳זיץ אויף דער פּאָדלאָגע און שפּיל זיך מיטן חנוכה־דריידל, אויסגעגאָסן פון אַ צינענן לעפל. כ׳שפּיל זיך אויך מיט אַ וועגעלע אויף רעדלעך, וואָס כ׳פיר אַרום היין און צוריק איבערן שטוב. ביידע זאַכן האָט פאַר מיר געמאַכט חיים קאַבאַקערס, וועמעס הויכער טאַטע מיט דער קורצער שוואַרצער באָרד, וואוינט אין דער קרעטשמע קאַבאַק, אויפן וועג פון מיישעגאָלע קיין ווילנע. ווען חיים קאַבאַקער און מאַטקע קומען אין שטעטל זיינען זיי מיין זיידנס געסט.

די באָבע לאָזט מיך קיינמאָל ניט זיין אויף שפּעט. היינט אָבער איז די באָבע שטאַרק פאַרנומען. זי און ליבע, שמעון דעם גלעזערס, וועלכע וואוינט אַנטקעגן אויף דער אַנדערער זייט גאַס, האָבן געקויפט בשותפות און גע־

לאָזט קוילענען אַ צאָל געגנדז. איצט פליקן זיי אָפּ די פעדערן, סמאַליען אַרום די טילקעס, עפענען אויף די בייכער, רייניקן זיי אויס, שינדן אָפּ די דיקע הויטן, מאַכן אַלץ כשר און פּרעגלען גריבענעס. כ׳קריג עטלעכע לאַנגע פעדערן, מיט וועלכע מ׳קאָן שרייבן, ווען מ׳פאַרשניצט זיי מיט אַ שאַרפן מעסערל, ווי אויך עטלעכע גערגעלעך, אין וועלכע כ׳בלאָז ווי אין פייפלעך. די באָבע דערהערט מיין פייפן און הייסט מיר גיין שלאָפן. כ׳קלייב צוזאַמען מיינע שפּילצייג, לייג זיי אַוועק אין זייער באַשטימטן ווינקל און גיי אַריין אין קאַמער. מיין געלעגער דאָרט ביים קאַכלע־אויוון איז שוין אויסגעבעט. אויף אַ טאַבורעטקע שטייט אַ מעדניצע מיט וואַסער און דערביי ליגט אַ שטיקל זייף און אַ האַנטעך. כ׳וואַש זיך אָרום די הענט און דעם פּנים, טו זיך איבער, לייג זיך אַוועק אויף מיין געלעגער, לייען אָפּ קריאת־שמע און הויב אָן דרימלען. פּלוצלונג דערהער איך דער באָבעס קול:

— אוי, ווי איז מיר, וואו איז דאָס קינד?

— זיי שטיל — זאָגט דער זיידע — ער וועט זיך אויפכאַפּן, וועט ער זיך איבערשרעקן.

— וויקל אים גוט איין — הער איך דעם זיידנס ריידן צו עמיצן.

כ׳זע גאָרניט; כ׳הער נאָר, אַז מ׳טראָגט מיך אויף די הענט. צולעצט הער איך עמיץ זאָגט:

— דאָס איז שרה־בלומעס בן־יחיד. מ׳האָט אים קוים אַרויסגעראַ־טעוועט פון דער ברענענדיקער שטוב. זאָל ער דאָ ליגן צווישן דעם בעט־געוואַנט.

כ׳הער אַרום זיך געוויין. כ׳פאַרשטיי, אַז כ׳בין ניט דער איינציקער. ערגער איז, וואָס מ׳ליגט כסדר נאָך בעטגעוואַנט אויף מיר. כ׳קאָן זיך קיין ריר ניט געבן. עס שטיקט מיך אין האַלדז. כ׳קאָן ניט אָטעמען... ווען כ׳עפן די אויגן, זע איך זיך ליגן אין אַ בעט און הער מיין עלטער־פעטער, משהטשיק, דערציילן:

— מ׳האָט אויף אים אָנגעלייגט קישנס און פּערענעס געגוג צו דער־שטיקן אַ דערוואַקסענעם. דערנאָך האָט מען פון אויבן אַרויפגעלייגט פּייווע דעם שוסטערס און יעקל דעם שניידערס קינדער, און אויך אויף זיי אָנגעוואָליעט בעטגעוואַנט. ווען כ׳האָב אים אַרויסגענומען, האָב איך גע־מיינט, ס׳איז שוין נאָך אַלעמען... כ׳בין געלאָפן אַהיים בשתיקה פון דבורהן זי זאָל ניט וויסן וואו איר אייניקל האַלט. די קאַלטע לופט האָט אים אָבער דערפרישט און ער האָט ווידער אויפגעלעבט.

דעם פעטער משהטשיקס ווייב, מיין מומע מינע, גיט מיר איין טראָפּנס און קאָרמעט מיך מיט לעפעלעך איינגעמאַכטס. ס׳הויבן מיר זיך אָן קלעפּן די אויגן און כ׳שלאָף ווידער איין.

אינדערפרי קומען מיך געוואויר ווערן די באָבע מיטן זיידן. זיי קומען צוזאַמען מיט זייער זון, יאַנקל־משה דער סטאָליער, און זייער טאָכטער, בת־שבע, מיין מאַמעס יינגערע גרוויקסיקערע שוועסטער, מיט איר מאַן, דער פעטער משהטשיק דער שוסטער. די מומע מינע דערוואַרט היינט אַ סך געסט, ווייל אונדזער משפחה, זאָגט זי, איז די גרעסטע אין מיישע־גאָלע. באַלד אָבער באַווייזן זיך מיין טאַטע־מאַמע און נעמען מיך אַוועק צו זיך אַהיים, אין דאָרף אַריין.

קאַפּיטל פערצן

אין טאַטע־מאַמעס היים

אין מיין טאַטע־מאַמעס היים איז ניט אַזוי ליכטיק און שיין ווי אין זיידנס. זיי זיינען שוין ניט מער אין דערפל קאַצישאַק, וואו זייער וואוי־נונג איז געווען אַרומגערינגלט מיט פרוכט־בוימער און פעלדער תבואה. זיי וואוינען איצט אין אַ פויערשער שטוב אין אַ מיטן דאָרף, אין מערב־זייט פונעם שטעטל מיישעגאָלע. די דאָזיקע שטוב איז בעסער פון אַנדערע פויערשע „כאַטקעס" דערמיט, וואָס זי איז ניט קיין „פעקערנע": זי ווערט ניט אָנגעפילט מיט רויך, ווען מען הייצט דעם אויוון; זי האָט אַ קוימען, אַזוי ווי די שטעטלשע הייזער. קיין פּאָדלאָגע איז אָבער אין איר ניטאָ, נאָר אַ פּאָל פון פּשוטע ערד, באַשמירט מיט ליים. אירע ווענט זיינען גע־טינקעוועט און ניט פאַרקלעפּט מיט שיינע אָביציעס, ווי אין זיידנס שטוב; עס הענגען אויך ניט אויף זיי קיין בילדער און קיין „מזרח". אירע פענצ־טער זיינען קליינע, אָן גאַרדינען און אָן וואַזאָנעס. ניטאָ דאָרט אויך קיין הענג־לאָמפּן און קיין ליוסטרעס. אין די וואָכעדיקע נעכט ברענען דאָרט „קינעלעך" (דינע הילצערנע פּאָסן, וועלכע דער טאַטע שניידט אויס אַ גאַנצן טוץ פון איין שטיקל האָלץ). פרייטיק־צו־נאַכט ברענט דאָרט אַ חוץ די שבת־ליכט, אויך אַ קליין בלעכן לעמפּל. דעם גלעזערנעם לאָמפּ צינדט מען אָן, ווען דער טאַטע דאַרף לייענען אַ בוך. די מאַמע איז אָבער אַ גרויסע צוכט. אומעטום איז דאָרט ריין און ציכטיק. אירע האַנטעכער און טיש־טעכער, ציכלעך און ליילעכער זיינען ווייס ווי שניי. יעדע כלי איז אויס־געשייערט, בלאַנקט און בלישטשעט.

אין דער ציכטיקייט און ריינקייט אין אונדזער פויערשער שטוב האָט אויך אַ היפּשן חלק מיין עלטערע שוועסטער טאַנקע (הענע־טאַניע). די

מאַמע איז אָפּט פאַרנומען מיט אַן עופּהלע *). טאַנקע העלפּט דער מאַמען אַרויס סיי אין שטוב־אַרבעט און סיי אין האָדעווען די יינגערע קינדער.

די מאַמע צוואָגט און קעמט אָפּט יעדעס קינד, אַ חוץ טאַנקען, וואָס גיט אַליין אַכטונג אויף זיך. פרייטיק בייטאָג קאָכט אויף די מאַמע אַ טשור־גון הייסע וואַסער מיט אַש און צוואָגט אַלע קינדער צוערשט מיט „לויג״ און נאָכדעם מיט זייף. אָפּט וואַשט זי אויך יעדן פון אונדז אין אַ באַליע. זי קעמט יעדן קינד צוערשט מיט אַ שיטערן און נאָכדעם מיט אַ געדיכטן קאַם. זי רייבט אַרום יעדנס קערפּער מיט אַ נאַסן האַנטעך, טריקנט אָפּ און טוט אָן פרישע וועש.

ווען איך קום אין דאָרף צו דער מאַמען, קושט זי און האַלדזט מיך און וויינט סיי פאַר צער, סיי פאַר נחת. זי וויינט, ווען איך פאָר פון איר אַוועק און וויינט ווען איך קום צו איר צוריק. איך וויין נאָר, ווען כ׳פאָר אַוועק פון דער מאַמען, אָבער ניט ווען איך קום צוריק צו איר. דעמאָלט שפּרינג איך און לאַך פאַר פרייד (די באָבע וויינט קיינמאָל ניט ווען זי איז טרויעריק, נאָר זי זינגט שטיל, פאַר זיך, אַן אומעטיקן ניגון).

פונדעסטוועגן האָב איך אַ סך פאַרדרוס, ווען כ׳קום אַהיים צו דער מאַמען. עס פאַרדריסט מיך שטאַרק, וואָס כ׳קאָן איר ניט וויזן וואו איך האַלט שוין אין לערנען. זי קען אַ צאָל ווערטער אין לשון־קודש, וואָס זי רעדט צום טאַטן ווען עס קומט צו אונדז אַן אומבאַקאַנטער פּויער: אַ גוי רופט זי דעמאָלט אַן „ערל״, זאַלץ — „מלח״, מיידל — „בתולה״, מילך — „חלב״, פיש — „דגים״, פלייש — „בשר״ א. ד. גל. די מאַמע קען אויך זאָגן אויסווייניק אַ צאָל קורצע תפילות און תחינות. נאָר איבערלייענען עפּעס אָדער אויפשרייבן קען זי ניט.

ווען איך קום צוריק צו דער באָבען, רייד איך איר אויס, לּמאַי זי האָט מיין מאַמען ניט געגעבן לערנען לייענען און שרייבן. די באָבע פאַרענט־פערט זיך, אַז געבן קינדער לערנען איז דעמאָלט געווען איינגאַנצן די זאַך פון די מאַנסבילן און זיי האָבן קיין מיידלעך ניט געשיקט אין חדר.

מיין מאַמע שעמט זיך שטאַרק מיט איר ניט־וויסן: זי איז בכלל זייער אַ שעמעוודיקע. ניט גערן האָט זי פאַרביטן איר געבורטס־שטעטל אויפן טאַטנס דאָרף. ביסלעכווייז איז זי אָבער געוואָרן מער דאָרפיש ווי דער טאַטע. אַזוי ווי אַלע פּויערטעס דאָרט, גלויבט די מאַמע אין כישוף, אין „ניט־גוטע״, און אין בייזע רוחות.

---

*) אין איר קורצן לעבן פון אַ פיר־צענדליק יאָר האָט זי געבאָרן פערצן קינדער. צען זיינען געשטאָרבן קליינערהייט און אַן עלפטס אין דער יוגנט, אַ פּאָר יאָר פאַר דער מאַמעס טויט.

אַז די פּויערטעס באַשולדיקן אַן אַלטע פרוי אין אונדזער דאָרף אין „אָפּטאָן אַ כישוף" (אויסטרינקען ביי עמיצנס אַ קו דאָס מילך, אָוועקנעמען ביי עמיצנס אַ פערד זיין כוח, דורכן „דאָמאָוויק", וואָס רייט אויף אים אַ גאַנצע נאַכט און פּאַרמוטשעט אים), זאָגט זיי די מאַמע, אַז עס איז ניט רעכט אָנצורופן עמיצן „מכשפה" אַן געגנונגדיקע באַווייזן. די מאַמע צווייפלט אָבער ניט, אַז מ'קאָן אָפּטאָן מיט כישוף אַלערליי זאַכן צום גוטן און צום בייזן. זי שעמט זיך אָבער דאָס צו זאָגן, ווען דער טאַטע איז דערביי. זי הערט ווי ער לאַכט אויס פאַר אונדז, קינדער, אַלע וואונדער־מעשיות פון די זנאַכערס, טאָטערס, מכשפים און מכשפות. דער טאַטע זאָגט, אַז די וואָס באַפאַלן די דורכגייער און דורכפאָרער אין וואַלד, זיינען ניט קיין שדים און ניט קיין בייזע רוחות, נאָר שלעכטע בייזע מענטשן — רויבער און גזלנים — וועלכע מען דאַרף און מען קאָן צוריקשלאָגן.

דער טאַטע מאַכט אויך חוזק פון דער מורא פאַר מתים. ער דערציילט אונדז דערביי אַ מעשה, וואָס האָט מיט אים אַליין פּאַסירט אין זיין יוגנט: ער איז געגאַנגען פון איין דאָרף אין אַ צווייטן. פּלוצלונג האָט זיך פאַר אים באַוויזן פון וויטן אַ ווייסע געשטאַלט, אָנגעטאָן אין תכריכים ווי אַ מת, און האָלט אויסגעשפּרייט די אָרעמס, הויבט זיי אויף און לאָזט זיי אַרונטער. אַנטלויפן האָט דער טאַטע געהאַלטן פאַר „ניט קיין שכל", איז ער געגאַנגען ווייטער זיין וועג. ווען ער איז אָבער צוגעקומען נאָענט פון דער געשטאַלט, האָט ער דערזען... אַ בעראָזעווען בוים, מיט ווייסע קאָרע און ווייסע צווייגן...

ענלעכע מעשיות פלעגט דער טאַטע אונדז דערציילן וועגן דורכגיין ביינאַכט דעם בית־עלמין. זיין אויספיר פלעגט זיין, אַז ביז וואַנען דער „אויבערשטער" פירט ניט דורך קיין „תחית המתים", זיינען די מעשיות, אַז מתים קומען ביינאַכט דאַווענען אין שול, אַז זיי טוען עמיצן גוטס אָדער בייז, האַלדזן אָדער שטיקן, — אויסטראַכטענישן, איינריידענישן און פוסטע חלומות.

ווערט ביי אונדז אַ קינד ניט געזונט, און דער טאַטע איז אין שטוב, זאָגט ער, אַזוי ווי די באָבע, אַז „דאָס קינד האָט זיך צוגעקילט", אָדער „עס האָט פאַרדאָרבן דעם מאָגן". ווען דער טאַטע איז ניטאָ אין דער היים, זאָגט די מאַמע: „מען האָט דאָס געגעבן „אַן עין־הרע"", אָדער, אַז אַ „בייזע אויג האָט אים פאַרשאַדט"... זי היילט דערפאַר צום אַלעם ערשטן מיט אַן „אָפּשפּרעכונג" און מיט סגולות. ציטערנדיק אָבער שטאַרק איבער דעם קינדס געזונט באַנוצט די מאַמע אויך דער באָבעס רפואות: וואַסערלעך און פּראָשקעס. זי שטעלט אויך באַנקעס, מאַכט קאָנעס, גיט ריצנאָויל מיט סאָק, וועריםקרויט מיט האָניק, רייבט איין מיט זאַלבן, טוט אַן זעקלעך קאַנפער.

אַ גאַנצע וואָך גייט די מאַמע אָנגעטאָן אין אַ געפּאַרבטער לייוונטענער ספּאָדניצע און אין אַ קאַרעטענעם יאַקל (זומער־חדשים), אָדער פון טיגער און מולטן (ווינטער־צייט). אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ טונקל־רויטע פאַטשיילקע. פרייטיק פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי זי צוואָגט און קעמט זיך אַליין אויך אויס, טוט זי אָן קאַשמירענע אָדער וואָלענע קליידער; שטעלט אַריין אין די אויערן אירע גרויסע געפלאָכטענע גילדערנע כלה־אויררינגלעך; באַדעקט אירע שוואַרצע האָר מיט אַ ברוינעם פּאַרוק, אויף וועלכן זי טוט אָן איר באַטיסטן טיכל מיט די העלע פאַרבן. זי טוט אויך אָן איר שבתדיקן רינג אויפן פינגער. אויב זי גייט מיטן טאַטן אין שטעטל אַריין אין דאָרטיקן בית־מדרש, טוט זי אָן אויך איר קורצן ברוינעם מאַנטל, וועלכער איז באַצירט מיט בלומען און אוזאָרן פון קליינע פיל קאָלירטע פאַטשערקעלעך, די גרויס ווי די קלענסטע שפּילקע־קעפּלעך, און פון באַגילדעטע דינינקע קנעפּעלעך. די דאָזיקע צירונג און קליידונג, ווי אויך איר ווינטערדיקער פוטערל זיינען אירע „כלה־מתנות.״

ווען די מאַמע קומט אין שטעטל אין אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, גייט זי אַריין צום אַלעם ערשט צום זיידן, זיך בענטשן. זי גייט נאָכדעם מיט דער באָבען אין דער ווייבערשער שול. זי זאָגט אָבער ניט נאָך דער באַבעס תפילות, ווי דאָס טוען די אַנדערע ווייבער, נאָר שעפּטשעט שטיל אַן אייגענעם געבעט אין פּשוטע ווערטער.

***

זינט כ׳לערן תורה — חומש און תנ״ך פרעגט מיך די מאַמע, יעדעס מאָל ווען איך קום צו איר אין דאָרף, וואָס עס זאָגן די הייליקע ספרים וועגן יושר.

דער מאַמען עגבערט כסדר די פראַגע: פאַרוואָס שלעכטע מענטשן גייט גוט אויף דער וועלט און גוטע קומען אום אין עלנט און נויט? דעם טאַטן פרעגט זי דאָס ניט. זי האָט אים שטאַרק האָלט און האָט פאַר אים גרויס רעספּעקט. זי היט זיך אים ניט צו באַלעסטיקן מיט די טענות פון אַן אומוויסנדיקער פרוי, ווי זי רופט זיך אַליין אָן. זי באַמיט זיך אויך כסדר אַרויסצורופן ביי אונדז, קינדער, וואָס מער ערפורכט צום טאַטן.

מיר האָבן טאַקע פאַרן טאַטן אַ סך דרך־ארץ. פאַר דער מאַמען אַליין האָבן מיר קיין מורא ניט. מיר קערן איבער די שטוב קאַפּויר און טוען אַלץ וואָס נאָר מיר ווילן, ווי זי באַקלאָגט זיך. אַזוי גיך אָבער ווי דער טאַטע גייט אַריין אין שטוב, ווערן מיר רואיק און סטאַטעטשנע. ער דאַרף אפילו זיך ניט אָנבייזערן אויף אונדז. ווען ער איז דער היים ביים עסן, זיצן מיר אַרום טיש לויט אַ געווויסן סדר: ווער נעענטער צו אים און ווער

ווייטער פון אים. אַז דער טאַטע איז ניטאָ, היטן מיר זיך ניט צו זיצן אויף זיין פּלאַץ. באַדינען דער מאַמען, דאַרף זי אונדז דערמאָנען; באַדינען דעם טאַטן האַלטן מיר פאַר אַ זכיה.

נאָר כאָטש מיר, קינדער, אַליין פאָלגן ניט אַלעמאָל דער מאַמען, ווילן מיר אָבער ניט ליידן, ווען דער טאַטע פאָלגט איר ניט... גייט דער טאַטע אין שטעטל, ווען די מאַמע וויל ער זאָל זיין אין שטוב, פאַרדריסט עס אונדז שטאַרק. שפּאַרן זיך (אַרגומענטירן)ביידע וועגן אַ שטוביקער זאַך, ציטערן מיר די גאַנצע צייט, אונדזער קליינע צאַרטע מאַמעלע זאָל, חלילה, ניט אָפּעסן זיך דאָס האַרץ.

***

די ימים־נוראים הויבן זיך אָן ביי אונדז אין שטוב נאָך אין חודש אלול, ווען מ׳הויבט אָן צו בלאָזן שופר. באַזונדערס אָבער זינט די ערשטע סליחות, די וואָך פאַר ראש־השנה.

פון די ערשטע סליחות ביז נאָך די „עשרת ימי תשובה״, די צען תשובה־טעג, וועלכע הויבן זיך אָן ראש־השנה און ענדיקן זיך יום־כיפור, גייט דער טאַטע פון דאַרף אין שטעטל זאָגן סליחות און דאַוונען אין דאָרטיקן בית־מדרש. ער גייט אָבער ניט אַרויס פון שטוב, וואו ער קאָרמעט פריער ניט אָן אַלע אונדזערע „שטומע באַשעפענישן״, עופות און בהמות. ער וואַרפט אויך אָן ברעקלעך ברויט און חלה פאַר די טויבן און פייגל, וואָס האָבן זייער טויבן־שלאַק און נעסטן אונטער אונדזער דאַך.

צו די ערשטע סליחות נעמט דער טאַטע מיך אויך מיט. מיר גייען דורך דעם לאַנגן וועג פון דאַרף אין שטעטל. כ׳קוק מער אויפן אויסגעשטערנטן הימל, ווי אויף דעם בלאָטיקן אָדער זאַמדיקן וועג. כ׳בין פול מיט התפעלות פון די גרופּעס שטערן, וועלכע זעען אויס ווי אַ „י״ און אַ „ה״. כ׳ווייס, אַז דאָס איז אַ טייל פון דעם „הייליקן נאָמען״. כ׳פרעג דעם טאַטן: וואו זיינען די אַנדערע אותיות, דער „ו״ און דער צווייטער „ה״? דער טאַטע אָבער זעט מיך ניט און הערט מיך ניט. ער זינגט שטיל, מיט התלהבות, זיין באַליבט געזאַנג: „השמים מספרים כבוד אל״ (די הימלען דערציילן גאָטס פּראַכט), און באַוועגט זיינע פיס ווי צום טאַנץ.

ווען מיר דערנעענטערן זיך צום שטעטל, הער איך פון ווייטן דעם שמשס קול: „יידן, עם־קדושים שטייט אויף צו סליחות!״ נאָר ביז מיר קומען אָן אין בית־מדרש זיינען שוין דאָרט פאַרזאַמלט מנינים יידן. כ׳זע דאָרט אויך דער מאַמעס טאַטן, מיין זיידן שמואל־איטשע. כ׳קוק אַרויף צו דער ווייבערשער שול און מיר דוכט, אַז מיין באָבע דבורה קוקט פון דאָרטן אויף מיר. באַלד ווערט דער בית־המדרש פול און דער חזן מיט די משוררים שטעלן זיך אַוועק ביים עמוד. מיין טאַטע, וועמעס „שטאָט״ איז אין מזרח־

זייט פון דער בימה, און זיין פיין־געשניצטער שטענדער שטייט לינקס פון חזן, קעגן ארון־קודש, זינגט מיט, שטיל, אַ טייל תפילות, צוזאַמען מיטן חזן און די משוררים.

*
**

די וואָך פאַר ראש־השנה אַרבעט די מאַמע אָפּט מיטן האַקמעסער. זי צעהאַקט אין קליינע פאַרפּעלעך דעם טייג, וואָס זי פאַרקנעט אין מול־טער מיט אַ סך געלכלעך. זי טריקנט זיי, די פאַרפּעלעך, אויף דער זון און זיי שיינען ווי גאָלד. די נאַכט פאַר ערב ראש־השנה פאַרקנעט זי דעם טייג אויף צו מאַכן חלה. זי אַרבעט זיי אויס נאָכדעם אַנדערש ווי די שבת־דיקע חלה. ראש־השנהדיקע חלות זיינען קיילעכדיקע, און אויך די פלעכט־לעך אויף זיי זיינען קיילעכדיקע און זעען אויס ווי בראַזלעטן. כ׳פרעג דער מאַמען, וואָס דאָס באַדייט, זאָגט זי, אַז דאָס איז אַ סימן פאַר אַ גליק־לעכן קיילעכדיקן יאָר.

וואָס נעענטער צו ראש־השנה, אַלץ מער געסט קומען אָן אין שטעטל. אַ חוץ די שטעטלשע בחורים און מיידלעך, וועלכע אַרבעטן אָדער לערנען אין ווילנע און פאָרן אַהיים, צו די עלטערן אויף יעדן יום־טוב, קומען אַהער דאָס מאָל אויך אַ סך ישובהניקעס: פּאַכטערס, קרעטשמערס, אָרענ־דאַטאָרס און ד. גל. זיי קומען עקסטרע פאַר די ימים־נוראים, כדי צו דאַ־ווענען בציבור, צוזאַמען מיט יידישן כלל.

דער טאַטע האָט געבראַכט פון ווילנע קאָווענעס, וויינטרויבן, מיל־גרוימען און אַנדערע פרוכטן, וועלכע וואַקסן ניט אין די סעדער פון אונד־זער געגנט, כדי צו מאַכן אויף זיי „שהחיינו" לכבוד ראש־השנה. פון אונד־זער דאָרף ברענגט דער טאַטע פרישן בינען־האָניק, וואָס מ׳נעמט פאַר אים אַרויס עקסטרע פון בינשטאָק. אין אָט דעם האָניק וועלן מיר איינ־טונקען די ראש־השנהדיקע המוציא חלה, ווי אַ סימן פאַר אַ זיסן יאָר.

די מאַמע און מיין עלטערע שוועסטער וואַשן און שייערן לכבוד ראש־השנה אַזוי ווי ערב פסח. ס׳העלפט זיי אויך די דאָרפישע פרוי מאַטשעיאָווע, וועלכע נעמט אויך ביי אונדז אַראָפּ די לייכטער פון טיש און לעשט אויס די ליכט יעדן פרייטיק־צו־נאַכט.

אין שטוב בלישטשעט און פינקלט. מיר, קינדער, זיינען אַלע אויס־געצוואָגן און פאַרקעמט און אָנגעטאָן אין ריינע וועש און אין יום־טוב־דיקע מלבושים. נאָר אין שטוב איז ניט פריילעך ווי שבת. טאַטע־מאַמע זעען אויס שטאַרק פאַרזאָרגט, זיינען מיר, קינדער, צעשראָקן און האָבן פחד.

ערב ראש־השנה, נאָך האַלבן טאָג, נעמט אונדז די מאַמע צום זיידן אין שטוב. דער זיידע בענטשט אונדז אויפן נייעם יאָר. ער באַנעצט דער־ביי אונדזערע שוואַרצע קעפּלעך האָר מיט זיינע טרערן. אונדזער אומרו

ווערט נאָך צוליב דעם פאַרשטאַרקט. שפּעטער, ווען דער טאַטע גייט אַוועק אין בית־המדרש און די מאַמע זאָגט אויף אויסווייניק אַ תחינה, און וויינט זיך פאַנאַנדער, וויינען מיר מיט.

גרינגער ווערט אונדז אויפן האַרצן, ווען דער טאַטע קומט פון מעריב־דאַווענען מיט צוויי אורחים. זיי זאָגן אונדז: „גוט יום־טוב!" און „לשנה טובה תכתבו", און מיר ענטפערן אַלע צוזאַמען: „גם אתם."

אויף מאָרגן, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, ווען כ׳קום אין בית־המדרש אין מיטן דאַווענען „שחרית", האַלט דער טאַטע זיין טלית איבערן קאָפּ און כ׳זע ניט זיין פּנים. כ׳הער אים אָבער וויינען שטיל און זיפצן. מיין טאַטע, וועלכער איז תמיד לוסטיק און פריילעך, וויינט כמעט דעם גאַנצן ראש־השנהדיקן דאַווענען. באַזונדער שטאַרק וויינט ער, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע דאַוונער, ביים זאָגן „ונתנה תוקף", וואו ס׳איז באַשריבן, ווי אַזוי ראש־השנה ווערט אויפן הימל באַשטימט ווער ס׳זאָל דאָס יאָר בלייבן לעבן און ווער ס׳זאָל, חלילה, שטאַרבן, ווערן דערטרונקען, פאַרברענט, אָדער אַוועקפאַלן אין אַ מגפה.

נאָך אַ שטאַרקערער געוויין הערט זיך פון דער ווייבערשער שול. די ווייבער וויינען און קלאָגן, אַזוי ווי נאָך אַ טויטן. איבערהויפּט וויינען הויך יענע פרויען, וועלכע זיינען געבליבן אלמנות, אָדער האָבן פאַרלאָרן קינדער.

ווען דער טאַטע דערזעט מיך, הייסט ער מיר אַריינקוקן אין מחזור און זאָגן די תפילות, וועלכע דער חזן מיטן עולם זינגען. ווען דער טאַטע זאָגט וואָס אויסנווייניק, לייען איך איבער אין זיין מחזור די מוראדיקע מעשה, אין עברי־טייטש, וועגן דעם צדיק ר׳ אמנון, וואָס האָט פאַרפאַסט די תפילה „ונתנה תוקף". מיין האַרץ פילט מיט מיט ר׳ אמנונס יסורים און פּיין. נאָר זיין תפילה פאַראינטערעסירט מיך מער מיט אירע בילדער. כ׳זע פאַר מיינע אויגן סטאַדעס שאָף, וועלכע ציען זיך פאַרביי זייער פּאַסטוך; מלאכים מיט וואָגשאָלן און בעזימענס, וועלכע וועגן פּעקלעך מיט מצוות און עבירות, אָדער זיי שוועבן אין דער לופטן מיטן גרויסן „ספר הזכרונות", וואו אַלע מענטשלעכע מעשים ווערן פאַרשריבן.

נאָענט צו די תקיעות (בלאָזן שופר) קומען אָן אין פּאָליש פון בית־המדרש אַ סך שטעטלשע כלה־מיידלעך, וועלכע עסן ניט ראש־השנה אייידער זיי „הערן דעם שופר". צו־ערשט שושקענען זיי זיך און לאַכן. זיי ווערן אָבער טרויעריק באַלד ווי דער עולם הויבט אָן זאָגן דעם קאַפּיטל תהלים פאַר די תקיעות, דעם קאַפּיטל חזרט מען איבער זיבן מאָל, און מ׳וויינט דערביי וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער.

ביים דוכענען וואָרנט מיך יאַשקע חיה־פּעשעס, אַן עלטערער ייִנגל פון מיר, ניט צו קוקן אויף די כהנים, ווייל ווער עס קוקט אויף זיי, ווערט בלינד. כ׳גיב אַ קליין קוקל דורך די פינגער, און אַז ס׳פאַרשאַדט מיר ניט, קוק איך מער.

די מורא און די אומרו פון ראש־השנה פאַרשווינדט אָבער ביים „תשליך״. דער עולם גייט צום תשליך אין משפחות און גרופעס. מ׳גייט דורך דאָס גאַנצע שטעטל ביז אונטן, אַראָפּ־באַרג, אויף דער לינקער זייט וועג קיין ווילנע, צום טייך דוקשטע.

די דוקשטע פליסט צווישן צוויי פעלדלעך. אין מזרח־זייט איז דאָס פעלד פון אַ שלאַכטיטש, וואָס וויל ניט ליידן, אַז די שטעטלשע יינגלעך, וועלכע באָדן זיך אין טייך, זאָלן זיך אויסטאָן אויף זיין פעלד. ס׳טרעפט אויך אַמאָל, אַז ער רייצט אָן זיין הונט אויף די יינגלעך, אָדער וואַרפט אַריין זייערע זאַכן אין וואַסער. אין מערב־זייט איז דאָס פעלד פון ישעיה־יאַנקל לענטשער. צוצוקומען אַהין דאַרף מען דורכגיין לענטשערס געשעפט און זיין קרעטשמע. זאָגט ער, ישעיה־יאַנקל: דאָס שטעטל וויל מאַכן מיין „רשות היחיד״ (פּריוואַט פאַרמעגן) פאַר אַ „רשות הרבים״ (קהלש פאַר־מעגן). כ׳וועל דאָס ניט דערלויבן. ראש־השנה אָבער איז זיין פעלד אָפן פאַר אַלע, וואָס גייען צום תשליך; אויך דער שלאַכטיטש שטערט קיינעם ניט ראש־השנה צו קומען צום טייך אויף זיין זייט לאַנקע.

צום תשליך זאָגן איז ישעיה־יאַנקלס פעלד און סאָד פול מיט שטעטלשע און דאָרפישע יידן, וועלכע טרייסלען אָפּ נאָכדעם זייערע פאָלעס, אָדער טרייסלען אויס זייערע קעשענעס, אין דעם טייך דוקשטע. דער עולם פאַר־ברענגט דאָרט אויפן גרינעם גראָז איבער אַ שעה צייט. אַ טייל מאַנסבילן רויכערן און ווינצלען זיך. זיי זאָגן, אַז די שטעטלשע נגידים האָבן אַריינגע־וואָרפן אין טייך אַזוינע גרויסע פּעק עבירות, אַז די פיש וועלן דערפון ווערן דיק און גראָב. אַנדערע זאָגן פאַרקערט, אַז די אָרעמע פיש וועלן, נעבעך, דערמיט זיך פאַרסמען...

⁂

אויף מאָרגן נאָך ראש־השנה פאָרן אַוועק אַ סך ישובהניקעס צוריק אין זייערע דערפער און פאָלוואַרקעס און קומען ווידער ערשט ערב יום־כיפּור. אַנדערע פאַרבלייבן אין שטעטל די גאַנצע „עשרת ימי תשובה״. דער שטעטלשער בית־המדרש איז אין אָט די צען טעג פול מיט מענטשן. קיי־נער לויפט ניט אַוועק באַלד נאָכן דאַווענען. נאָר זאָגט „חוק לישראל״, קאַ־פּיטלעך תהלים, „מעמדות״, לערנט אַ שטיקל „חיי־אדם״, אַ פּרק „משניות״ אָדער אַ בלאַט גמרא.

שבת שובה (שואווע), דעם שבת צווישן ראש־השנה און יום־כיפּור, זאָגט דער מיישעגאָלער רב אַ דרשה. ער רופט דעם עולם צו טאָן תשובה און דערציילט דערביי מעשיות און משלים. כ׳פאַרשטיי זיי אָבער ניט גענוג קלאָר און פאַרגעס זיי באַלד.

די פּויערים פון אונדזער דאָרף ווייסן, אַז ביי יידן איז איצט תשובה־

צייט. ווען זיי קומען אַריין צו אונדז אין שטוב ריידן זיי שטילער און קירצער ווי אַ גאַנץ יאָר.

ערב יום־כיפור שטייען מיר אַלע אויף פרי. דער טאַטע האָט שוין גרייט פאַר אונדז געבונדענע עופות, היגער און הענער, אויף צו שלאָגן כפרות מיט זיי: אַ ווייסע הון פאַר דער מאַמען, אַ ווייסן האָן פאַרן טאַטן, ווייסע קורטשענטעס פאַר מיין עלטערער און יינגערער שוועסטער און אַ ווייס הענדל פאַר מיר. מיין צוויי־יאָריקע שוועסטער, דאָבעלע, שלאָגט כפרות מיט געלט: צוויי בלישטשענדיקע זילבערנע צענערלעך (5 קאָפּיקענע) אין אַ ווייסן פּאַפּירענעם זעקל, וועלכע זי דרייט אַרום קאָפּ מיט אירע אייגענע הענטלעך וויפל מאָל זי וויל נאָר. די כפרה־עופות טראָגט מיין עלטערע שוועסטער און ברענגט זיי צוריק געשאָכטענע און אָפּגעפּליקטע.

די מאַמע נעמט אַרויס פון מולטער דאָס טייג, וואָס זי האָט נעכטן אָוונט פאַרקנאָטן און מאַכט אויס „יום־כיפור־חלות". זי מאַכט זיי ניט קיילעכדיק, ווי די ראש־השנהדיקע, נאָר לענגלעכע, ווי די שבתדיקע. זייערע פלעכטלעך, אָבער, ליגן ניט צו איינציקע אין דער לענג, נאָר צו עטלעכע אין דער ברייט פון דער חלה און זעען אויס ווי קליינע לייטערס. די מאַמע זאָגט, אַז דאָס איז אַ סימן, אַז אונדזערע תפילות זאָלן אַרויפגיין אין הימל אַזוי ווי אויף לייטערס און „אויסבעטן פאַר אונדז און פאַר כלל־ישראל, מחילה און סליחה, און אַ גוט יאָר."

נאָכדעם ווי די מאַמע האָט אונדז, די קלענערע קינדער, בייטאָג אַרומגעוואַשן, אויסגעצוואָגן און פאַרקעמט, האָט דער טאַטע מיך מיטגענומען מיט זיך אין שטעטלשן בית־המדרש. ער ברענגט מיט לאַנגע יום־כיפור־ליכט, וואָס ער שטעלט אַריין אין איינעם פון די מעשענע לייכטער אין עמוד. אַן אַנדער ליכט אַזאַ לאָזט ער אין שטוב אין אַ קעסטל זאַמד, ס'זאָל דאָרט ברענען ביז מוצאי יום־כיפור.

אויף אַ לאַנגן טיש ביים טיר פון בית־המדרש שטייען אַ סך טעלער מיט מטבעות. אויף יעדן טעלער ליגט אַ צעטל מיט גרויסע געכתיבהטע אותיות, אויף וואָס דאָס געלט גייט.

דער טאַטע דערקלערט מיר, אַז אַלץ גייט פאַר וויכטיקע זאַכן. ער לייגט אַרויף אַביסל מטבעות אויף יעדן טעלער. נאָר מער ווי אין אַלע גיט דער טאַטע פאַרן חזן און די משוררים, ווייל, זאָגט ער, קהל באַצאָלט ניט גענוג.

אין אַ ווינקל פון בית־המדרש זיצט אַ קליינע גרופּע מענטשן, וועלכע זאָגן עפּעס פון אַ ספר. מיין טאַטע רופט עס אָן „התרת נדרים", און גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז דאָס זיינען זיי „מתיר נדר" (מאַטער־ניידער) עמיצן, וועלכער האָט זיך געגעבן אַ נדר עפּעס וואָס צו טאָן, וואָס ער קאָן ניט דורכפירן.

הינטערן באַלעמער (בימה) זע איך מענטשן לייגן זיך אויפן פּאָל און לאָזן זיך געבן שמיצלעך מיט אַ שטיקל רימען. כ׳פרעג דעם טאַטן וואָס דאָס מיינט? ענטפערט ער:

— זיי רופן עס געבן „מלקות" (מאַלקעס) ווי אַ תשובה, אַ שטראָף, פאַר זייערע זינד. אין דער אמתן איז דאָס נאָר „געשפּילט טריאַטער". אמתע תשובה טוט אַ מענטש מיט אַ צעבראָכן האַרץ, מיט טרערן פון חרטה און ניט מין אַן אָנשטעל פון כלומרשטע שמיץ.

פאַרנאַכט פאַרפאַסטן מיר זיך אַלע פאַר יום־כיפור. נאָר פאַסטן וועלן בלויז טאַטע־מאַמע און טאַנקע, מיין עלטערע שוועסטער. פאַר מיר, זאָגט דער טאַטע, איז נאָך צו פרי צו פאַסטן. ער וועט מיך אָבער מיטנעמען אין בית־המדרש צו „כל נדרי". טאַנקע וועט בלייבן אין שטוב מיט ראָכקען און דער קליינינקער דאָבעלע, צוליב דער פאַסירונג פון לעצטן יאָר.

לעצטן יאָר זיינען מיר ביידע, ראָכקע און איך, געבליבן מיט דאָס עופּהלע אין שטוב. מאַטשעיאָווע האָט צוגעזאָגט אַכטונג צו געבן אויף אונדז דרייען. זי האָט פאַרוויגט דאָבעלען אין וויגעלע, וואו זי איז באַלד איינגעשלאָפן און געשוויגן. מיר ביידע, ראָכקע און איך, האָבן זיך אָבער איינגעעקשנט צו וואַרטן אויף טאַטע־מאַמע און זיך ניט געלייגט שלאָפן. די אַלטע מאַטשעיאָווע האָט געזוכט אונדז איינצושלעפערן דורך מעשיות. מיר האָבן אָבער אַלע ווײַלע געפרעגט: ווען קומט דער טאַטע מיט דער מאַמען? מאַטשעיאָווע זאָגט אונדז דעמאָלט אויס וואו דער טאַטע געפינט זיך איצט. זי דערציילט אונדז:

— היינט איז די „סטראַשני נאַטשי" (שרעקלעכע נאַכט). ווען דער „דיאַבאַל" (טייוול) כאַפּט אַ יידן, נעמט ער אים אַרויף אויף זיינע גרויסע שוואַרצע פליגל און פליט מיט אים דורך „שוואַרצע" וואָלקנס צו די „סטראַשנע" שוואַרצע בערג אין „עק־וועלט". ס׳קאָן דעריבער זיין, אַז דער „דיאַבאַל" וועט מיט אים אַרומפליען אַ גאַנצע נאַכט.

כ׳האָב געטענהט, אַז דאָס איז ניט אמת. דער טאַטע אַליין האָט אונדז געזאָגט, אַז עס זיינען מער ניטאָ קיין שדים און טייוואָלים אויף דער ערד. מאַטשעיאָווע איז געוואָרן בייז, געזאָגט אַז כ׳בין אַ „זשידעק נע דאָוויאַרעק" (ניט גלויביקער יידל), אָבער אַלע אין דאָרף ווייסן, אַז ס׳איז דאָ אַ „דיאַבאַל". ראָכקע וויינט זיך פאַנאַנדער אויפן קול. דאָס עופּהלע כאַפּט זיך אויף מיט אַ געשריי. מאַטשעיאָווע קאָן עס ניט איינשטילן. זי ווערט צעשראָקן און הויבט אָן וויינען. קוקנדיק אויף זיי דרייען ווײַן איך אויך. צום גליק זיינען באַלד אָנגעקומען טאַטע־מאַמע מיט טאַנקען און אונדז אַלעמען באַרואיקט...

ביים בענטשן נאָכן עסן האָט דער טאַטע שטאַרק געוויינט און נאָכמער די מאַמע. נאָכן בענטשן האָט דער טאַטע געקושט מיינע שוועסטער און

זיי געבענטשט. נאָכדעם זיינען מיר אַליין דריי, טאַטע־מאַמע און איך, געגאַנגען צום זיידן, וועלכער האָט אונדז וויינענדיק געבענטשט.

דער בית־המדרש איז געפּאַקט מיט מענטשן. אַ חוץ די שטעטלשע יידן און די מאַסן ישובהניקעס, שטייען נאָך אַרום טיר אין מערב־זייט די מייסטע פּויערים פון אונדזער דאָרף. דער פּאָליש איז פול מיט פּויערטעס (אַ סך פון זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט ליכט פאַרן בית־המדרש און זיי אַוועקגעלייגט אין אַ קעסטל דאָרט).

די דערוואַקסענע יידן גייען כמעט אַלע אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען און אויף זיי טליתים. אַ טייל מיט זילבערנע עטרות. דעם טאַטנס קיטל איז פאַרגאַרטלט מיט אַ ווייסן קוטאַש מיט פרענז. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ ווייסע זעקס־קאַנטיקע זיידענע יאַרמעלקע. פון דער ווייסקייט בלישטשען אַרויס זיינע ברענענדיקע שוואַרצע אויגן און זיין פיין פאַרקעמטע שוואַרצע באָרד. אַלע דערוואַקסענע יידן שטייען אויף פרישן היי, אָן שטיוול און אָן שיך, נאָר אין ווייסע זאָקן. זיי זעען אויס אַנדערש ווי אַ גאַנץ יאָר: אַ סך פּשוטע יידן קוקן אויס, ווי זיי וואָלטן געווען לומדים, צדיקים, למד־וואָווניקעס.

די „תפילה זכה" האָט דער טאַטע נאָך בייטאָג דורכגעלייענט, מיט אַ „מאָראַלישן" ניגון. דאָך קוקט ער ווידער אַריין אין איר אין דער צייט, ווען דער שמש פאַרקויפט די מצווה פון „פּתיחה" (דאָס עפענען דעם ארון־קודש צו „כל־נדרי"), און דער רב מיט די לומדים נעמען אַרויס ספר־תורות. נאָכדעם ווי דער רב זאָגט עטלעכע ווערטער און דער חזן הויבט אָן זינגען, ציט דער טאַטע אַרויף דעם טלית איבער זיין קאָפּ און זינגט מיט שטיל יעדעס וואָרט.

דער ניגון פון כל־נדרי דרינגט מיר אַריין טיף אין האַרצן. כ׳דערמאָן זיך אויף מיין רבינס ווערטער, סוף־זמן אין חדר, אַז אין שפּאַניע האָבן געזונגען כל־נדרי באַהאַלטענע יידן אין היילן, וואו זיי זיינען יעדע מינוט געווען אין געפאַר צו ווערן געכאַפּט פון דער אינקוויזיציע און ווערן פאַר־ברענט אויפן שייטער־הויפן. כ׳טראַכט: ס׳קאָן זיין, אַז דער טאַטע פון מיין עלטער־עלטער זיידן, ר׳ יודל אַמסטערדאַמער, דער „ספרדי", איז געווען צווישן די דאָזיקע באַהאַלטענע יידן אין אַ שפּאַנישער הייל, און איצט שטייט דאָ, אין מיישעגאָלער בית־המדרש, מיין טאַטע, זיינער אָן אור־אור־אייניקל, און זינגט־מיט שטילערהייט די זעלביקע ווערטער, מיט דעם זעלביקן ניגון...

נאָך מעריב הייסט מיר דער טאַטע אַרויפגיין אין דער וויבערשער שול צו דער מאַמען, וועמען אונדזערע שכנים וועלן באַגלייטן אַהיים. ער אַליין שטעלט זיך אַוועק ביים עמוד און הויבט אָן זינגען מיטן עולם דעם

„שיר היחוד" — אַ לויב־געזאַנג צום אויבערשטן. די מאַמע זאָגט מיר, אַז דער טאַטע בלייבט אין בית־המדרש אַ גאַנצע נאַכט און זינגט דאָרט „הייליקע געזאַנגען" ביז „שחרית" (דעם פרימאָרגן דאַוונען).

ווען כ'שטיי אויף אין דער פרי איז שוין די מאַמע ניטאָ אין שטוב. כ'געפין זי שפּעטער אין דער ווייבערשער שול, לעבן איר מאַמען, מיין באָבע דבורה, וועלכע זאָגט תּפילות און תּחינות פאַר יענע ווייבער, וועלכע קענען קיין עברי ניט. מיין מאַמע קען אויך ניט קיין „עברי־טייטש" און קען ניט איבערלייענען די קלענסטע תּחינה. דאָך זאָגט זי ניט נאָך דער באָבען, ווי אַנדערע ווייבער טוען. זי זאָגט ליבערשט אירע אייגענע ווערטער, אין „פּראָסט־יידיש", אין וועלכע זי גיסט אויס איר פאַרביטערט האַרץ פאַרן „טאַטן אין הימל". ווען איך זאָג איר, אַז דאָס קאָן זי דאָך טאָן אין שטוב, ענטפערט זי מיר, אַז זי וויל זיין צוזאַמען מיט כלל ישראל, הערן די „הייליקע ניגונים" און מיטזינגען און מיטוויינען מיט אַלע יידן צוגלייך.

דער מאַמעס ערשטע פראַגע איז געווען, צי כ'האָב עפּעס וואָס געגעסן, צי ס'ציט מיר ניט, חלילה, דאָס האַרץ. זי זאָגט מיר אָן, אַז כ'זאָל שפּעטער אַריינלויפן צום זיידן אין שטוב און נעמען ביי איר שוועסטער, מיין מומע לאהקע, אַ המוציא חלה מיט האָניק, אַ גלאָז מילך (אויב כ'וועל ניט זיין פליישיק), אַן עפּל, אַ סאַפּעזשאַנקע, אַ פּאָר באַרלעך, פלוימען אָדער אַנדערע פּרוכטן. נאָכדעם שיקט זי מיך אַרונטער צום טאַטן.

דער טאַטע שטייט אַזוי ווי נעכטן ביינאַכט מיטן טלית איבערן קאָפּ. ער זיפּצט און קרעכצט, זאָגט און זינגט אין דער שטיל. ער הייסט מיר קוקן אין מחזור און מיטזינגען שטילערהייט.

אַנדערע דאַוונער מאַכן געוואַלדן. חיים קאַבאַקער, דער קרעטשמער פון דאָרף קאַבאַק, שרייט מיט קולות, פּאַטשט מיט די הענט און קלאַפּט זיך אין האַרצן. מיין טאַטע אָבער הויבט אויף הויך זיין קול נאָר דעמאָלט ווען ער דאַוונט פאַרן עמוד אָדער ער זינגט פאַרן עולם.

מיט פאַרוואונדערונג זע איך מיין טאַטן און די אַנדערע דאַוונער „פאַלן כורעים". דער טאַטע הויבט זיך אויף זייער פלינק און העלפט אויך די משוררים אויפהויבן דעם חזן, וועלכער פאַלט כורעים לעבן אונדזער שטענדער.

צו „יזכור" הייסט מיר דער טאַטע אַרויסגיין מיט אים פון בית־המדרש, אין פּאָליש, אָדער אין דרויסן. ער דערקלערט מיר, אַז דאָס איז אַ תּפילה נאָך די טויטע און די וועלכע האָבן טאַטע־מאַמע דאַרפן עס ניט זאָגן און אפילו ניט שטיין דערביי. ס'גייען אַרויס פון בית־המדרש כמעט אַלע יינגלעך און יונגען, ווי אויך אַזוינע מענער ווי מיין טאַטע, וועלכער איז גליקלעך געווען נאָך צו האָבן אי אַ טאַטן, אי אַ מאַמען: מיין דאָרפישן זיידן שאול־יהודה און מיין באָבע לאה, וועלכע וואוינען אין דאָרף לוצק.

יום־כיפור פאַרנאַכט שטייען הייפלעך יידן אין דרויסן פון בית־המדרש, בלאַסע, פאַרחלשטע. מיין טאַטע, און די מייסטע אַנדערע דאַוונער שטייען נאָך אַלץ ביי זייערע שטענדערס, מיט די פּנימער צו מזרח און הערן ניט אויף צו זיפצן און וויינען.

צו „נעילה" הויבט אָן דער עולם תפילה טאָן מיט נייע כוחות. מ'בעט זיך: „שערי שמים פתח" (עפן אויף די טויערן פון הימל) פאַר נעילה, פאַרן פאַרשליסן זיי. אָט אַזוי וויינט מען און בעט מען מיט די לעצטע כחות, ביז וואַנען ס'הויבט אָן ווערן טונקל און ס'דערהערט זיך דער קול פון שופר, וואָס וואַרפט אָן אַן אימה (איימע). כ'דערמאָן זיך די ווערטער פון נביא עמוס, אַז ווען מ'בלאָזט שופר אין אַ שטאָט ציטערט דאָס פאָלק, און מיר דוכט, אַז כ'הער דעם ציטער פון דער גאַנצער עדה (איידע) יידן.

דער מוראַדיקער תשובה־טאָג, דער „שבת פון די שבתים" פאַרענ־דיקט זיך מיט דעם רוף פון פּסחדיקן סדר: „לשנה הבאה בירושלים!" און מיט דעם אויסגעשריי: „ד' הוא האלהים", אַז דער גאָט פון די נביאים איז דער אמתער גאָט, וואָס דאָס דערמאָנט מיך אין דער סצענע אויפן באַרג כרמל... מיר דוכט זיך, אַז כ'זע דאָרט אליהו הנביא, אַרומגערינגלט פון די זעלביקע יידן, וועלכע שטייען דאָ איצט אין בית־המדרש, אָנגעטאָן אין קיטלען און טליתים...

דער טאַטע גייט אַהיים אַ שוויַיגנדיקער, און איך גיי ביי זיין זייט. די לבנה באַשיינט אונדז דעם וועג דורכן שטילן דאָרף. ווען מיר גייען אַריין אין שטוב איז שוין גרייט דער טיש אויף אָפּצופּאַסטן זיך. דער טאַטע נעמט אָבער צוערשט אין פירהויז די האַק און קלאַפּט אַריין אַ פּלעקל אין דרויסן, לעבן אונדזער שטוב, אויף דעם אָרט, וואו ער וועט אין אַ פּאָר טעג אַרום נעמען בויען אונדזער סוכה.

קאַפּיטל פופצן

אין דעם זיידנס נייער שטוב

אויף דעם אָרט פון דער אָפּגעברענטער שטוב האָט דער זיידע זיך געלאָזט אויסבויען אַ גרעסערע. זיין שכן, דער פויער קוראָווסקי, האָט פאַר־דונגען אָדער פאַרקויפט דעם זיידן דעם ליידיקן פלאַץ צווישן זיין תבואה־„מאַגאַזין" און דעם זיידנס פריערדיקער שטוב. דעם זיידנס נייע שטוב האָט דעריבער דריי וואוינונגען אָנשטאָט די פריערדיקע צוויי. דער זיידע מיט דער באָבען וואוינען, ווי פריער, אין דער שטוב פון מזרח־זייט. אין דער מערבדיקער שטוב, וואָס האָט אַ באַזונדער גאַניק, וואוינט זייער איינ־

ציקער זון, מיין פעטער יאַנקל־משה, וועלכער האָט דאָרטן אויך זיין סטאַליאַרניע. די מיטלסטע שטוב איז צום פאַרדינגען, כדי צו האָבן צושטייער אויף צו צאָלן פּראָצענט צו ליבע ר. עליעס, וועלכע האָט אַ היפּאָטעקע (אַ מאָרטגעידזש) אויף דעם זיידנס שטוב; אויך צו צאָלן די שטייערן פון דער יידישער געמיינדע און די „פּאָדאַטקעס" צו דער רעגירונג. אַז דער זיידע באַצאָלט ניט די שטייערן אין צייט, קומען רעגירונגס־באַאַמטע און נעמען אַוועק אַלצדינג פון שטוב.

אין אַ ווינטערדיקן אָוונט, ווען יונגע לייט, צווישן זיי אויך מיין טאַטע, זיצן אין זיידנס שטוב אַרום דעם גרויסן טיש און שפּילן אין קאָרטן, שטעלן זיי אין „סטאַוועקע" אָדער אין „קאָן", פּאַפּיראָסן. זיי קויפן עס ביי מיין מומע לאהקע. זי איז צוריקגעקומען פון ווילנע שוין צו פאַרבלייבן אין שטעטל. זי איז שוין אַ „כלה־מיידל" און מ׳רעדט איר שידוכים.

די מומע לאהקע זיצט אין קאַמער ביים קיילעכדיקן טישל נאָענט צום פענצטער אין דרום־זייט, וואָס קומט אַרויס צו די גערטנער און פעלדער. זי קלעפּט אויס גילזן, פילט זיי אָן מיט טאַבאַק, וואָס זי באַשפּריצט צוערשט מיט אַ דינעם וואַסער־שטויב, און מיט אַ קאַרטאָן אָנשטאָט אַ „ציגאַר־שפּיצל". אַ סך שטעטלשע בחורים און יונגע לייט קויפן ביי איר גאַנצע מאות פּאַפּיראָסן. מיין טאַטע זאָגט, אַז לאהקעס פּאַפּיראָסן זיינען פון בעסטן טאַבאַק און האָבן אַ בעסערן טעם ווי די פון עדעלשטיינס און דערונצעס פאַבריקן אין ווילנע.

ביינאַכט שטייען אָרעם־בחורים אין גאָרטן און קוקן פון וויטן אַריין אין פענצטער פון קאַמער צו זען, ווי די מומע לאהקע מאַכט פּאַפּיראָסן. ווען זיי הערן עמיצען קומען, פאַרשווינדן זיי. שטעטלשע בחורים און יונגע לייט האָבן אויך האָלט צו קוקן ווי זי אַרבעט.

מיין מאַמע זאָגט, אַז איר יינגסטע שוועסטער, לאהקע, זעט אויס ווי אַ בת־מלכה. אויב אַזוי דאַרף אַ בת־מלכה אויסזען זייער שיין. וואָרים מיין מומע לאהקע איז שענער פון די פּאַניענקעס, וועלכע רייטן פאַרביי דעם זיידנס שטוב. אירע אויגן לייכטן מיט חכמה און גוטסקייט. אויף אירע ליפּן שוועבט אַ לייכטער שמייכל, וואָס פילט אָן דאָס האַרץ מיט נחת — שטעטלשע בחורים שיקן צו איר שדכנים און שדכנטעס. זי זאָגט: ס׳איז ניטאָ זיך וואָס צו איילן.

צייטנווייז זיץ איך אין קאַמער לעבן דער מומע לאהקע, וועלכע אַרבעט שנעל און פרעגט מיך צוגלייך אַלערליי פראַגעס וועגן מיין לערנען און מיינע חברים. צום בעסטן פיל איך זיך, ווען כ׳קאָן איר מיט וואָס מיט־העלפן: איר דערלאַנגען די גומיראַביקע אויף צו באַשמירן אַ פּעקל פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, פון וועלכן זי קלעפּט אויס די גילזן; דערלאַנגען איר אַ פרישן אַכטל טאַבאַק, אַ פּאַפּירענע שאַכטל אַריינצולייגן אַ פרישע מאה פּאַפּיראָסן. א. ד. גל.

אַפּטער אָבער געפינען איך זיך אין דער סטאָליאַרניע פון מיין פעטער יאַנקל־משה. באַלד ווי כ׳קום פון חדר לויף איך אַריין צום פעטער יאַנקל־משהן. איך האָב האָלט צו זען ווי ער מאַכט אַ קאָמאָד, ווי ער שטעלט צוזאַמען ווענט און ווענטלעך און די ווינקלען פּאַסן זיך אַזוי „שטשילנע״ צוזאַמען, ווי זיי וואָלטן געוואַקסן פון איין אויסגוס.

זיין העלפער, וועלכער פּאָלירט די קאָמאָדן און אַנדערע מעבל, איז דאָמיניק — אַן עלטערער דייטש מיט שפּאָקולן אויפן נאָז. ער רעדט צו מיר אין יידיש און איז גאַנץ פריינטלעך. ער האָט פאַר מיר געמאַכט אַ שטולכל אין דער גרויס פון אַ פוס־בענקל. כ׳קאָן אויף דעם זיצן לעבן אַ טאָבורעטקע, ווי לעבן אַ טיש. איך טו דאָס, ווען איך דאַרף זיך וואָס אויסלערנען, איבערשרייבן פון אַן „אָפאַר״ אָדער איבערלייענען אַ מעשה־ביכל.

דער פּאַקנטרעגער, ביי וועמען די באָבע קלייבט אויס פאַר זיך צו לייענען געבונדענע ביכער, דערציילונגען און ראָמאַנען, לאָזט אַלעמאָל איבער אויך קליינע און דינע ביכלעך. איך האָב פון זיי אויסגעקליבן: „מעשה ירושלים״, „עזריאל מיטן בער״, „דער מקדש מלך״, „מעשה מתוק מדבש״, „קינדער אין וואַלד״ א. א. וו. איך פאַרשטיי נאָך ניט אַלץ, וואָס דאָרט ווערט דערציילט. די באָבע זאָגט: לייען נאָר, וואָס דו פאַרשטייסט. דאָס איבעריקע לאָז איבער פאַר שפּעטער. לייען איך טאַקע ליבער אין איר „צאינה וראינה״, די מעשיות וועגן אברהם אבינו, יוסף און די ברידער א. ד. גל., וועלכע ווערן דאָרט דערציילט מיט מער איינצלהייטן ווי אין חומש.

שבת זעט אויס דער חדר גאָר אַן אַנדערער. דער רבי, די רביצין, זייערע קינדער און די תלמידים זיינען אַלע אויסגעפּוצט לכבוד שבת. די שטוב איז ריין און יום־טובדיק. דער לאַנגער טיש אויף וועלכן מיר לערנען איז באַדעקט מיט אַ וויסן טישטעך.

מיר קומען אַריין אין חדר ניט אין דער פרי, ווי אינדערוואָכן, נאָר אין מיטן טאָג. דערוואַקסענע שלאָפן נאָך זייער „שבת־נאָכן־קוגל״־שלאָף. קינדער און יונגוואַרג שפּילן זיך אין יענער צייט און אויך מיר חדר־יינגלעך קומען אַלע אין מיטן פון אַ שפּיל.

אויך די לימודים זיינען לייכטע און שפּילעוודיקע. אַלע כתות (קיטעס) לערנען צוזאַמען. אַנשטאָט חומשים, תנ״כן און גמרות האַלטן אַלע סידורים. ווינטער זאָגן מיר אַלע „ברכי נפשי״ און אַ פּופּצן קלענערע און גאָר קליינע קאַפּיטלעך תהלים — די „שיר המעלותן״. זומער לערנט דער רבי מיט אונדז פּרק. די זעקס פּרקים פון „פּרקי אבות״ גייען מיר דורך אין זעקס שבתים און נאָכדעם הויבן מיר ווידער אָן פונעם ערשטן פּרק.

דעם „ברכי נפשי״ און די „שיר המעלותן״ קען איך שוין אויסווייניק. כ׳קען זיי אויך פאַרטייטשן.

אין „ברכי נפשי" ווערט באַשריבן אַ גרויסער ברייטער ים, אויף וועלכן עס שווימען שיפן און עס שפּילן זיך פיש. איך האָב נאָך קיינמאָל קיין ים ניט געזען. איך פאַרטראַכט זיך דעריבער אַמאָל און הויב אָן חלומען פון אים. איך בלייב דעמאָלט הינטערשטעליק און דעריאָג קוים מיינע חברים.

מיר זאָגן דעם „ברכי נפשי" און די „שיר המעלותן" ווי אַלע אַנדערע עברי. איך דערמאָן זיך אָבער יעדעס מאָל דעם אומעטיקן ניגון מיט וועלכן מיין טאַטע זינגט מיט אַן עולם יידן די „ליקוטי מזמורים" (געקליבענע קאַפּיטלעך תהלים), אַ פּסוק איבער אַ פּסוק, שבת פאַרנאַכט, נאָך „שלש־סעודות" און פאַר מעריב. דער בית־המדרש איז דעמאָלט האַלב טונקל. דאָס ליכט פון „נר־תמיד" און „יאָרצייט־ליכט" זיינען צו שוואַך צו באַ־לייכטן דעם גרויסן בנין. וואָס ווייטער ווערט דער עולם אַלץ מער איינ־געוויקלט אין שאָטנס. אויך מיין טאַטע אויף דער בימה זעט מען ניט מער אָן. מען הערט נאָר זיין האַרצרייסנדיקן ניגון פון „ממעמקים קראתיך" (פון דער טיפעניש האָב איך צו דיר גערופן), מיט וועלכן ער זינגט אויך די אַנדערע „שיר המעלותן."

פון פּרק זאָגן מיר ניט נאָר די עברי, נאָר ביסלעכווייז הויבט אויך אָן דער רבי עס פאַרטייטשן. מיר זאָגן עס, אַזוי ווי ער, מיטן ניגון פון דער גמרא, וואָס ער לערנט אַ גאַנצע וואָך מיט די גמרא־יינגלעך. נאָר כאָטש דער ניגון איז פון דער גמרא, לייענט זיך דער פּרק לייכטער ווי אַ סך קאַ־פּיטלעך תנ"ך. ווען דער רבי פאַרטייטשט אַ שטיקל פּרק, דערמאָן איך זיך, אַז אַ סך אַזוינע ווערטלעך האָב איך שוין געהערט פון מיין באָבען און זיידן און אויך פון מיין טאַטע־מאַמען. באַזונדער די ווערטלעך פון הללן, וועלכע די באָבע זאָגט אָפט איבער. זי האָט אויך איינמאָל באַמערקט, אַז ער איז אירער אַן עלטער־עלטער זיידע. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר גע־מאַכט הללס מעשה, אַז ער האָט אַמאָל געזען אַ קאָפּ, וואָס איז געשוואומען אויפן וואַסער און ער האָט צו אים געזאָגט: ווייל דו האָסט דערטרונקען אַנדערע, האָט מען דיך דערטרונקען, און דיינע דערטרינקער וועלן אויך דערטרונקען ווערן. מיר איז געפעלן, אַז „אַ וועלט איז ניט הפקר", ווי די באָבע זאָגט, און פאַר יעדן רשע קומט אַ טאָג פון „רעכענונג און באַצאָלונג."

דער טאַטע איז געקומען פון דאָרף צום זיידן אין שטעטל און מיך מיטגענומען אין בית־המדרש אַריין אין אַ וואָכעדיקן פאַרנאַכט. דער זיידע מיט דער באָבען זיינען אויך מיטגעגאַנגען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס וואָס האָט פּאַסירט.

אין בית־המדרש איז געווען ליכטיק, נאָר אומעטיק. דער טאַטע האָט געדאַוונט מנחה פאַרן עמוד מיט אַ וויינענדיקער שטים ווי אין אַ תענית. פון דער ווייבערשער שול האָט זיך געהערט אַ געוויין. מאַנסבילן האָבן געזיפצט.

נאָכן דאַווענען האָט שלמה דער שמש אויסגערופן, אַז אַ מגיד וועט מאַכן אַן הספד נאָך ר׳ משה מאַנטעפיאָרן *). אַן עלטערער ייד מיט אַ גרויער באָרד **) איז אַרויף אויף דער בימה און האָט אָנגעהויבן זיין הספד.

פון דעם גאַנצן הספד איז געבליבן אין מיין זכרון נאָר אַ משל. דאָס איבעריקע האָב איך אַפנים ניט פאַרשטאַנען, כאָטש איך בין געזעסן אויף די טרעפּלעך, וואָס פירן צום ארון־קודש און געקוקט דעם מגיד אויף דער בימה אין מויל אַריין. אַ חוץ דעם משל געדענק איך נאָר, אַז ער האָט גע־הייסן דעם עולם זיך זעצן שבעה. מיין טאַטע האָט אַוועקגעלייגט זיין שטענדער אויף דער ערד און צוזאַמען מיט בערע־לייב דעם שוסטער זיך געזעצט אויפן ליגנדיקן שטענדער, ווי אויף אַ פוס־בענקעלע ביים זיצן שבעה.

דעם מגידס משל געדענק איך אַזוי:

„אויף אַ לאָנקע פיטערן זיך שאָף. זיי רירן קיינעם ניט אָן. בייזע וועלף טשאַטעווען, גרייט זיי צו פאַרצוקן. די שאָף בלייבן גאַנץ, אַדאַנק זייער טרייען פאַסטוך. ער וואַכט איבער זיי כסדר און פאַרהיט זיי פון די שאַרפע וואָלפישע ציינער. איצט איז דער פאַסטוך טויט. די נאַכט איז לאַנג און פינצטער. די וועלף וואָיען פון אַלע זייטן און די שאָף געפינען זיך אין גרויס סכנה.״

מיין האַרץ האָט געקלעמט. מיינע אויגן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן. איך בין געווען שטאַרק באַזאָרגט איבער דעם גורל פון די עלנטע שאָף. איך האָב מיטגעוויינט מיט מיין טאַטן און מיט אַלע יידן אין בית־המדרש. איך האָב געהאָפט און געוואונטשן, ס׳זאָל פאַסירן אַ נס און די שאָף זאָלן ניט פאַרצוקט ווערן.

קאַפּיטל זעכצן

אונדזער גאָרטן

ווינטער־צייט קום איך זעלטן אַהיים צו מיין טאַטע־מאַמען. אונדזער דאָרף איז לעבן שטעטל. צו מיינע עלטערן איז אָבער אַ שטיק וועג. לאָזט מען מיך ניט גיין ווינטער־צייט אַזוי ווייט. בפרט נאָך, אַז פון חדר גייט מען אַרויס ביינאַכט. כ׳בין דעריבער אַ גאַנצן ווינטער ביי מיין באָבען אין שטעטל. זומער־צייט אָבער גיי איך פון חדר גלייך אַהיים אין דאָרף. אונדזער

*) געשטאָרבן אין 1885 אינעם עלטער פון 101 יאָר.

**) ר׳ הירשל יאַנאָווער אָדער ר׳ חיים רומשינסקער, באַליבטע אַרומ־פאָרנדיקע מגידים, וועלכע מיין טאַטע און מיין זיידע פלעגן אָפט דערמאָנען.

פויערשע שטוב געהערט צום באַלעגוף וואָלקאָווסקי. ער האָט זי אויפגע־בויט עקסטרע אויף צו פאַרדינגען צו מיין טאַטן.

דער אַריינגאַנג צו אונדז אין שטוב איז דורכן טויער. ביינאַכט פאַרן שלאָף, פאַרמאַכט מען דעם דאָזיקן טויער מיט אַ דעמבאָון שטאַנג, וואָס האַלט זיך אויף צווי גרויסע דיקע אייזערנע האָקן.

אינעם פירהויז שטייען: דער שפּייז־אַלמער, די פעסלעך קרויט, אוגערקעס, בוריקעס־ראָסל, ברויט־קוואַס, עפּל־קוואַס, מעד און וואַסער; די סטופּע צו שטויסן נאָגעלעך און מצה־פאַרפעלעך און מצה־מעל; דער שפּריצער צו באַגיסן דעם גאָרטן, די ברויט־דייזשע און אַלע אַנדערע כלים צום קנעטן, באַקן, מייסטרעווען, וואַשן גרעט און דער גלייכן באַלע־באַטישקייטן. ביי די ווענט געפינען זיך זאַסיקעס מיט בולבעס, פּרוכטן און גרינוואַרג. אַ טייל גרינסן ווערן ווינטער־צייט געהאַלטן אין סקליעפּ, איינגעדעקט מיט שטרוי און זעק.

אין מיטן פירהויז הענגט אַ ברייט דיק ברעט אויף גראָבע שטריק, צוגעבונדן צום באַלקן. דאָס איז די וויג, וואָס דער טאַטע האָט געמאַכט פאַר אונדז, מיינע צווייִ שוועסטער און מיך, וואו מיר וויגן זיך אָפּט.

אויף אַ הויכן לייטער גייט מען אַרויף פון פירהויז אויפן בוידעם. דאָרט שטייען זעק מיט קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער, באָב, אַרבעס, גריקע און הירזש; קערבלעך מיט ברושניצעס, זשוראווינעס, קאַליכעס און ריאַבינעס; ס׳הענגען אויך קרענץ געטריקנטע שוועמלעך און פּרוכטן. דאָרט געפינען זיך אויך די פּסחדיקע כלים, איינגעוויקלט אין היי און שטרוי.

אין דער סטאַדאָלע שטייען אויף באַזונדערע פּלעצער אויסגעבעט מיט שטרוי, דער פערד, די קו און די ציג. דאָרט האָבן אויך זייערע פּלעצער דער אַקער, די בראָנע, די גראַבליע, די קאָסע און די יעגער־ביקס*); אַ פעסל דזשעגעכץ, קעסטלעך מאַזש און סמאָלע, קוליעס שטרוי און בינטלעך היי.

אַרום דעם דאַך אינדרויסן זיינען פאַראַן אַ סך נעסטן, וועלכע וואָראָ־בייטשיקעס און שוואַלבן האָבן פאַר זיך געמאַכט, ווי אויך אַ טויבן־שלאַק, וואָס דער טאַטע האָט אויסגעבויט פאַר אונדזערע טויבן. אויף דער הינ־טערשטער וואַנט פון שטוב ליגן איינע אויף די אַנדערע הונדערטער צע־זעגטע און צעהאַקטע שייטלעך האָלץ.

די ערשטע צייט האָבן זיך געפונען אין דאָרף עטלעכע בעלנים אויף

*) דער טאַטע גייט ניט אויף געיעג, ער האַלט אָבער ווי אַ סך אַנדערע דאָרפס־לייט, גרייט זיין יעגער־ביקס קעגן אַ וואָלף און אויף אָפּצושרעקן גנבים און רויבער, ווען ער באַוואַכט אַ סאָד.

אונדזער בעראָזעווע האָלץ און אַנדערע גוטע מינים האָלץ, מיט וועלכע די מאַמע האָט האָלט צו הייצן דעם אויוון. דער טאַטע האָט אָבער צוגע־טראַכט אַ „ספּאָסאָב״, אַז די גנבים זאָלן מורא האָבן צו גנבענען אונדזער האָלץ. ער האָט אין אַ צאָל שייטלעך האָלץ אויסגעבויערט לעכער און אַריינגעלייגט אין זיי פּולווער. ער האָט די לעכער פאַרשטאָפּט און פאַר־קלעפּט, קיינער זאָל עס ניט דערקענען. צוגלייך האָט ער פאַר זיך געמאַכט סימנים אויף זיי. דער סוף איז געווען, אַז ביי די עטלעכע גנבים זיינען אויפגעריסן געוואָרן די אויוונס ביים הייצן זיי מיט געגנבעטן האָלץ. דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא און מער האָט מען שוין ביי אונדז קיין האָלץ ניט געגנבעט.

ווען איך קום פון חדר אַהיים, זומער־צייט, לויף איך באַלד אַריין אין אונדזער גאָרטן. מיין יינגערער שוועסטער ראָכקע און איך האָבן אין דעם גרויסן גאָרטן אונדזערע אייגענע קליינע גערטנדלעך. מיר האָבן אַליין געמאַכט פּיצלעך בייטן, זיי פאַרזייט מיט זריעה אָדער מיט פלאַנצן און אַרומגעצאַמט מיט שטיינדלעך און שערבלעך. יעדער פון אונדז ביידן גיט אַליין אַכטונג אויפן אייגענעם גערטנדל: באַשפּריצן עס יעדן טאָג מיט פרישן וואַסער, יעטן די ווילדע גראָזן, א. א. וו. מיר האָבן דאָרט גרינע ציבעלעס, רויטע מאָן־בלומען מיט מאָן־קעפּלעך און גאָלדיקע „רויזן״ מיט אַ סך קערנער (סעמעטשקעס).

אין גרויסן גאָרטן נאָענט פונעם צאַם וואַקסן די גרויסע געלע קירבעסן. נאָענט פון זיי פאַרנעמען אַ היפּשן פּלאַץ עטלעכע בייטן קרויט; נאָך דעם גייען בייטן רעטעכער, בוריקעס, מערן (מייערן), ברוקווע, ריבן, אוגער־קעס, חודש־רעטעכלעך. צולעצט קומען ציבעלעס, מאָן, סעמעטשקע־„רויזן״, קימל, פּעטרישקע און אַנדערע פלאַנצן.

דער ווינקל־גאָרטן צווישן שטוב און גאַס איז פאַרפלאַנצט מיט פיין־שמעקנדיקע בלומען פון פאַרשיידענע קאָלירן און גרויסן. אינמיטן פון אָט דעם בלומען־גאָרטן געפינט זיך אַן אלטאַנקע, וואָס דער טאַטע האָט אויס־געבויט פון שטעקלעך. אַרום יעדן פון זיי האָט ער פאַרזייט אַזוינע זריעה, וועמעס פלאַנצן האָבן זיך געטוליעט צו די שטעקלעך און זיי צוזאַמענגע־פלאָכטן אין ווענט מיט אַ דאַך. אין דער אלטאַנקע איז אַלעמאָל קיל און ס׳איז גוט דאָרט צו זיצן אין אַ הייסן זומער־טאָג.

שבת קומען צו מיר צו גאַסט שטעטלשע חדר־יינגלעך. איך פיר זיי אַריין אין גאָרטן און ווייז זיי, ווי מיין טאַטע האָט צעאַקערט און צעגראָבן, ווי מיין מאַמע האָט געמאַכט די בייטן און פאַרזייט מיט זריעה. כ׳בין אויך מכבד מיינע געסט מיט אַ סעודה פון גרינסן פון אונדזער גאָרטן און מיט אַרבעס־שייטן, סטרוטשעס באָב און געבאַקטע זאַנגען פון די פעלדער,

וואָס דער טאַטע באַאַרבעט בשותפות מיט פויערים פון אונדזער דאָרף. די דאָזיקע „סעודה" ווערט ביי אונדז אַ טייל פון אַ שפּיל אַרום כלומרשטע טישן, באַדעקט מיט כלומרשטע טישטעכער און געגרייט מיט כלומרשטער געשיר. עכט זיינען אין אונדזער סעודה נאָר די מאכלים און די געטראַנקען — פרישע קרעניצע־וואַסער און עפּל־קוואַס.

מיין רבי שמעון דער פּאַדריאַטשיק זעצט מיך אַריבער יעדן זמן אין אַ העכערער כיתה (קיטע).

אין פינף זמנים בין איך דורכגעגאַנגען פון דער כיתה, וואָס האָט געלערנט חומש מיט אַ ביסל רש"י, ביז דער, וואָס לערנט גמרא מיט תוספות. כ'האָב שוין צוויי מאָל דורכגעלערנט אַלע פינף חומשים מיט רש"י, ווי אויך יהושע, שופטים, שמואל און מלכים פון תנ"ך און איינמאָל אויך די נביאים און כתובים (תהלים, משלי, איוב א. א. וו.). דעם תנ"ך האָט שמעון דער פּאַדריאַטשיק מיט אונדז געלערנט פּראָסט פשוט מיטן פּירוש פון „מצודת דוד ומצודת ציון", אָן שום אויסריידן און פּשטלעך.

גמרא האָב איך אָנגעהויבן לערנען אינעם עלטער פון ניין יאָר, אינעם ווינטער־זמן 1885—1886. דער דאָזיקער לימוד איז מיר צוערשט ניט געווען אַזוי ליב און אינטערעסאַנט ווי דער תנ"ך. כ'האָב דעריבער געלערנט די גמרא אָן איבעריקן חשק. ס'איז געווען גוט, וואָס מיין רבי האָט אָנגעהויבן מיט מיר די גמרא „בבא מציעא" פונעם דריטן פּרק („המפקיד") און נאָך אים דעם צווייטן („אלו מציאות") און ערשטן („שנים אוחזין"). דאָרט האָט זיך גערעדט וועגן בהמות, עופות, תבואה, וואָל, פלאַקס, פּרוכט, געבעקס א. ד. גל. אַלץ זאַכן, וועלכע זיינען מיר געווען באַקאַנט. ביסלעכווייז ווער איך דעריבער פאַראינטערעסירט אויך אין דעם לימוד פון גמרא.

מיין סדר־הלימוד ווערט נאָכדעם אַזאַ: יעדן פרימאָרגן — לערנען גמרא; נאָכמיטאָג — תנ"ך (די נביאים), און אין אָוונט — שרייבן אויף יידיש, לויטן „בריוושטעלער" פון ליאַנדאָר; מנחה און מעריב דאַוונען אין חדר. יעדן לימוד לערן איך מיטן רבין פיר טעג (פון זונטיק ביז מיטוואָך). דעם פינפטן טאָג, דאָנערשטיק, מוז איך שוין אַליין קענען אַלץ. דער פרייטיק איז אָפּגעגעבן פאַר דער סדרה פון דער וואָך. מיר דאַרפן אַלע „מעביר־קריאה־זיין", דורכגיין די גאַנצע סדרה: „שנים מקרא ואחד תרגום", צוויי מאָל אין לשון־קודש און איין מאָל אין תרגום־לשון. צוערשט גייען מיר דורך די סדרה מיט די רש"י צו איר, און פאַרטייטשן יעדעס וואָרט, נאָכדעם לייענען מיר זי מיטן ניגון פון די טראָפּ, ווי עס לייענט אַ בעל־קורא אין בית־מדרש ביים דאַוונען. צולעצט חזרן מיר איבער די גאַנצע סדרה לויטן „תרגום אונקלוס" (איבערזעצט אין אַראַמייאיש, די שפּראַך, וואָס די יידן האָבן אַמאָל גערעדט, און אין וועלכן לשון עס זיינען

אויך געשריבן אַ צאָל קאַפּיטלעך תנ"ך און דניאל און עזרא). אַ חוץ דעם לייענען מיר נאָך אויך די "הפטרה" און "שיר השירים" מיטן ניגון פון דעם טראָפּ.

"שיר השירים" קען איך דעריבער אויף אויסווייניק, אַזוי גוט ווי "ברכי נפשי", כ'קאָן אָבער נאָך ניט אַלץ פאַרטייטשן ווי דאַרט. כ'ווייס נאָר, אַז "שיר השירים" איז דאָס אויסדערוויילטע "געזאַנג פון אַלע געזאַנגען", ווייל ס'באַזינגט די ליבשאַפט צווישן דעם "אויבערשטן" און דער "כנסת ישראל" — די יידישע אומה. אַזוי האָט דאָס אונדז דער רבי דערקלערט פאַר פּסח, ווען ער האָט מיט אונדז געלערנט אין מיטן וואָך "שיר השירים". ער לערנט אונדז יעדע מגילה פאַר דעם יום־טוב, וואָס מען לייענט זי ביים דאַוונען אין בית־מדרש.

מיר האָבן שוין דורכגעלערנט אַלע פינף מגילות. מער ווי אַלע איז מיר געפעלן די מגילה "רות" פון ערב שבועות, וואָס האָט מיר דערמאָנט אין אונדזערע פעלדער אין אקמענע און קאַצישאַק. אַ שיינע מעשה איז די מגילה "אסתר" פון ערב פורים. זי ענדיקט זיך מיט אַ גוטן סוף. אַזוי ווי אין דעם פאַקנטרעגערס מעשה־ביכלעך, וועלכע כ'לייען איצט אָפט. די מגילה "קהלת" פון חול המועד סוכות האָבן מיר געלערנט סוף זומער־דיקן זמן — פאַרן אויפהערן גיין אין חדר. דעם גרעסטן טייל האָב איך ניט פאַרשטאַנען און דאָס איבעריקע איז מיר ניט געווען געפעלן.

לייכט און קלאָר לייענט זיך מיר די מגילה "איכה" פון ערב "תשעה באָב". דער רבי האָט צוגלייך געלערנט מיט אונדז די מעשיות פון דעם חורבן בית המקדש אין דער גמרא "גיטין". אַלץ איז דאָרט געווען קלאָר און מוראדיק. מיר האָבן אַלע, דער רבי און די תלמידים, פאַרגאָסן טרערן אויפן חורבן פון ירושלים און דעם גרויסן בראָך פון אונדזער יידישן פאָלק.

דורך אָט די און אַנדערע מעשיות איז מיר די גמרא געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ נעענטער.

קאַפּיטל זיבעצן

דער נייער ארון־קודש

מיין פעטער יאַנקל־משה דער סטאָליער איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן צוזאַמען מיט דער מומע האָדע און מיט זייער יינגעלע דוד־הירש. אין זיין שטוב, אַ טייל פונעם זיידנס, האָט זיך אַריינגעקליבן זיין און מיין מאַמעס שוועסטער, די מומע בת־שבע, מיטן מאַן משהטשיק דעם שוסטער און זייערע צוויי קליינע יינגלעך, ראַכמילקע און זעלקע, אַ נאָמען נאָכן פעטער זעליג, וואָס איז געפאַלן אינעם טערקישן קריג.

דער פעטער משהטשיק, אַ זון פון מיין עלטער־עלטער פעטער ראובן

דער טעפּער, איז אַ גוטער באַלמעלאָכע. ער נייט אויף פּיינע שטיוול, שיך און קאַמאַשן; פאַר מיר האָט ער געמאַכט אַ פּאָר שטיוועלעך פון רויטן סאַפּיאַן. מיך אינטערעסירט אָבער מער סטאָלערײַ. ווען כ׳קום אַמאָל אַרײַן צום פעטער משהטשיק, קוק איך ווייניקער אויפן שוסטער־וואַרשטאַט ווי אויפן בילד פונעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, וואָס ליגט אַ טויטער, צעריסן פון אַ באָמבע. כ׳האָב געפרעגט דעם פעטער משהטשיק: ווער האָט דעם קייסער דערהרגעט און פאַרוואָס? האָט ער מיר געזאָגט, אַז דאָס האָבן געטאָן „ניליסטן“, וואָס זײַנען קעגן קייסאָרים.

אָפטער ווי אומעטום בין איך אין בית־מדרש. דאָרט איז איצט די גרעסטע סטאָליאַרניע אין מיישעגאָלע. סטאָליאַרעס און שניצערס אַרבעטן דאָרט יעדן טאָג פון נאָכן דאַווענען שחרית ביז נאָענט פון מנחה.

די נײַע בימה מיט די פײַן־געטאָקטע שטאַכעטן אַרום איר און אַרום די טרעפּ, וואָס פירן צו איר, איז שוין פאַרענדיקט. ס׳איז שוין אויך פאַרטיק דער נײַער שולחן אויף דער בימה, ווי אויך די טרעפּ, מיט שטאַכעטן פון בײדע זײַטן, וואָס פירן צום ארון־קודש. אַצינד אַרבעטן די סטאָליאַרעס און די שניצער אויפן נײַעם ארון־קודש. ווען איך שטיי און באַוואונדער זייער אַרבעט, שטעל איך זיך פאָר, אַז אַזוי האָט געאַרבעט בצלאל בן־אורי אין משכן פון מדבר, אויף דער באַשטעלונג פון משה רבינו!

די שניצערס האָבן אויסגעשניצט צוויי ריזיקע „כרובים“ און איצט באַגילדן זיי בײדן. זיי האָבן אויך געמאַכט צוויי גרויסע לוחות, ניט קיין שטיינערנע ווי משה רבינוס, נאָר הילצערנע, ווײַס ווי שניי. די גרויסע אותיות אויף אָט די לוחות זײַנען אויסגעשניצט פון שוואַרצן עבן־האָלץ, אַרײַנגעפּאַסט אינעווייניק און אײַנגעקלעפּט מיט סטאָליאַרסקן קליי. מ׳קאָן זיי קיינמאָל פון דאָרט ניט אָפּמעקן. פון שוואַרצן האָלץ זײַנען אויך געמאַכט די צוויי זײַלן פון בײדע זײַטן ארון־קודש, וועלכע שטייען אין קאָרעטקעס פון ברוינעם נוסן־האָלץ.

די באָבע און אירע גבאיטעס גרייטן שוין צו פאַרן נײַעם ארון־קודש נײַע פּרוכתן, איינעם, אַ ווײַסן, פאַר יום־כּיפּור. ביים „גרויסן פעטער“, דעם זיידנס ברודער, יאַנקל אַראַנאָוויטש, האָט די באָבע געקראָגן אַ מתּנה — די בויטיקע סאַמעט און זײַדנס פאַר די נײַע פּרוכתן. די באָבע האָט שוין אויך פאַרטיק אַן אוזאָר, ווי אַזוי די פּרוכתן און די אויסהאַפטונגען זאָלן אויסזען. מײַן טאַטע אָבער באַנוגנט זיך ניט דערמיט. ער וויל מ׳זאָל באַנײַען דעם נײַעם ארון־קודש מיט אַ נײַער ספר תורה. ער פירט עס אויך דורך מיט דער הילף פון זײַן חברה „עין יעקב.“

מײַן טאַטע געהערט צו פאַרשיידענע חברות. נאָר אָפּגעגעבן מיט לײַב און לעבן, ווי די מאַמע זאָגט, איז ער פאַר דער חברה „עין יעקב“. ווינטערדיקע פרײַטיק־צו־נאַכטסן, נאָכן עסן, גייט ער אין דעם ערגסטן וועטער

פון דאָרף אין שטעטל צום לימוד פון „עין יעקב". אין די זומערדיקע שבתים, ווען עס ווערט געלערנט שבת נאָכמיטאָג, נעמט מיך דער טאַטע מיט אין בית־מדרש. ווען כ'בין געווען קליין, פלעגט ער מיך האַלטן אויף זיין שויס. איצט זעצט ער מיך אַוועק לעבן זיך און וויל כ'זאָל, אַזוי ווי ער, איינהאָרכן זיך צום זאָגער און צוגלייך אַריינקוקן אין „עין יעקב" מיט די פילע פירושים, וואָס ליגט אָפּן פאַר אונדז.

דער טאַטע לערנט אויך אַמאָל אַ פּרק משניות אָדער אַ בלאַט גמרא. באַזונדער אָבער האָט ער האַלט צו לייענען „עין יעקב" (די גמרא־מעשיות) און נאָך האַלטער האָט ער דאָס צו הערן זאָגן און דערקלערן דעם רבין פון דער חברה, זיין גוטן פריינט בערטשיק שאַפּיראָ. בערטשיק איז אויך דער רבי פון דער חברה תנ"ך, און דער טאַטע קומט אים אויך הערן לערנען „נביאים" און „כתובים" מיטן פירוש פונעם „קעמפּענער". מער צייט אָבער גיט אָפּ מיין טאַטע פאַר דער חברה „עין יעקב". ער זאָרגט, זי זאָל האָבן געגוג הכנסה צו צאָלן שכירות דעם רבין און צו קאָנען קויפן גענוג עין־יעקבס, פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל אין דעם אַריינקוקן.

בערטשיק שאַפּיראָ, אַ הויכער שלאַנקער יונגערמאַן מיט אַ טונקל־ברוינעם שפּיציקן בערדל, איז אַ וואויל־לערנער און אַ פיינער זאָגער פאַר אַן עולם אַרום אַ טיש. ער איז דער בעסטער מלמד אין שטעטל, זיצט אין מזרח־וואַנט און מישט זיך שטאַרק אין קהלשע ענינים. ער ווערט שפּעטער דער סטאַראָסטע פון דער אָפיציעלער יידישער געמיינדע אין מיישעגאָלע.

אַזוי גיך ווי די סטאָליאַרעס און די שניצערס האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אויפן נייעם ארון־קודש האָט מיין טאַטע זיך געגומען עוסקן, אַז די חברה „עין יעקב" זאָל באַנייען דעם ארון־קודש מיט אַ נייער ספר תורה. די חברה האָט דאָס אים איבערגעגעבן דורכצופירן. דער טאַטע באַשטעלט אַ ספר תורה ביי שמואל־יאַנקל דעם סופר, וועמעס עלטערן, מענדל און ברײנע, און שוועסטער (מיין מומע) מינע, וואוינען אין שטעטל. ווען דער סופר האָט פאַרטיק אַ „יריעה" פאַרמעט, ברענגט ער עס צו אונדז אין דאָרף. די מאַמע וואַשט די הענט איידער זי רירט אָן דעם פאַרמעט; זי וויקלט עס איין אין אַ פרישן לייוונט און פאַרשליסט עס אין קאָמאָד. דער טאַטע האָט שוין אויך באַשטעלט אין ווילנע זילבערנע קרוינען און אַ זילבערנעם טאָוול פאַר דער נייער תורה. די מומע לאהקע און אַ טייל חברטעס אירע נייען שוין אויס גאָלדענע אותיות אויף סאַמעט, פון וועלכן זיי וועלן מאַכן מענטעלעך פאַר דער נייער ספר תורה. ביי אונדז אין קאָמאָד ליגט שוין אויך אַ לאַנגער זיידענער גאַרטל פאַר איר.

אונדזער קאָמאָד איז זייער אַ שיינער. ס'האָט אים פאַר אונדז געמאַכט דער פעטער משה־יאַנקל. דער אויבערשטער שופלאָד האָט אינווייניק עט־

לעכע קליינע שופלאַדלעך און קעסטלעך מיט פאַרבאַרגענע עפענונגען. דאָרט ליגן דעם טאַטנס פאַרשיידענע פּאַפּירן און חפצים. ווען כ׳בין אין דער היים, פאַרנעם איך זיך צו מאַכן דאָרט אַ טאָלק. די מאַמע וויל דאָס ניט ליידן. זי זאָגט, אַז דער טאַטע קאָן נאָכדעם ניט געפינען אַ זאַך וואָס ער דאַרף. דאָך איז די מאַמע ניט אַזוי שטרענג ווי מיט יענעם שופלאָד, וואו זי האַלט פאַרשלאָסן די הייליקע יריעות. זי עפנט אים אויף נאָר מיר צו ווייזן, אַז דאָרט ליגט די „ריינקייט". זי גיט אַ קוש דעם לייוונט אַרום דעם הייליקן פאַרמעט און פאַרשליסט דאָס צוריק. איר פּנים שיינט פאַר נחת, וואָס די יריעות פאַרמערן זיך און באַלד וועט דער נייער ארון־קודש ווערן באַנייט מיט אַ נייער ספר תורה.

***

דער זיידע האַלט ניט פון שפּילן אין קאָרטן. ער זאָגט, אַז אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע קאָרט איז אַ צופאַל. ניטאָ, זאָגט ער, אין דעם מער שכל, ווי אין וואַרפן גורל, שפּילן אין לאָטעריי אָדער ציען קניפּלעך. מיין טאַטע, וואָס קען יעדע קאָרטן־שפּיל און רעכנט זיך פאַר אַ גוטן שפּילער, האָט דערצו באַמערקט:

— אַריינקריגן אַ גוטע אָדער שלעכטע קאָרט איז טאַקע אַ צופאַל. די קונסט אין קאָרטן־שפּילן באַשטייט אין געווינען אַ שפּיל, אָדער עס ניט פאַרלירן אויך מיט שלעכטע קאָרטן.

מיין טאַטע האָט מסתמא קלוגע איינפאַלן אין זיין שפּילן אין קאָרטן. פונדעסטוועגן האַלט איך מער פון זיין שפּילן אין שאַך אָדער אפילו אין דאַמקעס, אין וועלכע כ׳זע מער חכמה. פערזענלעך האָב איך מער הנאה פון שפּילן זיך אין דרויסן: אין סאָלדאַטן, אין פאַרמעסטן זיך ווער עס קאָן לויפן שנעלער, אַריבערשפּרינגען גראָבנס, זיך וואַרפן ווינטער־צייט מיט הויפנס שניי, זיך גליטשן א. ד. גל.

פון די שטוביקע שפּילן געפעלט מיר דאָס שפּילן מיט וועלישענע ניס, דורך טרעפן זיי מיט אַ בלייענעם רעסל. כ׳האָב אויך האַלט אַלע אַנדערע שפּילן, אין וועלכע מ׳דאַרף זיך באַוועגן און זיין טעטיק. אויב מ׳מוז זיצן אויף אַן אָרט, געפעלן מיר די פאַרשיידענע שפּילן פון מיין מומע לאהקעס חברטעס אין „פאַנדן", וואָס ענדיקן זיך צום סוף אין לוסטיקע איינפאַלן און פריילעכע צוטראַכטענישן.

דער זיידע נעמט ניט קיין אָנטייל אין קיין שום שפּיל. ס׳איז מיר דעריבער געווען אַ חידוש, ווען ער האָט מיר געזאָגט, כ׳זאָל דעם אָוונט גאָרניט לערנען, נאָר זיך שפּילן, און טאַקע מיט אים, אין קאָרטן...

פּאַסירט האָט דאָס אין דער נאַכט פון „ניטל". דער זיידע האָט מיר

דערקלערט, אַז אין אָט דער נאַכט איז געבוירן געוואָרן דער „יויזל", אַ פּאַרצייטיקער ייד, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער איז „משיח". די קריסטן גלויבן אין דעם און פאַרגעטערן אים. יידן אָבער דערוואַרטן פון משיחן, ער זאָל אויסלייזן אונדזער יידישן פאָלק פון גלות און אונדז באַפרייען פון גזירות און רדיפות, און איינפירן שלום און יושר אויף דער וועלט. מיר זיינען דעריבער זיכער, אַז דער אמתער משיח און די אמתע גאולה זיינען נאָך ניט געקומען. יידן זיינען זיך דאַרום נוהג ניט צו לערנען קיין תורה אין דער דאָזיקער נאַכט פון ניטל, נאָר פאַרנעמען זיך ליבער אפילו מיט אַזאַ פּוסטן שפּיל ווי קאָרטן.

דאָס קאָרטן־שפּיל, וואָס דער זיידע האָט מיט מיר געשפּילט אין דער נאַכט פון ניטל איז געווען זייער אַ פּשוטס, שוין צו פּשוט. דער זיידע האָט אויסגעלייגט די קאָרטן אויף דער אַנדער זייט און אונדזער שפּיל איז באַ־שטאַנען אין טרעפן וואָס פאַר אַ קאָרט דאָס איז ?... כ׳בין גיך געוואָרן מיד און שלעפעריק און אונדזער שפּיל איז געבליבן ניט פאַרענדיקט.

קאַפּיטל אַכצן

צוליב אַ הילצערנעם אַפּגאָט

ס׳איז ווידער זומער און כ׳בין ביי טאַטע־מאַמען אין דאָרף. כ׳בין אָבער איצט אַ גמרא־יינגל און טאַטע־מאַמע וויל כ׳זאָל זיך פירן אַנדערש ווי פאַראַיאָרן. כ׳דאַרף זיך ניט מער שפּילן מיט אונדזער שיינער שוואַרצער קעצל, נאָר עס איבערלאָזן אינגאַנצן צו מיין קלייניקער שוועסטערל דאָבעלע. ווען לעוואָשקע און זאָשקע, די יינגערע קינדער פון אונדזער שכן קאָוואַ־לעווסקי, קומען זיך שפּילן צו אונדז אויפן געהעפט מיט מיין יינגערער שוועסטער ראָכקען, דאַרף איך זיך ניט מישן אין זייער שפּיל, נאָר אַריינגיין אין שטוב און אַריינקוקן אין דער גמרא.

איצט זאָגן מיר אָן דער טאַטע און די מאַמע כ׳זאָל מער ניט גיין זיך שפּילן מיט די קינדער פון פעליקס אַנדריקייטשעס, וועמעס שטוב אויף דער אַנדערער זייט גאַס איז פּונקט אַנטקעגן אונדזער שטוב. אין דעם איז אָבער ניט שולדיק די גמרא, נאָר, להבדיל, אַ הילצערנער אָפּגאָט. פּאַסירט האָט עס אַזוי:

פעליקס און די פעליקסיכע זיינען ניט געווען אין דער היים. זייערע קינדער האָבן מיך גערופן זיך שפּילן מיט זיי אין שטוב, אַנשטאָט, ווי אַלע־מאָל, אויף זייער אָדער אונדזער געהעפט. אין מיטן שפּיל האָבן זיי מיר אָנגעוויזן אויף זייערע משונהדיקע הייליקע בילדער אויף דער וואַנט, און

אָנגערופן יעדן הייליקן ביים נאָמען. אויף איין געשטאַלט, אַ באַגילדעטע פיגור, האָבן זיי געזאָגט: דאָס איז דער „פּאַן־באָג״ (האַר־גאָט). כ׳האָב געטעהנט, אַז דער אמתער גאָט איז אַ לעבעדיקער און וואוינט אויפן הימל; דאָס אָבער איז גאָר אַ הילצערנע פיגור. פּעליקסעס קינדער האָבן מיך געסטראַשעט, אַז דער „האַר־גאָט״ וועט מיך באַשטראָפן פאַר אַזוינע רייד. כ׳האָב דעריבער אָפּגעשניטן מיט אַ מעסערל אַ שטיקל פיגור, צו באַווייזן, אַז ס׳איז אַ הילצערנע. די קינדער זיינען געווען דערשטוינט און דער־שראָקן. אונדזער שפּיל איז געוואָרן צעשטערט.

ווען זייערע עלטערן האָבן זיך דערוואוסט דערפון, האָבן זיי געזאָגט מיין טאַטע־מאַמען, אַז אַ שטעטלשן יינגל וואָלטן זיי פאַר אַזאַ פאַרברעכן שטאַרק באַשטראָפט. נאָר מיך, אַ דאָרפישן, זאָלן מיינע עלטערן אליין באַשטראָפן.

דער טאַטע האָט מיך ניט באַשטראָפט, נאָר געשטראָפט, וואָס דאָס שמאַרצט לענגער, ווי די מאַמע זאָגט: „אַ קלאַפּ פאַרגייט, אַ וואָרט באַ־שטייט״. דער טאַטע האָט מיך שטאַרק אויסגעמוסרט פאַר מיין „אַקט״. ער האָט געזאָגט, אַז באַליידיקן אַ צווייטנס אמונה איז אַ גרויסע עבירה. דערביי האָט ער מיר דערקלערט, אַז די עלטערע אַנדריקייטשעסעס זיינען ניט קיין געצנדינער. זיי גלויבן אויך אין אַ „גאָט אין הימל״. זיי מאַכן נאָר בילדער, ווי אַזוי זיי שטעלן זיך אים פאָר: זיי מעגן דאָס טאָן; די תורה, וועלכע פאַרבאָט דאָס, איז געגעבן געוואָרן נאָר צו אונדז יידן.

נאָכדעם ווי דער טאַטע איז אַרויס פון שטוב האָט די מאַמע מיר גע־געבן אַן עקסטרע פאַרציע מוסר פאַר מיין „איבערחזרן די שפּרוכן״ פון נאַרישע שטעטלשע יינגלעך, ווען עס קלינגט דער קלויסטער. זי זאָגט, אַז אַ גמרא־יינגל, ווי איך בין, האָט שוין געמעגט האָבן מער שכל און פאַר־שטיין, אַז אונדזערע שכנים, וועלכע גייען אין קלויסטער „זיך מאַליען״, זיינען — אויף זייער שטייגער — „גוטע און פרומע לייט.״

⁂

אונדזער שפּיל אין סאָלדאַטן הויבט זיך אָן יעדן זומער נאָך די מאַ־נעוורעס פונעם רוסישן חיל ניט ווייט פון מיישעגאָלע.

די רוסישע סאָלדאַטן קומען אָן אין שטעטל פון מערב־זייט. אָנגעטאָן אין ווייסע מונדירן מיט ווייסע היטלען, מאַרשירן זיי, מיט מוזיק און געזאַנג, דורך דער גאַנצער לענג פון דאָרף און שטעטל, אויפן וועג צו ווילנע. פאַראויס רייטן אויף פיין־פאַרפּוצטע פערד די הויכע מיליטערלייט. דעם גרעסטן אויפזען מאַכט דער גענעראַל גאַנעצקי, אַ מיטל־וואוקסיקער, פעסט־געבויטער גרויער מאַן. זיין ברוסט איז באַדעקט מיט גאָלדענע

מעדאַלן און קאַלירטע זיידענע לענטעס. אין דאָרף און אין שטעטל רימט מען אים, אַז ער האָט מיט ניין יאָר צוריק (1877) געוואונען די מלחמה ביי פּלעוונע, און האָט געכומען אין פלען דעם גרויסן טערקישן העלד אָסמאַן פּאַשאַ, וועמעס שווערד ער טראָגט אויף זיך.

די גרויסע רוסישע אַרמיי פאַרבלייבט אַ געוויסע צייט אין מיישעגאָלע. די הויכע מיליטער־לייט שטייען איין אין קאַנצעלאַריע. אין אָוונט שפּילט אין דרויסן לעבן זייערע פענצטער די מיליטערישע קאַפּעליע. די אָפיצערן ווערן איינגעקוואַרטירט אין באַלעבאַטישע הייזער, איינער אָדער צוויי ביי מיין זיידן אין שטוב. אין דאָרף ביי אונדז שטייען נאָר די פּראָסטע סאָל־דאַטן. זיי שלאָפן אין די גומנער און אין די שייערן אויפן פרישן היי. די סאָלדאַטן האָבן אַלע מיט זיך קליינע טיפע שיסלען און קורצע לעפל פון פּאָלירטן פיל־פאַרביקן האַרטן האָלץ. ווען „מ׳טרובעט אויף קאַשע״ גייען זיי דערמיט צום סוף שטעטל, וואו עס שטייען די גרויסע קאָכעדיקע שוואַרצע קעסלען מיט קאַשע און קאַפּוסטע, וואָס מ׳טיילט אויס צוזאַמען מיט לעבלעך שוואַרצן ברויט צו אַלע סאָלדאַטן.

אַזוי גיך ווי דאָס רוסישע מיליטער פאַרלאָזט מיישעגאָלע, הויבן אָן שטעטלשע יונגען צוגרייטן די שפּיל אין סאָלדאַטן. זיי רופן צוזאַמען ייִנגלעך פון אַלע חדרים צום גרויסן פּלאַץ ביים קאַזיאָנעם תבואה־מאַגאַזין לעבן פריצישן סאָד, רעכטס פון וועג קיין ווילנע. דאָרט, הינטערן מאַגאַזין, זיינען פאַראַן אַ סך באַהעלטענישן. אין איינעם פון זיי זיינען שפּעטער באַהאַלטן אונדזערע „כלי־זיין״ (הילצערנע שווערדן און שפּיזן) און מונדירן (ווייסע „רובאַשקעס״, אָדער בלוזעס). אָט דער פּלאַץ האָט אויך די מעלה, וואָס מ׳קאָן זיך דאָרט הינטערן מאַגאַזין פיין שפּילן, און פון גאַס זאָל מען עס כלל ניט באַמערקן.

די שפּיל קומט געוויינלעך פאַר שבת ביי טאָג נאָכן קוגל, ווען די טאַטעס לייגן זיך צו שלאָפן. אַזוי גיך ווי מיין טאַטע שלאָפט איין, שלייך איך זיך אַרויס פון אונדזער דאָרפישער שטוב און לויף אַוועק צו דעם תבואה־מאַגאַזין פון שטעטל. איך „מעלדע״ זיך אין „שטאַב״, קריג אַ ווייסע בלוזע און אַ הילצערן שווערד פון אַן „אָפיצער.״

אַן אָפיצער בין איך געוואָרן צוליב יהושע בן־נון — צוליב דעם, וואָס כ׳האָב געלערנט אין תנ״ך זיינע מלחמה־פּלענער, און איינעם פון זיי דערציילט פאַר די „גענעראַלן״ אַלטערקע בערטשיק דעם פּורמאַנס, בערקע אייזיק לענטשנערס, ברוכקע דער „בלינדער״ א. א. וו. דער פּלאַן, וועלכע כ׳האָב זיי איבערדערציילט איז געווען:

פאַרשטעקן אַ צאָל סאָלדאַטן הינטערן לאַגער פון שונא. אַנטלויפן כלומרשט פאַר אים אָנהויב מלחמה. אומקערן זיך צוריק, ווען ער יאָגט זיך אַוועק ווייט פון זיין פּאָזיציע, און אים אַטאַקירן. אַרויסרופן צו הילף

די פאַרשטעקטע סאָלדאַטן פון זייער לויערונג, אים צו באַפאַלן אין זיין אייגענעם לאַגער. דער שונא האָט דעמאָלט קעגן זיך די מלחמה פון הינטן און פון פאָרנט, און ס׳ווערט פון אים אַ „באַרג אַש״...

מיין רבי רפאל ראובן (טונקל), ביי וועמען כ׳לערן זינט שמעון דער פאָדריאַטשיק האָט זיך אַרויסגעקליבן פון מיישעגאָלע, האָט שבת בייטאָג זיך פאַרשפּעטיקט צו עפענען דעם חדר. טעלעכע יינגלעך האָבן פאַרגע־שלאָגן מיר זאָלן דערוויל שפּילן אין סאָלדאַטן. עליע־בערקע שלום ישראלס און איך, ביידע אָפיצערן ביי דער שטעטלשער שפּילעריי לעבן תבואה־מאַגאַזין, ווערן באַשטימט אָנצופירן מיט דער שפּיל.

די בלאָטע אויף יורסדיקע, ניט ווייט פון אונדזער חדר, ווערט די גרענעץ צווישן אונדזערע צוויי מחנות: עליע־בערקעס אין מזרח־זייט און מיינע אין מערב־זייט. דער אָפּמאַך איז, אַז נאָך יעדער „שלאַכט״ דאַרפן די סאָלדאַטן צוריקקערן זיך יעדערער צו זיין מחנה. ווער ס׳בלייבט אין צווייטנס זייט, ווערט „גענומען אין פּלען.״

עליע־בערקע שטעלט־אויס זיינע סאָלדאַטן אַלע אין איין שורה. שטעל איך אויס מיינע קעגן זיינע ביידע פליגל און גיב פלוצלונג אַ קאָ־מאַנדע זיי צו אַטאַקירן. מיינע סאָלדאַטן רינגלען שנעל אַרום עליע־בערקעס פון אַלע זייטן און דערקלערן זיי פאַר געפאַנגענע. עליע־בערקע שרייט: ס׳איז אַ שווינדל; ער באַפעלט זיינע סאָלדאַטן: „לאָזט זיך ניט נעמען אין פּלען!״ כ׳לייג פאַר מיר זאָלן אונדזערע מחנות אַוועקשטעלן אויף די פריערדיקע פּלעצער און אָנהויבן די שפּיל פון דאָס ניי. עליע־בערקע הויבט ליבער אָן יאָגן מיינע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען איצט נאָענט צו זיין זייט פון דער בלאָטע. מיט דער אויסנאָם פון איינעם לויפן זיי אַלע אַריבער אויף מיין זייט. דער איינער, אַ קליין יינגל, וואָס איז געווען הינטערשטעליק, איז שוין אויך נאָענט צו אונדזער מחנה. עליע־בערקע לויפט אים פאַר־שטעלן דעם וועג. כ׳וואָרן אים, עליע־בערקען, זיך ליבער צוריקקערן, וואָרעם אויב ער שטעלט אַ פוס אויף אונדזער זייט גרענעץ, קריגט ער „מיט אַ קויל אין קאָפּ״. ער קערט זיך אָבער ניט אום. ווער איך אין כעס. כ׳פאַרגעס אַז אונדזער מלחמה איז „אויף צו פלייסן״ און דערלאַנג אים מיט אַ „קויל״ (אַ שטיין) אין קאָפּ...

ווען עליע־בערקע פאַלט אַנידער אַ צעבלוטיקטער, דוכט מיר אַז כ׳האָב אים דערהרגעט... און באַלד וועלן מיך אַרומרינגלען זיינע נאָענטע קרובים, די „גואלי הדם״, וועלכע דאַרפן נקמה נעמען פאַר זיין פאַרגאָסן בלוט... כ׳האָב דאָס ניט געטאָן „במזיד״, נאָר „בשוגג״ (אומגערן), דאַרף איך אַנטלויפן אין אַן „עיר מקלט״... וואו דאָס איז, ווייס איך ניט, נאָר סיי־ווי הויב איך אָן לויפן... כ׳שפּרינג אַריין אין אַ גאָרטן און לויף צום

דאָרף... פאַרביילויפנדיק הינטער עליע־בערקעס שטוב, דוכט מיר, אַז זייער גאַנצע הויז־געזינד לויפט מיר נאָך: זיין טאַטע־מאַמע, זיין באָבע, די עלטסטע שוועסטער און די יינגערע, גנענדקע סאָלאָווייטשיק, וועלכע האָט מיט מיר צוזאַמען געלערנט ביים לערער לוריע; דער עלטסטער ברודער מאָטע־מענדקע און דער יינגסטער, כאַצקעלע, וועלכער גליטשט זיך ווינטער מיט באַרוועסע פיס אויפן אייז...

כ׳לויף ווייטער. כ׳בין שוין אין די דאָרפישע פעלדער. כ׳שלייך זיך דורך די מעזשעס צווישן הויכע זאַנגען תבואה און פאַרביי קוסטעס, וועלכע קאָנען מיך פאַרשטעלן און פאַרבאַרגן... מיין פחד ווערט אָבער ניט קלע־נער, נאָר גרעסער. כ׳טראַכט וועגן מיין טאַטע־מאַמען: וואָס וועלן זיי זאָגן?... און די באָבע?... דער זיידע?... מיר דוכט זיך, כ׳הער דעם טאַטנס קול:

— אַלע יידישע נשמות, אויך דיינע צווישן זיי, זיינען געשטאַנען אויפן באַרג סיני און געהערט דעם געבאָט: „לא תרצח״ (זאָלסט ניט מאָרדן)!

די מאַמע רעדט ניט. זי וויינט נאָר: — כ׳גיס דיר „גאָלד אין האַלדז״ און דו ברענגסט אויס דעם טאַטנס פּראַצע אויף ווילדע שפּילערייען און געשלעגן.

די באָבע דבורה וויינט קיינמאָל ניט. זי בייזערט זיך אויך ניט אויף מיר. ביי איר בין איך נאָך אַלץ אַ קינד. זי וועט זאָגן:

— אַ קינד, בלייבט אַ קינד; ווען ס׳פאַרשפּילט זיך, פאַרגעסט דאָס אַלץ, וואָס עס האָט געלערנט...

דער זיידע שמואל־איטשע וועט איר ענטפערן:

— כ׳האָב געוואוסט, אַז דאָס וועט זיין דער סוף. אַ יידיש קינד, וואָס שפּילט זיך מיט שקצים און שיקסעלקעס, לערנט זיך אָפּ עשוס דרכים (אייסעווס פירונגען — „ועל חרבך תחיה״ — פאַר עפּעס אַ האָר זיך כאַפּן שלאָגן).

ענלעכס האָט דער זיידע דאָך געזאָגט אפילו דעמאָלט, ווען אַ „שיק־סעלקע״ האָט מיר געוואָרפן מיט אַ שטיין אין קאָפּ, דערפאַר, וואָס איך בין ניט אַריין צו זיי אין גאָרטן זיך שפּילן, נאָר געשפּילט זיך אין דרויסן מיט די קינדער פון די וועבער יאַנקל און מאיר.

כ׳האָב עס דעמאָלט ניט אויסגעזאָגט דער באָבען, און ווען זי האָט דערזען מיין וואונד איז שוין געווען אָנגעוואַקסן „ווילד־פלייש״. זי האָט געבעטן דעם צירולניק מיר אויסצוברענען מיט לאַפּיס, וואָס דאָס האָט שטאַרק וויי געטאָן. דאָך וואָלט איך גערן גענומען אויף זיך נאָך גרעסערע יסורים, אַבי עליע־בערקע זאָל בלייבן לעבן.

וואו איז ער איצט? לעבט ער נאָך? מאַטערט ער זיך? זיצן לעבן אים זיין טאַטע־מאַמע? זיינע שוועסטער און ברידער? יאָגן זיי מיך ניט

מער ? האָט זיין טאַטע שוין געדעדט מיט מיינעם ? מיין טאַטע דאַרף איצט זיין אין בית־המדרש, וואו ער זיצט צוזאַמען מיט דער חברה „עין יעקב״ און האָרכט זיך איין צו זייער זאָגער, זיין פריינט בערטשיק שאַפּיראָ, וועל־כער טייטשט אויס שיין יעדן ווערטל און יעדע מעשהלע פון אָט דעם ספר, אין וועלכן דער טאַטע קוקט צוגלייך אַריין.

עס הויבט אָן טונקלען. איך טראַכט: דער טאַטע האָט שוין פאַרענ־דיקט דעם שלש־סעודות, אָפּגעזונגען די זמירות און זינגט שוין איצט אליקום צונזערס ליד „די זון איז פאַרגאַנגען אין מערב־זייט מיט אירע רויטע פלאַמען״...

די טונקלקייט ווערט געדיכטער. דער טאַטע מוז שוין זיין ווידער אין בית־המדרש. אין דער צייט זינגט ער דאָך מיטן עולם קאַפּיטלעך תהלים פון „ליקוטי מזמורים״: ער אַ פּסוק, און דער עולם אַ פּסוק.

ס׳באַפאַלט מיך פלוצלונג אַ שרעק, צי מיין שוואַכע מאַמע וועט עס אויסהאַלטן, ווען זי וועט זיך דערוויסן פון איר אומגליק. כ׳מוז צולויפן אין שטוב זען, וואָס זי מאַכט?

איך שלייך זיך אַריין אין דער פינצטער און לייג זיך אַוועק אויפן שלאָפבאַנק היטערן וואַנט־אויוון. פון פאָדער־שטוב הער איך דער מאַמעס קול און איר תפילה: „גאָט פון אברהם״... איך וואונדער זיך, צי זי הערט ווי מיין האַרץ קלאַפּט ווי אַ פּויק און אין מיין קאָפּ רוישט ווי אין אַ מיל. כ׳טראַכט: אפשר זיינען די דאָזיקע קולות ניט פון מיין האַרץ און קאָפּ, נאָר פון דער ערד, פון וואַנען עס שרייט עליע־בערקעס בלוט. כ׳וויל פרעגן דער מאַמען, צי זי הערט אויך די ערד שרייען? נאָר שאָטנס רינגלען מיך אַרום. מסתמא זיינען עס די „גואלי־הדם״, עליע־בערקעס נקמה־נעמער, און פאַרשטאָפּן מיר דאָס מויל. כ׳וויל קלאַפּן מיט די הענט און פיס אין וואַנט, די מאַמע זאָל מיך דערהערן, נאָר די שאָטנס האַלטן מיך פעסט. זיי דריקן און שטיקן מיך. כ׳האָב שוין ניט מער קיין לופט און ס׳גייט מיר אויס דער אָטעם...

ווען איך כאַפּ זיך ווידער אויף עטלעכע טעג שפּעטער, ליג איך אויפן טאָפּטשאַן, ביים פענצטער. די באָבע זיצט אויף אַ בענקל לעבן מיר און קוקט אין מיינע אויגן. די מאַמע שטייט דערביי מיטן עופּהלע אויף האַנט און שמייכלט צו מיר. פון איר שמייכל פאַרשטיי איך, אַז עליע־בערקע לעבט און איז געזונט.

שפּעטער, ווען מיין חבר משהקע שמעון פאַלאַקס קומט מיך געוואוירע ווערן, דערוויס איך זיך, אַז עליע־בערקעס וואונד איז שוין כמעט פאַר־היילט, אַז ס׳איז אויף אים ניט אָנגעוואַקסן קיין ווילד־פלייש, און מ׳האָט אים ניט געדאַרפט אָנטאָן קיין יסורים עס אויסצוברענען... ער טראָגט אויך ניט אויף מיר קיין שום שנאה...

כ׳בין שטאַרק צופרידן, וואָס עליע־בערקע לעבט און איז געזונט. דאָך נאָגט אַ טרויער מיין האַרץ. כ׳ווייס, אַז כ׳וועל שוין קיינמאָל, קיינמאָל זיך מער ניט שפּילן אין סאָלדאַטן...

קאַפּיטל ניינצן

מיין פעטער פישל

זינט מיין פעטער יאַנקל־משה דער סטאָליער איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, האָבן אָנגעהויבן פאָרן אַהין אויך אַנדערע קרובים. די ערשטע איז געפאָרן זיין שוועגערין חוה, די בעסטע נייטאָרין אין שטעטל. חוה און איר שוועסטער, מיין מומע האָדע, האָבן אין לאָנדאָן קרובים, צו וועמען עס געהערט דאָרט דער גרעסטער סקלאַד פון ספר תורות, טליתים, תפילין, ספרים און ביכער.

איצט איז אויך אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן מיין פעטער פישל, מיט וועלכן איך האָב זיך אָקאָרשט ערשט באַקאַנט.

דער פעטער פישל איז פאַר מיר אַ נייער מענטש, כאָטש ער איז מיין טאַטנס איינציקער ברודער. ער איז געווען אַ סאָלדאַט און יאָרן־לאַנג פאַרבראַכט אין מרחקים, אין זייער ווייטע געגנטן, פון וואַנען עס קומט אָן זעלטן אַ בריוו.

פּלוצלונג האָט ער זיך באַוויזן ביי אונדז אין שטוב: זייער אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, אָנגעטאָן אין אַ מאַרינאַרקע, אָנשטאָט אַ קאַפּאָטע. די שוואַרצע האָר אָפּגעשאָרן קורץ, און דאָס שוואַרצע בערדל זעט אויס ווי ס׳נעמט ערשט וואַקסן. ער האָט אַפּנים ניט געקאָנט אָפּהיטן קיין יידישקייט אויף „סלוזשבע״. ער דאַוונט מיט גרייזן, כאָטש ער קוקט אין סידור. די מאַמע האָט פאַר אים אויפגענייט אַ נייעם אַרבע־כנפות, אין וועלכן דער טאַטע האָט איינגעמאַכט נייע ציצית. ער האָט אים אויך באַזאָרגט מיט אַ פּאָר נייע תפילין.

ווען פישל דערזעט אָנקומען אַ פרעמדן מענטשן, באַהאַלט ער זיך (ער איז מסתמא אַוועק פון דער קאַזאַרמע אָן אַ דערלויבעניש). ער איז נאָך מער שווייגער ווי זיין טאַטע, מיין דאָרפישער זיידע, שאול־יהודה. כ׳בין דער איינציקער מיט וועמען דער פעטער פישל רעדט מער־ווייני־קער. מיר שלאָפן צוזאַמען אין גרויסן שליטן אינעם פיר־הויז. פאַרן שלאָף דערציילט ער מיר מעשיות פון סאָלדאַטישן לעבן, וועלכע וואַרפן אָן אויף מיר אַן אימה. איינע פון אָט די מעשיות איז געווען מיט אַ פּויערשן סאָל־דאַט, וועלכן זיין מאַמע האָט ניט דערקענט. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז זייער רייך. אין דער אמתן האָט ער געהאַט אין זיין קעסטל ניט

קיין אַסיגנאַציעס, נאָר עטיקעטעס („לייבלס"). ביינאַכט האָט די פּויערטע אים געוואָלט באַגנבֿענען און באַנוצן זיין געלט צו קויפן אַ שטיקל ערד פֿאַר איר זון — ווען ער וועט זיך צוריקקערן פֿון סלוזשבע — און אים קריגן אַ באַלעגופֿישע טאָכטער פֿאַר אַ ווייב. ווען זי איז צוגעקומען צו זיין קעסטל, האָט דער סאָלדאַט זיך גענומען אויסטשוכען. די פּויערטע האָט זיך דערשראָקן און אים געגעבן מיט אַ האַק איבערן קאָפּ... ווען זי געפֿינט נאָכדעם אויס, אַז דאָס איז געווען איר זון, הענגט זי זיך אויף...

לאַנג בלייבט ניט דער פֿעטער פֿישל ביי אונדז אין שטוב. דער טאַטע בייט אויס ביי די פּויערים פּאַפּירענע רובלס אויף זילבערנע, וועלכע האָבן אַ ווערט אויך אין אויסלאַנד. ער גיט איבער אָט די זילבערנע רובלס דעם פֿעטער פֿישל, וועמען ער פֿירט אַוועק מיט אַ פֿור צום פּרייסישן גרענעץ. דער טאַטע קומט צוריק אַהיים ערשט דעמאָלט, ווען ער קריגט אַ צייכן, אַז דער פֿעטער פֿישל איז שוין אויפֿן וועג קיין לאָנדאָן. שפּעטער קומט אָן אַ בריוו פֿון דעם פֿעטער יאַנקל־משה אין לאָנדאָן, אַז ער האָט אָראָפּגענומען פֿישלען פֿון שיף, אים באַזאָרגט מיט אַ דירה און אַן אַרבעטס־פּלאַץ. דער פֿעטער פֿישל האָט אָבער געוואָלט זיין זיכער, אַז ער זאָל קאָנען אָפּהיטן שבת; ער איז דעריבער געוואָרן אַ פּעדלער פֿון פּרוכט. ער האָט זיין אייגענע „בערי" (אַ מין וועגל), אויף וואָס ער פֿירט אַרום זיינע פּרוכט צו פֿאַרקויפֿן. פּרייטיק פֿאַרנאַכט איז שוין ביי אים שבת.

דער פֿעטער יאַנקל־משה, וועלכער הייסט אויף ענגליש מאָריס סאַפּירשטיין, האָט אויך צוגעשיקט אַן ענגלישן אַדרעס פֿון דעם פֿעטער פֿישל וואו ער הייסט פֿיליפּ מאַרמער.

נעמענדיק פֿאַר אַ ביישפּיל מיין פֿעטער פֿישל, אַז אויב מ'וויל, קאָן מען אָפּהיטן שבת אויך אין לאָנדאָן, איז לעצטנס אַהין אויך אַוועקגעפֿאָרן דער פֿעטער משהטשיק. ער איז דערווייל געפֿאָרן קיין לאָנדאָן איינער אַליין, אָן זיין ווייב און קינדער, כדי אויסצוגעפֿינען, צי מ'קאָן דאָרט אַרבעטן פֿאַר־זיך ביי שוסטעריי, און ממילא אויך אָפּהיטן שבת, אַזוי גוט ווי ביי פּעדלעריי.

מיין טאַטנס ייִנגסטע שוועסטער, פּעסל, אַ נייטאָרין, האָט זיך אַריינגעקליבן אין מיישעגאָלע. זי האָט אָפּגעדונגען ביי דער מומע בת־שבֿען דעם טייל שטוב, וואו ס'איז אַמאָל געווען דעם פֿעטער יאַנקל־משהס סטאָליאַרניע. איצט שטייען דאָרט אַ טיש מיט שטולן אַרום אים, אַ הויכער שפּיגל, הילצערנע פֿיגורן (אָנצומעסטן אויף זיי קליידער), אַן עטאַזשערקע מיט מאָדע־זשורנאַלן און פֿאַסאָנען, ניי־מאַשינען, פּרעס־אייזנס און אַנדערע נויטיקע זאַכן פֿאַר אַ נייטאָרין. שטעטלשע פּרויען, וועלכע פֿלעגן נייען זייערע קליידער ביי חוהן, קומען איצט צו מומע פּעסלען. עס באַ־

שטעלן ביי איר קליידער אויף דאָרפֿישע פּרויען, וועלכע האָבן זיך דער־וואוסט, אַז די שיינע נייטאָרין פֿעסל, איז מיין טאַטנס אַ שוועסטער.

די מומע פֿעסל קומט אַמאָל אויף שבת צו אונדז אין דאָרף. זי העלפֿט דער מאַמען מיט שטוב־אַרבעט און העלפֿט דעם טאַטן זינגען זמירות און אַנדערע לידער.

זינט די מומע פֿעסל זיצט אָפּט מיט אונדז ביים טיש דערוויסן מיר זיך, מיין עלטערע שוועסטער טאַנקע און איך, אַלץ מער איינצלהייטן וועגן אונדזער טאַטנס משפּחה, אין דערפֿער און שטעטלעך. מיט אַ סך פֿון זיי ווער איך אויך באַקאַנט פּערזענלעך, ווען די מומע פֿעסל נעמט מיך מיט אין דאָרף לוצין, בעת זי פֿאָרט אַהין צוגאַסט צו אירע עלטערן, מיין זיידע שאול־יהודה און מיין באָבע לאה. דאָס ערשטע שטעטל, וואָס מיר פֿאָרן דורך הייסט פּאָדברעזע. מיר טרעפֿן זיך דאָרט מיט אָן אַ שיעור קרובים. מיר דוכט זיך, אַז גאַנץ פּאָדברעזע געהערט צו אונדזער משפּחה. מיר פֿאָרן אויך פֿאַרביי דעם קליינעם דערפֿל אקמינע, פֿון וואַנען מיינע עלטערן האָבן זיך אַרויסגעקליבן, ווען איך בין אַלט געווען פֿיר־פֿינף יאָר. די מומע פֿעסל שטעלט זיך דאָרט ניט אָפּ, ווייל קיינער, זאָגט זי, וואוינט דאָרט איצט ניט און דער פּלאַץ איז שטאַרק אָפּגעלאָזט.

אויפֿן וועג ווייטער טרעפֿט אונדז אַ שלעכטער צופֿאַל: אונדזער פֿור קערט זיך איבער און מיר פֿאַלן ביידע אַרויס פֿון פֿויערשן וואָגן. די מומע פֿעסל איז דערשראָקן, טאָמער האָב איך זיך צעקאַליעטשעט. איך בין אָבער אַרויס גאַנץ און האָבן גאָר מורא, אַז זי האָט זיך שטאַרק צעקלאַפּט.

דעם זיידן שאול־יהודה געדענק איך פֿון פֿריער מער ווי די באָבע לאה און איר מאַמען, מיין עלטער־באָבע דבורה לאָעווע אָדער לאָעבע. דעם זיידן דערקען איך באַלד צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַמאָל ביי אונדז אין דאָרף לעבן מיישעגאָלע. דאָס האָט פּאַסירט, ווען צווישן דער מאַמעס עופּהלעך, וועלכע האָבן ניט געלעבט לאַנג, איז אויך געווען אַ יינגעלע פּאַר וועמען מיין טאַטע האָט געפּראַוועט אַ פֿיינעם ברית. דער זיידע שאול־יהודה איז געקומען צו פֿאָרן צו אָט דער שמחה. ער האָט אויפֿן ברית געגעבן דאָס עופּהלע אַ טאָפּלטן נאָמען: יעקב־יוסף. דערביי האָט ער מיר דערציילט, אַז מיט אָט דעם נאָמען האָבן געהייסן אַנגעזעענע לייט פֿון אונדזער משפּחה. דאָס עופּהלע יעקב־יוסף האָט לאַנג ניט געלעבט, נאָר דעם זיידנס זיין ביי אונדז צוגאַסט געדענקט איך נאָך גוט. כ׳דערמאָן זיך אויך צוגלייך, ווי ער איז געזעסן ביי מיין שטעטלשן זיידן אין שטוב און שווייגנדיק זיך צוגעהערט צו זיינע מעשיות.

מיין עלטער־באָבע דבורה איז שוין אפֿשר הונדערט יאָר אַלט. דאָך שרעקט זי זיך ניט פֿאַרן טויט. זי לאַכט זיך אויס פֿון די וועלכע עצהן איר

זיך אָנצוגרייטן תכריכים און באַזאָרגן זיך מיט אַ שטיקל קרקע פאַר אַ קבר. זי ווילצלט זיך, אַז איר גוף אינטערעסירט זי נאָר כל־זמן עס האָט אין זיך לעבן. וואָס עס וועט זיין מיט אים נאָכן טויט, קימערט זי כלל ניט. פון אירטוועגן מעג מען דעמאָלט אונטערשפּאַרן מיט אים אַ פּאַרקן...

אינעם הויז פון מיין טאַטנס עלטערן אין דאַרף לוציין ווערן מיר נעענטער מיין טאַטנס אַלע שוועסטער, אפילו די וועלכע כ׳קען ניט פּערזענלעך. מיכלע, די צווייטע פון זיינע פיר שוועסטער, האָט מיך אויפגענומען ווי אַ מאַמע. אירע פיר טעכטערלעך ווערן מיר באַלד ווי לייבלעכע שוועסטער.

אין דאָרף לוצין דערוויס איך זיך אויך וועגן מיין באָבע לאהס עלטסטער שוועסטער מלכה, מיט זייערע צענדליקער הויזגעזינדן און דאָרפסלייט און שטעטלשע באַלמעלאָכעס: שניידער, שמידן, מעכאַניקער, טאָקער, נייטאָרינס א. א. וו.

דער זיידע שאול־יהודה האָט וויניק ספרים אין פאַרגלייך מיטן זיידן שמואל־איטשע אין מיישעגאָלע. דאָך האָב איך געפונען ביי אים אויפן קאָמאָד עטלעכע קליינע ספרימלעך, וואו עס זיינען געווען באַשריבן אינטערעסאַנטע זאַכן, פון וועלכע איך האָב פריער וויניק אָדער גאָרניט געוואוסט. למשל, אין זיינעם אַ ספרל מיטן נאָמען „ספר הישר״ האָב איך געלייענט וועגן אַ סך מלחמות, וואָס יעקב אָבינו האָט געפירט מיט די פעלקער פון כנען, וועלכע האָבן אים דערקלערט קריג פאַר די מעשים אין שכם פון זיינע זין שמעון און לוי. באַזונדער האָט מיך דאָרט פאַראינטערעסירט משה רבינוס מלוכה אינעם לאַנד כוש, וואו ער איז אַ סך יאָרן געווען דער קייסער. פון דעם זיידנס אַן אַנדער ספרל — „יוסיפון״ — האָב איך זיך דערוואוסט אַ סך איינצלהייטן וועגן די גבורות, וואָס יידן האָבן באַוויזן אין דער מלחמה קעגן רוים, ווי אויך אין זייערע מרידות קעגן דעם שלעכטן יידישן מלך הורדוס.

מיט אַ סך אינטערעס האָב איך אויך דורכגעלייענט דעם זיידנס צוויי אַנדערע ספרימלעך: „שארית ישראל״ און „שבט יהודה״, וואו עס זיינען פאַראַן מער אומעטיקע, ווי פריילעכע מעשיות. אין דעם „שבט יהודה״ איז מיר געווען געפעלן, וואָס די באַהאַלטענע שפּאַנישע יידן זיינען באַפאַלן אַן אינקוויזיטאָר און זיך אָפּגערעכנט מיט אים פאַר זיינע נגישות. נאָך מער בין איך אַנטציקט געוואָרן פון דעם אַרויסגעטריבענעם שפּאַנישן יידן, וואָס קיין זאַך קאָן אים ניט מאַכן פאַר אויס ייד.

אַ שיפס־קאַפּיטאַן, אַ רשע, נעמט פון דעם שפּאַנישן יידן אַוועק אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט. ער לאָזט אים איבער מיט זיין געזינדל נאַקעט און באָרוועס, אויף אַ פעלזיקן אינדזל. דער שפּאַנישער ייד בלאָנקעט אַרום צווישן די פעלזן און זוכט דאָרט וואָרצלען און גראָזן צו שפּייזן דערמיט זיין ווייב און קינדער, וועלכע ליידן הונגער. ווען ער קומט אָבער צוריק אויף

זיין פלאַץ, מיט אַזאַ פּעקל שפּייז, זיינען זיי שוין טויט. ער הויבט דעמאָלט אויף זיינע אויגן צום הימל און שרייט אויס מיט האַרצווייטאָג:

— אומזיסט דיין פּייניקן מיך... וועסט מיך ניט מאַכן פאַר אויס ייד... כ׳בין געבאָרן אַ ייד און וועל שטאַרבן אַ ייד!

קאַפּיטל צוואַנציק

מיין נייער רבי און אַלטער חבר

מיין נייער רבי, רפאל־ראובן טונקעל, איז אַ שוואָגער פון מיין פרי־ערדיקן רבין שמעון דעם פּאָדריאַטשיק. מיין נייע רביצין, שרה־פּעשע, איז אַ שוועסטער פון שמעונס ווייב, הינדע. נאָר זי איז גאָר אַן אַנדער מין מענטש. הינדע פלעגט שמעונען ניט לאָזן שלאָגן זיינע תלמידים. שרה־פּעשע אָבער העצט אַליין אונטער איר מאַן צו זיין שטרענג.

רפאל־ראובן איז מער גמרא־מלמד. דערצו קען ער אויך לערנען שרייבן יידיש, לשון־קודש, דייטש און רוסיש. ער איז אויך אַ ידען אין חשבון. ער קאָן רעכענען ניט בלויז חיבור, חיסור, כפל און חילוק, נאָר אפילו אויך דראָב. דאָס רוב פון זיינע גמרא־יינגלעך, ווי איך, לערנען די גמרא מיט פּירוש רש״י און אַ שטיקל „תוספות״ (טייספעס). די העכסטע צוויי כתות (קיטעס) לערנען אויך „מהרש״א״ (מאַהאַרשאָע) און פרעגן קשיות פון „מהרם שיף״. רפאל־ראובן לערנט מיט זיי אין אַ נייער גמרא, פון דעם ווילנער ש״ס, געדרוקט ביי דער אלמנה און ברידער ראָם, געבונדן אין העל־ברוינעם לעדער, באַפּוצט מיט גאָלד. די עלטערע יינגלעך זאָגן, אַז רפאל־ראובנס סדר הלימוד איז פון אַ ראָש־ישיבה. די תלמידים דאַרפן פריער אַליין „לייענען״ דעם עמוד אָדער בלאַט־גמרא, און נאָכדעם זאָגן זייער „שיעור״. ער פאַרריכט צום סוף זייערע גרייזן, „פּשטלט״ זיך מיט זיי און זאָגט חדושים.

צו מיין פרייד האָב איך אָנהויב זמן געפונען אין דעם נייעם חדר מיין אַלטן חבר משהקע שמעון פּאָלאַקס. כ׳האָב געבעטן דעם רבין ער זאָל מיר לאָזן לערנען מיט משהקען פון איין גמרא. רפאל־ראובן איז געווען קעגן. ער האָט געזאָגט, אַז משהקע פוילט זיך צו לערנען און איז שטאַרק הינטערשטעליק. צוליב אים וועל איך אַליין אויך קיין פּעולה ניט טאָן. מיין ענטפער איז געווען: כ׳וועל מיט משהקען איינחזרן עקסטרע יעדע בלאַט גמרא. זיצן מיר ביידע, משהקע און איך, ווידער צוזאַמען, ווי מיט זעקס זמנים צוריק ביי שמעון דעם פּאָדריאַטשיק.

דער טאָג הויבט זיך אָן זומער אין דאָרף מיטן קריי פון האָן. מענטשן גייען, רייטן אָדער פאָרן צו די פעלדער. ביי אונדז אין שטוב שטייט אויף דער טאַטע פריער פון אַלעמען. מיינע אויגן זיינען נאָך האַלב פאַרקלעפּט, נאָר מיינע אויערן זיינען אָפן און כ׳הער דעם טאַטנס יעדן ריר. איך הער אים אָפּגיסן נעגל־וואַסער, קאָרמענען אונדזערע עופות אין פיר־הויז, אויפן בוידעם, אויפן געהעפט. ער גיט אויך עסן און טרינקען דער קו און דער ציג. ער לאָזט זיי אַרויס אין דרויסן, ווען די פּאַסטוכער גייען פאַרביי אונדזער שטוב מיט זייערע סטאַדעס רינדער און שאָף. אונדזערע פערד האָט דער טאַטע פאַרקויפט און אַוועקגעגעבן דאָס געלט זיין ברודער פישלען אויף הוצאות צו פאָרן קיין לאַנדאָן. דער טאַטע טראָגט אויך אַריין עט־לעכע „נאַשטשעס״ (קאָראָמיסלעס) וואַסער פון ברונעם, אויף צו קאָכן, טרינ־קען, וואַשן און באַשפּריצן דעם גאָרטן.

בעתן טאָן די און אַנדערע שטוביקע זאַכן, זאָגט און זינגט דער טאַטע אַ צאָל פרימאָרגן־געזאַנגען און תפילות, ווי „פרק שירה״, — „אודה לאל לבב חוקר״ — „נפשי עוז תדרכי, וצורך ברכי״ א. ד. גל. און אַ גאַנצן „יום״ (יאָם) תהלים. נאָכדעם וואַשט ער זיך אַרום, טוט אָן טלית און תפילין און שטעלט זיך דאַוונען: אינדערוואָכן דאַוונט דער טאַטע אין שטוב. ער דאַוונט ביי דער מזרח־זייט, וואו אַ שטיק וואַנט איז ניט גע־קאַלכט. איינער פון די „אָרעם־בחורים״, וועלכע עסן ביי אונדז טעג, האָט אויפגעשריבן אויף אַ פּאַפּיר מיט שיינע געכתיבהטע אותיות, אין אַ פיינעם רעמל אַרום זיי, די ווערטער „זכר לחורבן״. דער טאַטע האָט עס אַראָפּ־גענומען; ער זאָגט, אַז דער פלעק אַליין איז שוין גענוג אָנדענק פונעם חורבן.

נאָכן דאַוונען וואַשט זיך דער טאַטע צום עסן. ער זאָגט „שאו ידיכם״, שניידט אָפּ אַ שטיקל ברויט, טונקט עס איין אין זאַלץ און מאַכט „המוציא״. ווען די מאַמע איז ניט שטאַרק פאַרנומען מיטן עופהלע, גרייט זי צו אין דער צייט, וואָס ער דאַוונט, אַ געקאָכטן איבערבייסן פאַרן טאַטן. אויב ניט, עסט ער ברויט מיט גרינס אָדער מיט קעז, און פאַרטרינקט מיט עפּל־קוואַס. ער גיסט אָפּ נאָכדעם די פינגער מיט „מים אחרונים״, אַביסל וואַסער פון אַ גלאָז אין אַ ספּאָדקע, זינגט אומעטיק „על נהרות בבל״ און נעמט בענטשן. דערנאָך פאַרגאַרטלט ער זיך די קאַפּאָטע מיט אַ שוואַרצן לעדערנעם פּאַס, נעמט אַריין די פּאַלעס אין גאַרטל, און זיין דעמבענעם שטעקן אין דער רעכטער האַנט, זאָגט דער מאַמען „אַ גוטן טאָג!״, גיט אַ קוש די מזוזה און פאַרשווינדט.

מיין שוועסטער און איך ליגן אויף אונדזערע געלעגערס ביז וואַנען די מאַמע הייסט אונדז אויפשטיין. פאַר מיינע שוועסטער, אפילו פאַר דער דרייצן־יעריקע טאַנקע, איז גענוג צו זאָגן „ברכה״ נאָכן אָפּגיסן נעגל־וואַסער און זיי מעגן שוין עסן איבערבייסן. אַ יינגל דאַרף אָבער אָפּדאַוונען.

די באָבע זאָגט, אַז ווען די וועלט וואָלט זיך געפירט ווי ס׳דאַרף צו זיין, און וייבער וואָלטן געהאַט אַזאַ דעה ווי מאַנסבילן, וואָלט העניע־טאָבע, מיין דרייצן־יעריקע שוועסטער טאָנקע, איצט געוואָרן „בר־מצוה״ און גע־קאָנט דאַוונען און לערנען, און אַפילו האַלטן אַ דרשה, פונקט אַזוי גוט ווי אַ בר־מצוה־בחור.

פאַרטיק מיטן דאַוונען און איבערבייסן, לויף איך מיט דער גמרא אין האַנט, צום שטעטל, אין חדר אַריין. כ׳לויף גוט מיט מיינע באָרוועסע פיסלעך דורך זאַמד אָדער בלאָטע. פון ביידע זייטן גאַס שטייען הינט ביי די געהעפטן. זיי בילן ניט אויף מיר און יאָגן מיך ניט. מיר דוכט, זיי שמייכלען צו מיר. זיי זיינען אַפנים צופרידן, וואָס אַ ייִנגל פון זייער דאַרף לויפט לערנען תורה.

אַזוי גיך, ווי מיין חבר משהקע קומט אַריין אין חדר, הויב איך אָן איינחזרן מיט אים דעם שיעור גמרא, וואָס מיר האָבן נעכטן געלערנט. איך לערן אויך אַליין מער ווי פריער, כדי דער רבי זאָל ניט זאָגן, אַז צוליב מיין חברן זיך מיט משהקע שמעון פּאָלאָקס טו איך ביי אים אין חדר קיין פעולה ניט.

פון חדר צו אונדזער שטוב אין דאָרף איז צו וייט צו לויפן אַהין צום אָנבייסן. עס איך ביי דער באָבען. פאַראיינס פאַרהערט זי מיך אַביסל תנ״ך. די גמרא לאָזט זי איבער פאַר מיין טאַטן מיך צו פאַרהערן. ער טוט עס יעדן שבת, אָבער ער זאָגט מיר, אַז ער וועט עס אויפהערן אַליין צו טאָן. ער וועט מיך ליבער נעמען צו איינעם, וועלכער איז מער גמרא־למדן ווי ער. דער באָבעס פראַגעס זיינען געוויינלעך: וואָס האָט דער נביא געמיינט מיט דעם אָדער יענעם פסוק? וואָס וואָלט אַזאַ נביא געקאָנט זאָגן וועגן די פירונגען דאָ אין שטעטל אָדער אין דאָרף?

ווען מיין באָבע איז פאַרנומען מיט אירע חולאים, שיקט זי צו דורך עמיצן מיין אָנבייסן נאָך איידער די קינדער גייען אַרויס פון חדר. עטלעכע ייִנגלעך רייצן זיך נאָכדעם מיט מיר: דיין באָבע קעכלט דיך ווי אַ קינ־פעטאָרן... זי קאָכט דיר יאַיכעלעך, ווי פאַר אַ חולה...

פויערטעס פון אונדזער דאָרף האָבן געבראַכט צוטראָגן פון דער אַנדריקייטשעכעס סאָד מיין יינגערע שוועסטער, ראָכקע, אַ האַלב־טויטע. די פויערטעס האָבן געשריען, אַז די „שאַגאַנעכע״, ווי זיי רופן אָן די אַנדריקייטשעכע מיט אַ צונעמעניש, האָט ראָכקען געשמיסן מיט קראָפּעווע, ביז זי האָט צוזאַמענגעבראָכן. אַ צאָל הויכע ברייטע פויערטעס האָבן גע־פאָדערט, די מאַמע זאָל תיכף לויפן מיט זיי צום אוראַדניק, אָדער אין קאַנ־צעלאַריע, צום סטאַרשינאַ און „מאַכן אַ פּראָטאָקאָל״ קעגן דער מערדערקע. זיי וועלן, זאָגן זיי, אַלע זיין עדות קעגן איר.

מיין קליין מאַמעלע שטייט אַ צעטומלטע מיט אַן עופּהלע אויף דער האַנט. איר פּנים איז בלאַס, אירע ליפּן ציטערן. זי קוקט אויף רחלעס פאַרשוואָלענעם פּנים, מיט די פאַרמאַכטע אויגן און צונויפגעפּרעסטע ליפּן, און וויינט שטיל.

טאַנקע איז אַוועקגעלאָפן אין שטעטל נאָך אונדזער באָבע דבורהן. די באָבע איז באַלד צוגעפאָרן מיט אַ גאַנצן אַפּטייקל. זי האָט אַ קוק געגעבן אויף דער צעשלאָגענער רחלע און געהייסן אַריינלייגן זי אין וואָגן אויף אַ פּערענע מיט קישנס, און זי פאַמעלעך אַוועקפירן צום זיידנס גרויסער שטוב אין שטעטל. דעם זעלביקן אָוונט איז דער טאַטע אַוועקגעפאָרן מיט רחלען צו אַ גרויסן דאָקטאָר אין ווילנע.

דער טאַטע האָט זיך געזאַמט אין ווילנע עטלעכע טעג. ער איז צוריקגעקומען אַן אומעטיקער. דער גרויסער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז רחלע האָט פּאַר שרעק „געכאַפּט די אַפּאָפּלעקציע" און איז פּאַראַליזירט. ס'וועט נעמען צייט ביז וואַנען זי וועט ווידער קאָנען זיך באַוועגן, זען, הערן און ריידן און זינגען.

רחלע האָט געהאַט אַ זייער שיינע שטימע. איינמאָל האָט זי זיך פאַנאַנדערגעזונגען זיצנדיק מיטן טאַטן אויף אַ פור אין ווילנע — אַ סך מענטשן זיינען געשטאַנען און געהאָרכט, און איר געפּאַטשט בראַוואָ פאַר איר זינגען.

טאַטע־מאַמע זיינען געוועז אייניק, זיך ניט צו משפּטן און ניט צו קריגן זיך מיט דער אַנדריקייטשעכע. זיי האָבן געזאָגט, רחלע וועט דורך דעם ניט געזונט ווערן. דערצו פאַרענטפערט זיך די אַנדריקייטשעכע, אַז אירע קינדער און ראַבקע האָבן אָנגעטאָן שאָדן שטיפנדיק אין סאָד. זי האָט זיי דערפאַר אַלעמען באַשטראָפט. אירע אייגענע קינדער נאָך אַביסל מער. ס'איז איר ניט איינגעפאַלן, אַז ס'קאָן פּאַסירן אַן אומגליק. אירע קינדער האָט דאָס ניט פאַרשאַט. אפשר האָט ראַבקען פאַרשאָט אַן אומצייטיקע פּרוכט אָדער עפּעס אַן אַנדער „סם המות". זי, די אַנדריקייטשעכע, שווערט זיך ביים לעבן פון אירע קינדער, אַז זי האָט חרטה מיטן גאַנצן האַרצן פאַר איר כאַפּן זיך שלאָגן אַ פרעמד קינד. זי „מאָליעט זיך" כסדר, אַז ראַבקע זאָל געזונט ווערן. זי האָט אויך פאַר דעם געגעבן ליכט אין בית־המדרש.

איין טאָג האָט זיך ביי אונדז באַוויזן אַ „בעל־שם". ער האָט זיך דערוואוסט, זאָגט ער דער מאַמען, וועגן איר קינדס שווערער קראַנקהייט, איז ער געקומען זי ראַטעווען. די מאַמע האָט זיך געפרייט און געוויינט פאַר גליק. דער טאַטע איז ניט געווען אינדערהיים.

דער בעל־שם — אַ הויכער, בלאַסער יונגערמאַן, מיט גרויסע ליכטיקע אויגן און אַ קליין שפּיציק טונקל־ברוין בערדל, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן טאַטנס פלאַץ ביים טיש און אויפגעשריבן אַ פּאָר קמיעות פאַר אונד־

זער קראַנקער רחלען. ער האָט אויך געגעבן אַ סגולה צו שמירן איר לייב מיט טויבן־בלוט.

טויבן זיינען דאָ ביי אונדז אין דאָרף אין גרויסע מאַסן. מיר האָבן אַליין אויך אַ היפּשן טויבנשלאַק. די מאַמע איז דעריבער געווען שטאַרק צופרידן, וואָס דעם בעל־שמס סגולה וועט זיין לייכט דורכצופירן.

די מאַמע האָט באַדאַנקט דעם בעל־שם און אים געגעבן אַ שיינע מתנה. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל אויך טאָן וואָס ער קאָן פאַר די אַנדערע חולאים, ווייבער און קינדער, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זיין הילף ביי אונדז אין שטוב. דער בעל־שם האָט זיי אַלעמען געגעבן קמיעות און פאַר־שריבן אַלערליי סגולות. ער האָט ניט געבעטן קיין געצאָלט און ניט איבער־געציילט דאָס געלט, וויפל די ווייבער האָבן אַוועקגעלייגט פאַר זיינע קמיעות און סגולות.

ווען דער טאַטע איז געקומען, האָט די מאַמע אים דערציילט וועגן בעל־שמס קמיעות און סגולות. דער טאַטע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פריילעכן שיינענדיקן פּנים און באַמערקט, אַז כאָטש אים געפעלן ניט די בעל־שמסקע סגולות, וועט ער איר ניט שטערן אָנצואווענדן יעדן אומ־שעדלעכן מיטל דורך וועלכן זי גלויבט צו ראַטעווען רחלעס לעבן. ער שטעלט איר נאָר דעם תנאי: צום אַלעם ערשטן אָפּהיטן גענוי אַלץ, וואָס דער ווילנער דאָקטאָר און איר מאַמע הייסן איר טאָן.

די באָבע האָט שטאַרק ניט געוואָלט ליידן דאָס פאַרגיסן בלוט פון אומשולדיקע טויבן, ווייל עפּעס אַ בעל־שמל האָלט דאָס פאַר אַ סגולה. אויסגעפירט האָט די מאַמע, וועלכע איז געווען גרייט צו געבן איר אייגן בלוט צו ראַטעווען איר קינד.

אַ געוויסע צייט פלעגט דעמאָלט צו אונדז קומען יעדן טאָג דער מיישעגאָלער שוחט קוילענען אַ טויב מיט אַ ספּעציעלן קליינעם חלפל דערצו. טאַנקע און איך האָבן די ערשטע צייט ניט געוואָלט געניסן קיין טויבן־פליייש. שפּעטער זיינען זיי פאַר אונדז געוואָרן דאָס זעלבע, וואָס יונגע הינדעלעך. כ׳פלעג נאָר זיך אָפּטמאָל דערמאָנען אין מיין קינדערשן גלויבן, אַז געבראָטענע טויבן, זיינען ווי „מאַרצעפּאַנעס״, וואָס מ׳קאָן נאָר ווינטשן, ווי „דאָס טעלערל פון הימל״, אָבער עס קיינמאָל ניט קריגן.

עטלעכע חדשים שפּעטער האָט די מאַמע זיך אָנטכישופט פון דער סגולה פון טויבן־בלוט. זי האָט אָבער ניט פאַרלאָרן איר אמונה אין בעל־שמסקע סגולות בכלל. ווען זי הערט פון אַ „בעל־מופת״, אָדער אַ „טאַטער״, אַז ער קאָן בעסער היילן, ווי דאָקטוירים, ווענדט זי זיך צו אים נאָך סגולות, קרייטעכער, וואַסערלעך א. ד. גל. איין סגולה אַזאַ האָט געקאָסט דער מאַמען אַ סך געזונט. זי איז געפאָרן ווינטער פון אַ ווייטער געגנט, פון וואַנען זי האָט געפירט מיט זיך אַ צאָל פלעשער מיט וואונדער־וואַסער, וואָס האָט

געזאָלט אויסהיילן רחלען פון איר קראַנקהייט. אין דרויסן איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט און איין פלאַש האָט געפּלאַצט. די מאַמע האָט דעריבער די איבעריקע פלעשער אַריינגענומען צו זיך אונטערן פעלץ. ווען די פלאַש האָט אויך דאָרט געפּלאַצט, אָדער זיך צעבראָכן האָט די פייכטקייט דער־גרייכט דער מאַמעס לייב און זי האָט זיך שטאַרק צוגעקילט. זי איז געווען אַ היפּשע צייט קראַנק און מ׳האָט זי קוים אָפּגעראַטעוועט.

רחלע איז דערווייל געוואָרן בעסער אָן בעל־שמסקע סגולות. זי איז ווידער אַרומגעלאָפן, געשפּרונגען און געזונגען, כאָטש זי איז שוין ניט מער געווען די זעלביקע וואָס פריער *).

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

געברענטע צרות

פון אַ שמועס צווישן מיין מאַמען מיטן טאַטנס שוועסטער פעסל, דערוויס איך זיך וועגן די געברענטע צרות, וואָס מיין טאַטע איז אויסגע־שטאַנען פון נאַטשאַלסטווע.

באַלד נאָך זייער חתונה האָט אירער אַ פעטער און זיינע שותפים זיך שטאַרק באַמיט צו מאַכן מיין טאַטן פאַר אַ שניט־קרעמער. זיי האָבן אים געלערנט ווי אַזוי צו פאַרדינען פון פאַרקויפן טוכווארג צו דאָרפס־לייט. זיי אַליין האָבן אָנגעהויבן זייער מסחר ווי קאָראָבעלניקעס, געטראָגן דעם פּאַק סחורה אויף די פּלייצעס, אָדער עס געפירט אויף אַ פור. זיי זיינען געווען מוצלחים, און געזוכט אים מיטצוהעלפן צו ווערן ווי זיי. ער אָבער טויג ניט צו מסחר, כאָטש מ׳האָלט אים אין שטעטל פאַר אַ לאַנד־חכם, און סוחרים באַראַטן זיך מיט אים וועגן זייערע מסחרים...

ווען ער איז געקומען צו פאָרן אין אַ דאָרף מיט זיין סחורה, האָט ער זיך אינטערעסירט מער מיט די דאָרפס־לייט, ווי מיט זיין מסחר. ער פלעגט אויסהערן, וואָס עס קומט פאָר אין דאָרף, געבן עצות, דערציילן מעשיות פון יידישע ספרים. דער טאַטע רעדט פויליש און ליטוויש מיט דער זעל־ביקער אויסשפּראַך, ווי די פּויערים. אין אַלע דערפער האָט מען אים שטאַרק האָלט. זיי וואָלטן אים גריילעך געהאָלפן צו לעבן צווישן זיי, ווי ער וויל, אויף אַן אייגן שטיקל ערד. נאַטשאַלסטווע אָבער זאָגט, אַז דאָס איז קעגן דעם נייעם זאַקאָן (געזעץ). די „אַסעסאָרס״, „פּריסטאַווס״ און „אוראַדניקעס״ פאָדערן פון אים מער כאַבאַר, וויפל ער איז בכח צו געבן.

---

*) זי שטאַרבט יונג מיט אַ פּאָר יאָר פריער, ווי אונדזער פערציק־יאָריקע מאַמע.

ער האָט דעריבער זיך געמוזט אַרויסקלייבן פריער פון אַקמינגע און שפּעטער פון קאַצישאָק. אַ גליק, וואָס אָט דער דאָרף לעבן מיישעגאָלע רעכנט זיך ווי אַ שטעטל, וואו יידן מעגן וואוינען. פונדעסטוועגן קאָן נאַטשאַלסטווע אים דאָ אויך אָנטאָן געבערענטע צרות. ער מוז כסדר זיין אויף דער וואַך.

דער טאַטע האַלט דאַרום מער ניט קיין ערד אין אַרענדע, ווי זיין טאַטע און זיידעס. ער פּאַרזייט נאָר דאָרפישע פּעלדער בשותּפות מיט זייערע פּויערשע באַלעבאַטים. דער טאַטע גיט די זריעה און די באַמיסטיקונג. ער העלפט אויך ביים צעאַקערן, פּאַרזייען, פּאַרבראָנעווען און אַראָפּנעמען פונעם פעלד.

מיין טאַטע־מאַמע זיינען ביידע באַליבט אין אונדזער דאָרף. אונדזער שטוב איז תמיד פול מיט דאָרפס־לייט. די פּויערים עצהן זיך מיט מיין טאַטן וועגן דאָרפישע און פּערזענלעכע ענינים. די פּויערטעס ריידן אויס זייערע הערצער פאַר מיין מאַמען. זיי באַריידן אויך פאַר איר יענע דאָר־פישע פּרויען, וועלכע פירן זיך ניט אויף גוט. די מאַמע געפינט אַ זכות אויף יעדער פּערזאָן. זי זאָגט, מען דאַרף שטענדיק אַריינגן אין יענעמס „פּאָלאָזשעניע."

יעדעס מאָל, ווען דער טאַטע פאָרט קיין ווילנע, קומען אַריין צו אונדז אין שטוב פּויערים און פּויערטעס מיט בקשות: ער זאָל מיטנעמען מיט זיך צו פאַרקויפן אין שטאָט זייערע שטיקלעך לייוונט, בינטלעך וואָל, פלאַקס און קאַנאָפּליעס; טאָרבעטשקעס זוימען, מאָן און קימל; טעפּלעך האָניק און אַנדערע זאַכן. זיי בעטן אים ברענגען דערפאַר טיטון, סמאָלע, פאַרב — צו פאַרבן שטאָפן, קאָרונעס, שטענגעס, א. ד. גל. אויך די יעגער פון אונדזער דאָרף און פון אַרומיקע דערפער ברענגען אַריין די פעלכלעך פון די חיות, וואָס זיי האָבן דערשאָסן, און פאַרלאַנגען ער זאָל זיי ברענגען פון ווילנע, אַ חוץ אַנדערע נויטיקייטן, אויך פולווער, פּיסטאָנעס און שראָט.

ביי אונדז אין שטוב, מייסטנס אינעם פּירהויז, געפינען זיך אויך יענע סחורות, וואָס דער טאַטע קויפט אין ווילנע בשותּפות מיטן דאָרף, ווי, למשל, זייף, זאַלץ, קעראָסין, הערינג א. ד. גל. דער טאַטע קויפט דאָס אַלץ איין אָגולנע און דאָס דאָרף קריגט דעריבער די אַלע זאַכן ביליקער, ווי די שטעטלשע איינוואוינער, וועלכע קויפן עס לאחדים, איינציקווייז אין די קראָמען.

איין מין סחורה קויפט אָבער דער טאַטע נאָר פון זיינטוועגן אַליין. דאָס איז גאַלאַנטעריי, פון וואָס ער ציט אַ טייל פון זיין חיונה. יעדן מאַרק־טאָג שטייט דער טאַטע מיט אַ טיש גאַלאַנטעריי. ער איז דער איינציקער אויפן מאַרק, וואָס פאַרקויפט דאָרט אָט די סחורה. זיין טיש, אין מערב־זייט פון דעם הויכן געמויערטן צאַם אַרום קלויסטער, איז אַלעמאָל באַלאַגערט

פון דער דאָרפישער יוגנט. פויערשע זין קויפן שפּאָנקעס, רינגען, שפּיל־קעס צו קראַוואַטן, קייטעלעך צו זייגערס, א. א. וו. פויערשע טעכטער קויפן אויערינגלעך, פינגערלעך, בראַנזליעטן, בראָשן א. ד. גל. מיין טאַטע קויפט אָט די זאַכן אָגולנע ביי זיינעם אַ פריינט, בארעל, וועלכער האַלט אַ גרויסן צירונג־געשעפט אויף דער דייטשישער גאַס אין ווילנע. בארעל גיט דעם טאַטן היפשע הנחות. דער טאַטע פאַרקויפט עס דעריבער צו די דאָרפס־לייט ביליקער ווי די שטעטלשע קראָמען.

עטלעכע ווינטערס האָט דער טאַטע, בשותפות מיטן דאָרף, זיך פאַר־נומען מיט אַ ריזיקאַלישער פּרנסה:

אַנשטאָט צו פירן לעבעדיקע גענדז אין ווילנע, און זיי דאָרט פאַר־קויפן בחצי חנם, אונטערן פּרייז, צו דאָרטיקע הענדלער, האָט דאָס דאָרף, מיט מיין טאַטנס הילף, געלאָזט קוילענען די גענדז, דורך דעם מיישעגאָלער שוחט, און געפירט קיין ווילנע, כשרע גענדזענע פלייש.

די ריזיקע איז געווען גרויס. וואָרעם ביים אַנטדעקן אַריינגעפירטע כשרע פלייש, פלעגן די סטראַזשניקעס (וועכטער) פונעם ווילנער בעל־טאַקסע, מוניע סאָלץ, עס באַשמירן מיט חזיר און דורכדעם עס מאַכן ווערט־לאָז. ס׳איז דעריבער געווען נויטיק, אַז אָט די אַרבעט זאָל געטאָן ווערן בסוד־סודות, זייער געהיים.

פויערשע טעכטער אין ריינע ווייסע לייוונטענע פאַרטעכער האָבן גע־פליקט און גערייניקט די גענדז אונטער דער השגחה פון מיין טאַטן. ער אַליין האָט עס נאָכדעם איינגעוויקלט אין ריינע לייוונטן, פאַרנייט די פעק־לעך מיט שטאַרקן פאָדעם, אַרומגעבונדן מיט שפּאַגאַט און פאַרחתמעט מיט אַ חתימה אין טריוואַקס. די פעקלעך האָט דער טאַטע איינגעפּאַקט אין זעק און זיי ביינאַכט אַוועקגעפירט אין פויערשע געהעפטן. דאָרטן האָבן די פויערים אַריינגעלייגט די זעק אין פורן היי, תבואה, קאַרטאָפל, פרוכט, גרינס, א. ד. גל. פּראָדוקטן.

אויפן וועג קיין ווילנע האָבן די פורן פון אונדזער דאָרף זיך אָנגע־שלאָסן אין די צענדליקער און הונדערטער פויערשע פורן פון אַנדערע דערפער, וועלכע האָבן געפירט נאָר היי, קאַרטאָפל, קרויט, תבואה, לעבע־דיקע עופות א. א. וו. צוזאַמען מיט יענע פלעגן אויך די פויערשע פורן פון אונדזער דאָרף דורכגיין די ווילנער ראָגאַטקע אָן שום שוועריקייטן. טאָמער האָט אַ שטרענגער סטראַזשניק עפּעס פאַרדעכטיקט, איז געווען גענוג ער זאָל אומזיסט אַריינשטעכן זיין שפּיז אין עטלעכע פורן היי און תבואה, ער זאָל נאָכדעם דורכלאָזן, אָן שום שטעכעניש אַ גאַנצן פויערשן „אָבאָז."

אונדזערע פויערים פלעגן זיך גיין פאַמעלעך און שמועסן מיט די פויערים פון אַנדערע דערפער, ביז וואַנען זייערע פורן פלעגן אַריבערגיין

דעם גרינעם בריק, צווישן גרויס־שניפּעשאָק און ווילנע. אַריינגעפאָרן אין שטאָט, פלעגן זיך די פויערים אַוועקלאָזן שנעל צו דער זאַוואַלנער גאַס, צו מיין טאַטנס אכסניה, ניט ווייט פון שלמה קיסינס הויף. דאָרט פלעגן זיי אויסלאָדן די זעק כשרע פלייש אין אַ סקלאַד און תיכף אַוועקפאָרן מיט זייערע איבעריקע פּראָדוקטן אין מאַרק אַריין.

באַלד ווי די פויערים פאָרן אַרויס פונעם טויער פון מיין טאַטנס אכסניה, הויבן זיך אָן ציען אַהין ווייבער, צווישן זיי אויך רביצינס, פרויען פון רבנים און מגידים, פון די אַרומיקע אָרעמע יידישע געסלעך. די דאָזיקע יידישע הויז־פרויען האָבן זייערע אייגענע אויסקוקערינס און שומרטעס, וועלכע היטן, אַז קיין בייז אויג פון בעל־טאַקסעס אַ סטראַזשניק זאָל ניט מערקן דעם ביליקן עוף, אויף אַ שבת אָדער אַ יום־טוב.

בליץ־שנעל עפנט דער טאַטע די זעק. באַקוקט יעדן פעקל, צי די חתימה איז ניט געריררט, צי אַלץ איז זיכער כשר, און ער הויבט עס אָן פאַרטיילן. ער וועגט ניט דאָס פלייש, נאָר זאָגט דעם מקח פון יעדער גאַנדז. דאָס רוב קויפן עטלעכע ווייבער בשותפות איין גאַנדז, צעטיילן זיך מיט איר אינדערהיים. אין אַ קורצער ווילע בלייבט ניט קיין שום שפור פון דער גאַנצער סחורה.

דער טאַטע גיט אויף שפּעטער די דאָזיקע ריזיקאַלישע פּרנסה, ניט מחמת אַ מסירה, נאָר ווייל, ווי ער זאָגט, זי האָט אים דערעסן.

דער טאַטע קויפט און פאַרקויפט אויף נאמנות. ווען ער גייט מיט מיר אַריין אין דער שניט־קראָם פון פרוי בארעל *) אויף קאַמניצקער גאַס („זשמודסקאַיאַ אוליצאַ") אין ווילנע, צו קויפן שטאָף אויפצוניייען פאַר מיר אַ גאַרניטער אויף יום־טוב, באַמערקט ער באַלד, אַז ער קויפט, 'אויף נאמנות'. פרוי בארעל באַרעכנט וויפל די סחורה קאָסט איר אַליין און וויפל זי דאַרף מאַכן ריוח (רעוואַך) דערביי.

מיין טאַטע היט אויך אָפּ שטרענג ניט צו צאָלן קיין פּראָצענט. ער אַנטלייט קיינמאָל ניט קיין געלט ביי קיין מלוה, נאָר קריגט אַ גמילות־חסד ביי חשובע באַלעבאַטים, וואָס האָבן מזומן, ווי ר' אליה דער שענקער, אָדער פייווע־צאַלע דער שניט־קרעמער. דער טאַטע איז זייער פּינקטלעך איז אָפּצאָלן עס צו דער באַשטימטער צייט. אין שטעטל האַלט מען דעריבער מיין טאַטן פאַר אַ פאַרמעגלעכן. מען פאַרלאַנגט פון אים, און ער גיט, ווי די מאַמע זאָגט, מיט דער ברייטער האַנט, פאַר אַלע שטעטלשע הצטרכותן (באַדערפענישן).

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיין טאַטע האָט זעלטן מזומן, פעלט גאַר־

---

*) אהרן ליבערמאַנס חבר, סידאָר (ישראל מאיר) בארעל, האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז געווען זיין מאַמע.

ניט אין אונדזער פויערשער כאַטע אַ חוץ אַ פּאַדלאָגע און שטעטלשע מעבל. מיר עסן ברויט פון אונדזער אייגענעם קאָרן, וואָס דער טאַטע מישט צו מיט אַ ביסל אַרבעס און גערשטן, ס׳זאָל האָבן מער טעם, ווי ער זאָגט. דעם קאָרן פירט דער טאַטע צו צעמאָלן ביים יידישן מילנער אינעם פּריצס הויף. סוף זמן, ווען כ׳גיי ניט מער אין חדר, נעמט מיך אַמאָל מיט דער טאַטע און לאָזט מיר זיך צוקוקן, ווי אַזוי די גרויסע וואַסער־מיל צעמאָלט די קאָרן אויף מעל.

מיר האָבן אויך גענוג קאַרטאָפל, וואָס מיר האָבן אַליין געזייט, איבער־גענוג גרינס פון אונדזער גאָרטן, מילכיקס פון אונדזער קו, אייער און פליש פון אונדזערע עופות: הינער, גענדז, קאַטשקעס און אַמאָל אויך אינדיקעס, וועלכע בלאָזן זיך צופיל. מיר בייטן אָפטמאָל אויך אויס אונדזערע פּראָדוקטן אויף אַ קאַלב אָדער אַ שאָף, וועמעס פליש דער טאַטע איז אַליין מנקר, — רייניקט אויס פון חלב (כיילעוו) און אָדערן. אויף דעם זעלביקן שטייגער קריגן מיר אויך פיש, פּרוכט און אַנדערע עסנוואַרג. יאַגדעס און שוועמלעך קלייבט אַליין אָן אין וואַלד מיין עלטערע שוועסטער, טאַנקע. ווען כ׳בין פריי פון חדר, נעמט זי מיך אַמאָל מיט צום קלייבן שטשאַוו אויף די גרינע בערגלעך אויסערן דאָרף. מיר קלייבן דעמאָלט אויך קרייטיכער פאַר „אַ רפואה״, און רייסן אָן פון די בוימער אויפן וועג „ליפּאָווע־קוויאַט״, פון וואָס די מאַמע מאַכט אַ געטראַנק פאַר יעדן פון אונדז, וואָס קילט זיך צו און הוסט.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

עקשנות

אַזוי ווי די פרייטיקס זיינען איצט, ווינטער־צייט, זייער קורץ, לער־נען מיר אין חדר שבת־צונאַכטס ביז שפּעט.

איין אָוונט האָט מיר אָנגעהויבן חלשן דאָס האַרץ, האָב איך געוואָלט צולויפן צום זיידנס שטוב עפּעס נעמען אין מויל. מיין רבי, רפאל־ראובן, האָט מיר ניט דערלויבט אַרויסצוגיין. ער האָט געזאָגט איך זאָל וואַרטן ביז ער וועט מיט מיר אָפּלערנען מיין שיעור גמרא.

רפאל־ראובן האָט אַ נאָמען ביי זיינע תלמידים פאַר אַ ייד אַן עקשן און נאָך אַ כעסן דערצו. כ׳בין דעריבער געבליבן זיצן אויף מיין פּלאַץ און געוואַרט ווייטער. ווען ס׳איז אַריבער אַ היפּשע צייט און דער רבי האָט אַלץ געלערנט מיט אַנדערע, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אים געבעטן לערנען מיט מיר מיין שיעור. ער האָט געענטפערט, אַז ער וועט

דאָס טאָן ווען ער וועט וועלן. אויף מיין פּראָטעסט, אַז דאָס איז ניט יושרדיק, האָט די רביצין זיך צעשריען:

— ס׳געהערט אַ חוצפּה! אַזוי ריידן קעגן אַ רבין קאָן טאַקע נאָר אַזאַ בן־יחידל ווי ער, וואָס ווערט געפּיעשטשעט פון זיין גאַנצער משפּחה. אַנומלט טרעף איך זיך מיט זיין באָבען, זאָגט זי מיר, אַז ס׳אייניקל איז ביי זיי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. צוגלייך מוסרט זי מיך, די צדקניות, און הייסט זיין גוט צו פרעמדע קינדער, ווי צו מיינע אייגענע. זי דערמאָנט מיר, אַז כ׳בין אַליין אויך אַ מאַמע, און כ׳האָב נאָך דערצו אַ בן־יחיד, און ווייס געוויס וואָס קינדער זיינען פאַר זייערע עלטערן. קענטיק אַז ער זאָגט אַלץ אויס פון חדר... דערציילט פון יעדן פּאַטש אין באַק, פון יעדן דריי פאַרן אויער...

מיך האָט ניט געאַרט, וואָס די רביצין רעדט. כ׳לערן דאָך ביים רבין, ניט ביי איר. בעט איך אים נאָכאַמאָל ער זאָל באַלד אָפּלערנען מיט מיר און מיך לאָזן גיין. כ׳וועל תיכף זיין צוריק.

דער רבי גיט ניט נאָך מיין בקשה. עס הויבט זיך אָן צווישן אונדז אַ קריג — אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט.

ער: ווען דו וואָלסט ניט געווען קיין עזות־פּנים, וואָלסטו שוין לאַנג געהאַט אָפּגעלערנט. איצט וועסטו זיין דער לעצטער... ביי מיר ביסטו ניט קיין בן־יחיד... פון מיינעטוועגן מעגסטו פּגרן פון הונגער...

איך: איר זייט מיין רבי, אָבער פייניקן מיך האָט איר ניט קיין רעכט.

איך הויב זיך אויף פון מיין פּלאַץ ביים טיש. דער רבי גיט מיר אַ פּאַטש און שרייט:

ער: זיץ אויף אַן אָרט! אויב ניט, מאַך איך פון דיר אַ באַרג אַש!

איך: מיר זיינען ניט אין קיין וואַלד. „די וועלט איז ניט הפקר" (חזר איך איבער מיין באָבעס אַ ווערטל).

ער: נחקע, דאַדקע, איטשקע, משהקע! לייגט אים אַוועק אויפן בענקל; האַלט אים פאַר די פיס, און איך וועל אים אַריינצײלן „ביין מאָל ניין", ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ יחסן.

די יינגלעך קוקן אַלע אין זייערע גמרות. קיינער פון זיי רירט זיך ניט פון אָרט. די רביצין שטעלט זיך אויף; זי האַלט די הענט אין די באָקעס און שרייט:

— וואָס איז דאָ? אַ בונט קעגן רבין! די ממזרים האָבן זיך איינע די אַנדערע העלטער ווי דעם רבין, וועמען עס איז אַ מצווה האַלט צו האָבן. רפאל־ראובן! נעם אים אויף די קני. איך וועל אים האַלטן פאַר די פיס.

דער רבי גיט אַ כאַפּ מיין אַרבל. איך גיב אַ שטויס דעם טיש. דער לאָמפּ טרייסלט זיך, שרייט דער רבי:

— שרה־פּעשע! נעם אַראָפּ דעם לאָמפּ פון טיש! און איר, יונגאַ־

טשעס, אַרונטער פון אייערע פּלעצער! און דו, בן־יחיד, קום אַהער, לייג זיך!...

ער גיט מיך נאָכאַמאָל אַ שלעפּ. איך גיב אים אַ בריק אין פוס. ער גיט אַ געשריי, און נעמט מיך שלאָגן מיט זיין שטעקן. איך שריי:

— גוואַלד! גוואַלד! ראַטעוועט!

די ייִנגלעך שטייען צעשראָקענע. זייערע פּנימער זיינען בלאַס. דער רבי לאָזט מיך אָפּ אַ וויַיל. ער פאַרמאַכט די לאָדנס, פאַרשליסט די טיר. ער קומט צוריק צו מיר, כאַפּט אָן מיין קאָפּ מיטביידע הענט, זוכט מיר צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל. די רביצין גיט אַ כאַפּ מיינעם אַ פוס. איך בריקע זי אָוועק און שריי מיט אַלע כוחות:

— ראַטעוועט! ראַטעוועט!

עס דערהערן זיך שטימען פון דרויסן, פון הינטער די לאָדנס. דער רבי עפנט אַביסל די טיר. קוקט ווער עס שטייט הינטער די לאָדנס. פאַר־זיכערט, אַז ביי אים אין חדר הרגעט מען ניט קיין מענטשן. ער עפנט נאָכדעם ברייט די טיר, גיט מיר אַ שטאַרקן שטויס אין פּלייצע. איך פאַל אַריין אין אַ קופּע שניי. ער וואַרפט מיר צו מיין וואַטאָוון בגד און פאַרהאַקט די טיר. איך הויב זיך אויף און לויף אָן אָטעם, ווי עמיץ וואָלט מיך יאָגן. כ'עפן קוים אויף די טיר פון זיידנס שטוב און פאַל דאָרט אַריין...

דער טאַטע נעמט מיך אַוועק אין דאָרף. די מאַמע פּילעוועט מיך ביז כ'קום צו זיך. די בלויע סיניאַקעס און רויטע גראַבלען אויף מיין פּנים ווערן פאַרהיילט. מיינע מלבושים פאַרריכט, געוואַשן און געפּרעסט. קיינער דערמאָנט ניט אין שטוב מיין מלחמה מיטן רבין. איינמאָל נאָר, ווען די מאַמע איז געבליבן מיט מיר אַליין אין שטוב, האָט זי באַמערקט:

— זעסט, מיין קינד, צו וואָס עקשנות ברענגט...

אין אַ וואָך אַרום האָט מיך דער טאַטע געפירט צוריק אין שטעטל. אויפן וועג האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיין רבי רפאל־ראובן האָט שטאַרק חרטה אויף אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן יענעם אָוונט. ער וועט שוין מער קיינעם ניט שלאָגן אין זיין חדר. איך דאַרף אויף אים ניט טראָגן קיין האַרץ, נאָר לערנען מיט התמדה, און אַרויסווייזן אים דעם געהעריקן דרך־ארץ. כ'קאָן נאָך פון אים אַ סך לערנען.

רפאל־ראובן איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. ער האָט זיך באַ־נומען מילד צום גאַנצן חדר, און זיך נאָר באַמיט וואָס בעסער צו דערקלערן זיינע תלמידים, וואָס ער לערנט מיט זיי.

ביסלעכוויַיז האָבן די ייִנגלעך מיר דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט די וואָך, וואָס כ'בין געווען ביי מיין טאַטע־מאַמע אין דאָרף: אין שטעטל האָט זיך שטאַרק געטומלט וועגן דעם סקאַנדאַל אין רפאל־ראובנס חדר. עס האָט געהאַלטן דערביי ער זאָל בלייבן אָן אַ קנעלונג. ער ווענדט זיך

צום רב, ער זאָל פּועלן ביי מיין טאַטן, ער זאָל מיך שיקן ווידער צו אים אין חדר. ביים רב אין הויז האָט אונדזער רבי אויך געגעבן אַ תּקיעת־כּף, ניט צו שלאָגן מער קיינעם פון זיינע תּלמידים. און ער היט דאָס אָפּ ערלעך...

שׂרה־פּעשע איז קראַנק און מישט זיך אינגאַנצן ניט מער אין חדר.

גייענדיק אין דער פרי פון מיין זיידנס שטוב צום חדר האָב איך אויפן ברייטן וועג קיין ווילנע געפונען אַ „פּאַרטמאָנע״ אָנגעפּאַקט מיט אַסיגנאַציעס (פּאַפּיר־געלט). איך קער זיך גלייך אום צוריק אַהיים און דערלאַנג עס דער באָבען.

ווען כ׳קום פון חדר צום אָנבייסן, זאָגט מיר די באָבע, אַז ראָכע יאַנקלס, דעם פערדהענדלערס וויב, איז אַרומגעלאָפן אין גאַס און געקלאָגט, אַז איר מאַן האָט פאַרלאָרן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט אָנגעליען אויף צו האַנדלען אויפן יאַריד. די באָבע האַלט, אַז דאָס איז געוויס דאָס געלט, וואָס איך האָב געפונען היינט אין דער פרי. זי האָט דעריבער אַריינגערופן ראָכע יאַנקלס און איר אָנגעזאָגט די גוטע בשׂורה, אַז איך האָב מעגלעך געפונען זיין געלט, און איר געהייסן קומען געבן אַ סימן. באַלד ווי ער האָט דאָס געטאָן, האָט די באָבע מיר דערלאַנגט די מציאה און געזאָגט:

— נאַ, גיב עס אָפּ ר׳ יאַנקלען, וועסטו מקיים זיין די מצווה פון „השבת אבידה״ — (האַשאָוועס־אַווידאָ — אומקערן אַ פאַרלאָרנס); אַזאַ מצווה טרעפט זיך ניט יעדן טאָג...

איך בין שטאַרק צופרידן צו האָבן פאַרדינט אַזאַ וויכטיקע מצווה. דאָך טראַכט איך אָפּטמאָל, אַז פאַרן פערדהענדלער וואָלט געווען בעסער, ווען ער קריגט ניט לייען קיין געלט אויף צו האַנדלען מיט פערד, וואָס צוליב זיי פאַרשפּאַרט מען אים אַלע ווײַלע אין טורמע.

יאַנקל דער פערדהענדלער וואוינט אויף דער זעלביקער זייט גאַס, ניט ווייט פון מיין זיידנס שטוב. ער איז אַ מיטל־געוואַקסיקער מאַן מיט אַ שיינער טונקל־בלאָנדער באָרד. יעדעס מאָל ווען מען גנבעט אַ פערד ביי עמיצן אין שטעטל אָדער אין דאָרף קומט מען עס זוכן ביי אים. אויב מען געפינט עס ביי אים, פירט מען זיי ביידן אַוועק — דעם פערד צו זיין באַלעבאָס, און דעם פערדהענדלער צו דער שטעטלשער טורמע, אויף יורסדיקע, הינטערן קלויסטער. דער פערדהענדלער טענהט אַלעמאָל, אַז ער קען ניט געדענקען אַלע ציגיינער און אַלע קאַניוכעס, ביי וועמען ער קויפט פערד. ער געדענקט נאָר, אַז דער פאַרקויפער פונעם פערד האָט זיך דעמאָלט געשוואָרן, אַז ער האָט עס אַליין אויפגעהאָדעוועט פון אַ לאָשעקל. דער אוריאַדניק גלויבט אָבער ניט דעם פערדהענדלער; פאַרקערט, ער איז אים חושד אין העלפן דורכפירן די גנבה. ער שיקט אים דעריבער אַוועק קיין ווילנע, באַגלייט פון אַ דעסיאַטניק.

אַזוי ווי דער פערדהענדלער האָט ניט קיין געלט איינצולייגן „זאַלאָג״,

און קיינער איז אויך פֿאַר אים ניט ערב (אַרעוו), זיצט ער אין ווילנער טורמע ביז צום משפּט. אַמאָל פֿאַרמשפּט מען אים צו נאָך עטלעכע וואָכן טורמע; אָן אַנדערש מאָל קומט ער אָפּ מיט דער אָפּגעזעסענער צייט און גייט אַרויס פֿריי.

אין שטעטל גלויבט מען, אַז יאַנקל דער פֿערדהענדלער איז שטאַרק אָנגעזען צווישן די יידישע אַרעסטאַנטן, מיט וועלכע ער זיצט צוזאַמען אין דער ווילנער טורמע. אַ חוץ זיין פֿיינער „אָסאָבע״, מיט דער ברייטער בלאָנדער באָרד, איז ער אויך דער גרעסטער למדן צווישן זיי. ער קען אויסווייניק אַ סך תּפֿילות און ווייס אַלע יידישע מנהגים.

ווען יאַנקל דער פֿערדהענדלער זיצט אין טורמע, ווערט זיין ווייב, ראָכע, די שפּייזערין פֿון זייער הויז־געזינד. זי טוט אַלערליי שטוב־אַרבעט אין באַקאַנטע הייזער. זי וואַשט גרעט, שייערט פּאָדלאָגעס, פֿאַרקנעט דייזשעס טייג, באַקט, קאָכט, א. א. וו. ווען דאָס אַלץ איז ניט גענוג אויף חיונה, ווענדט זיך ראָכע צו מיין באָבען, וועלכע זאָרגט שוין דערפֿאַר, אַז דעם פֿערדהענדלערס הויז־געזינד זאָל, חלילה, ניט ליידן קיין הונגער.

יעדעס מאָל, ווען יאַנקל דער פֿערדהענדלער קומט צוריק פֿון טורמע, זוכט ער אַ ווייַלע אָן אַנדער פּרנסה. ער העלפֿט מיין זיידן קויפֿן זוימען, אָדער אַנדערע תּבֿואות, וועלכע דער זיידע פֿירט נאָכדעם אַוועק צו די גרויסע סוחרים אין ווילנע. לאַנג אָבער קאָן דער פֿערדהענדלער זיך ניט איינהאַלטן פֿון האַנדלען מיט פֿערד, און ער זיצט ווידער אין טורמע צוליב זיי.

יאַנקל דער פֿערדהענדלער פֿאָרט שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע. עס גייען אַרום וועגן אים פֿאַרשיידענע קלאַנגען. לויט איין קלאַנג, האָט ער דאָרט צוערשט געאַרבעט אין אַ שוך־פֿאַבריק. שפּעטער באַגעגנט ער זיך מיט קאָניוכעס, וועלכע ריידן אים איין זיך צו נעמען צו זיין אַלטער פּרנסה. דער סוף איז, אַז מען זעצט זיי אַלעמען אַריין אין אַ טורמע. מען דערציילט אויך, אַז דער פֿערדהענדלער באַקלאָגט זיך שטאַרק אויף דער שלעכטער באַהאַנדלונג דאָרט. ער זאָגט, אַז מען באַהאַנדלט אים אין דער אַמעריקאַנער טורמע אַ סך ערגער ווי אין דער ווילנער.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

מען פֿירט די תּורה אין שול אַריין

די ספֿר תּורה, וואָס די חבֿרה „עין יעקבֿ״ גיט אַריין אין בית־המדרש, לכּבֿוד דעם נייעם ארון־קודש, איז שוין פֿאַרטיק. דער סופֿר שמואל־יאַנקל, מיין מומעס ברודער, האָט שוין צו אונדז געבראַכט די לעצטע יריעה. עס פֿעלן בלויז די עטלעכע צענדליק שורות, וועלכע ער וועט אויפֿשרייבן

אין בית־המדרש,ביים סיום, פאַר די, וועלכע קויפן אותיות אויף זייערע נעמען.

דער יום־טוב הויבט זיך אָן אין אונדזער דאָרפישער כאַטע, וואו די ספר תורה איז אויסגעוואַקסן, וואו מ׳האָט זי געקליבן אין אונדזער קאַמאַד אַ יריעה נאָך אַ יריעה.

איצט ליגט שוין די ספר תורה ביי אונדז אויפן טיש אויף אַ ווייסן טישטעך. זי איז אויסגעפּוצט אין סאַמעט, און באַצירט מיט זילבער און גאָלד. די שטוב איז אויפגעראַמט לכבוד איר, ווי שבת און יום־טוב. אַלץ בלאַנקט און בלישטשעט.

דאָס געהעפט לעבן אונדזער שטוב איז אויסגעקערט ריין ביזן מיטן גאַס; ס׳איז באַשאָטן מיטן געלן זאַמד און מיט שטיקלעך גרינעם אַאיר, וואָס מיין עלטערע שוועסטער און איך האָבן אָנגעשניטן אינעם שטעטלשן זומפּ הינטער די הייזער פון מיין זיידנס שכנים, יעקל דער שניידער און בערע־לייב דער שוסטער.

אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג צו אונדזער פירהויז שטייט אַ היפשער טויער, וואָס דער טאַטע האָט אויסגעפלאָכטן פון צווייגן און בלומען פון אַלערליי קאָלירן.

ביי אונדז אין שטוב טראָגן מיר אַלע אונדזערע שבתדיקע מלבושים. אַזוי גייען אויך אָנגעטאָן די מחותנים פון דער חברה „עין יעקב״. זיי זיינען די ערשטע אָנצוהויבן דעם פּאַראַד.

זיי טראָגן אַרויס פון אונדזער שטוב די חופּה מיט די פיר שטענגלעך, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון שטעטל. זיי שטעלן די חופּה אויף ביים טויער ווי אויף אַ חתונה. די דאָרפס־לייט, וועלכע האָבן אָנגעפּאַקט דעם געהעפט, קוקן אַלע אויף אונדזער טיר. ווען דער טאַטע גייט אַרויס פון שטוב מיט דער ספר תורה אויף דער האַנט און שטעלט זיך אונטער דער חופּה, שרייט דער דאָרפישער עולם „הוראַ!״ כלאָפּעס, מיידלעך און קינדער פּאַטשן מיט די הענט, אַ טייל פרויען און מיידלעך באַוואַרפן די חופּה מיט בלומען. דער טאַטע נעמט זינגען דעם פּסוק „תורת השם תמימה, משיבת נפש״ (גאָטס תורה איז גאַנץ, זי דערקוויקט די נשמה), און ער גייט אַ טענצל מיט דער תורה.

פיר „עין־יעקב״־יידן נעמען יעדערער אַ חופּה־שטענגל אין האַנט און עס הויבט זיך אָן דער מאַרש צום שטעטל. די מאַמע און איך גייען אויך מיט. מ׳לאָזט מיר האַלטן מיין האַנט אַרום אַ חופּה־שטענגל. טאַנקע, רחלע און דאָבעלע בלייבן אין שטוב. דער טאַטע זינגט אויפן קול דורכן דאָרף זיין באַליבטן קאַפּיטל תהלים „השמים מספרים כבוד אל״ (די הימלען דער־ציילן גאָטס פּראַכט). ער זינגט און טאַנצט צוגלייך.

דער גאַנצער דאָרף שטייט אין דרויסן אויף די געהעפטן פוןביידע

זייטן וועג. אַ סך באַגעגענען די חופּה מיט „בראַוואָ!" אָדער „הוראַ!"
ביים ראַנד פון שטעטל וואַרט שוין אַן עולם יידן. קלעזמער שפּילן אַ שמחת־תורה מאַרש לכבוד דער ספר תורה. דער טאַטע גיט גלייך איבער די ספר תורה צו בערטשיקן, דעם רבין פון דער חברה „עין יעקב". בערטשיק טראָגט זי אַ וויל און גיט זי נאָכדעם איבער צו אַנדערע לייט פון דער חברה. די „עין־יעקב"־יידן זיינען אויך מכבד מיטן טראָגן די תורה יידן פון די חברות ש"ס, משניות. ס׳בייטן זיך אויך כסדר די, וועלכע האַלטן די חופּה־שטענגלעך. צוגלייך מיט די קלעזמער, וועלכע שפּילן פריילעכע מוזיק, זינגען אויך דער טאַטע און זיינע חברים לוסטיקע יום־טוב־געזאַנגען און טאַנצן אויס אַלערליי יידישע טענץ.
דער פּאַראַד ציט זיך דורך דער גאַנצער לענג פון שטעטל און פאַרענדיקט זיך ביים בית־המדרש, אויף יורסדיקע. דער רב גייט אַרויס דער תורה אַנטקעגן. ער טראָגט זי אַריין אין בית־המדרש, וואו ער האַלט אַ דרשה. נאָכדעם זעצן זיך אַוועק די גבאים פון דער חברה „עין יעקב" ביים טיש, וואו זייער רבי בערטשיק לערנט מיט זיי יעדן שבת. דער סופר שפּרייט אויס אויפן טיש די לעצטע יריעה מיט דעם נאָך־ניט פאַרענדיקטן שרייבן. דער עולם הויבט אָן קויפן אותיות. מיין טאַטע קויפט פאַר מיר אַלע אותיות פון מיינעביידע נעמען, קלמן און צבי. ער קויפט אויך אותיות אויף די נעמען פון מיין מאַמען און שוועסטער, ווי אויך פאַר זיין טאַטע־מאַמען — דער זיידע שאול־יהודה און די באָבע לאה — און פאַר זיך אַליין. דער זיידע שמואל־איטשע און די באָבע דבורה קויפן זיך אַליין אותיות, פּונקט אַזוי אַלע פון אונדזער משפּחה.
נאָכן אַריינשרייבן די לעצטע אותיות אין דער תורה גרייט מען טישן אין בית־המדרש פאַר מאַנסבילן און פאַר ווייבער באַזונדער. מ׳עסט, מ׳טרינקט, מ׳זאָגט תורה, מ׳זינגט און מ׳טאַנצט, ווי אויף אַ חתונה. דער טאַטע וויל אָבער בשום אופן ניט טאַנצן אין בית־המדרש דעם „גזלן־טאַנץ", מיט וועלכן ער איז משמח דעם עולם אויף חתונות. אַנשטאָט דעם טאַנצט ער עטלעכע קאַזאַצקעס.
דער סיום פון דער תורה דויערט עטלעכע װאָכן. ער פאַרענדיקט זיך מיט אַ נייעם יום־טוב פון דער חברה „עין יעקב" — אַ התחלה (אָנהויב) אויף די „נביאים", פון וועלכע מען לייענט די הפטרות שבת און יום־טוב.
ביי דער התחלה קויפט מען ווידער אותיות. דער רב האַלט אַ דרשה. בערטשיק דערציילט שיינע מעשהלעך פון דער גמרא, וואָס זיינען אַריין אין „עין יעקב". אַ גבאי פון דער חברה באַמערקט, אַז דער סיום פון די „נביאים" וועט זיין אַן אויסערגעוויינלעכע פאַסירונג, ווייל מיישעגאַלע וועט אפשר זיין דאָס ערשטע שטעטל צו האָבן די „נביאים", אין דער פאָרמע פון דער תורה און אין אַן ארון־קודש.

***

דאָס שטעטל איז פול מיט כלאָפּעס און יונגען. זיי זיינען געקומען צום פּריזיוו, אין מיישעגאָלער קאַנצעלאַריע. עס זיינען אויך אָנגעפאָרן „סטאַראָסטעס״ און „סטאַרשינעס״ פון אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, ווי אויך דעפּוטאַטן, אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים. פאַראַן אויך טאַטע־מאַמעס, וועלכע ווילן זיין צוזאַמען מיט זייערע זין אין פּריזיוו־צייט. צו די געסט, וועלכע שטייען איין ביז איבערן פּריזיוו ביים זיידן, קומען אויך אַריין סטאַראָסטעס. איינער פון זיי האָט אַ געלע ברייטע באָרד און אַ קיילעכ־דיקן בויך. דער זיידע זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ ייד אַ למדן. מיר גע־פעלט ער ניט זינט כ׳האָב געהערט, אַז ער מאַכט פאַלשע פּעסער פאַר סאָלדאַטן.

די כלאָפּעס און אַ טייל יונגען גייען אַרום שכורע. איבערהויפּט די, וועלכע מ׳האָט שוין אָפּגעגעבן. אָט די „נאָוואָבראַנצעס״ באַרימען זיך, אַז זיי קאָנען איצט טאָן וואָס נאָר זיי ווילן. זיי האָבן מער פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט. ביינאַכט פאַרמאַכט מען צוליב זיי די לאָדנס און מ׳פאַר־שליסט און פאַריגלט שטאַרק די טירן.

אַנדערע ווידער באַהאַלטן זיך פאַר מענטשן. דאָס זיינען: „אַכוואָט־ניקעס״, וועלכע פאַרדינגען זיך צו דינען פאַר אַנדערע. „מלאכים״, וועלכע שטעלן זיך צום פּריזיוו אונטער אַנדערע נעמען. זיי אַנטלויפן נאָכדעם אויפן וועג צו אָדער פון דער קאַזאַרמע. זיי ווערן דעמאָלט פאַרשוואונדן, ווי זיי וואָלטן אַרויפגעפלויגן אויפן הימל... די „בעל־מומים״, אָדער זיך „פּע־לער־מאַכער״, וועלכע טרינקען עסיק און מאַרען זיך ביז וואַנען זיי קריגן שוואַכע הערצער אָדער טשאַכאָטקע, כדי צו ווערן אויסגעבראַקירט ביים פּריזיוו. צווישן די כלאָפּעס געפינען זיך אַזוינע, וועלכע האַקן זיך אַליין אָפּ אַ פינגער פון דער רעכטער האַנט, אַבי ניט צו גיין אין סאָלדאַטן.

די לוסטיקע „נאָוואָבראַנצעס״ הערן אויף צו זינגען און „כוואַטעווען״, באַלד ווי זיי דערזעען זייערע וויינענדיקע מאַמעס, שוועסטער און כלות, וועלכע קומען זיך געזעגענען מיט זיי. די מאַמעס, סיי די דאָרפישע און סיי די שטעטלשע, באַקלאָגן זייערע אָפּגעגעבענע זין, ווי ביי אַ לויה נאָך אַ טויטן.

צוליבן פּריזיוו אין שטעטל הער איך זיך אָן אַ סך מעשיות פון „כאַ־פּערס״ און רעקרוטן. מען דערציילט, אַז אַמאָליקע יאָרן פלעגט מען כאַפּן אָרעמע יידישע יונגע לייט, גאָר אַמאָל אויך תלמוד־תורה קינדער, און זיי אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן אַנשטאָט גבירישע זין. ווען די „כאַפּערס״ האָבן ניט אַריינגעקראָגן גענוג יונגע מענטשן האָבן זיי געכאַפּט עלטערע יידן, זיי אָפּגעגאָלט די בערד, כדי זיי זאָלן אויסזען יינגער און זיך פּאַסן צו זיין סאָלדאַטן. דערביי דערמאָנט מען אויך, אַז אַן אָנפירער פון אָט די „כאַפּערס״ לעבט נאָך דאָ אין שטעטל, דאָס איז דער „איזבאָרשטשיק.״

כ׳קען אים דעם „איזבאַרשטשיק״. כ׳קום אויך אַמאָל אַריין צו אים אין שטוב. ער איז אַ מיטלגעוויקסיקער קרעפּטיקער מאַן מיט אַ געדיכטער גרויסער באָרד, וואָס איז קענטיק אַמאָל געווען שוואַרץ. זיין שטוב האָט אַ סך חדרים און צוויי אַריינגאַנגס. איינער אין קעמעלער געסל. דער הויפּט אַריינגאַנג איז דורכן גאַנעק אויף דער רעכטער זייט. דורך דאָרטן גייט מען אויך אַריין אין קראָם, וואו די קרעמערקע איז זיין עלטסטע טאָכ־טער, גנעסע, וועמעס נדן די קראָם איז.

ביים „איזבאַרשטשיק״ אין שטוב איז אויך דאָ צו פאַרקויפן וויין און מעד. יינגלעך זאָגן מיר, אַז דעם דאָזיקן וויין טרעטן אויס פון ראָזשינקעס דער „איזבאַרשטשיק״ און זיינע טעכטער מיט באָרוועסע פיס... איך אַליין האָב זיי קיינמאָל ניט געטראָפן באָרוועסערהייט. ווען די באָבע שיקט מיך צום „איזבאַרשטשיק״ קויפן אַ קאַראַפינקע וויין, גיט עס מיר זיין ווייב, איטע, אַ הויכע, יידענע מיט אַ פריינטלעכן פנים. ער אַליין זיצט אַ שוויי־גנדיקער, מיט אַן אָנגעכמורעטן פנים, איבער אַן אָפענעם ספר. זיינע צוויי יינגערע טעכטער, שרהקע און פריידקע, זיינען די מערסטע צייט פאַרנומען ביי מיין מומע פעסלען, וועלכע לערנט זיי נייען. שרהקע זינגט און לאַכט ביי דער אַרבעט. זי שטעלט מיר אויך אַלערליי פראַגעס, ווען כ׳קום אַמאָל אַריין צו מיין מומען אין דער נייטעריי. נאָך פריילעכער פון שרהקען איז איר ברודער חיימקעלע. ער קומט אָפט אַריין צו מיין זיידן אין שטוב. ער האָט האָלט זיך צו וויצלען, און כ׳ווער קיינמאָל ניט מיד אים צו הערן ריידן.

גאָר אַן אַנדער מענטש איז זייער עלטסטער ברודער, אַ פאַרמעגלעכער קרעמער. ער האַלט זיך מיט יידישער חשיבות, וויצלט זיך ניט, גיט זעלטן אַ שמייכל. זיין ווייב לערנט די טעכטער גרויסשטאָטישע מאַנירן און פאַר־צייט זייערע נעמען. זיין תמיד־פאַרפּוצטע שוויגער איז אַ מלווהטע; זי אַנטלייט געלט אויף פּראָצענט צו באַלמעלאָכעס און קליינע הענדלער. זי רעכנט זיי אַ קאָפּיקע אַ וואָך, פופציק קאָפּיקעס אַ יאָר, פאַר יעדן רובל.

דער „איזבאַרשטשיק״ גייט קיינמאָל ניט אַוועק פון בית־המדרש גלייך נאָכן דאַוונען. ער בלייבט זיצן אויף זיין שטאָט אין מזרח־וואַנט און קוקט אַריין אין אַ ספר. ער רעדט ניט צו קיינעם און קיינער רעדט ניט צו אים.

אַנומלט הער איך קולות פון זיין שטוב (זי איז די דריטע פון מיין זיידנס). כ׳זע דאָרט שטייט אַ רעדל מענטשן. כ׳פרעג: וואָס קומט דאָרט פאָר? זאָגט מען מיר, אַז מ׳שלאָגט ביים „איזבאַרשטשיק״ דעם „ביאַלע־גריוועטס״ (אַ שוסטער, אַ גוטער בעל־מלאכה, מיט אַ ווייסן פלאַקס־ענלעכן טשוב). שפּעטער אַ וויילע הער איך אין גאַס דערציילן, אַז מ׳האָט דאָרט געשלאָגן דעם שוסטער דערפאַר, וואָס ער האָט ניט פאַרטיק געמאַכט אין צייט אַ פּאָר נייע שיך פאַר דער עלטסטער טאָכטער, גנעסע, און זי און איר טאַטע זיינען דאָס געווען די שלעגער.

גנעסע האָט שפּעטער חתונה מיט אַ מאַן, וואָס האָט סמיכה אויף רבנות. ער בלייבט אָבער אַ קרעמער. די יינגערע טעכטער פאָרן אַוועק קיין אַמעריקע און נעמען נאָכדעם אַריבער זייערע עלטערן. מער הער איך קיינמאָל ניט פון דעם „איזבאָרשטשיק" *).

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

מיין נייער רבי — בערטשיק שאַפּירא

דעם זומער (תרמ"ז—1887) האָט מיין טאַטע מיך געגעבן לערנען צו בערטשיק שאַפּירא — דער רבי פון די חברות „עין יעקב" און „תנ"ך". ער האָט עס געטאָן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל ער האָלט, אַז צוליב מיין קריג מיט רפאל־ראובנען האָב איך ניט מער צו אים דעם נויטיקן צו־טרוי, וואָס אַ תלמיד דאַרף האָבן צו זיין רבין. צווייטנס, ווייל ער גלויבט, אַז כ'בין שוין גענוג אַלט צו לערנען ביים בעסטן גמרא־מלמד אין שטעטל.

אַזוי ווי כ'האָב שוין געהאַט געלערנט די צוויי גמרות „בבא קמא" און „בבא מציעא", האָט בערטשיק גענומען מיט מיר לערנען די גמרא „בבא בתרא". ער האָט מיך אויך אַוועקגעזעצט ביי איין גמרא צוזאַמען מיט יאַשקע חיה־פּעשעס, וועלכער איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר.

צוליב דעם, וואָס אונדזערע ביידנס עלטערע שוועסטער זיינען געווען חברטעס, האָט יאַשקע זיך געשפּילט מיט מיר, ווען כ'בין נאָך ניט אַלט געווען קיין פינף יאָר. ער האָט מיר דעריבער אויך געוויזן אין זיין סידור דעם אלף־בית, וואָס האָט מיך דעמאָלט שטאַרק פאַראינטערעסירט. איצט האַלט שוין יאַשקע ביים ווערן בר־מצווה און קען לערנען גמרא אַ סך מער פון מיר. כ'האָב דעריבער היינטיקן זומער געטאָן אַ גרויסע פּעולה. מיר האָבן גע־לערנט די גמרא „בבא בתרא" מיטן פירוש רשב"ם, וועלכן מ'האַלט פאַר שווערער ווי רש"י, נאָר בערטשיק שאַפּירא, מיט זיין וואונדערלעכער הסברה (האַסבאָרע) האָט עס מיר געמאַכט לייכט צו פאַרשטיין.

שפּילעוודיק האָט בערטשיק מיט אונדז געלערנט דעם תנ"ך מיט זיין באַליבטן פירוש פון „קעמפּענער", אָדער „מלבים". דער דאָזיקער פירוש דערקלערט די פּסוקים אויספירלעך און שיין. בערטשיק האָט עס נאָך היפש

---

*) נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה קריג איך אין שיקאַגאָ אַ רייע בריוו פון זיין עלטסטן זונס אַ טאָכטער, פאַלי קראַניק, וועלכע איז דעמאָלט געווען די פרוי פון אינזשינער אָקון אין ווילנע, נאָר אין אָט די בריוו איז דער „איזבאָרשטשיק" ניט געווען דערמאָנט.

פֿאַרברייטערט און פֿאַרשענערט. אַזוי איז ער מיט אונדז דורכגעגאַנגען די ספרים „משלי", „איוב" און „דניאל", אַ טייל פֿון לעצטן — תּרגום־לשון, אָדער אַראַמייאיש.

דעם קאָמפּענערס פּירוש אויף דניאל האָט פֿאַרשטאַרקט מיין אינטערעס אין משיחן. דער קאָמפּענער באַרעכנט דאָרט געגוי דעם „קץ" (קעץ — סוף), אין וועלכן יאָר משיח דאַרף קומען. נאָר סיי דער בערטשיק, סיי די באָבע און מיין טאַטע זאָגן מיר, אַז מ'קאָן זיך אויף אַזוינע חשבונות ניט פֿאַרלאָזן. משיח קאָן קומען יעדן טאָג און קאָן זיך אויך פֿאַרזאַמען נאָכן „קץ."

אַ סך פּסוקים פֿון „משלי" זיינען מיר, אַזוי ווי די פֿון „פּרק", שוין געווען באַקאַנט פֿון דער היים אין דאָרף און אין שטעטל. בערטשיק שאַפּיראָ האָט מיר געמאַכט די דאָזיקע פּסוקים נאָך קלאָרער און געשמאַקער. „איוב" אָבער איז מיר נאָך אַלץ ניט געגוג קלאָר. כ'דאַרף אים נאָך ווייטער לערנען. מיר געפֿעלט דאָרט אויך ניט דער סוף. ער ענדיקט זיך ניט אַזוי גערעכט, ווי אין שמ"רס ראָמאַנען, וואו דער גוטער ווערט באַלוינט און דער שלעכטער — באַשטראָפֿט. דער בייזער שטן קריגט דאָרט ניט זיין פֿאַרדינטע שטראָף פֿאַר זיין אינטריגירן קעגן דעם ערלעכן מענטשן איוב.

אין „דניאל" געפֿעלן מיר סיי די חלומות און סיי זייערע אויסטייטשונגען. מער פֿון אַלץ געפֿעלט מיר דאָרט די „האַנט אויף דער וואַנט", וואָס וואָרנט, אַז פֿאַר יעדן רשע קומט אַ טאָג פֿון „רעכענונג און באַצאָלונג."

אַחוץ גמרא און תּנ"ך לערנט מיט אונדז בערטשיק שאַפּיראָ אויך שרייבן בריוו— אין יידיש, און אַדרעסן — אין רוסיש און ליטוויש. ער גיט אונדז אָבער ניט קיין „דיקטאַוועקע" פֿאַר די בריוו, נאָר לאָזט זיי אונדז אַליין קאָפּירן פֿון ביכל „מכתב משלש", וועמעס לשון איז אונדז ניט פֿאַרשטענדלעך. קיינער אין שטעטל רעדט אויך ניט אַזוי.

מיין רבי בערטשיק שאַפּיראָ איז מיר זייער טייער. כ'האָב אַ סך יראת הכבוד (ערפֿורכט) פֿאַר זיין תּורה און חכמה. צוליב זיינע גרויסע מעלות פֿאַרלירן מיר אים אָבער אינגאַנצן. ביי די נייע וויבאָרעס (וואַלן) פֿאַר „סטאַראָסטע" וואַרפֿן אַלע פֿאַר אים ווייסע גאַלקעס אין קלפּי — שטים־קעסטל. קיין שוואַרצע גאַלקעס, קעגן אים, זיינען כמעט ניט געווען. בערטשיק ווערט דעריבער שטאַרק פֿאַרנומען מיט ענינים פֿון דער „אָבשטשעסטווע" (יידישע געמיינדע). ער דאַרף אויך צושטעלן אַלערליי פּאַפּירן צו נאַטשאַל־סטווע. וואָס ווייטער, בלייבט אים אַלץ ווייניקער צייט צו לערנען מיט אונדז. סוף זמן גיט ער צוליב דעם אויף אינגאַנצן זיין מלמדות.

דאָס פֿאַרדריסט מיך זייער שטאַרק. כ'ווייס, אַז מיין טאַטע וועט פֿאַר מיר קריגן אַן אַנדער רבין. כ'פֿיל אָבער, אַז אַזאַ וויכטיקן רבין ווי בערטשיק שאַפּיראָ וועל איך שוין אין שטעטל מער ניט האָבן.

די רביצין מינע האָט זיך אין חדר ניט געמישט. בערטשיק שאַפּיראָ

האָט קיינמאָל ניט אויפגעהויבן קיין האַנט אויף אַ תלמיד. מינע האָט ניט געהאַט וועגן וואָס זיך אַריינצומישן. מיט זייערע אייגענע קינדער האָב איך געלעבט בשלום. איינער פון זיי, שימקע (שמעון), אין מיינע יאָרן, איז געבליבן מיינער אַ גוטער חבר אויך נאָכדעם, ווי זיין טאַטע איז שוין מער ניט געווען מיין רבי.

***

זינט כ'האָב צעקאַליעטשעט די הילצערנע פיגור פון „האַר־גאָט" אין פעליקסעס שטוב, היט איך זיך, ניט אָנצורירן אַ הייליק בילד אין דאָרף. כ'וויל אפילו ניט ריידן וועגן דעם מיט אַ דאָרפיש קינד. כ'האָב אויך באַמערקט, אַז מיין טאַטע, וועלכער רעדט מיט די פויערים וועגן אַלץ אין דער וועלט, מיידט אויס יעדן שמועס וועגן ענינים פון גלויבן.

פאַראַן אָבער ביי אונדז אין דאָרף אַ יונגער שליאַכטיטש, וועלכער האָט שטאַרק האָלט צו פירן וויכוחים וועגן וועמעס אמונה איז בעסער. ער איז אַ הויכער יונג מיט קליינע ברוינע וואָנצעס. ער באַרימט זיך צו האָבן געלייענט אַ סך ביכער וועגן רעליגיע און אַז ער וועט זיך נאָך אַמאָל אויסלערנען צו זיין אַ „קסיאָנדז" (גלח, פריסטער).

אַנומלט איז דער טאַטע געזעסן מיט אַן עולם פויערים פון אונדזער דאָרף אַרום דעם לאַנגן „אַרעמאַנס־טיש" *) אויף אונדזער געהעפט און געשמועסט וועגן דאָרפישע ענינים. נאָכדעם האָבן זיי, ווי אַלעמאָל, אים גע־

---

*) דער טיש אין דרויסן, אויף וועלכן די מאַמע שטעלט זומער אַוועק עסן פאַר די אָרעמעלייט, וועלכע גייען איבער די הייזער. אַמאָל פלעגט די מאַמע זיי געבן שטיקער ברויט אַריינצולייגן אין זייערע טאָרבעס. נאָכדעם אָבער ווי דער טאַטע האָט געזען, ווי דאָס ברויט פון די טאָרבעס ווערט פאַרקויפט ביי אונדז אין דאָרף צו קאָרמענען חזירים, גיט די מאַמע דעם אָרעמאַן ליבער אַ מטבע איידער ברויט (אָפטמאָל גיט זי אים פרוטות — פון פאַפיר, אָדער בלעך, וואָס ער בייט אויס ביים רב אויף געלט). צו־ערשט אָבער פרעגט די מאַמע דעם מאַן מיט דער טאָרבע, צי ער וויל וואָס עסן. אויב ער זאָגט יאָ, טראָגט מען פאַר אים אַרויס פון שטוב אַ געקאָכט עסן מיט אַ המוציא ברויט דערצו. אונדזער געהעפט איז אַן אָפענער און האָט ניט קיין צאָם ווי די באַלעגופישע געהעפטן, צו וועלכע מען דאַרף אַריינגיין דורך אַ טויער. יעדערער וואָס גייט אין גאַס פאַרביי אונדזער שטוב, קאָן זומער־צייט זיך אַוועקזעצן אָדער אַוועקשטעלן ביי אונדז אויפן געהעפט. ווינטער־צייט דערלאַנגט די מאַמע די אָרעמעלייט דאָס עסן אויף אונדזער טיש אין שטוב. זי גיט זיי אויך אַוועק וועש, קליידער און שיך, וועלכע מיר טראָגן שוין ניט מער.

בעטן דערציילן פון זיינע מעשיות, וואָס דער טאַטע נעמט עס אַרויס פון ספרים און ביכער. די פּויערים האָבן געהאָרכט מיט אָפענע מיילער. מיט־אַמאָל שפּרינגט אַרויס דער יונגער שליאַכטיטש מיט אַ פראַגע: פאַרוואָס האָבן יידן געהרגעט דעם „האַר־גאָט?"

די פּויערים האָבן ניט געוואָלט ליידן, וואָס ער מישט אַריין אַזוינע פראַגעס. זיי האָבן אים געהייסן שווייגן און געזאָגט צום טאַטן:

— הער זיך ניט איין, מאַרדכעלאַ, וואָס דער „דוראַק" (שוטה) רעדט. ער זוכט נאָר וועגן וואָס זיך צו שפּאַרן און צו קריגן.

דער טאַטע איז גראָד געווען אויפגעלייגט צו ריידן וועגן אַלץ, און האָט באַמערקט:

— הרגענען אַ גאָט איז ניט קיין פראַגע פון רעליגיע, נאָר פון יושר. דערצו איז עס אַן עסק פון אור־אַלטע צייטן, ווען אויף דער וועלט זיינען נאָך בכלל קיין יידן ניט געווען.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי:

דער האַר־גאָט האָט ביים באַשאַפן דעם מענטשן אים צוגעזאָגט די גאַנצע דעה איבער אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד, ווי אויך איבער די פיש אין וואַסער און די פייגל אין הימל.

דער הימל אָבער איז דאָך זייער הויך, האָבן די מענטשן גענומען בויען אַ טורעם אים צו דערגרייכן. איז דער האַר־גאָט זיי באַפאַלן; ער האָט צעבראָכן זייער טורעם, זיי צעשלאָגן און צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע געגנטן (פריער האָבן זיי אַלע געוואוינט אין איין געגנט, גערעדט איין לשון און געלעבט ווי איין משפחה). ער האָט געזאָגט, אַז דער אָפּמאַך איז געווען: דער הימל איז פאַרן האַר־גאָט און נאָר די ערד האָט ער געגעבן צו די קינדער פון „אָדם."

די מענטשן האָבן אָבער דעם האַר־גאָט ניט מוחל געווען פאַר זיין באַפאַל. זיי האָבן געזאָגט: אַן אָפּמאַך איז אַן אָפּמאַך. ווי וועט אים אָבער זיין אויב ער וועט זיך דערוועגן שטעלן אַ פוס אויף דער ערד. זיי וועלן זיך דעמאָלט אָפּרעכענען מיט אים פאַר אַלץ וואָס ער האָט געטאָן קעגן די מענטשן.

די ערשטע יאָרן נאָכן באַנייען דעם דאָזיקן אָפּמאַך זיינען די מענטשן געווען אויף דער וואַך. זיי האָבן געהיט, צי קיינער קומט ניט אַרונטער פון הימל אויף דער ערד. ווען ס'איז אָבער אַוועק אַ לאַנגע צייט און זיי האָבן גאָרניט באַמערקט, האָבן זיי ביסלעכווייז אויפגעהערט אַכטונג צו געבן.

איין טאָג האָבן די פּויערטעס פון דעם יידישן לאַנד, — וואָס געפינט זיך אין אַ בערגיקער געגנט, פון וואַנען מ'זעט הויך און ווייט, — באַמערקט, ווי עפּעס באַוועגט זיך פון הימל צו דער ערד. קיין פּייל און בויגן צו צילן אין דעם האָבן זיי ניט געהאַט. זייערע יידישע מענער זיינען אַלע געווען ביי דער אַרבעט. האָבן די ווייבער געכאַפּט די „קראָטשאַנעס" (קרויט־

שטיינגלעך) פון די קעפּלעך קרויט, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין שעט־קעווען און אָנגעהויבן עס וואַרפן קעגן הימל, שרייענדיק דערביי:

— געדענקסט וואָס דו האָסט געטאָן, ווען מיר, די קינדער פון אָדם, האָבן געוואָלט אַרויפגיין אויפן הימל? טאָ וואָס קריכסטו איצט צו אונדז אויף דער ערד?!

די פויערים האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט. זיי האָבן געלויבט די כוואַטסקע יידישע ווייבער פאַר זייער קוראַזש, ניט צו לאָזן דעם האַר־גאָט ברעכן דעם אָפּמאַך — איבערצולאָזן די ערד צו די מענטשן...

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

סוף זומער אין דאָרף

דער זמן איז געענדיקט. דער שטעטלשער חדר איז פאַרמאַכט. איך בין איצט גאַנצענע טעג ביי מיינע עלטערן אין דאָרף. כ׳העלף מיט אין דער אַרבעט אין גאָרטן און אויפן פעלד. אונדזער תבואה איז שוין לאַנג אָפּגעשניטן. איצט נעמען מיר אַראָפּ דאָס גרינס פון גאָרטן און גראָבן אויס די קאַרטאָפל פון פעלד.

אין גאָרטן קאָן יעדערער אַרבעטן באַזונדער. מ׳קאָן אויך טאָן די אַרבעט בּיסלעכוויז. ס׳איז ניט נויטיק אַראָפּצונעמען אַלץ אויף איין מאָל. אַ טייל גרינס קאָן נאָך דאָרט בלייבן ביז חול המועד סוכות. אַנדערש איז מיטן אויסגראָבן די קאַרטאָפל. מיר אַרבעטן אַלע צוזאַמען און טוען עס אָפּ אין איין טאָג. דער טאַטע גייט פאָראויס מיטן פערד און אַקער. ער צעאַקערט יעדע מעזשע און דעקט אויף יעדן קוסט קאַרטאָפל. מיר דריי, מיין עלטערע שוועסטער הענע־טאָנע, די פון מיר ייִנגערע רחלע און איך, גייען אים נאָך מיט קיילעכדיקע קערבלעך אין די הענט. ווען מיר פילן אָן די קערבלעך מיט קאַרטאָפל שיטן מיר זיי אַריין אין זעק. דער טאַטע פּאַקט נאָכדעם איין די פולע זעק אין זיין וואָגן און פירט זיי אַוועק אַהיים. דאָרט שיט ער אַריין די קאַרטאָפל אין אַ גרויסן זאַסעק, אינעם פאַרהויז ביי דער וואַנט.

די מאַמע בלייבט אין דער היים מיט דער קליינער דאָבעלע און מיט דאָס עופהלע ביים ברוסט. זי גיט אונדז אָבער מיט אַ פּעקל עסנוואַרג און קריגלעך מילך און סמעטענע. וואַסער טרינקען מיר פון אַ קרענעצע אויפן פעלד. הענע־טאָנע מאַכט דאָרט אַ פייער און באַקט פאַר אונדז פרישע מעליקע קאַרטאָפל.

מיין זיידע שמואל־איטשע האָט דעם זומער אויך געהאַט אַ ביסל קאַר־טאָפל אויפן פעלד. ער האָט עס אַליין ניט אַראָפּגענומען, נאָר באַשטעלט אַ

פויער פון אונדעזור דאַרף עס צו טאָן. מיין מומע לאהקע און איך האָבן דעם פויער מיטגעהאָלפן. מיר זיינען אים נאָכגעגאַנגען מיט אונדזערע קערבלעך זיי אָנגעפילט מיט קאַרטאָפל און עס אַריינגעשאָטן אין זיין פור, וואָס איז געווען אויסגעבעט פון אַלע זייטן מיט שטרוי.

די באָבע, פאַרנומען מיט אירע חולאים, האָט אונדז גאָרניט מיטגעגעבן צום עסן. ווען מיר זיינען געוואָרן הונגעריק, האָבן מיר געגומען ביים פויער אַ טעפּל, עס אָנגעפילט מיט קרענעצע־וואַסער, געמאַכט אַ פייער, אָפּגעקאָכט בולבעס מיט פּעלצלעך און עס געגעסן מיט נישט. ווען דער זיידע איז דערפון געוואויר געוואָרן האָט ער זיך געבייזערט דער עיקר אויף מיר, דעם גמרא־בחור, פאַרן באַנוצן דעם פויערס טעפּל. ער האָט מיר דערמאָנט, אַז כ׳האָב נאָך אַ פּאָר יאָר צו בר־מצווה; מיין יעדע עבירה ווערט דעריבער געשטעלט אויף מיין טאַטנס חשבון, און זינדיקן אויפן צווייטנס חשבון איז מיאוס, וואָס מיאוס הייסט...

דעם זיידן האָב איך גאָרניט געענטפערט. ביי זיך אין האַרצן אָבער האָב איך אָפּגעמאַכט, צו לערנען יעדן טאָג אַן עקסטרע בלאַט גמרא און טאָן אויך אַנדערע גוטע מעשים וועלכע וועלן גיין אויף מיין טאַטנס חשבון און מכפּר זיין אויף מיין זינד.

דער פעטער משהטשיק דער שוסטער איז צוריקגעקומען פון לאָנדאָן אַ פאַרביטערטער. ער זאָגט, אַז אַ חוץ מיין טאַטנס ברודער פישל, אָדער פיליפּ, ווי מ׳רופט אים דאָרט, היט דאָרט קיינער ניט אָפּ דעם שבת. אַלע באַלמעלאָכעס אַרבעטן אין אָט דעם הייליקן טאָג, ווי אינדערוואָכן. פאַראַן דאָרט, זאָגט ער, נאָך ערגערע יידן, וואָס ניט נאָר אַרבעטן זיי אום שבת, נאָר זיי רויכערן נאָך אויך דערצו.

מיין מאַמעס ברודער יאַנקל־משה דער סטאָליער, לויבט דעם פעטער משהטשיק פאַר זיין גוטסקייט און ערלעכקייט. ער דערמאָנט אָבער גאָר־ניט וועגן זיין אָפּהיטן שבת. ס׳ציטערט דעריבער מיין האַרץ, צי אָט דער געוועזענער בעל־קורא, וועלכער פלעגט לייענען די תורה פאַרן עולם, אין מיישעגאָלער בית־המדרש, געהערט ניט אין לאָנדאָן, חלילה, צו די נאָך ערגערע יידן. איך וואָלט עס געפרעגט דעם פעטער משהטשיק, נאָר ביי אים אין שטוב טוט זיך איצט חושך.

די מומע בת־שבע, מיין מאַמעס שוועסטער, וויל ניט מער זיין דעם פעטער משהטשיקס ווייב. זי פאַרלאַנגט פון אים אַ גט. די באָבע האָט דער־פון גרויס צער. זי זאָרגט כסדר: וואָס וועט ווערן פון זייערע צוויי קליינע קינדער, ראַכמילקע און זעלקע, וועלכע וועלן בלייבן לעבעדיקע יתומים.

שלעכטע בשורות קומען אויך אָן פון מיין טאַטנס משפּחה. מיין טאַטע האָט פיר שוועסטער: ריווע־גנענדל, מיכלע, חנה און פעסל. די עלטערע

דריי האָבן חתונה געהאַט מיט אַלמנס און זיינען אויך מאַמעס צו קינדער פון אַנדערע פרויען. די מיטלסטע צווײ שוועסטער, מיכלע און חנה, זײנען שוועגערינס: זייערע מענער שלום־יאַנקל גרוזעוויק און לייבע כץ זיינען ברידער. נאָך אַ ברודער זייערער, משה, אין אַמעריקע „מאָריס מיכטאָם", האָט חתונה געהאַט מיט אַ קרובה פון מיין מאַמעס טאַטן. לעצטנס איז די מומע מיכלע קראַנק. מיין טאַטע איז געפאָרן זי מבקר־חולה זיין. ער איז צוריקגעקומען מיט דער האָפענונג, אַז זי בעסערט זיך. נאָכדעם אָבער איז צוגעפאָרן צו אונדז אַ פויער פון דאָרף און אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה, אַז זי איז געשטאָרבן.

דער טאַטע האָט געריסן קריעה און זיך געזעצט שבעה. אַ וואָך צייט איז ער געזעסן אַן אומעטיקער אויף אַ פוס־בענקעלע און געשוויגן... אויף אַ בענקל לעבן אים איז געלעגן דער תנ"ך, „איוב" מיט פירושים, וואָס ער, דער טאַטע, איז ניט מיד געוואָרן צו לייענען עס ווידער און ווידער.

די מומע מיכלע האָט איבערגעלאָזן אַ פולע שטוב יתומים: אירע אייגענע פינף און איר מאַנס אַ טאָכטער פון זיין ערשטער פרוי.

מינע, מיכלעס עלטסטע טאָכטער, וויל ניט ליידן, ווען איר טאַטע נעמט אַריין אַ נייע ווייב. קומט זי צופאָרן צו אונדז אין דאָרף. אין אונדזער שטוב ווייזן אַלע אַרויס ליבשאַפט צו מינען. מיר קינדער, באַנעמען זיך צו איר ווי צו אַן עלטערער שוועסטער. מיין טאַטע־מאַמע און די מומע פעסל באַמיען זיך זי זאָל זיך ביי אונדז פילן היימיש. מינע בענקט אָבער זייער שטאַרק נאָך אירע שוועסטערלעך און ברודערל. זי קערט זיך אום צוליב זיי צוריק צו איר טאַטנס שטוב. דאָרט אָבער קאָן זי ניט פאַרגעסן אַ ווייל איר מאַמעס טויט... זי ווערט מעלאַנכאָליש און נעמט זיך דאָס לעבן...

ווען אונדזער שטוב איז נאָך געווען פול מיט טרויער נאָך מינען, איז אונדז אָנגעקומען אַ נייע שלעכטע בשורה: דער זיידע שאול־יהודה איז קראַנק. דער טאַטע פאָרט צו עטלעכע מאָל צום זיידן אין וויטן דאָרף. דער זיידע זאָגט אים, אַז ער פילט זיך גוט און הייסט אים פאָרן צוריק צו זיין ווייב און קינדער. דעם זיידנס געזונט פאַרבעסערט זיך אָבער ניט, און ער שטאַרבט אַוועק...

נאָך „שלשים" קומט די באָבע לאה צופאָרן צו אונדז צו גאַסט. די מאַמע נעמט זי אויף מיט כבוד און ליבשאַפט. זי בעט זיך ביי איר, זי זאָל ביי אונדז פאַרבלייבן. די באָבע לאה וויל דערפון ניט הערן. זי וויל דורכאויס פאָרן צוריק אין איר דאָרף און אויך מיטנעמען איר מוזינקע, מיין מומע פעסלען.

צו מיין פאַרדרוס האָט די באָבע לאה ווייניק נחת פון מיר. גראָד איצט, ווען זי איז ביי אונדז אין שטוב, האָט אַ שטעטל־ייִנגל, אין אַ שפּיל, מיר געטראָפן מיט אַ שטיין אין שטערן... די באָבע דבורה האָט מיר פאַרבאַנדאַזשירט די וואונד און פאַרזיכערט, אַז עס וועט זיך גיך פאַרהיילן. די חרפה

און בושה, וואָס איך האָב דערמיט אָנגעטאָן דער מאַמען וועט מיר אָבער זיין שווער צו פאַרגעסן.

באַלד ווי ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די „שיינע נייטערין", מיין מומע פעסל, גרייט זיך אָוועקצופאָרן פון מיישעגאָלע, האָבן שטעטלשע בחורים פאַרשטאַרקט זייער מי זי צו געווינען פאַר אַ כלה. אַ טייל האָבן צוגעשיקט שדכנים און שדכנטעס, אָדער זייערע אייגענע מאַמעס. עס האָבן זיך אויך געפונען כראַברע יונגען, וועלכע זיינען אַליין געקומען און געפּרוּווט ווירקן אויף מומע פעסלען זי זאָל ניט אָוועקפאָרן פון שטעטל. איינער פון אָט די בחורים איז אונדזער אַ קרוב, אַן אייניקל פון מיין עלטער-עלטער פעטער אברהם-בער דער קצב — דאָס איז חיים דעם וועבערס, אַ גוטער באַלמעלאָכע, אַ שוסטער, און אַ גרויסער פאַרדינער. אין שטעטל האַלט מען, אַז ער איז „אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד" און „וואַקסט אַ גביר". די מומע פעסל האָט זיך ניט געלאָזט איבעררעדן צו טאָן אַ שידוך. זי איז אָוועקגעפאָרן מיט איר מאַמען, מיין באָבע לאהן, אין זייער ווייטן דאָרף.

חיים דעם וועבערס האָט נאָכדעם חתונה מיט דער שיינער שרה-לאה, די טאָכטער פון יאַנקל דעם פערדהענדלער, און נאָך איר פריצייטיקן טויט האָט ער חתונה מיט אַ טאָכטער פון דעם שוסטער „ביאַלעגראַוועטס."

די מומע פעסל בלייבט ניט לאַנג אין איר דאָרף. זי פאָרט צוגאַסט צו פריינט, וואו זי טרעפט זיך מיט אַ בחור, אַראָן (אהרן) אַלכאָוו. לויט איר שרייבן איז ער הויך, שלאַנק און איידל, און האָט זיך דערדינט אין דער אַרמיי צום „טשין" (ראַנג) פון אונטער-אָפיצער, וואָס איז אַ זעלטנהייט צווישן יידישע יונגע לייט. שפּעטער האָט זי געשריבן וועגן זייער חתונה אין דרום-רוסלאַנד, אין דער געגנט יעקאַטערינאָסלאַוו *).

***

היינטיקן זמן (תרמ"ח: 1887—1888) לערן איך ביי אַ נייעם רבין, וועלכער האָט זיך ערשט אַריינגעקליבן אין מיישעגאָלע. ער איז ביז ניט לאַנג צוריק געווען אַ ישובניק, וואָס האָט ניט געוואָלט מאַכן פון זיין תורה אַ פרנסה, רבנות אָדער מלמדות. איצט אָבער איז ער צו-שוואַך פאַר דאָרפישער האָרעוואַניע. ער איז יאַדישלעווע, און הוסט אַ סך. קלייבט ער זיך אַריין אין שטעטל און פילט אויס דעם ליידיקן פּלאַץ, וואָס מיין פריערדיקער רבי, בערטשיק שאַפּיראָ, האָט איבערגעלאָזן, צוליב זיין פאַרנומענקייט אַלס סטאַראָסטע.

---

*) איצט דניעפּראָפּעטראָווסק. די לעצטע יאָרן האָט די היפּשע משפּחה, מיט קינדער און אייניקלעך, געוואוינט אין מאַריופּאָל און אין וואָראָשילאָוו-גראַד. די נאַציס האָבן אויסגעראָטן די יידן פון ביידע שטעט.

מיין נייער רבי, איטשע־יאָשע שמולעוויטש איז דער פרומסטער פון אַלע מיינע ביז־איצטיקע מלמדים. ער רעדט מיט האַרץ וועגן אָפּהיטן יידיש־קייט. עס טוט אים וויי, וואָס די מיישעגאָלער יידן זיינען ניט אַזוי פרום ווי ער איז.

איך האָב אַ סך דרך־ארץ פאַר זיין תורה און פרומקייט. דעם שטאַרקסטן איינדרוק מאַכט ער אויף מיר מיט זיין זינגען מיט אונדז די שבת־צו־נאַכטיקע זמירות מיט אַ שיינעם האַרציקן ניגון, וואָס קריצט זיך איין טיף אין מיין האַרצן.

ער האַלט, אַז מיינע פריערדיקע מלמדים האָבן מיך ניט צוגעגרייט צו זיין פרום און ער איז דערפאַר ניט זיכער, צי כ׳וועל ניט שפּעטער אינגאַנצן אַרונטער פון וועג. ער האָט אָבער ניט קיין טענות וועגן מיין לערנען. פאַר־קערט, ער האָט מיך אַוועקגעזעצט אין אײן „כיתה" (קיטע) צוזאַמען מיט זיין בר־מצווה יינגל, מענדקע, און זיין פּופּצן־יאָריקן פלימעניק, מאירקע פון מושניק.

איטשע־יאָשע האָט ניט אָפּגעגעבן דעם איצט־פאַרלאַנגטן עקזאַמען פאַר אַ מלמד. דער חדר איז אויסגעשטעלט ווי אין אַ קלאַס. די שוואַרצע בענקלעך גייען צוזאַמען מיט שוואַרצע טישלעך, וואָס האָבן פלעצער פאַר טינטערס, און מען קאָן אויך אין די טישלעך האַלטן ביכלעך און „טעטראַדקעס" (העפטן) און אפילו עסנוואַרג. נאָר קיין דערלויבעניש צו האַלטן אַ חדר האָט ניט איטשע־יאָשע. ער מאַכט דעריבער צו דעם חדר יעדעס מאָל, ווען מען זאָגט אָן, אַז אַן אינספּעקטאָר גייט אום איבער די חדרים. ער הייסט אונדז דעמאָלט אַלעמען פאַרלאָזן דעם חדר און אויך ניט שטיין נאָענט פון דרויסן. ער אַליין גייט אויך ערגעצוואו אַוועק.

איבער זיין קראַנקהייט, וואָס איז געוואָרן ערגער, און דער הוסט מאַ־טערט אים כסדר, קאָן איטשע־יאָשע מער ניט לערנען מיט דער העכסטער כיתה. זיין פלימעניק איז דערפאַר אַוועקגעפאָרן לערנען אין ווילנע. מיר ווילט זיך אויך פאָרן אַהין. די מאַמע, אָבער, זאָגט, אַז זי וועט ניט לאָזן מיך אַוועקפאָרן פון דער היים ביז וואַנען כ׳וועל ווערן בר־מצווה. איך מוז דעריבער די קומענדיקע אַנדערהאַלבן יאָר נאָך לערנען אין שטעטל.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

סטאָליאַרניע ווערט אַ חדר

דעם זומער (1888) לערן איך ווידער ביי רפאל־ראַובנען. אונדזער אַמאָליקער קריג איז פאַרגעסן. מיר זיינען איצט גוטע פריינט. זיין ווייב שרה־פּעשע איז געשטאָרבן. אירע יתומים עטעלע און ראַכמילקע טוליען זיך צו מיר, ווי צו אַ לייבלעכן ברודער.

רפאל־ראובן פאַרנעמט איצט די שטוב, וועלכע דער זיידע שמואל־איטשע האָט געבויט פאַר זיין זון יאַנקל־משה דעם סטאָליער. לעצטנס האָבן דאָרט געוואוינט מיין מומע בת־שבע און מיין פעטער משהטשיק דער שוסטער. איצט האָבן זיי זיך געגעט און פאַרלאָזן דאָס שטעטל. זייערע צוויי קינדער זיינען לערן־יינגלעך ביי שניידער. זיי איז דאָרט ניט גוט. לויפן זיי אַלע ווילע צו דער באָבען.

די פאָדער־שטוב, וואו ס׳איז אַמאָל געווען מיין פעטער יאַנקל־משהס סטאָליאַרנע און מיין מומע פעסלס נייטעריי, איז איצט רפאל־ראובנס חדר.

יעדן פאַרטאָג קום איך צו לויפן פון דאָרף צו רפאל־ראובנס שטוב; כ׳קלאַפּ אָן אין זיין לאָדן, וועק אים אויף פון שלאָף און מיר לערנען צוזאַמען גמרא, ווי צוויי חברים.

נאָכן דאַוונען אין בית־מדרש, און נאָכן איבערבייסן ביים זיידן אין שטוב, קום איך ווידער לערנען צו רפאל־ראובנען אין חדר, דאָס מאָל שוין ווי אַ תלמיד. כ׳לערן דאָרט, ווי אַמאָל, צוזאַמען מיט מיין אַלטן חבר, משהקע שמעון־פּאַלאַקס, אין איין גמרא.

אין אָוונט, ווען אַלע קינדער גייען אַוועק אַהיים, קום איך ווידער אַריין צום רבין אין שטוב. ער לערנט מיך דעמאָלט חשבון. די ערשטע פיר רעכענונגען (חיבור, חיסור, כפל, חילוק) ווייס איך שוין לאַנג. איצט לערנט ער מיך „תשבורת״ (טישבוירעס — דראָב) פון „מלאכת מחשבת״ און אַנ־דערע ספרימלעך.

אַזוי ווי די חדר־יינגלעך פרעגן מיך טייטש־ווערטער און פירושים, און שטערן צוליב דעם לימודים אין חדר, האָט דער רבי מיר דערלויבט צו זיצן מיט מיין חבר אין קאַמער.

דאָס טישל אויף וועלכן מיר לערנען שטייט ביים פענצטערל פון רבינס קאַמער, וואָס קומט אַרויס אין מיין זיידנס גאָרטן. עס זעען זיך דאָרטן די ווייטע פעלדער און וועלדער, ביזן שוואַרצן פּאַס, וואָס זעט אויס ווי עק־וועלט.

מיין חבר משהקע און איך זיצן אויף דער קושעטקע ביי דער מערב־וואַנט, אויף וועלכער ס׳הענגט נאָך אַלץ דעם פעטער משהטשיקס פאָרטרעט פון דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, באַלד נאָכדעם ווי מ׳וואַרפט אויף אים אַ באָמבע.

די מערסטע צייט זיינען מיר דאָרט אַליין, פון קיינעם ניט געשטערט. דעם רבינס קינדער זיינען אין דער פאָדער־שטוב. דאָס יינגל לערנט דאָרט. דאָס מיידל גרייט דאָרט צו און קאָכט זייערע מאָלצייטן. נאָכדעם זיצט זי אין דרויסן מיט חברטעס און שטריקט אַ טישטעך, אָדער אַ פּאַטשיילע. אַמאָל קומט זי אַריין אַ ווילע צו אונדז אין קאַמער. אויב כ׳בין אַליין, זעצט זי זיך צו אויף דער קושעטקע און ווייגט זיך אויס פאַר מיר איר יתומהס האַרץ.

נאָכן איינחזרן דעם שיעור גמרא מיט מיין חבר משהקען, וועלכער איז איצט נאָך מער הינטערשטעליק ווי פריער, שמועס איך זיך דורך מיט אים וועגן מיינע חשבונות וועגן יידן און יידישקייט, ווי אַזוי צוריקצוברענגען די יידן קיין ארץ ישראל און ווי אַזוי צו מאַכן, אַז אַלע יידן זאָלן לערנען תורה, און פאַרשטיין וואָס זיי לערנען.

ווען כ׳האָב געלייענט אין „טויזנט און איין נאַכט" די מעשה אַלאַדינס ווינטשפינגערל, האָט מיר אויסגעזען זייער גרינג אַריבערצונעמען אַלע יידן קיין ארץ ישראל: מ׳גיט אַ דריי דאָס וואונדערבאַרע רינגל אַרום פינגער, באַווייזט זיך אַ „געניע" און ער טוט אַלץ, וואָס מען הייסט אים: אויסבויען דורך נאַכט הייזער און פאַלאַצן; ברענגען מענטשן פון איין עק וועלט צו דער צווייטער א. אַז. וו.

אַזוי ווי דעם ווינטשפינגערל האָב איך נאָך ניט געפונען, און ווייס אפילו ניט וואו עס צו זוכן, טראַכט איך דערוויל וועגן דעם, וואָס מ׳קאָן און מ׳דאַרף טאָן, אויב מ׳זאָל געפינען אַלאַדינס רינגל.

נאָכדעם ווי כ׳האָב דורכגעטראַכט אַלע איינצלהייטן, ווי אַזוי יעדער ייד זאָל האָבן אין ארץ ישראל זיין אייגענע שטוב, גאָרטן און פעלד, און אַלע יידן זאָלן לעבן אין שלום ושלוה צווישן זיך, און מיט די אומות העולם, זיינען מיר איינגעפאַלן ספקות: ערשטנס, צי מיינט עס ניט „דוחק זיין דעם קץ" (ברענגען די גאולה פאַר דער צייט), קעגן דעם אויבערשטנס ווילן? צווייטנס, צי אַלאַדינס ווינטשפינגערל איז ניט קיין כשוף, וואָס איז אונדז יידן פאַרבאָטן? דריטנס, צי די „געניעס" פון „טויזנט און איין נאַכט" זיינען ניט קיין שדים, וואָס דער ווילנער גאון האָט פאַרטריבן פון אַלע יידישע מקומות, ווי דער טאַטע האָט אַמאָל דערציילט?

וועגן דעם, אַז אַלע יידן זאָלן וועלן און קענען לערנען תורה, האָב איך אַזאַ מחשבה:

מ׳זאָל דרוקן די גמרא, אַזוי ווי דעם חומש, מיט גרויסע אותיות און מיט נקודות, ווי אויך מיט עברי־טייטש. דער פירוש אין יידיש זאָל זיך לייענען אָט אַזוי ווי דער רבי רעדט צו אונדז אין חדר. איך טראַכט, אַז צום בעסטן און שענסטן קאָן אַזאַ גמרא אָפּדרוקן די „אלמנה און ברידער ראָם", וועלכע האָבן אָפּגעדרוקט אַזוי שיין דעם נייעם ווילנער ש"ס. אפשר קאָן מיין באָבע דאָס פּועלן ביי איר חברטע, די אלמנה דבורהלע ראָם?

מיין חבר משהקע טראַכט ניט וועגן אַזוינע זאַכן. ווען איך דערצייל עס אים, איז ער מסכים. אַזוי גיך אָבער, ווי כ׳פאַל אַריין אין אַ ספק, זאָגט ער מיר, אַז מ׳דאַרף עס אינגאַנצן ניט.

כ׳קאָן איצט גאָרניט טאָן פאַר מיינע מחשבות וועגן ארץ ישראל און דער תורה. האָב איך באַטראַכט, לאָמיך דערוויל ווערן אַ קייסער, וואָס

דאָס איז גרינג דורכצופירן. דערצו קאָן מיין חבר משהקע מיר אַ סך העלפן אין דעם.

מיר האָבן געמאַכט מעדאַלן מיט מגן־דודס פון אַלטע טאָוולען, און זיי פאַרקלעפּט מיט גאָלד־פּאַפּיר; פון סטענגעס האָבן מיר געמאַכט לענטעס און זיי סאָרטירט לויט די טשינען (ראַנגען): „משנה למלך״ (וויצע־קייסער), מיניסטאָרן, ריכטער, פּאָליציימייסטער, א. אַז. וו. די מעדאַלן און די לענטעס האָט נאַטשאַלסטווע דערוויַיל געדאַרפט טראָגן באַהאַלטן. דער קייסער אַליין האָט ניט געדאַרפט אָנטאָן קיין שום צייכן אויף זיך, ווייל אויפן בילד פון דוד המלך איז אַזוינס ניטאָ.

דער „משנה למלך״ איז מיין חבר משהקע. ער איז דער בעל־דעה איבער דער גאַנצער נאַטשאַלסטווע. יעדער פון זיי האָט אים געדאַרפט געבן אַ „תקיעת־כף״, און שווערן מיט האַרבע שבועות, אַז ער וועט דינען טריי דעם קייסער, פאָלגן אַלע מלוכה־געזעצן, און וועט קיינעם ניט אויס־זאָגן דעם סוד פון אונדזער מלוכה, סיידן דער משנה למלך וועט עס אים הייסן.

אויף מאָרגן האָבן מיר שוין געהאַט אַ צענדליק נאַטשאַלסטווע: סעק־רעטאַר — וואָלאָדקע חיים לענצערס, קאָמענדאַנט פון חדר — שייקע שאַפּיראָ, ריכטער — איטשקע טייגאָוויטש, פּאָליציימייסטער און פּאָליציי. פּאָר דעסאַטניקעס האָבן מיר באַשטימט קליינע יינגלעך: וואָלאָדקעס ברו־דערל יאַקובקע, און משהקעס ברודערל, לאַזערקע. דעם רבין האָבן מיר, אָן זיין וויסן, באַשטימט פאַרן „שר־הטבחים״, וואָס האָט ביי אונדז געמיינט: „אויבער־תליון.״

מיין „משנה למלך״ משהקע האָט אויך איינגעפירט, אַז אַלע יינגלעך, וועלכע קומען אַריין אין אונדזער קאָמער פרעגן ביי מיר עפּעס אין לערנען, זאָלן זיך פאַרבייגן און אויסרופן: „יחי המלך!״ (זאָל לעבן דער קייסער!).

דער קאָמענדאַנט און דער ריכטער האָבן דעם רבין געעצהט (געמיינט האָט עס: „אים באַפוילן״) איינצופירן אַ „קונע״ און אַוועקשטעלן אַ פּאָר קליינע יינגלעך אַכטונג צו געבן, אַז דער פאַרזינדיקטער זאָל אָפּזיצן אָדער אָפּשטיין זיין צייט.

די „קונע״ ווערט תיכף די מלוכהשע טורמע, און אַלץ ווערט באַשטימט פון אונדזער ריכטער, ער גיט אַרויס דעם אורטייל און דער רבי פירט עס דורך (גלויבנדיק, אַז דאָס יינגל האָט מיט עפּעס זיך פאַרזינדיקט אין חדר). די וועכטער פון טורמע זיינען געווען די פון „משנה למלך״ באַשטימטע „דעסאַטניקעס״. אַלץ איז געווען פּראָטאָקאָלירט אין „ספר הזכרונות״ פון דער מלוכה, פאַרשריבן פון קייסערלעכן סעקרעטאַר.

קינדער פון אַנדערע חדרים דערוויסן זיך באַלד, אַז אין שטעטל איז דאָ אַ באַהאַלטענע מלוכה, מיט אַ קייסער און מיניסטאָרן, ריכטער, פּאָליציי, אוראַדניקעס און דעסאַטניקעס — אַלע חדר־יינגלעך. זיי ווערן אויך גע־

וואויר, אַז ווער עס צאָלט צינזן צו אָט דער מלוכה, ווערט פון איר באַשיצט. אויב עמיצער באַעוולהט אים קאָן ער מאָנען און קריגן גערעכטיקייט. כמעט אַלע חדר־יינגלעך אין שטעטל האָבן דעריבער געצאָלט צינזן (קנעפּלעך) צום אוצר פון דער מלוכה. אַ קנאָפּ דריטל פון דער הכנסה האָט דער „משנה למלך" צעטיילט צווישן נאַטשאַלסטווע — איבער צוויי דריטל האָבן מיר באַהאַלטן אין שאַצקאַמער, וועמעס באַהעלטעניש ס'וויסן נאָר דער קייסער און דער משנה למלך.

קיין נוצן האָבן מיר ביידע דערפון ניט געהאַט. אין קנעפּלעך האָבן מיר שוין מער ניט געשפּילט. מיר האָבן דאָס זאַמלען צינזן באַטראַכט פאַר אַ טייל פון אַ קייסעריי, פּונקט אַזוי ווי פּאָליציי און טורמעס.

אונדזער מלוכה־אוצר איז באַהאַלטן אין דעם טאָל, אין וועלכן מיין עלטער־עלטער פעטער, ראובן דער טעפּער, האָט זיין קאַלך־אויוון, וואו ער ברענט די ליימענע טעפּ. דאָרט האָבן מיר, משהקע און איך, אויסגעגראָבן אַ הייל און אין איר געמאַכט אַ גרוב מיט זייטיקע היילן. איינס פון אָט די היילן האָבן מיר אויסגעפּלאַסטערט מיט שערבלעך פון איבערגעברענטע טעפּ, און דאָרט באַהאַלטן אונדזער קייסערלעכן קנעפּלעך־אוצר.

מיין משנה למלכס נאַטשאַלסטווע איז אַפּנים ניט געווען קיין סך בעסער, ווי יענע פון די פּאַרצייטיקע יידישע מלוכות, קעגן וועלכע יידן האָבן זיך געבונטעוועט אפילו אין די צייטן פון דוד המלך און שלמה המלך. ס'האָט זיך אויך באַלד געפונען אַ בונטאָווטשיק קעגן אונדזער יינגלשער מלוכה. דער דאָזיקער מורר במלכות (ווידערשפּעניקער קעגן נאַטשאַלסטווע) איז געווען מיכקע דעם חזנס בן־יחיד, וועלכער האָט זיבן אָדער אַכט שוועסטער יתומות.

מיכקע איז שטאָלץ און האַרטנעקיק. ער בויגט זיך ניט פאַר קיינעם. ער האָט דערצאָרנט דעם משנה למלך און אַנדערע מלוכה־לייט. דער ריכ־טער האָט וואָס ווייטער אים געגעבן אַלץ שווערערע שטראָפן. צולעצט סטראַשעט מיכקע אויסצוזאָגן דעם רבין אַלע סודות פון דער מלוכה. ער ווערט פאַר דעם פאַרמשפּט צום גיהנם התחתון (אונטערשטן געהענעם) און צום שאַנד־וואָגן. די פּאָליציי האַלט אים בייטאָג פאַרשפּאַרט אין קהלשן אָפּטרעט. פאַרנאַכט באַדעקט זי אים אינגאַנצן מיט טראַנטעס, צוגעשפּילע־וועט מיט שפּילקעלעך צו זיינע זאַכן. אין אָט דעם הילוך פירט זי אים פאַרביי אַלע שטעטלשע חדרים.

ווען ס'הויבט אָן טונקלען רייסט די פּאָליציי פון אים אַרונטער די טראַנטעס. אין איילעניש מאַכט זי לעכער און ריסן אין זיינע זאַכן.

אין אַזאַ צושטאַנד טרעפן אים זיינע פילע שוועסטער, וועלכע זייבען אים אַרומגעלאָפן זוכן. די יתומות לויפן אַוועק מיט אַ געוואַלד צו זייער טאַטן דעם חזן.

דער חזן געפינט אויס דעם סוד פון דער מלוכה. אויף מאָרגן אינדער־פרי ביים דאַווענען אין בית־המדרש, באַטאַפּט דער חזן דעם משנה למלך און אַלע אַנדערע הויכע נאַטשאַלסטווע, אַנטפּלעקט פאַרן עולם זייערע עפּאָלעטן, שליפעס, לענטעס און מעדאַלן. ער רופט אויס מיט אַ ניגון יעדן יינגלס טיטל און פּאַטשט אים אויס לויט זיין מדרגה.

אַזוי ווי כ׳האָב ניט געהאַט אויף זיך קיין שום צייכן פון מיין קייסעריי האָב איך זיך אַרויסגעדרייט פון צו ווערן באַשטראָפט. דער רבי האָט מיר נאָר איראָניש אויסגערעדט פאַר באַערן אים מיט אַ הויכן טיטל אָן זיין וויסן...

צו מיין גליק איז אונדזער קינדערשע מלוכה פאַרגעסן געוואָרן נאָך איידער עמיצער אין אונדזער שטוב האָט זיך דערפון דערוואוסט. קיינער האָט דעריבער עס מיר ניט פאַרגעוואָרפן.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

איך ווער אַ דאָקטאָר

מיין ווערן אויס קייסער, האָט מיך ווייניק געקימערט. דאָס זיין אַ קייסער האָט מיר שוין סיי־ווי דערעסן. אונדז, משהקען און מיך, האָט נאָר פאַרדראָסן, וואָס אונדזער פאַרבאָרגענער קייסערלעכער אוצר וועט זיך שוין מער ניט פאַרמערן. באַלד אָבער געפינען מיר אויס, אַז מ׳קאָן אָנ־זאַמלען אוצרות קנעפּלעך, ניט דוקא דורך צינזן. דאָס פּאַסירט אַזוי:

זעענדיק ווי מיין באָבע רייניקט און פאַרבאַנדאַזשירט אַ וואונד, פאַלט מיר איין אַ געדאַנק צו היילן אויף אַזאַ אופן די גראַבלען, וואָס קינדער מאַכן איינע די אַנדערע ביים שלאָגן זיך. נאָר אָנשטאָט צו בעטן אַ מעדיצין ביי דער באָבען, פיל איך אַליין אָן אַ שיין פלעשעלע מיט רפואות פון פאַרשיי־דענע ריחות און קאָלירן. מיין חבר משהקע איז דאָס געפעלן. ער שפרינגט אַרויס דורכן פענצטער פון רבינס קאַמער אין מיין זיידנס גאָרטן. ער באַ־האַלט דאָרט דאָס פלעשעלע אין איינעם פון די גרינס־בעיטן. ווען ער שפרינגט אַריין צוריק אין קאַמער, מאַכן מיר אָפּ וויפל קנעפּלעך צו רע־כענען פאַר היילן גראַבלען.

דאָס היילן הויבט זיך אָן יעדן טאָג, נאָך מיין איינחזרן מיט משהקען דאָס בלאַט גמרא, און נאָכדעם ווי דער רבי לערנט אָפּ מיט אונדז דעם טעגלעכן שיעור. משהקע ברענגט דעמאָלט אַריין אין קאַמער דאָס פלע־שעלע פון גאָרטן און אַ גלאָז וואַסער פון פּאָדער־שטוב. איך וואַש אַרום דעם צעגראַבלטן אָרט, טונק איין אין פלעשעלע אַ שיינעם פעדער פון אַ טייבעלע און באַשמיר דערמיט יעדן גראַבל באַזונדער. איך פאַרבינד

עס מיט לייוונט אָדער מערלע און הייס דאָס האַלטן אַזוי פּאַרוויקלט דריי טעג. אויב ס'טוט נאָך אַלץ ווי, גיב איך יעדן טאָג אַן עקסטרע שמיר.

די הכנסה פון אונדזער דאָקטאָריי האָט אַריבערגעשטיגן די פון אונדזער פריערדיקער „קייסעריי". אין עטלעכע וואָכן צייט האָבן מיר אַריינגעקראָגן איבער טויזנט קנעפּלעך. מיר האָבן פון זיי קיין שום נוץ ניט, נאָר אונדז איז ליב צו זען, ווי אונדזער אוצר ווערט אַלץ גרעסער.

יעדן טאָג קומען אין חדר מאַמעס און שוועסטער זיך קלאָגן אויף קינדער און ברידער, וועלכע רייסן אויס קנעפּלעך פון מלבושים און אַפילו פון ציכלעך. אַלע האָבן געמיינט, אַז דאָס איז צוליב דעם שפּיל אין קנעפּלעך, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די שטעטלשע יינגלעך.

אין דעם זיידנס מיטלסטער שטוב וואוינט איצט זיין ברודער יאַנקלס חבר, יונה. איז דאָרט געקומען צוגאַסט אַ ווילנער גימנאַזיסטקע, אַ טאָכטער פון ראָכע־יונהס ברודער שאַפּירא. זי קומט אַריין אין רבינס קאַמער צוזאַמען מיט זיין עטעלען. זי דערציילט מעשיות פון גימנאַזיע און זינגט לידלעך, וועלכע זי ענדיקט אַלעמאָל מיטן צושפּיל „טרולאַלע, טרולאַלע". אין טאָג איז זי אַריין צוזאַמען מיט צוויי חדר־יינגלעך: וואָלאָדקע לענצנער, דער געוועזענער „קייסערלעכער סעקרעטאַר", און שייקע שאַפּירא, דער געוועזענער „קאָמענדאַנט". ביידע האָבן פאַרלאַנגט כ'זאָל אויסהיילן איר צעגראַבלטע האַנט. יעדער פון זיי האָט זיך אָבער געוואָלט אויספּיינען פאַר דער גימנאַזיסטקע דורך אָנבאָטן דערפאַר אַ גרעסערע צאָל קנעפּלעך.

מיין זיין אַ דאָקטאָר האָט ניט אָנגעהאַלטן קיין סך לענגער, ווי מיין זיין אַ קייסער. פאַרענדיקט האָט זיך עס איבער דעם רבינס צעגראַבלטן אָרעם, וואָס אַ קאַץ האָט אים צעדראַפּעט, אָדער ער האָט אין שלאָף זיך צעקראַצט. קינדער ראָטן אים מיך בעטן עס אויסהיילן. ווען ער דערוויסט זיך, ווי אַזוי איך הייל עס אויס אין דריי טעג, לאַכט ער זיך פאַנאַנדער:

— שוטים! אויף אַזאַ אופן קאָן זיך עס אויסהיילן אויך אָן רפואות!

ווען עמיץ באַקלאָגט זיך, אַז מ'האָט אַזוי אויסגענאַרט פון אים אַ סך קנעפּלעך, ענטפערט אים דער רבי מיט דעם ווערטעל: „אַ נאַר גיט, אַ קלוגער נעמט". דער רבי וואָרנט אונדז אָבער קעגן אַזעלכע „שטיק". ער זאָגט, דאָס קאָן פירן צו ווערן אַ „בעל־מופת" (וואונדער־באַוויזער), אַ „בעל־שם", אַ קמיע (קאַמייע) געבער, אַן „אַקטיאָרשטשיק", אָדער גאָר, חלילה, אַ פאַלשער משיח, ווי „שבתי צבי" — „ימח שמו וזכרו". דערביי דערציילט אונדז דער רבי אַ שפּאַנענדיקע מעשה פון דעם פאַלשן משיח שבתי צבי.

די דאָזיקע מעשה מאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. איך נעם זיך אַריין אין געדאַנק, פון איצט אָן און ווייטער זיך שטאַרק אויסהיטן פון גיין

אויף אַזוינע קרומע און גליטשיקע וועגן. כ׳זאָג זיך אָפּ פונעם קנעפּלעך־אוצר. כ׳הייס משהקען טאָן דערמיט, וואָס ער וויל.

איך טראַכט איצט: זיין אַ דאָקטאָר איז שווערער ווי זיין אַ קייסער. אַ דאָקטאָר דאַרף אַ סך לערנען און וויסן. ס׳איז אַ גליק, וואָס מיין פּלע־שעלע רפואות, איז נאָר געווען פאַר דער הויט, און וואָס כ׳האָב קיינעם ניט געגעבן קיין זאַך איינצונעמען, וואו כ׳האָב געקאָנט, חלילה, עמיצן פאַרסמען.

מיין קליינע דינע מאַמע אַרבעט אָן אויפהער. בייטאָג איז זי פאַרנומען מיט דער שטוב און מיטן עופהלע. ביינאַכט פאַרריכט זי אונדזערע זאַכן: נייט און לאַטעט

ווען דער טאַטע איז ניטאָ אין דער היים, מיינע שוועסטער שלאָפן, דאָס עופהלע איז פאַרוויגט, בעט איך דער מאַמען מיך לאָזן נאָך אַ ווײַלע זיין אויף. כ׳זיץ לעבן איר, לערן אָדער לייען עפּעס. אויב ניט שטעלט זי מיר פראַגעס. איר הויפּט־פראַגע איז:

— וואָס שרייבן די הייליקע ספרים וועגן דעם, פאַרוואָס עס איז ניטאָ קיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט? פאַרוואָס קומט גוטע מענטשן אַלדאָס בייז און שלעכטע — אַלדאָס גוטס?

איך גיב איבער דער מאַמען, וואָס כ׳האָב וועגן דעם געלייענט אין ספרים און געהערט אין די דרשות פונעם שטעטלשן רב און די דורכגיי־ענדיקע און דורכפאַרנדיקע מגידים — אַז דער גוטער ווערט באַלוינט און דער שלעכטער באַשטראָפט אויף יענער וועלט.

דאָס געפעלט אָבער ניט מיין מאַמען. זי זאָגט, אַז אָפּלייגן די גערעכ־טיקייט אויף נאָכן טויט איז אומגערעכט. ס׳האָט אַ פּנים פון חוזק.

מיין באָבע דבורה האָט גאָר אַן אַנדער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע. זי האָט אַמאָל, זאָגט זי, געשמועסט וועגן דעם מיט איר מחותן, דעם ווילקאָמירער שטאָט־מגיד, ראַפּאָפּאָרט, האָט ער דערקלערט, אַז אַלע מענטשלעכע קריוודעס זענען אויס קינדיש ווען מ׳קוקט אויף זיי מיט די „אויגן פון אייביקייט”. זייערע דאגות זיינען דעמאָלט אַזוי ווי דאָס געוויין פון קינדער ווען ס׳ווערט צעריסן זייערע אַ פאַפּירענע צאַצקע, אָדער צע־בראָכן אַ צוקערנע פיגור.

די מאַמע איז ניט צופרידן מיט דער דאָזיקער דערקלערונג: זי זאָגט:

— מ׳דאַרף קינדער ניט לאָזן וויינען אומזיסט. מ׳קאָן געפינען אַ וועג איינצופירן גערעכטיקייט אויך אין אַ קינדערישן וועלטל.

***

די טעג האָב איך געלייענט שמ״רס ראָמאַן „די רייכע ירושה”. אין איין אָרט קומט דאָרט פאָר אַ שמועס צווישן דעם רב פון דער קהילה און אַן אַלטן יידן, אַ נגיד. דער שמועס איז אומגעפער אַזוי:

דער רב פרעגט: פאַרוואָס זייט איר לעצטנס אַזוי אומעטיק:
דער נגיד: כ׳שרעק זיך פאַרן „חיבוט הקבר״ (פאַר די יסורים נאָכן טויט).
דער רב: פון וואַנען ווייסט איר וואָס עס קומט פאַר נאָכן טויט?
דער נגיד: אַזוי שטייט דאָך בפירוש געשריבן אין די מוסר־ספרים.
דער רב: זיינען זייערע שרייבער געווען אויפן הימל? גלויבט ניט אין אַזוינע זאַכן. קיינער איז נאָך פון דאָרטן ניט געקומען צוריק דערציילן וואָס דאָרט קומט פאַר.

געוויינלעך לייען איך שמ״רס אַ ראָמאַן נאָר צוליבן ספור־המעשה. די פאַרדייטשטע שמועסן צווישן די העלדינען און העלדן זיינען מיר ניט גענוג קלאָר און אינטערעסאַנט. דער אַלטער נגיד און דער רב האָבן אָבער גערעדט פשוט און קלאָר. דערצו איז מיר דער ענין געווען באַקאַנט צוליב מיין מאַמעס פראַגעס. שמ״רס רב מאַכט דעריבער אויף מיר אַן איינדרוק. כ׳הויב אָן צווייפלען צי ס׳איז ריכטיק אַלץ וואָס מ׳דערציילט און מ׳שרייבט וועגן דעם וואָס קומט פאַר אויפן הימל.

ווען מיין באָבע דערוויסט זיך דערפון זאָגט זי מיר: שמ״ר קאָן דער־ציילן העכסט אינטערעסאַנטע מעשיות. ווען ס׳קומט אָבער צו ערנסטע פראַגעס, פאַרלאָז דיך ליבער אויף די הייליקע ספרים. איך טו אַזוי. פונדעסטוועגן גייט מיר ניט גאַנץ אַרויס פון זינען, וואָס שמ״רס רב האָט געזאָגט...

***

זיבעט מיין מומע בת־שבע האָט זיך געג׳גט מיט איר גליד־שוועסטערקינד, משהטשיק דעם שוסטער, וואוינט זי אין ווילנע. זי באַקענט זיך דאָרט מיט אַ שיינעם הויכן יונגעמאַן, געכטער. זייריידן ביידע אָפּ חתונה צו האָבן.

הער געכטער שלאָגט פאָר, אַז זיי זאָלן שוין איצט באַשטעלן אַ פיינע דירה און פיין אויסמעבלירן זי. זיי זאָלן אַראָפּברענגען אירע צוויי קינדער פון מיישעגאָלע. ער וועט זיי שיקן לערנען אין אַ ווילנער שולע און זיי מאַכן פאַר לייט.

די מומע בת־שבע און הער געכטער באַשטעלן אַ דירה און קלייבן אויס מעבל. זיי גייען אַריין אין אַ באַנק, וואו זי נעמט אַרויס דאָס געלט איינצוצאָלן פאַר דאָס מעבל און דער דירה. אויפן וועג פאַרשווינדט הער געכטער צוזאַמען מיטן געלט. די מומע בת־שבע ברעכט צוזאַמען. זי ליגט אַ צייט קראַנק. די באָבע פאָרט אַוועק קיין ווילנע און גיט דאָרט אַכטונג אויף דער קראַנקער טאָכטער ביז וואַנען זי ווערט געזונט.

דער הער געכטער ווערט דערקענט אין לאָנדאָן. מ׳ווייזט אויף אים אָן מיין פעטער משה דעם סטאָליער. אַנטלויפט געכטער פון לאָנדאָן און מער זעט מען אים שוין ניט.

רחמיאלקע דער מומע בת־שבעס טראָגט געדולדיק דעם יאָך פון אַ לערן־יינגל ביי אַ מיישעגאָלער שניידער. זיין יינגערער ברודערל אָבער, דער זעלטן־שיינער זעלקע, איז אומרואיק. ער קאָן זיך ניט אונטערוואַרפן זיין מייסטער, דעם פּריצישן שניידער, משהטשיק איטשע־טאָבעס. יענער באַשטראָפט אים שווער. ער רופט אים אויך אָן „ליגנער". די באָבע טענהט: זעלקע זאָגט ניט קיין ליגנס, נאָר טראַכט אויס מעשיות. ווען ער איז ניט קיין לעבעדיקער יתום, ווען ער האָט עלטערן, וועלכע גיבן אים לערנען, וואָלט ער אפשר געשריבן לידער און מעשהלעך, וואָס וואָלטן געמעגט זיין געדרוקט *).

סוף זומער 1888 האָט רפאל־ראובן ווידער חתונה. ער נעמט פּאָר אַ וויב די נייטערין כּאַשקע שרה־בונעס, די שוועסטער פון מיין אַמאָליקן חבר שמואליק, מיט וועמען כ'האָב געלערנט צוזאַמען אין לערער לוריעס מיידלשער שולע.

דער כלהס עלטערן זיינען געווען צו אָרעם צו מאַכן אַ געהעריקע חתונה. באַצאָלט פאַר אַלץ רפאל־ראובן, און דאָס גאַנצע שטעטל העלפט מיט. כמעט אַלע שטעטלשע יידן און אויך מיין טאַטע־מאַמע פון דאָרף קומען צו אָט דער חתונה. אַלע ברענגען פיינע דרשה־געשאַנק, חפצים און געלט.

מיין טאַטע באַטראַכט זיך פאַר אַ מחותן פון ביידע צדדים. פון חתנס צד — זיין זונס רבי. פון כלהס צד — אַן אַלטער גוטער־פריינט און אונ־טערשטיצער פון אירע עלטערן. דער טאַטע טאַנצט, שפּילט, זינגט און הוליעט, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן איידער זיין טאַטע שאול־יהודה און שוועסטער מיכלע זיינען געשטאָרבן.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

דאָס בערגל קעגן בית-המדרש

מיין חבר משהקעס היים איז אין אַ קליינעם ענגן שטיבל הינטער שמואל דעם בעל־טאַקסעס הויז, אויף יורסדיקע, אין צפון־זייט פון בית־המדרש.

שמואל איז שוין מער ניט קיין בעל־טאַקסע. ער האַלט ניט די „קאַ־

---

*) זעלקע, אונטערן נאָמען זיגמונד סאַפּירשטיין, באַטייליקט זיך, אָנ־הויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין אַן אַמאַטאָרן־טרופּע, וואָס שפּילט יידיש טעאַטער אין גלאַזגאָ, סקאָטלאַנד. ער טרעט אויך אויף ווי אַ זינגער און רעדנער אין יידיש און ענגליש אין לאָנדאָן, וואו זיין שוועסטער און ברודער וואַנדערן דאָרט איין.

ראַבקע״, נאָר פאַרט אַרום מיט פערד און וואָגן אויפקויפן ביינער און „קאָדער״ (שמאַטעס), וואָס ער פאַרקויפט אַגולנע אין ווילנע.

די שטוב אויף זיין נאָמען האָט אַ סך שטיבלעך, מיט שטרויענע דעכער, צוגעבויט איינע צו די אַנדערע. אַ טייל שטייען אויף אַ בערגל, וואו ס'וואוי־נען אויך משהקעס עלטערן.

משהקעס טאַטע שמעון פּאָלאַק (זורער) איז אַ פורמאַן, אַזוי ווי זיין ברודער בערטשיק, וועלכן מ'רופט טאַקע אָן דער פורמאַן.ביידע ברידער זיינען הויכע מיט ווייסע בערד. נאָר שמעון איז אַ ברייט־פּלייציקער, קרעפּ־טיקער און מונטערער. משהקעס מאַמע איז אַ שטשופּלע (דינע), אין פּאַר־גלייך מיט איר מאַן. זי באַקט האָניק־לעקעך און פאַרקויפט עס אויפן מאַרק. שמעונס עלטסטער זון פון דער ערשטער ווייב, יחיאל־מיכל, איז שוין אַליין אויך אַן עלטערער מענטש. זיין שוואַרצע באָרד ווערט אַלץ גרויער. פון דער צווייטער ווייב האָט שמעון פּאָלאַק דריי קינדער; רבקה, משהלע און לאָזורקע.

צוליב מיין חבר משהקען איז מיר נאָענט זיין גאַנצע משפחה. זיין היים אָבער איז מיר נאָענטער צוליב דעם בערגל דערביי. דאָס היפּשע בערגל, וואָס קוקט אַרונטער צום בית־המדרש אין דרום־זייט, געדענק איך, ווי דורכן חלום, אַ פאַרבויטן מיט אַ גאַנצער שורה הייזער.

דאָס איז געווען אַרום אַכט יאָר צוריק. נאַטשאַלסטווע האָט דעמאָלט געצוואונגען מיין טאַטן צו פאַרלאָזן דאָס דערפל אַקמינע. מיר קלייבן זיך דעריבער אַריין אויף אַ וויַל אין דער איינציקער שטוב דאָרט אויף אַ בערגל, לעבן „קלוטשוואָיט״ טאָמאַשעווסקי, ביים ברעג שטעטל מיישעגאָלע. מיין שוועסטער טאָנקע, די איצט 15־16 יאָריקע הענע־טאָנע, פירט מיך אַמאָל אַוועק אין יורסדיקע און נעמט מיך אַריין אין שטוב אויפן בערגל אַנטקעגן בית־מדרש. עטלעכע ווייבער רינגלען מיך דאָרט אַרום; זי גיבן מיך איבער פון האַנט צו האַנט, און דערציילן דערביי, ווי אַזוי מיין מאַמע האָט מיך אין אָט דער שטוב געבוירן, אינמיטן פון אַ שמחת־תורה, ווען מיין טאַטע מיט זיינע גוטע ברידער האָבן געהוליעט, געטאַנצט און געזונגען...

דאָס דאַרף ווייזט אַרויס אַ היפּשן אינטערעס אין מיין טאַטנס בויען אַ סוכה. דער טאַטע האָט צו אַלעם ערשטן אַריינגעקלאַפּט אין דער ערד פיר גראָבע פלעקער, וואָס שטייען איצט פעסט, ווי טעלעגראַף־סלופּעס. צוויי שטייען ביי דער צפון־וואַנט פון אונדזער שטוב, וואָס איז די דרום־וואַנט פון דער סוכה. זיי שטייען פון ביידע זייטן פון אונדזער פענצטער צום גאַס. די אַנדערע צוויי שטייען זיי אַנטקעגן אויף אונדזער געהעפט. אַרום אָט די פלעקער האָט דער טאַטע איבערגעבויט די דריי ברעטערנע ווענט: אין מערב, מזרח און צפון.

די דאָרפס־לייט, מענער, פרויען און קינדער, האָבן געבראַכט צו טראָגן אויף אונדזער געהעפט אַ היפש ביסל ברעטער, ווי אויך פענצטער און אַ טיר פאַר אונדזער סוכה. דער טאַטע קלאַפּט צו מיט זיין האַמער יעדעס ברעט מיט לאַנגע טשוועקעס צו די פעסטשטייענדיקע פלעקער.

די פּויערים וויצלען זיך: צו וואָס דאַרף מאָרדכעלע אַזאַ שטאַרקן בנין, ס'איז דאָך נאָר פאַר איין וואָך. מיין טאַטע דערקלערט זיי, אַז ער טוט עס צוליב דעם, וואָס אין דאָרף זיינען פאַראַן חזירים, וועלכע האָבן ניט קיין דרך־ארץ פאַר אַ יידישער סוכה. ער מאַכט זי דעריבער גענוג שטאַרק, אַז קיין חזיר זאָל זי ניט קאָנען איינוואַרפן דורך קראַצן זיך אָן אירע ווענט...

ווען די סוכה ווערט פאַרטיק, הויבן אָן די דאָרפישע כלאָפּעס און קינדער ברענגען פון וואַלד פרישע צווייגן פון סאָסנעס און יאָדלעס, אויף צו באַדעקן זי. אַז ס'פאָרט אָן אַ פרעמדער פויער מיט אַ וואָגן סכך, הייסט אים דער טאַטע עס אַריינפירן אין שטעטל. ער רעדט מיט אים אָפּ, אַז אויב ער פאַר־קויפט עס ניט אין שטעטל, זאָל ער עס ברענגען צו אונדז אויפן געהעפט, און ער וועט קריגן באַצאָלט דעם פולן פרייז. דער טאַטע דערקלערט מיר, אַז ער טוט עס, כדי פּויערים זאָלן האָבן חשק צו ברענגען אין שטעטל גענוג סכך יעדן ערב סוכות.

מיין עלטערע שוועסטער הענע־טאָנע פאַרפּוצט די סוכה אינווייניק מיט בלומען און גירלאַנדעס. ס'העלפן איר אויך מיט אין דעם אַ צאָל פּויערשע טעכטער.

די ערשטע נאַכט און יעדן טאָג סוכות, איידער דער טאַטע זעצט זיך עסן, לאַדעט ער איין צום טיש זיבן „אושפיזין" (אומזיכטבאַרע געסט): אברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אהרן און דוד. יעדעס מאָל, ווען איך הער דעם טאַטן זאָגן די „אושפיזין", שעם איך זיך פאַר מיין באָבע דבורהן — כאָטש זי איז ניטאָ דערביי — פאַרוואָס ער לאַדעט אויך ניט איין די „אמהות" (שרה, רבקה, רחל, לאה) און די נביאהטעס (מרים, דבורה, און חולדה). עס קומט דאָך טאַקע אויס, ווי די באָבע זאָגט: „עס איז אַ מאַנס־בילשע וועלט", און פרויען קריגן ניט אין איר קיין גערעכטיקייט..."

אַ גאַנץ יום־טוב איז די פריילעכקייט געצאַמט. מ'פאַרברענגט און מ'זינגט אין סוכה; מ'הוליעט און מ'טאַנצט אין שטוב. שמיני־עצרת פאַר־נאַכט רייסט זיך אָבער אַרויס די פריילעכקייט אין גאַס. דער טאַטע פאַר־ברענגט איצט מיטן גרויסן עולם אין שטעטל ביים גבאי פון דער „חברה קדישא"; דאָרט טרינקט מען וויין, מ'זינגט און מ'טאַנצט. נאָכדעם פירט מען דעם גבאי אין שול אַריין מיט געזאַנג און טענץ, און מיט פיל־קאָלירטע ליכט אין די הענט, ווי צו אַ חופה. דער גבאי און זיינע מקורבים זיינען אויסגעפּוצט ווי אויף אַ חתונה. זיי טראָגן אויף די קעפּ הויכע צילינדערס

און פּאַראַדירן שטאָלץ, ווי די גענעראַלן, וואָס מאַרשירן דורך דאָס שטעטל מיט זייערע אַרמייען, אויפֿן וועג צו די זומערדיקע מאַנעווערס.

מײַן טאַטע האָט נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק מיך פֿאַרשריבן אין דער „חברה קדישא". ער צאָלט פֿאַר מיר מיטגליד־שטייער און האָט מיך באַזאָרגט מיט אַ קוויטל צו דער חברהס סעודה פֿון ט"ו כסלו, ווען מ'קלײַבט אויס אַ נײַעם גבאי, דורך וואַרפֿן צעטלעך אין קאַלפּע (שטימקעסטל). מ'לאָזט מיר דאָרט אויך בלעטערן דעם שיין־געבונדענעם פּנקס, וואו ס'זײַנען פֿאַרשריבן אויך שטעטלשע געשעענישן. דאָך זיץ איך ניט לאַנג מיט דער חברה קדישא ביים גבאי אין שטוב. כ'גיי אַוועק צום רב.

דעם רבס שטוב איז אַ טייל פֿון בית־המדרש. מ'גייט צו אים אַריין דורכן פּאָליש. דאָרט זײַנען שמיני־עצרת פֿאַרנאַכט פֿאַרזאַמלט שטעטלשע לומדים, ווי אויך יונגע לערנער. דאָס הוליען איז ניט אַזוי הילכיק ווי ביים גבאי פֿון חברה קדישא. מען טאַנצט ניט קיין „בייגעלעך" און אַנדערע יידישע טענץ. דאָך איז אויך ביים רב לוסטיק און פֿריילעך. דער הויכער שמעון מאַכט אַ וויציקן קידוש, פֿול מיט אַלערליי מינים ניגונים, שטיקלעך חזנות און תורה־ווערטלעך. די יוגנט זינגט לידער און שירים אין מאַמע־לשון און אין לשון־קודש. אַנדערע לידער אין ביידע שפּראַכן, ווי, למשל, אליקום צונזערס „די סאָכע" און „די בלום". אָרעם־בחורים ווייזן לומדישע קונצן, זאָגן וויציקע פּילפּולים און דרשות.

פֿון דרויסן קומען אַריין די קולות פֿון לייזער דעם קצב (מײַן זיידע שמואל־איטשעס אַ שוועסטער־קינד). אַנשטאָט אַ פּויק טראָגט ער אויף זיך דעם שווערן קופּערנעם „כיור" (דעם בעקן צו וואַשן די הענט אין בית־המדרש) און קלאַפּט אין אים מיט אַ רער פֿון אַ מעשענעם הענגלײַכטער. ס'לויפֿן אים נאָך מאַסן קליינע יינגלעך. ער שרייט צו זיי: „צאן קדשים" און זיי ענטפֿערן אים: „מע־ע־ע!"

דעם גבאיס טומלדיקע מחנה דערגרייכט דעם בית־המדרש. מ'הויבט זיך אָן גרייטן צו די הקפֿות (פּאַראַדירן אַרום דער קיילעכדיקער בימה מיט ספֿרי תורות און פֿאָנעס). יינגלעך שטופּן זיך צום בית־המדרש מיט זייערע פֿיל־קאָלירטע פּאַפּירענע פֿענער אויף שטעקנס מיט ליכט און לייכטערלעך פֿון מעיערן, בוריקעס און בולבעס. מיידלעך שטייען אין מאַסן הינטער דער בימה. זיי קומען קושן די תורה, נאָר ווייסע־חברהניקעס שטעלן אָפּט אונטער זייערע הענט און שטיקן זיך נאָכדעם פֿאַר געלעכטער פֿון זייער איינפֿאַל. אין פּאָליש שטייט קאָפּ אויף קאָפּ די יוגנט פֿון אונדזער דאָרף, צום גרעסטן טייל מיידלעך, אָדער „שיקסעס". זיי וואָגן זיך ניט אַרײַנצו־שפּאַרן אין בית־המדרש נאָענט צום פּאַראַד פֿון ספֿרי־תורות און פֿאָנעס. זיי ווייזן אָבער אַרויס אַ סך פֿרייד און באַגייסטערונג, אַקוראַט ווי שמחת־תורה וואָלט געווען אויך זייערער אַ יום־טוב.

***

פורים פלעג איך אַמאָל האָבן אַ סך קאָפּ־דרייעניש: וואָס פאַר אַ שלח־מנות (שאַלעכמאָנעס) זאָל איך אָפּשיקן צו אַ יינגל, וואָס האָט מיר פריער צוגעשיקט זיינעם? כ׳פלעג ציטערן כ׳זאָל אים, חלילה, ניט קריוודען. לעצטנס, אָבער, האָב איך קיין שום זאָרג ניט דערפון. כ׳שיק אָפּ יעדן איינעם אַלץ, וואָס ער שיקט מיר און דערלייג דערצו אַ צאָל צאַצקעס און נאַשערייען. איך טו דאָס דערפאַר, ווייל אַ טייל יינגלעך מיינען תמיד, אַז זייער שלח־מנות איז געווען אָן אַ שיעור שענער און בעסער, ווי דער, וואָס זיי קריגן פון אַ צווייטן.

דאָס פורים־שפּיל איז מיר נאָך אַלץ געפעלן; איך לויף אָבער ניט נאָך די שטעטלשע פורים־שפּילער, ווי מיט יאָרן צוריק. כ׳האָב דאָך שוין אַזוי פיל מאָל געזען די זעלביקע שפּיל און שפּילער. כ׳ווייס געווי, אַז מאָטע דער שוסטער איז קעניג אחשורוש, רחמיאל דער שניידער — מאָנדרע (מרדכי היהודי), זיין ברודער משהטשיק דער שניידער — המן הרשע, דער שיינער יונגער אַרבעטער — אסתר המלכה א. אז. וו.

ווי אַ צוועלף־יאָריקער גמרא־בחור, וועלכער גרייט זיך שוין צו פאָרן לערנען אין אַ ווילנער ישיבה, האַלט איך אויך שטאַט אין בית־המדרש. איך פאַרשריי ניט מער דעם נאָמען „המן״ מיט מיין בלעכענעם שרייער, און מאַך אויך ניט קיין טומל מיט מיין הילצערנער קאַלעקאָטקע. כ׳שיס ניט מיטן פורים־ביקסל אפילו אין דרויסן, כאָטש איך האָב נאָך מאָסן פּיסטאָנעס. קורץ, איך פיר זיך איצט אויף, ווי די סטאַטעטשנע יונגע לייט, וועלכע לערנען פאַר־זיך אין בית־המדרש.

כ׳קוק זיך אויך וויניק צו, וואָס פאַר אַ שלח־מנותן די שלח־מנות־טרעגער ברענגען דער מאַמען און וואָס זי שיקט דורך זיי צו אונדזערע קרובים, שכנים און פריינט. כ׳בין איצט פאַרנומען מיט עפּעס וויכטיקערס. כ׳פיר דורך אַ געהיימע שליחות, וואָס מיין מאַמע האָט מיר אָנגעטרויט: איך טראָג פאַנאַנדער אירע ספּעציעלע שלח־מנותן צו מענטשן, וועלכע וויסן אפילו ניט, אַז זי האָט עס זיי געשיקט.

די דאָזיקע שלח־מנותן פון מיין מאַמען באַשטייען פון פלייש, עוף, פיש, המן־טאַשן, באַבקע, קיכלעך, גריינס און פרוכט. אויך מיין מאַמעס פלוימען־קאָמפּאָט, וואָס אַלע האַלטן פאַר אויסערגעוויינלעך געשמאַק.

איך קום אַריין צו יענע באַדערפטיקע מענטשן אין בית־השמשות־צייט. איך גיב אַ קוש די מזוזה, און זאָג: „גוט יום־טוב! מיין מאַמע האָט אייך געשיקט שלח־מנות״... כ׳שטעל אַלץ אַוועק אויפן טיש אָדער אויף אַ בענקל און פאַרשווינד תיכף.

בייטאָג כאַפּ איך זיך אַריין צו די, וועלכע קענען מיך פערזענלעך,

ווי, למשל, מיין מומע מינע, שרה־בונע, און אַנדערע פרויען, וועלכע זיינען שוין געוואוינט צו קריגן אַזוינע מתנות פון מיין מאַמען.

אויפן וועג צוריק אַהיים צעטייל איך צווישן אָרעמע לייט די ספּעציעלע פּורים־צדקה, וואָס די מאַמע גיט מיר מיט פּאַר זיי: שקאַרמיצלעך מיט זילבערנע צענערלעך (פינף קאָפּיקענע), אַנשטאָט די טראַקטורענע און בלעכענע פּרוטות פון די וואָכעדיקע טעג.

ווען איך קום צוריק אַהיים, איז שוין ביי אונדז געגרייט דער טיש פאַר דער פּורים־סעודה. באַלד קומט אָן דער טאַטע מיט געסט און אורחים. ס׳האַלטן אויך אין אָנקומען קרובים און גוטע פריינט.

צוליב די אומגליקן אין אונדזער משפחה, הוליעט ניט דער טאַטע אָן אַ גרענעץ ווי אַמאָל. דאָך איז ביי אונדז פריילעך. ס׳פילט זיך גוט די שמחה מיט דעם נס פון פּורים און מיט גוטע האָפענונגען אויף ישועות און נחמות פאַר יידן. מ׳עסט און מ׳טרינקט, מ׳דערציילט זיך פּורים־וויצן, מ׳זינגט „שושנת יעקב״ און אַלערליי אַנדערע פּורים־לידער, מ׳טאַנצט אויך „בייגעלעך״, „האָפּקעס״, „קאָזאַצקעס״ א. ד. גל. טענץ. און אַז ס׳קומט אַריין צו אונדז אין שטוב אַ פּויער, איז אים דער טאַטע מכבד מיט אַ גלעזל י״ש און אַ קיכל, און דערציילט אים דערביי די מעשה פון „המנס מפּלה״...

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

איך באַקען זיך מיט אונדזער שטעטל

נאָך זיין חתונה מיט כאַשקע דער נייטערין הערט אויף מיין רבי רפאל־ראובן צו לערנען מיט מיר אַליין פאַרטאָג און אין אָוונט. מיין חבר משהקע שמעון פּאָלאָקס גייט שוין ניט מער אין חדר. ער איז לעצטן יאָר געוואָרן בר־מצוה, און לערנט זיך איצט אַ מלאכה אין ווילנע. קיין אַנדער נאָענטן חבר ווי ער, האָב איך איצט ניט. איך דאַרף ניט מער מיט עמיצן איינחזרן די גמרא. ניטאָ אויך קיינער, וועמען צו פאַרטרויען מיינע מחשבות. איך לערן און לייען דעריבער אַ סך מער ווי פריער, דאָך בלייבט מיר נאָך אַלץ איבער געננוג צייט. קוק איך זיך צו אין מיין לידיקער צייט צו די מענטשן אַרום מיר, באַטראַכט וואָס זיי טוען און ווי אַזוי זיי לעבן.

אין דאַרף איז מען ניט גערן, אַז עמיץ זאָל זיך צוקוקן ווי אַזוי מ׳לעבט דאָרט. אויפן ערשטן בליק איז אויך שווער צו זען אַ וואָסער ס׳איז פאַר־שיידנקייט צווישן די דאָזיקע מענטשן. אַלע זיינען זיי ערד־אַרבעטער, כאָטש ניט אַלע האָבן אייגן ערד. אַחוץ אַ פּאָר פּאַסטוכער און פּאַסטושקעס,

האָט דאָס דאָרף אויך אַ שמיד, פּאָפּלאַווסקי, און אַ לאַטוטע־שוסטער, יורקע, וועמעס הונט האָלט כסדר אין בילן, ווי אויף להכעיס דעם שטעטלשן ווערטל: „ער שטומט ווי יורקעס הונט״...

צוליב מיין באַקאַנטשאַפט מיט די קינדער פונעם אַמאָליקן „קלוטש־וואָיט״ טאָמאַשעווסקי, ווייס איך, אַז אונדזער דאָרף האָט אַ געהיימע שולע צו לערנען פויליש. לעצטנס דערוויס איך זיך, אַז עס זיינען אויך דאָ ביי אונדז דאָרפס־לייט, וועלכע היטן אָפּ זייער קאַטוילישן גלויבן אין געהיים, כאָטש דאָס דאָרף רעכנט זיך פאַר פּראַוואָסלאַוונע. כ׳האָב באַמערקט אַזאַ פאַל:

אין אַ שטוב איז געבאָרן געוואָרן אַ קינד. איז געקומען צופאָרן אַ פּאָפּ, אַ פּראַוואָסלאַוונער פּריסטער, און „געשוועכטשעט״ („געהייליקט, — באַשפּריצט מיט אַ פּענזל, איינגעטונקט אין הייליקן וואַסער״) דאָס קינד, די זאַכן און אַפילו די ווענט. ווען דער פּאָפּ איז אַוועקגעפאָרן האָבן דעם קינדס עלטערן, קרובים און פריינט דורכגעפירט אַ רייניקונג: געבאָדן דאָס קינד, געוואַשן און געשייערט אַלץ, וואָס דער פּאָפּ האָט „געהייליקט״. נאָכדעם האָט זיך אַריינגעשליכט דער קאַטוילישער גלח און אַלץ „איבער־געשוועכטשעט״ פון דאָס ניי.

ווען כ׳האָב עס דערמאָנט פאַר מיין טאַטן, האָט ער מיר דערקלערט, אַז דאָס זיינען קאַטוילישע „אַנוסים״, וועמעס זיידעס מ׳האָט אָפּגעשמדט, מיט געוואַלט פאַר פּראַוואָסלאַווע. דער טאַטע האָט מיר אָנגעזאָגט ניט צו זאָגן קיינעם אַ וואָרט וועגן דעם.

מיט מער אינטערעס קוק איך זיך צו, צו די שטעטלשע יידן, וועלכע זיינען אַלע מיר געוואָרן אַזוי נאָענט, ווי זיי וואָלטן געווען לייבלעכע קרובים מיינע. פון די אומגעפער הונדערט יידישע הויזגעזינטן אינעם שטעטל מיישעגאָלע קען איך גוט אַרום ניינציק. כ׳ווייס אין וועלכע שטיבער זיי וואוינען, אויף וואָסערע שטעט זיי זיצן אין בית־מדרש, און פון וועלכע פּרנסות און מלאכות זיי לעבן. פאַראַן צווישן זיי:

צוויי בלעכער: יאַשע און מיכל. יאַשע מאַכט אויך בלעכענע כלים צו פאַרקויפן אויפן מאַרק ביי אַ יאַריד. ס׳העלפן אים דאָרט זיין ווייב און זייער טאָכטער חוה, די „ציגיינערקע״. זייער זון גבריאל, אַ הויכער בלאָסער בחור, איז אַ לערנער. יאַשע האָלט אויך זומער אין אַרענדע „שאַגאַנס״ (אַנדערייטשעס) גרויסן גרינס־גאָרטן ביי אונדז אין דאָרף. דער צווייטער בלעכער, וואָס האָט זיין ווייב און קינד אין אַן אַנדער שטעטל, איז מער מייסטער ווי יאַשע. ער איז אָבער איצט אויף צרות צוליב אַ פרוי. מ׳זאָגט, אַז זי האָט אים „צוגעטרונקען״ (אַריינגעגעבן „ליבע־טראָפּנס״ אין אַ גלאָז טיי, מיט וואָס זי האָט אים מכבד געווען). נאָר גטן זיך מיט זיין ווייב וויל ער ניט. גייט ער אַרום ווי אַ צעדולטער.

איין בעדער: חייקל. ער וואַשט אויך אַרום און בעזעמט נאָכדעם אויפן פּאָל די נגידים. דאָס באָד־געלט צאָלט מען איין ביים אַריינגאַנג צו דער בעדערקע, חייקלס ווייב. זייער זון, נאָטע דער סטאָליער, איז אַן איידעם פון דעם שמיד יאַנקל טשוכנע, ביי וועמען ער וואוינט. איך קום אָפּט־מאָל אַריין צו אים אין סטאָליאַרנע. ער איז צו מיר גאָר פריינטלעך.

איין בעל־קאַראָבקע, אָדער בעל־טאַקסע; איצט איז עס יאַנקל דער „איזבאַרשטשיק".

פינף בעקערינס: די אלמנה לאה איז די איינציקע פון זיי וועלכע באַקט אַלץ: ברויט, חלה, בייגל, בולקעס, קוכנס א. אַז. וו., און מ׳קומט עס קויפן צו איר אין בעקעריי. די אַנדערע פיר זיינען הויז־פרויען, וועלכע באַקן נאָר בייגל אָדער לעקעך, צו פאַרקויפן אויפן מאַרק. זיי טוען עס אַרויסצוהעלפן זייערע מענער, וועלכע פאַרדינען ניט גענוג ביי זייער פרנסה אָדער מלאכה. זומער, ווען די רוסישע אַרמיי קומט אין שטעטל, אויפן וועג צום לאַגער און צו די מאַנעוורעס, באַקן נאָך צענדליקער יידישע פרויען אַלערליי געבעקסן צו פאַרקויפן צו די סאָלדאַטן.

איין גאַרבער: שלום־ישראל סאָלאָווייטשיק, אַ מיטלגעוויקסיקער, מיט אַ בלאָנדער באָרד. דאַוונט מיט התלהבות. לערנט נאָך דעם אַ בלאַט גמרא. ער האָט זיין אייגענע גאַרבאַרניע לעבן זיין שטוב, ער אַרבעט דאָרט צוזאַמען מיט אַ פּאָר מענטשן, וועלכע כ׳קען ניט פּערזענלעך. ער פאַרקויפט אויך לעדער צו שוסטער. זיין מיידל, גנענדקע, האָט געלערנט מיט מיר צוזאַ־מען ביים לערער לוריע. זיין יינגל עליע־בערקע — אין רפאל־ראובנס חדר. זיין עלטסטע טאָכטער, מינע, האַלט ביי אים אין שטוב אַ קראָם.

פיר גאַרטענירער: שמעון, וועלכער איז אויך אַ מלמד; זיין זון מאָטל; אברהם־איטשע, וועמעס ווייב, גיטל, קומט אָפּט אַריין צו אונדז אין שטוב, און יאָשע דער בלעכער.

דריי גלעזער: זעליג, דער שטעטלשער „בעל־קורא", זיין ברודער לייזער און דער פון זיי עלטערער לייבע. מיר דוכט, אַז לייבעס טאָכטער איז אַ זאָקנמאַכערין. לייבעס זין שלומקע און נאָסקע פלאַנען אַוועקצופאָרן פון שטעטל. לייבע איז דער אַרעמסטער פון די דריי גלעזער. לייזער איז אויך אָרעם, נאָר ער האָט כאָטש אַן אייגענע שטוב. דערצו העלפט אים זיין ווייב, הינדע, אויך עפּעס וואָס פאַרדינען.

צוויי הייבאַמס: מיין באָבע דבורה, וועלכע איז אויך אַ פעלדשערין, און דעם פריערדיקן בעדער שמואלס שוויגער, לאה, וועלכע מ׳רופט אויך אַן „באָבע לאה". איר טאָכטער, גיטל, שמואלס ווייב, באַמיט זיך אויך צו זיין אַ הייבאַם.

איין וואַלד־סוחר: יאָשע ראָם, אַן אלמן מיט אַ יונגן פנים און גרויע האָר. ער האָט לעצטנס אויסגעבויט אַ שיינע שטוב אין דאָרף, נאָענט פון

אונדזערער. זיין שוועסטער, אָדער שוועגערין קומט אָפּט אַריין צו אונדז אין שטוב מיט זיין קליינער יתומה, אַ שיין קינד *), מיט וועמען מיין פינף־יאָריקע שוועסטערל דאַבעלע שפּילט זיך אַרום.

דריי וואַכערניקעס: איין וואַכערניק, פּייווע דער שוסטער, און צוויי וואַכערניצעס: ליבע ר׳ עליעס און ריווע, גרשון דעם קרעמערס שוויגער. ווען עמיצער אַנטלייט ביי זיי צען רובל, דאַרף ער עס אויסצאָלן אין צען וואָכן צו אַ רובל מיט 10 קאָפּיקעס אַ וואָך. אויב מ׳צאָלט עס ניט אויס אין צייט רעכענען זיי אויך פּראָצענט פאַרן פּראָצענט און פאַרלאַנגען פונעם אַנטלייער אונטערצושרייבן סוף יאָר אַ נייעם וועקסל לויט אָט דעם חשבון.

איין ווינער: יאַנקל דער „איזבאָרשטשיק.״

צוויי וועבער: די ברידער יאַנקל און מאיר זובאלסקי; זייערע וויי־בער זיינען שוועסטער — די טעכטער פון מיין עלטער־עלטער פעטער אברהם־בער דעם קצב. זיי וועבן דאָס רוב לייוונט, וועלכע זיי שפּרייטן אויס אין דרויסן אויף זייער געהעפט אָדער אין זייער גרויסן גרינס־גאָרטן, זיך אַנצוזאַפּן מיט זונען־שטראַלן.

צוויי זאָקנמאַכער: מיין שוועסטער הענע־טאָבע און אַ מיידל אויף יורסדיקע.

איין חזן: ער איז אויך דער שוחט. זיין שטים איז ניט מער אַזוי שיין, האָבן בעלי־בתים געפּלאַנט אים אָפּזאָגן פון חזנות. מיין טאַטע איז אַרויס־געטראָטן קעגן, ווי ער זאָגט, צוליב „אַכט טעמים״ — די אַכט יתומים מיט וועלכע די חזנטע האָט אים איבערגעלאָזן. ס׳איז געווען אַ דין־תורה ביי אַ בית־דין פון אַרומיקע רבנים. דער טאַטע איז געווען דעם חזנס פאַר־טיידיקער. די רבנים האָבן געפּסקנט, אַז דאָס שטעטל דאַרף צאָלן דעם חזן און שוחט זיינע פולע שכירות. קהל מעג אָבער אָנשטעלן אויפן אייגענעם חשבון אַ ספּעציעלן חזן אויף די ימים טובים.

איין טאָקער: יאָשיק גראַזיצקי.

צוויי טעפּער: מיין עלטער־עלטער פעטער ראובן סילין, וועלכער איז אַמאָל געווען דער מיישעגאָלער געהילף פון ווילנער קאַזיאָנעם רב און איז אונטערגעשריבן אין יידיש אויף מיין רוסישער מעטריקע. ער איז דער איינציקער באַלמעלאָכע אין שטעטל, וועלכער שטייט אין מזרח־וואַנט. דער צווייטער טעפּער איז אברהם־משה וויטלס.

צוויי מוליערס: יאָשע טראַסקון, וועלכער „טראַסקעט צוזאַמען״ אויוונס. לעצטנס האָט זיך וועגן אים שטאַרק געטומלט. דער ווילדער כלאַפּ, שימקע פּעשעס, האָט אים „געפּלעט דעם מח״ מיט אַ דראָנג. שימקעס מאַמע, די אלמנה, פּעשע די הויכע, האָט אים, שימקען, שטאַרק געשלאָגן. דערביי

---

*) די שפּעטער אָנגעזעענע שוישפּילערין ראָם פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער.

האָט זי געציטערט, יאָשע זאָל חלילה ניט שטאַרבן, ווייל דעמאָלט וועט מען איר איינציקן זון פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע. דער צווייטער מוליער איז אַ יונגער מאַן, וואָס טינקעוועט, קאַלכט און מאָלט, נאָר קען אַליין ניט מאַכן קיין אויוון, ווי דער אַלטער מוליער.

איין מילנער: ער האַלט אין אַרענדע דעם פּריץ הוואָולדס וואַסער־מיל. ער וואוינט אויך דאָרט דערביי.

פיר מלמדים: רפאל־ראובן טונקל, איטשע־יאָשע שמולעוויטש, שלמה דער שמש און שמעון דער גאַרטענירער — אַ דרדקי־מלמד. ביים לעצטן האָב איך קיינמאָל ניט געלערנט. כ׳קען אים אָבער גוט פון זיין הוליען שמחת־תורה.

איין מעקלער: אייזיק לענטשנער. ער איז אויך דער שטעטלשער „אפיקורס״. ער זאָגט אָבער אַלץ גוטמוטיק און וויציק. קיינער נעמט אים ניט ערנסט און קיינער האָט אויף אים קיין פאַראיבל ניט.

צוויי נייטערינס: ראשע, מאָטע דעם שוסטערס ווייב און דאָס מיידל וואָס האָט איבערגענומען די נייטעריי פון כאַשקע שרה־בונעס, נאָכדעם, ווי יענע האָט חתונה געהאַט מיט מיין רבין רפאל־ראובן.

איין סופר: שמואל־יאַנקל, מיין עלטער־מומע מינעס ברודער.

דריי סטאָליערס: נאָטע, אַ זון פון חייקל דעם בעדער און אַ איידעם פון יאַנקל טשוכנע דעם שמיד. נאָטע זיצט אין מזרח־זייט פון דער בימה, ניט וויט פון מיין טאַטנס „שטאָט״. כ׳קום אויך אַמאָל אַריין צו אים אין סטאָליאַרניע. נאָטע און יאָשקע שמעון דעם גלעזערס מאַכן מעבל, אַזוי ווי אַמאָל מיין פעטער יאַנקל־משה. דער דריטער סטאָליער, מאַכט פענצ־טער־ראַמען און טירן. ער מאַכט אויך פאַדלאָגעס און סופיטן.

איין סטאַראָסטע — בערטשיק שאַפּיראָ, מיין געוועזענער רבי, וועל־כער לערנט נאָך איצט אויך עין־יעקב און תנ״ך מיט אַן עולם שבת אין בית־המדרש.

דריי אַרבעטער: ברוך, מאָטל און משה־יאַנקל. די ערשטע צוויי האָבן צונעמענישן: „ברוך דער משוגענער״ און „מאָטל דער ליגנער״. נאָר ברוך איז ניט משוגע און מאָטל זאָגט ניט מער ליגן ווי אַלע אַנדערע שטעטלשע מענטשן. אַלע דריי געהערן צום פויערים־שטאַנד און האָבן אייגענע פעלדער און גערטנער.

איין פאַכטער: קאַרפּל. ער האַלט אין אַרענדע דעם פּריצישן פאַכט פון מילכיקס. אַזוי ווי דער מילנער, וואוינט אויך דער פאַכטער אין פּריצס הויף.

איין פאַפּיראָסן־מאַכערין: מיין מומע לאהקע.

דריי פורמאַנעס: די שוין פריער דערמאָנטע ברידער שמעון פאַלאַק

און בערטשיק. איצט איז אויך צוגעקומען אַלטערקע, בערטשיקס זון, אַ הויכער, קרעפּטיקער בחור און אַ גוטער פורמאַן.

צוויי פעלדשער: מיין באָבע דבורה און שמואל גאָרפינקל, וועלכן מ׳רופט אָן „דער צירולניק". ער איז אויך דער שטעטלשער שתדלן ביי נאַטשאַלסטווע, און יאָרן־לאַנג — דער גבאי פון בית־המדרש.

איין פערדהענדלער: יאַנקל (נוריק), וועלכער זיצט אָפט אין טורמע און זיין הויזגעזינד לעבט אין נויט.

איין קאָטלער: יאַנקל טשוכנעס זון. זיין מייסטערשאַפט אין מאַכן קופּערנע כלים, איז אויך באַקאַנט אין די אַרומיקע שטעטלעך.

אַכט קליינהענדלער: צווישן זיי צוויי יורדים, געוועזענע סוחרים — מיין זיידע שמואל־איטשע און שמואל דער חוכר, וועלכע האָבן נאָך פון אַמאָל פיינע הייזער, ווי אויך פערד און וואָגן; צוויי קאַראַבעלניקעס, אפרים משה און מיין עלטער־פעטער משהטשיק, וועלכע פאַרדינען ניט גענוג אויף חיונה. נאָך דריי, וועלכע לעבן זיך ווי ס׳איז דורך: מאיר־איטשיק, אויף וועמעס ערד עס שטייט דער בית־המדרש; ער פאָרט אַרום איבער די דערפער מיט דזשעגעכץ, צו שמירן די רעדער, און האָט אַ הכנסה פון עט־לעכע דירות אין זיין שטוב, וואָס ער פאַרדינגט; שמואל „די באָרד" און מיין טאַטע, וועלכער איז מער־ווייניקער אויך פאַרבונדן מיט ערד־אַרבעט אין אונדזער דאָרף. דער אַכטער קליינהענדלער, יאַנקל עלקעס, איז אַן ענערגישער האָרעפּאַשנער יונגערמאַן, וועמעס ווייב, עלקע, ווערט געהאַלטן פאַר אַ „בראַנד". זיי וואוינען אויפן בערגל אַנטקעגן מיין זיידנס שטוב. זיי האָבן אַ נישקשהדיקן גרינס־גאָרטן, אין וועלכן זי, עלקע, אַרבעט אָפט. עס זעט אויס אַז ס׳פעלט זיי גאָרניט.

עטלעכע קצבים: זיי אַרבעטן אַלע זייער שווער, נאָר האָבן, קענטיק, אַלע פון וואָנען צו לעבן, אויב עס פּאַסירט זיי נאָר ניט קיין אומגליק, אַז אַ „בהמה גסה", אַ רינד אָדער אַ אָקס זאָל ביי זיי ווערן טריף. דער עלט־סטער קצב איז מיין עלטער־עלטער פעטער אברהם־בער. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער מומע מאַרגאַליע, מיט איבער זיבעציק יאָר צוריק, ווען מ׳פלעגט חתונה מאַכן קליינע קינדער. דאָך אַרבעטן ביידע, ווי זיי וואָלטן נאָך געווען יונגע מענטשן. זייער איינציקער זון, לייזער, איז אויך אַ קצב. ס׳העלפן אים מיט אין זיין יאַטקע זיין ווייב הינדע און זייער טאָכטער איטקע. עס אַרבעטן אויך שווער לאָזער פאַגער, אַ געוועזענער שוואָגער פון מיין זיידן. ס׳העלפט אים מיט אין דער אַרבעט זיין ווייב מירל, אַ שוועסטער פון מיין מומע שרה, דעם „גרויסן פעטערס", יאַנקל אַראָנאָוויטש.

איין רב: משה־יעקב ראַבינאָוויטש. אַחוץ דאָס וואָכער, וואָס דער שמש קלייבט צונויף פאַר אים יעדן פרייטיק, האָט ער אויך אַ געוויסע הכנסה פון דער קאָראָבקע אויף הייוון, וואָס ער האָלט.

צווי האַלץ־קינסטלער פונעם שטעטל: איטשע דער טאָקער און זיין בן־יחיד, דער שניצער. אין זייער פענצטער שטייט תמיד אויסגעשטעלט דעם זונס נייסטע ווערק, אַ הילצערנע פיגור, וואָס ווערט באַוואונדערט ניט נאָר אין מיישעגאָלע, נאָר אויך אין ווילנע.

דאָס העכסטע פאַר־פאָלק אין שטעטל: איטשע דער קצב, אַ ברודער פון מיין פריערדיקן רבין בערטשיק שאַפּיראָ, און חנה־עטע. ביידע אַרבעטן שווער אויף דער חיונה. שטאָלצירן שטאַרק מיט זייער שיינער איין־איינ־ציקער טאָכטער, הינדקע, וועלכע זיי רופן אָן: „אונדזער אוצר."

איין רימער: דער שטומאַק סאָלץ, אַ קרוב פון ווילנער בעל־טאַקסע און גבאי פון דער גרויסער שול, מוני סאָלץ, און אַ קרוב פון דער אַנגע־זעענער ווילנער משפּחה גורלאַנד. ער האָלט רימעריי פאַר אַ גוטער מלאכה און וויל אויך מאַכן פאַר אַ רימער זיין זון דאָדקע, וואָס האָט מיט מיר צו־זאַמען געלערנט ביי רפאל־ראובנען.

איין שוחט: וועלכער איז אויך דער חזן.

צווי שינדלערס, וועלכע מאַכן שינדלען און דעקן דערמיט דעכער. זיי האָבן צוערשט ניט געהאַט מיט זיך זייערע הויזגעזינדן און געוואוינט ביים פּריץ אין הויף, וועמעס הייזער זיי האָבן געדעקט מיט שינדלען. מיין זיידע האָט זיי דעמאָלט איינגעלאַדן צו זיך אויף שבת. ס'איז מיר געווען אַ חיות זיי צו הערן זינגען זמירות.

דריי שמידן: יאַנקל טשוכנע, נאָטע דעם סטאָליערס שוואָגער; פּרויקע, וועמעס טאַטע שלמה דער שמיד אַרבעט שוין ניט מער. לעבן פּרויקעס שטוב און קוזניע, אַנטקעגן מיין זיידנס שטוב, שטייט אַ ברונעם מיט אַ קאָרעטע. יעדן שבת בייטאָג פּאַיעט דאָרט אָן דער זיידע זיין פערד; יאַנקל דער הויכער, זעליג דעם גלעזערס שוואָגער, וועגן וועלכן כ'וועל דערציילן באַזונדער.

איין שמש: שלמה מעקלער, וועלכער איז אויך אַ מלמד, און איז געווען איינער פון מיינע ערשטע רביים אין עברי און חומש.

קאַפּיטל דרייסיק

צען שטעטלשע קרעמער

צווישן די צען קרעמער אין דעם קליין שטעטל מיישעגאָלע, זיינען פאַראַן לומדים און פּראָסטאַקעס, נגידים און אביונים. פאַר דעם רייכסטן קרעמער אין שטעטל ווערט גערעכנט דוד רועליעס, אָדער פּשוט: דוד העלער.

דוד העלער איז אַ גרויסער מיוחס. ער שטאַמט אָפּ פון דעם פּראַגער

רב ר׳ יום טוב ליפמאַן העלער, דער מחבר פון פירוש „תוספות יום טוב" אויף משניות. דוד העלער מאַכט אויך אַן איינדרוק מיט זיין נגידישן אויס־זען. אַ הויכער קרעפטיקער יונגערמאַן מיט אַ קורצער קיילעכדיקער שוואַרצער באָרד, אַנגעטאָן אין פיינע מלבושים. ער שטייט אין מזרח־וואַנט לעבן זיין שווער, ר׳ עליע מגיד, אַ זון אָדער אַן איידעם פון דעם אַמאָליקן ווילנער שטאָט־מגיד ר׳ וועלוועלע. ווען דער געוועזענער גביר, חיים לענצנער, האָט געוואוינט אין ווילנע, האָט זיין רייך הויז און שענק פאַר־נומען ר׳ עליעס הויזגעזינד. איצט האָט דוד ר׳ עליעס זיך אויסגעבויט אַ גרויס, רייך הויז אויפן פריצס ערד, לעבן שטעטלשן תבואה־מאַגאַזין. דאָס נייע רייכע הויז האָט אויך אַ קראָם און אַ שענק, אין וועמעס גרויסן, פיינעם זאַל עס קומען פאַר שמחות און חתונות. אגב, דאָרט איז אויך געווען די צווייטע חתונה פון מיין רבין רפאל־ראובן.

אויפן גרויסן הויף לעבן דודס הויז שטייען סקלאַדן תבואה און אַנדערע סחורות, מיט וועלכע ער האַנדלט. דער הויף איז יעדן זונטיק און יעדן יאַריד פול מיט פויערשע פורן פון די קונים אין קראָם און אין שענק. דוד בויט דאָרט אויך אַ קוזניע, כדי פויערים זאָלן קאָנען שמידן, אָנטאָן פּאָד־קאָוועס זייערע פערד אויף זיין הויף, כאָטש דערביי, אין דער דריטער שטוב, אויף דער זעלביקער זייט גאַס, שטייט די קוזניע פון יאַנקל דעם שמיד.

דודס שווער, ר׳ עליע, לעבט דאָרט פון גרייטן. זיין שוויגער, ליבע ר׳ עליעס, אַנטליט געלט אויף פּראָצענט. זי האָט וועקסלען אויף אַ סך שטעטלשע הייזער, אויך אויף מיין זיידנס שטוב.

אויף דער אַנדערער זייט גאַס, אין מערב־זייט פון קלויסטער, שטייט די אַלטע איינגעפונדעוועטע שטוב און קראָם פון פּיווע צאַלע דעם שניט־קרעמער. ער איז דער אָנגעזעענסטער קרעמער אין שטעטל. ער זיצט אין בית־המדרש אויף אַ באַזונדער איינצל־שטאָט, אַ גרויסער דעמבאָווער שטול, לינקס פון די טרעפּלעך צום ארון־קודש. רעכטס פון די טרעפּלעך איז דער עמוד.

פּיווע צאַלע, אַ הויכער עלטערער מאַן מיט אַ קליין געלבלעך־גרוי שיטער בערדל, רעדט וועגן אַלץ רואיק, גוטמוטיק, וויציק, און האָט פאַר יעטווידן מענטשן אַ שמייכל. ער מישט זיך ווייניק אין קראָם, נאָר זיצט מייסטנס אויפן זוניקן גאַניק פון זיין שטוב. זיינע מסחרים פירן אַן זיין זון קיווקע (עקיבא) און זיין איידעם יוזפע, אַ זייער הויכער, שלאַנקער יונגער־מאַן מיט אַ קליין טונקל־ברוין שפּיציק בערדל. יוזפע רעכנט זיך פאַר אַ מוסמך, פאַר איינעם וואָס האָט סמיכה אויף רבנות. ער שטייט אין מזרח־וואַנט און טראָגט, אַזוי ווי דוד ר׳ עליעס, אַ טלית באַקרוינט מיט אַ זילבערנער עטרה. זיין מיידל, וואָס זאָגט קדיש נאָך איר מאַמען, שטייט לעבן אונדזער שטענדער און קוקט אָפט אַריין אין מיין סידור. פאַרמעגלעך

איז אויך דער קרעמער גרשון קראַניק, דער עלטסטער זון פון „איזבאַרש־טשיק". ביי אים אין קראָם אין מערב־זייט פון דודס הויף, קאָן מען קריגן פון אַ נאָדל ביז אַ קאָסע, און פון אַ שפּולקע פאָדעם ביז אַ בינטל שטריק. ער האָט איבערגענומען די רייכע קראָם פון ברוך־לייב דעם פאָדברעזער, מיט וועמעס דריי טעכטער כ׳האָב געלערנט צוזאַמען ביים לערער לוריע. גרשונס שוויגער, מינעס מאַמע, ריווע, אַנטלייט געלט אויף פּראָצענט. זי איז אַלעמאָל אויסגעפּוצט, ווי אין אַ יום־טוב.

אַ וואויל־האָבנדיקער קרעמער איז לייזער־חיים. ער איז אַן אויפגע־קומענער קאַראַבעלניק פון שניט־סחורה, וואָס ער פירט אַרום איבער די דערפער. מ׳האַלט אים אָבער פאַר אַ קרעמער, ווייל ביי אים אין שטוב, אויף יורסדיקע, פאַרקויפט ער ווארע צו זיינע באַקאַנטע.

קלענערע קראָמען האַלטן מיין עלטער־פעטער יאַנקל אַראַנאָוויטש און זיין חבר יונה. ביידע געוועזענע קאַראַבעלניקעס פון שניט־סחורה. זומער פאַכטן זיי, בשותפות, פּריצישע סעדער. אין אָסיען (האַרבסט) עפנט יאַנקל אין ווילנע אַ סקלאַד פון ווינטרויבן, קאַוועןנעס און אַנדערע פּרוכטן פון דרום־רוסלאַנד. יונהס קראָם האַלט זיך מיט דער הילף פון זיין ווייב ראָכעס ווילנער ברודער שמואל שאַפּירא. ער קויפט אויך פאַר אים אָפּ צוליב דעם מיין זיידנס מיטלסטע שטוב. דאָך מוז נאָך ראָכע צוהאַנדלען אין דאָרף. מיין מאַמע באַדויערט שטענדיק, וואָס ראָכע יונהס אַרבעט איבער די כחות.

מער פּרנסה זעען אויס צו האָבן די צוויי קרעמערקעס גנעסיע דעם איזבאַרשטשיקס טאָכטער און מינע שלום־ישראל סאָלאָווייטשיקס. ביידנס מענער האָבן סמיכות אויף רבנות, נאָר דערווייל העלפן זיי מיט זייערע ווײַ־בער אין די קראָמען. אַ קליין בשמים־קרעמל האַלט בערע־לייב דעם שוס־טערס טאָכטער מלכה, צוזאַמען מיט איר מאַן שראַגע פּיוויש, אַ למדן און אַ משכיל. זיי וואוינען ביי אירע עלטערן אין שטוב און האַלטן דאָרט אויך זייער ביסל סחורה.

דעם צענטן קרעמער קען איך ניט. כ׳ווייס אפילו ניט ווער ער איז. איך שטעל זיך נאָר פאָר, אַז זיין קראָם האָט אַ שייכות צום פּריצישן הויף אָדער צום קאַטוילישן קאָסטיאָל. זי געפינט זיך אין דעם איינציקן מויער אין שטעטל, דאָס צוויי־שטאָקיקע קאָפּע־הויז, וואָס געהערט צום פּריץ, און איז אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג אין קלויסטער. די פאַרקויפערינס דאָרט זיינען אויסגעפּוצטע פאַניענקעס, מיט אויסגעצאַצקעטע בלאָנדע פריזורן. דאָרט האָט אַלץ אַ באַשטימטן פּרייז. מ׳קאָן זיך ניט דינגען. גייען דאָרט ניט גערן די דאָרפס־לייט. זיי קויפן ליבער ביי די יידישע קרעמער. דאָס רוב קונים דאָרט זיינען דעריבער דריי יידן, וועלכע וואוינען אַראָפּ באַרג, אין מזרח פון קלויסטער, וואו ס׳זיינען ניטאָ קיין אַנדערע קראָמען.

די פינף שענקער אין שטעטל זיינען אַלע קנאַפּע נגידים, אַ חוץ דוד ר׳ עליעס, וועלכער איז דער עיקר אַ קרעמער און אַ סוחר.

חיים לענצנער, ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט אַ געוויסע צייט גע־וואוינט אין ווילנע, געלעבט „אויף אַ הויכן פוס" און געקומען צוריק אַ יורד, אַ געפאַלענער נגיד. דאָך מאַטערט ער זיך נאָך אַלץ אָנצוהאַלטן אַ נגידישן שטאַט. לעצטנס אָבער איז שוין זיין עלטסטער זון, מאָאיסעי, אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. מ׳זאָגט, ער איז דאָרט אַ קאָנדוקטאָר פון אַ קאַנקע אָדער אַ טראַמוואַי. חיים, אַ נידעריקער, מיט אַ גרויער באָרד, מישט זיך ווייניק אין שענק. אַלץ טוט זיין ווייב, פרומע, אַ הויכע שיינע ענערגישע פרוי. ס׳העלפן איר אויך זייערע פינף טעכטער. די עלטסטע, בערטע, טוט עס ניט גערן. מ׳זאָגט, זי שעמט זיך מיט זייער איצטיקן צו־שטאַנד, און דאָס, וואָס זי איז אַ פאַרזעסענע. דער צווייטער זון, באָריס, קלייבט זיך פאָרן קיין אַמעריקע. די יינגסטע צוויי יינגלעך, וואָלאָדקע און יאַקאָבקע, לערנען מיט מיר צוזאַמען ביי רפאל־ראובנען. חיים לענצנער האָט פאַרמסרט פאַר מיין טאַטן, אַז וואָלאָדקע פאָלגט מיך מער ווי זיינע עלטערן.

ישעיה־יאַנקל לענצנער איז פרימער און פשוטער ווי זיין ברודער חיים. זיינע דריי זין, אַלטערקע, מענדקע און ארע־ליפקע, לערנען אין ישיבות. ישעיה־יאַנקלס שענק איז גאָר אונטן ביים טייך. ער האָט דאָרט אַ היפּש שטיקל לאַנד, אַ גרינס־גאָרטן, אַ שטיק פעלד מיט אַ לאָנקע און אַ סאָד. ער איז הויך־געוואַקסן, מיט אַ ברייטער שוואַרץ־גרויער באָרד. ער לערנט אַ בלאַט גמרא נאָכן דאַווענען. מישט זיך אויך אין קהלשע ענינים. ביי אים וואוינט אויך די אַלטע תרצה, זיינע און חיימס מאַמע. דעם שענק פירט אָן זיין ווייב, טשערנע, און אַ טייל פון זייערע זעקס טעכטער, דערצויגן אונטער זייער באָבעס השגחה.

עטל די „פּאָדקריזשערקע" אַרבעט שווער אין איר שענק. זי קאָכט און באַקט און שטייט אויך אַליין ביים בופעט. איר טאָכטער, גיטקע, וואָס האָט געלערנט מיט מיר צוזאַמען תנ״ך אין שמעון־מאָטלס חדר, העלפט ווייניק איר מאַמען. צוויי זין האָבן זי פאַרלאָזן, ווען זי האָט חתונה געהאַט פונדאַסניי. איר ערשטער מאַן וואָלף אגוז איז געווען זייער אָנגעזען אין שטעטל און יאָרנלאַנג דערוויילט פאַרן סטאַראָסטע. ער איז געווען מיין זיידנס אַ נאָענטער פריינט און די צוויי בחורים זיינען געווען היימיש אין זיידנס שטוב, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן געוואוינט אין שטעטל. איינעם פון זיי, ראוועקן, געדענק איך נאָך זייער גוט. עטלס צווייטער מאַן, משה קאַגאַן, אַ למדן און אַ משכיל, מיט אַ שיינער רונדער בלאָנדער באָרד, פאַרנעמט זיך נאָר מיט זיינע ספרים און ביכער. מ׳האַלט אים אין שטעטל פאַר אַ גרויסן קענער אין רוסיש. ווען מיין פריערדיקער רבי, בערטשיק שאַפּיראָ,

וועט ווערן אויס סטאַראָסטע, וועט מסתמא משה קאַגאַן פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

אַן עלטערער מאַן מיט אַ קורצער גרויער באָרד, מאיר דער „אונטער־שטער", האָט זיין שענק אַנטקעגן ישעיה־יאַנקלס. ער איז אַ שטילער מענטש. מישט זיך ניט אין קהל. ער איז דער איינציקער שענקער, וואָס שטייט ניט אין מזרח־וואַנט. זיין זון יאָשקע רעכנט זיך צווישן די שטעטלשע גיבורים. מ'דערציילט, אַז ער, און זיין חבר „פּיישקע פון פּאָטשט", האָבן צוזאַמען מיט יאָשטשיק דעם טאָקער און מיין טאַטן אָפּגעשטעלט אַ געשלעג אין מיישעגאָלער בית־המדרש. זיי האָבן פאַנאַנדערגעטיילט די שלעגער דורך שווערע בענק און זיי געהאַלטן צונויפגעקרעמפּעוועט ביז וואַנען ביידע צדדים האָבן זיך אויסגעניכטערט און זיך איבערגעבעטן.

די ניין שוסטער אין מיישעגאָלע האָבן צווישן זיך איינעם מיט וועלכן זיי שעמען זיך. דאָס איז פּייווע, וועלכער אַנטלייט פּויערים געלט אויף פּראָ־צענט. פּייווע, אַ קורצער און אַ דאַרער, מיט אַ קליין געל בערדל, פאַר־שוואַרצט פון שמעק־טאַבאַק, פאַרענטפערט זיך, אַז ער קלייבט אַ גראָשן צו אַ גראָשן אויף נדן פאַר חיענקען, כדי זי חתונה צו מאַכן פאַר אַ תלמיד־חכם. די שוסטער אָבער זאָגן, אַז ער האָט שוין אָנגעזאַמלט גענוג נדן פאַר אַ גאַנצן טוץ כלות, און ער ווערט רייכער מיט יעדן טאָג. לעצטנס האָט ער אָפּגעקויפט דאָס הויז פון חיה־שרהן, יעקל דעם שניידערס אלמנה, און ער זוכט אויך צו קויפן אַ „שטאָט" אין מזרח־וואַנט, אין בית־המדרש. דאָס זאָל זיין, יאַקבע, פאַר זיין צוקונפטיקן איידעם, דעם תלמיד־חכם.

דער באַקאַנטסטער שוסטער אין שטעטל איז משה־רפאל, אַ מיטל־געוויקסיקער מיט אַ שוואַרצער באָרד. ער זאָגט אַרויס זיין מיינונג אין אַלע קהלשע ענינים און האָט ניט קיין שום אָפּשיי פאַר אַ נגיד. ער איז אַ גרויסער אביון, כאָטש ער איז אַ גוטער בעל־מלאכה. זיין זון הירשקע, אויך אַ גוטער שוסטער, איז דער שטאַרקסטער צווישן אַלע יונגען אין שטעטל און אין דאָרף *).

אַן אביון איז אויך דערברייט־פּלייציקער שמואל, אַ ברודער פונעם הענדלער מאיר־איטשיק, אויף וועמעס ערד עס שטייט דער בית־המדרש. שמואל רעדט צייטנווייז אפּיקורסות, זאָגט, אַז דעם אויבערשטנס וועלטל איז „אַ פאַרטאַטשקע שטיקל אַרבעט". דער עיקר אָבער לאַכט ער ביטער אויס די „פּני" און די „כלי־קודש."

דער „ביאַלעגריוועטש" איז ניט אָרעמער ווי משה־רפאל און שמואל. ער איז, אָבער, אַפּנים, זייער געפאַלן ביי זיך. ווען מ'האָט אים געשלאָגן

---

*) אין 1905 איז ער דער אָנפירער פון די רעוואָלוציאָנערע כחות אין שטעטל.

ביים איזבאָרשטשיק פֿאַר ניט אָפּברענגען אין צייט נייע שיך פֿאַר גנעסיען, זיינען אַנדערע מענטשן געווען מער אויפֿגערעגט וועגן דעם, ווי ער, דער געשלאָגענער. יאַנקל דער בלינדער האָט קראַנקע אויגן, נאָר איז ניט בלינד. ער מאַכט נאָך איצט אויך אַ פֿיין שטיקל אַרבעט.

זיין ווייב, טויבע, איז די גרעסטע מלומדת צווישן די יונגע און מיטל־יאָריקע ווייבער אין שטעטל. זי איז אַ שוועסטער פֿון די שניידער משהטשיק און רחמיאל לעוויטש.

מאַנע־איטשיק, וועמעס שטוב איז לעבן יאַנקלס, איז אַמאָל געווען שטאַרק באַשעפֿטיקט און האָט געהאַלטן פּועלים. איינער פֿון זיי, יודקע „חנה די טויבעס", האָט זיך גענומען צום לערנען, געוואָרן אַ למדן און גע־קראָגן קבלה אויף שחיטה. איצט איז מאַנע־איטשיק דער אָרעמסטער שוסטער אין שטעטל.

פֿון די איבעריקע דריי שוסטער גייט חיים דעם וועבערס אין פּיוועס וועגן, און וועט נאָך מעגלעך ווערן אַ וואָכערניק... מאָטע נוריק, אַ שיי־נער מאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד, וועלכער שפּילט קעניג אחשורוש אין פּורים־שפּיל, האָט קענטיק גענוג צום לעבן. זיין ווייב כאַשע, אַ נייטעריך, ברענגט אויך וואָס אַריין. בערע־לייב, מיין טאַטנס שכן אין בית־המדרש, לעבט זיך א ו י ך דורך ווי ס'איז.

דער באַשעפֿטיקסטער שניידער אין מיישעגאָלע איז יאַנקל־לייב. אַ הויכער מאַן מיט אַ שמאָלער, לאַנגער שוואַרצער באָרד. ביי אים אַרבעטן אויך אַ צאָל פּועלים, צווישן זיי אויך בערקע שרה־בונעס, אַ גוטער בעל־מלאכה. יאַנקל־לייב נייט אויך זאַכן פֿאַר מיר. כ'קום אַריין צו אים זיך לאָזן נעמען אַ מאָס, אָנפּאַסן און מאָנען ער זאָל עס מאַכן פֿאַרטיק אויף יום־טוב. כ'האָב אויך האָלט צו הערן אים און די פּועלים זינגען ביי דער אַרבעט שטיקלעך חזנות און יידישע לידער.

איטשע „טאָרבע", וועלכער פֿלעגט מיטנעמען מיט זיך אַ טאָרבע עסנ־וואַרג און געצייג, אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך ביי די פּויערים אין די דערפֿער און קומען צוריק אַהיים אויף שבת, איז מיר באַקאַנט פֿון דער צייט, ווען ער האָט געוואוינט לעבן דער שולע פֿון מיין לערער לוריע. איצט קען איך מער זיינע זין, רחמיאל, מיט דער געלער באָרד, און דעם ייִנגערן משהטשיק, וועלכער שפּילט „המן הרשע" אין פּורים־שפּיל. זיי האָבן אויך אַ ברודער אַ שרייבער, לעוויץ, פֿאַרפֿאַסער פֿון ראָמאַן „די אָרעמע פֿאַמיליע" פֿון מיישעגאָלער לעבן. זיי שעמען זיך אָפּנים מיט אים. קיינער פֿון זייער משפּחה דערמאָנט אים קיינמאָל ניט. משהטשיק איז זייער שטרענג צו זיינעם אַ לערן־ייִנגל. מיין שוועסטער־קינד זעלקע בת־שבעס האָט ער אָוועקגעשטעלט אין קונע, פֿון אַ ווינקל שטוב, אָנגעהאַנגען אויף אים אויף

אין זייט דעם שווערן פּרעס־אײַזן און אויף דער אַנדער זייט אַ קלעטשל. דאָס קינד איז פֿאַרחלשט געוואָרן. די שכנים האָבן משהטשיקן געמאַכט אַ סקאַנדאַל.

אַ גוטער בעל־מלאכה איז דער הויכער ברייטער איטשע „דער וואַלקן״, וועלכער איז שטענדיק אַנגעכמורעט. בפֿרט נאָכן טויט פֿון זײַן עלטערן זון, הירשע, וועלכער האָט פּראַקטיצירט אַדוואָקאַטסטווע אין שירווינט, וואו ער איז אויך געווען אַ כלל־טוער. ער שטאַרבט דורך דעם, וואָס ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זײַן דאַך, אונטער וועלכן ס׳איז געווען אויסגעבויט אַ שטענדיקע סוכּה. זײַן ייִנגערער זון, כאַצקעלע, אַ שנײַדער, אַ קינסטלער, איז געווען תּמיד פֿריילעך. נאָכדעם אָבער, ווי מ׳האָט אים אָפּגעגעבן פֿאַר אַ סאָלדאַט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געבליבן אַן איין־איינציקער, קומט ער צוריק פֿון סלוזשבע (מיליטער־דינסט) אַ פֿאַרביטערטער און ווערט פֿאַרכמורעט ווי זײַן טאַטע.

משהן, דעם אַלטן דאָרף־שנײַדער מיט דער לאַנגער און ברייטער ווײַסער באָרד, קען איך הויפּטזעכלעך צוליב זײַן דאַווענען פֿאַרן עמוד. ער צעדרייט די עברי; קענטיק, אַז ער פֿאַרשטייט ניט וואָס די ווערטער מיינען אויף ייִדיש. ער קאָן אָבער אויסווייניק די ניגונים און קריכט ווי עס איז דורך. זײַן איידעם, מײַן טאַטנס אַ פֿרײַנט, וואָס איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע, האָט געשריבן בריוו מײַן טאַטן און אים צוגערעדט אַהין צו פֿאָרן. ווען ס׳קומט אָבער אָן צו משהן דעם איידעמס נײַ בילד אָן אַ באָרד, וויל דער טאַטע ניט מער הערן פֿון פֿאָרן קיין אַמעריקע.

פֿון די ייִנגסטע שנײַדער איז דער אָרעמסטער אוורעמטשיק „דער מלאך־המות״, אַ דאַרער יונגערמאַן מיט גרויסע ביסטרע אויגן. זײַן ווײַבפֿריידל פֿלעגט אַמאָל קומען צו אונדז העלפֿן מײַן מאַמען פֿאַרריכטן, אויסלאַטען און אויספּרעסן אונדזערע קינדערשע זאַכן.

קאַפּיטל איין און דרײַסיק

מיסיאָנערן טיילן ביכלעך

מיסיאָנערן קומען אין שטעטל טיילן ביכלעך. זיי לאָזן איבער אין יעדן הויז אַ פּעקל „ברית־חדשהס״, אײַנגעבונדן אין בלישטשענדיקע שוואַרצע טאָוועלעך. קיינער לייענט זיי ניט. אַלע אָבער זאָגן: מ׳רעדט דאָרט אָן צום שמד. ס׳ווערט באַוואוסט, אַז מ׳טאָר ניט אַרויסוואַרפֿן די דאָזיקע ביכלעך אין מיסטקאַסטן, ווײַל ס׳איז דאָ אין זיי דער „שם״ (דער הייליקער נאָמען). פֿאַרברענען זיי אָבער מעג מען. נאָך איידער די מאַמעס וואַרפֿן אַרײַן די

ביכלעך אין פײַער, רײַסן די ייִנגלעך די טאָוועלעך דערפֿון, זיי בינדן אײַן אין דעם שרײַב־פּאַפּיר. מײַנע צוויי ביכלעך, אין ייִדיש און אין לשון־קודש, וועל איך דורכאויס פֿריער איבערלייענען. כ׳וויל וויסן, ווי אַזוי מיסיאָנערן ריידן אָן צום שמד. מיר גלויבט זיך ניט, אַז מ׳קאָן אַזוינס אײַנריידן אַ ייִדן.

מײַן באָבע דבורהן אַרט קיינמאָל ניט וואָס איך לייען: אַ מוסר־ספֿר, אָדער אַ מעשה־ביכל, איר טײַטש־חומש, אָדער שמ״רס אַ ראָמאַן. זי וויל אָבער ניט ליידן איך זאָל אַרײַנקוקן אין אַ מיסיאָנערסקער זאַך. איך לייען עס דעריבער באַהאַלטענערהייט, און זע באַלד אײַן, אַז איך ברענג אויס אומזיסט צײַט צו לייענען אַזאַ „טשעפּוכאַ״. די באָבע־מעשות פֿון כּשוף און שדים זײַנען פֿון דעם זעלבן מין, ווי די פֿון די סאַמע אומוויסנדיקע פֿוי־ערטעס ביי אונדז אין דאָרף. די שרײַבער דאָרט קענען ניט און פֿאַרשטייען ניט דעם תּנ״ך און טײַטשן אויס קאַפּויר זײַנע פּסוקים. ניטאָ דאָרט די גע־רעכטיקייט, גוטסקייט און שיינקייט וואָס אין תּנ״ך און גמרא. אַלץ וואָס האָט אינעם „ברית־חדשה״ אַ שטיקל ווערט, איז אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פֿון די ווערטער פֿון די נביאים און תּנאים.

דורכלייענענדיק אָט דאָס מיסיאָנערסקע ביכל פֿון טאָוול ביז טאָוול ווערט פֿאַר מיר קלאָר, אַז דאָס איז אַ שלעכטע נאָכמאַכונג פֿון די אַלטע ייִדישע הייליקע ספֿרים. כ׳בין אויך זיכער, אַז קיין ייִדיש קינד, וואָס האָט זיך אויס־געהאָדעוועט צווישן ייִדן קאָן קיינמאָל ניט גלייבן באמונה שלמה, אַז אַ פֿרוי איז געוואָרן שוואַנגער פֿון הייליקן גייסט און איר קינד איז אַ לײַבלעכער זון פֿון דעם „אויבערשטן״, וואָס „האָט ניט קיין גוף, קיין פֿאָרם און קיין געשטאַלט״, און „קאָן כּלל ניט באַגריפֿן ווערן דורך גופֿישע חושים.״

שבת נאָכן דאַווענען לאָזט זיך אָפּט אַרײַן צו מײַן זיידן אין שטוב יאַנקל דער שמיד.

יאַנקל דער שמיד איז הויך און שטאַרק. אינדערוואָכן פּיפּקעט ער, אַזוי ווי מײַן זיידע, אַ ליולקע מיט אַ לאַנגן ציבוק. זײַן לאַנגע באָרד איז ווײַס, נאָר זײַנע וואָנצעס זײַנען אַרום נאָז געל פֿון שמעק־טאַבאַק.

ער שטייט ביי דער טיר, אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, און חזרט איבער אַלעמאָל די זעלביקע טענה צו מײַן זיידן:

— פֿאַרוואָס שוויגט איר, ר׳ שמואל־איטשע!? דער בית־המדרש האָט נאָך ניט אָנגעגרייט קיין האָלץ אויף ווינטער; עפּעס איז דער מער מיט אונדזער גבאי. ס׳קומט אַרײַן געלט פֿון אַלע זײַטן און אַלץ פֿעלט ביי אונדז.

די באָבע דערלאַנגט צום טיש כּיבוד און זאָגט:

— מאַכט ברכה, ר׳ יאַנקל! ער בלײַבט שטיין ביים טיר און באַמערקט:

— זייט זיך ניט מטריח, דבורה, כ׳בין ניט געקומען צו אײַך אויף כּיבוד, נאָר צוליב כּלל־ענינים.

ער הויבט אָן אויסרעכענען אַלץ וואָס פעלט אין און אַרום בית־המדרש. ער גיט אָנצוהערעניש, אַז דער גבאי, שמואל גאַרפינקל, מאַכט „קונקל־מונקל". דער זיידע עצהט יאַנקלען צו זיין פּאַרזיכטיקער אין מאַכן באַשול־דיקונגען. ער ווייזט אָן, אַז אין אַלע צייטן האָט מען די „עוסקים בצרכי ציבור", די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט כלל־ענינים, חושד געווען אין פאַרדינען דערפון. אפילו משה רבינון, דעם „טרייען פאַסטוך", וועלכער האָט מיט אַזוי פיל געדולד און ליבשאַפט דורכגעפירט די יידן דורכן מדבר, האָט מען חושד געווען, אַז ער נוצט אויס פאַר זיך די פסולת פון די לוחות. דעם זיידנס אויספיר איז:

— מ׳דאַרף אַ מענטשן ניט חושד זיין אומזיסט. מ׳דאַרף נאָר פאָדערן אַ דין וחשבון. אויף דעם האָבן מיר אויסגעקליבן „נאמנים", דורכצוקוקן אַלע חשבונות פון די הכנסות און הוצאות, און אָנצוואוויזן אויף יעדן טעות.

דעם אַלטן קרעפּטיקן שמיד קען איך זינט מיין טאַטע האָט מיך געבראַכט צו פירן צום זיידן אין שטוב. יאַנקלס שטוב און קוזניע זיינען אויף דער זעלביקער זייט גאַס. איך זע אים אָפּט אין זיין קוזניע פאַנאַנדערבלאָזן אַ פייער מיט זיין גרויסן לעדערנעם בלאָזאַק, און קלאַפּן אַ אָנגעגליטן אייזן אויף דער קאָוואַדלע מיט זיין גרויסן שווערן האַמער. כ׳הער אויך, ווי זיינע פריינט באַדויערן, וואָס ער, דער איינציקער לערנער צווישן די שמידן, זאָל ניט קאָנען זיך אָפּגעוואוינען פון טרינקען.

איך זע אים אויך אין בית־המדרש, וואו ער האַלט לעבן זיך זיין אייניקל בערע־משהקע, אַ זון פון זיין טאָכטער ליבע, וועמעס מאַן, זעליג דער גלע־זער, איז דער „בעל־קורא". ער איז דאָס געוואָרן, נאָכדעם ווי דער פריער־דיקער תורה־לייענער, מיין פעטער יאַנקל־משה דער סטאָליער, איז אַוועק־געפאָרן אין לאָנדאָן.

וועגן ליבען מיט זעליגן דערציילט מען זיך אַלערליי מעשות אין שטעטל. איינע פון אָט די מעשות איז: ליבעס טאַטע האָט ניט געוואָלט ליידן מ׳זאָל שעפּן וואַסער פון זיין ברונעם אָן זיין דערלויבעניש, האָט זי, ליבע, אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל עס ניט טאָן. איינמאָל האָט זי באַמערקט זעליגן ביי איר טאַטנס ברונעם, נאָר ביז וואַנען זי איז צוגעקומען איז ער אַנטלאָפן. פון איילעניש אָבער האָט ער פאַרלוירן זיין היטל. ליבע הויבט עס אויף, פילט עס אָן מיט שמוץ און וואַרפט עס אים נאָך. זעליג ווערט שטאַרק אין כעס און שרייט אויס צו איר:

— געדענק ליבע, כ׳וועל זיך נאָך מיט דיר אָפּרעכענען! שפּעטער אָבער פאַרליבט ער זיך אין איר און האָט מיט איר חתונה.

יאַנקל דעם שמידס אייניקל, בערע־משהקע, און איך פלעגן זיך אַמאָל שפּילן לעבן בית־המדרש, אין צייט פון לייענען תורה, ווען דאָס רוב יינגלעך, און אפילו יונגע לייטלעך, פאַרברענגען דעמאָלט אין פאָליש אָדער אין

דרויסן. אונדזער שפּיל האָט אָבער צייטנווייז זיך פאַרענדיקט ניט פרידלעך: מיר האָבן זיך צעשלאָגן און צעגראַבלט. יאַנקל פלעגט נאָכדעם פאַרמסרן אויף מיר פאַר מיין טאַטן. כ׳האָב דעריבער אויפגעהערט זיך צו שפּילן מיט זיין אייניקל — צוערשט, לעבן בית־המדרש, און ביסלעכווייז אויך אין גאַס און אויפן פעלד.

רפאל־ראובן האָט געזאָגט מיין טאַטן, אַז די שטעטלשע חדרים האָבן שוין ניט מער וואָס מיך צו לערנען. כ׳מוז אָוועקפאָרן אין אַ ישיבה אָדער לערנען פאַר זיך, אינעם שטעטלשן בית־המדרש.

אַזוי ווי די מאַמע לאָזט מיך ניט אָוועק פון דער היים פאַר בר־מצוה, האָט דער טאַטע מיר געשטעלט אונטער דער השגחה פון דעם קופּישקער, אַן אָרעם־בחור, וועלכן מען האָלט פאַרן גרעסטן למדן אין שטעטל.

דער קופּישקער, אַ הויכער העלדישער בחור, האָט געדאַרפט אַכטונג געבן, ווי אַזוי איך לערן פאַר־זיך, און מיר אויך אַרויסהעלפן, וואו כ׳בין הינטערשטעליק. ווען ער געפינט אויס אַז כ׳קען תנ״ך, גיט ער מיר לייענען, בשתיקה פון מיין טאַטן, אברהם מאפּוס ראָמאַנען, וואָס זייער שפּראַך און זייער אינהאַלט איז תנ״כיש. ביידע ראָמאַנען געפעלן מיר צוליב דעם, וואָס זייערע העלדן זיינען פון דער צייט פון נביאים. זייער סיפור־המעשה אָבער פאַרכאַפּט מיך ווייניקער ווי דינעזאָנס „הנאהבים והנעימים״ און ספּעקטאָרס „עניים ואביונים״. זיי רופן אויך אַרויס ביי מיר ווייניקער אומרו און ספקות ווי שמ״רס „רייכע ירושה״ און בלאָשטיינס „דער כהן.״

מיט מער שפּאַנונג לייען איך און לערן די גמרא „סנהדרין״, וואָס בערטשיק דער קופּישקער האָט מיר געראָטן צו לערנען פאַר זיך. כ׳ווער דאָרט שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די באַשרייבונגען פון די פאַרצייטיקע יידישע משפּטים, זייערע פּסק־דינים און שטראָפן.

אַ באַזונדער איינדרוק מאַכט דאָרט אויף מיר דער טויט פון דעם אומ־שולדיק־פאַראורטיילטן זון פון גרויסן געלערנטן געזעצגעבער ר׳ שמעון בן־שטח. קרובים פון די באַשטראָפטע „מכשפות״ נעמען אַ ביטערע נקמה פון ר׳ שמעונען. זיי מאַכן אַ בלבול אויף זיין זון; זאָגן פאַלש עדות, און ער ווערט פאַרמשפּט צום טויט. זיין שלוס־וואָרט באַוועגט זיי זיך מודה צו זיין. לויטן דין איז שוין דעמאָלט צו שפּעט פאַר חרטה. דאָך קאָן ר׳ שמעון אים באַפרייען. זיין זון אָבער קלייבט אויס ליבער דעם טויט, איידער צו ווערן באַפרייט דורך זיין טאַטן. ער וויל פאַרהיטן, מ׳זאָל ניט זאָגן, אַז די געזעצ־געבער מאַכן אויסנאַמען פאַר אייגענע מענטשן.

צום פּויער פעליקס אַנדריקייטשעס, אונדזער שכן פון דער אַנדער זייט גאַס, אין וועמעס שטוב כ׳האָב אַמאָל צעקאַליעטשעט אַ „הייליק בילד״,

איז געקומען צוגאַסט זיין ווייבס אַ קרובה, זאָשע, וועלכע רעדט צו מיר אין יידיש.

זאָשע איז אַ דינסטמיידל אין אַ יידישער שטוב אין ווילנע. זי ווייס, זאָגט זי, אַז יידישע מיידלעך און בחורים האָבן העלטער רוסלאַנד ווי פּוילן. לויט איר מיינונג, אָבער, דאַרפן אַלע זיין פּוילישע פּאַטריאָטן, ווייל פּוילן איז אַלעמאָל געווען גוט צו יידן. אין פּוילן, טענהט זאָשע, זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין פּאָגראָמען אויף יידן. זיי האָבן אויך דאָרט זיך געמעגט פּאַרנעמען מיט וואָס זיי ווילן און וואוינען ווי זיי געפעלט. אין די דערפער, אַזוי גוט ווי אין די שטעט און שטעטלעך.

איך זאָג זאָשען דעם אמת, אַז די געשיכטע פון די יידן אין פּוילן איז מיר ווייניק באַקאַנט, נאָר פון די מעשה־ביכלעך און ראָמאַנען, וואָס כ׳לייען, ווי אויך פון די פאָלקס־מעשות, וואָס כ׳הער דערציילן ווייס איך, אַז פּוילישע פּריצים האָבן באַהאַנדלט יידן גאָר ניט לייטיש. זיי האָבן געפּייניקט יידישע אַרענדאַרן און אָנגעטאָן יידן חרפּות און בזיונות. כ׳טראַכט, אַז צווינגען יידן זינגען „מה־יפית״ איז נאָך ערגער ווי אַ פּאָגראָם. אַ מוטיקער ייד קאָן ביי־קומען אויך פּאָגראָמשטשיקעס. אַ „מה־יפיתניק״ אָבער בלייבט שוין זיין גאַנץ לעבן אַ שקלאַף.

דאָס, וואָס זאָשע מאַכט ניט קיין חילוק צווישן פּריצים און פּויערים, רופט אַרויס ביי מיר אַ חשד, אַז זי שטאַמט פון דער פּאַראָעמטער שליאַכטע און ניט פון די געוועזענע פּאַנשטשיזניקעס, וועמען די פּריצים פלעגן שמייסן און פּאַרפּייניקן.

דער יונגער טאָמאַשעווסקי, מיט וועמען כ׳פלעג זיך שפּילן אַלס קינד פון פיר־פינף יאָר, האָט אויך צו מיר טענות. ער האָט ביי מיר דערזען אַ רוסיש ביכל, מוסרט ער מיך:

— ווי שעמסטו זיך ניט צו האַלטן ביי זיך אַ ביכל מיט ווערטער, גע־שריבן אין דער שפּראַך פון אונטערדריקער ?!...

ער דערמאָנט מיר, אַז די רוסישע נאַטשאַלסטווע האָט אויפגעהאַנגען אין פּאָטשט אויפן וואַנט אַ מעלדונג „ריידן אין פּויליש איז שטרענג פאַר־באָטן!״

פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז אין פּאָטשט טאָר מען אויך ניט ריידן אויף יידיש, נאָר ס׳איז איבעריק עס צו פאַרבאָטן. אַ ייד רעדט יידיש סיי־ווי נאָר צו יידן. מיט ניט קיין יידן רעדט אַ ייד אַלעמאָל אויף יענעמס שפּראַך. ס׳איז דעריבער כלל ניט מעגלעך, אַז אַ ייד זאָל פּרוואוון ריידן אין יידיש צו אַ רוסישן פּאָטשטמייסטער.

מיר איז אָבער פריער ניט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז מ׳דאַרף האַסן די רוסישע שפּראַך. ווייז איך נאָר אָן טאָמאַשעווסקין, אַז מ׳קאָן איצט ניט קריגן קיין ביכל, אין וועלכן ס׳זאָל ניט זיין אין רוסיש אַ דערלויבעניש פון אַ צענ־

זאַר. טאָמאַשעווסקי האָלט עס אָבער פאַר מעגלעך. ער בעט מיך וואַרטן אַ ווײַלע, וועט ער מיר ווײַזן, ווי אַזוי מ'קאָן אויסמײַדן דעם צענזאָרס דער־לויבענישן. ער לויפט אַוועק אַהיים, צו דער געהיימער פּוילישער שול, מיט וועלכער עס פירט אָן זײַן מאַמע, די אַלמנה פונעם געוועזענעם „קלוטש־וואַיט", און ברענגט מיר ווײַזן עטלעכע ביכלעך, געדרוקט אין קראָקע, גאַליציע, אין וועלכע אַלץ איז געשריבן אין פּויליש...

קאַפּיטל צוויי און דרײַסיק

איך שרײַב אַ ספר

דעם זמן, זומער תרמ"ט, 1889, לערן איך פאַר זיך אַליין אין בית־המדרש. דער גרויסער בית־המדרש, מיט פענצטער אין דרײַ זײַטן — איז פול מיט זון. אין מזרח בלישטשעט די סאַזשלקע. אין דרום זינגען פויגל אין די גערטנער, פון וואַנען ס'קומען אויך אַרײַן געשמאַקע ריחות. אין צפון זעט זיך די אָרעמע יורסדיקע־גאַס, נאָר פון בערגל הינטער איר קוקן אַרונטער גרינע פעלדער, איבער וועלכע עס ציִען זיך איצט, אין וועסנע (פרילינג), מחנות פויגל, וועלכע קומען אויף זומער צוריק צו זייערע אַלטע נעסטן.

צווישן בײַדע זײַטן טיר צום פּאַליש שטייען הויכע און ברייטע שאַפעס מיט ספרים: אַלערליי ש"סן, משניותן, עין יעקבס, שאלות ותשובות, מדרשים, מוסר, חקירה און דרוש, געדרוקט זינט הונדערטער יאָרן אין פאַרשיידענע לענדער. פון איבער די שאַפעס קוקן אַרונטער די פילע פענצטערלעך פון דער ווײַבערשער שול. פון סופיט הענגען אַראָפּ אַ צענדליק מעשענע און עטלעכע קרישטאָלענע הענגלײַכטער.

מײַן טאָג לערנען אין בית־המדרש הויב איך אָן נאָכדעם, ווי די באַלע־באַטים דאַווענען אָפּ: די קליינהענדלער און די באַלמעלאָכעס דאַווענען, געוויינ־לעך ותיקין (וואָסיקין), באַגינען מיטן ערשטן מנין. צו אַלעם ערשטן לייען איך דורך דעם בלאַט, אָדער די בלעטער גמרא, וואָס דער קופּישקער פאַר־לאַנגט כ'זאָל פאַר אים איבערזאָגן. נאָכן אויסלערנען עס הויב איך אָן בלע־טערן און לייענען ספרים נאָר פון פאַרגעניגן ווערגן.

מיט אַ באַזונדער תענוג בלעטער איך און לייען דעם גרויסן נײַעם ווילנער ש"ס, געדרוקט מיט שיינע ליכטיקע אותיות אויף רעגאַל־פּאַפּיר אינעם דרוק פון דער „אַלמנה און ברידער ראָם", און געבונדענע אין העל־ברוינעם לעדער, מיט גאָלד־פאַרביקע פאַרפּוצונגען. איך האָב אַ סך הנאה פון ליי־ענען דאָרטן די „מבואס", די אַרײַנפירס און הקדמות פון ר' שמואל הנגיד

און פון רמב״ם, פון אַמאָליקע יאָרן ביז צו ר׳ צבי הירש חיות פון דער איצ־טיקער צייט. ס׳איז מיר אויך אַ פאַרגעניגן צו לייענען די פאַרשיידענע פער־זענלעכע און כלל־ישׂראלשע איבערלעבונגען, און די הקדמות פון די מחברים, דרוקער און בחור־הזעצערס פון אַלערליי אַלטע ספרים, געדרוקט אויף בלוי־לעכן אָדער גרינלעכן פּאַפּיר אין אַמסטערדאַם, ווענעציע, פּראַג, הוראָדנע א. אַז. וו. אָפטמאָל אויך געבונדן אין הילצערנע אָדער טראַקטורענע טאָוו־לען, באַצויגן מיט שוואַרץ־געפאַרבטן לייוונט.

בלעטערנדיק דעם נייעם ווילנער ש״ס, האָב איך באַמערקט, אַז אַ סך נעמען פון תלמידי־חכמים, תנאים און אמוראים, ווערן דערמאָנט כמעט אין יעדער מסכתא (מעסיכטע). זיי פאַרנעמען זיך דאָרט, אין דער גמרא, ניט נאָר מיט די האַרבע פראַגן פון „הלכה״ (געזעצגעבונג), נאָר אויך מיט גע־מיטלעכע שמועסן פון „אגדה״; לייכטע שפּילעוודיקע פּסוקים; קלוגע, שאַרפע פאָלקס־ווערטלעך, מעשיות און אַנעקדאָטן פון יידישן כלל, ווי אויך פון איינצלנע מענטשן, יידן און ניט־יידן. באַמערקנדיק און באַטראַכטנדיק דאָס אַלץ, איז מיר איינגעפאַלן אַ מחשבה, אויפצושרייבן אַ ניצלעכן ספר: מאַכן אַ רשימה פון אַלע תלמידי־חכמים אין דער גמרא און פאַרצייכענען ביי יעדן נאָמען אַלץ, וואָס אָט דער תנא אָדער אמורא האָט געזאָגט, געפּסקנט, געדרשנט און דערציילט. דערביי אויך פאַרשרייבן אַלע באַמערקונגען, וואָס ווערן דאָרט געמאַכט וועגן אים.

געטראַכט און געטאָן. איך שאַף זיך איין עטלעכע העפטלעך פּאַפּיר און הויב אָן אַרבעטן. איך פאַרצייכן צו ערשט, לויטן סדר פון אלף־בית, אַלע נעמען, וועלכע זיינען מיר באַקאַנט פון לערנען. כ׳לאָז אויך איבער ליידיקע זייטן אויף צוצוגעבן די נעמען פון יענע תלמידי־חכמים, תנאים און אמוראים, וועלכע זיינען מיר נאָך ניט באַקאַנט. נאָכדעם הויב איך אָן צושרייבן לעבן יעטווידן נאָמען אַלץ, וואָס איך ווייס וועגן אָט דעם תלמיד־חכם.

אַ געוויסע צייט אַרבעט איך אויף דעם מיט אַ ברען, אין בית־המדרש — ביז מנחה, און אין שטוב — שפּעטער. די מאַמע בייזערט זיך, וואָס איך בלענד צופיל די אויגן אין אָוונט.

מיין טאַטע, וועלכער האָט אין זיין יוגנט געלערנט פאַר־זיך אין געוד־רעוויטשער בית־המדרש, פלעגט מיך אַמאָל פאַרהערן יעדן שבת און אָפּנעמען אַ „ראַפּאָרט״ פון אַלץ וואָס איך האָב אויפגעטאָן פאַר דער וואָך. אינדער־וואָכן איז ער געווען צופיל פאַרהאָרעוועט זיך אָפּצוגעבן מיט מיר. די לעצ־טע עטלעכע יאָר לאָזט ער איבער דאָס פאַרהערן מיך צו ספּעציעלע לומדים. איצט — צום קופישקער. דער טאַטע דערוואַרט אָפּנים, אַז יענער וועט אים שוין אויך מיטטיילן, וואָס פאַר אַ חידושי תורה איך שרייב.

מיין מאַמע, אָבער, וועלכע קען ניט לייענען און שרייבן, און זאָגט אירע

תפלות און תחינות אויף אויסווייניק, האָט פון מיר פאַרלאַנגט איך זאָל איר דערקלערן, וואָס אַזוינס איך שרייב.

ווען כ׳האָב איר דערקלערט, האָט זי געפרעגט: ווי אַלט איז שוין די גמרא?

איך האָב איר מיטגעטיילט לויט ווי ס׳איז אָנגעגעבן אין אונדזער לוח תרמ״ט, אַז די גמרא איז שוין אַלט אַרום אַנדערהאַלבן טויזנט יאָר. די מאַמע באַמערקט דערצו:

— עס לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז אין אַט דער לאַנגער צייט איז קיין גמרא־לערנער ניט איינגעפאַלן דער געדאַנק צו שרייבן אַזאַ ניצלעכן ספר, ווי דו ווילסט עס איצט טאָן? זאָג מיר, מיין זון, ביסטו זיכער, אַז מ׳האָט אַזוינס נאָך ניט אויפגעשריבן און אָפּגעדרוקט, און דו מאַטערסט ניט דיינע אויגן גאָר אומזיסט?

נאָך אַ קורצן שווייגן האָט זי צוגעגעבן:

— פאָלג מיך, מיין קינד, פרעג דיין רבין, דעם קופישקער, אָדער דעם רב, צי ס׳איז ניטאָ שוין פאַרטיק אַזאַ מין ספר?

ס׳פאַרשטייט זיך אַז ס׳האָט מיר ניט גענומען לאַנג אויסצוגעפינען, אַז מ׳האָט שוין וועגן דעם אַ סך געשריבן. איך זע אויך איין, אַז אין רבס ספרים־אַלמער, ווי אויך די שאַפעס אין בית־המדרש, געפינען זיך שוין אַ היפּש ביסל אַזוינע חיבורים. איך טראַכט שוין דעריבער ניט מער פון שרייבן אַ נייעם, נאָר כ׳פאַרנעם זיך ליבער מיט לערנען און לייענען די שוין פאַראַנענע אַלטע ספרים און ביכער.

אונדזער דאָרף איז שטאַרק אויפגערעגט. אַן אַלטע פויערטע, וועלכע האָט געלעבט אַליין אין איר שטיבל, איז געפונען באַרויבט און דערמאָרדעט. עטלעכע טעג איז ניט געווען קיין שום סליאַד צום רויבער און מערדער. נאָר אויף מאָרגן נאָך דער דערמאָרדערטערס לויה איז אַרויסגעטראָטן אַ שכנה, אַ דאָרפיש מיידל, און דערקלערט, אַז איר ברודער האָט דערהרגעט די אַלטע פרוי. זי אַליין, זיין שוועסטער, האָט עס ניט געזען. ער האָט עס איר אויך ניט פאַרטרויט. זיין באַנעמונג אָבער זינט דעם מאָרד, האָט אויפגעוועקט אין איר אַ חשד קעגן אים: זינט דער לויה קאָן זי מער ניט רוען. זי זעט פאַר די אויגן די דערהרגעטע שכנטע, מאָנענדיק ביי איר גערעכטיקייט.

נאָך אַ קורצער אונטערזוכונג האָט מען ביי זיי אין שטאָל און אין שטוב, וואו דער ברודער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט זיין מאַמען און שוועסטער — געפונען געוויס באַהאַלטן — אַ פאַרבלוטיקטע האַק, פאַרבלוטיקטע קליידער, אַ פאַרבלוטיקטן האַנטעך א. ד. גל. — צו באַשטעטיקן אָן שום ספק ווער ס׳איז באַגאַנגען דעם מאָרד.

דער מערדער איז מיר געווען גוט באַקאַנט. ער פלעגט אָפט אַריינקו־מען צו אונדז אין שטוב, באַזונדערס ווען מיין טאַטע־מאַמע זיינען ניט געווען אין דער היים. ער האָט תמיד געזוכט מיך אַריינצוציען אין אַ וויכוח: וועמעס אמונה איז בעסער.

ער איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער בלאָנדער יונג מיט בלויע אויגן, קורץ־געשאָרענע האָר און פיין־געפּוצטע קליינע וואָנצעס. ער איז געגאַנגען שיין געקליידט, ווי אַ שליאַכטיטש, און גערעדט פויליש, ווי אַ פּאַניטש (פּריצישער זון). ער האָט זיך פּאַר מיר באַרימט, אַז ער האָט געלייענט אַ סך ביכער וועגן רעליגיע, און ער וועט נאָך אַמאָל ווערן אַ קסיאָנדז.

כדי אויסצומיידן וויכוחים וועגן רעליגיע האָב איך אים דערמאָנט מיין טאַטנס ווערטער, אַז מענטשן פון יעדער אמונה קאָנען זיין גוט און ערלעך, אויב זיי האָבן אַ „סאָוויעסט״ (געוויסן) — אַ „גאָט אין האַרצן.״

אויף זיין לעצטן באַזוך ביי אונדז אין שטוב האָט ער מיך דאָך אַריינגעצויגן אין אַ וויכוח. ער האָט געטענהט:

— לויט מיין טאַטנס אייגענע ווערטער קאָן מען זיין אַ גאָטס־פּאַרכטיקער מענטש אין יעדער אמונה. טאָ צו וואָס זאָלסטו אויסברענגען דיינע כחות צו ווערן אַ רב ביי יידן, ווען דו קאָנסט מיט דיין וויסן פון אַלטן טעסטאַמענט (תנ״ך) און אַנדערע רעליגיעזע ביכער, אויסשטודירן ביי אונדז אויף „ביסקופּ״ (בישאָף), און זיין רייך און אָנגעזען.

מיין ענטפער איז געווען, אַז אַ „סאָוויעסטנער״ מענטש האַנדלט ניט מיט זיין אמונה. און כדי צו מאַכן אַ סוף צו זיינע מיסיאָנערסקע רייד, האָב איך צוגעגעבן צוויי דערקלערונגען: ערשטנס, קאָן קיינער מיך בשום אופן ניט איינריידן, אַז אַ פרוי קאָן ווערן מעוברת פון רוח הקודש. צווייטנס, בין איך אַ ייד, ניט נאָר צוליב דעם, וואָס מיין אמונה איז לויטערער און ריינער פון דיינער, נאָר אויך, ווייל כ׳שטאַם אָפּ פון יידישן פאָלק. כ׳קאָן דעריבער ניט ווערן קיין זון פון אַן אַנדער אומה, פּונקט אַזוי, ווי כ׳קאָן ניט ווערן קיין קינד פון אַן אַנדער טאַטע־מאַמע.

ער האָט נאָך אַ ווײלע געפּרואווט זיך אויסטענהן מיט מיר וועגן אמונה־זאַכן. ער מוז אָבער באַלד צוגעבן, אַז כ׳קען אויך מער פון אים דעם נייעם טעסטאַמענט. צוליב מיין האָבן דורכגעלייענט דעם „ברית חדשה״, ווערט ער אָפּהענטיק און לאָזט מיך צורו.

ניט געקוקט אויף זיינע פּרוּוון מיך אָפּצורײדן פון יידישקייט, האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן צו הערן פון זיין רויב און מאָרד.

דער משפט וועגן דעם מאָרד אין אונדזער דאָרף האָט זיך געצויגן אַ היפּשע צייט, כאָטש אַלץ איז שוין געווען אויסגעפאָרשט. יעדער דאָקומענט האָט געדאַרפט דורכגיין און באַשטעטיקט ווערן אין ווילנער קרימינאַל־געריכט, וואו קיינער האָט זיך אָפּנים ניט געאיילט. צום סוף, נאָך דעם,

ווי מ'האָט אים דאָרט פאַרמשפּט אויף צען יאָר קאַטאָרגע, האָט מען אים געבראַכט אין שטעטל, פון וואַנען ער האָט געדאַרפט פאַרשיקט ווערן אין סיביר.

דאָס איז געווען אין אַ שבת. אונדזער גאַנצער דאָרף איז געווען פאַר־זאַמלט אויף דעם ברייטן פּאָטשטאָוון וועג, צווישן דעם קלויסטער און דער קאַנצעלאַריע, אין מיטלפּונקט פון שטעטל. מיין טאַטע איז נאָכן שבתדיקן דאַוונען ניט געגאַנגען ווי אַלעמאָל אַהיים. נאָר איז צוגעקומען צוזאַמען מיט מיר צו אונדזערע דאָרפס־לייט. זיי האָבן פאַר אונדז געמאַכט פּלאַץ, וואו איך האָב געקאָנט זען נאָענט דעם מערדער, געשמידט אין קייטן, פאַלן אויף די קני, זיך צלמען און מאַליען זיך אַ ווייגענדיקער. מיין טאַטע האָט צו מיר געזאָגט:

— ווען ער טוט דאָס אַלץ פריער, וואָלט ער ניט געקומען צו זיין אומגליק.

מיין מח איז געווען פאַרנומען מיט אַן אַנדער מחשבה. כ'האָב זיך דערמאָנט, ווי ער האָט געזוכט צו געווינען מיך פאַר זיין אמונה ניט דורך איבערצייגן מיך, נאָר דורך אַ פאַרזיכערונג, אַז דאָס וועט מיר ברענגען רייכקייט און כבוד. צוליב אַזאַ ציל אין זיין לעבן האָט ער מעגלעך אויך באַרויבט און דערהרגעט זיין שכנטע. ווען ער האָט אָבער, לויט מיין טאַטנס ווערטער, אַ סאָוויעסט — אַ גאָט אין האַרצן, וואָס רופט אים צום אמת און צו גערעכטיקייט פון די נביאים, וואָלט ער געקאָנט גובר זיין אַלע שלעכטע נייגונגען און תשוקות און בלייבן אַ גוטער ערלעכער מענטש.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

דער רב מאָנט שכירות

דער מיישעגאָלער רב, ר' משה ראַבינאָוויטש, האָט געפירט אַ גע־מוטשעט לעבן. ניט געקוקט אויף זיין רבנישער „אָסאָבע", מיט דער פיי־נער בלאָנדער באָרד, און זיינע שיינע דרשות, האָט ער ניט געהאַט גענוג אויף חיונה.

גוטע פריינט באַמיען זיך צו פאַרבעסערן זיין מצב. זיי דינגען פאַר אים, ביי די טאַרגעס אין ווילנע, די מיישעגאָלער קאַראַבקע. דער פריערדיקער בעל־קאַראַבקע, אָדער בעל־טאַקסע, יאַנקל דער איזבאַרשטשיק העצט אָבער קעגן אים. גיט איבער דער רב די קאַראַבקע צום שטעטל, די הכנסה זאָל גיין פאַר די באַדערפעגישן פון דער קהילה, וואָס דערצו געהערט אויך דאָס צאָלן שכירות דעם רב.

דעם רבס מצב ווערט אָבער ניט בעסער. דאָס שטעטל צאָלט אים ניט רעגולער זיינע שכירות. פאַראַן וואָכן, ווען דער רב קריגט ניט אַריין קיין גראָשן, און אין זיין שטוב הערשט נויט.

שבת ראש־חודש אלול האַלט דער רב אַ דרשה אין בית־המדרש. ער מוסרט דעם עולם פאַר אָפּגעבן זיך מער מיט האָלץ מיטן בית־המדרש, מיטן ארון־קודש — ווי מיט דער תורה גופא. דערביי דערמאָנט ער, אַז אים, דעם טרעגער פון דער תורה, צאָלט מען ניט אפילו דאָס ביסל שכירות, וואָס מ׳האָט פאַר אים באַשטימט.

פאַרצווייפלט און פאַרביטערט איבער דער שווערער נויט, וואָס הערשט אין זיין שטוב, האָט דער געוויינלעך גוטער בעל־דרשן זיך פאַרפלאָנטערט אין זיין דערקלערן די סדרה פון וואָך, וואָס הויבט זיך אָן מיטן פסוק: „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה״ (זע, כ׳לייג פאַר אייך היינט פאַר אַ ברכה און אַ קללה). דעם עולם האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז דער רב האָט געזאָגט: „אויב איר וועט מיר באַצאָלן מיינע שכירות, וועט איר קריגן אַלע ברכות, און אויב ניט — אַלע קללות, וואָס זיינען פאַרשריבן אין דער תורה.״

דער אַלטער ראובן דער טעפּער, אַ ייד אַ כעסן, וועלכער האָט מיט עטלעכע יאָר פריער אָנגעדרייט פאַרן אויער זיין פלימעניק, מיין זיידן שמואל־איטשע, און אים אַראָפּגעשלעפּט פון די טרעפּלעך ביים ארון־קודש, האָט אויסגעשריען צום רב: „שייגעץ! אַרונטער פון בימה!״

ישעיה־יאַנקל לענצנער האָט אויפגעהויבן מיט דער לינקער האַנט זיין מאַנטל און מיט דער רעכטער האַנט געטייטלט אויפן רב:

— מיר קומען אים אין גאַנצן צוועלף רובל. איך גיב אַ משכן מיין מאַנטל. לייגט איין, רבותי, אויך אייערע מאַנטלען, אַז מיר וועלן אים מאָרגן באַצאָלן זיין חוב און זאָל ער גיין פון דאַנען.

אין דער ווייבערשער שול האָבן פרויען אַרומגערינגלט די רביצין, אַ פּשוטע פרוי, און צו איר געשריען, אַז דעם רבס קללות וועלן פאַלן אויף זיין אייגענעם הויזגעזינד...

די רביצין איז אַ צעשראָקענע אַרונטערגעקומען פון דער ווייבערשער שול און פאַרלאַנגט פון רב, ער זאָל איבערבעטן דעם עולם. דער רב האָט איר נאָכגעגעבן און געבעטן ביים עולם מחילה פאַר זיינע פריערדיקע באַ־מערקונגען. ער האָט דערמאָנט די נאָענטקייט פון יום הדין און דעם מאמר, אַז ווער עס איז מוחל אַנדערע, ווערן אים פאַרגעבן אַלע זיינע זינד. ער האָט אויך געבעטן מחילה ביים אַלטן טעפּער, פאַר אָנרופן אים „ליימענער קאָפּ״ און פון זיין זייט אים מוחל געווען זיין געשריי „שייגעץ!״

דער עולם האָט דעם רב מוחל געווען פאַרן אויסגיסן אויף דער קהילה זיין פאַרביטערט האַרץ. מ׳האָט אים באַלד נאָך שבת באַצאָלט זיין חוב,

אים אַ געוויסע צייט אַריינגעשיקט רעגולאַר זיינע שכירות און אים אויך געשענקט מתנות לכבוד יום־טוב.

אַזוי גיך, ווי לאהקע, מיין באָבעס און זיידנס מיזינקע ווערט אַ כלה, הויב איך זי אָן צו רופן „מומע לאה". זי בעט מיך, איך זאָל זי ליבער אָנ־רופן ווי פריער. כ'פאָלג זי אָבער ניט. כ'טו דאָס צוליב איר חתן, משה־איציק מילנער, פון געדרעוויטש, כאָטש כ'קען אים נאָך ניט, און ניט אַלץ געפעלט מיר אין אָט דעם שידוך. למשל, מ'רימט אים, אַז ער איז אַ גוטער ברודער מיט נאַטשאַלסטווע, וואָס איך האַלט פאַר אַ חסרון, זינט כ'האָב געלערנט אין פרק, אַז מ'קאָן יענע לייט ניט געטרויען. כ'הער אָבער, אַז אָט די נאַטשאַלסטווע לאָזט אים זיך אויסבויען אין געדרעוויטש, לעבן קלויסטער, אַ שטוב מיט אַ קראָם, וואָס וועט געבן גענוג אויף חיונה. בין איך צופרידן, וואָס די מומע לאה וועט ניט דאַרפן, ווי איר ברודער יאַנקל־משה דער סטאָליער, זוכן פרנסה אין לאָנדאָן, וואו ס'איז צו ווייט צו פאָרן זיך זען.

מיין זיידע שמואל־איטשע פרייט זיך, וואָס אים איז באַשערט צו פירן זיין מיזינקע צו דער חופה. ער פאַרמשכנט זיין שטוב ביי דער פּראָצענט־ניצע, ליבע ר' עליעס, (זי צווינגט אים שפּעטער צו פאַרקויפן זיין שטוב און ווערן אַ שכן). און באַנוצט דאָס געלט צו פּראַווען דער מומע לאהס חתונה מיט דער ברייטער האַנט. ער ברענגט אַראָפּ באַרימטע קלעזמער און אַ בדחן. די חתונה דויערט אַרום אַ וואָך צייט. מ'שפּילט, מ'זינגט און מ'טאַנצט יעטווידן טאָג, אַזוי ווי דעם ערשטן אָוונט, און ווי צום „רומפל" אויף מאָרגן נאָך דער חופה, און צו „שבע ברכות" — דעם שבת, וואָס מ'פירט די כלה אין שול אַריין. דאָס גאַנצע שטעטל, און אפילו דאָס דאָרף, און דער פּריצישער הויף, וועמעס אַקושאָרין מיין באָבע איז אַמאָל געווען, האָב איך, קענטיק, באַטראַכט פאַר מחותנים. דער דרשה־געשאַנק, די פאַר־שיידענע מתנות, וואָס קרובים, פריינט און באַקאַנטע האָבן געבראַכט צו טראָגן, אָדער צוגעשיקט, זיינען געווען גענוג צו באַזאָרגן מיט שיינע היימען מער ווי איין פּאָר פּאָלק. צווישן דעם גרויסן עולם מחותנים זיינען געווען צענדליקער מומעס און פעטערס, אויך עלטער־מומעס און עלטער־פעטערס און אָן אַ שיעור שוועסטער־קינדער און „גליד־גלידס", שוועסטער־קינדער.

ווען די חתונה איז געווען פאַריבער, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום. פון אַלע נייע געשטאַלטן, וואָס כ'האָב דאָרט געזען, האָב איך נאָר געדענקט מיין נייעם פעטער, משה־איציק, אַ גאַלאַנטער יונגערמאַן, מיט אַן אַרומגעשאָרן, שפּיציק, טונקל בערדל; דעם זיידנס ווילנער פּלי־מעניצע, זיין שוועסטער איטע ראָבעס טאָכטער,ביילע וויניסקי, מיט שוואַר־צע האָר און שוואַרצע אויגן, אויף וועמעס ליכטיק פּנים ס'איז געלעגן

גוטסקייט אָן אַ שיעור, און דאָס קליין מיידעלע פון געדרעוויטש, ליבע, ווען מען כ׳האָב געפירט וויזן אונדזער דאָרף און זיך באַרימט מיט זיינע גערטנער און סעדער.

כדי מיך צו פאַרגיטיקן פאַר ניט לאָזן מיך דעם זומער לערנען אין אַ ווילנער ישיבה, נעמט מיך אָפּט מיט מיין טאַטע, ווען ער פאָרט אין שטאָט.

דאָך בלייבט איינגעקריצט אין מיין זכרון באַזונדער יענע רייזע, מיט עטלעכע יאָר פריער, ווען כ׳בין געווען צום ערשטן מאָל אין ווילנע.

אויפן וועג קיין ווילנע, פון באַרגיקן מערב, האָב איך דערזען די שטאָט אַ צייט פריער איידער כ׳בין אַהין אָנגעקומען. אַרונטערקוקנדיק אויף איר פון די הויכע בערג בין איך געווען באַצויבערט מיט אירע מויערן און טור־רעמס, וואָס האָבן מיר אויסגעזען ווי דאָס ירושלים פון מיינע חלומות.

אינווייניק אין שטאָט, אויפן וועג פון שניפּעשאָק, דורך די ווילקאָמירער, ווילנער און זאַוואַלנער גאַסן, איז מיר נאָר געווען געפעלן דער טייך ווילִיע און דער „גרינער בריק״ איבער אים.

מיין טאַטע האָט איבערגעלאָזן פערד און וואָגן אין דער אכסניה אויף זאַוואַלנער גאַס. פון דאָרט איז ער מיט מיר צוגעגאַנגען, דורך קאַמיניצקער גאַס (זשמודסקאַיאַ אוליצאַ) צו מנחם מאַנס זאַוואולאַק, אָדער געסל („זשמוד־סקי פּערעאולאָק״), וואו ער האָט מיך איבערגעלאָזן אין דער בעקעריי פון מיין זיידנס פריער דערמאָנטער שוועסטער, איטע־ראָכע, און איר מאַן, שאול וויניסקי.

די בעקעריי האָט מיר אויסגעזען ענג און טונקל אין פאַרגלייך מיט מיין זיידנס שטעטלשער שטוב, אָדער אפילו מיט מיין טאַטע־מאַמעס כאַטע אין דאָרף. אַ בעסערן רושם האָבן אויף מיר געמאַכט יאַגיכעס־הויף און יאַגיכעס־קלויז אַנטקעגן מיין פעטער שאולס בעקעריי. דאָס קלויז האָט מיר דעמאָלט אויסגעזען גרויס און פּרעכטיק.

אַ שפּאַציר אין מנחם מאַנס געסל, וואו איך בין אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, אויף דער זייט פון דער בעקעריי, כדי ניט צו פאַרבלאָנדזשען, ווי מ׳האָט מיר אָנגעזאָגט, האָב איך זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט ביי דער דרוקעריי פון דער „אלמנה און ברידער ראָם.״

ראָמס דרוקעריי איז דעמאָלט געווען פאַר מיר „הייליקע ערד״: דאָ האָט זיך געדרוקט דער גרויסאַרטיקער ווילנער ש״ס, פול מיט אוצרות וויסן און שיינקייט. דאָ זיינען אויך געדרוקט געוואָרן אַ סך אַנדערע הייליקע ספרים, וואָס געפינען זיך אין שטעטלשן בית־המדרש, אין זיידנס ספרים־אַלמער און אין אונדזער דאָרפישער שטוב, אויף דער „גראַטקע״. פון ראָמס דרוקעריי זיינען אויך אַרויסגעקומען די פאַרשיידענע ספרים, מעשה־ביכלעך, ראָמאַנען און דערציילונגען, וועלכע איך האָב געלייענט אין שטעטל און אין דאָרף. כ׳האַלט אויך פיל פון דער דרוקערייס באַלעבאָסטע,

די אלמנה דבורהלע ראָם, מיין באָבע דבורהס יוגנט־חברטע. כ׳האָב אָט די אלמנה קיינמאָל ניט געזען, נאָר געהערט מיין באָבען אָפט ריידן וועגן איר.

לויט מיין באָבעס רייד איז דבורהלע ראָם געווען קלוג און גוט; זיך באַנומען פריינטלעך צו די אָרעמע לייט, וועלכע קומען פרייטיק נאָך דער וועכנטלעכער נדבה. געטיילט פורים ברייטהאַרציק מתנות צו אָרעמע מענטשן, און נאָך מער געגעבן „מתן בסתר" (געשאַנקען אין געהיים), צו נויטבאַדערפטיקע, וועלכע שעמען זיך צו בעטן הילף.

איינמאָל האָט עמיץ פון מיין מומע איטע־ראָכעס צענדליק קינדער מיך צוגעפירט צו אַ גרויסער גאַס. דאָרט זיינען געגאַנגען אַ סך מענטשן אויף די לאַווען (טראָטואַרן) פון ביידע זייטן גאַס, מיט רעש און געפילדער, און געשטופּט איינע די אַנדערע, הין און צוריק. נאָך מער טומל איז געווען אינמיטן גאַס פון די וועגענער און דראָזשקעס, אויף רעדער באַצויגן מיט אייזן, און פערד געשמידט מיט אייזערנע פּאַדקאָוועס, וואָס האָבן הילכיק געקלאַפּט אויפן שטיינערנעם ברוק, און שטאַרק געקריצט אין מיינע אויערן.

דאָס אַלץ האָט מיך באַלד מיד געמאַכט. כ׳האָב גענומען בענקען נאָך דער שטילקייט, רואיקייט און רחבות פון דאָרף און שטעטל. איך בין געווען צופרידן ווען מיין טאַטע איז געקומען מיך נעמען צוריק אַהיים.

נאָכדעם אָבער ווי כ׳בין עטלעכע מאָל געווען אין שטאָט, האָב איך זיך צוגעוואוינט צו זען אויף אירע גאַסן אַ סך מענטשן און הערן אַ סך טומל אין אַ געוויינלעכן טאָג. כ׳האָב אויך אויסגעפונען, אַז די שטאָטישע מענטשן זיינען ווייט ניט אַזוי נאַריש ווי שטעטלשע יינגלעך מיינען.

שטעטלשע יינגלעך פלעגן דערציילן מעשיות, ווי אַזוי באַלעגאָלעס ריידן איין ווילנער פּאַסאַזשירן, אַז די בולבעס וואַקסן אויף בוימער און ניט גראָבט מען אַרויס פון דער ערד, א. ד. גל.

איצט פאַרשטיי איך, אַז מ׳קאָן אָפּנאַרן אַ מענטשן ניט דערפאַר, ווייל ער איז נאַריש, נאָר ווייל ער ווייס ניט אַ געוויסע זאַך. מ׳קאָן דערפאַר קלוגע דאָרפס־לייט און שטעטלשע מענטשן אָפּנאַרן אין שטאָט און קלוגע שטאָטישע — אין דאָרף און שטעטל.

וואָס מער עס דערנענטערט זיך די צייט פון מיין בר־מצווה, אַלץ מער טראַכט איך וועגן ווילנע, וואוהין די מאַמע וועט נאָכדעם מיך שוין לאָזן פאָרן לערנען. איך שטעל זיך פאָר, אַז ווען כ׳וועל אַוועקפאָרן וועל איך שוין בלייבן אַ ווילנער. אויב כ׳וועל אַמאָל קומען צוריק, וועט עס זיין נאָר ווי אַ גאַסט, ווי דאָס טוען מיינע עלטערע חברים פון חדר, וועלכע זיינען באַ־שעפטיקט אין ווילנע. מיין היים אָבער וועט שוין ניט מער זיין דאָס דאָרף, אָדער דאָס שטעטל, נאָר די שטאָט, אין וועלכער ס׳וואַקסן אַריין מענטשן פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, פונקט אַזוי ווי אין איר טייך גיסן זיך אַריין אַלע זייערע טייכלעך און שטראָמען.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

אַ לוויה פון שמות

די בימה, אָדער דאָס באַלעמער, וואו מ׳לייענט די תורה, שטייט אינ־מיטן בית־המדרש. מ׳גייט אַהין אַרויף טרעפּ. אונטער דער בימה איז דאָרום פאַראַן אַ סך ליידיק פּלאַץ, וואַרפט מען דאָרט אַריין, דורך אַ לאָך, אין אַ ווינקל, שמות, איינצלנע בלעטער און שטיקער פון צעריסענע ספרים.

לערנענדיק פאַר־זיך אין בית־המדרש האָב איך זיך צוגעקוקט נעענטער צו אָט דעם אוצר פון שמות. ער איז באַשטאַנען, צום גרעסטן טייל, פון צעשאָטענע און צעפליקטע סידורים, תהילימס, מחזורים, תחינות, סליחות, ליקוטי־מזמורים, הגדהס, קינות, מענה לשונס, מעבר־יבקס, תפילת הדרכס, בענטשערלעך, לוחות, א. ד. גל. ווי אויך אַלף־ביתן, חומשים, „שוואַרבעס״, (תנ״כלעך), לקח־טובס, גמרות, דקדוקס, א. אַז. וו. וואָס קינ־דער לערנען אין חדר. געווען דאָרט אויך בלעטער און שטיקער פון לומדישע ספרים, שאלות ותשובות, פלפול, דרוש, חקירה און מוסר, ווי אויך פון השכלה־ביכלעך, אין העברייאיש און מעשה־ביכלעך, לידער־זאַמ־לונגען און ראָמאַנען אין יידיש. כ׳האָט דאָרט אויך געזען עטלעכע זייטן פון אַ צייטונג מיטן נאָמען „השולמית״, אין יידיש.

ווען דער פּלאַץ אונטער דער בימה איז געוואָרן אָנגעפּאַקט ביז פול, האָבן די גבאים באַשטימט אַ טאָג אין וועלכן מקבר צו זיין אויפן „ריינעם אָרט״ (בית־עולם) אָט די אַלע שמות. פאַראיינס אויך ברענגען צו „קבר ישראל״, די פסולע ספר־תורהס און מגילות, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַן אַלמערל אין בית־המדרש.

שבת נאָכן דאַוונען האָט שלמה דער שמש אויסגערופן אויף דער בימה, אַז אַלע וועלכע האָבן ביי זיך אין שטוב צעריסענע ספרים, אָדער שמות, זאָלן עס ברענגען אין פּאָליש פונעם בית־המדרש, וואו אַ גרויסער קאַסטן שטייט גרייט דערפאַר.

אין דעם באַשטימטן טאָג האָט מען אַרויסגענומען אַלע שמות פון אונטער דער בימה, ווי אויך די ניי־געבראַכטע אין פּאָליש, זיי אַריינגע־לייגט אין ליימענע טעפּ און זיי געפירט צום בית־עלמין. דער רב האָט געמאַכט צוויי הספדים נאָך די שמות: איינעם — לעבן בית־המדרש פאַר דער לויה, און אַ צווייטן — אויפן פעלד ביים קבר. אין צייט פון דער לויה האָבן די מלמדים פאַנאַנדערגעלאָזן די קינדער פון די חדרים, די קרעמער האָבן פאַרמאַכט זייערע קראָמען און די באַלמעלאָכעס האָבן אויפגעהערט אַרבעטן און זיינען נאָכגעגאַנגען די פורן שמות. די חדר־קינדער האָבן געזונגען קאַפּיטלעך תהילים.

אויפן בית־עולם האָט מען די טעפּ שמות צוערשט אויסגעשטעלט אויף אַ לײַדיק פּלאַץ. ווער ס׳האָט געוואָלט צוטראָגן אַ טעפּל שמות צום קבר האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַר אָט דער מצוה. דאָס געלט איז געגאַנגען אויף צו קויפן נײַע ספרים אין בית־המדרש. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אַלע פון אונדזער שטוב, וואָס זײַנען געגאַנגען צו דער לויה, האָבן צוגעטראָגן טעפּלעך שמות צום קבר.

ווען אַלע טעפּ זײַנען אַרײַנגעשטעלט געוואָרן אין קבר, האָבן טוער פון חברה קדישא, אויך מײַן טאַטע צווישן זיי, אָנגעשאָטן אויפן קבר אַ בערגל זאַמד און דערבײַ אַוועקגעשטעלט אַ ברעטל מיט אַ אויפשריפט, אַז דאָ ליגן הייליקע שמות.

זײַן הספד ביים קבר פון די שמות האָט דער רב פאַרענדיקט מיט דער בקשה: זיי זאָלן זײַן עדות, אַז די שטעטלשע יידן האָבן געטאָן תפילה און געלערנט תורה; זיי זאָלן אויך זײַן גוטע בעטער פאַר יידן אין דעם נאָענטן יום־הדין. ביי אָט די ווערטער האָבן ווייבער געוויינט אויפן קול און מענער האָבן געזיפצט און געקרעכצט.

נישטערנדיק אויפן בוידעם, האָב איך געפונען אַ פּעקל ביכלעך און ספרימלעך. די מאַמע זאָגט מיר, אַז זי האָט אַמאָל, ביים אויפראַמען די שטוב ערב־פסח, דאָס אַלץ צוזאַמענגעקליבן און אײַנגעפּאַקט אין אַ פּעקל. ס׳זײַנען דאָרט געווען מעשיות, דערציילונגען, ראָמאַנען, טעאַטער־שטיק, לידער, וויצן, באַשרײַבונגען א. אַ. וו. אַ טייל זײַנען געווען אָן פאָדער־בלעטער, און אָן די נעמען פון די ביכער און זייערע פאַרפאַסער. די אָנגעגעבענע נעמען פון די שרײַבער זײַנען געווען לויטן אלף־בית. בלאָשטיין, גאָטלאָבער, גאָלדפאַדען, דינעזאָן, דיק, לינעצקי, מענדעלע מוכר ספרים, צווייפעל, צונזער און שמ״ר. צווישן די צעשאָטענע טעאַטער־שטיק איז געווען אַ טייל פון אַ קאָמעדיע וועגן אַ רײַכן יונגנמאַן, אַלטער לעב, וועלכער האַנדלט מיט קרעמענעס (האַרטע שטיינדלעך, מיט וועלכע מען קלאַפּט אויס פייער) און פאַרלירט דערבײַ אַ פאַרמעגן. געווען דאָרט אויך אַ מעשה־בוך פון יידישער געשיכטע, באַשרײַבונגען פון שטעט און לענדער, וועגן דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, וועגן ירושלים, ווילנער גאון, למדוואָוויקעס, לומדים, גוטע, פרומע לייט, מוסר, קלוגע רייד, בדחנות, די „בבא מעשה״, „טויזנט און איין נאַכט״, א. ד. גל.

דאָס רוב פון אָט די זאַכן האָב איך שוין געהאַט געלייענט ביי מײַן באָבען, וואו כ׳האָב לעצטנס אָנגעהויבן לייענען דערציילונגען פון נײַע שרײַבער: ספּעקטאָר, שלום עליכם, — די באַזונדערע שיינע מעשיות וועגן קינדער.

פון די אַלע ביכער איז ביי מיר געווען באַזונדער חשוב דינעזאָנס

ראָמאַן „הנאהבים והנעימים״, אָדער „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״, וועמעס נאָמען כ׳האָב צום ערשטן מאָל געהערט אין שטעטלשן מרחץ. דאָרט זיינען געזעסן יידן, אויסגעטאָן אויך פון דאגת פרנסה, און געשמועסט געמיטלעך. זיי האָבן געהאַלטן לעבן זיך שעפלעך וואַרעמע וואַסער, זיך געזייפט און געוואַשן מיט „מאַטשאַלקעס״ (בינטלעך לאַנגע דינע גראָזן) און זיך געוויצלט, דערציילט אַנעקדאָטן און מעשיות. איינער דערמאָנט דעמאָלט דינעזאָנס „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״ און זאָגט, אַז ער איז צוליב אים געפאַלן אין חלשות. עטלעכע גיבן צו, אַז אויך זיי, אָדער זייערע ווייבער און שוויגערס, האָבן געחלשט ביים לייענען דעם שלוס פון דינעזאָנס ראָמאַן. מיין טאַטע באַמערקט דערצו:

— יעדער פון אונדז ווערט אויפגערעגט, ווען ער לייענט, ווי אַזוי אַ רשע איזדיעקעוועט זיך איבער אַן ערלעכן מענטשן. ווען מ׳געדענקט אָבער, אַז דאָס איז נאָר אַן אויסגעטראַכטע זאַך, חלשט מען ניט.

שפּעטער, ווען איך געפין צווישן דער באָבעס ביכער דינעזאָנס ראָמאַן, דערוואָרט איך דאָרט די ערגסטע אכזריות און ווער שוין פון קיין זאַך ניט מער נתפּעל.

דינעזאָן אַליין ווערט מיר אָבער גאָר נאָענט, ווען איך דערוויס זיך פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט מיין באָבען. זיי האָבן זיך געטראָפן ביי דער באָבעס חברטע דבורהלע ראָם. יענע האָט זיך פאַר אים געוויצלט איבער מיין באָבעס גוטמוטיקייט, וואָס איר שטאַרקסטער וואָרט איז „קרעפּלעך זאָלט איר עסן״. די באָבע האָט פּראָטעסטירט: „אַ, דבורהלע, וואָס דו קאָנסט אויסטראַכטן! קרעפּלעך זאָלסטו עסן!״... און דינעזאָן האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

היינטיקן שמחת־תורה, פרייטיק, כ״ג תשרי, תר״נ (18־טן אָקטאָבער, 1889), בין איך געוואָרן בר־מצוה.

אַזוי ווי שמחת־תורה איז אַ גרויסער יום־טוב, האָט מיין מאַמע גאָר־ניט געדאַרפט צוגרייטן עקסטרע צוליב מיין בר־מצוה. אַליין האָב איך זיך אויך ניט געדאַרפט מער גרייטן. אַ דרשה האָט מיך דער קופּישקער אויס־געלערנט נאָך מיט אַ פּאָר חדשים פריער.

אין דער אמתן איז דאָס גאָר געווען אַ פּלפּול, אַ פּאָר האַרבע ענינים, וואָס אַ חוץ אים, דעם קופּישקער, און נאָך אַזוינע שאַרפע גמרא־לומדים, וועט קיינער ניט וויסן וועגן וואָס כ׳רייד. ס׳האָט אויך ניט געהאַט קיין שום שייכות צו דעם, וואָס מיין ווערן בר־מצוה באַטייט פאַר מיר: דאָס וויסן, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועל איך אַליין טראָגן די אחריות פאַר מיינע מעשים. מיין טאַטע וועט שוין מער ניט ליידן פאַר מיינע עבירות, און איך וועל זיין פּטור פון מיין פריערדיקער זאָרג ניט צו פאַרזינדיקן זיך מיט עפּעס אויף זיין חשבון.

אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז מ׳האָט גאָר נים געדאַרפט קיין דרשה. שמחת־תורה האָט מען מיך אויפגערופן צו מפטיר. דער חזן ר׳ לימא האָט דעם דאָזיקן אויפרוף אויסגעזונגען מיט אַ ספּעציעלן ניגון: „יעמוד הבחור קלוינימוס קלמן צבי ב״ר מרדכי!״ כ׳האָב געהאַט צו זאָגן אַ היפּש ביסל ברכות, פאַרן לייענען און נאָכן לייענען די סדרה און די הפטורה. דער טאַטע האָט געזאָגט: „ברוך שפּטרני״, געלויבט דעם אויבערשטן, וואָס האָט אים באַפרייט פון דער אחריות פאַר זיין זון. נאָכדעם האָט דער טאַטע געטיילט קינדער צוקערקעס, באָמבאָנקעס און אַנדערע זיסקייטן, געשטעלט „לעקעך מיט בראָנפן״ אויך ווייַן און טאָרט פאַר דערוואַקסענע, און איינגעלאַדן דעם עולם צו קומען צו אונדז אין דאָרף זיך משמח זיין ביי אונדז אין שטוב.

ווען די שטעטלשע געסט זיינען געקומען צו אונדז אין דאָרף, זיינען זיי שוין געווען בגילופין, פאַרקנאַקט און פאַרשנאַשקעט. זיי האָבן גע־טראָגן גאַרטלען אויסגעפּלאָכטן פון סכך און אין די גאַרטלען האָבן גע־שטעקט גרינע צווייגן. אויף דעם זעלביקן שטייגער זיינען געווען פאַר־פּוצט זייערע קאַפּעלושן און צילינדער־היט. פון וויטן האָט אויסגעזען, אַז עס טראָגט זיך צו אונדז אַ וואַלד. אָנשטאָט צו גיין דורכן טיר, איז אַ היפּשער עולם אַריינגעשפּרונגען דורך די פענצטער מיט אַזאַ הילכיקן „גוט יום־טוב!״ און „מזל־טוב!״ וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין אַ סך דאָרפישע כאַטעס.

דער כיבוד, וואָס די מאַמע האָט געשטעלט, איז גיך פאַרשוואונדן און דער עולם האָט אַליין איבערגענומען די באַלעבאַטישקייט: אַריינגעקייקלט פון פירהויז אין שטוב פעסער אוגערקעס און קרויט, פעסלעך מעד און עפּל־קוואַס, אָנגעלאָדן קערבלעך מיט גרינס און פּרוכט, אַרויסגענומען פון אויוון די יום־טובדיקע מאכלים און עס געגעסן אויף אַ נייעם שטייגער: צעמישט „קאַשע מיט באָטשווינע״...

ווען דער זיידע האָט דערמאָנט, אַז אַ בר־מצוה־בחור דאַרף האַלטן אַ דרשה, האָט אים דער עולם אויסגעלאַכט:

— שמחת־תורה האַלט מען ניט קיין דרשות, נאָר מ׳הוליעט, מ׳זינגט און מ׳טאַנצט!

און טאַקע גלייכצייטיק אָנגעהויבן זינגען „שישו ושמחו בשמחת תורה!״ און זיך אַוועקלאָזן טאַנצן.

מיין מאַמע האָט ווייניק אָדער גאָרניט געדאַרפט צוגרייטן צו מיין בר־מצוה. דערפאַר אָבער האָט זי געהאַט אַ סך אַרבעט מיך צוגרייטן פאַר מיין פאָרן לערנען אין ווילנע. זי האָט גרינטלעך דורכגעקוקט מיינע וועש און מלבושים: צי זיי זיינען אין ערגעץ ניט צעריסן, צי ס׳פעלן ניט קיין קנעפּלעך אָדער העקלעך, צי ס׳זיינען ניטאָ קיין לעכער אין די קעשענעס.

און צי דער „מאמעש“ (אונטערשלאָק) איז אומעטום גאַנץ. זי האָט געניית און געלאַטעט, געשטריקט און פאַרסטריגעוועט: אין אַ פּאַפּירן שאַכטל האָט זי מיר מיטגעגעבן קניילכלעך און שפּולקעס פאָדעם, טאָוועלעך קנעפּ־לעך און העקלעך („מאַנעלעך“ און „ווייבעלעך“) און מיר געוויזן, ווי אַזוי אַליין זיך צו העלפן אין אַ נויט. צולעצט האָט זי איינגעפּאַקט אין אַ ריינעם לייוונטענעם זאַק אַ פּוכאַווע קישן מיט עטלעכע ווייסע ציכלעך, ליילעכער און האַנטעכער, אויף וועלכע מיין עלטערע שוועסטער האָט אויסגענייט מיין נאָמען. אויף אַלע אַנדערע זאַכן האָט מיר דער טאַטע מיטגעגעבן אַ קעסטל, וואָס האָט זיך געעפנט אויף זאַוויעסעס און פאַרמאַכט מיט אַ שלאָס.

דער משולח פון דער ווילנער ישיבה, וועלכער קומט צו אונדז פון צייט צו צייט אויסצולייזיקן זייער פּושקע, האָט געזאָגט מיין מאַמען, אַז די ישיבה באַזאָרגט אַלע אירע תלמידים מיט עסן און קוואַרטיר אין איר אייגענעם בנין. דאָך האָט די מאַמע אָנגעזאָגט דעם טאַטן מיך צו באַזאָרגן וועכנטלעך מיט טאַשן־געלט, כ'זאָל זיך קאָנען קויפן פרישע געבעקס און פּרוכט, אַ גלאָז מילך און אַ טעלער געקעכטס. זי האָט אויך באַשטימט מיר צו שיקן מילכיקס, און אַמאָל אויך פיש און פלייש צו דער מומע ראָכע־גאָלדע, די אלמנה פון מיין זיידנס ברודער זעליג אַראָנאָוויטש, וועלכער איז געפאַלן אין טערקיש־רוסישן קריג. זי וועט עס שוין צוגרייטן פאַר מיר.

די מאַמע האָט מיך אַרויסבאַגלייט פון שטוב מיט אַזאַ געוויין, ווי כ'וואָלט געגאַנגען דינען דעם קייסער. די באָבע האָט ווי אַלעמאָל זיך געהאַלטן רואיק. דער זיידע האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף מיין קאָפּ און מיך געבענטשט ווי צו ימים־נוראים. צוגלייך אָבער האָבן מיך אויך באַגלייט פון אַ סך דאָרפישע כאַטעס און שטעטלשע הייזער פריילעכע ברכות און ווינטשעוואַניעס, ווי כ'וואָלט געפאָרן אויף אַ חתונה.

צווייטער טייל

אין ווילנע

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

אין ווילנער ישיבה

די ווילנער ישיבה, אין וועלכער מיין טאַטע האָט מיך געבראַכט, איז אַ קאַזיאָנע. זי שטייט אונטער דער השגחה פון דער רעגירונג, פּונקט אַזוי ווי די רוסישע שקאָלעס. אַחוץ גמרא לערנט מען אין איר אויך רוסיש און העברייאיש. זי האָט דריי נעמען: אין יידיש — „קצבישע קלויז״, ווייל די קצבים האָבן זי צוערשט דאָרט געגרינדעט. אין רוסיש — „יע־שיבאַט טראַצקאָווא״, אויפן נאָמען פון עליע טראַצקי, וועלכער האָט גע־קראָגן די דערלויבעניש פון נאַטשאַלסטווע אויף אַזאַ ישיבה, און ער טראָגט די אחריות פאַר איר. אין העברייאיש — „ישיבת ז״ץ״, אָדער „זבחי צדק״ (ערלעכע שעכטונגען), ווי די פרומע קצבים רופן אָן זייער באַשעפטיקונג.

דאָס אַריינגעמען נייע תלמידים אין דער ישיבה, קומט פאָר אין דער קצבישער קלויז אָנהויב זמן. עס גיבן זיך אָפּ דערמיט דער ראש־ישיבה פון ערשטן שיעור, ר׳ אליהו פּנחס מערוויני, און פון צווייטן שיעור, ר׳ יהושע־כלב (קאָלעיוו) יאַשונסקי.

ווען איך בין צוגעקומען צו זיי, האָט ר׳ אליהו פּנחס, אַ יונגערמאַן מיט אַ טונקעלן פּנים און אַ שוואַרץ בערדל, מיך געפרעגט, וואו כ׳האָלט אין גמרא. האָב איך אים דערציילט, אַז איך בין דורכגעגאַנגען די דריי „בבות״ — „בבא קמא״, „בבא מציעא״, „בבא בתרא״ — און „סנהדרין״ פון סדר „נזיקין״, „גיטין״ און „קדושין״ פון „נשים״ און ...

— דאָס איז איבערגענוג — האָט ר׳ אליהו פּנחס מיך אונטערגעבראָכן

— נאָר געדענקסטו עס ?

— זאָל מיך דער רבי פּאַרהערן — האָב איך געבעטן.

ר׳ יהושע כלב, אַ עלטערער מאַן מיט אַ פיינער לאַנגער און ברייטער ווייסער באָרד, האָט דערצו באַמערקט :

— ס'איז ניט נויטיק אים צו פאַרהערן. מיינער אַ מיישעגאָלער תלמיד האָט מיר וועגן אים דערציילט. ער שטייט „בגדר עילוי" *). לאָמיר ליבער אויסהערן די אַנדערע קינדער.

— אין וועלכן שיעור ווילסטו לערנען, אין דעם ערשטן אָדער אין דעם צווייטן? — האָט ר' אליהו פנחס מיך געפרעגט. כ'האָב געענטפערט, אַז כ'וועל פריער לערנען אינעם ערשטן. ער פאַרצייכנט תיכף אין זיין ביכל מיין נאָמען, וועמעס זון איך בין און וואַנען איך קום. ער דערקלערט דערביי, אַז איך בין אַריינגענומען פאַר אַ תלמיד אין זיין שיעור.

אַ טרעגער ברענגט מיינע זאַכן פון דער אכסניה. לייזער, דער באַדינער, אָדער דער משגיח, ווי ער אַליין רופט זיך אָן, הייסט דעם טרעגער עס אַריינטראָגן אין שטוב, וואָס איז פאַרבונדן דורך אַ קאָרידאָר מיט דער קצבישער קלויז. די שטוב באַשטייט פון צוויי גרויסע צימערן. אין ערשטן שטייען ניט־געפּאַרבטע הילצערנע טישן און בענק. אין צווייטן — שוואַרצע אייזערנע בעטלעך, מיט די צוקאָפּנס צום וואַנט. אויף די בעטלעך ליגן סיעניקעס (שפּעטער — מאַטראַצן) מיט פּילטשין קישנס. לייזער האָט מיר אָנגעוויזן וועלכע בעטלעך זיינען נאָך ניט פאַרנומען. כ'האָב אויסגעקליבן אַ בעטל מיט אַ צוקאָפּנס צו אַ פענצטער. פאַרשפּרייט אויפן סיעניק אַ ווייסן לייוונטענעם ליילעך, און אויף אים אַ וואַטאָווע קאָלדרע זיך צוצודעקן; אַרויפגעצויגן אַ ווייסן ציכל אויפן פּילטשין קישן (מיין מאַמעס קישן האָב איך צוריקגעשיקט); אויפגעהאָנגען אַ האַנטעך אויפן צופוסן פון בעטל; אַוועקגעלייגט אַ פּאַפּירן שאַכטל מיט זייף אויפן פענצטער, און דערביי אַוועקגעשטעלט אַ גלאָז מיט אַ צאָן־בערשטל אינווייניק. מיין קעסטל מיטן הענגענדיקן שלאָס האָב איך אַרונטערגערוקט אונטערן בעטל.

דער טאַטע איז אַריין זען מיין געלעגער. ער האָט מיר איבערגעלאָזן קליינגעלט זיך צו קויפן די נויטיקע ספרים — פאַרן שיעור — און ביכער פאַרן קלאַס. דערביי האָט ער מיר דערקלערט, אַז לערנען גמרא אַליין איז ניט גענוג: כ'דאַרף זיך אויך אָפּגעבן ערנסט מיט רוסישע לימודים. אַ ישיבה־יינגל, וואָס לערנט גוט, זאָגט ער, קאָן אויסוואַקסן אַ רב, ער דאַרף דעריבער קענען אַרויסטרעטן פאַר זיין קהילה אין דעם לשון פון דער מדינה.

פאַר זיין אַוועקגיין האָט דער טאַטע מיך געבעטן, איך זאָל למען השם שרייבן אַהיים, אויב מיר פעלט עפּעס. ער האָט זיך צעקושט מיט מיר און באַמערקט, אַז ער האָפט אַז איך וועל דערפילן אַלץ, וואָס ער, די מאַמע און אונדזער משפחה דערוואַרטן פון מיר. כ'האָב דערזען אין זיינע אויגן

*) פאַרוואָס יענער (מענדקע ישעיה־יאַנקל לענצנערס) האָט מיר געמאַכט אַזאַ „שם", ווייס איך ניט.

אַ טרער, האָב איך געקושט זיינע הענט, און אָנגעהויבן וויינען... נאָר באַלד אויפגעהערט און אים געבעטן, ער זאָל ניט זאָגן קיינעם אינדער־היים, אַז כ'האָב געוויינט.

באַלד ווי מיין טאַטע איז אַוועק, האָט מיך אַרומגערינגלט אַ כאַפּטע יינגלעך און מיך גענומען אויספרעגן. מיין האַרץ איז מיר נאָך געווען פאַרקלעמט און כ'האָב ניט געקאָנט ענטפערן אויף אַלע פראַגעס. זיי האָבן עס אָפּנים אָנגענומען פאַר גאווה, און עמיץ האָט באַמערקט שפּאָטיש:

— קוקט אָן אונדזער „בייעם עילוי". ער האַלט זיך אַזוי גרויס ווען ער איז „בגדר עילוי", היינט וואָס וועט ער שוין טאָן אויב ער וועט, חלילה, ווערן אַ גאַנצער עילוי? — ער וועט דעמאָלט מסתמא הרגענען מענטשן אין גאַס...

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערנעענטערט צו מיר אַ יינגל מיט רויטע בעקלעך, און מיך געפרעגט:

— קענסטו מיין משפחה אין מיישעגאָלע?

— פון וואַנען ווייסטו, אַז איך קום פון דאָרטן?

— כ'האָב דיך דאָ געזען מיט דיין טאַטן און אים קען איך; ער קומט אָפטמאָל צו אונדז אין מושניק, און ער קען זיך גוט מיט מיין טאַטן.

— אויב אַזוי, — זאָג איך צו אים, — לאָמיר זיך אַוועקזעצן אין אַ באַזונדער ווינקל אין קלויז און אָפּריידן זיך פון האַרצן.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אינעם לינקן ווינקל פון ארון־קודש אין דער מזרח־וואַנט, וואו מיר האָבן געשמועסט ביזן דאַווענען מנחה. בין מנחה למעריב האָט אַ רבי געלערנט תורה מיט אַן עולם אַרום אַ טיש. וואָס ער האָט געלערנט האָבן מיר ניט געוואוסט. אַ טייל פון זיין דרוש האָבן מיר אָבער פאַרשטאַנען. נאָך מעריב האָבן מיר זיך ווידער אַוועקגעזעצט אין דעם זעלביקן ווינקל, נאָר ניט מער געשמועסט. כ'האָב אים נאָר געפרעגט:

— מאָנישל, פאַרוואָס עסטו ניט קיין וועטשערע? האָסט אפשר ניט וואָס צו עסן? קום, עס מיט מיר.

— פאַרוואָס עסטו ניט? פאַרוואָס זיצסטו, ווי אַ שטומער?

— כ'בענק נאָך מיין מאַמען... לאָז מיך, מאָנישל, זיצן אַליין; כ'וויל זיך אויסוויינען. אפשר וועט מיר ווערן גרינגער.

— כ'וויל אויך וויינען. דו בלייב דאָ זיצן, און איך וועל זיך זעצן אין דעם אַנדער ווינקל פון ארון־קודש.

אַזוי זיינען בײדע, מאָנישקע און איך, געזעסן און אויסגעוויינט שטיל אונדזער בענקשאַפט ביז מיר האָבן איינגעדרימלט. דער שמש האָט אונדז אויפגעוועקט מיט רוגזה:

— ניט לערנען זיינען זיי אַהער געקומען, נאָר פּאָפּן. גייט צו אייערע געלעגערס.

מיט פאַרחלשטע הערצער זיינען מיר אַוועק צו אונדזערע בעטלעך.

זעקס אַזייגער אינדערפרי האָט געקלונגען אַ גלאָק. לייזער דער משגיח, אַ קרעפּטיקער מאַן מיט אַ צעקאַרטשעטן, איינגעחושכטן פּנים, און אַ פּיצל פּעך־שוואַרץ בערדל, האָט געשריען: אַרונטער פון די געלעגערס! ער האָט געסטראַשעט אַרונטערצוואַרפן די, וואָס בלייבן ליגן.

מאַנישקע און איך האָבן זיך גיך אָנגעטאָן, אַרומגעוואַשן, אַרויסגענומען פון אונדזערע קעסטלעך די תפילין און אַריין דורכן קאָרידאָר אין קצבישער קלויז דאַוונען שחרית מיט אַ מנין. ווען מיר זיינען געקומען צוריק, איז אויף אַ לאַנגן טיש געווען אָנגעלייגט לאַבנס האַלב־זיידענע געבייטלטע ברויט. דער משגיח האָט פון זיי געשניטן רעפטלעך, וועלכע ער האָט גע־וואויגן אויף אַ וואָגשאָל, כדי זיי איינצוטיילן אין גלייכע חלקים. ווער ס׳האָט געבעטן אַ חלק, האָט געדאַרפט אָנגעבן זיין נאָמען און שטאָט אָדער שטעטל פון וואַנען ער איז. צוגלייך מיט די חלקים ברויט האָט דער משגיח אויך געטיילט שקאַרמיצלעך טיי און צוקער.

אַזוי ווי כ׳האָב נאָך געהאַט געגוג מיטגעבראַכטע מאכלים צו עסן האָב איך ניט געוואָלט נעמען קיין חלק. מאַנישקע האָט מיר אָבער דערקלערט, אַז אַלע ייִנגלעך נעמען חלקים. ווען זיי אַליין דאַרפן עס ניט, פאַרקויפן זיי אָדער שענקען עס אַוועק צו די, פאַר וועמען דער צוגעטיילטער חלק איז ניט גענוג. כ׳האָב דאַרום גענומען מיין חלק און עמיצן אַוועקגעשענקט.

אויף אַ צווייטן טיש זיינען געשטאַנען גרויסע בלעכענע טשייניקעס מיט הייס וואַסער, וואָס ישיבה־ייִנגלעך האָבן געבראַכט פון אַ דערבייאיקער טשיינע, און קליינע ליימענע טשייניקלעך פאַר סענס. גלעזער, טיי־לעפע־לעך און מעסערלעך האָבן דאָס רוב ייִנגלעך באַנוצט זייערע אייגענע. אַנדערע האָבן אויך געהאַט טישטעכלעך, סאַלפעטקעס און האַנטעכלעך. אַ טייל קינדער האָבן געגעסן ביי די טישן זייער חלק ברויט מיט זיסן טיי, און מיט איינדרויסן־געקויפטע שטיקלעך פוטער, קעז, פּרוכט, פרישע אָדער פאַרפוילטע עפּל און באַרן, וועלכע די מאַרק־ווייבער האָבן אָנגע־רופן „פלעשער וויין״. אַנדערע קינדער האָבן מיטגענומען זייער ברויט אין טשיינע און עס דאָרט געגעסן מיט געקויפטע מילך, מאַסליענקע, זויער־מילך, צוואָרעך מיט סמעטענע. א. ד. גל.

דורך די פענצטער פון קצבישער קלויז, ווי אויך פון די ישיבה־צי־מערן פאַר עסן און שלאָפן, האָבן זיך געזען די יאַטקעס. דאָרט זיינען גע־שטאַנען ביי זייערע געשטעלן, טישן און קלעצער, קצבים, קצבטעס און

קוילער־יונגעך, מיט בלישטשענדיקע העק און מעסערס. זיי האָבן געהאַקט פריידיקעס פּאָדערשטע זייטן און זייטלעך פליישׂ, און זיי געשניטן אין חלקים. איבער יעדן טיש איז געהאַנגען אַ גרויסע מעשענע וואָגשאָל און דערביי זיינען געשטאַנען אַלערליי געוויכטן פון אַ שוואַרצן מעטאַל, און אַמאָל אויך מעשענע און קופּערנע. די יאַטקעס זיינען תּמיד געווען פול מיט קונים, צום גרעסטן טייל ווייבער, באַלעבאָסטעס און דינסטן, ווי אויך מיט שיק־ייִנגלעך, וועלכע האָבן געטראָגן קוישלעך פאַרשיידענע פליישן.

די שיעורים און קלאַסן פון דער ישיבה זיינען אויפן שול־הויף. פון דער קצבישער קלויז פירט אַהין אַ גלייכער וועג. פון די יאַטקעס איז איין טריט צו דער פּאַראַדנער דייטשישער גאַס. דאָרט גייט מען ביז צו דער שמאָלער יידישער גאַס, וואו באַלד ביים ברעג אין לינקער זייט שטייט די געמויערטע אַלטע הויכע גרויסע שול מיט דריי לאַנגע הילצערנע באַל־קאָנעס, איינער איבער דעם אַנדערן, און מיט אַ האַרמאַטן־קויל אויף איר, וואָס איז געבליבן אַ זכר פון דער פראַנצויזיש־רוסישער מלחמה פון 1812.

ייִנגלעך דערציילן מיר, אַז די קויל האָט געקאָנט חרוב מאַכן די שול; נאָר דער ווילנער גאון, וועלכער האָט דורך זיין פענצטער דערזען די סכנה, האָט געהייסן די קויל זיך אָפּשטעלן, און זי איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. אַזוי ווי מ׳טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף נסים, האָט מען נאָכדעם אונטערגעמויערט די קויל מיט ציגל און וואַפּנע.

די מעשיות וועגן דער האַרמאַטן־קויל אויפן דאַך פון שול האָבן ניט געשטימט איינע מיט די אַנדערע, וועגן ווי און ווען דאָס האָט פּאַסירט. איין מעשה האָט דערציילט, אַז די קויל איז אַרויסגעשאָסן געוואָרן פון אַ פראַנצויזישן האַרמאַט און דער גאון האָט „איר געהייסן״ בלייבן שטיין, ווען זי איז צוגעקומען צום דאַך פון שול. דאָס לייגט זיך ניט אויפן שכל צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, האָט דער ווילנער גאון זיך אויך אויסגע־צייכנט מיט זיין גרויס ענוות. ער האָט דעריבער בשום אופן ניט געקאָנט וואַגן צו ווייזן אַ „מופת״ (מויפעס), ווי אַ „בעל מופת״, אָדער „בעל שם״. צווייטנס, ווייסן מיר, אַז נאַפּאָלעאָן האָט אַריינגעמאַרשירט אין רוסלאַנד אין תקע״ב (1812), דאָס הייסט, פופצן יאָר נאָכן גאונס טויט.

וואַרשיינלעכער איז דערפאַר די מעשה, וואָס דערציילט, אַז דאָס איז געשען, ווען אַ רוסישע אַרמיי האָט באַלאַגערט ווילנע, וואו פּאָליאַקן האָבן זיך דעמאָלט דאָרט באַפעסטיקט. די ווילנער יידן האָבן געזוכט שוץ אין זייער גרויסער שול. זיי פאַרלאָזן זיך אָבער ניט אויף אירע דיקע פעסטונג־ווענט זיי צו באַשיצן. ווענדן זיי זיך צו זייער אַלטן גאון, ער זאָל פאַר זיי תפילה טאָן. דער 72־יאָריקער ווילנער גאון, קומט דעמאָלט (ט״ו אָב, תקנ״ב — 1792) אַרונטער פון זיין קליין שטיבל אין דער גרויסער שול, תפילה צו טאָן צוזאַמען מיט זיין פאָלק. ער עפנט אויף דעם ארון־קודש

און בעס דעם עולם זאָגן מיט אים צוזאַמען דעם קאַפּיטל תהילים, וואָס מ'זאָגט אין אַ טייל געגנטן פון ליטע ראש־השנה פאַרן בלאָזן שופר: „יענך ד' ביום צרה" (גאָט וועט דיר ענטפערן אין טאָג פון נויט). בשעתן תהילים זאָגן איז אַ רוסישע האַרמאַטן־קויל געפאַלן אויפן דאַך פון שול, נאָר זי האָט ניט אויפגעריסן.

לזכרון פון אָט דעם נס — בעת דעם גאונס תפילה — מויערט מען איין די קויל אויפן דאַך פון שול. מ'דערמאָנט עס אויך אין שול יעדעס יאָר דורך תפילה און צדקה.

ביים אַריינגאַנג צום שול־הויף זיצן אַ סך מאַרק־ווייבער אויף הילצערנע קעסטלעך. לעבן זיי שטייען פייער־טעפּ — צו האַלטן וואַרעם אין אַ קאַלטן טאָג, און קאַשיקעס און טעפּלעך מיט זייער סחורה. זיי פאַרקויפן געבעקס: בולבעס, קוכנס — ווייצענע „פּאָספּעליטקענע" און בולבענע, מיט מאָן, מיט ציבעלע, אָדער מיטביידע; פאַרשיידענע מינים לעקעך, פּרוכטן, באָב — הייסע, געזאַלצענע, טערקישע בעבלעך, אַרבעס־קאַשע, רייז־קאַשע מיט ראָזשינקעס, מאַנעלעך, אינגבערלעך און אַנדערע נאַשערייען.

די ישיבה איז צוגעבויט צו דער דרום־זייט פון שול, איבער איר פּאָליש, וואו מ'האַלט כסדר אין דאַווגען. מ'זאָגט מיר, אַז דאָרט, וואו די ישיבה איז איצט, איז אַמאָל געווען דאָס קהל־שטיבל, וואָס איז מיר באַקאַנט פון מאַטקע חבדס וויצן. ביים אַריינגאַנג צום פּאָליש שטייען צוויי הויכע אָפענע טויערן, וואָס זעען מיר אויס, ווי גראַטעס מיט דיקע שטאַבעס אייזן. לינקס פון זיי איז, ווי מ'ווייזט מיר אָן, די אַמאָליקע „קונע", וואו מ'פלעגט אַריינשטעלן און צובינדן מיט אַ קייט, אפּיקורסים און ווידערשפּעניקע קעגן קהל. פאַראַן דאָרט נאָך סימנים פון דער קייט. איצט שטייט דאָרט אַ כיור (קיער — אַ האַנטפאַס) צו וואַשן די הענט פאַרן דאַווגען.

צו דער ישיבה גייט מען אַרויף דורך אַ שמאָלן טרעפּ רעכטס פון אַריינגאַנג אין שול. איבער דער טיר צום טרעפּ הענגט אַ קליין שילדל מיטן נאָמען פון דער ישיבה אין רוסיש: „יעשיבאַט טראָצקאַוואַ."

אַחוץ די צימערן פאַר די שיעורים און קלאַסן, איז דאָרט אויך פאַראַן אַ באַראַטונגס־שטיבל פאַר די ראשי־ישיבות בייטאָג און פאַר לערער אין אָוונט.

פון 10 אַזייגער אינדערפרי ביז 2 אַזייגער בייטאָג לערנען מיר דאָרט גמרא. פון 4 ביז 7 אין אָוונט לערנען מיר — אָן היטלען — רוסיש און העברייאיש.

מיין ראש ישיבה און מיינע לערער

די ראשי־ישיבות און די לערער אין דער קאַזיאַנער ישיבה לערנען מיט זייערע תלמידים אין די זעלביקע צימערן, אויף דער סאַלקע איבערן פּאָליש פון דער גרויסער ווילנער שול. מיר זיצן ביים שיעור, אַזוי ווי אין קלאַס, אויף די זעלביקע „סקאַמעיקעס" (לאַנגע שוואַרץ־געפאַרבטע בענק). זיי זיינען צוגעקלייעט צו שמאָלע שוואַרצע טישן, וואָס האָבן אינווייניק פלאַץ פאַר ספרים, ביכער, טעטראַדן (העפטלעך), שרייב־געצייג און אַנדערע זאַכן, וועלכע מיר האָבן מיט זיך. די טישן האָבן קיילעכדיקע לעכער פאַר טינטערס מיט טינט. ביים לערנען גמרא דאַרפן מיר עס ניט, נאָר אין אָוונט, ביי די קלאַסן פון רוסיש און העברייאיש, באַנוצן מיר זיך אויך מיט טינט און פעדער.

סיי ביים שיעור און סיי אין קלאַס, קלינגט דער גלאָק יעדע שעה. מיר האָבן דעמאָלט אַ „פּערעמענע" (איבעררייס) פון אַ צען מינוט. נאָכן צווייטן קלונג זיצן מיר ווידער אויף אונדזערע פּלעצער.

דעם ערשטן טאָג ביים שיעור פון דער גמרא בין איך געזעסן אַ פּאָר־חידושטער. אַלץ איז מיר דאָרט געווען פרעמד: אי דאָס פילפלען זיך פון דעם ראש־ישיבה, ר׳ אליהו פנחס, אי די געשרייען פון די ישיבה־קינדער.

מיינע שטעטלשע רביים האָבן מיט מיר געלערנט גמרא פּראָסט־פשוט: דערקלערט יעדע שורה און יעדן זאַץ לויטן פירוש פון רש״י, און לויט די איינווענדונגען און צוגאָבן פון תוספות. ר׳ אליהו פנחס אָבער האָט זיך נאָר געפּילפּולט. דערביי זיינען זיינע אויסריידעניש, חידושים, חילוקים, און פשטלעך געווען אַזוי דין, אַז כ׳האָב זיי ניט געקאָנט געבוי באַמערקן. דער מנהג פון די ישיבה־קינדער אַרויסצוכאַפּן פון ראש־ישיבהס מויל די לעצטע עטלעכע ווערטער פון דעם אויספּיר, וואָס ער דאַרף מאַכן, און אים אויסשרייען אַלע צוזאַמען, האָט מיך צוערשט צעטומלט. שפּעטער, ווען מיין אויער האָט זיך צוגעוואוינט צו דעם מישמאַש פון די קולות, האָבן מיך שאָקירט די משונהדיקע ווערטער פון די אָפּנאַרער, וועלכע שרייען־מיט כדי דער רבי זאָל מיינען, אַז זיי פאַרשטייען וואָס ער וויל זאָגן.

אַזוי ווי כ׳בין געזעסן שטיל, האָט ר׳ אליהו פנחס סוף־כל־סוף באַמערקט מיין שווייגן און עס מיר אויסגערעדט. ווען כ׳האָב אים דערקלערט די סיבה פון מיין באַנעמונג, האָט ער דערפון געמאַכט אַ וויץ:

— „עילוי היה שם" — אַן עילוי איז ער געווען נאָר דאָרט, אינעם שטעטל. „לא היה נגאל" — הלוואי וואָלט ער אַהער ניט געקומען...

מער האָט ער עס קיינמאָל ניט דערמאָנט. איך בין אויך ווייטער גע־

זעסן שטיל ביי זיין שיעור. כ׳האָב ניט מיטגעשריען, אפילו ווען ס׳איז מיר געווען גאַנץ קלאָר, וואָס ער וויל אַרויסברענגען. צוליב די וועכנטלעכע עקזאַמענס זיינען אויך אַנדערע קינדער געוואָרן אַנטשוויגן. זיי האָבן גע־וואוסט, אַז דער רבי מאַכט דערביי אַ סימן לעבן יעדן נאָמען: „א״ — גוט, „ב״ — מיטלמעסיק, „ג״ — שלעכט.

אין צייט פון די פערעמענעס דערוויס איך זיך, אַז ר׳ אליהו פנחס האָט אַמאָל געלערנט אין וואָלאָזשין. זיינע רביים זיינען דאָרט געווען, ר׳ הירש־לייב — נפתלי צבי יהודה בער, דער פאָטער פון דעם שפּעטער־דיקן מזרחי־פירער ר׳ מאיר בערלין, און ר׳ יאָשע־בער סלוצקער—יוסף־בער סאָלאָווייטשיק *). פונעם צווייטן האָט ר׳ אליהו פנחס איבערגענומען דאָס פילפלען זיך. נאָכדעם האָט ער געלערנט פאַר־זיך אין קאָוונע און זיך גע־חברט מיט די מוסרניקעס פון קאָוונער פאָרשטאָט סלאָבאָדקע. ער ווערט אויך אַ מקורב פון דעם געוועזענעם פּעטערבורגער רב ר׳ יצחק בלאָזער, איינער פון די מוסרניקשע גדולים. ר׳ אליהו פנחס פאַרנעמט זיך דעריבער אַחוץ מיט פילפּול אין דער ישיבה, אויך מיט מוסר און קבלה ביי זיך אין שטוב.

צוויי אַזיגער, נאָך דער פערטער שעה גמרא, קלינגט דער גלאָק צו לאָזן וויסן, אַז די שיעורים זיינען פאַרענדיקט. ר׳ אליהו פנחס, ר׳ יהושע כלב און ר׳ עליע־איטשע חריף, לאָזן פאַנאַנדער זייערע תלמידים. מיר קריגן צוויי שעה צייט אויף גיין עסן מיטאָג און אויף זיך צוגרייטן פאַר די אוראָקן (לעקציעס) פון די לערער אין די קלאַסן.

ווי אַ תלמיד פון ערשטן שיעור לערן איך אין ערשטן קלאַס. מיר זיצן אויף די זעלביקע פלעצער ווי ביים לערנען גמרא, נאָר אָן היטלען. מיר זיינען אויך מחויב צום אַלעם ערשטן זיך אויפשטעלן און זאָגן אַ „מאָליטווע״ (תפילה) פאַרן צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן און זיין הויז־געזינד. דער לערער פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן גוט איינחזרן די מאָליטווע, זי צו קאָנען זאָגן אויף אויסווייניק. דערווייל אָבער האָט מען אונדז אויסגעטיילט וויי־סע בלעטלעך, אויף וועלכע די מאָליטווע איז געדרוקט מיט גרויסע בוכ־שטאַבן **).

דער לערער פונעם ערשטן קלאַס, ה׳ כאסקין, לערנט לייענען, ריידן

---

*) דער פאָטער פון ר׳ חיים בריסקער (זיינס אַן אייניקל, הרב דר. יוסף־בער סאָלאָווייטשיק, איז פּראָפעסאָר פון תלמוד אין ניו־יאָרקער ישיבה־קאָלעדזש).

**) מיין עקזעמפּלאַר האָב איך אָוועקגעגעבן, אין מיטן פון די צוואַנ־ציקער יאָרן, צוזאַמען מיט אַ גאַנצן וואָגן פאַרשיידענע ביכער, צום יידישן אָפּטייל פון דער ניו־יאָרקער שטאָט־ביבליאָטעק.

און שרייבן רוסיש, אַביסל גראַמאַטישע כללים און רעכענען. ער גיט אויך אַרויס אַריפמעטישע זאַדאַטשעס (אויפגאַבעס). אין צווייטן און דריטן קלאַס זיינען פאַראַן באַזונדערע לערער פאַר גראַמאַטיק און אַריפמעטיק.

אונדזער לערער כאַסקין, אַ שלאַנקער עלעגאַנטער יונגערמאַן, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און שוואַרצע וואָנצעס, האָט ניט איבעריק ליב אונדזערע ישיבה־קינדער. מיר האָבן אים אויך ניט שטאַרק גערן. ווען מיר ריידן פון ר׳ אליהו פּנחסן און דערמאָנען כאַסקינען, זאָגן מיר „להבדיל״. מיטן ראש־ישיבה פילן מיר זיך היימיש. ער רעדט צו אונדז און מיר צו אים אין מאַמע־לשון, ווי מיר פלעגן ריידן אין דער היים. כאַסקין, אָבער, באַשטראָפט אונדז פאַר אויסריידן אַ יידיש וואָרט אין קלאַס.

ווי אַ דאָרפיש ייִנגל, לייד איך פון כאַסקינען מער ווי אַלע אַנדערע ישיבה־קינדער. דאָס איז צוליב דעם, וואָס ביי אונדז אין דאָרף, ווי פריער אין די דערפלעך אַקמינע און קאַצישאַק, פלעג איך מיט די פּויערשע קינדער ריידן פּויליש. עס פּאַסירט דעריבער, אַז איך מיש אַריין פּוילישע ווערטער. ה׳ כאַסקין ווערט דערפון מלא־רציחה. פאַר מיין יעדן פּוילישן וואָרט גיט ער מיר אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט דער ליניקע אויף מיין דלאָניע און אַמאָל אויך אויף מיין פּלייצע. עלטערע ייִנגלעך זאָגן מיר, אַז כאַסקין איז אַ ייִד, און רעכנט זיך פאַר אַ גוטן לערער; אַז זיין שטרענגקייט איז אין די אינטערעסן פון דער ישיבה, נאַטשאַלסטווע זאָל זי ניט צומאַכן, ווייל ישיבות וואו מ׳לערנט ניט קיין רוסיש זיינען פאַרבאָטן. פאַר זיין שלאָגן זיך, און נאָך מיט רציחה דערצו, האָב איך אים פונדעסטוועגן ניט מוחל געווען.

ווען ה׳ כאַסקין קומט ניט אַמאָל, פאַרנעמט זיין פּלאַץ ה׳ מייזעל, דער לערער פון גראַמאַטיק אינעם צווייטן קלאַס. מיר האָבן האָלט אָט דעם גוטמוטיקן ניט־היכן נאָר באַלייבטן לערער מיט זיין קורץ בלאָנד בערדל. ער מאַכט ניט קיין ווערן, ווען עמיץ רעדט אויס אַ יידיש וואָרט, און באַשטראָפט קיינמאָל ניט קיינעם פון אונדז. מיר צאָלן אים אָפּ מיט פריינטשאַפט, מיר לערנען און באַנעמען זיך אַזוי גוט ווי מעגלעך.

מער פון אַלע לערער איז ביי אונדז חשוב ה׳ קאַפּלאַן, דער לערער פון מאַטעמאַטיק אין צווייטן און דריטן קלאַס. ער זעט אויס עלטער פון די אַנדערע. ער איז הויך און דאַר, מיט לאַנגע שוואַרצע וואָנצעס. די ישיבה־קינדער זאָגן, אַז ווען קאַפּלאַן בייזערט זיך, איז דאָס ניט פון שלעכטסקייט, נאָר פון הונגער... ער עסט קיינמאָל ניט צו זאַט. ווען ער קומט אַמאָל אונדז לערנען רעכענען, איז עס ביי אונדז אַ וויכטיקע געשעעניש. מיר האָבן גרויס דרך־ארץ פאַר זיין מאַטעמאַטישן וויסן און פאַר זיין פיינער הסברה, צו מאַכן פאַר אונדז לייכט די שווערסטע זאַדאַטשעס און פּראָבלעמען אין רעכענען. דערצו האָבן מיר צו אים אַ סך צוטרוי און מיר האָרכן אויפמערקזאַם צו אַלץ וואָס ער דערציילט אונדז.

העברייאיש און תנ״ך, וואָס ווערן געלערנט אין רוסיש, זיינען ניט קיין מוז פאַרן ערשטן קלאַס. ווען ס׳רעגנט אין דרויסן, גייען מיר אַריין אין צווייטן קלאַס, וואו אין דער דריטער שעה (פון 6 ביז 7) לערנט דאָרט ה׳ מעטשיק העברייאיש, אָדער אין דריטן קלאַס, וואו דער ראַבינער כהן לערנט תנ״ך. ה׳ מעטשיקן רעספּעקטירן מיר און אַמאָל הערן מיר זיך אויך צו אויפמערקזאַם צו זיין לימוד. דער ראַבינער כהן איז אונדז ניט געפעלן. דערצו זעט אונדז אויך אויס קאָמיש דאָס לערנען תנ״ך אויף רוסיש מיט יידיש־ריידנדיקע יינגלעך.

פאַרן גרעסטן למדן אין דער ישיבה האַלטן די ישיבה־קינדער ר׳ עליע־איטשען דעם חריף, אַ הויכער ייד מיט אַ שוואַרץ־גרויער באָרד, דער ראש־ישיבה פון דריטן שיעור. די קינדער זאָגן, אַז ווען ר׳ עליע־איטשע זאָל זיך אָפּגעוואוינען פון טרינקען, קאָן ער זיך פאַרמעסטן אין לומדות מיט די ראשי־ישיבות פון וואָלאָזשין.

מיט באַזונדער דרך־ארץ ריידן די קינדער פון ערשטן שיעור וועגן ר׳ יהושע כלב יאשונסקי, פונעם צווייטן שיעור. מ׳האַלט אים פאַר אַ לאַנד־חכם. ס׳קומען צו אים זיך האַלטן עצות אָנגעזעענע ווילנער באַלע־באַטים און מנהיגים. די קצבים קלייבן אים אויס תמיד פאַר זייער בורר (בוירער) און ריכטער אין אַלע זייערע סכסוכים צווישן זיך, אָדער מיט אַנדערע מענטשן.

צום ווייניקסטן באַקאַנט אין שטאָט איז ר׳ אליהו פנחס. די תלמידים פון צווייטן און דריטן שיעור זיינען מבטל זיין לומדות און לאַכן אויס זיין קבלה און מוסר. נאָר ביי אונדז, די קינדער פון זיין שיעור, איז ר׳ אליהו פנחס אָנגעזען. מיר שאַצן אָפּ זיין דורכריידן זיך מיט אונדז פון האַרץ צו האַרץ, ביים אָנהויב אָדער סוף פון שיעור. אַ טייל פון אונדז זיינען אויך איינגייער ביי אים אין שטוב. אַ צאָל ישיבה־קינדער קומען צו אים אַהיים יעדן פרייטיק־צו־נאַכט צו קבלת שבת, און יעדן שבת פאַרנאַכט — צו שלוש־סעודות.

פון מיין ערשטן פרייטיק־צו־נאַכט ביי אים אין שטוב (ז׳ חשון — 1־טן נאָוועמבער 1889) בין איך אַוועק אומצופרידן, ניט געקוקט אויף דער פריינטלעכער אויפנעמונג. די רביצין, אַ הויכע פרוי מיט אַ טונקעלן פּנים, האָט אונדז געענטפערט פריינטלעך אויף אונדזער „גוט שבת!״, אָנגעוויזן וואו אַוועקצולייגן אונדזערע וואַטאָווע קאַפּאָטעס און מאַנטלען, און וואו זיך צו זעצן. באַלד איז אַרויס ר׳ אליהו פנחס פון זיין קאַמער און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער קבלת־שבת.

אַ ישיבה־יינגל מיט אַ פיינעם קולכל האָט אויסגעזונגען „לכו נרננה״, די „לכה־דודים״ און דעם „מזמור שיר ליום השבת״. נאָכדעם האָט ר׳ אליהו פנחס געזאָגט תורה וועגן דער סדרה פון וואָך פרשה „לך־לך״, לויט „קבלה״ און „רמז״ (סימבאָליזם) — און מיר האָבן אָפּגעדאַוונט מעריב

און אים פֿאַרלאָזן.

מיר איז ר׳ אליהו פּנחסעס תורה ניט געפֿעלן. ווען אַ ישיבה־ייִנגל פֿאַרטייטשט מיר אַזוי פּסוקים פֿון חומש, וואָלט איך עס באַטראַכט פֿאַר אַ חוזק. אין חומש ווערט דאָרט דערציילט, ווי אַזוי אברהם אבינו וואַנדערט איין אין כנען, וואָס ווערט שפּעטער דאָס ייִדישע לאַנד — ארץ ישראל. דער אויבערשטער הייסט אברהמען פֿאַרלאָזן זיין געבורטסלאַנד — אור כשדים — און אַוועקגיין צום לאַנד כנען. דאָרט פֿאַרזיכערט ער אים, אַז דאָס לאַנד וועט געהערן צו זיינע קינדער. ר׳ אליהו פּנחס אָבער האָט עס אויסגעטייטשט אומגעפֿער אַזוי: אברהם מיינט די נשמה, זיין געבורטס־לאַנד — דער גן־עדן און כנען דעם מענטשנס גוף. ס׳מיינט, אַז די נשמה ווערט אַרויסגעשיקט פֿון גן־עדן און געצוואונגען אַריינצוגיין אין אַ גוף, וואו נאָך אַ סך נסיונות (פּרופֿונגען) און אָפּקומענישן לייטערט זי זיך אויס און קאָן זיך צוריקקערן ריין און אומבאַפֿלעקט אין גן־עדן.

דער פּראָסטער פּשט: דאָס לעבן פֿון אברהם אבינו און דאָס געבן דעם לאַנד כנען — ארץ ישראל — אַ ירושה פֿאַר זיינע קינדער, דאָס פֿאָלק ישראל, איז פֿאַר מיר געווען אָן אַ שיעור וויכטיקער, ווי די רמזים און אויסטייטשונגען וועגן דער נשמה.

ביים פֿאַרלאָזן אים האָט ר׳ אליהו פּנחס אונדז איינגעלאַדן צו קומען צו אים מאָרגן צו שלוש־סעודות.

ביים שלוש־סעדות האָט ר׳ אליהו פּנחס זיך פֿאַרנומען מער מיט מוסר ווי מיט קבלה און רמזים. דערצו האָט מען ביים טיש געזונגען מיט שיינע ניגונים שטיקלעך תהילים, פּרק און מוסר. ער האָט געזאָגט אַ פּאָר פּיל־פּולים, אין וועלכע ער האָט „צונויפֿגעבראַכט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט". כ׳האָב זיי ניט גענומען ערנסט, אָבער שטאַרק באַוואונדערט זייער קונציקייט.

צוליב די אינטערעסאַנטע זינגענדיקע שבת־צונאַכטסן ביי ר׳ אליהו פּנחסן, בין איך פֿון צייט צו צייט אויך ווידער געקומען צו זיינע פּרייטיק־צונאַכטסן.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

איך באַקוק דעם ווילנער שול־הויף

ווען איך קום פֿרי צום שיעור אָדער צום קלאַס שטעל איך זיך אַוועק ביי אַ פֿענצטער. די פֿענצטער קומען אַלע אַרויס צום שול־הויף, אויף וועלכן כ׳האָב הנאה צו קוקן. כ׳בין צופֿרידן, וואָס איך געפֿין זיך אין מיטלפּונקט פֿון „ירושלים דליטא" און קאָן אַלץ זען מיט מיינע אייגענע אויגן.

צום אַלעם ערשטן טו איך אַ קוק אויף דעם ווילנער „גאונס קלויז", אָדער „דעם חסידס מנין."

צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער האַלט איך, אַז דער נאָמען „חסידס

מנין" שטאַמט דערפֿון, וואָס די קלויז איז אויפֿגעבויט געוואָרן, נאָכן גאַנצן טויט, אויף דעם אָרט, וואו ס'איז געשטאַנען דאָס קליין שטיבל, וואו ער האָט געלערנט, אַליין און מיט זיינע תלמידים, און אויך געדאַוונט מיט אַ מנין.

לינקס פֿון גאונס קלויז מיטן שיינעם גאַניקל, באַדעקט מיט אַ שפּיציק דעכל, שטייט אַ קליין נידעריק הויז פֿון גרויס באַדייטונג. — דאָס בית־דין־שטיבל. דאָרט זיצן דיינים (דאַיאָנים), צו וועלכע מ'קומט מיט דין־תורות (משפּטים לויטן יידישן דין). ווייטער לינקס איז די אָפֿענע זייט שול־הויף, וואָס איז, ווי שוין פֿריער דערמאָנט, פֿאַרנומען פֿון הענדלער־קעס מיט עסנוואַרג. הינטער זיי זעען זיך הייזער פֿון דער מערבֿ־זייט יידי־שער גאַס.

רעכטס פֿון גאונס קלויז זעט זיך די קבֿרנישע קלויז פֿון דער חבֿרה קדישא. אַרום אירע ברייטע טרעפּ, דורך וועלכע מ'גייט צו איר אַרויף, איבער אַ קעלער־שטוב, שטייען און זיצן בעטלער און קאַליקעס, וועלכע באַקומען נדבֿות פֿון גרויסן עולם, וואָס גייט דאָרט כּסדר אַריין און אַרויס. די קבֿרנישע קלויז האָט אויך אַ פֿאַליש, וואו קליינע מנינים דאַוונען דאָרט איינער נאָכן אַנדערן אָן אַן אויפֿהער.

אַנטקעגן דער קבֿרנישער קלויז, צו מערבֿ־זייט, זעען זיך די געוועלבטע, מיט דעכער באַדעקטע, דורכגאַנגען, וואָס פֿירן פֿון גרויסן מזרחדיקן שול־הויף דורכן דורכהויף, צום קלענערן, מערבֿדיקן.

אויף דעם פּלאַץ צווישן דער גרויסער שול, דער קבֿרנישער קלויז, דעם דורכהויף, און די צוויי רייען הייזער, קאָנען זיך אויסשטעלן עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשן. דאָס האָב איך שפּעטער געזען ביי דער לוויה פֿון ר' שמואל־יאָסל פֿין *), נאָך וועמען מ'האָט געמאַכט הספּדים אויפֿן

---

*) שמואל־יאָסל פֿין (1818—1890), אַ למדן, אַ משכּיל און אַ נגיד, איז געווען הויך אָנגעזען אין ווילנע. איז געווען אַ גבאי אין דער גרויסער שול, אַ מחבר פֿון ניצלעכע ווערק, ווי „קריה נאמנה", אַ באַשרייבונג פֿון ווילנער גדולים; „האוצר", אַ העברייאיש־אַראַמייאיש ווערטערבוך; „כּנסת ישראל", ביאָגראַפֿיעס פֿון יידישע שרייבער און באַרימטע מענטשן; רוסישע גראַמאַטיק אין יידיש, א. אַז. וו. ער איז אויך געווען באַרימט ווי דער רעדאַקטאָר פֿון דעם ווילנער פּראָגרעסיוון העברייאישן וואָכנבלאַט און חודש־זשורנאַל אין די 60־ער און זיבעציקער יאָרן, אינספּעקטאָר פֿון דער ראַבינער־שול און אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן, דערצו אַ שותּף פֿון דער דרוקעריי און פֿאַרלאַג „פֿין, ראָזענקראַנץ און שריפֿטזעצער", וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַ סך מעשה־ביכלעך פֿון שמ"ר און אַנדערע דעמאָלט פּאָפּו־לערע יידישע שרייבער. שמואל־יוסף פֿין איז טאַקע געווען דער, וועלכער האָט באַוועגט שמ"רן אָנצוהייבן שרייבן מעשה־ביכלעך אין יידיש פֿאַר זיין פֿאַרלאַג.

שול־הויף. דאָס איז געווען, ווי שוין אַמאָל דערמאָנט, אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג אין מיטן חודש טבת. די פענצטער פון אונדזער שיעור און קלאָס איז אין דער פרי געווען פאַרפראָרן. די שויבן באַדעקט דיק מיט אייזבלומען. דורך דער קליינער דערעפענונג, געמאַכט מיט אַ קופערנער מטבעה, און מיט דער הילף פון וואַרעמען אָטעם, האָב איך געזען די דעכער פון „חסידס מנין" און דער קברנישער קלויז באַדעקט מיט שניי און באַצירט ביי די ברעגן מיט פרענדזן פון אייזיקע שפּיזן, שפּיזלען און נאָדלען. שפּעטער, בעת דער שול־הויף איז געוואָרן אָנגעפילט מיט מענטשן, האָט זייער וואַרעמקייט צעשמאָלצן דעם שניי און אייז. עס האָט געקאַפּעט פון די דעכער, און גערונען פון די פענצטער, וועלכע מיר האָבן געעפנט און איינגעהערט זיך צו די הספדים.

דער ריזיקער שול־הויף איז תמיד פול מיט מענטשן. אַ טייל גייען דאַוונען אָדער זאָגן תהלים אין פּאָליש פון דער גרויסער שול און אין קברנישער קלויז. אַנדערע גייען לערנען אין אַלטער און נייער קלויז, אָדער אין „חסידס מנין". אַ טייל ציט זיך צום בית־דין־שטיבל, צו זיין ביי די דאָרטיקע דין־תורות ווי קלעגער, פאַרטיידיקער, עדות, אָדער פּשוטע צוקוקער. עס קומען אויך מענטשן זיך טרעפן מיט באַקאַנטע און פריינט. אָנגעקומענע פון אַנדערע געגנטן, פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך גייען „אָנקוקן אויף חידושים" דעם שול־הויף, זיינע קלויזן און אַמאָל אויך די גרויסע שול, וואָס איז אינדערוואָכן געווינלעך מער פאַרמאַכט ווי אָפן.

תמיד אָפן איז דער פּאָליש פון דער גרויסער שול, וואָס איז אַלעמאָל געפּאַקט מיט דאַוונער און מיט תהלים־זאָגער. עס דאַוונען דאָרט מענטשן אַ מנין נאָך אַ מנין, פון באַגינען ביז 12 אַזייגער ביינאַכט. נאָכן לעצטן מעריב־דאַוונען, זאָגט מען דאָרט בציבור, אַלע צוזאַמען, אַ האַלבע שעה תהלים און נאָכדעם הויבט מען ווידער אָן „שחרית" (דעם פרימאָרגן־דאַווענען). טויזנטער קומען אַהין און אין דער קברנישער קלויז דאַוונען מיט אַ מנין, ווייל זיי האָבן יאָרצייט אָדער זיי זיינען אבלים און דאַרפן זאָגן קדיש. אַ סך יידן כאַפּן זיך אַריין דאַוונען, ווען זיי גייען פאַרביי דעם שול־הויף, דערהערן די באַקאַנטע ניגונים און דערזעען אַ געלעגנהייט אָפּצודאַוונען מנחה אָדער מעריב איידער זיי קאָנען עס, חלילה, פאַרגעסן. פאַראַן אויך אַזעלכע מענער און פרויען, וואָס קאָנען זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם תענוג אַריינצוכאַפּן נאָך אַ „קדושה", נאָך אַ פּאָר „אמנס" און נאָך אַ „יהא שמיה רבא."

דעם גרעסטן טומל אויפן שול־הויף מאַכן, פאַרשטייט זיך, די מחנות ווייבער, וואָס קומען „אָפּשרייען" אַ חולה מסוכן דורך וויינען און קלאָגן אין אַן אָפענעם ארון־קודש, אָדער דורך באַשטעלן אַ מנין יידן צו זאָגן תהלים פאַרן חולה. געווינלעך טוען זיי עס אין דער אַלטער אָדער נייער קלויז,

אין דורכהויף, וואו ס'זיצן מאַסן פּרושים און בטלנים, וועלכע ציען פון תהלים ניט בלויז רוחניותדיקע השפּעה, נאָר אויך גשמיותדיקע הכנסה און חיונה.

דער פּאָליש פון שול, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, אַזוי גרויס, ווי די צימערן פון אַלע אונדזערע שיעורים און קלאַסן צוזאַמען, האָט אָרט פאַר הונדערטער מתפּללים און תהלים־זאָגער. פאַראַן דאָרט אויך אַן ארון־קודש מיט ספרי־תורות; אַ שולחן, אויף וועלכן צו לייענען די תורה און אַן עמוד פאַר די בעלי־תפילות. פאַראַן דאָרט אויך אַ שמש, וועלכער לייט אויס תהילימס און סידורים, ווי אויך תפילין און טליתים צו די, וואָס פאַר־לאַנגען עס.

אַנטקעגן פּאָליש, ביי זיינע הויכע, גרויסע אויסגעפּלאַכטענע אייזערנע טויערן, שטייען אָדער זיצן אויף בענקלעך, שטולן, טאַבורעטקעס מוכרי־ספרים ביי טישלעך, אויף וועלכע עס ליגן צום פאַרקויפן, אַחוץ אַזאַ רומל, ווי סידורים, תהילימס, תחינות, בענטשערלעך, תפילת־הדרכס א. ד. גל., אויך ציצית, מזוזות, אויסגעפּלאַכטענע הבדלות, כתובות, שיר־המעלותן, „וואָלף־ציינדלעך", אלף־ביתן, חומשים, תפילין, ווי אויך מוסר־ספרים און פרומע מעשיות, און אַמאָל אויך היינטוועלטיקע מעשה־ביכלעך. איי־נער אַזאַ מוכר־ספרימניק האָט אפילו געהאַלטן אַ טישל אינווייניק אין פּאָליש פון קברנישער קלויז.

לינקס פון פּאָליש ביים אָפענעם אַרויסגאַנג צו דער יידישער גאַס איז, ווי שוין פריער דערמאָנט, דער פּלאַץ פון די פאַרקויפערינס, הענדלערקעס, אָדער מאַרק־ווייבער, מיט זייערע קאָשיקעס געבעקס און פּרוכט; טעפּ מיט קאַשע, אַרבעס, בעבלעך און רייז, רעטשיניק א. ד. גל.

רעכטס פון פּאָליש איז דער פריער דערמאָנטער דורכהויף, אויף וועלכן מ'קלעפּט אויך אָן אַלערליי קהלשע מודעות און „קול־קוראס" (אויפרופן), און וואו עס געפינען זיך די פריער דערמאָנטע „אַלטע קלויז" און „נייע קלויז."

דער מערבדיקער טייל שול־הויף זעט מיר אויס צו זיין אַ שטילער רואיקער פּלאַץ. כ'בין דאָרט פאַרבייגעגאַנגען די גרויסע קלויז פון דער חברה „פ"צ" *); דאָס קלייזל פון די מאַלער; דאָס שטיבל פון די לעכעווי־צער חסידים, דעם מרחץ — די יידישע באָד מיט די מקווהס; די ציכטיק־געהאַלטענע קהלשע אָפּטרעטס — אין אַ גרויסן ליכטיקן און לופטיקן מויער, וואו ס'געפינען זיך אַ צאָל באַדינער, ווי אויך אַ רייע אַנדערע אַנשטאַלטן

*) „פּועלי צדק" — פרומע באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן זייערע אייגענע וואָרשטאָטן, וואו זיי אַרבעטן אַליין מיט זייערע הויזגעזינטן, אָדער מיט אַרבעטער און לערן־יינגלעך.

און קהלשע בנינים, צווישן זיי אויך די „צדקה־גדולה", וואָס האָט צו זאָגן איבער דער גרויסער שול און איבער אַלץ, וואָס געהערט צום קהל.

איך האָב אָפּגערעדט מיט מאַנישקע ניסנס פון מושניק און מיט עט־לעכע אַנדערע ישיבה־קינדער, צו באַקוקן צוזאַמען די גרויסע שול, ווי אויך די קלויזן און קלייזלעך איןביידע שול־הויפן. דערווייל אָבער קוק איך אויף זיי פון דרויסן, אָדער דורך די פענצטער פון דער קאַזיאָנער ישיבה.

מיט פיר וואָכן שפּעטער, קום איך ווידער צו קבלת שבת ביי מיין ראש־ישיבה ר' אליהו פּנחס אין שטוב. ווידער האָב איך הנאה נאָר פון די קינדערשע געזאַנגען „לכו נרננה" און „לכה דודי", אָבער ניט פון רבינס דרשה (אגב, די עלטערע יינגלעך זאָגן, אַז ער נעמט דאָס פון אלשיכס פּירוש אויף חומש). ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם ערשטן פּסוק פון דער סדרה פון וואָך „פּרשה ויצא", וואָס דערציילט, אַז יעקב איז אַוועק פון באר־שבע און איז געגאַנגען קיין חרן — צו זיין פעטער לבן, אויף דער אַנדער זייט ירדן. ר' אליהו פּנחס האָט דערקלערט, אַז „יעקב" מיינט די „נשמה", און דאָס איז דער סוד פון דעם מאמר אין דער גמרא, אַז יעקב אבינוס פּנים איז אויסגעקריצט אויפן „כסא־הכבוד" (דעם אויבערשטנס טראָן־שטול). „באר־שבע", ווידער, מיינט, דער זיבעטער הימל, וואו ס'גע־פינט זיך דער „אוצר פון די נשמות". נאָכדעם האָט ר' אליהו פּנחס פאַר־טייטשט דעם פּסוק, אומגעפער אַזוי:

— די נשמה האָט פאַרלאָזן דעם זיבטן הימל. זי איז אַרונטערגעשיקט געוואָרן אויף דער ערד, אין דער „שפלער וועלט" פון „חרון־אף" — בייז־קייט און קריג.

מיר זיינען אָבער ליבער די מעשיות וועגן יעקב אבינו, אַט אַזוי ווי זיי ווערן דערציילט אין חומש.

מער הנאה פון ר' אליהו פּנחסעס פּילפּול האָב איך געהאַט ביי אַ שלוש־סעודות אַ פּאָר וואָכן שפּעטער. ער האָט דעמאָלט אויסגעפּילפּולט פון דעם ערשטן פּסוק פון דער סדרה „וישב" — יעקב אבינו באַזעצט זיך אין זיין עלטערנס היים אין לאַנד כנען, — אַז דערפון איז געדרונגען, אַז מ'דאַרף ניט אָנצינדן קיין חנוכה־ליכטל אויף אַ פּלאַץ העכער פון צוואַנציק איילן...

אַ טייל זיינען געוואָרן אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט פון אַט דעם קונציקן פּילפּול, אַז זיי האָבן געבעטן נאָך. ר' אליהו פּנחס האָט דעמאָלט אַ צווייטן פּילפּול פאַר אונדז. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער מעשה אין דער גמרא וועגן אַ סעודה פון תלמידי חכמים. ס'ווערט דאָרט דערציילט, אַז ר' נחמן האָט געבעטן ר' יצחקן זאָגן דערביי תורה. האָט יענער געענטפערט: ר' יוחנן האָט אָנגעזאָגט ניט צו ריידן ביים עסן, ווען די שפּייז קאָן אַריין אין לינקן קעל און שטעלן דעם רעדנער אין סכנה. ווען ר' יצחק האָט אָפּ־

געגעסן, האָט ער באַמערקט: אַזוי האָט געזאָגט ר׳ יוחנן: יעקב אבינו איז ניט געשטאָרבן.

פון אָט דעם שטיקל גמרא האָט אונדזער רבי אויסגעפּלאָכטן קונציק זיין צווייטן פּילפּול. ס׳איז אויסגעקומען, אַז דאָס ניט ריידן ביים עסן און יעקב אבינוס ניט שטאַרבן דרינגען ביידע אַרויס איינע פון די אַנדערע.

ווי אַלעמאָל האָט דער שלוש־סעודות און דאָס מלוה מלכה (אַרויסבאַ־גלייטן די מלכה שבת) זיך פאַרענדיקט מיט געזאַנג. אַחוץ די שטענדיקע מוסר־ניגונים: ״ד׳ רועי לא אחסר״, „עקביה בן מהללאל״ א. ד. גל. האָט מען דאָס מאָל געזונגען אויך פריילעכע חנוכה־מעלאָדיעס. מיר האָבן אויך געהאַט פון וואָס פריילעך צו זיין. אונדז איז שוין געווען באַקאַנט, אַז קו־מענדיקע וואָך וועלן מיר הערן דעם ווילנער שטאָט־חזן קאַהאַן, צוזאַמען מיט זיינע משוררים, בענטשן חנוכה־ליכט און אָפּגעבן קאָנצערט אין דער גרוי־סער שול.

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

אין ווילנער גרויסער שול

די ווילנער גרויסע שול זעט מיר אויס צו זיין גרעסער אינווייניק, ווי קוקנדיק אויף איר פון דרויסן. דאָס האָב איך באַמערקט שבת־מברכין, ווען מ׳האָט געבענטשט ראש־חודש כסלו. דער ווילנער שטאָט־חזן, קאַהאַן, האָט יענעם שבת געדאַוונט אין שול מיט זיין כאָר. פון אַלע זייטן שול האָבן געשטראָמט מענטשן צו דער שול. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז זי וועט ניט קאָנען אַלעמען אַרייננעמען. ווען איך בין אָבער צוגעקומען צו די טרעפּ, דורך וועלכע מען גייט אַריין פון פּאָליש אין שול, האָב איך איינגעזען, אַז ס׳איז נאָך דאָ אין איר אָרט פאַר נאָך אַ סך מענטשן.

נאָכמער ווי איר גרויסקייט, אימפּאָנירט מיך איר שיינקייט אינווייניק. כ׳ווער ניט מיד צו קוקן אויף איר געוועלבטן העל־בלויען סופיט, מיט זיינע זילבערנע שטערן, וואָס זעט אויס ווי דער אויסגעשטערנטער הימל סוף חודש אלול, ווען מ׳גייט צו סליחות. איך באַוואונדער די פיר קאָלאָסאַלע קיילעכדיקע זיילן אין איר מיטן, מיט זייערע פיינע קאַרניזן — (געזימסן) פון אויבן. מיר דוכט, זיי האַלטן אויף זיך דעם גאַנצן סופיט פון דער גרוי־סער שול. אַרום יעדן איינעם שטייען זעכצן ברייטע ״שטעט״ (זיץ־פּלעצער), צו פיר פון איין זייט. לויט מאַנישקעס חשבון, קאָנען אַרום יעדן זייל זיך אויסשטעלן פיר מנינים דערוואַקסענע מענטשן. מיר באַוואונדערן אויך די דיקקייט פון די ווענט פון שול, וואָס האָבן ניט צו זיך קיין גלייכן אין קיין ווילנער בנין. עלטערע יינגלעך זאָגן, אַז די ווילנער גרויסע שול איז טאַקע

געבויט געוואָרן צו זיין אויך אַ „קרעפּאָסט" — אַ פעסטונג, זיך צו באַ־שיצן קעגן שונאים.

אַנטציקט בין איך פון דער בימה און באַלעמער, מיטן פּראַכטפולן בלויען קופּאָל, אינמיטן פון די פיר ריזיקע זיילן. די בימה זעט אויס אין מיינע אויגן ווי אַ באַזונדער בנין, געמאַכט דעליקאַט און צירלעך, אין דער פאָרם פון אַ בית־המקדשל, און אַוועקגעשטעלט אונטערן שוץ פון ריזן. דאָך איז די בימה גרויס געגנוג, עס זאָלן זיך קאָנען אויסזעצן אויף איר צענדליקער מענטשן.

דער פּאָל פון שול איז אַ שטיינערנער. די ווענט זיינען געטינקעוועט. כ׳קאָן ניט זען צי זיי זיינען געמאַכט פון שטיין אָדער פון געברענטע ציגל. דער קאָליר פון זייער טינק איז פון מירמלשטיין, אָדער עלפּאַנטביין. מען דערציילט דאָ טאַקע, אַז דער טינק פון דער ווילנער גרויסער שול איז גע־מאַכט געוואָרן ניט מיט וואַסער, נאָר מיט ווייסלעך פון אייער...

מיט באַזונדער אינטערעס הערן מיר אויס די מעשיות וועגן די משפטים צווישן די ווילנער יידן און די טראָקער קאַראַאימער: ווער ס׳האָט אויס־געבויט די ווילנער גרויסע שול און צו וועמען זי געהערט. מיר האָבן שטאַרק הנאה פון דער מעשה מיט דעם ווילנער יידישן גיבור, וועלכער העלפט מיט זיין גבורה די יידן געווינען דעם משפט.

די קאַראַאימער האָבן פאַרזיכערט, אַז פון דער ווילנער גרויסער שול ציט זיך אַ הייל צו זייער ישוב אין טראָקי, אָדער „טראָק" *), ווי מיר רופן עס אָן. די ריכטער, דערציילט מען, האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ גענוגענ־דיקן באַווייז און שוין געהאַלטן ביים אַרויסגעבן דעם פּסק־דין, אַז די שול געהערט צו די קאַראַאימער. פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן דער ווילנער יידי־שער גיבור מיט די צוויי שווערע אייזערנע טירן פון שול אין זיינע הענט. ער האָט געזאָגט צו די קאַראַאימער:

— איר טענהט דאָך, אַז די ווילנער גרויסע שול געהערט צו אייך, טאָ זייט מוחל, נעמט צו פון מיר אירע טירן און שטעלט זיי אַוועק צוריק אויף זייער אָרט...

פּחד באַפאַלט דעמאָלט די קאַראַאימער. זיי אַנטלויפן מיט בושה און חרפּה צוריק קיין טראָק. אַ גרופּע רייכע קאַראַאימער בויען זיך אויס שפּע־טער אַ קליין שולכל אין ווילנע. זיי דערמאָנען שוין אָבער ניט מער זייערע פּרעטענזיעס אויף דער ווילנער גרויסער שול.

די מעשה וועגן דער הייל אין ווילנער גרויסער שול האָט מיך און אַ

---

*) ווי ס׳זאָגט זיך אין דעם ווערטל: „כ׳הער דיך ווי אין „טראָק", וואו עס וואוינען קאַראַאימער און דער יידישער קהל האָט דאָרט קיין שום דעה ניט.

פּאָר פון מיינע חברים געבראַכט איינמאָל אין אַ סכנה. מיר זיינען געווען זיכער, אַז דער סקליעפּ לעבן „אליהו־הנביאס שטול“ אין צפון־מערב ווינקל פון שול איז דער אַריינגאַנג צו דער הייל, וואָס פירט קיין טראָק. מיר האָבן דעריבער אָפּגעמאַכט אַרונטערצוגיין זען, ווי אַזוי די הייל זעט אויס, און, פּאַראיינס טאַקע פּרוּוון גיין דורך איר קיין טראָק...

כדי דורכצופירן אונדזער פּלאַן האָבן מיר ביים סוף פון אַ דאַווענען זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון שול ביז דער שמש האָט זי פאַרשלאָסן. מיר גייען נאָכדעם אַרויס פון אונדזער באַהעלטעניש און נעמען זיך גרייטן צו עפענען דעם אַריינגאַנג צו דער הייל.

צו אונדזער שלימזל, אָדער, צום גליק, ווי דער שמש זאָגט, איז דער שמש גראָד דעמאָלט אַריין אין דער ווייבערשער שול, וואָס איז צוגעבויט צו דער צפון־זייט. דורך די שמאָלע פעסטונג־שפּאַרונעס אין יענער וואַנט האָט ער דערהערט אונדזערע טריט. ער לויפט תיכף אַרונטער צום פּאָליש און שליסט אויף די אייזערנע טיר פון שול. ער באַטראַכט דאָס פּאַר אַ נס, וואָס ער האָט אונדז געכאַפּט איידער מיר האָבן באַוויזן זיך אַרונטערצולאָזן אין סקליעפּ. יעדן פון אונדז דרייט ער אָן רעכט דעם אויער. מיר זאָלן, זאָגט ער, גוט געדענקען, אַז מיר זיינען געווען אין סכנה דערשטיקט צו ווערן אין גרוב, און קיין „מוטער מענטש“ זאָל אפילו ניט וויסן, וואו אונדזער געביין איז אַהינגעקומען...

דער שמש, אָדער דער אונטער־שמש, פלעגט אונדז אויך ניט לאָזן אַרומקריכן אויפן בוידעם, וואו מיר האָבן דער עיקר געזוכט: ערשטנס, דאָס קעסטל הייליקע ספרים, וואו ס'איז פאַרשריבן דער „קץ“ (קעץ) — צווייטנס, דעם „ליימענעם גולם“, וואָס האָט אַמאָל געלעבט דורך אַ „שם“ אין זיין „מח“ און געטאָן נוצלעכע אַרבעט פאַר דער שול. שפּעטער אָבער, ווען ער טוט אָן שאָדן, נעמט מען פון אים אַוועק די „קדושה“ און עס בלייבט פון אים נאָר אַ שטיק ליים, וואָס מ'האָט באַהאַלטן אויפן בוידעם...

דער „ליימענער גולם“, דערציילט מען, האָט אָנגעטאָן שאָדן צוליב דעם, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין אייגענעם שכל. ס'האָט פּאַסירט, אַז מען האָט אים געהייסן אָנגיסן וואַסער אין האַנט־פאַס ביים שול, האָט ער ניט אויפגעהערט צו גיסן שעה'ן נאָכאַנאַנד און האָט פאַרפלייצט דעם גאַנצן שול־הויף.

דעם שמש האָבן מיר קיינמאָל ניט געזאָגט, וואָס מיר זוכן אויפן בוידעם. ער וואָלט אונדז סיי־ווי ניט אַרויפגעלאָזט. מיר זיינען פאַר אים געווען נאָר „אומרוס“ און „ווילדע“, וואָס „וואַקסן, וואו מ'פאַרזייט זיי ניט“. און „טוען נאָר אָן צרות“. ער האָט מיט רעכט, מורא געהאַט, אַז מיר וועלן דורכן בוידעם אַרויפגיין אויף די דריי אַלטע הילצערנע גאַלעריעס, אין מזרח־זייט פון שול, וואָס קומען אַרויס אויף דער יידישער גאַס. ער האָט אונדז

טאַקע אויך געוואָרנט, אַז מיר קאָנען דאָרט, חלילה, געניזוקט ווערן, און וואָס פאַר אַ גרויסע עבירה דאָס איז צו שטעלן דאָס לעבן אין סכנה. אונדז אָבער האָבן אַהין געמאַניעט די דערציילונגען, אַז אַמאָל פלעגט דאָרט, פרייטיק־צו־נאַכט, פרשה „בהעלותך", געמאַכט ווערן גרויסע „אילומינאַציעס". אויף אַלע דריי גאַלעריעס זיינען דעמאָלט געווען אָנגעצונדן אַ סך ליכט, וואָס האָבן באַלויכטן ניט נאָר די יידישע גאַס, נאָר אויך די אַרומיקע גאַסן; אַז אויף דער העכסטער גאַלעריע איז געשטאַנען אַ ריזיקער אָדלער פון מעש אָדער קופער, וואָס האָט שטאַרק געגלאַנצט, ווען די זון האָט גע־שיינט אויף דער שול.

מ'זאָגט, אַז די שונאים פון יידן האָבן געפּועלט ביי נאַטשאַלסטווע, צו פאַרבאָטן די אילומינאַציעס און אַרונטערנעמען דעם אָדלער, כדי קיינער זאָל ניט מיינען, אַז די יידישע שול איז הויך אָנגעזען ביי דער מלוכה.

ווען דער שמש יאָגט אונדז ניט אַרונטער פון בוידעם וואָלטן מיר, ווי מיר האָבן געהאַט אינזינען, זיך ניט באַנוגנט מיטן אַרויפגיין אויף דער העכסטער גאַלעריע. מיר וואָלט אויך געפּרואווט פון דאָרט אַרויפקלעטערן אויפן דאַך, כדי אָנצוטאַפּן מיט די אייגענע הענט די האַרמאַטן־קויל, וואָס איז דאָרט איינגעמויערט. מיר האָבן אָבער געמוזט זיך באַנוגענען מיט די ניט גאָר זיכערע מעשיות וועגן איר.

מיט יראת־הכבוד (ערפורכט) באַטראַכטן מיר ביים אַרונטערגיין פון פאַליש די פופצן ברייטע שטיינערנע טרעפּ, קעגן די פופצן „שיר המעלותן" (טרעפּ־געזאַנגען). מיר ווייסן, אַז צו דער גרויסער שול דאַרף מען אַרונ־טערנידערן, ווי אין אַ טיפן טאָל, כדי תפילה צו טאָן, ווי מ'זאָגט אין עלפטן שיר המעלות: „ממעמקים קראתיך" (פון די טיפענישן רוף איך דיך).

פוןביידע זייטן טרעפּ שטייען שטאַכעטן, אַריינגעשטעלט פון אויבן אין קיילעכדיקע מעשענע פאַרענטשעס. ביי אונדזער גאַנצן רעספּעקט פאַר דער גרויסער שול קאָנען מיר ניט ביישטיין דעם יצר־הרע, ניט אַרונטער־צוגליטשן זיך פון טיר ביזן פאָל אויף די גלאַטע בלישטשענדיקע פאַרענ־טשעס. פאַרשטייט זיך, אַז ניט ביים דאַוונען און ניט ווען דער שמש קאָן עס זען...

די ווילנער גרויסע שול איז פול מיט מעשענע הענג־לייכטער. אַחוץ איינעם, הענגען זיי אַלע אַרונטער פון דעם הויכן געוועלבטן סופיט. איינער, דער אויסנאַמדיקער, אויסערגעוויינלעך גרויס, שטייט אויף אַ מעכטיקן, געטינקעוועטן און באַמאָלטן פונדאַמענט פון שטיין אָדער ציגל. ער שטייט נאָענט פון דער גרויסער זיבן־רעריקער מנורה אַנטקעגן ארון־קודש, אין דרום־זייט פון עמוד — מיר נעמען אָן, אַז מ'האָט אים דאָרט אַוועקגעשטעלט, ווייל ער איז צו שווער אויף צו הענגען, מחמת מורא ער זאָל ניט אַרונטער־רייסן אַ טייל פון דעם סופיט און שטעלן אין סכנה די מענטשן אונטן.

פרייטיק־צו־נאַכט ברענען ליכט אין אַלע הענג־לייכטער, אין די קליי־נע, ווי אין די גרויסע. די ליכט ברענגען צו טראָגן פרויען, דאָס רוב האָ־רעפּאַשניצעס, פון סאַמע פּשוטן פאָלק. זיי צינדן זיי אַליין אָן, און זייערע פּנימער שיינען דערביי פון באַגייסטערונג און התלהבות.

דעם גרעסטן דרך־ארץ האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, פאַר דעם ארון־קודש. מ׳גייט צו אים אַרויף און אַראָפּ דורך צוויי באַזונדערע טרעפּ. זיינע קונסטפול־באַצירטע אייזערנע טירן זיינען פאַרהאַנגען מיט שיין־אויסגע־האַפטענע פּרוכתן. אַ פּאָר מעכטיקע חיות פון אויבן האַלטן די צוויי לוחות. אין אַ שבת אָדער אַ יום־טוב נעמט מען פון אים אַרויס איינע פון זיינע רייך־פאַרפּוצטע ספרי־תורות, אָנגעטאָן אין מענטלעך פון סאַמעט און זיידנס, באַהאָנגען מיט טאַוולען און ידן (טאַיטלען) פון זילבער און גאָלד, און מיט קרוינען פון אויבן, אין וועלכע עס זיינען איינגעפּאַסט קאָסטבאַרע איידל־שטיינער פון פאַרשיידענע קאָלירן.

צווישן ביידע ציילן טרעפּ צום ארון־קודש שטייט אונטן דער עמוד. ווען דער שטאָט־חזן דאַוונט, שטייען אויף די טרעפּלעך זיינע משוררים. אינדערוואָכן באַווייזן מיר אַמאָל זיך צו שטעלן דאָרטן און באַטראַכטן אַלץ פון נאָענטן. כ׳בלעטער דעמאָלט אויך דעם גרויסן שווערן סידור, וואָס ליגט אויפן עמוד. זיינע בלעטער זעען מיר אויס ווי פּאַרמעטן און די אותיות, ווי געשריבן פון אַ סופר. פאַראַן אויך אין אים אַזוינע תפילות, וואָס זיינען ניטאָ אין די געדרוקטע סידורים. דער דאָזיקער זעלטענער סידור געהערט מסתמא צו דער „חברה שומרים לבוקר" (באַגינען־דאַוונער), אָדער צו דער „חברה תהילים", וועלכע זיינען דאָרט די שטענדיקע דאַוונער אין די וואָכן־טעג.

קאַפּיטל ניין און דרייסיק

אין ווילנער גאונס קלויז

אין ווילנער גאונס קלויז, אָדער „חסידס מנין", ווי ס׳הייסט אויך, איז באַזונדערס ריין און ציכטיק. די געטינקעוועטע ווענט זיינען גלאַזירט און קוקן אויס ווי פּאָרצעלייענע.

אַ ספרים־אַלמערל, וואָס שטייט אין דער לינקער זייט קלויז, ביי דער צפון־וואַנט, ווערט באַטראַכט, ווי דעם ווילנער גאונס „שטאָט" (זיץ־פּלאַץ). איבער דעם אַלמערל איז אויף אַ הילצערנעם טאָוול, אויף דער וואַנט, באַ־שריבן דעם גאונס גרויסקייט און וויסן.

אַרום אַ לאַנגן טיש, ביי דער דרום־וואַנט פון קלויז, זיצן תמיד אַ מנין עלטערע יידן און לערנען גמרא. אויף די בענק ביי מזרח־וואַנט, ווי אויך

ביי דער צפון־וואַנט, און אינמיטן קלויז, זיצן אָדער שטייען איינציקע לומדים ביי אָפענע גמרות אָדער פוסקים, וואָס ליגן אויף שטענדערס. דאָרט זיצן אויך, איינציקוויַיז און אין פּאָרלעך, ישיבה־קינדער און ישיבה־בחורים, ווען זיי האָבן אַ „משמר" (מישמער), אַ וואַך־נאַכט, זי אָפּצוגעבן אינגאַנצן פאַר תורה.

ביי מיין משמר דאָנערשטיק ביינאַכט, ווי אויך אין יעדער אַנדער צייט, ווען איך לערן דאָרט, זעץ איך זיך אויף אַ פּלאַץ נאָענט פון דעם גאונס שטאָט. אַמאָל דוכט זיך מיר אָפּ, אַז אָט שטייט ער דאָרט, מיט זיין ליכטיק פּנים און פיינער ווייסער באָרד, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, און ער פאַרצייכנט מיט אַ גענדזענער פעדער אויף אַ בלעטל פּאַפּיר, זיינע גאונישע „הגהות" (אָנמערקונגען). אַריינקוקן אין אַ ספר דאַרף ער ניט מער. ער קען דאָך אַלע יידישע ספרים, לומדישע און וויסנשאַפטלעכע, אויף אויסוויניק. ער קען זיי אַלע איבערזאָגן ווערטערלעך, פון אָנהויב ביזן סוף, און אויך אויף צוריק, — פון סוף ביזן אָנהויב.

ווען מיר האָבן אַ משמר זאַלבענאַנד, ברעכן מיר אונטער אַמאָל אויף אַ וויַיל דאָס לערנען און דערציילן זיך מעשיות וועגן דעם ווילנער גאונס אומפאַרגלייכלעכער לומדות, וויסן און ערלעכקייט. מיר שמועסן אויך וועגן זיין אָפּריכטן גלות, זיין וואַנדערן איבער שטעט און שטעטלעך אין פאַר־שיידענע מדינות. ער באַוויַיזט זיך אויסצוהיטן פון קריגן כבוד: למשל, לומדים גייען אַריין אין התפעלות פון זיינער אַ באַמערקונג, הערנדיק זיין לערנען. נאָר איידער זיי קוקן זיך אַרום, איז ער שוין ניטאָ. פּראָפעסאָרן פון מאַטעמאַטיק ווערן פאַרכאַפּט פון זיינע מאַטעמאַטישע איינפאַלן. זיי פלאַנען אים צו הערן, אָבער ער פאַרשווינדט נאָך איידער זיי דערוויסן זיך אפילו זיין נאָמען. ער מיידט אָבער ניט אויס ליידן הונגער און בזיונות, און אפילו ווערן געשלאָגן. ער גייט אַריין צו אַ סעודה פאַר אָרעמע לייט. ביים אַרויסגאַנג זוכן אונטער די משרתים, צי קיינער פון אָט די לייט האָט עפּעס וואָס ניט צוגעגנבעט. אַ גנב פון אַ זילבערנעם לעפל שטעקט עס דעמאָלט אויף גיך אַריין אין גאונס קעשענע. דער ווילנער גאון ווייס, ווער דאָס האָט געטאָן. ער וועט דאָך אָבער ניט פאַרשעמען אַ מענטשן. ליידט ער בזיונות און יסורים, אָבער זאָגט גאָרניט.

מיר דערציילן זיך אויך מעשיות וועגן זיין קלוגשאַפט:

— חברים פון זיין תלמיד שלמה־זלמן מעלדן דעם גאון, אַז יענער איז קראַנק. זיי האָבן אים איינגעלאַדן צו זייער אָנבייסן, האָט ער זיי געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר האָט אים פאַרבאָטן צו עסן. באַמערקט דערצו תיכף דער גאון, אַז אָט דער דאָקטאָר איז געוויס דער רמב"ם, וועלכער הייסט ניט עסן פון אַ קאַרגן מאַלצייט, וואָס איז ניט גענוג פאַר זיינע אייגנטימער...

— אַ ייד ווענדט זיך צום גאונס יוגנטלעכע תלמידים מיט אַ שאלה:

אַזוי ווי ער איז אַ כהן, צי מעג ער נעמען אַ גרושה? זיי לאָכן זיך פאַנאַנדער: אָט אַ „בור דאוריתא" (וואָס ווייס אפילו ניט אַזאַ בפירושן דין אין חומש, אַז אַ כהן טאָר ניט נעמען קיין געגטע פרוי פאַר אַ ווייב). ווען דער גאון דערהערט פון וואָס זיי לאַכן דערקלערט ער תיכף דעם יידן, אַז ער מעג נעמען די גרושה — זי צו פירן אין זיין באַלעגאָלישער בויד...

מיט אַ באַזונדער הנאה דערמאָנען מיר זיין באַוואוסטן ווערטל: „וויל נאָר (ווערסטו זיין אַ) גאון". מיר גלויבן, אַז מיר ווייסן גענוי דעם אָרט וואו דאָס האָט פאַסירט: יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג איז דער גאון געגאַנגען אין מרחץ. ער גייט דורך צוליב דעם די גאַנצע לענג פונעם שול־הויף, פון זיין לערן־שטיבל, אָדער פון דעם „מנין" ביז צו דער יידישער באָד. יונג און אַלט באַלאַגערט דעמאָלט אָט דעם גרויסן פלאַץ, כדי אָנצוקוקן דעם באַליבטן גאונס פנים. אַ דאָרף־יונג שפּאַרט זיך דורך מיט זיינע שטאַרקע עלנבויגנס ביז צום גאון און פרעגט אים ווער איז דאָ דער ווילנער גאון? דער גאון קוקט אים אָן מיט זיינע קלוגע אויגן און באַמערקט: „וויל־נאָר — גאון!" מיר גיבן נאָך צו דעם צו אַ „גוטן סוף": דער דאָרף־יונג נעמט זיך שטאַרק צום לערנען און ווערט מיט דער צייט אַ „גדול בישראל", אַ גרויסער למדן...

פון מיין זייט דערצייל איך מיינע חברים, וואָס מיין טאַטע, ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז איצט זיינען שוין ניטאָ מער קיין שדים. דער ווילנער גאון האָט זיי אַלע פאַרטריבן.

איין טאָג בין איך אַריין אין גאונס קלויז מיטאָג־צייט, און געטראָפן דאָרט יינגלעך אַרומשטיפן. כ'האָב דאָס באַטראַכט פאַר אַ חלול הקודש, אַ פאַרשוועכונג פון הייליקייט, און עס ניט געוואָלט צוזען. דערוויל באַמערק איך, ווי אַן אַלטער דאַרער ייד, מיט אַ גרוי בערדל בעט זיך ביי די שטיפער זיי זאָלן גיין קויפן פאַר אים שמעק־טאַבאַק. זיי לאַכן זיך אָבער אויס פון אים. פאַרדריסט עס מיך. באָט איך זיך אַליין אָן צו גיין פאַר אים דעם גאַנג. דערלאַנגט ער מיר זיין טאַבאַקערקע, וואָס איר דעק איז געמאַכט פון האָלץ און די ווענטלעך פון קאָרע; ער גיט מיר אַ גרויסן אָפגעריבענעם קופערנעם „פייעם" (דריי גראָשן), און מאָלט מיר אָפּ, וואו די טאַבאַטש־ניצע וואוינט. איך לויף צו אַהין, גיי אַריין אין אַן אונטערשטער דירה, לינקס פון דעם טויער. אַ נידעריקע אַלטיטשקע, אין אַ פאַרוק, פרעגט מיך וואָס איך דאַרף. כ'ווייז איר די טאַבאַקערקע. ווייס זי שוין וועמעס דאָס איז און וואָס איך וויל. זי פרעגט נאָר, צי דער אַלטער האָט מיר מיטגעגעבן אַ „פירער" (פיר גראָשן — צוויי קאָפּיקעס). פרעג איך צוריק: צי דאָס מיינט פאַר אַ פולער טאַבאַקערקע? זאָגט זי: ניין! אַ פולע דאַרף קאָסטן אַ גאַנצן „זעקסער" (זעקס גראָשן — דריי קאָפּיקעס). גיב איך עס איר. קוקט זי אויף מיר מיט אַ שמייכל און פילט אָן די טאַבאַקערקע מיט אַ קויפּ.

ווען כ'קום צוריק אין גאונס קלויז און דערלאַנג דעם אַלטן זיין טאַבאַקערקע, און ער נעמט אַ שמעק טאַבאַק, פרעגט ער מיך תיכף: וואו און

וואָס כ׳לערן? ער פירט מיך נאָכדעם צו צום האַנט־פּאַס, הייסט מיר זיך וואַשן די הענט, ווייל מיר וועלן אַרויפגיין די טרעפּלעך צום גאונס חדר־מיוחד. באַפאַלט מיך אַן אימה, נאָר אַנטלויפן וואַג איך ניט. גיי איך אים נאָך אויף די טרעפּלעך, אין צפון־זייט פון האַנט־פּאַס, ביז צו דער טיר פון קאַמער. ער עפנט זי אויף און שטופּט מיך אַריין אינעווייניק. דאָרט לייגט ער אַרויף זיינע הענט אויף מיין קאָפּ און זאָגט אַ תפילה. נאָכדעם פרעגט ער מיך מיין מאַמעס נאָמען און איז ווידער מתפּלל, און בענטשט מיך צו וואַקסן אין תורה און מעשים־טובים.

שפּעטער אַ ווייל דערוויס איך זיך דורך איינעם פון די צען לומדים,ביים לאַנגן טיש, אַז דער אַלטער, וואָס האָט מיך אַריינגעפירט אין גאונס חדרל, איז דער „יאַשונער רב״, וועלכער האָט אַ נאָמען פון אַ „גוטן ייד״. ווייבער פאָרן צו אים קיין יאַשון, אַן אייזנבאַן־סטאַנציע, נאָענט פון ווילנע, ווי צו אַ „בעל־שם״, נאָך עצות און סגולות. אַ סך ווילנער מאַמעס פירן צו אים בענטשן זייערע קינדער, ווען ער קומט אין שטאָט. איך שרייב דערייבער אַהיים, אַז דער יאַשונער רב האָט מיך געבענטשט, און נאָך דערצו אין ווילנער גאונס קאַמער. מיין עלטערע שוועסטער טיילט מיר מיט נאָכדעם, אַז אונדזער מאַמע איז שטאַרק צופרידן דערפון. זי האָפט, אַז זיין ברכה וועט מקוים ווערן.

אין איינער פון די מעשיות, וואָס איך הער ווינטער, 1889, וועגן ווילנער גאון, ווערט דערציילט, אַז דער וויצלינג מאָטקע חב״ד (כאַבאַד) איז געווען צווישן זיינע תלמידים. ער שטערט אָבער מיט זיינע וויצן דאָס לערנען. זאָגט דער גאון, אַז מאָטקע פאַרמאָגט חב״ד (חכמה, בינה, דעת — קלוג־שאַפט), נאָר קיין למדן וועט ער שוין ניט זיין.

עלטערע יידן זאָגן מיר, אַז דאָס איז אַ בבא־מעשה: מאָטקע חב״ד איז געבאָרן געוואָרן עטלעכע צענדליק יאָר נאָכן גאונס טויט און האָט ניט געקאָנט זיין קיין תלמיד זיינער. מאָטקע חב״דס וויצן געפעלן מיר אָבער סיי־ווי־סיי. באַזונדערס די, וועגן דעם ווילנער גביר און תקיף יודל אָפּאַטאָוו. יעדעס מאָל ווען איך גיי פאַרביי אָפּאַטאָווס אַ מויער, אָדער אַ קלויז, וואו ס׳איז אויך דאָ אַ געהיימע ישיבה, דערמאָן איך זיך זיין תקיפות קעגן וויל־נער יידן און די שטוקעס, וואָס מאָטקע חב״ד האָט אים דערפאַר אָפּגעטאָן.

איינמאָל באַשליסט קהל עפּעס וואָס קעגן אָפּאַטאָווס ווילן. זאָגט ער זיך אָפּ צו פאָלגן. ווען מ׳דערמאָנט אים דעם דין, אַז אַ יחיד דאַרף זיך אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון רבים, ענטפערט אָפּאַטאָוו גראָב: „ישקני" (קושט מיך...).

אַזאַ גראָבקייט קעגן אַן אסיפה פון קהל, אויף וועלכער עס זיינען געזעסן אָנגעזעענע לומדים און חשובע כלל־טוער, האָט אַלעמען שטאַרק אויפגע־רעגט. קיינער האָט אָבער ניט געוואָלט זיך אָנהויבן מיטן תקיפן גביר, וואָס האָט הינטער זיך אויף די מאַכט פון נאַטשאַלסטווע.

מאַטקע חב״ד קאָן אָבער אַזאַ עוולה ניט פאַרשווייגן. קומט ער נאָך האַלבער נאַכט צום טויער פון אַפּאַטאָווס הויז און קלינגט שטאַרק דעם גלאָק. אַלע משרתים לויפן זיך צונויף. זיי עפענען דעם טויער און פרעגן חב״דן, וואָס האָט פּאַסירט? ער ענטפערט, אַז דאָס קאָן ער זאָגן נאָר דעם נגיד אַליין. טענהן זיי, אַז ס׳איז פאַר זיי געפערלעך אים אויפצואוועקן ניט וויסנדיק וועגן וואָס דאָס איז. זאָגט ער זיי, אַז ער קומט מיט אַ זייער וויכ־טיקער שליחות פון קהל.

ניט גערן וועקן אויף די משרתים זייער שטרענגען באַלעבאָס. ער קומט אַרויס אַ בייזער אין שלאָפראָק און פרעגט מאַטקען: וואָס איז דיין שליחות? ענטפערט אים מאַטקע חב״ד:

— שניפּישאָק (אַ פאָרשטאָט פון ווילנע) וויל וויסן, צי איר קהל מוז אייך „קושן״ צוזאַמען מיטן ווילנער, אָדער ער קאָן עס אויך טאָן באַזונדער?

אָפּגעזאָגט און אַנטלאָפן. אויף מאָרגן אָבער שיקט נאָך אים יודל אַפּאַטאָוו דורכצופירן אַן אַנדער שליחות: ער זאָל אַוועקטראָגן אין דער ווילנער פּאָליציי אַ וויכטיקן דאָקומענט.

מאַטקע חב״ד איז חושד, אַז אַפּאַטאָוו וועגדט זיך דאָרט צו דער פּאָ־ליציי, צו באַשטראָפן אים, חב״דן, פאַר נעכטן ביינאַכט. ער בעט דעריבער דעם לערער פון אַפּאַטאָווס קינדער, דעם העברייאישן שרייבער אברהם מאַפּו, דורכצופירן אַפּאַטאָווס שליחות. דער גוטהאַרציקער מאַפּו זאָגט זיך ניט אָפּ פון טאָן עמיצן אַ געפעליקייט. ווען ער ווערט אין דער פּאָליציי געשלאָגן, פאַרלאָזט מאַפּו די שטאָט און קומט ניט מער צוריק. מאַטקע האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז די פּאָליציי וועט אָנשטאָט אים באַשטראָפן דעם געבילדעטן לערער, פאַרדריסט אים די מעשה זייער שטאַרק און ער רעכנט זיך דערפאַר אָפּ מיט אַפּאַטאָוון. ער קויפט אויפן מאַרק אַ וואָגן האָלץ, הייסט דעם פויער עס צופירן צו אַפּאַטאָווס הויז און אַריינוואַרפן דורך אַ פענצטער אין יענעמס קעלער. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַנגע־שליידערטע האָלץ האָט געמאַכט אַ חורבן פון אַפּאַטאָווס קאָסטבאַרע פלע־שער וויין, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען.

קאַפּיטל פערציק

ר׳ אליהו פנחס לערנט מיט אונדז מוסר

מיין רבי, ר׳ אליהו פּנחס, איז, ווי שוין פריער דערמאָנט, אַ מייסטער פון קונציקע פּלפּולים, וואָס ער האָט פאַר אונדז אויף זיינע „שלש־סעודותן״ און „מלווה־מלכהס״ (מעלאַווע מאַלקעס). איצט אָבער האָט ער אונדז געשפּאָנט מיט זיין מוסר. ער דערציילט אונדז דערביי שיינע מעשיות מיט

אַ מוסר־השכל. לעצטנס האָט ער דורך אַ מעשה אונדז דערקלערט זיינע אַ באַמערקונג וועגן קבלה און מקובלים. גלייכצייטיק האָט די דאָזיקע מעשה אויך באַוויזן דעם אויבערשטנס גוטסקייט און גערעכטיקייט, פון וועלכע מיר דאַרפן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר, ווי זיך אויפצופירן.

לויט יענער באַמערקונג זיינען פאַראַן מילי־מיליאָסן וועלטן. זיי זיינען אַלע געבויט פון אותיות און נקודות, און האַלטן זיך צוזאַמען דורך זיי. דורך אויסריידן, אָדער מכוון (מעכאַוועז) זיין, האָבן אין זינען, די ריכטיקע ווערטער, באַוויזן מקובלים וואונדער.

אָט די מעכטיקע הייליקע ווערטער שעפּן זייערע כחות פון דעם „שם", דעם אויבערשטנס אַ נאָמען וואָס איז אין זיי באַהאַלטן *).

דורך מקיים זיין מצוות און טאָן גוטע מעשים באַשאַפט מען נייע וועלטן און מ'פאַרשטאַרקט אויך דעם כח פון דער „פמליא של מעלה" (פּמאַליע־שעל־מאַילע), די פאַרזאַמלונג פון די העכסטע, הימלישע ריכטער, בית־דין, אָדער סנהדרין. פאַרקערט, דורך באַגיין אַ זינד, אָדער דערמאָנען לבטלה (אומזיסט) אַ הייליקן „שם", מאַכט מען חרוב אומצייליקע „עולמות עליונים" (אויבערשטע וועלטן). עס ווערט אויך אָפּגעשוואַכט, „רחמנא לצלן" (דער אויבערשטער זאָל באַהיטן), דער כח פון דער „פמליא של מעלה."

כדי מיר זאָלן לייכט איינזען די פאַרבינדונגען צווישן הימל און ערד, און אויך ווי אַזוי ווערטער קאָנען בויען וועלטן, און זינד קאָנען אַלץ חרוב מאַכן, האָט ר' אליהו פנחס אונדז דערציילט אַ מעשה מיט אַ מלך, וואָס האָט באַוויזן וואונדער פאַר זיינע געסט. ווען אָט דער מלך האָט אויסגערופן „יהי־אור" (ס'זאָל ווערן ליכטיק!). איז דער גרויסער קעניגלעכער זאָל פול געוואָרן תיכף מיט ליכטיקייט. דערביי האָבן פון דער ליכטיקייט אַרויסגע־שיינט געשטאַלטן פון דער קעניגלעכער פאַמיליע. דאָס גלייכן ווען דער מלך זאָגט: „ס'זאָל זיין פינצטער!" ווערט גלייך טונקל.

אָט די אַלע וואונדער האָט דער מלך דורכגעפירט אַזוי: אין אַ באַ־שטימטן פּלאַץ אין קעניגלעכן שלאָס זיינען געשטאַנען פעסער מיט נאַפט, פון וועלכע ס'האָבן זיך געצויגן אומבאַמערקבאַרע דינע רערן צום גרויסן זאַל. די אַלע רערן, צונויפגעפלאָכטן אויך מיט אַרטיסטישע דראָטן, וועל־

---

*) דער סאַמע הייליקסטער „שם" איז דער „שם המפורש" (געוויער נאָמען), וועלכן מ'טאָר ניט אַרויסריידן. אין דער תורה און אין אַנדערע הייליקע ספרים, איז ער געשריבן מיט די אותיות יוד, היי, וואָו, היי. אין סידור ווערט ער באַצייכנט דורך צוויי יודן. ביים לערנען די תורה, און ביים טאָן תפילה, רעדט מען אים אַרויס, ווי דאָס לשון־קודש־וואָרט פאַר „מיין האַר", וואָס באַשטייט פון די בוכשטאַבן אַלף, דאַלעד, וואָו, נון, יוד. ביי אַלע אַנדערע געלעגנהייטן זאָגט מען עס „אַדוישעם", אָדער, קורץ: „השם".

כע האָבן פֿאַרגעשטעלט קעניגלעכע געשטאַלטן, זיינען געווען פֿאַרבונדן דורך אַ מאַשינקע מיט אַ זילבערנעם קנעפּל, וואָס דעם מלכּס אַ דינער האָט קאָנטראָלירט, לויט זיין האַרס באַפֿעל, צו מאַכן ליכטיק, אָדער פֿינצטער.

דער קעניגלעכער שלאָס מיט אַלע זיינע וואונדער ווערן חרוב דורך אַ מענטשן, וואָס וויס ניט פֿון די פֿאַרבינדונגען צווישן מלכּס ווערטער און די אַלע קונציקע רערן און דראָטן. דער דאָזיקער מענטש, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, דערוואַרט אַ מתּנה פֿון דעם מלך. ער וואַגט אָבער ניט אַריינצוקומען צו אים דורכן פּאַראַדנעם אַריינגאַנג. גייט ער דורך אַ הינטער־טיר אינעם קאָרידאָר. דאָרט טרעפֿט ער דעם וועכטער פֿון זילבערן קנעפּל, וועלכער איז זיינער אַן אַלטער באַקאַנטער סאָלדאַט. ער בעט יענעם, ער זאָל אים אָנמעלדן ביים מלך. יענער נעמט זיך עס אונטער. ער הייסט אים נאָר אָפּוועקזעצן זיך אויף זיין פּלאַץ ביים זילבערן קנעפּל און אַכטונג געבן קיינער זאָל עס ניט אָנרירן, ער וואָרנט אים אויך, ניט צו רירן דאָס קנעפּל פֿון אָרט, ווייל דאָס קאָן פֿאַרניכטן דעם קעניגלעכן שלאָס צוזאַמען מיטן מלך און אַלע זיינע געסט. דער אויסגעדינטער סאָלדאַט גלויבט עס ניט. ער וויל זיך אָבער ניט אַמפּערן מיט זיין אַלטן באַקאַנטן. נאָר אַזוי גיך ווי יענער פֿאַרלאָזט דאָס קאַמערל, גיט דער אויסגעדינטער סאָלדאַט אַ ריס דאָס זילבערן קנעפּל פֿון זיין פּלאַץ. ס'דערהערט זיך באַלד אַ שטאַרקער אויפֿרייס. דאָס נאַפֿט פֿאַרפֿלייצט דעם זאַל. דאָס גאַנצע הויז שטייט אין פֿלאַמען. די געסט ווערן דאָרט פֿאַרברענט, אָדער שווער פֿאַרוואונדעט.

צעשראָקן איבער דעם חורבן, וואָס ער האָט געבראַכט איבערן קעניגלעכן שלאָס, קומט דער אויסגעדינטער סאָלדאַט בעטן גנאָד ביים מלך, וועלכער איז אַרויס גאַנץ. פֿרעגט אים דער מלך: וואָס האָסטו געטראַכט וועגן דעם שאָדן, וואָס דו טוסט אָן מיט דיין אָפּרייסן דאָס קנעפּל? ענטפֿערט יענער: כ'האָב געמיינט דאָס וועט באַטרעפֿן אַ פּאָר גילדן, און אַזוי ווי כ'האָב דערוואַרט צו קריגן פֿון מלך צוואַציק גילדן, וועט מיר נאָך אַלץ בלייבן גענוג. דער מלך הייסט דעמאָלט זיין פֿינאַנץ־מיניסטער אויסצאָלן דעם סאָלדאַט אַכצן גילדן... דאָס מיינט דער פּסוק אין תּהילים: „כּי אתּה תּשלם לאיש כּמעשׂהו”, אַז דער בורא באַצאָלט יעדן מענטשן לויט דער כּוונה פֿון זיין טאַט, אָבער ניט לויט איר ווערט...

דער ערשטער טייל מעשׂה איז מיר ניט געווען געפֿעלן. דער משל וועגן די פֿאַרבינדונגען צווישן מלכּס וואָרט דורך אַ מאַשינקע מיט אַ קנעפּל, האָט מיר אויסגעזען צו מגושמדיק פֿאַרן נמשל וועגן די פֿאַרבינדונגען צווישן הימל און ערד, צווישן אויבערשטן און מענטש. דער צווייטער טייל מעשׂה, דאָס הייסט דער שלוס, האָט מיך אַנטציקט. ר' אליהו פּנחס האָט עס באַמערקט, און מיך איינגעלאַדן צו קומען אינדערוואָכן צו אים אַהיים לערנען מוסר, צען אַזייגער ביינאַכט. ער לערנט מיט אונדזער גרופּע דעם

„תוכחת מוסר", וועגן גוטע מידות, זיטן און דרך־ארץ לויטן רמב"ם. מיר דערוויסן זיך, אַז „אָנרירן דעם כבוד פון אַ מענטשן איז אַזאַ זינד ווי אָנרירן זיין לעבן". נאָכמער, די גמרא זאָגט, אַז אַ מענטש, וועלכער באַגייט אַ שווערן פאַרברעכן, פאַר וועלכן עס קומט צו ווערן באַשטראָפט דורך „חנק" (דערשטיקונג) פאַרלירט ער ניט פונדעסטוועגן זיין חלק „לעולם הבא". אָבער, דער, וואָס פאַרשעמט מענטשן, „ברבים" (עפנטלעך), פאַרלירט עס יאָ. און בכלל זיינען שלעכטע מידות די שווערסטע זינד: ווערן אין כעס איז פונקט ווי דינען עבודה זרה. דעם אויבערשטן עקלט פון גאווה, פון זאָגן ליגן, ריידן לשון־הרע א. ד. גל. פאַר שלעכטע זיטן קאָן מען זיך אויך ניט אַנטשולדיקן מיטן תירוץ, אַז מ'האָט עס געטאָן אומגערן, אָדער ניט געוואוסט, וואָס מ'טוט. גוטע זיטן מוז מען גרינטלעך דערלערנען דורך פּראַקטיצירן זיי.

מיט עטלעכע פון אונדז לערנט אויך ר' אליהו פנחס זיין ספר אין כתב־יד: „אלף המגן" (טויזנט פאַנצערס) מיט אַ פירוש „כל שלטי הגבורים" (אַלע שילדן פון די גיבורים).

אין דעם דאָזיקן ספר טיילט איין אונדזער רבי דעם אמת אין דריי מדרגות: גאַנצער אמת, געמישטער אמת און אמת וואָס איז שקר. דער גאַנצער אמת איז אין אַלע דריי אופנים. אין טאַט, געדאַנק און וואָרט. ווען ער איז דאָס ניט, איז ער „געמישט מיט שקר". אויב מ'געפינט אויס, אַז דאָס, וואָס מ'האַלט פאַר אמת איז אַ טעות, דעמאָלט איז עס אַן „אמת, וואָס איז שקר."

דער גאַנצער און ריינער אמת איז אַלעמאָל גוט. דער געמישטער קאָן אַמאָל זיין גוט און אַמאָל שלעכט. למשל: אָפּנאַרן אַ קינד, אַז אַ מלאך וואַרפט אים אַ קאָפּיקע פאַר זיין גוט לערנען, דערמוטיקט אים צו אַ גוטער טאַט. דאָס גלייכן, ווען אַ באַלמעלאָכע מאַכט אַ גוט, פיין שטיקל אַרבעט, ניט צוליב טובת הכלל, נאָר כדי אַריינצוקריגן אַ סך קונדן, טוט ער דאָך דערוויל אַ גוטע זאַך. שעדלעך ווערט דער געמישטער אמת, ווען ער ווערט באַפּוצט צו געבן ניט ראַיעלע סחורה, אָדער צו טאָן אַן אַרבעט ניט ריכטיק. ווען מ'טוט עס אויפן גייסטיקן פעלד, ווי, למשל, ביים לערנען מיט קינדער, איז דאָס אַן אומגעהויער פאַרברעכן.

אויך דעם שקר טיילט איין ר' אליהו פנחס אין דריי מדרגות: אַ גאַנצער שקר, אַ געמישטער שקר און אַ שקר, וואָס איז אמת.

אַ שקר פון דער דריטער מדרגה איז, לויט ר' אליהו פנחסן, ווען איינער גיט דעם צווייטן אַ שלעכטע עצה, מיט דער כוונה אים צו טאָן שאָדן, און ער זאָגט אים, אַז די דאָזיקע עצה איז פון זיין טובה וועגן, נאָר אויב צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז די עצה איז גראָד גוט פאַר יענעם, ווערט אָט דער ליגן אַ „שקר, וואָס איז אמת"...

מיין רבי, ר׳ אליהו פנחס, איז געווען צופרידן מיט מיין פעולה ביי אים אין לערנען מוסר און פּראַקטיצירן גוטע מידות. פונדעסטוועגן קריג איך פון אים אַ פּאַטש *) דוקא פאַרן זאָגן אַ „גאַנצן אמת", וואָס איז געווען „עכט אין אַלע דריי פאָרמען: אין טאַט, געדאַנק, און וואָרט"...

פּאַסירט האָט עס אַזוי:

אין אַ פאַרנאַכט, צווישן מנחה און מעריב, איז אין קאָרידאָר, וואָס פירט פון קצבישער קלויז צו די ישיבה־צימערן, אַריינגעקומען די פאַרקויפערין פון הייסע רייז־קאַשע מיט ראַזשינקעס. ווי אַלע אונדזערע ישיבה־קינדער, האָב איך עס אויך ביי איר געקויפט. באַלד ווי זי האָט מיר דערלאַנגט אַ שקאַרמיץ מיט אָט דער נאַשעריי, האָט זיך אין קאָרידאָר באַוויזן ר׳ אליהו פנחס. ער האָט יעדן תלמיד זיינעם געפרעגט, צי ער האָט שוין געדאַווענט מנחה? יעדער איינער האָט געענטפערט: „יאָ". געדענקענדיק אָבער גוט, וואָס כ׳האָב ביי אים געלערנט וועגן זאָגן אמת, האָב איך געענטפערט: „ניין", און געקראָגן דערפאַר פון אים אַ פּאַטש...

אויף מאָרגן אינדערפרי, פאַרן אָנהויבן זאָגן אַ שיעור, האָט ר׳ אליהו פנחס זיך עפנטלעך אַנטשולדיקט פאַר זיין באַליידיקן מיך נעכטן. ער האָט געוואָרפן די שולד אויף דעם, וואָס ער איז אַ כהן, אַ כעסן און אַ קפדן. ווען ער האָט אָבער מיך אָנגעהויבן רימען פאַר מיין זאָגן אמת, האָבן אים קינדער גענומען שטעלן פראַגעס, צי גלויבט ער, אַז כ׳וואָלט ניט זאָגן קיין ליגן, אפילו ווען מ׳זאָל מיר דערפאַר באַצאָלן אַ געוויסע סומע: אַ גריוונע (צען קאָפּיקעס)? אַ גילדן (15 קאָפּ.), אַ „פערציקער" (20 קאָפּ., פערציק גראָשן), אַ „פערטעלע" (אַ פערטל רובל, 25 קאָפּ.)? זיי האָבן אַזוי אַרויפ־געשטיגן ביז אַ רובל. ווען אַ יינגל האָט נאָכדעם דערמאָנט די סומע פון זיבן גילדן (אַ רובל מיט פינף קאָפּ.) האָט ר׳ אליהו פנחס ניט מער געענט־פערט, נאָר געקוקט אויף מיר מיט אַ שמייכל, וואָס האָט מיר געזאָגט:

— אויב מ׳קאָן אַ בר־מצוה יינגל ניט אונטערקויפן מיט אַ גאַנצן רובל, וועט ער שוין בלייבן ביים אמת, ניט קוקנדיק, וואָס פאַר אַ סומע מ׳וועט אים אָנבאָטן צו זאָגן ליגן...

זיין פאַערנטפערן זיך האָט, נאַטירלעך, פאַרשטאַרקט מיין צוטרוי צו אים, אַז ער פּראַקטיצירט די גוטע מידות, וואָס ער לערנט אונדז. ער וועט אויך ביי מיר געהויבן פאַר ניט לאָזן זיינע תלמידים זיך איינריידן, אַז ער זעט זאַכן מיטן רוח הקודש און קאָן באַווייזן מופתים (וואונדער), ווי יענע מקובלים פון וועלכע ער האָט אונדז דערציילט.

ווען אַ יינגל איז געקומען שפּעט צום שיעור און אָנגעגעבן דערפאַר פוילע תירוצים, האָט ר׳ אליהו פנחס באַמערקט: ביסט ביינאַכט געווען אויף אַ חתונה, האָסטו דעריבער זיך פאַרשפּעטיקט. באַמערקנדיק פאַר־

---

*) דאָס איינציקע מאָל אינעם משך פון מיין לערנען ביי אים.

וואונדערונג אויף אַ טייל קינדערשע פּנימער, דערקלערט ער, אַז די זאַך איז גאַר פּשוט: אויף דעם יינגלס קאַלאָשן איז פאַרצייכנט מיט קרייד אַ נומער, וואָס ווערט געמאַכט געוויינלעך אין גאַרדעראָבע צימער, וואו מען לאָזט איבער אַזוינע זאַכן איידער מ׳גייט אַריין אין חתונה־זאַל...

קאַפּיטל איין און פערציק

איך הער אַ דרשה פון קעלמער מגיד

דעם קעלמער מגיד האָב איך פריער קיינמאָל ניט געזען. כ׳האָב אָבער געהערט פון אים אַ סך אין די מעשיות, וואָס מיין זיידע שמואל־איטשע פלעגט שבת ביי טאָג דערציילן פאַר זיינע געסט, ביי אַ גלאָז טיי.

דער זיידע האָט אין זיינע מעשיות איבערגעגעבן ניט נאָר, וואָס דער קעלמער מגיד האָט געזאָגט, נאָר אויך ווי אַזוי, מיט זיין ניגון און מיט זיינע תנועות. דער זיידע האָט אויך אָפּגעמאָלט, ווי אַזוי אויף מאָרגן נאָכן קעלמער מגידס דרשה, שלייכן זיך באַגינען שעמעוודיקע קרעמער דורך זייטיקע סטעזשקעס צום טייך, אַריינצוואַרפן דאָרט זייערע פאַלשע וואָגן און מאָסן. דער זיידע פלעגט אויך איבערדערציילן דעם קעלמער מגידס מעשיות פאַר די „ריסטאָקראַטן". יענע האָבן אים ניט געלאָזן האַלטן קיין דרשות אין זייערע שולן, דערפאַר וואָס ער רעדט אויף די, וואָס קליידן זיך „דייטש" און גאָלן זיך די בערד. ער פלעגט אָבער ביי זיי פועלן זיי זאָלן אים לאָזן דערציילן אַ מעשה. איינע פון אָט די מעשיות, דערציילט פון קעלמער מגיד אין ליבאַווע, איז, לויט ווי מיין זיידע האָט זי איבערדערציילט, געווען אַזאַ:

פאַריקן שבת־צו־נאַכט איז פאָרגעקומען אַ סכסוך צווישן דעם שר (האַר) פון גיהנום מיטן מלאך מיכאל, וואָס פאַרטיידיקט די יידן אין הימל. דער „שר של גהינום האָט געגוואַלדעוועט: „ישובו רשעים לשאולה"! (רשעים צוריק אין גהינום אַריין). ער האָט געטענהט, אַז די רשעים האָבן געהאַט איבערגענוג אָפּרו זינט פרייטיק פאַרנאַכט, ווען אַלע פייערן פון גהינום האָבן זיך אויסגעלאָשן לכבוד שבת. דער מלאך מיכאל אָבער האָט איינגעווענדט, אַז ווילנע האָט נאָך ניט פאַרענדיקט דאַוונען מעריב. ווען ס׳איז אַריבער אַ געוויסע צייט, האָט דער שר פון גהינום באַנייט זיין פאָדע־רונג: „רשעים צוריק אין גהינום אַריין!" דער מלאך מיכאל שטעלט אים אָבער אָפּ אַלע ווייַלע מיט דער דערקלערונג, אַז די, אַדער יענע יידישע קהילה איז נאָך ניט פאַרטיק מיט איר מעריב. ווען אַלע פרומע יידישע קהילות האָבן שוין געהאַט אָפּגעדאַוונט מעריב, האָט דער האַר פון גהינום אָנגעהויבן שרייען מיט אומגעהויערע קולות, אַז די רשעים זאָלן תיכף אַריין אין גהינום, וואו אַלץ איז שוין גרייט פאַר זיי. ווען מיכאל האָט אים ווידער

אָפּגעשטעלט מיט דער טענה, אַז „ליבאַווע האָט נאָך קיין מעריב ניט גע־דאַוונט״, האָב איך, קעלמער מגיד, אויסגערופן הויך: „אויף ליבאַווע איז ניטאָ וואָס צו וואַרטן; ליבאַווע דאַוונט אינגאַנצן ניט קיין מעריב״...

געדענקענדיק מיין זיידנס מעשיות פון קעלמער מגיד, האָב איך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ דערוואַרט צו הערן דעם קעלמער מגידס דרשה אין דער קצבישער קלויז. ווען כ׳האָב זיך דערוואוסט, אַז ער וועט האַלטן זיין דרשה אויף דער בימה, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּלעך צום ארון־קודש, פון וואַנען כ׳וועל אים קאָנען גוט זען און הערן.

נאָר דאָס אָנקוקן אים האָט מיר פאַרשאַפט אַ ווייטאָק אין האַרצן. ער איז געווען „קוים וואָס ער לעבט״. זיינע פיס טוען אים ווי, און ער קאָן מער ניט ריידן שטייענדיק. זיין דרשה האָט ער געהאַלטן זיצנדיק אויף אַ שטול, ביי דער רעכטער זייט פון שולחן אויף דער בימה מיטן פּנים צום צפון. כ׳האָב אים גוט געזען סיי אין פראַנט, סיי פון דער זייט. ער האָט ניט געהאַט קיין רבנישע אָסאָבע. זיין גרוי בערדל איז געווען קורץ און שמאָל.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט גערעדט שטיל — אַפּנים צוליב זיין קראַנקהייט, — האָב איך גענוי געהערט אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט ניט אויסגעזונגען די פּסוקים און גמרא־ווערטלעך, וועלכע ער האָט געבראַכט. זיין ריידן איז געווען מיט האַרץ, ווי עס רעדט אַ זיידע, אַ טאַטע, אָבער אָן אַ מגידישן ניגון.

ער האָט דערקלערט, אַז ס׳איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער בעט מ׳זאָל אַריינוואַרפן געלט אין טעלער פאַרן מגיד. ער טוט עס דער־פאַר, ווייל דאָס געלט גייט אינגאַנצן פאַר אַ ישיבה. און טאַקע דעריבער שטרענגט ער זיך איצט אָן צו האַלטן דרשות, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז אַ חולה.

בכלל האָט ער געהאַלטן אַ פיינע מוסר־דרשה. נאָר אָן מוסרדיקע בילדער פון גהינום, וואָס ער האָט געמאָלן אין יענע דרשות, וועלכע מיין זיידע און אַנדערע עלטערע מענטשן פלעגן איבערדערציילן און אַמאָל אויך איבערזינגען.

ביסלעכווייז באַקוק איך אַלע קלויזן אויפן ווילנער שול־הויף. כ׳דאַוון מנחהס אין קברנישער קלויז און אין פּאָליש פון דער גרויסער שול. כ׳לערן אַמאָל אַ בלאַט גמרא אין דער אַלטער אָדער נייער קלויז, וואו ס׳איז פאַראַן אַ דורכגאַנג פון איין קלויז צו דער צווייטער. כ׳העלף דאָרט אויך אַמאָל, ניט געבעטענערהייט, זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים פאַר אַ גרינגן האָבן פון אַ קימפּעטאָרין, וואָס גייט שווער צו קינד, פאַר אַ קראַנקן טאַטן אָדער מאַמען, פאַר אַ קראַנק קינד, און אַלערליי אַנדערע חולאים.

פון די קלויזן אין שול־הויף געפעלט מיר באַזונדערס די מאָלערישע קלויז. איך באַטראַכט די בילדער, וואָס זיינען אויסגעמאָלט אויף די ווענט.

אין בילד: „על נהרות בבל" (ביי די טייכן פון באַוועל) פאַרנעמט די גאַנצע מערב־וואַנט. עס זיינען דאָרט אויסגעמאָלט די פאַרשיידענע מוזיקאַלישע כלים (אינסטרומענטן) אויף וועלכע די לויים (לעוויאים) פלעגן שפילן אין בית־המקדש. ווען מ'האָט זיי געבראַכט אין דער געפאַנגענשאַפט אין בבל, האָבן זייערע פייניקער פאַרלאַנגט, אַז די לויים זאָלן פאַר זיי שפּילן און זינגען די הייליקע געזאַנגען פון ציון און ירושלים. די יידן הענגען דעמאָלט אויף זייערע מוזיקאַלישע כלים אויף די ווערבעס, ביי די טייכן פון בבל, און שפּילן ניט מער אויף זיי.

פאַראינטערעסירט האָבן מיך אויך די לאַנגע געקריצלטע אויפשריפטן אין תרגום־לשון אויף די ווענט פון דעם חסידישן שטיבל פון די לעכעווי־טשער. כ'האָב אויך דורכגעבלעטערט זייערע סידורים און באַטראַכט יענע תפילות, וואָס פעלן אין אונדזערע סידורים. מיר געפעלט נאָר ניט, וואָס זיי, די לעכעוויטשער חסידים, ווייזן אַרויס ווייניק דרך־ארץ פאַרן אויי־בערשטן: זיי לויפן אַרום ביים דאַווענען פון איין אָרט אויפן צווייטן, ווי אין „קאַמער־קאַמער שפיל."

איך באַנוגן זיך אויך ניט מיטן באַקוקן אַלע קלויזן און שטיבלעך אויפן שול־הויף. איך באַקוק אויך אַלערליי אַנדערע דאָרטיקע בנינים. צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע ישיבה־יינגלעך גיי איך דאָרט אויך אַריין אין דער „יידישער באָד". זי איז גראָם, ריין און שיין. אַלץ איז מיט אַ סדר. מיר האָבן באַצאָלט צו עטלעכע קאָפּיקעס עקסטרע, האָט איינער פון די בעדערס אונדז גוט אויסגעצוואָגן, איינגעזייפט, אַרומגעריבן, אויסגעבעזעמט און אָפּ־געשווענקט מיט שעפלעך קאַלטן וואַסער.

ביים עסן אין אַ גאַרקיך אויף דער יידישער גאַס, אין מזרח פון שול־הויף, באַקאָן איך זיך מיט אַ פּאָר יינגלעך פון דער צווייטער קאַזיאָנער ישיבה אין ווילנע, וועלכע הייסט „ראַמאַילעס קלויז". זי האָט אַן אייגן הויז פון עטלעכע עטאַזשן אויף דער מזרח־זייט פון דער יידישער גאַס, ניט ווייט פון שול־הויף. דער אַריינגאַנג צו איר איז דורך אַ הינטערשטער טיר ביים סאַמע ברוק אין ראַמאַילעס הויף. אויפן טיר איז צוגעקלאַפּט אַ בלעכן שילדל אין רוסיש: „יעשיבאַט טויבערא", אויפן נאָמען פון איר קאַזיאָנעם פאַרוואַלטער, דר. ראַבינער קלמן טויבער *).

---

*) דער פאַרשטאָרבענער ניו־יאָרקער שריפטזעצער, משה ליבערמאַן, איז אַמאָל געווען ביי מיר, פאַרוואָס כ'האָב אים ניט געגלויבט, אַז זיין באַרימטער טאַטע, אהרן ליבערמאַן, וועלכער האָט פאַרלאָזן ווילנע איי־דער איך בין געבאָרן געוואָרן, פלעגט מיך אָפט דערמאָנען. מעגלעך, אַז יענער האָט דערמאָנט קלמן טויבער, וועלכער האָט געלערנט אין ווילנער ראַבינער־שול, אין דער זעלביקער צייט, און אויך עטלעכע יאָר פריער, ווי אהרן ליבערמאַן.

די דאָרטיקע ישיבה־ייִנגלעך האָבן מיר געזאָגט, אַז זייער ישיבה איז מיט צענדליקער יאָרן עלטער, ווי די אין וועלכער איך לערן אויפן שול־הויף. זיי זאָגן, אַז ווען משה מאָנטעפיאָרע האָט באַזוכט ווילנע מיט איבער פערציק יאָר פריער (אין 1846), איז ער אויך אַריין זען ראַמאַילעס קלויז און האָט איבערגעלאָזן אַ היפּשע סומע פאַר דער ישיבה. די מנהלים (פאַר וואַלטער) פון אָט דער ישיבה זיינען דעמאָלט געווען באַרימטע לומדים און רבנים און טיכטיקע ראשי־ישיבות. דער ערשטער פון זיי, ר' מרדכי מעלצער, האָט צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד דאָרט געזאָגט אַ שיעור. אַ צווייטער ראש־ישיבה „ר' ישראלקע זאַרעטשער" *) האָט זיך אויך אויסגע־צייכנט מיט זיין זאָגן מוסר און לערנען מידות. מ'דערציילט וועגן אים, אַז ווען ער איז געווען רב אין זאַרעטשע (אַ ווילנער פאָרשטאָט) האָט ער זיך אַמאָל שטאַרק פאַרשפּעטיקט ערב יום־כיפּור צו כל־נדרי. די שלוחים, וועלכע די זאַרעטשער קהילה האָט געשיקט אים זוכן, האָבן אים געפונען אין אַ שטוב וויגנדיק אַ קינד. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז פאַרבייגיי־ענדיק דאָס הויז און הערנדיק דאָס קינד וויינען, האָט ער ניט געקאָנט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר איינצושטילן דאָס קינד...

אין דער איצטיקער קאַזיאָנער ישיבה אין ראַמאַילעס קלויז איז אָבער ניטאָ קיין זאַך מיט וואָס זי זאָל זיך קאָנען איבערנעמען קעגן אונדזערער. אירע פאַרוואַלטער, ראשי־ישיבות און לערער זיינען ניט מער אָנגעזען ווי די פון אונדזער ישיבה. אונדזערע צימערן פאַר עסן און שלאָפן און זיך צוגרייטן צו די קלאַסן זיינען ריינער און לופטיקער ווי אירע. אין אונדזערע קלאַס־צימערן, איבערן פאַליש פון דער גרויסער שול מיט די פענצטער צום זוניקן שול־הויף, איז אויך ליכטיקער און לעבעדיקער ווי אין די אומעטיקע טונ־קעלע ווענט פון דער איצטיקער ראַמאַילעס קלויז.

ווי שוין פריער דערמאָנט, זיינען מיר, די שילער פון ערשטן קלאַס, געווען באַפרייט פון לערנען העברייאיש און תנ"ך אין רוסיש. דאָך גייען מיר אַמאָל אַריין אין יענע קלאַסן, צווישן 6 און 7 ביינאַכט, ווען ס'רעגנט אין דרויסן. דעם לערער פון העברייאיש, ה' מונטשיקן, רעספּעקטירן מיר און זיצן רואיק אין זיין קלאַס. מיר קאָנען אָבער ניט ליידן דעם לערער פון תנ"ך אין רוסיש, דר. ראַבינער כהן. דאָס איז דערפאַר, ווייל אַנשטאָט צו ריידן וועגן תנ"ך דערציילט ער חסידישע מעשיות, וועלכע זיינען פול מיט ניבול־פּה (גראָבע רייד). זיין קלאַס האָט אָבער פאַר אונדז די מעלה, וואָס בשעת ער דערציילט זיינע מעשיות קאָנען מיר כאַפּן אַ שמועס, איבערלייענען אַ ביכל, אָדער אַ צייטונג.

כ'האָב זיך לעצטנס באַקאָנט מיט אַ וואונדערבאַרן מענטשן, דעם בלינדן

*) באַקאַנט אויך אונטערן נאָמען „סאַלאַנטער", ווי אַ דאָרטיקער איידעם.

זייגערמאַכער ניסן גרענדזאָן. ער איז הויך געוואַקסן, האָט אַ פיינעם גוט־מוטיקן פּנים מיט אַ קיילעכדיק שוואַרץ בערדל. ער פאַרריכט בלינדער־הייט דעם קלענסטן זייגערל, בעסער ווי אַ סך זעענדיקע זייגערמאַכערס. ער איז אויך דער אַגענט פון פּעטערבורגער „המליץ״ און פון וואַרשעווער „הצפירה״. ער האָט מיך ליב באַקומען און רעכנט מיר גאָר אַ קלייניקייט פאַרן איבערלייענען העברייאישע צייטונגען, וועלכע ער געטרויט מיר אויך מיטצונעמען אין דער ישיבה.

איינמאָל, ווען כ׳בין געזעסן אין דער לעצטער רייע און געלייענט אַ צייטונג, האָט אַ באַלעבאַטיש יינגל, אַ שטיפער, כאַנקע מגיד, געוואָרפן אויפן ראַבינער כהן אַ פאַרפוילטע באַר און אים געטראָפן אין נאָז. ראַבינער כהן האָט געמאַכט געוואַלדן, און צו זיין גליק איז גראָד אָנגעקומען דער פאַר־וואַלטער עליע טראָצקי, אויף וועמעס נאָמען אונדזער קאַזיאָנע ישיבה רופט זיך אין רוסיש „יעשיבאָט טראָצקאָוואַ.״

עליע טראָצקי*), דער עקאָנאָם פון ווילנער רוסיש־יידישן לערער־אינ־סטיטוט, וואו מ׳גרייט־צו לערער פאַר די רוסיש־יידישע שקאָלעס, רעדט רוסיש ווי אַן עכטער רוס, און איז זייער אָנגעזען ביי נאַטשאַלסטווע. ער איז אָבער אַ פרומער ייד און האָט דערפאַר געגומען אויף זיך די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר דער קאַזיאָנער ישיבה ביי דער רוסישער רעגירונג.

ווען עליע טראָצקי איז אַריין אין ראַבינער כהנס קלאַס און זיך דער־וואוסט, וואָס דאָ האָט פּאַסירט, איז ער געוואָרן אויסער זיך פאַר כעס. זיין קיילעכדיקע גרויע באָרד האָט זיך געטרייסלט און זיין פּנים איז כסדר גע־וואָרן רויטער. ער האָט געפרעגט יעדן יינגל, ווער האָט דאָס געטאָן? אַלע האָבן אים געגעבן דעם זעלביקן ענטפער: „כ׳ווייס ניט״. צוקומענדיק צו מיר, דעם לעצטן, האָט עליע טראָצקי זיך שוין ניט געקאָנט מער קאָנטראָ־לירן. ער האָט דאָרום שטרענג געפאָדערט פון מיר: זאָג ווער האָט דאָס געטאָן, אויב ניט דו... ווען כ׳האָב זיך פאַרענטפערט, אַז כ׳בין געווען פאַרטיפט אין לייענען אַ צייטונג, איז טראָצקי אַרויס פון די כלים: „אָט אַזוי האָרכסטו זיך דאָס איין צו דיין לערער!?... ער האָט מיר אַ קלאַפּ געגעבן און אויסגעשריגן: „דיין פוס זאָל זיך דאָ מער ניט געפינען״!...

ביינאַכט און אויף מאָרגן אין דער פרי האָט זיך געקאָכט אין אונדזערע ישיבה־צימערן ביי דער קצבישער קלויז. כמעט קיינער האָט דעם אָוונט ניט געלערנט זיין שיעור און די ראשי־ישיבות, ר׳ אליהו פּנחס און ר׳ יהושע־כלב, האָבן נאָר געזוכט איינצושטילן דעם צאָרן פון די ישיבה־קינדער. אָט די צוויי ראשי־ישיבות האָבן שוין געוואוסט דעם אמת ווער עס האָט דאָס געטאָן (יענער האָט זיך אַליין מודה געווען פאַר זיי). זיי האָבן

---

*) דער פאָטער פון „געזערד״־סעקרעטאַר, באָריס טראָצקי.

אויך ניט געקאָנט קיינעם פון אונדז באַשטראָפן פאַר ניט וועלן זיין קיין מסור...

די צוויי ראשי־ישיבות האָבן עס געלאָזט וויסן עליע טראַצקין. זיי האָבן אַלע דריי אָפּגעמאַכט, אַז צו די שיעורים אין דער פרי זאָלן ר׳ אליהו פנחס און ר׳ יהושע־כלב דערקלערן, אַז איך בין אומשולדיק... און אין אָוונט זאָל ער, דער פאַרוואַלטער אַליין, מיך אַריינרופן אין קלאַס און מאַכן זיין דערקלערונג.

דעם שולדיקן יינגל האָט מען מוחל געווען צוליב זיינע עלטערן, די אייגנטימער פון אַ חתונה־זאַל, וועלכע האָבן מיט אַ וואָך פריער געשענקט דער ישיבה די אַלע גרויסע שיינע בליך־לאָמפּן, וואָס באַלייכטן זי איצט.

פון דעמאָלט אָן איז עליע טראַצקי געוואָרן גאַנץ פריינטלעך צו מיר. ווען ער ווערט אָן אבל, קלייבט ער מיך אויס צווישן די ישיבה־קינדער, וועלכע קומען דאַוונען מיט אַ מנין צו אים אַהיים אין ווילנער רוסיש־יידישן לערער־אינסטיטוט, וואו ער איז אונדז נאָכדעם מכבד מיט זיסע טיי און פאַרבייסעכטס.

קאַפּיטל צוויי און פערציק

דער טינט־פלעק אויף דער וואַנט

זינט איך לערן מוסר און מידות, ווייס איך — וואָס פאַר אַ מיאוסע מידה דאָס איז — אַריינצוגיין אין כעס. כ׳ווייס אויך, אַז די גמרא האַלט כעס פאַר אַזאַ זינד, ווי עבודה־זרה. מיר אָבער שרעקט דאָס האַרץ דער עיקר, אַז דער כעס זאָל מיך ניט ברענגען, חלילה, צו קיין רציחה... מיין שרעק נעמט זיך דערפון, וואָס כ׳האָב געלערנט, אַז יעדער טאָג פון וואָך שטייט אונטער דער השפעה פון איינעם פון די זיבן „מזלות״ (פּלאַנעטן), און מיט־וואָך, דער טאָג, אין וועלכן כ׳בין געבאָרן געוואָרן, געפינט זיך אונטער דעם מזל „מאדים״ (מאַרס), וואָס פירט מענטשן צו מלחמה און בלוט־פאַרגיסונג.

אַזוי ווי כ׳האָב, יינגלוויז, „נאָך אַ האָר״ געקאָנט דערהרגענען מיינעם אַ חבר, ווען כ׳האָב געטראָפן מיט אַ שטיין אין קאָפּ, באַפאַלט מיך צייטנ־ווייז אַ פּחד: אפשר איז מיר באַשערט, חלילה, צו ווערן אַ מערדער...

מיין שרעקן זיך פאַר ווערן אין כעס האָט מיר אָבער גאַרניט געהאָלפן, ווען אַ ישיבה־יינגל, אָן עלטערער פון מיר, האָט מיך צופיל געפּלאָגט און געריצט. כ׳בין געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט און געוואָרפן אויף אים אַ טינטער מיט טינט... צום גליק האָב איך אים ניט געטראָפן. קיינער איז אויך ניט געווען דערביי אונדז צו משפטן דערפאַר.

איך זע אָבער אין דעם אַ צייכן, אַז איך געפֿין זיך אין אַ גרויסער סכּנה. מ׳דאַרף מער פּראַקטיצירן די מידה פֿון „סבלנות״ (געדולדיקייט); כ׳טאָר בשום אופן ניט אויפֿהויבן מיין האַנט אויף אַ מענטשן פֿאַר פּלאָגן, רייצן און דאָקוטשען מיך מיט ווערטער. בפֿרט, אַז איך קאָן אים ענטפֿערן מיט אַ וואָרט, וואָס „באַשטייט״, ווען דער קלאַפּ „פּאַרגייט.״

כ׳וואַש ניט אָפּ דעם דאָזיקן פֿלעק. ווען עמיץ רעגט מיך שטאַרק אויף, גיב איך אַ קוק פֿון וויטן אויף דעם טינט־פֿלעק אויף דער וואַנט, לאָזט מיך תּיכף אָפּ מיין כּעס.

צוליב דעם צופֿאַל ביים דר. ראַבינער כּהן אין קלאַס האָט מיין ראש־ישיבה, ר׳ אליהו פּנחס, זיך דערוואוסט, אַז כ׳לייען ציַיטונגען. ער האָט מיך געוואָרנט, אַז דאָס איז אַ זינד. לייען איך זיי ניט מער. איך דערצייל אים אָבער ניט, אַז כ׳לייען דערציילונגען און ראָמאַנען. דאָס האָב איך גע־טאָן נאָך זייענדיק אַ חדר־ייִנגל און האָב נאָך אויך איצט אַ שטאַרקע תּשוקה צו דעם. לעצטנס האָב איך אַריינגעקראָגן אַ ראָמאַן, וואָס כ׳לייען מיט אַ באַזונדער אינטערעס. דאָרט איז באַשריבן דאָס לעבן פֿון די מאַראַנען, די געהיימע ייִדן אין שפּאַניע, און די צרות און פּיין, וואָס זיי שטייען אויס פֿון דער אינקוויזיציע. כ׳בין פֿון אָט דעם ראָמאַן — „די אומגליקלעכע מרים״ פֿון יונה טרובניק *) — טיף גערירט. ביי איין שטעלע, וואָס האָט מיר פֿאַר־קלעמט מיין האַרץ, און אָנגעפֿילט מיינע אויגן מיט טרערן, איז אָנגעקומען ר׳ אליהו פּנחס. ער האָט מיך געפֿרעגט וואָס איך לייען. איך האָב אים איבערגעגעבן בקיצור די ליידן פֿון דעם שפּאַנישן קריגס־העלד, דאָן סעבאַסטיאַן, — אַ געהיימער ייִד, — וועלכער ווערט שוידערלעך געפּייניקט פֿון די קריסטלעכע אינקוויזיטאָרן, און ער רופֿט אויס: „כ׳בין אַ ייִד, און וועל שטאַרבן אַ ייִד!״

ר׳ אליהו פּנחס באַמערקט דערצו, אַז אַזאַ „מעשה־ביכל״ איז ניט קיין „טריף־פּסול״. ס׳קאָן ניט אַראָפּפֿירן, חלילה, פֿון דרך הישר. דאָך בלייבט נאָך אַלץ די שווערע זינד פֿון ביטול־תּורה, אויסברענגען צייט, אין וועלכער מ׳קאָן לערנען אַ בלאַט גמרא. אויף מיין טענה, אַז כ׳טו עס נאָר, ווען כ׳דאַרף זיך אַ ביסל אָפּרוען, עצהט ער מיר צו לייענען ליבער מוסר־ספֿרים. איך דערצייל אים, אַז כ׳האָב זיי שוין אַלע דורכגעלייענט און רעכן אים אויס אַ גאַנצן צעטל פֿון אַזוינע מוסר־ספֿרים אין ייִדיש און אין לשון־קודש. הייסט ער מיר קויפֿן דעם „ראשית חכמה״, אַ מוסר־ספֿר פֿון גאָר אַ הויכער מדרגה, געשריבן פֿון דעם ספֿרדישן בעל־מקובל ר׳ משה קאָרדאָווערא.

---

*) פֿרייע באַאַרבעטונג פֿון דער נאָוועלע „דהי וועללי אָוו דהי סידערס״ (דער טאָל פֿון די צעדערן) פֿון גרעיס אַגילאַר. אין העברייאיש איז עס איבערזעצט פֿון א. ש. פֿרידבערג אונטערן נאָמען „עמק הארזים.״

ווען איך הויב אָן לייענען דעם „ראשית חכמה״, געפין איך אויס, אַז ס׳איז פאַר מיר ניט מעגלעך זיך אויפצופירן אין דער היינטוועלטיקער שטאָט ווילנע, לויט די אָנווייזונגען פון אַ בעל־מקובל, וואָס האָט געלעבט מיט הונדערטער יאָרן צוריק אין צפת, ארץ־ישראל, אין אַ הייליקן קיבוץ פון צדיקים און מקובלים.

לויט ר׳ משה קאָרדאָוועראָ דאַרף איך כסדר מכוון (מעכאַוון) זיין, האָבן אין זינען דעם טאָפּלטן „שם״ — „יאהדונהי״, וואָס איז צוזאַמענגעפלאָכטן פון דעם אויבערשטנסביידע הייליקע נעמען. כדי אָבער אָנצוהאַלטן זיין קדושה, דאַרף מען אים מכוון־זיין, ניט קוקנדיק ווייטער פון די אייגענע פיר איילן. דאָס מיינט אויך, האַלטן תמיד אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ און טאָקע ניט קאָנען זען ווייטער, ווי די אייגענע ד׳ אַמות. אויפהויבן דעם קאָפּ און זען ווייטער ווי פיר איילן איז דאָ אַ געפאַר, אַז דער אַכט־אותיות־דיקער טאָפּלטער נאָמען זאָל ווערן צעריסן און דאָס זאָל חרוב מאַכן אומ־צייליקע „אויבערשטע וועלטן״. ס׳איז פאַראַן אַ סכנה, כ׳זאָל דערזען דאָס פּנים פון אַ פרויענצימער און אַ קוק געבן אויף אירע האָר, וואָס דאָס איז אַזאַ מוראדיקע זינד, ווי הערן איר קול.

צוקוקנדיק זיך צו די הנהגות (אויפפירונגען) פון ר׳ אליהו פּנחסן, נעם איך אָן, אַז די פאָדערונגען פון ר׳ משה קאָרדאָווערא אין זיין מוסר־ספר „ראשית חכמה״ זיינען נאָר פאַר מקובלים, אָדער פאַר אויסערגעוויינלעכע פאַלן. אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז אָבער דער עיקר לערנען תורה און פּראַקטיצירן גוטע מידות. דאָך הער איך ניט אויף צו לייענען ווייטער דעם „ראשית חכמה״ און זוך מעגלעכקייטן צו גיין אין זיינע דרכים.

ר׳ שלמהלע (ר׳ שלמה הכהן) איז דער אָנגעזעענסטער ווילנער מורה־הוראה. ער איז דער אב־בית־דין, דער הויפּט פון די דיינים אין דעם בית־דין־שטיבל. מ׳קומט אויך צו אים פרעגן שאלות, ווי אַנדערשוואו צום שטאָטישן רב (ווילנע האָט ניט קיין שטאָט־רב, נאָר אַ שטאָט־מגיד, וואָס האַלט נאָר דרשות). אַזוי ווי זיין ברודער, ר׳ בצלאל הכהן, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן, האָט אויך ר׳ שלמהלע געשריבן „הגהות״ (אָנמערקונגען און אויסבעסערונגען) צו דער גמרא. ער האָט אויך דורכ־געקוקט און אויסגעבעסערט די פירושים און הנחות, וואָס זיינען אַריין אין דעם נייעם ווילנער ש״ס פון די „ברידער און אלמנה ראָם.״

כ׳האַלט עס דעריבער פאַר אַ גרויסן זכות, וואָס כ׳האָב היינטיקן שבת, פאַרן באַגינען, געלערנט מיט ר׳ שלמהלען אין אַין גמרא. די מעשה איז אַזוי געווען:

אַלע ווינטערדיקע שבתים, אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט, וועקט מען אויף אונדזערע ישיבה־קינדער פון שלאָף. מיר וואַשן זיך אַרום און גייען

פון אונדזערע ישיבה־צימערן דורכן קאָרידאָר אין דער קצבישער קלויז אַריין. דאָרט איז ליכטיק און וואַרעם, און מיר לערנען פאַר־זיך ביז באַגינען. יעדער פון אונדז שטייט ביי אַ באַזונדער שטענדער, און איז פאַרטיפט אין זיין גמרא, וואָס מיר לערנען אַלע מיט דעם זעלביקן האַלב־וויינענדיקן ניגון.

פאַרטיפט אין לערנען, האָב איך ניט באַמערקט ווי ר׳ שלמהלע, אַ הויכער, אַ דאַרער מיט אַ גרויער באָרד, איז צוגעקומען צו מיין שטענדער. כ׳האָב אָבער באַלד דערהערט זיין פראַגע, צי ער מעג לערנען מיט מיר פון איין גמרא. כ׳האָב אים תיכף געענטפערט: „אַדרבא! מיט כבוד.״

מיר האָבן געלערנט צוזאַמען אַ היפּשע צייט. ער האָט מיר אויך גע־שטעלט פראַגעס און געמאַכט באַמערקונגען.

ווי אַלעמאָל זיינען אין קלויז אויך געווען די צוויי ראשי־ישיבות, פון ערשטן און צווייטן שיעור, ר׳ אליהו פנחס און ר׳ יהושע־כלב. דער ראש־ישיבה פון דריטן שיעור, ר׳ עליע־איטשע דער חריף, באַווייזט זיך זעלטן אין דער קצבישער קלויז, וואו מיר לערנען פאַר־זיך.

באַגינען קומען אַריין אין קלויז גוטע און פרומע ווייבער און טיילן דיקע „המוציאס״ חלה. מ׳זאָגט מיר, אַז ס׳איז געקנאָטן מיט געקעכטס פון גרויפּן, רעכנט עס זיך ווי „באבקע״. מ׳דאַרף דעריבער ניט מבטל־זיין פון לערנען און וואַשן זיך צום עסן, ווי צו געוויינלעכער חלה.

נאָכן פאַרטיילן די שטיקלעך חלה, הערן אויף אַ טייל ישיבה־קינדער צו לערנען. די ראשי־ישיבות גייען אַוועק אַהיים נאָך פאַרן באַגינען. ר׳ אליהו פנחס גייט לערנען מוסר אין דער קירזשנערשער קלויז, מיט לערנ־ייִנגלעך און יונגע אַרבעטער. אַ טייל פון אונדז גייען אַהין אים הערן לערנען מיט זיי.

כ׳דערוויס זיך, אַז ניט אַלע ישיבה־ייִנגלעך לערנען אין דער קצבישער קלויז שבת פאַרן באַגינען. אַנדערע גייען אַרונטער פון זייערע געלעגערס ערשט אַרום האַלבער שעה פאַרן טיילן חלה. כ׳האָב אויך באַמערקט, ווי אַ צאָל ייִנגלעך בייטן עטלעכע מאָל זייערע ערטער, כדי צו קריגן איבעריקע חלקים. כ׳טראַכט, אפשר האָבן זיי ניט גענוג צו עסן אינדערוואָכן, און זיינען דעריבער מער אויסגעהונגערט, אָדער זיי גרייטן עס טאַקע אָן פאַר מאָרגן?

שבת גופא פעלט דאָ קיינעם ניט וואָס צו עסן. די קצבישע קלויז באַ־זאָרגט יעדן ישיבה־ייִנגל מיט אַ פלאַץ צו עסן דאָרט אַלע דריי שבתדיקע מאָלצייטן. מ׳האָט אפילו פאַראיבל, ווען אַ ישיבה־ייִנגל זאָגט זיך אָפּ צו גיין אויפן פלאַץ, וואָס מ׳האָט פאַר אים באַשטימט. כ׳האָב שוין געקראָגן אַן אויסרייד פאַר מיין ניט וועלן גיין אין ערגעץ.

מיר איז ליבער צו פאַרברענגען שבת ביי מיין מומע, מיין זיידן שמואל־איטשעס שוועסטער, איטע־ראָכע, צוזאַמען מיט איר צענדליק קינדער. זי וויל, אַז כ׳זאָל ביי זיין עסן יעדן טאָג. זי וואָלט וועלן זיין אַזוי גוט צו מיר,

ווי מײַן מאַמע איז געװוען צו איר ייִנגל, איציקל, װעמען זי, די מומע איטע־ראָכע, האָט אַמאָל אַרײַנגעשיקט צו אונדז אין דאָרף. בפֿרט, אַז בײַ זיי איז אַלעמאָל דאָ געגנוג וואָס צו עסן פֿאַר מערערע מענטשן. אינדערוואָכן איז אָבער צופֿיל הו־האַ אין דער בעקערײַ פֿון מײַן פֿעטער שאול. איך עס דעריבער דאָרט נאָר שבת.

שבת איז דאָרט פֿײַן אױפֿגערױמט. קיין געבעקס ווערט ניט פֿאַרקױפֿט. מ׳גיט עס אומזיסט צו די גבאיטעס, וואָס קומען אַרײַן מיט גרויסע קאָשי־קעס זאַמלען ברויט און חלה פֿאַר נויט־באַדערפֿטיקע. אַלע מײַנע שוועס־טער־קינדער זיצן צוזאַמען מיט די עלטערן אַרום אַ גרויסן טיש, בײַם ליכ־טיקן פֿענצטער צום גאַס. די עלטערע צוויי בחורים, דער הויכער לייבע־עליע און דער שיינער יודל, פֿירן אָן מיטן געזאַנג פֿון די זמירות. אַמאָל קומען אויך אַרײַן זייערע כּלות, לייבע־עליעס שוואַרץ־חנעוודיקע פֿײַגע, וואָס איז כּמעט אַזוי הויך ווי ער, און יודלס קליינע פֿעסל מיט די גאָלדיקע העל־בלאָנדע האָר. אין שטוב איז לעבעדיק און פֿריילעך, כאָטש מײַן הויכע שלאַנקע עלטער־מומע טרויערט נאָך אַלץ נאָך איר עלטסטער טאָכטער ביילע (בערטע), וואָס איז געווען באַרימט מיט איר שיינקייט און מיט איר הילפֿס־טעטיקייט.

די ממונים אויף צו באַזאָרגן די ישיבה־קינדער מיט פֿלעצער פֿאַר שבת דערקלערן, אַז ווען אַ ייִד זאָגט צו צו נעמען אַ ישיבה־ייִנגל אויף שבת, און קיינער קומט ניט, איז מען אים מבייש. נאָך מער פֿאַרשעמט מען אים, ווען ער ווײַזט אָן אויף אַ באַשטימטן ישיבה־ייִנגל, וואָס זאָל אים „באַ־שיינען דעם שבת" און מען דערפֿילט ניט זײַן בקשה... כ׳האָב דעריבער זיך געלאָזט איבעררײדן און צוגעזאָגט צו גיין צוויי שבתים, וואוהין מ׳וועט מיך שיקן. דעם ערשטן שבת האָט מען מיך געשיקט צו אַ וואויל־האָבענדיקן קצב, אַ פּראָסטאַק.

דער קצב, אַ הויכער קרעפּטיקער מאַן, מיט ברייטע פּלייצעס און אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, און זײַן קיילעכדיקע פֿרוי, האָבן מיך אויפֿגע־נומען זייער פֿרײַנטלעך. זיי זײַנען נאָר געווען אומצופֿרידן, וואָס כ׳עס ניט אויף אַלץ, וואָס די קצבטע דערלאַנגט מיר. כ׳האָב אָבער ניט געהאַט קיין כּח צו עסן אַזוי פֿיל מער, ווי כ׳בין געווען געוואוינט.

בײַ אַ ברעג טיש איז געזעסן זייער טאָכטער. זי האָט געלייענט אַ ראָ־מאַן אין רוסיש. די עלטערן האָבן שטאָלצירט מיט זייער טאָכטערס קענט־שאַפֿט. זי האָט עס געפֿילט און זיך געפּיעשטשעט. דער פֿאָטער האָט גוט־מוטיק זיך געוויצלט איבער די דועלן פֿון די פֿראַנצויזישע באַראָנען און גראַפֿן, די העלדן פֿון דעם איבערגעזעצטן ראָמאַן, פֿון וועלכן זי איז אַזוי אַנטציקט.

כ׳האָב געקוקט אויף די שײַנענדיקע פּעטע פּנימער פון אָט די צוויי גוטמוטיקע מענטשן און געטראַכט, אַז זייער נחת קאָן זיי, חלילה, אויספאַלן באַקאָם, דורך זייער טאָכטערס אָפּגעפרעמדקייט.

דער צווייטער שבת, ביי אַ קרעמער אַ למדן, איז מיר מער געווען צום האַרצן. ווען כ׳בין אַהין געקומען פרייטיק־צו־נאַכט נאָך קבלת־שבת, האָב איך אים געטראָפן לערנענדיק זיין טעגלעכע בלאַט גמרא פאַרן עסן. דער מיטל־געוויקסיקער, דאַרער און בלאַסער מאַן, מיט אַ קורצער שוואַרצער באָרד, איז געווען פאַרטיפט אין לערנען און מיך כמעט ניט באַמערקט. זיין פרוי האָט מיך באַגעגנט מיט אַ ברייטן „גוט שבת" און געשטעלט פאַר מיר אַ בעכערל ווין צו מאַכן קידוש. כ׳האָב גלייך באַמערקט דעם גרויסן ספרים־אַלמער מיט גמרות, פּוסקים, שאלות־ותשובות א. ד. גל. כ׳האָב פון דאָרטן אַרויסגענומען עטלעכע ספרים: „סדר־הדורות", „צמח דוד", „שלשלת הקבלה" און אַנדערע פון דעם מין — וועגן יידישער געשיכטע און יידישע גדולים. די קרעמערקע איז געזעסן און געקוואָלן, ווי איר מאַן און זייער גאַסט לערנען תורה. איר האַרעפּאַשנער, צעקנייטשטער פּנים האָט געלויכטן. אויף איר שויס איז געזעסן די בת־יחידקע און דערציילט, וואָס זי האָט די וואָך געלערנט אין דער רוסישער שקאָלע און ביי איר יידישן רבין.

נאָכדעם ווי דער קרעמער האָט פאַרענדיקט זיין בלאַט גמרא, האָבן מיר געגעסן די שבתדיקע מאכלים און אַלע האָבן געזונגען זמירות. כ׳האָב גע־טראַכט, אַז דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע מיידעלע, וואָס האָדעוועט זיך אין אַ שטוב פון תורה, לייענט און שרייבט יידישע אותיות, און זינגט יידישע גע־זאַנגען, וועט, האָפנטלעך, קיינמאָל ניט ווערן אַזוי אָפּגעפרעמדט ווי דעם קצבס טאָכטער.

קאַפּיטל דריי און פערציק

מיר מאַכן אַ חברה בסוד

דער געדאַנק, אַז אַ טייל ישיבה־קינדער פּעלט אויס ברויט, לאָזט מיך ניט רוען. די דריי־פערטל־פונטיקע חלקים ברויט טיילט אויס די ישיבה נאָר דריי מאָל אַ וואָך. דאָס איז צו ווייניק פאַר אַ בר־מצווה־ייִנגל. בפרט פאַר די עלטערע און געוויקסיקערע.

ניט אַלע האָבן זייערע עלטערן, אַזוי ווי איך, אין אַ נאָענטן דאָרף, פון וואַנען מ׳שיקט מיר גענוג ברויט און צום ברויט. אַנומלט האָט מיין מאַמע מיר צוגעשיקט אַ גאַנצן לאַבן אייגענע געבאַקענע ראַזעווע ברויט. מיין פעטער שאול דער בעקער האָט מיך געבעטן כ׳זאָל עס אים אָוועקגעבן פאַר זיין בעסטן קונד, דעם ווילנער „האָטעל אייראָפּע", אויפן ראָג פון דייטשי־

שער און טראָקער גאַס. דאָרט האָט מען עס צעשניטן אויף קליינע פּענעצ־לעך, און עס דערלאַנגט די רייכע געסט ווי אַ נאַשעריי. דער פעטער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז פאַר אים ווערט מיר צו געבן אַ גאַנץ ווינטער פרישע געבייטלטע, האַלב־זיידענע ברויט, וויפל כ׳דאַרף נאָר. כ׳קריג אויך גענוג קליינגעלט פון די עלטערן און דער משפּחה.

נאָך אַ שמועס וועגן דעם מיט מיין חבר מאָנישקע ניסנס פון מושניק, האָבן מיר, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע ישיבה־קינדער, בסוד געמאַכט אַ חברה, צו העלפן די באַדערפטיקע. פאַרוואָס „בסוד״, ווייל געוויינלעך, ווערט אַ ישיבה־ייִנגל ליבער ליידן הונגער איידער אָננעמען הילף. מ׳דאַרף דעריבער עס טאָן בשתיקה, מ׳זאָל ניט וויסן, ווער דאָס גיט אים.

כדי עס צו קאָנען טאָן האָבן מיר אָפּגעמאַכט צו געבן אויף דעם אַ טאָפּלטן „מעשר״ (ס׳מיינט אַ פינפטל) פון דעם קליינגעלט, וואָס יעדער פון אונדז קריגט אַריין. מיר האָבן אויך אָפּגערעדט צו נעמען יעדן חלק ברויט, וואָס די ישיבה גיט, און עס צעטיילן, אָדער פאַרקויפן אויף באָרג צו יענע ישיבה־קינדער, וועלכע דאַרפן האָבן נאָך.

מיר האָבן אויך באַשטימט אַ צאָל „מתן־בסתרניקעס״ (פאַרבאָרגענע העלפער), אונטערצווואַרפן קליינגעלט צו די וועלכע נויטיקן זיך אין דעם. יעדער מתן־בסתרניק (מאַטן־בעסויסערניק) האָט געקראָגן דעם נאָמען, אָדער די נעמען, וועמען ער דאַרף צושטעלן הילף, קיינער זאָל דערפון ניט וויסן. דאָס פולע צעטל באַדערפטיקע האָט זיך געפונען ביי אונדזער אויס־געוויילטן „נאמן״ (פאַרטרויטן).

די „מתן־בסתרניקעס״ האָבן געמוזט זיין זייער פאַרזיכטיק. דאָס קליינ־געלט איז געווען איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר, אויף וועלכן ס׳איז אויפגע־שריבן מיט כתיבהשע אותיות, אַז דאָס איז אַ „גמילת חסד״, אָפּצוצאָלן סוף זמן. פונדעסטוועגן וואָלטן די מתן־בסתרניקעס ניט געשוינט געוואָרן, ווען מ׳כאַפּט זיי ביים אונטערוואַרפן עס, אין אַ קעשענע, אָדער אין אַ קלומעק. ס׳איז אויך געווען אַ געפאַר, אַז מ׳זאָל זיי חושד זיין אין גנבה, אין קריכן אין פרעמדע קעשענעס.

דאָך האָט אונדזער חברה אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער, און איז גע־בליבן בסוד. ערשט אַרום סוף זמן, ווען אַ צאָל קינדער האָבן אָנגעהויבן פאַרשן וועמען זיי זיינען שולדיק דעם חוב, דערוויסן זיך דערפון אונדזערע ראשי־ישיבות ר׳ אליהו פנחס און ר׳ יהושע־כלב. זיי פאַרלאַנגען פון אונדז דעם פנקסל פון די חברים, וואָס האָבן געצאָלט דעם טאָפּלטן „מעשר״, און דעם צעטל פון די הילפס־באַדערפטיקע, מיט אַלע אונדזערע חשבונות פון הכנסה און הוצאה. זיי נעמען דעמאָלט איבער אויף זיך די גאַנצע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ווייטערדיקער הילפס־אַרבעט.

אינעם גרויסן בשותפותן שלאָפצימער פון אונדזערע ישיבה־קינדער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ ניט־געבעטענער גאַסט, מיטן נאָמען „אינפלוענציע". די ישיבה האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר דעמבאָ, ער זאָל אונדז אויסהיילן פון דער קראַנקהייט.

דר. דעמבאָ, אַ קליינגעוויקסיקער געוועזענער ישיבה־בחור, איז איצט אַ הויך־אָנגעזעענער ווילנער דאָקטאָר. ער איז אויך באַרימט דורך זיין בוך קעגן די „שונאי ישראל", וואָס ווילן פאַרבאָטן די יידישע שחיטה. דר. דעמבאָ דעקט אויף אין זיין בוך די פאַלשקייט פון די שונאים, אַז זיי פאָדערן עס צוליב „צער בעלי חיים". ער באַווייזט, אַז קוילענען מיט אַ חלף, לויטן יידישן דין, ברענגט דער בהמה ווייניקער יסורים, ווי דאָס ווערן דערשלאָגן מיט אַ בולאַווע אין קאָפּ אָדער דערשטאָכן מיט אַ מעסער אין זייט, ווי אין די ניט־יידישע בוינעס. ער האָט יעדן פון אונדז באַטראַכט און געהייסן אונדז האַלטן דריי מעת־לעת אויף די געלעגערס, און ווי אַזוי און מיט וואָס אונדז צו שפּייזן.

לויט דר. דעמבאָס פאַראָרדנונג איז אויך פון דעמאָלט אָן איינגעפירט געוואָרן אויסצורויכערן, דעזינפעקצירן, יעדן פרימאָרגן אונדזערע שלאָפצימערן באַלד ווי מיר גייען אַרונטער פון די בעטלעך. דער פריער־דערמאָנטער לייזער, וואָס איז דער משגיח איבער אונדזערע ישיבה־צימערן, גייט דורך צווישן די בעטלעך מיט אַ גרויסער אייזערנער סקאָוואָראָדע, אין וועלכער עס רויכערן זיך געוויסע זאַלצן (מיר רופן זיי אָן „קטורת" — קטוירעס), און פאַרשפּרייטן אַ שטאַרקן ריח.

צוליב די רעצעפּטן וואָס דר. דעמבאָ האָט אונדז פאַרשריבן קעגן דער אינפלוענציע, זיינען מיר געוואָרן איינגייער אין דער פרייער אַפּטייק פון הקדש — ווילנער יידישער שפּיטאָל. דער פאָראָדנער אַריינגאַנג צום הקדש איז אויף דער ברייטער זאַוואַלנער גאַס. צום וואָרט־צימער פונעם אַפּטייק אָבער, גייט מען אַריין דורך דער הינטער־טיר, אין דער שמאָלער הקדש־געסל. די אַפּטייק גופא זעט מען דאָרט ניט. די רעצעפּטן דערלאַנגט מען אין אַ פענצטערל, דורך וועלכן מ'קריגט שפּעטער די פלעשלעך רפואות, סלויאיקעס, מאַשטשן, פּראָשקעס, פּילן א. ד. גל. אין אַ דערבייאיקן צימער ווערן אומפּאַרמעגלעכע פּאַציענטן אונטערזוכט, אָן געצאָלט, פון יידישע דאָקטוירים, צווישן זיי אויך באַרימטע ספּעציאַליסטן.

אינעם וואָרט־צימער פון הקדש־אַפּטייק איז תמיד פאַראַן אַ היפּשער עולם פון פאַרשיידענעם עלטער און פאַרשיידענע שיכטן. אַ טייל זאָגט תהילים. אַנדערע קוקן אַריין אין אַ ספר אָדער לייענען אַ ראָמאַן. פאַראַן ישיבה־קינדער, וואָס ברענגען מיט זייערע גמרות און חזרן שטיל זייער שיעור.

אויף דער מזרח־וואַנט הענגט אַ קליינער ארון־קודש. דערביי שטייט

אויך אַן עמוד. די פּאַציענטן, וועלכע קומען אינדערפרי, דאַוונען דאָרט מיט אַ מנין.

קעלער־שטובן זיינען פאַראַן אין אַ סך ווילנער געסלעך און זאַוואַל־קעס, אָבער צוויי־גאַרנדיקע קעלערס — אַ קעלער אונטער אַ קעלער, זע איך נאָר אין הקדש־געסל. דער אויבערשטער קעלער איז ענלעך צו די קעלער־שטובן אין אַנדערע געסלעך: דאָס פענצטערל קומט אַרויס אויף דעם סאַמע טראָטואַר. אין אַ ליכטיקן טאָג קאָן מען דורך אים זען די שיך, שטיוול און קאַמאַשן פון די פאַרבייגייער. ווען מ׳פאַררייסט דעם קאָפּ איז אויך מעגלעך צו באַמערקן די אַנטקעגנדיקע הייזער אין געסל, און אפילו אַ שטיקל הימל. אַמאָל שיינט דאָרט אויך אַריין אַ שטראַל־זון און באַלייכט אַ ברייטן פּאַס טאַנצנדיקן שטויב. אינעם אונטערשטן קעלער איז אָבער כסדר פינצטער. עס ברענט דאָרט תמיד אַ קליין שוואַרץ בלעכן לעמפּל. נאָר עס רויכערט און טשאַדעט מער ווי עס לייכט.

אויף דער זעלביקער זייט פון די צוויי גאַרנדיקע קעלער־שטובן, אַנט־קעגן דער הינטער־טיר פון הקדש, געפינט זיך אַ קליין הויפל, איבער וועמעס טויער עס הענגט אַ ברעטל אויף וועלכן ס׳איז אויסגעמאָלט אַ שטיוול — די שילד פון אַ שוסטער. אונטערן שטיוול איז אָנגעגעבן דעם שוסטערס נאָמען: יאָסעלאָוויטש.

דער שוסטער יאָסעלאָוויטש האָט סמיכה אויף רבנות. ער איז ניט נאָר אַ למדן, נאָר אויך אַ בעל־דרשן. ער קען האַלטן פיינע דרשות פאַרן פשוטן עולם. זיין מאַמע, די אלמנה, צו וועמען ס׳געהערט דאָס הויפל, איז געוועזן צו באַצאָלן אַ רבנים־מעקלער דאָס נויטיקע מעקלעריי־געלט, ער זאָל קריגן פאַר איר איין־איינציקן זון אַ בכבודיקע רבנות־שטעלע. נאָר דער שוסטער יאָסעלאָוויטש וויל אָבער, ווי דער פאַרצייטיקער תנא, רבי יוחנן הסנדלר, ליבער ציען זיין חיונה פון זיין שוסטעריי, איידער צו מאַכן אַ פּרנסה פון זיין תורה. ער פאַרנעמט זיך מיט זיין מלאכה פונקט אַזוי, ווי אַלע אַנדערע וויל־נער שוסטער.

שבת און יום־טוב גיט זיך אָבער אָפּ יאָסעלאָוויטש אינגאַנצן מיט דער תורה: ער לערנט ש״ס און פוסקים מיט לומדים און „חיי־אדם״ און „עין־יעקב״ מיט פּאָלקס־מענטשן, פאַר וועלכע ער האַלט אויך אייגענע דרשות.

יעדער סיום אויף אַ גמרא איז ביי מיר אַ יום־טוב. נאָר אַ עקזאַמען אין קלאַס איז דאָס רוב אַן אָפּקומעניש. אַפּנים, אַז כ׳בין דאָ ניט דער איינציקער, וואָס איז ניט פאַרליבט אין מיין רוסישן קלאַס. פון דער היים דערמאַנט מען מיר אָפט, כ׳זאָל למען־השם ניט פאַרנאַכלעסיקן די רוסישע לימודים. אפילו ר׳ אליהו פנחס, וואָס וואָרנט אַזוי פיל קעגן „ביטול־תורה״, קעגן

לייענען וואָס ניט איז, אַ חוץ אַ בלאַט גמרא און אַ מוסר־ספר, האַלט אונדז איצט אין איין מוסרן מיר זאָלן זיך סטאַרען און אויסצייכענען ביי די עק־זאַמענס אין קלאַס. וואָרעם אויב מיר וועלן דורכפאַלן, קאָן נאַטשאַלסטווע צומאַכן, חלילה, אונדזער ישיבה. איך באַמי זיך אויסצולערנען אויף אויס־ווייניק „באַסניעס" (פאַבלען) פון קרילאָוו און אַנדערע. נאָר ניט דער קאָפּ און ניט דאָס האַרץ איז דערביי, ווי אין דער גמרא, אין מדרש און אין מוסר־ספר.

אונדזער לערער פון רוסיש, ה' כאַסקין, איז אויסער זיך. ער האָט שטאַרק מורא מיר זאָלן ניט דורכפאַלן. בייזערט ער זיך, זידלט און שלאָגט פאַר יעדן טעות וואָס עמיץ מאַכט אינעם רוסישן לימוד. מיך שלאָגט ער טאָפּלט, ווייל כ'מיש נאָך אַלץ אַריין פוילישע ווערטער אין מיין רוסיש. אַנומלט האָט ער מיר דערפאַר געגעבן אַ צו שטאַרקן קלאַפּ אין רעכטן אָרעם. ס'איז מיר נאָכדעם געוווען אוממעגלעך איבערצושרייבן די פון אים גע־שריבענע שורות אויפן שוואַרצן טאָוול. האָב איך דערווייל געקוקט אין אונדזער רוסישן לער־בוך און זיך איינגעחזרט דאָס וואָס מיר דאַרפן קענען אויף אויסווייניק. ה' כאַסקין האָט עס באַמערקט און געפרעגט פאַרוואָס איך שרייב ניט. ווען כ'האָב אים געזאָגט, אַז מיר טוט ווי די האַנט פון זיין שטאַרקן קלאַפּ, האָט ער קענטיק געמיינט, אַז דאָס טו איך אים להכעיס, און מיך גענומען שלאָגן מיט דער לאַנגער שווערער „לינעיקע". ווען די לי־נעיקע האָט זיך איבערגעבראָכן, האָט ער מיך געשלאָגן מיט די צעבראָכענע שטיקער. דערביי האָט ער געמאַכט אַזוינע געוואַלדן, אַז די שילער פון די אַנדערע צוויי קלאַסן זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן, און נאָך זיי — די לערער, וועלכע האָבן מיך קוים אַ לעבעדיקן אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, און אים מיט געוואַלד אַריינגעשלעפּט אין זייער באַראַטונגס־צימער.

די שילער פון אַלע קלאַסן האַלטן באַלד אָפּ אַ באַראַטונג. איינער פון זיי שרייבט אויף אין רוסיש אַ פּראָטעסט צום פאַרוואַלטער עליע טראַצקי קעגן מיין לערער און פאָדערט מען זאָל אים באַשטראָפן פאַר זיין רציחה. אַלע שרייבן אונטער זייערע נעמען אויף אָט דעם פּאַפּיר. עטלעכע ווילן מיך תיכף נעמען צו אַ דאָקטאָר און מאַכן אַן אָפיציעלן פּראָטאָקאָל צום די־רעקטאָר פון אַלע ווילנער שולן. איינער פון אונדזערע לערער פועלט אָבער ביי זיי מ'זאָל עס אָפּלייגן אויף מאָרגן.

אויף מאָרגן איז עליע טראַצקי געקומען אין די קלאַסן. ער האָט צוגע־געבן, אַז מיין לערער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. דאָך מוז מען אים איצט האָבן צו פאַרענדיקן די עקזאַמענס. די פאַרוואַלטונג גאַראַנטירט, אַז דער דאָזיקער לערער וועט שוין מער קיין שילער ניט שלאָגן. עליע טראַצקי בעט ביי די שילער ניט צו שיקן קיין קאָפּיע פון פּראָטעסט צום ווילנער שול־דירעקטאָר, דאָס וועט זיין אַ חילול־השם און ס'קאָן אויך ברענגען אַ סך שאָדן דער ישיבה.

איינער פון די שול־אינספעקטאָרן האָט מסתמא געוואוסט דערפון. ער איז אַריינגעקומען צוזאַמען מיט עליע טראַצקין אין מיין קלאַס. אַרויפ־געלייגט אַ נייע ליניע אויף דעם גרויסן שוואַרצן טאָוול און באַמערקט: אַ ליניע איז נאָר צו לינירן דעם טאָוול, אָבער ניט אויף צו באַשטראָפן עמיצן דערמיט.

דאָך איז דער עקזאַמען אין מיין קלאַס דורכגעגאַנגען בשלום. ה׳ כאַסקין האָט זיך געקליגט, אַז דער אינספעקטאָר זאָל מיך דער עיקר פאַרהערן אין אַריפמעטיק, וואו איך וועל זיכער ניט אַריינמישן קיין פויליש וואָרט, און וועל נאָך קאָנען קריגן פון אינספעקטאָר אַן אויסצייכענונג...

באַזונדער פריילעך איז צוגעגאַנגען דער סיום אויף דער גמרא. עילוים האָבן געזאָגט „הדרנס״ (שאַרפזיניקע פילפולים). אַנדערע האָבן געוויזן קונצן, ווי למשל, אַריינשטעקן אַ נאָדל אין גמרא און טרעפן געַנוי אין וואָס פאַר אַ וואָרט, אָדער אפילו אַן אות, זי וועט זיך אַריינשטעכן מיט צענדליקער זייטן ווייטער... דער ווילנער שטאָט־חזן, ה׳ קאַהאַן, אַ הויכער שיינער מאַן מיט אַ קיילעכדיק בלאָנד בערדל, האָט פאַר אונדז געזונגען תפילות און שירים. ער האָט באַגייסטערט מיט זיין זינגען אַליין ביי אונדז אין ישיבה־זאַל, אַזוי ווי מיט זיין בענטשן חנוכה־ליכט, זיין ראש־חודש בענטשן און זיין קאָנצערט (אויף בילעטן) אין דער ווילנער גרויסער שול, וואו ער האָט גע־זונגען צוזאַמען מיט זיין גרויסן כאָר משוררים.

קאַפּיטל פיר און פערציק

ביים סוף זמן

פון טעג זיינען געוואָרן וואָכן, פון וואָכן — חדשים. באַלד פאַרענדיקט זיך שוין אויך אַ גאַנצער זמן.

די נעכט זיינען שוין קורץ. מיר לערנען ניט מער שבת פאַר באַגינען אין קצבישער קלויז. אויך די לערן־יינגלעך און יונגע אַרבעטער האָבן אויפגעהערט לערנען מוסר און „חיי אדם״ שבת אינדערפרי אין קירזש־נערשער קלויז. ר׳ אליהו פנחס לערנט דאָרט איצט מיט זיי שבת בייטאָג. ווען איך קאָן עס נאָר באַווייזן, קום איך אַהין אים הערן לערנען.

איך קום אויך אַהין זיך טרעפן מיט אַ טייל פון אָט די אַרבעטער־יינגלעך מיט וועלכע כ׳בין געוואָרן חבר, האָרכנדיק צוזאַמען ר׳ אליהו פנחסעס מוסר אין קירזשנערשער קלויז און ביי אים אין שטוב. כ׳האָב אויך האַלט צו קוקן דאָרט אויף די אויפשריפטן מיט גרויסע געכתיבהטע אותיות, ווי למשל: פאַרלירן געלט איז אַ שאָדן, וואָס קאָן זיך אומקערן. ערגער איז ווען מ׳פאַרלירט מענטשלעכע ווערדע.

איין שבת בייטאָג האָבן עלטערע ישיבה־יינגלעך מיך איבערגערעדט צו גיין מיט זיי אין באָטאַנישן גאָרטן. צווישן אַנדערע זאַכן האָב איך דאָרט געהערט זינגען אַ לידל אין רוסיש מיט אַ צוזינג „רעב לאָזער אודראַל“ (ר׳ לאָזער איז אַנטלאָפן). דאָס לידל האָט געשילדערט דעם „צוטרוי“ פון ווילנער יידן צום דיין (דייען) ר׳ לאָזער. קליינע הענדלער לייגן איין ביי אים זייער שווער־פאַרהאָרעוועט „שלישית“־געלט; אלמנות און יתומים — וייערע ירושות: כלות — זייער נדן, א. אַז. וו. ר׳ לאָזער, אָבער, טראַכט גאָר ניט פון אָפּגעבן עס צוריק. ער פאַרצערט אַלץ, ווי דאָס וואָלט געווען זיינס. צום סוף, ווען אָט די אָרעמע מענטשן הויבן אָן ביי אים מאָנען זייער איינגעלייגט געלט, אַנטלויפט ר׳ לאָזער פון ווילנע *).

גייענדיק צוריק צו דער ישיבה האָבן מיר גערעדט וועגן דעם דאָזיקן חילול השם אין דער ירושלים פון ליטע. איין יינגל האָט דערמאָנט, אַז אויך אינעם אַלטן ירושלים, ווי דער נביא ישעיה קלאָגט, האָבן זיך געפונען ריכ־טער (דיינים) כאַבאַרניקעס און גנבים... אַ טייל יינגלעך זאָגן זיך אויך אַרויס קעגן די פריערדיקע כלי־קודש, — דעם שטאָט־חזן קופּער און דעם שטאָט־מגיד ר׳ יאַנקעלע חריף (ר׳ יעקב יוסף), אַז געלט איז ביי זיי געווען חשובער, ווי די חזנות און די מגידות פון ווילנע. אַן עלטערער יינגל האָט דעם מגיד פאַרענטפערט אַזוי: ער האָט נעבעך געהאַט אַ נאַריש ווייב, האָט ער געזוכט נאָכצוטאָן די גבירנטעס. ער איז צוליב איר געוואָרן אַ בעל־חוב פון אַ סך טויזנטער רובלס. האָט ער געמוזט נאָכטאָן דעם חזן קופּער און אַנגעמען אַ שטעלע אין אַמעריקע.

צוליב דער נאָענטקייט פון פסח טייטשט אונדז אויס ר׳ אליהו פּנחס שטיקלעך הגדה. ער טוט דאָס אויף דעם זעלביקן שטייגער ווי פריער מיט דער סדרה פון וואָך, — „קנעכטשאַפט אין מצרים“ מיינט די נשמה איז פאַר־שקלאַפט ביים גוף. „יציאת מצרים“ מיינט תשובה טאָן. ר׳ אליהו פּנחסעס הגדה האָט ניט קיין שום שייכות צום יום־טוב פסח. זי פאַרנעמט זיך מיט מוסר פאַר אַ גאַנץ יאָר און מיט געשעענישן פון יענער וועלט. באַשרייבונגען פון אָפּריכטן דעם סדר טייטשט אויס ר׳ אליהו פּנחס אַזוי:

„קדש“ (הייליק זיך). „ורחץ“ (וואַש זיך אָפּ פון דיינע זינד. „כרפס“ (באַנוגן זיך מיט אַ שטיקל גרינס, אָדער אַ בולבע, ווי ר׳ חנינא בן דוסא האָט זיך באַנוגנט מיט אַ שטיקל באָקסער, פון ערב־שבת צו ערב־

*) ווי כ׳האָב שוין אַמאָל דערציילט, האָבן ווילנער משכילים זיך גע־וויצלט, אַז אַנשטאָט „ברוך דיין אמת“, ווי מ׳זאָגט נאָך אַ טויטן, דאַרף מען וועגן ר׳ לאָזערן זאָגן: „ברח“ א. אַז. וו. דער דיין איז אַנטלאָפן, האָט אָנ־געזעצט.

שבת). „י ח ץ" (צעטייל דיין לעבן צווישןביידע וועלטן. דעם גרעסטן טייל באַהאַלט פאַרן „צפון", דאָס באַהעלטעניש אויף יענער וועלט). „מ ג י ד" (מ׳וועט דיר „דאָרט" זאָגן, ס׳הייסט אויסרעכענען אַלץ, וואָס די האָסט געטאָן אויף דער וועלט). „מ ו צ י א" (ס׳וועלן אַרויסגעצויגן ווערן, זיך אויפדעקן אַלע דיינע זינדיקע מחשבות). „מ צ ה" (מ׳וועט זיך קריגן מיט דיר איבער דיין יעדער עבירה). „מ ר ו ר" ס׳וועט דיר זיין ווי אין ביטער). „כ ו ר ך" (מ׳וועט צוזאַמענברענגען דעם גוף מיט דער נשמה, זיי זאָלן זיך ניט אַרויסדרייען מיט קיין שום תירוץ, ווי אין דעם משל פון בלינדן מיטן הינקענדיקן: דער בלינדער טענהט: כ׳קאָן דאָך ניט זען. דער הינקענדיקער זאָגט: כ׳קאָן דאָך ניט גיין. זעצט מען אַרויף דעם הינ־קענדיקן אויפן בלינדן, וואו זיי קאָנען צוזאַמען גיין און זען און מען גיט זיי די פאַרדינטע שטראָף פאַר זייערע זינד). „ש ל ח ן ע ר ו ך" (פאַר די צדיקים וועט זיין גרייט דער טיש אין גן־עדן, מיט אַלע הימלשע תענוגים). „צ פ ו ן" (זיי וועלן קריגן זייער טייל „אפיקומן", וואָס זיי האָבן באַהאַלטן אויף יענער וועלט). „ב ר ך" (זיי וועלן ווערן געבענטשט פאַר אַלע אייבי־קייטן). „ה ל ל" (זייערע מעשים און זייער שכר וועלן ווערן געלויבט אין אַלע „עולמות עליונים" — אויבערשטע וועלטן). „נ ר צ ה" (דער בורא, דער באַשעפער, וועט זיין צופרידן מיט זיין באַשאַפונג).

מיר געפעלן די פשוטע מעשיות פון אַמאָל, ווי זיי זיינען באַשריבן אין חומש, אין דער גמרא, אין די מדרשים און אין דער הגדה: — יידן זיינען געווען פאַרשקלאַפט אין מצרים. דער אויבערשטער שיקט משהן מיט אהרנען צו פאָדערן פון קעניג פרעה אַרויסצולאָזן די יידן. פרעה וויל דער־פון ניט הערן. ווערט ער באַשטראָפט מיט אַלערליי „מכות" ביז ער מוז פאָלגן. ווען ער האָט חרטה און יאָגט נאָך די יידן, שפּאַלט זיך פאַר זיי דער ים־סוף. זיי גייען אים אַריבער בשלום. נאָר פרעה מיט זיינע רייטוועגן און חייל ווערן דערטרונקען.

ישיבה־קינדער האָבן אָבער שטאַרק הנאה פון ר׳ אליהו פנחסעס אויס־טייטשונגען. זיי בעטן אים ער זאָל אויף אַזאַ אופן אויך אויסטייטשן אַ שטיקל גמרא. דערפילט ער זייער בקשה. ער טייטשט אַריין דעם „שטן" און דעם „יצר־הרע" אין די ווערטער „ארבעה אבות נזיקין", אינעם אָנהויב פון דער גמרא „בבא קמא."

באַלד ווי כ׳האָב זיך דערוואוסט, אַז אַ מטיף (מאַטיף) וועט האַלטן אַ „נאום" (רעדע) אין קצבישער קלויז, וואָס איז פאַרבונדן דורך אַ קאָרידאָר מיט אונדזערע ישיבה־צימערן, בין איך אַריין אים הערן.

אויפן ערשטן בליק האָט זיך מיר געדוכט, אַז דער הויכער מטיף, מיט זיין שיינער שוואַרצער באָרד, איז אַ מגיד, וואָס האַלט אַ דרשה אָן אַ טלית.

זיין ריידן מיט אַ ניגון, אויסזינגען די פּסוקים, דערציילן פיינע משלים, און שטראָפן דעם עולם, איז געווען ווי פון אַ „פּאַלנעם" עכטן מגיד. ביסלעכ־ווייז אָבער האָב איך איינגעזען דעם אונטערשייד. דער מטיף שטראָפט יידן ניט פאַר זייער זיין ווייניק פרום, נאָר פאַר זייער ניט האָבן געגנוג „חיבת ציון" (ליבשאַפט פאַר ציון). ער פאָדערט זיי זאָלן העלפן אויפבויען פונדאַסניי „די צעפאַלענע סוכה" — דאָס חרובע יידישע לאַנד; קויפן ארץ־ישראל ערד, ניט אין „קליינע זעקעלעך", מיטצונעמען אין קבר, נאָר גרויסע שטרע־קעס צו פאַרזייען פעלדער תבואה און פאַרפלאַנצן וויינגערטנער און סעדער; יעדער ייד זאָל זיך פאַרשרייבן אין דער חברה „חובבי ציון" (ליבהאָבער פון ציון), וואָס אַרבעט פאַר „ישוב ארץ־ישראל", צו באַזעצן ארץ־ישראל מיט יידישע קאָלאָניסטן.

ווען דער מטיף האָט געענדיקט ריידן, זיינען היינט־וועלטיקע יונגע־לייט, „חובבי ציון", אַרומגעגאַנגען צווישן עולם און צוגערעדט יעדן איינעם זיך צו פאַרשרייבן אין זייער חברה. זיי האָבן אויך געזאַמלט געלט און אַרויסגעגעבן קוויטלעך. צו מיין פאַרוואונדערונג איז צווישן אָט די יונגע־לייט אויך געווען מיין לערער כאַסקין, וועלכער האָט מיך שטאַרק געשלאָגן ביים לערנען רוסיש. ניט געקוקט אויף דעם, איז מיר דאָך שטאַרק געפעלן דער רעיון (ראַיען) פון „חיבת ציון" און „ישוב ארץ־ישראל."

באַלד ווי מיין טאַטע איז געקומען צו פאָרן פון דאָרף אין שטאָט, בין איך אַוועק אין זיין אכסניה, אויף זאַוואַלנער גאַס, אים צוצוריידן, ער זאָל זיך פאַרשרייבן פאַר אַ „חובב ציון". דער טאַטע איז אָבער ניט געווען גרייט, ווי ער זאָגט, צו פאַרבייטן די „אַלטע פושקע" פון „ר' מאיר בעל־הנס", אין וועלכער ער וואַרפט אַריין קליינגעלט פאַר ארץ־ישראל יעדן פרייטיק ראש־חודש און ערב־יום־טוב, — אויף די „נייע קוויטלעך" פון אָפּגעגאַלטע יונ־געלייט.

אייזיק לענטשנער, דער בעל־אכסניה, וואָס לאַכט אַלץ אויס, פרעגט מיין טאַטן, צי ער איז זיכער, אַז דאָס פושקע־געלט פון ר' מאיר בעל־הנס קומט אָן אין ארץ־ישראל? דער טאַטע ענטפערט מיט אַ שמייכל:

— דאָס ווענדט זיך אין מזל. אַ מאָל קומט אָן אַ חלק געלט פאַר אָרעמע גוטע פרומע לייט און לומדים אין ירושלים, אַ מאָל ווערט דערמיט אויס־געהאַלטן דער משולח, וואָס איז אויך אַ פרומער ייד, אַ למדן. ווען ס'איז אָבער ניטאָ קיין מזל גייט עס אַוועק איינגאַנצן אויף היי און האָבער פאַרן משולחס פערד... נאָר דאָס איז אויך קיין בייז ניט. דער פערד טוט אַ גוטע שליחות און פאַרדינט כשר זיין עסן.

דער טאַטע האָט נאָכדעם דערציילט, אַז אַ יונגערמאַנטשיק האָט אים פאַרגעשלאָגן צו ווערן אַ „טשלען" (אַ מיטגליד), דערביי האָט יענער שטאַרק געריטמט די גליקן פון זייערע (די חובבי־ציונשע) קאָלאָניעס. יעדער קאָלאָ־

ניסט, האָט דער יונגערמאַנטשיק געזאָגט, האָט אַן אייגענעם ווייגאָרטן, אַן אייגענעם סאָד א. אַז. וו. און לעבט ווי אַ פּריץ. האָט דער טאַטע אים דער־קלערט:

— כ׳בין גרייט צו טיילן מיין ביסן מיט יידן, וועלכע אַרבעטן שווער אויפן שטיקל ברויט, ווי איך, אַ דאָרפס־ייד. כ׳האַלט אָבער פאַר אַן עבירה צו העלפן באַזעצן ארץ־ישראל מיט פּריצים, אפילו ווען זיי זיינען יידן.

פּאָגוליאַנקע איז אַ שטילע גאַס אין דרום פון די טומלדיקע ווילנער גאַסן — די דייטשישע און די זאַוואַלנע. ביי די זייטן אירע שטייען הויכעביימער. אַ סך הייזער זיינען אַרומגערינגלט מיט גערטנער ווי אויף אַ דאַטשע. ס׳גייען דאָרט וויניק מענטשן און פורן. מ׳קאָן דאָרט גיין און טראַכטן ווי אין אַ וואַלד אָדער צווישן פעלדער קאָרן. שפּאַצירנדיק דאָרט קאָן איך, מער־וויניקער, זיך אויפפירן לויט די אָנווייזונגען אין דעם פריער דער־מאָנטן מוסר־ספר „ראשית חכמה״. כ׳קאָן האַלטן אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ, קוקן נאָר אין מיינע אייגענע פיר איילן, טראַכטן נאָר וועגן רוחניות, און אַמאָל אויך האָבן אין זינען אַ הייליקן „שם.״

אין יענע ווילנער גאַסן, וואו עס לויפן כסדר דראָזשקעס און פורלעך מיט רעש אויפן שטיינערנעם ברוק, און די לאָוועס זיינען פול מיט איילנדיקע מענטשן פוס־גייער, מוז מען תמיד קוקן וואוהין מ׳גייט. מ׳קאָן זיך ניט פאַרטיפן אין מחשבות. כ׳האָב דעריבער זיך שוין געהאַט מיאש (מעיאַעש) געווען פון אויפפירן זיך אין דער היינטיקער ווילנע, ווי אין דעם קיבוץ פון הייליקע מקובלים אין ארץ־ישראל, וואו דער ספרדישער בעל־מקובל ר׳ משה קאָרדאָווערא האָט מיט אַ דריי הונדערט יאָר פריער אויפגעשריבן זיין מוסר־ספר „ראשית חכמה״. באַזונדערס האָב איך אַזוי געטראַכט זינט דער חתונה פון שוועסטערקינד יודל וויניסקי. דאָרט האָב איך לויטן „ראשית חכמה״ צעשטערט אַן אַ שיעור איבערשטע וועלטן, ניט נאָר דורך קוקן ווייטער פון פיר איילן, ווי אויף די ווילנער גאַסן, נאָר דער עיקר דורך מיין זען שיינע צורות פון פרויענצימער און זייערע פיין־פּאַרקעמטע האָר, ווי אויך דורך מיין הערן זייערע האַרציקע געזאַנגען, וואָס זיינען מיר געווען געפעלן ווי דעם מינסקער בדחנס *) באַזעצן די כלה און זאָגן גראַמען ביים טיש.

דאָ אָבער אויף פּאָגוליאַנקע קאָן איך שפּאַצירן היפשע ווײַלעס אפילו מיט פאַרמאַכטע אויגן. כ׳קאָן אויך טראַכטן פון וואָס כ׳וויל. פּראַקטיציר איך דאָרט די אָנווייזונגען פון ר׳ משה קאָרדאָווערא און בין מתפלל אין מיין האַרצן כ׳זאָל מצליח זיין, זיי צו קאָנען דורכפירן.

---

*) שלמה שמולעוויטש, מחבר פונעם ליד „אַ בריוועלע דער מאַמען״, דעמאָלט אַ יונגערמאַנטשיק, אַ שטייפער, מיט ברענענדיקע אויגן.

קאַפּיטל פינף און פערציק

אויף פּסח אַהיים אין דאָרף

אַ פּאָר טעג פאַר פּסח האָט מיך דער טאַטע געבראַכט צו פירן פון ווילנע אַהיים אין דאָרף. די מאַמע און די שוועסטער האָבן מיך געקושט און געהאַלדזט. מיין קליינע מאַמעלע האָט געווייַנט פאַר שמחה, וואָס זי האָט ווידער לעבן זיך איר איינציקן זון. ס׳האָבן זיך מיט מיר אויך געפרייט אונדזערע דאָרפישע שכנים.

מיין עלטסטע זיבעצן־יאָריקע שוועסטער, העני־טאָבע, צוזאַמען מיט אירע חברטעס לעוואָשע, זאָשע און אַנדערע פויערשע טעכטער האָבן אַרויס־געטראָגן פון שטוב אין דרויסן די מעבל און אַלע אַנדערע זאַכן, און אַלץ געלופטערט, געוואַשן און געשייערט.

דער גרעסטער טייל פירהויז איז שוין געווען פּסחדיק. הינטער אַ מחיצה, פאַרהאַנגען מיט ווייסע לייוונטן, זיינען געשטאַנען קערב מיט מצה, פעסלעך מיט באָרשטש און מעד, און אַלערליי אַנדערע פּסחדיקע מאכלים און געטראַנקען; די שוין געכשרטע און אויסגעווייסטע כלים ביים בלעכער און קאָטלער, ווי אויך יענע פּסחדיקע כלים, וואָס ליגן אַ גאַנץ יאָר אויפן בוידעם, איינגעוויקלט אין היי.

כ׳בין דערווייל אַוועק אין שטעטל זיך זען מיט מיין באָבען און זיידן. זיי וואוינען שוין ניט מער אין זייער אייגן הויז אויף דער הויפּט־גאַס, אויפן וועג צו ווילנע. איצט וואוינען זיי אויף יורסדיקע, אין שמואל דעם אַרענדאַרס אַ שטוב מיט אַ שטרויענעם דאַך, אַנטקעגן דעם חדר פון מיין אַמאָליקן רבין שלמה דער שמש *).

די באָבע און דער זיידע זיינען געווען שטאַרק צופרידן, וואָס כ׳האָב זיי באַזוכט באַלד, ווי כ׳בין געקומען אַהיים. די באָבע האָט מיר געשטעלט אַ סך פראַגעס וועגן מיין לערנען און מיין לעבן אין ווילנע, אין דער שטאָט, וואו זי איז געבאָרן געוואָרן און זיך אויסגעהאָדעוועט. זי האָט זיך געוואונ־דערט פאַרוואָס איך האָב זיך דאָרט געהאַלטן פון וייטן פון איר שוועסטער חנהס קינדער: שרה ראַפּאַפּאָרט, די פרוי פון ווילקאָמירער שטאָט־מגיד, און חיים־שמעון. זיי האָבןביידע, זאָגט זי, ניט נאָר דערוואַקסענע טעכ־טער און זין, נאָר אויך יינגערע, אין מיינע יאָרן, מיט וועלכע כ׳קאָן זיין חבר.

ווען כ׳בין צוריקגעקומען, האָב איך אונדזער שטוב געפונען ניי אויס־געקאַלכט (אַ חוץ דעם פלאַץ פאַרן „זכר לחורבן״). דער טאַטע האָט אויך אָפּגערייניקט דעם אַלטן ערדענעם פאָל, אַרויפגעטאָן פרישע ערד און אָפּ־

*) פאָטער פון דעם יידישן שרייבער ד. ל. מעקלער, אין ניו־יאָרק.

געשמירט מיט ליים. דער נייער פּאָל איז געוואָרן ריין פון דעם מינדסטן ברעקל חמץ, און איז באַדעקט מיט פּאַק־פּאַפּיר. אַלע זאַכן זיינען אַריינ־געבראַכט געוואָרן פון דרויסן צוריק אין שטוב און אויסגעשטעלט אויף זייערע באַשטימטע פּלעצער.

באַלד אין אָוונט האָט דער טאַטע בודק חמץ געווען, פאַרן שיין פון אַ וועקסן ליכטל, צוזאַמענגענומען די ברעקלעך ברויט, וועלכע ער האָט אַוועקגעלייגט אין געוויסע פּלעצער, זיי אַריינגעשאַרט מיט אַ לאַנגער פעדער אין אַ הילצערן לעפל, און דאָס אַלץ — לעפל, ברעקלעך, ליכט און פעדער — איינגעוויקלט אין אַ ווייס פּעקל אַריינצוואַרפן מאָרגן אין פייער.

מנחה און מעריב דאַוון איך אין שטוב צוזאַמען מיט מיין טאַטן. די וועטשערע עסן מיר אויף אַ טישל ביי דער טיר. אויף דעם זעלביקן טישל עסן מיר אויך פריִיטיק אינדערפרי, ערב־פּסח, דאָס איבערבייסן: פרישע פּאַספּעליטקענע באַנדעס (אַזאַ מין בולקעס) מיט וואַרעמען מילך. נאָכן עסן ראַמט אויס דער טאַטע פון שטוב און פון פירהויז אַלץ, וואָס איז ניט פּסחדיק. ער באַהאַלט עס ביי אונדזערן אַ ניט־יידישן שכן. דער רב קריגט נאָכדעם די פולמאַכט פון מיין טאַטן, ווי פון די אַנדערע יידן אין שטעטל, צו פאַרקויפן דעם דאָזיקן חמץ צו אַ גוי. יענער האָט דאָס רעכט צו האָבן חרטה, נאָך פּסח, און אויך צו פאַרלאַנגען אַ געוויסע סומע פאַר זיין טרחה.

שפּעטער, ווען אין שטוב און אין פירהויז איז אַלץ פּסחדיק, נעמט מיין עלטערע שוועסטער אַרונטער דאָס גראָבע פּאַפּיר פון פּאָל. זי שערט אויס פון פיל־פאַרביקן פּאַפּיר אַלערליי אוזאָרן און באַפּוצט מיט זיי די „גראַטקע", אין וועלכער זי שטעלט אַריין דאָס פּסחדיקע געשיר. זי הענגט אויף נייע פאָרהענגלעך אויף די ריין־אויסגעוואַשענע פענצטער, ציט אַרויף נייע ציכלעך אויף די קישנס און פאַרשפּרייט נייע ליילעכער און דעקעס איבער אַלע געלעגערס. זי פאַרדעקט אויך איר זאַקן־מאַשין, אויף וועלכער זי אַר־בעט שוין ניט פון דאַנערשטיק אָן. צולעצט נעמט זי זיך אויך העלפן דער מאַמען באַקן און קאָכן פּסחדיקע מאכלים.

ביי טאָג גיי איך מיטן טאַטן אין מרחץ. שטעטלשע יידן גיבן מיר אָפּ „שלום עליכם" און זאָגן צום טאַטן: „מיט ליב אייך אייער גאַסט". ווען מיר קומען צוריק אין שטוב זיינען שוין אַלע אָנגעטאָן אין נייע אָדער איבערגעניצעוועטע מלבושים לכבוד יום־טוב. די מאַמע גיט אונדז צו־בייסן פּסחדיקע מאכלים, נאָר ניט קיין מצה און קיין אַנדער מאכל, וואָס מ'עסט ביים סדר.

דער סדר ביי אונדז אין שטוב איז צוגעגאַנגען ווי פאַראַיאָרן: דער טאַטע, אינעם ווייסן קיטל, איז געזעסן אויף אַ הסב־בעט, אָנגעלענט לינקס אויף אַ סך קישנס, מיטן רוקן צו דער צפון־וואַנט. אַרום אים זיינען גע־

זעסן, ביי זיין רעכטער האַנט: די זיבן־יאָריקע דאָבעלע, איך און ראָכקע; ביי זיין לינקער האַנט: די מאַמע און הענע־טאַנע, וועלכע דאַרפן זיך פריי באַוועגן איבער דער שטוב, אין מזרח־זייט. נאָך זיי איז געזעסן דער אורח.

די דריי זכרים, דער טאַטע, דער אורח און איך, האָבן געמאַכט דעם שבת־יום־טובדיקן קידוש. איך האָב געפרעגט די אַלטע פיר קשיות און געקראָגן דעם זעלביקן תירוץ. פיר פון אונדז: דער טאַטע, הענע־טאַנע, דער אורח און איך, האָבן געהאַלטן באַזונדערע הגדות, נאָר אַלע געזאָגט צוגלייך מיט דעם זעלביקן ניגון. די מאַמע האָט מיטגעזאָגט נאָר יענע שטעלעס, וועלכע זי קען אויף אויסווייניק. פון צייט צו צייט האָט דער טאַטע מפסיק געווען צו פאַרטייטשן און דערקלערן געוויסע זאַכן פון דער הגדה.

נאָכן בענטשן האָט מיין שוועסטער הענע־טאַנע געעפנט די טיר פאַר אליהו הנביא. קיינער האָט אים ניט געזען. זיין גרויסער כוס וויין איז ניט געוואָרן געמינערט. דאָך האָב איך געפילט, ווי ער וואָלט צווישן אונדז געווען, בעת מיר האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און נאָכגעזאָגט דעם טאַטן „שפוך חמתך". מיט מיין גאַנצן האַרצן האָב איך געוואונטשן, אַז דער נביא זאָל זיך איינשטעלן ביים אויבערשטן פאַר אונדזער פאַרלאַנג אויסצוראָטן אונדזערע שונאים, די פרעהס, די המנס, די אינקוויזיטאָרס, די בלוט־בלבול מאַכער און די פאָגראָמשטשיקעס.

מיין עלטסטע שוועסטער נעמט אַוועק פון טיש די צווי יינגערע שלעפערדיקע. זי אַליין און די מאַמע בלייבן ביז נאָכן זינגען „חד־גדיא", ווען דער אורח גייט אַוועק. דער טאַטע זאָגט און זינגט נאָכדעם „שיר־השירים". כ'האַלט אים מיט ביזן סאַמע סוף.

צוליב מיין באַטראַכטן יידישקייט לויטן קוק פון מוסר־ספר „ראשית חכמה", הויבט זיך מיר אָן דוכטן, אַז מיין טאַטע איז ניט גענוג פרום. איך זאָג דאָס אים, ענטפערט ער מיר, אַז אַן „ערלעכער ייד" דאַרף תמיד געדענקען דעם ניט־געשריבענעם „עלפטן געבאָט": „ניט זיין קיין נאַר", קיין „חסיד שוטה", קיין „וצדקתך" (צו־פרום), וואָרעם „וואָס צו — איז אומגעזונט"... „אונדזער תורה", זאָגט דער טאַטע, איז אַ „תורת חיים" (תורה פון לעבן). אירע געבאָטן זיינען, ווי עס שטייט געשריבן: „וחי בהם, ולא שימות בהם" (ער זאָל לעבן מיט זיי און ניט שטאַרבן דורך זיי").

אין מיין שמועס מיטן טאַטן האָב איך ניט דערמאָנט דעם „ראשית חכמה". כ'האָב איינגעזען, אַז אים געפעלן ניט אַזוינע מוסר־ספרים, וואָס סטראַשען, ווי ער זאָגט, מיט שמיץ פון אָנגעבערענטע אייזערנע ריטער אָדער מיט אַ באָד פון קעסלען זודיקע פעך. דער טאַטע האַלט פון לערנען תורה און אָפּהיטן יידישקייט, „מאהבה" (פאַר ליבשאַפט), אָבער ניט, כדי צו קריגן דערפאַר באַצאָלט אין גן־עדן, אָדער מחמת מורא, צו ווערן באַשטראָפט אין גיהנום

פֿאַר ניט זיין פּרום. מיין טאַטן קאָן דעריבער בשום אופֿן ניט געפֿעלן אַ מוסר־ספֿר, ווי דער „ראשית חכמה", וואָס איז פֿול מיט אַזוינע מינים סטראַשונקעס. דערצו פֿאַרנעמט זיך נאָך דער דאָזיקער ספֿר מיט „קבלה־מעשיות", וואָס דער טאַטע באַטראַכט פֿאַר ניט וויניקער זינד ווי כּישוף־מאַכעריי און זנאַכעריי.

מיר איז אָבער באַלד נאָכן ערשטן סדר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק, אַז קו־מענדיק צוריק קיין ווילנע, זאָל איך דאָרט פּרוּוון דורכפֿירן אַ וויכטיקן ענין מיט דער הילף פֿון די אָנווייזונגען פֿון דעם בעל־מקובל ר' משה קאָ־וואָרדעראָ, דער מחבר פֿון „ראשית חכמה". דאָס האָט פֿאַר מיר געמיינט זיך טרעפֿן פּנים אל פּנים מיט אליהו הנביא, כּדי צו פֿאַרשנעלערן „ביאת המשיח" (משיחס קומען).

אַזוי גיך ווי כ'בין געקומען צוריק אין ווילנע, האָב איך ווידער אָנגע־הויבן שפּאַצירן אויף פּאָגוליאַנקע. ווי שוין פֿריער דערציילט, האָב איך דאָרט פּראַקטיצירט און אויסגעפּרוּווט די קבלהשע אָנווייזונגען פֿון „ראשית חכמה". נאָר איצט האָב איך געהאַט אַ באַשטימטן ציל: „גילוי אליהו" (אַנטפּלעקן, טרעפֿן זיך מיט אליהו הנביא).

לויט דעם דאָזיקן מוסר און „קבלה־ספֿר" האָב איך דאָס געקאָנט דער־גרייכן דורך רייניקן און הייליקן זיך, לערנען תּורה, דאַווענען מיט כּוונה, פֿאַסטן תּעניתים און מכוון (מעכאַווען) זיין הייליקע שמות. תּורה און תּפֿילה זיינען מיר אָנגעקומען לייכט. כ'האָב זיך אויך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו פֿאַסטן תּעניתים; פֿריער האַלבע טעג, נאָכדעם אויך גאַנצע. שווער און פֿאַרבונדן מיט סכּנות איז געווען דאָס האָבן כּסדר אין זינען אַ הייליקן „שם". דערביי אַרומגיין מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, קוקן נאָר אין די אייגענע פֿיר איילן און מכוון זיין דעם הייליקן טאָפּלטן שם „יאהדונהי" די סכּנה איז געווען גרויס, ווייל אויב איך פֿאַרגעס זיך אַ רגע און הער אויף אים האָבן אין זינען, אָדער הויב אויף דעם קאָפּ, — צערייסט זיך דער צוזאַמענגעפֿלעכט פֿון די צוויי הייליקע נעמען, ווערן צעשטערט אַ סך „אויבערשטע וועלטן" און אָנשטאָט זיך דערהויבן העכער, פֿאַל איך גאָר אַרונטער ...

מיט שטאַרקער עקשנות האָב איך עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד פּראַק־טיצירט די אָנווייזונגען פֿון דעם בעל־מקובל, ר' משה קאָוואַרדעראָ, ווי אַזוי זיך צו טרעפֿן מיט אליהו הנביא. כ'האָב אויך דורכגעטראַכט גענוי יעדן וואָרט, וואָס כ'וויל אים זאָגן; דער עיקר, — אַז איך פֿאַרלאַנג ניט קיין זאַך פֿאַר זיך אַליין, אפֿילו ניט קיין סודות פֿון דער תּורה. זאָל ער נאָר זיך אונטעראיילן אָנצוזאָגן די גאולה און טאַקע קומען באַלד צוזאַמען מיט

משיח בן־דוד... צולעצט האָב איך, ווי שוין אַמאָל דערציילט, געפּאַסט אַ פּאָר מעת־לעת נאָכאַנאַנד, פּונקט ווי יום־כּיפּור, — ניט געגעסן און ניט געטרונקען. כ'האָב כּסדר געטראַכט נאָר פון הייליקן טאָפּלטן שם; גע־לערנט מיט התמדה, געדאַוונט מיט האַרץ.

דעם דריטן פאַרנאַכט, שפּאַצירנדיק אויף פּאָגוליאַנקע, צווישן די הויכע ביימער ביים וועג, און פילנדיק אַרום זיך מנוחה און קדושה, האָב איך געהאָפט, אַז מיין באַליבטער נביא וועט זיך באַלד אַנטפּלעקן צו מיר.

פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ געזאַנג, וואָס האָט מיך באַרוישט. כ'האָב זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון ווער דאָס זינגט. ווען יאָ, וואָלט איך מסתמא געגלויבט, אַז דאָס זינגען כּרובים, וועלכע באַגלייטן אליהו הנביא. ווען דאָס געזאַנג האָט אויפגעהערט און מענטשן אינעם גאָרטן האָבן גע־פּאַטשט בראַוואָ, האָב איך דערזען ביים פענצטער פון אַ סאַליע אַ שיינע פרוי זיך פאַרנייגן, און פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי געזונגען.

מיין ערשטער געדאַנק איז געווען צו אַנטלויפן. נאָר באַלד האָט זיך באַנייט דאָס געזאַנג און כ'האָב ווידער אַלץ פאַרגעסן. כ'בין געווען אין אַ וועלט, וואו דער גאַנצער באַשאַף האָט געזונגען שירה, און אַלץ אין מיר האָט מיטגעזונגען.

מיד און שוואַך פון לאַנגן תענית האָט מיין קערפּער זיך אַרונטערגע־לאָזן לעבן אַ בוים. כ'בין דאָרט געלעגן אין דער פינצטער, ווי פאַרחלשט. ניט געדאַוונט קיין מעריב, ניט געלייענט קיין קריאת־שמע. כ'האָב ערשט אויפגעוואַכט, ווי פון הין־הער־פּלעט אויף מאָרגן אַ בליאַסק אויף טאָג.

צו אַלעם ערשטן האָב איך דערפילט דעם הונגער. נאָר נאָכדעם, ווי כ'האָב „דערפרישט מיין האַרץ", האָב איך גענומען טראַכטן וועגן דער נעכ־טיקער פּאַסירונג, און די זינד צו וועלכע זי האָט מיך געבראַכט: דאָס ניט דאַוונען מעריב, ניט לייענען קיין קריאת־שמע, עסן איבערבייסן פאַרן דאַווי־נען, אָפּנאַרן די ישיבה־קינדער, אַז כ'האָב די נאַכט געהאַט אַ „משמר" פאַרבראַכט אין לערנען גמרא, א. אַז. וו. איך זע איצטער איין די ריכטי־קייט פון מיין טאַטנס מיינונג, אַז אָפּגעבן זיך מיט „קבלה מעשיות" איז ניט ווייניקער זינד, ווי דאָס פאַרנעמען זיך מיט כּישוף־מאַכעריי.

איך נעם דעריבער אויף זיך, ניט מער צו טרויען דעם „ראשית חכמה", וואָס האָט מיך אַראָפּגעפירט פון דרך הישר, נאָר זיך האַלטן פעסט ביי דער יידישקייט פון מיין טאַטן און פון אַנדערע אַזוינע ערלעכע יידן ווי ער.

קאַפּיטל זעקס און פערציק

מיין רבי וויל ניט קיין מתנות

פּסח האָט די מאַמע זיך אָנגעהערט פון מיר אַ סך שבחים אויף מיין ראש־ישיבה ר׳ אליהו פּנחס. זי האָט דעריבער באַלד אָנגעהויבן גרייטן פאַר אים אַ מתנה אויף שבועות: עופות, אייער, מילכיקס, גרינסן און פּרוכטן.

ווען מיין טאַטע האָט אים געבראַכט מיין מאַמעס מתנה, האָט ר׳ אליהו פּנחס דערקלערט, אַז ער נעמט ניט קיין מתנות. דער טאַטע, אָבער, האָט געטענהט, אַז דאָס איז ניט סתם אַ מתנה, נאָר ביכורים.

מיר זיינען דאָרפסלייט, האָט דער טאַטע געזאָגט, און אַלץ, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט פאַר אייך איז „ערשטצייטיקע פּרוכט״ פון אונדזער האָרע־וואַניע זינט פּסח. די אייער זיינען פון אונדזערע עופות און דאָס מילכיקס איז פון אונדזער בהמה, וואָס מיר האָבן אַליין אויסגעהאָדעוועט. דאָס גילט אויך פאַר די גרינסן פון אונדזער גאָרטן. פאַרציימן, ווען מיר זיינען געזעסן אין אונדזער לאַנד, פלעגן אַזוינע דאָרפס־יידן ווי מיר עולה־רגל זיין צום בית־המקדש אין ירושלים, און דאָרט איבערגעגעבן אונדזערע ביכורים צום כהן. איצט קאָנען מיר עס ברענגען דעם ראש־ישיבה, בפרט נאָך אַזאַ, וואָס איז דערצו אויך אַ כהן...

דאָס האָט געווירקט. ר׳ אליהו פּנחס האָט באַוויליקט אָנצונעמען אַלץ, וואָס די מאַמע האָט צוגעשיקט, אָבער ניט ווי אַ מתנה פון אַ תלמידס עלטערן, נאָר ווי ביכורים פון דאָרפישע יידן פאַר אַ הויז פון תורה. דער טאַטע איז געפאָרן אַהיים אַ צופרידענער, וואָס ער האָט פאַרהיט די מאַמע פון צער.

די זומער־טעג לויפן שנעל פאַרביי, כאָטש מיר לערנען ניט ווייניקער ווי ווינטער. דערצו גיבן מיר אויך זיך אָפּ אַ היפּש ביסל מיט עולם הזה, מיט גופישע תענוגים: פון צייט צו צייט גייען מיר זיך באָדן. די הילצערנע „קופּאַלנעס״ דורך וואָנען מיר גייען אַריין אין וואַסער, און וואו מיר לאָזן אויך איבער אונדזערע מלבושים, זיינען נאָענט פון ליפּסקיס גרויסן סקלאַד פון י״ש „כשר לפסח״. דאָס איז אונדזער סימן ניט צו פאַרבלאָנדזשען. מיר גייען אויך הערן דעם מיליטערישן אָרקעסטער אין „בערנאַדינער גאָרטן״, אָדער ווי אַנדערע מענטשן רופן אים אָן: „דער גאַי״. דער קאַפּעלמייסטער דאָרט, זאָגט מען, איז אַ ייד, דערפאַר שפּילט ער אָפט ניגונים, וואָס זיינען ענלעך צו כל־נדרי. אין באָטאַנישן גאָרטן שפּאַצירן מיר אַ סך אַרום, אָבער געשפּילט און געזונגען ווערט דאָרט אין רוסישן זומער־טעאַטער, נאָר אויף בילעטן. אַ טייל ייִנגלעך גנבענען זיך אַריין. אַנדערע קוקן אַריין דורך

שפּאַלטן צווישן די ברעטער פון הינטערשטער זייט טעאַטער, וואו מ׳זעט גאַר ווייניק. מיר געפעלט עס ניט. גיי איך ליבער צוזאַמען מיט יענע יינגלעך, וואָס גייען אין צירק (ער געפינט זיך אין אַ ריזיקן, שוואַרצן פּאַ־וויליאָן). דאָרט האָבן מיר פאַר פינף קאָפּיקעס איינטריט־געלט געזען עט־לעכע זאַכן: אַ פאַנטאָמימע „מכירת יוסף״, דורכגעפירט פון רייטער אויף פערד. חיות, וואָס פאָרן אויף וועלאָסיפּעדן; מאַלפּעס, הינט און ווייסע מייז, וואָס טוען אַ סך זאַכן, ווי מענטשן.

מער ווי אומעטום פאַרברענגען מיר אויפן „שלאָס־באַרג״. מ׳זעט פון דאָרטן די הויכע בערג אַרום דער שטאָט, דעם זוואַרינעצער וואַלד, די פריער דערמאָנטע גערטנער, די הויכע מויערן מיט געפּאַרבטע דעכער און באַגילדטע קופּאָלן. מיר באַקוקן דאָרט די חורבה פון אַ פּאַרצייטיקן קרעפּאָסט (פעסטונג), מיט אַ מין פענצטער, וואָס זיינען אינווייניק ברייט און פון דרויסן שמאָל. מען זאָגט, אַז דאָרט איז אַמאָל געשטאַנען דער קעניג־לעכער שלאָס פון אַ גרויסן ליטווישן מלך. באַזונדערס זיינען מיר פאַראינ־טערעסירט אין דעם האַרמאַט, מיט וועלכן אַ סאָלדאַט שיסט אויס יעדן טאָג אָנצוזאָגן דער שטאָט, אַז ס׳איז פּונקט 12 אַזייגער. אַרומגערינגלט מיט סודות איז אונטן ביים „שלאָס־באַרג״ די הינטערשטע זייט פון אַ גרויען מויער מיט קליינע פאַרשטויבטע פענצטערלעך מיט גראַטעס. אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע גייט דאָרט כסדר אַרום הין און צוריק. מענטשן רופן עס אָן: „פּערצנטער נומער״. זיי זאָגן, אַז דאָס איז אַ טורמע פאַר „ביליסטן״, וועלכע וואַרפן באָמבעס אויף קייסאַרים, מיניסטאָרן און גובערנאַטאָרס. מיר האָבן אַמאָל געוואָלט זען, ווי אַזוי קוקט אויס אַזאַ מין אַרעסטאַנט. קיינער האָט אָבער דאָרט קיינמאָל זיך ניט באַוויזן ביי אַ פענצטער, ווען מיר זיינען געזעסן אויפן אַראָפּ־באַרג אַנטקעגן. דערצו פלעגן מיר, ישיבה־קינדער, געווינלעך, אַרומשפּאַצירן, אָדער זיצן און שמועסן אויף יענער זייט „שלאָס־באַרג״, וואָס קומט אַרויס צום טייך ווילייקע. מיר פלעגן דאָרט אַמאָל אויך אינגאַנצן פאַרגעסן ווער מיר זיינען, און נעמען שטיפן ווי חדר־קינדער: זיך ראַנגלען, אָדער גאַר זיך קייקלען פון באַרג. זינט אָבער איך האָב זיך איינמאָל אַרונטערגעקייקלט ביזן סאַמע טייך, זיך צעקלאַפּט דעם פּנים און געקראָגן געוואַלד־ריסן אין מיינע בגדים, קייקל איך זיך פון דאָרט ניט מער.

ר׳ יאָסעלע דער מורה־הוראה (מוירע־הויראָע) איז געווען הויך אָנ־געזען ביי די יידן אין ווילנע. תיכף ווי ער איז נפטר געוואָרן (געשטאָרבן) אויף זיין דאַטשע (זומער־וואוינונג) אין רוזעלע, שיקן אונדז די ראשי־ישיבות זאָגן תהילים ביים מת. מיר זיינען דאָרט געווען אויף כמעט די גאַנצע נאַכט. דאָך זיינען מיר אויף מאָרגן נאָכגעגאַנגען דעם אָרון און

געזאָגט מיט אַ ניגון „צדק לפניו יהלך" (גערעכטיקייט גייט אים פֿאַראויס).

אויפֿן אַלטן בית־עולם און אַרום אים זיינען געווען פֿאַרזאַמלט אַ סך טויזנטער מענטשן, פֿרויען און מענער. ניט געקוקט אויף דער גרויסער היץ זיינען זיי שעה'ן נאָכאַנאַנד געשטאַנען און זיך איינגעהאָרכט אין די הספדים נאָך אים. די וואָס זיינען געווען אין דרויסן פֿון בית־עולם, האָבן אָבער געקאָנט טרינקען וואַסער, וואָס הענדלער האָבן פֿאַרקויפֿט אַ קאָפּיקע אַ גלאָז.

שוין צו מיד צו האָרכן די הספדים נאָך אונדזער אָנשטרענגען זיך באַלד אַ מעת־לעת, איז אונדזער גרופּע ישיבה־קינדער אַרומגעגאַנגען באַ־טראַכטן די קברים פֿון די גדולי ישראל. מיר זיינען געשטאַנען מיט „יראת הרוממות" (אויסערסטער ערפֿורכט) אין דעם „אוהל", דאָס געמויערט שטיבל, וואו עס געפֿינט זיך דער קבר פֿון דעם ווילנער גאון, און געלייענט די ווערטער אויף זיין מצבה. מיט באַוואונדערונג האָבן מיר אויך באַטראַכט די מצבה אויפֿן קבר פֿון דעם ווילנער גאונס מאַמע. אַ באַזונדער רושם האָבן אויף אונדז געמאַכט די דריי גרויסע ווערטער אויף איר מצבה: „אם הבנים שמחה" (די מאַמע פֿון די זין פֿרייט זיך), וואָס דאָס מיינט, וואויל איז דער מאַמען פֿון אַזאַ זון.

טיף גערירט האָבן מיר געקוקט אויף דעם קליינעם מענטש־ענלעכן בוים, מיט צווייגן ווי אויפֿגעהויבענע אָרעמס, אונטער וועלכן ס'ליגט דאָס אַש פֿון דעם לעבעדיק־פֿאַרברענטן קדוש (מאַרטירער) — דער „גר צדק" אברהם בן אברהם, גראַף פּאָטאָצקי *).

צוריק פֿון ר' יאָסעלעס לויה זיינען אונדזערע ישיבה־קינדער און אַנ־דערע יינגלעך געגאַנגען איבער פּוסטע פֿעלדער, כדי צו קומען שנעלער צוריק אין שטאָט. אויפֿן וועג זיינען אונדז באַפֿאַלן די „פּריוטניקעס" (אונטערגעוואָרפֿענע קינדער) פֿון זייער אָנשטאַלט אויף סאַוויטשער גאַס. אונדזערע קינדער האָבן גענומען אַנטלויפֿן און יענע האָבן אונדז נאָכגע־יאָגט. איך האָב עס געהאַלטן פֿאַר אַ „חלול השם" און געטענהט, אַז עס איז מער חרפּה צו אַנטלויפֿן, ווי צו קריגן געשלאָגן. האָבן מיר צוזאַמענגע־קליבן צווייגן און שטעקנס און זיך פֿאַרמאָסטן קעגן אונדזערע נאָכיאָגער. אָבער אָנשטאָט צו שלאָגן זיך מיט אונדז, האָבן זיי גענומען אַנטלויפֿן. דאָס האָט געווירקט, אַז אַלע יינגלעך, אָן אויסנאַם, זאָלן זיך נאָכיאָגן נאָך זיי ביז וואַנען זיי זיינען זיך צעלאָפֿן. מיר האָבן אויך געהאַט אַ פֿרייען וועג דורכצוגיין די סאַוויטשער גאַס, פֿון וואַנען מיר זיינען באַלד צוגעקומען צו אונדזערע ישיבה־צימערן לעבן די יידישע יאַטקעס.

---

*) פֿאַרברענט לעבעדיקערהייט דורך דער קאַטוילישער קירך אין ווילנע (אין פֿרילינג 1749), פֿאַר זיין האַלטן זיך פֿעסט ביי דער יידישער אמונה.

אין ווילנע זיינען דאָ אַ היפּש ביסל משוגעים. פֿאַראַן אַפילו אַ באַזונ־דער פּלאַץ פֿאַר זיי, וואָס מ׳רופֿט אָן „באָנע פּריידל״. כ׳האָב אויך געזען משוגעים אין ווילנער „הקדש״ (יידישן שפּיטאָל). זיי פֿלעגן דאָרט אַרומ־שפּאַצירן אין גאָרטן און אַמאָל אויך זיך אויסטענהן פֿאַר אונדזערע ישיבה־קינדער אויף דער אַנדער זייט צאַם. איינמאָל האָט איינער פֿון זיי גערופֿן אַ צווייטן: „רמאי״ און „כאַיכע״. ער האָט געזוכט צו באַווייזן דערמיט, וואָס יענעמס סיווע באָרד איז פֿריער געווען געל און „אַ געלער איז אַ רמאי״. אויף אַ פֿראַגע: פֿון וואַנען זיינען מיר זיכער, אַז אויך זיין גרויע באָרד איז פֿריער ניט געווען געל? האָט ער געענטפֿערט, אַז ער האָט זיך באַוואָרנט מיט באַווייזן. ער האָט אין אַ ספֿר, אָדער אין אַ קאָנווערט אַ צאָל האָר פֿון זיין באָרד, ווען זי איז נאָך געווען שוואַרץ...

אַ שטאָט־משוגענער אין ווילנע איז אָבער נאָר דאָ איינער. ער ווייס אַפּנים זיין ווערט און קומט יעדן שבת בייטאָג אויפֿן שול־הויף ריידן פֿאַרן עולם... זיינע דרשות האַלט ער געוויינלעך אינעם געוועלבטן דורכגאַנג צווישן מזרחדיקן און מערבדיקן שול־הויף, אין מערב־דרום־זייט פֿון דער ווילנער גרויסער שול. ער באַנעמט זיך מיט דער חשיבות פֿון אַ תלמיד־חכם. זיין בלאַסער פֿיינער פּנים און שוואַרצע באָרד גיט אים אויך אַזאַ אויס־זען. זיין אַטלעסענע זשופּיצע איז ניט פֿאַרפֿלעקט. זיין ברייטער קאַפּעלוש — ניט פֿאַרשטויבט. זיין ווייס העמד איז ריין געוואַשן לכבוד שבת. ער שטייט מיטן רוקן צו אַ וואַנט און רעדט מיט אַ ניגון. זיינע ווערטער זיינען דורכגעפֿלאָכטן מיט פּסוקים און מאמרי חז״ל (גמרא און מדרש־ווערטלעך). ער זאָגט ניט קיין מוסר, נאָר רעכנט אויס די עוולות פֿון ווילנער פּני. ער שוינט ניט קיינעם. אין זיין צעטל פֿון די בעל־עוולות געפֿינען זיך די גבאים פֿון דער „צדקה גדולה״, פֿון דער גרויסער שול פֿון הקדש און אַנדערע ווילנער קהלשע אַנשטאַלטן.

ווען זיין עולם צוהערער ווערט צו־גרויס, און זיינע ווערטער צו־שאַרף, באַווייזט זיך אַ שמש, וואָס נעמט אים אַוועק פֿון דאָרטן. אָפּטמאָל באַהאַלט ער זיך דעריבער אין אַ ווינקל פֿאָליש פֿון דער שול און לאָזט זיך דאָרט פֿאַרשליסן. ער שטעלט זיך נאָכדעם אַוועק ביי די שטאַבעס אייזן פֿון טויער, און האַלט אַ לענגערע דרשה, ביי וועלכער די צוהערער האַלטן זיך כסדר אין פֿאַרמערן. ער רעדט דעמאָלט שאַרפֿער און זאָגט אַרויס אַ סך זאַכן, וואָס ער באַווייזט קיינמאָל ניט זיי אויסצורעכענען בעת ער רעדט אין דרויסן. און ווען מ׳שליסט אויף דעם טויער און מ׳איז אים משלח פֿון פֿאָליש און פֿון שול־הויף, בלייבט אין דרויסן אַ היפּשער עולם, וואָס שמועסט נאָך לאַנג וועגן דעם שטאָט־משוגענעמס לעצטער דרשה.

ניט אַלעמאָל רעדט דער שטאָט־משוגענער וועגן די שטאָטישע בעל־עוולות. אַמאָל לאַכט ער אויס דעם עולם בכלל. ער מאַכט חוזק פֿון די פּי־

רונגען פון די, וואָס רופן זיך אָן „קלאָרע מענטשן״. אין איינער אַזאַ דרשה האָט דער ווילנער שטאָט־משוגענער אויסגעלאַכט די מאָדע צו געבן נדן אַ חתן. ער האָט געזאָגט: דער נאַרישער בחור מיינט אוודאי, אַז מ׳גיט אים נדן ווייל ער איז אַ חשובער מענטש. דער אמת אָבער איז, אַז דאָס באַצאָלט מען אים פאַר זיין אַ גוטער פערד... צו גיין אין די האָלאָבליעס און שלעפּן דעם שווערן וואָגן משא, אין וועלכן מ׳האָט אים איינגעשפּאַנט...

קאַפּיטל זיבן און פערציק

אַרגענטינע אָדער ארץ־ישראל

ווידער בין איך געקומען פון ווילנע צוגאַסט צו מיינע עלטערן אין דאָרף. ס׳איז פרייטיק־צו־נאַכט. אונדזער דאָרפישע כאַטע איז העל באַלויכטן. פון אירע ווענט, סטעליע און פּאָל בלישטשעט אַרויס דער שבת. דער טאַטע קומט אַריין פון בית־מדרש. ער זאָגט „גוט שבת״! און מיר ענטפערן אים אַלע: „גוט שבת, גוט יאָר!״ דער טאַטע באַגריסט מיט שמחה די כלה־שבת און אירע אומזיכטבאַרע באַגלייטער. ער פאַרנייגט זיך אין אַלע זייטן זינגענדיק מיט התלהבות: „שלום עליכם, מלאכי השרת!״ איך גלויב אַז איך הער דעם קול פונעם גוטן מלאך: „הלוואי איבעראַכטאָג נאָך בעסער!״ און דאָס מרוקען פונעם שלעכטן, וואָס ענטפערט „אָמן״ איבערגוואַלד...

מיר זיצן אַלע אַרום טיש און עסן די שבתדיקע מאכלים. צווישן איין געריכט און צווייטן זינגען מיר זמירות. דער טאַטע איז דער כאָר־פירער. ער האָט אויף יעדן זמר אַן אַנדער ניגון. זיין יעדער ניגון רופט ביי מיר אַרויס אַנדערע געפילן. בעת ער זינגט „מנוחה ושמחה אור ליהודים״ (רו, פרייד און ליכט פאַר יידן) פיל איך, ווי אַ מחיהדיק שטיל ווינטל ווייעט איבער דער ערד און באַוועגט פּאַמעלעך די כוואַליעס אין טייך און די ביימער אין וואַלד. ווען ער גייט אַריבער צו די לויב־געזאַנגען צום „ריבון עלם ועלמיא״ (האַר פון דער וועלט און וועלטלעך) און בעט אים: „פּרוק ית ענך מיפום אריותא״ באַפריי דיין שאָף פון לייבן־מויל) דערפיל איך אַ קעלט איבערן לייב. פון אַלע זייטן בלאָזן ווינטן. לייבן ברומען, וועלף וואָיען און יידן וויינען... מיין אומעט און אומרו פאַרשווינדן אָבער, ווען מיין טאַטע זינגט „צור משלו״, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט דער האָפענונג אויף דערלייזונג.

אונדזער טיר עפנט זיך. עס גייט אַריין אַ פּוילישער פּויער. די שבת־פּראַכט אין אונדזער כאַטע צעטומלט אים. ער בלייבט שטיין ביי דער טיר,

טוט אויס זיין היטל און וואַגט ניט גיין ווייטער. דער טאַטע בעט אים צום טיש. ער איז אים מכבד מיט אַ גלעזל משקה. די מאַמע גיט אים אַ קיכל צו פאַרבייסן. דער פויער ווערט מוטיקער און פרעגט:

— איז דאָס אמת, אַז אייערער אַ באַראָן, ס׳הייסט אַ „יידישער קייסער", גיט אייך אַוועק אַ „שטיק אַמעריקע"? און איר וועט דאָרט מאַכן אַ יידישע מלוכה"?

דער טאַטע דערקלערט אים, אַז די דאָזיקע מעשיות זיינען אַ סך אי־בערגעטריבן. דער פויער, אָבער, לאָזט ניט נאָך. ער זאָגט:

— איך גלויב, אַז אַלץ וואָס מען דערציילט איז אמת. בפרט, אַז דער שרייבער פון קאַנצעלאַריע האָט דאָס שוין געלייענט אין די גאַזעטן. איך וויל נאָר דעם פאַן מאָרדכעלאָ (מרדכי) בעטן, ער זאָל מיר זאָגן דעם אמת: וועל איך קאָנען מיטפאָרן אָדער ניט? מיין ערד איז פאַר מיר צו ווייניק און כ׳האָב שוין פיר דערוואַקסענע זין.

— קיינער קאָן אייך ניט פאַרווערן צו פאָרן קיין אַרגענטינע, — ענט־פערט דער טאַטע.

— יאָ, אָבער דער פאַן מאָרדכעלאָ פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז אָן דעם „פאַן־באָג" (הער־גאָט) איז דעם מענטשנס לעבן ווייניק וואָס ווערט. איך מוז דאָך האָבן אַ קירך וואו גאָט צו בעטן! וועלן אונדז די יידן ניט נויטן אָנצונעמען יידישקייט?

— ביי אונדז יידן איז דאָ אַן אַלטער כלל: יעדעס פאָלק דאַרף האָבן רעכט צו דינען גאָט אויף זיין אייגענעם שטייגער. מיר גלויבן, אַז די גוטע־פרומע לייט פון אַלע אמונות וועלן האָבן אַ חלק עולם הבא.

— גוט. מיין שכן אָבער זאָגט: די יידן וועלן אין זייער מדינה זיך אָפּרעכענען מיט אונדז פאַר די דור־דורות עוולות קעגן זיי; מיר וועלן ניט האָבן קיין שום דעה אין קהל. עס מיינט, אַז ווען אַ ייד וועט „פאַרמאַכן" מיינע אַ בהמה אָדער אַריינקנאַקן אין מיין פעלד, וועל איך תמיד בלייבן דער אומגערעכטער.

— אין אונדזער יידישער תורה שטייט געשריבן: „אַזוי ווי אַן איינ־געבאָרענער פון אייך זאָל אויך זיין דער פרעמדער, וואָס האַלט זיך אויף ביי אייך". און אונדזער תורה גילט פאַר אַלע צייטן.

דערביי גיט דער טאַטע דעם פויער נאָך אַ גלעזל משקה. די מאַמע דערלאַנגט אים אַ שטיקל געפילטע פיש. דער פויער טרינקט, פאַרבייסט, לעקט אָפּ די פינגער, פאַסמאַקעוועט זיך, לויבט די שבתדיקע פיש, און גייט אַוועק מלא שמחה.

מיר איז געוואָרן באַקאַנט, אַז מיין טאַטע וויל ניט הערן פון פאָרן קיין אַמעריקע. באַזונדערס זינט זיין גוטער פריינט ישראל־בער דער שניידער

איז אַהין אַוועק זוכן גליקן און האָט צוליב דעם דאָרט אָפּגעגאָלט זיין באָרד און גענומען אַרבעטן אום שבת. דאָך האָב איך זיך געמאַכט מוט און גע־פרעגט דעם טאַטן זיין מיינונג וועגן מאַכן יידן פאַר ערד־אַרבעטער אין אַר־גענטינע. זיין ענטפער איז געווען:

— ערד־אַרבעט איז די זיכערסטע און רואיקסטע פּרנסה. ס'איז גע־זונט פאַרן גוף און פאַר דער נשמה. מען אַרבעט אויפן פרייען פעלד, מ'האָרעוועט זיך גוט אָן און דאָס עסן גייט אין קראַפט. מ'דאַרף ניט האָפן אויף קיין מענטשן, נאָר אויף דעם אויבערשטן אַליין. ס'טרעפט אַמאָל, אַז די תבואה איז ניט געראָטן און די פּויערים ליידן נויט. נאָר ווי זאָגט די טויב אין „פּרק שירה": „ליבערסט זאָל מיין שפּייז זיין ביטער ווי גאַל, אַבי פון אויבערשטנס גאָב, און ניט פון אַ מענטשנס האַנט, ווען דאָס זאָל אַפילו זיין זיס ווי האָניק". דאָך האָב איך ניט קיין חשק פאַרוואָגלט צו ווערן אין אַ פרעמדער מדינה. „אנה מפניך אברח", מ'קאָן פונעם אויבערשטן ניט אַנטלויפן. אויב ער וועט אונדז וועלן שטראָפן, וועט ער אונדז געפינען אויך אין גלות אַרגענטינע.

דער טאַטע האָט זיך פאַרטראַכט. אין שטוב האָט געהערשט אַ שטיל־קייט. קיינער האָט ניט געוואָגט שטערן דעם טאַטנס טראַכטן. ענדלעך האָט די מאַמע אים געפרעגט, וואָס ער דענקט וועגן ערד־אַרבעט אין ארץ־ישראל? זיין ענטפער איז געווען, אַז אַ סך ארץ־ישראל יידן לעבן נאָך דערווייל פון קצבה (קיצווע)... איין שוואַלב קאָן קיין זומער ניט מאַכן... דאָס מוז האָבן אַ גרויסן ישוב־הדעת... פאַר דער צייט איז קיין צייט ניט... ווען כל־ישראל וועט גיין, וועלן מיר זיין פון די ערשטע. די מאַמע באַמערקט דערצו:

— אויב מיר זאָלן נאָר קאָנען קויפן גענוג ערד און בהמות, כדי צו האָבן פון וואַנען צו לעבן, איז ביי מיר רעכט, ניט אום שבת ריידנדיק, גלייך פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַקערן וועסטו מוזן אַליין. נאָר ביים זייען און שניידן וועלן מיר אַלע מיטאַרבעטן.

מיין עלטערע שוועסטער גיט צו:

— איך נעם זיך אָן צו האָדעווען די בהמות: זיי צו פיטערן זומער אויפן פעלד און זיי צו קאָרמענען ווינטער אין שטאַל.

„מאַמע!" מישט זיך אַריין מיין ייִנגסטע שוועסטערל דאָבעלע: „וועלן מיר דאָרט האָבן אַ טייכל?" די מאַמע שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און דאָבעלע דערקלערט:

— איך וועל פירן אונדזערע גענדז צום טייכל, און כ'וועל זיי היטן.

איך האָב זיך שוין מער ניט געקאָנט צוריקהאַלטן און האָב אויסגערופן: „און איך וועל פיטערן אונדזערע שאָף!" דער טאַטע האָט אויף מיר גע־געבן אַן אומצופרידענעם קוק, און געזאָגט:

— אין ארץ־ישראל זיינען דאָ גענוג ישיבות...

דערהערט דעם טאַטנס אַנצוהערעניש, האָב איך גענומען ברענגען ראיות (ראַיעס) פון די הייליקע ספרים וועגן די חשיבות פונעם פאַסטוך. איך האָב געטענהט:

— יעקב־אבינו, וועמעס צורה איז אויסגעקריצט אויפן כסא־הכבוד, האָט געפיטערט די שאָף פון לבן הארמי. משה רבינו, וועלכער האָט גע־רעדט מיטן אויבערשטן פנים־אל־פנים און האָט פאַרבראַכט פערציק טעג אויפן הימל לעבעדיקערהייט, איז געווען אַ פאַסטוך פון שאָף ביי זיין שווער יתרו. דוד המלך...

— שוין צייט צו בענטשן, — האָט מיך אונטערגעבראָכן דעם טאַטנס קול, און מיינע ראיות זיינען געבליבן ניט פאַרענדיקט.

קאַפּיטל אַכט און פערציק

אַ בלוט־בילבול צוליב יידישן רחמנות

ווילנער יידן זיינען שטאַרקע בעלי־רחמים. זיי זיינען תמיד גרייט צו העלפן מענטשן אין נויט. באַזונדערס זיינען דאָס די ווילנער יידישע ווייַ־בער. מ׳קאָן צווייפלען, צי זיי האָבן ניין מאָס רייד. ס׳איז אָבער ניטאָ קיין ספק, אַז זיי פאַרמאָגן ניין מאָס רחמנות, און נאָך מיט אַ קויפּ דערצו. האָט אין אַ זומער־טאָג פאַסירט אַזאַ מעשה:

אַ קריסטלעכע פרוי, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט איר ייִנגל איבער די קראָמען אין יאַטקעווער גאַס, האָט אים ערגעצוואו פאַרלאָרן. דאָס קינד האָט אַרומגעבלאָנדזשעט מיד און הונגעריק און גערופן: „מאַמע!" אַ יידישע פרוי דערבאַרעמט זיך איבער אים. זי נעמט אים צו זיך אַ היים, קאָרמעט אים אָן און גיט אים מיט וואָס זיך צו שפּילן, ביז וואַנען זי וועט קאָנען אים נעמען אין „אוטשאַסטאָק" (פּאָליציי־קוואַרטאַל), וואָס זאָל אויס־געפינען דעם קינדס מאַמע.

ווען דעם קינדס מאַמע האָט זיך דערמאָנט אין אים, האָט זי גענומען שרייען און גוואַלדעווען. אירע געשרייען האָבן געבראַכט אַן עולם אַרום איר. דערביי האָט אַ העצער געמאַכט אַ באַמערקונג: „יידן האָבן מסתמא אַוועקגעגנבעט דאָס קריסטלעכע קינד, אָפּצוצאַפּן זיין בלוט פאַר די מצות אויף פסח."

די קריסטן, פאַרנאַרט און פאַרפירט פון קינדווייז אָן צו גלויבן אין אַזוינע שקר־בילבולים, האָט זיך עס געלייגט אויפן שכל. צו פסח איז נאָך געווען גאַנץ ווייט (אַרום דריי פערטל יאָר), דאָך האָבן זיי געשריען מיט

משוגענע קולות: „יידן האָבן געכאַפּט אַ קריסטלעך קינד, עס צו קוילענען אויף פּסח!״

יידן האָבן אַרויסגערופן פּאָליציי, וואָס האָט אָנגעהויבן אויספאָרשן די זאַך. ביסלעכווייז האָבן זיך געמאָלדן מענטשן, וואָס האָבן געזען ווי אַ פרוי האָט געפירט דאָס קינד פאַר אַ הענטל צום דרום־זייט פון די יאַטקעס, און אויך אַזוינע, וועלכע האָבן די פרוי געזען אַריינגיין מיט אים אין גרויסן הויף, דורך וועלכן מ׳קאָן אויך אַרויסקומען אויף זאַוואַלנער גאַס. אינעם הויף גופא האָט מען שוין אויך געוואוסט געני אין וועלכער דירה די פרוי וואוינט.

ווען די פרוי האָט דערזען דורכן פענצטער די פּאָליציי, האָט זי גע־מיינט, אַז ס׳איז אַן אָביסקע (אונטערזוכונג) וועגן די קאָנטראַבאַנדישע פּעק־לעך טיי, וואָס זי טראָגט אַרום פאַרקויפן. זי האָט דעריבער געזוכט צו באַהאַלטן די דאָזיקע סחורה איידער זי וועט אַריינלאָזן די פּאָליציי. דאָס האָט פאַרשטאַרקט דעם חשד קעגן איר. אַזוי גיך אָבער, ווי זי האָט אויפ־געמאַכט די טיר, האָט מען דערזען אַז דאָס קינד זיצט אויף דער פּאָדלאָגע און שפּילט זיך מיט צאַצקעס. אויפן טיש זיינען נאָך אויך געשטאַנען אַ טייל פון די מאכלים און געטראַנקען, מיט וועלכע די באַרמהאַרציקע יידישע פרוי האָט אָנגעקאָרמעט און אָנגעטרונקען דאָס קריסטלעכע קינד.

די פּאָליציי האָט באַלד דערשמעקט דעם קאָנטראַבאַנדישן טיי, דאָך איז די פרוי געוואָרן אויך אָנגעקלאָגט אין באַהאַלטן ביי זיך אַ פרעמד קינד. די בילבול־מאַכער און העצער האָבן זיך ניט געשטעלט צופרידן מיט דער פרויס אַרעסט. זיי האָט זיך אויך געוואָלט אַ פּאָגראָם. ווען זיי זיינען אָבער פאַרבייגעגאַנגען די יאַטקעס און דערזען די יידישע קצבים שטיין גרייט מיט זייערע העק און מעסערס, האָבן די פּאָגראָם־העצער זיך פאַרקירעוועט צו די אַרומיקע יידישע זאַוואולקעס. נאָר דאָרט זיינען שוין אַלע יידישע קראָמען געווען פאַרמאַכט מיט אייזערנע לאָדנס און טירן, און אין דרויסן זיינען געשטאַנען די קרעמער און זייערע פאַרקויפער מיט פרענטעס אייזנס אין די הענט. די העצער לויפן שנעל פאַרביי די יידישע געסלעך און פאַר־נעמען זיך קיין מערב־זייט צום מאַרק־פּלאַץ ביים אַריינגאַנג צום וועג קיין נאָוואָגראָד. זיי פאַרשפּרייטן דאָרט זייער בלוט־בלבול צווישן די צוזאַמענ־געפאָרענע דאָרף־פּויערים. נאָר איידער זיי באַוויזן צו טאָן עפּעס שלעכטס צו יידן, קומט אָן אַ מחנה יידישע טרעגער, בראש מיט דעם יידישן גיבור, יחיאל־מיכל.

יחיאל־מיכל דער טרעגער ציט באַלד אַרויס אַ לאַנגן שטאַנג פון דעם צאַם אַרום מאַרק־פּלאַץ. ער נעמט פאָכען מיט דעם שטאַנג ווי מיט אַ בייטש און טרייבט די פּויערים פון מאַרק. די צעשראָקענע פּויערים זעצן זיך תיכף אַריין אין זייערע וועגענער און צעלויפן זיך אין זייערע דערפער.

די פּאָגראָם־העצער, דאָס רוב „סטרוזשן" (הויז־אויפזעער), באַרימען זיך נאָכדעם, אַז זיי וואָלטן איינס און צוויי געקאָנט צעקלאַפּן די יידישע קצבים, קרעמער, טרעגער, און אפילו יחיאל־מיכלען. נאָר וואָס דען? זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער „יידישער קהל" האָט אונטערגעקויפט דעם גענעראַל גאנעצקי (העלד פון רוסיש־טערקישן קריג), דעם הויפּט־קאָמאַנ־דיר פונעם רוסישן מיליטער אין זומער־לאַגער, אין מערב פון ווילנע. יענער, זאָגן זיי, איז געווען גרייט אַריינצומאַרשירן מיט זיינע סאָלדאַטן אין שטאָט און דערשיסן יעדן איינעם, וואָס וועט אָנפאַלן אויף יידן...

די אַרעסטירטע יידישע פרוי ווערט ביים משפט באַפרייט פון דער קלאַגע צו האָבן פאַרכאַפּט אַ פרעמד קינד. זי קומט אָפּ מיט אַ קליינער געלט־שטראָף פאַר איר חטא — צום ערשטן מאָל — פון אַרומטראָגן פאַר־קויפן פעקלעך טיי אָן באַנדעראָלן.

ווי אין די פריערדיקע יום־טובים בין איך אויך פסח תרנ"א (1891) געווען צוגאַסט ביי מיינע עלטערן אין דאָרף. מוצאי יום־טוב בין איך צו־געגאַנגען צו מיין באָבען און זיידן אין מיישעגאָלע. באַלד איז אַהין אַריין פון אַנטקעגן די אַכצן־ניינצן יאָריקע אסנע, די קלוגע שיינע טאָכטער פון איינעם פון מיינע ערשטע מלמדים, שלמה דער שמש, וואָס האָט מיך גע־נומען אויספרעגן וועגן מיין לעבן און לערנען אין ווילנע. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט קולות און דערזען, אַז דאָס שטעטל ברענט.

ס'האָט גענומען ווייניק צייט די טרוקענע הילצערנע הייזער מיט שטרוי־ענע דעכער זאָלן שטיין אין פלאַמען. די פויערים פון דערבייאיקן דאָרף זיינען געקומען באַשיצן זייער קאַטוילישן קלויסטער און די קאַנצעלאַריע אין שטעטל. די שטעטלשע יידן לויפן אַרום צעטומלטע, ווייל זיי האָבן ניט מיט וואָס צו לעשן דעם פייער. זיי ווייסן ניט צו וואָס פריער זיך צו כאַפּן. געוועזן אַזוינע, וואָס האָבן געכאַפּט אַ קלייניקייט און געמיינט, אַז זיי האַלטן עפּעס גאָר וויכטיקס. די זאַכן, וואָס מ'האָט אַוועקגעשטעלט נאָענט פון די הייזער זיינען געוואָרן פאַרברענט. דאָס וואָס מ'האָט אַוועקגעטראָגן ווייט פון שטעטל האָבן צוגענומען גנבים.

אַ צאָל קרעפּטיקע יידן, צווישן זיי אויך מיין טאַטע, האָבן זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט צו ראַטעווען דעם גרויסן שיינעם בית־מדרש. אָן פאַזשאַרנע כלים האָבן זיי דאָס אָבער ניט געקאָנט באַווייזן. זיי בינדן צוזאַמען לייטערס און קלעטערן אַרויף אויפן דאַך, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו סמאַליען. די סאַזשעלקע ביים מזרח־וואַנט פון בית־מדרש איז געווען פול מיט וואַסער. ס'איז אָבער ניט געווען מיט וואָס אַרויפצוברענגען גענוג וואַסער. עס נעמט באַלד פלאַקערן און די מענטשן אויפן דאַך ראַטעווען זיך קוים מיטן לעבן. ניט האָבנדיק מיט זיך קיין העק, געלינגט אויך קיינעם ניט אַרויסצוראַטע־

ווען פון בית־מדרש דעם נייעם וואונדער־שיינעם אָרון־קודש, די אַלמערס מיט די נביאים (געשריבן אויף פּאַרמעט) און מיט די אַנדערע קאָסטבאַר־קייטן. די צייט גייט אַוועק אויף ניט־געלונגענע פּרוואָון. צולעצט שטעלן איין געוואַגטע יידן זייערע לעבנס אַרויסצוטראָגן פונעם ברענענדיקן בית־מדרש יעדער איינער אַ ספר־תורה אָדער צוויי. נאָר ניט יעדער פון זיי קאָן שוין דאָס באַוויזן.

פּאַר מיינע אויגן ווערן פאַרברענט ספר־תורהס, נביאים, מגילות, אַלטע און נייע ש״סן און פּוסקים, און אַלערליי אַנדערע וויכטיקע ספרים, צווישן זיי אויך אויסערגעוויינלעכע „יקר־המציאותן״ (זעלטנהייטן).

דאָס וויינען און קלאָגן פון דערוואַקסענע מענטשן; די געשרייען פון קינדער; די שרעקלעכע קולות פון ברענענדיקע שטוביקע חיות, בהמות, און עופות אין די הייזער און אין די שטאַלן; דער משונהדיקער געזאַנג פון די צונויפגעפלויגענע פויגל פון וואַלד, אויסגעשטעלט אויף די טעלעגראַף־דראָטן — אַט די אַלע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיטן יאָמער פון ווינט און מיטן גערויש פון פלאַנדיקע ציגל און געהילץ, וועל איך מסתמא שוין קיינמאָל ניט קאָנען פאַרגעסן...

אויף מאָרגן נאָך פּסח זיינען דאָס רוב שטעטלשע יידן, פרויען און מענער, קינדער און זקנים געלעגן אויף שטרוי, און ניט אַלע אונטער אַ דאַך. נגידים זיינען געוואָרן אביונים, בעלי־בתים — קבצנים. פון די אָרעמיקע שטעטלעך: פּאָדברעזע, פּאָדזעלווע, מושניק, שירווינט, א. אַז. וו. האָט מען באַלד געבראַכט צופירן פורן מיט ברויט און אַנדערע באַדערפעניש. מיין באָבע און זיידע האָבן פאַרלאָרן אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. מיין מומע לאה האָט דעמאָלט גראָד געוואוינט, ווי אַ שכנה אין אַ קאַמער, ביי פּרויקע דעם שמיד. זי האָט דאָרט געהאַט מיט זיך איר גאַנצע רייכע גאַרדעראָבע, וואָס זי האָט געקראָגן צו איר חתונה: זי ראַטעוועט קיין זאַך ניט אַרויס.

מיין מאַמעס עלטערן, שוועסטער און אַנדערע נאָענטע קרובים האַלטן זיך דעמאָלט אויף אַ געוויסע צייט ביי אונדז אין שטוב.

מ׳האָט דערציילט דעמאָלט, אַז דאָס שטעטל האָט אונטערגעצונדן אַ שיכורער שמיד. ער איז געווען בייז אויף זיין שכן, דעם גביר, וואָס האָט אויס־געבויט ביי זיך אויפן הויף אַ קוזניע פאַר די פּויערים, וועלכע קומען דאָרט צו זיין קראָם און שענק. דער גביר נעמט דערמיט אַוועק די איינציקע פּרנסה פון דעם אַלטן אָרעמען שמיד. דעם שכור דוכט זיך, אַז דער ווינט בלאָזט צו דער זייט פון גביר. ער צינדט אונטער דאָרום זיין אייגענע קוזניע און האָפט, אַז דער פייער וועט פאַרברענען דעם גבירס הויז. דער ווינט בלאָזט צום שמידס זייט. ס׳ברענט אָפּ זיין אָרעמע שטוב, ווי אויך די היים פון זיינע קינדער און אייניקלעך.

קאַפּיטל ניין און פערציק

מיינע ערשטע וואַנדערונגען

לויט דער באַשטימונג פון ווילנער קאַזיאַנער ישיבה האָב איך באַלד נאָך פסח געזאָלט נעמען לערנען אינעם צווייטן שיעור,ביים ראש־ישיבה ר׳ יהושע־כלב (קאָלעוו). מיר ווילט זיך אָבער דעמאָלט אויסגעפינען אַ נייעם מקום־תורה, וואו כ׳זאָל זיין בכח ניט נאָר צו לערנען, נאָר אויך זיך אויפצו־פירן לויטן דרך פון תורה און מוסר.

אַ גאַנץ פסח האָב איך געטראַכט דורכצושמועסן זיך וועגן דעם מיט מיין טאַטע־מאַמען. מיר איז אָבער געווען קלאָר, אַז זיי ווילן כ׳זאָל פאָרן צוריק קיין ווילנע. טו איך אַזוי. קומענדיק צוריק אין שטאָט, פאַלט מיר איין, אַז גראָד איצט — בעת מיינע עלטערן און משפחה זיינען פאַרנומען מיט די שווערע דאגות אויפצובויען אויפסניי דאָס חרובע שטעטל — קאָן איך פרואוון אויסגעפינען דאָס, וואָס איך זוך. איך האָף אויך, אַז די עלטערן וועלן מיר דאָס מוחל זיין.

איך ליציטיר מיינע רוסישע לערנביכער און אַנדערע זאַכן און פאָר צו צום וואָקזאַל. דאָרט הער איך אויסרופן דעם נאָמען „לידע״, קויף איך אַהין אַ בילעט. אויפן וועג באַטראַכט איך, אַז ס׳טויג ניט צו קומען אין אַ פרעמדן פלאַץ אָן געלט. איך נעם דעריבער מיינע זאַכן אויפן פלייצע און גיי פון לידע ווייטער צו־פוס. דאָס ערשטע שטעטל, וואו כ׳שטעל זיך אָפּ (זאַלודאָק) געפעלט מיר ניט. אירע דערוואַקסענע מענטשן ליידן הונגער; אירע קינ־דער זיינען קראַנק. גיי איך ווייטער פון שטעטל צו שטעטל. די קרעטשמעס רעכענען מיר ניט קיין נאַכטלעגער. זיי ווילן אויך ניט נעמען ביי מיר קיין געצאָלט פאַר עסן. פאַרקערט, זיי ווייזן אַרויס אַ סך פאַרדרוס, ווען כ׳זאָג זיך אָפּ פון זייערן אַ מאָלצייט. וואַנדער איך אַזוי דורך אַ היפש ביסל שטעט־לעך, ביז איך קום אָן אין פאַרנאַכט אין וואַשילישאָק.

אין וואַשילישקער בית־מדרש רינגלען מיך אַרום עטלעכע יינגלעך. זיי פרעגן מיך תיכף, צי כ׳בין געקומען לערנען אין זייער ישיבה, צי כ׳האָב דאָ באַקאַנטע, וואָס וועלן מיר געבן „טעג״. באַלד קומען אָן מערערע יינגלעך און זיי נעמען אַלע לערנען גמרא מיט אַ ניגון. אַרום אַ לאַנגן טיש זעצט זיך אויס אַן עולם, וואָס געהערט, קענטיק, צו דער חברה ש״ס. דאָס אַלץ מאַכט אויף מיר אַ גוטן רושם, און איך פאַרבלייב דאָרט.

נאָך מעריב פרעגן מיך די יינגלעך, וואו איך וועל שלאָפן. כ׳זאָג זיי: „דאָ אין בית־מדרש״. שרעקן זיי מיך, אַז דאָ איז פאַר דער שרפה געווען די שול. די מתים קומען דעריבער ביינאַכט דאָ דאַווענען ווי אַמאָל. ווען זיי געפינען אַ לעבעדיקן מענטשן, מאַכן זיי אים פאַר אַ מת...

— אַ חוץ דעם — זאָגן זיי — וואוינען שדים אונטער דער בימה. איינ־מאָל איז אַ יידענע געקומען דאַוונען באַגינען. ווען זי האָט געזען עמיצן אויף דער בימה, האָט זי אים געבעטן איר קריגן אַ ליכט. האָט ער אויסגעצויגן אַ לאַנגע האַנט פון דער בימה ביז דער ווייבערשער שול. די יידענע האָט זיך דערשראָקן און גענומען לויפן צום אַרויסגאַנג. אונטן באַגעגנט זי אַ מאַן, זי דערציילט אים, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט. שטעקט ער אַרויס אַ צונג הונדערט איילן די לענג... גייט זי אַראונטער פון זינען...

זייערע אַלע מעשיות וועגן שדים שרעקן מיך ניט אָפּ. כ׳בין זיכער, אַז אין בית־מדרש קאָנען ניט וואוינען קיין שדים. בפרט, אַז דער ווילנער גאון האָט זיי פאַרטריבן פון אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך, ווי מיין טאַטע האָט מיר דערציילט אין מיין קינדהייט. כ׳האָב אויך ניט געהאַט קיין שום פּחד, אַז מתים זאָלן מיר טאָן שלעכטס.

אַזוי ווי כ׳בין געווען שטאַרק מיד פון וועג, שלאָף איך באַלד איין אויף אַ האַרטער באַנק, אויף וועלכער כ׳האָב געמאַכט מיין געלעגער אין בית־מדרש. אויף מאָרגן בין איך מודיע די יינגלעך, אַז כ׳וועל דאָרט נעכטיקן אַזוי לאַנג ווי כ׳בלייב אין וואַשילישאָק. דעם זעלביקן טאָג טרעף איך זיך מיטן 90־יאָריקן ראש־ישיבה, ר׳ יודע, וועלכער נעמט מיך אַריין אינעם העכסטן שיעור פון זיין ישיבה.

אין דער נייער ישיבה פיר איך זיך אויף לויטן דרך פון דער תורה, ווי ס׳איז באַשריבן אין פּרק: „ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן, וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען, זאָלסט שלאָפן אויף דער ערד און לעבן אין ליידן״. איך פאַרגין זיך נאָר צו שלאָפן אויף אַ באַנק, וואָס איז אַזוי האַרט ווי די פּאָדלאָגע, נאָר אַ סך ריינער. כ׳האַלט שטאַרק פון ריינקייט: איך וואַש זיך אָפּט דעם פּנים און די הענט, און וויש זיך אָפּ תמיד מיט אַ ריינעם האַנטעך, באָד זיך אויך אין טייך. פאַרקעם מיינע האָר, שטויב אָפּ מיינע בגדים און שיך און גיב אָפּט וואַשן מיינע וועש. גיי יעדן פרייטיק אין מרחץ, צוואָג זיך דאָרט גוט אויס דעם קאָפּ, קעם דורך די האָר מיט אַ געדיכט קעמל, און טו אָן אַ פרישן ריין העמד.

פיר טעג אַ וואָך לעב איך נאָר מיט ברויט, זאַלץ און וואַסער. צוויי מאָל אַ וואָך עס איך צוזאַמען מיט אַנדערע ישיבה־יינגלעך און תלמוד־תורה קינדער אין אַ גרויס עס־שטוב, אָנגעפירט פון דעם גבאי פון תלמוד־תורה, וועלכער איז דער פאָרשטייער פון דער יידישער געמיינדע, ר׳ איטשע. דאָס עסן, פאַרעווע געקעכץ פון גרויפּן און אַרבעס, און (איינמאָל אין חודש) מיט אַ בולבע, ווערט געקאָכט אין אַ גרויסן קעסל, ווי פאַר סאָלדאַטן. מ׳גיט אויך דערצו פון אַ האַלב ביז דריי־פערטל פונט ברויט; אַ העלפט ברויט לאָז איך איבער אויף מאָרגן.

שבת שיקט מען אונדז אַריין צו פֿאַמיליעס. יעדע סעודה אין אַן אַנדער היים. סיי ביים רייכן שמואל בער, און סיי ביים אָרעמען קרעמער, גיי איך נאָר פּרייטיק־צו־נאַכט. שבת אין דער פֿרי און שלש־סעודות עס איך באַ־ האַלטענערהייט ברויט מיט זאַלץ, ווי אין דער וואָכן. עטלעכע ישיבה־יינגלעך רופֿן מיך דעריבער „ווילנער בעל־גאווה". זיי האַלטן אויך פֿאַר אַן עוולה מיין ניט פֿאָלגן זייער עצה, ווי אַזוי צו קריגן אַלע זיבן טעג. די מעשה איז אַזוי געווען:

אין מיינע ערשטע טעג אין וואַשילישאָק, ווען די יינגלעך האָבן מיך אַלץ אויסגעפֿרעגט, האָב איך איינמאָל אויך דערמאָנט די שרפֿה. דערביי האָט מיר פֿאַרדריקט דאָס האַרץ און כ׳האָב געוויינט. זיי גיבן מיר תיכף אַן עצה, אַריינצוגיין צו געוויסע באַלעבאַטים און זיי דערציילן וויינענדיק וועגן דער שרפֿה, וועל איך זיין פֿאַרזיכערט מיט אַלע זיבן טעג אין וואָך, צו דריי מאָלצייטן אַ טאָג. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב ניט געוואָלט, און אויך ניט געקאָנט, אָננעמען זייער גוט געמיינטע עצה.

ניט געפֿעלן איז אויך אַ טייל ישיבה־יינגלעך מיין צופֿיל פֿרומקייט, מיין דאַווענען מיט כוונה, און דער עיקר מיין סדר־הלימוד, דער אופֿן פֿון מיין לערנען גמרא. זיי פֿלעגן זיך צוגרייטן צום שיעור דורך אַריינקוקן אין פּלפּול־ספֿרים, ווי „פּני יהושע", „שיטה מקובצת" א. ד. גל. און פֿרעגן קשיות. דער ראש־ישיבה פֿלעגט האַלטן פֿאַר זיך אָפֿן דעם זעלביקן פּלפּול־ ספֿר און זיי געבן דעם תּירוץ... אין מיינע אויגן איז עס געווען אַ פּורים־ שפּיל. מיין צוגרייטונג איז געווען גאָר אַנדערש.

מיט דער הילף פֿון דעם פֿרומען שוחט קריג איך אַ גמרא פֿון ווילנער ש״ס, געדרוקט ביי דער „אלמנה און ברידער ראָם". דאָרט לערן איך דורך פֿאַר זיך אַ גאַנצן צענדליק אָדער מער בלעטער גמרא מיט רש״י און תּוספֿות. כ׳קוק אויך אַריין אין רמב״ם (זיין פּירוש אויף משניות), אין רא״ש און אַנ־ דערע אַזוינע מפֿרשים, וועלכע גיבן איבער אין אַ שיינער קלאָרער שפּראַך דעם אינהאַלט פֿון שווערע שטעלעס אין דער גמרא (דעם „מהר״ם שיף" און דעם „מהרש״א" לאָז איך אויס. דעם ערשטן — צוליב זיין ניט־קלאָר־ קייט, דעם צווייטן — צוליב זיינע אומבאַשטימטע ענטפֿערס).

איין ישיבה־בחור, נחמיה, גיט זיך אָפּ מיט „קבלה־מעשיות". ער פֿאַר־ טרויט זיי מיר. כ׳האַלט עס אָבער פֿאַר ביטול תּורה און וויל ניט אויסברענגען קיין צייט אויף זיינע סגולות און פֿאַרשווערונגען.

אַ פּאָר ישיבה־יינגלעך זיינען געווען שלעכט. האָב איך צוגעפּאַסט פּסוקים פֿון תּנ״ך קעגן זייער יעדער עוולה. דאָס האָט געמאַכט אַ רושם. זאָגן זיי צו מער ניט צו טאָן קיין עוולות. זיי באָטן מיר אויך אַן זייער פּריינט־ שאַפֿט אַבי כ׳זאָל מער ניט זאָגן אַזוינע פּסוקים.

צוליבן קלאַנג, אַז כ׳בין אַ גוטער בעל־תּנ״ך, ברענגען מיר באַלעבאַטישע

בחורים לייענען זייערע העברייאישע מליצה. איינער פון זיי, דער זון פון רייכן ר׳ הלל, פאַרבעט מיך צו זיינע עלטערן אויף וועטשערע. זיי גיבן מיר עס אָבער באַזונדער. קום איך צו זיי ניט מער.

ווען די וואַשילישקער יינגלעך דערוויסן זיך ווי אַזוי כ׳לעב, באַטן זיי מיר אָן געלט, כ׳זאָל קאָנען לעבן בעסער. זיי ברענגען מיר אויך פון זייערע היימען אַלערליי גוטע מאכלים. כ׳זאָג זיך אָפּ פון ביידע זאַכן. ווען עס ענדיקט זיך אָבער מיין מיטגעבראַכט געלט, צוליב דעם, וואָס איך האָב גע־דאַרפט קויפן נייע תפילין, און ס׳הויבן מיר אויך אָן אויסגיין די כחות, שרייב איך אַוועק אַ בריוול צו מיינע עלטערן. כ׳קריג תיכף אויף הוצאות צו פאָרן אַהיים.

מיינע עלטערן ווילן מיר ניט אָפּעסן דאָס האַרץ מיט מוסרן מיך פאַר מיין פאַרמוטשען זיך. מיין מאַמע טוט אָבער אַלץ וואָס זי קאָן, כ׳זאָל זיך דערהאָלן. ווען כ׳ווער געזונט, קום איך צוריק קיין ווילנע צו דער קאַזיאַנער ישיבה און הויב אָן לערנען אין דעם צווייטן שיעור פון ר׳ יהושע־כלב יאַשונסקי.

קאַפּיטל פופציק

ר׳ יהושע־כלב יאַשונסקי

איך לערן ווידער אין ווילנער קאַזיאַנער ישיבה. זי איז אָבער ניט מער אויפן שול־הויף. אין אירע לערן־צימערן, איבערן פאָליש פון ווילנער גרוי־סער שול, קלייבט זיך אַריין די ביבליאָטעק, וואָס דער רייכער כלל־טוער, למדן און משכיל, מתתיהו שטראַשון, האָט געלאָזט ירושה דער ווילנער יידי־שער קהילה. די קאַזיאַנער ישיבה געפינט זיך איצט אויף קאָמיניצקער גאַס („זשמודסקאַיאַ אוליצאַ״). כ׳לערן דאָרט אין צווייטן שיעור און אין צווייטן קלאַס. מיין ראש־ישיבה איז: ר׳ יהושע־כלב יאַשונסקי. מיינע לערער זיינען: מייזעל, קאַפּלאַן, מיעטשיק און ראַבינער דר. כהן.

דער ראש־ישיבה פונעם צווייטן שיעור אונטערשיידט זיך פון דעם ערשטן סיי אין אויסזען און סיי אין סדר־הלימוד. יענער, ר׳ אליהו־פּנחס מערויני, איז אַ מיטלגעוויקסיקער יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ בערדל. ר׳ יהושע־כלב, פאַרקערט, איז אַ הויכער זקן מיט אַ לאַנגער און ברייטער ווייסער באָרד. זיין הדרת־פּנים איז ענלעך צו די געשטאַלטן אויף דעם בילד פון די גאוני ישראל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט פון דער אַמאָליקער שטוב פון מיין מאַמעס עלטערן. ר׳ אליהו פּנחס פלעגט מיט אונדז לערנען די גמרא מיט פּילפּולדיקע אויסריידענישן און פּשטלעך. ר׳ יהושע־כלב לערנט מיט פּשטות, קלאָרקייט און טיפקייט. שבת לערנט ער מיט אונדז

חומש און משניות. אין חומש טייטשט ער ניט אַריין קיין קבלהשע רמזים און סודות, ווי ר׳ אליהו פּנחס פּלעגט עס טאָן. ער מאַכט אונדז אָבער קלאָר יעדעס וואָרט און גיט אויך איבער, וואָס עס זאָגן וועגן דעם די בעלי־התלמוד, די גמרא און די מדרשים, ווי אויך די וויכטיקע מפרשים. משניות, און אויך פּרק, לערנט ר׳ יהושע־כלב לויטן פּירוש „תפארת ישראל״, פון דאַנ־ציקער רב, ר׳ ישראל ליפשיץ. דאָרט ווערן געבראַכט אויך מיינונגען פון די חכמי אומות העולם, ניט־יידישע געלערנטע, וועגן פאַרשיידענע ידיעות און וויסנשאַפטן.

אַ סך ווילנער יידן האַלטן ר׳ יהושע־כלבן פאַר אַ לאַנד־חכם. ער איז דער בורר, ווען ערלייכט אויס פאַרשיידענע סיכסוכים צווישן ווילנער קצבים. עס קומען זיך צו אים עצה־האַלטן אַלערליי אָנגעזעענע סוחרים. ר׳ יהושע־כלבס חכמה איז פאַר אונדז, זיינע תלמידים, אויך אַ גרויסע הילף ביים לערנען גמרא. דאָס האָב איך איינגעזען קלאָר, בעת מיר האָבן געלערנט אַ „האַרבע סוגיה״ אין דער גמרא „כתובות״, וועגן ווייבערשע ענינים. אַ צאָל ישיבה־יינגלעך האָבן זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט. אַנדערע האָבן זיך אָנגעהויבן שושקענען, און זיך ניט איינגעהערט צום שיעור.

ר׳ יהושע־כלב האָט ניט פאַרלאָרן זיין רואיקייט. ער האָט זיך ניט געבייזערט אויף די לאַכנדיקע שושקענדיקע יינגלעך, נאָר דערקלערט פּשוט און קלאָר צוליב וואָס ער לערנט מיט אונדז די דאָזיקע שטעלע. ער דער־מאָנט אונדז אַ שטיק גמרא, וואָס געפינט זיך אין דאָוונען „פון פאַרנט״, און גאָר וויניק דאַוונער פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם. דאָס זיינען די ווערטער פון ר׳ ישמעאל, אַז די תורה ווערט געדרשנט דורך דרייצן מידות. ר׳ יהושע־כלב רעדט אַרום, לייכט און קלאָר, יעדן פון אָט די דרייצן מאָסן און כללים און ער באַמערקט, אַז דער לימוד פון גמרא איז תורה מיט חכמה: מ׳אַמפּערט זיך דאָרט, כדי אויסצופאָרשן גענוי די געבאָטן פון דער תורה און אַרויס־צודרינגען דעם ריכטיקן דין. נאָר אַזוי ווי אַלץ שטיצט זיך אויף באַשטימטע כללים און מידות, דערלערנען מיר זיי אַלץ בעסער, וואָס גריטלעכער מיר פאַרטיפן זיך אין דעם ענין.

צוגלייך ווייזט אונדז אָן ר׳ יהושע־כלב, אַז די ישיבה־יינגלעך קאָנען די דאָזיקע מאָסן און רעגלען אויסלערנען זיך אויף דעם זעלביקן שטייגער, ווי מיר טוען עס אין די קלאַסן פון אונדזער קאַזיאָנער ישיבה, מיט די לימודים פון אַריפמעטיק, גראַמאַטיק און דקדוק. פון „זאַדאַטשניק״ (די אַריפמעטישע אויפגאַבעס) דערלערנען מיר די כללים פון חשבון. פון די ווערטער און זאַצן אין די גראַמאַטיקעס און דקדוקס דערלערנען מיר די דאָזיקע לימודים.

נאָך אָט דער הקדמה צעגלידערט פאַר אונדז ר׳ יהושע־כלב די „סוגיה״, וואָס מיר לערנען איצט, און ווייזט אָן, וועלכע כללים זי לערנט. צום סוף

דערקלערט ער, אַז די גמרא „כתובות" האָט אַ היפּש ביסל אַזוינע „סוגיות", וואו די תלמידי־חכמים אַמפּערן זיך לויט די כללים, וואָס ער האָט אונדז פריער אויסגערעכנט. מיר וועלן דעריבער קאָנען באַנעמען לייכטער די האַרבסטע שטעלעס אין יעדער גמרא, ווען מיר וועלן דורכלערנען גרינטלעך די מסכת (מעסיכטע) „כתובות."

היינטיקן זמן, ווינטער תרנ"ב (1891—1892) לערנענדיק ביי ר' יהושע־כלב, האָב איך געטאָן אַ גרויסע פּעולה. אַ דאַנק זיין אופן פון לערנען זיינען מיר קלאָרער געוואָרן די פיר סדרים גמרא און משניות (זרעים, מועד, נשים, נזיקין) און די מסכת „חולין", וואָס כ'האָב שוין ביז איצט דורכגעלערנט. גאַנץ אָפט חזר איך איבער פאַר זיך אַ האַרבע „סוגיה", און באַטראַכט זי לויט די כללים און מאָסן, וואָס ר' יהושע־כלב האָט אונדז אָנגעוויזן, ביז וואַנען כ'ווער גאַנץ זיכער, אַז כ'פאַרשטיי דאָרט דעם ריכטיקן פשט. כ'הויב דעריבער אָן גלויבן, אַז כ'מעג לערנען אָן אַ רבין. דאָך ווילט זיך מיר בלייבן אין דער ישיבה נאָך אַ זמן, און ערשט נעמען לערנען פאַר־זיך אָנהויב קומענדיקן ווינטער, תרנ"ב (1892—1893), נאָכדעם, ווי כ'וועל ווערן 16 יאָר. אינמיטן דערינען פאַסירט אָבער עפּעס, וואָס צעשטערט אַלע מיינע חשבונות. די מעשה איז געווען אַזוי:

איינעם אַ פרייטיק בייטאָג, נאָכן שיעור, האָב איך גענומען לייענען אַ העברייאיש מעשה־ביכל „צדיק ונושע". איינעם קלאַס־צימער איז מיט מיר געווען חנא־איצקע, דער זאָסלער, וועלכער האָט ביי זיך געהאַט דעם שליסל פון טיר. ער האָט מיך אָנגעהויבן איילן אַוועקצוגיין, ווייל ער מוז פאַרשליסן דעם צימער. איך האָב אים געבעטן מיר איבערלאָזן דעם שליסל און אים צוגעזאָגט עס אָפּגעבן לאָזערן, דעם אויפזעער פון אונדזערע קלאַס־צימערן. ער האָט דערפון ניט געוואָלט הערן, נאָר מיך געוואָרנט, אַז אויב כ'גיי תיכף ניט אַרויס, פאַרשליסט ער מיך דאָרט. איך האָב עס ניט גענומען ערנסט און ווייטער געלייענט דאָס ביכל. ווען איך פאַרענדיק עס לייענען, געפין איך אויס, אַז כ'בין פאַרשפאַרט ווי אין אַ טורמע. כ'פיל זיך שטאַרק געקריוודעט און ס'פאַלט מיר איין אַ משונהדיקער געדאַנק זיך „אָפּצורעכענען" מיט חנא־איצקען דורך איבערשרעקן אים. בינד איך צוזאַמען מיין שאַלקע מיט אַ פּאָר נאָז־טיכלעך און הענג זיי אויף אויפן קרוק אין באַלקן אַנטקעגן טיר, כדי חנא־איצקע זאָל מיינען, אַז דאָס איז אַ תליה... כ'שרייב אויף דערצו אַ צעטל, אַז מיר איז שטאַרק אומעטיק צו זיין פאַרשלאָסן, און כ'וועל דעריבער „אָנטאָן זיך אַ מעשה."

חנא־איצקען האָב איך טאַקע איבערגעשראָקן, נאָר דורך דעם זיך אַליין אָנגעטאָן אַ סך צרות. ווען ער עפנט די טיר, און גיט אַ געשריי, באַווייז איך ניט אַרויסצולויפן. פאַרשליסט ער מיך ווידער און לויפט אַוועק עמיצן

ברענגען מיך „אַפּצוראַטעווען". ער קומט שפּעטער צוריק מיט אַ כאַפּטע יינגלעך פון ר' אליהו פּנחסעס תּלמידים, וועלכע קומען צו אים אַהיים צו קבלת שבת. מיין שאַלקע האָבן איך שוין געטראָגן אויפן האַלדז. נאָר דאָס צעטל האָב איך פאַרגעסן אויפן טיש, און זיי האָבן עס באַמערקט. כ'בין זיך באַלד מודה פאַר זיי, אַז כ'האָב עס אָנגעשריבן „אויפצופלייסן", כדי „אָפּ־רעכענען" זיך מיט מיין פאַרשליסער. זיי גלויבן עס אָבער ניט (כאָטש ס'האָט געדאַרפט זיין פאַר זיי קלאָר, אַז ווען כ'וואָלט טאַקע געפּלאַנט עפּעס וואָס צו טאָן, האָב איך געהאַט איבערגענוג צייט אויף דעם)... זיי קוקן נאָר אויף מיר מיט באַוואונדערונג, ווי כ'וואָלט געקומען פון אַן אַנדער וועלט. זיי פירן מיך אַוועק צו ר' אליהו פּנחסן אַהיים, ווּעמען אַנדערע ישיבה־יינגלעך האָבן שוין פריער אַלצדינג דערציילט.

ר' אליהו פּנחס וויל צוערשט נאָר זיין זיכער צי כ'בין שוין אַרויס פון סכנה, אָדער צי „קליפּות" קאָנען מיך נאָך מזיק זיין. נאָכן קבלת־שבת אָבער, ווען די אַנדערע יינגלעך זיינען אַוועק, פאַרפירט ער מיט מיר אַ שמועס. ער איז זיכער, אַז אין דעם אַלעמען זיינען שולדיק „שדים". ער גלויבט, אַז זיי האָבן מיך ערשט פאַרלאָזן, בעת איך בין צוגעקומען נאָענט צו זיין שטוב. ווען ער געפינט אויס, אַז כ'קען זיך ניט פערזענלעך מיט ליליתן, די מלכה פון די שדים, און אויך ניט מיט אירע מלוכה־לייט, מיינט ער, אַז כ'קאָן איצט גיין רואיק צוריק אין דער ישיבה און קומען צו אים ערשט מאָרגן אָוונט. ער הייסט מיר נאָר איבערלאָזן ביי אים מיין שאַלקע און מיינע צוויי נאָז־טיכלעך. ער פרעגט מיך דערביי, צי זיי זיינען נאָך צוזאַמענגעקניפּט? ווען איך זאָג „יאָ", רופט ער אויס מיט שמחה:

— זייער גוט! איצט וועל איך געפינען דעם בייזן רוח און וועל אים פאַרטרייבן, ער זאָל ניט מער צוריקקומען, און וועסט שוין קאָנען זיין זיכער...

שבת־צו־נאַכטס קום איך ווידער צו ר' אליהו־פּנחסן, ווי ער האָט פאַר־לאַנגט. ער דערקלערט מיר, אַז אַלץ איז אַריבער בשלום. דאָך פירט ער מיך אַריין אין זיין קעמערל הינטערן אויוון, וואו מיר זעצן זיך ביידע אויף פוס־בענקלעך, ווי אבֵלים. ער זאָגט אַ סך תּפילות אין נוסח פון די קבלה־מעשׂיות, וואָס דער ישיבה־בחורשער בעל־מקובל נחמיה, אין וואַשילישאָק, האָט מיר פאַרטרויט. ר' אליהו פּנחס פּרעפּלט אויך אַלערליי פאַרשווערונגען אויף מיינע נאָז־טיכלעך און אויף אַלע מיינע מלבושים, ווי אויך אויף מיין גוף און נשמה. צולעצט פרעגט ער מיך מיין מאַמעס נאָמען און טוט ווידער תּפילה. נאָכדעם גיט ער מיר אָפּ מיין שאַלקע און הייסט מיר זי טראָגן אויך זומער. „נאָך בעסער", זאָגט ער, וועט זיין, אַז כ'זאָל זי קיינמאָל ניט אַרונ־טערנעמען פון מיין האַלדז, ווייל די דאָזיקע וואָלענע שאַלקע האָט איצט אין זיך דעם כּח צו פאַרטרייבן אַלע בייזע רוחות; לכל הפחות, זיי ניט אַריינ־צולאָזן אין מיר. פון מיינע צוויי נאָז־טיכלעך האָט ער איינס גענומען פאַר אַן אָנדענק, אָדער פאַר אַ סגולה, ווי ער האָט מיר אָנגעדייט.

פאַר מיין פריערדיקן ראש־ישיבה, ר׳ אליהו פנחס, ענדיקט זיך דערמיט די פרייטיקדיקע פּאַסירונג. אַ צאָל ישיבה־יינגלעך האַלטן אָבער נאָך אַלץ אָן אויג אויף מיר, כ׳זאָל, חלילה, ניט „אָנטאָן זיך אַ מעשה״... בלויז צוויי פון מיינע חברים, איצקע שעפּס פון זאַסלע און שמואל ראַזין פון ווילנע, גלויבן כלל ניט, אַז כ׳האָב ווען עס איז געהאַט אַזאַ מחשבה.

איצקע שעפּס איז אַ עילוי. ווען מיין חבר, דער יתום, קלמן קראַ־פּיווניק*), מיט וועמען איך שרייב בשותפות ״חידושי תורה״, איז פאַר־נומען, לערן איך מיט אים אין איין גמרא. ער איז אויך ניט פיל וויניקער ווי איך אָנגעלייענט מיט מעשה־ביכלעך און ראָמאַנען. דערצו קאָן ער אויך צוזאַמענעמען איינצלנע פאַלן פון פאַרשיידענע מעשיות און מאַכן דערפון אַ באַזונדערע דערציילונג. מיר ביידע זיינען די מעשיות־דערציי־לער פאַר אונדזערע ישיבה־יינגלעך. ער האָט מיר באַלד דערקלערט, אַז ער גלויבט ניט די גאַנצע מעשה, ווייל דער וואָס איז אָנגעלייענט מיט דער־ציילונגען, וועט זיך ניט נעמען דאָס לעבן איידער ער ווערט אַ דערוואַק־סענער מענטש און לעבט דורך אַזאַ ליבע ווי אין די ראָמאַנען פון דינעזאָן, שמ״ר, בלאָשטיין א. אַז. וו ...

שמואל ראַזין, וועלכער פאַרטרויט מיר אַלע זיינע סודות, איז באַלד געקומען צו מיר מיט דער טענה, אַז ער איז ניט אַזאַ... ווי ר׳ אליהו פנחס, און געהערט ניט צו זיינע תלמידים, די „פתאים מאמינים לכל דבר״ (נאַראָנים, וואָס גלויבן אַלץ). כ׳טאָר דעריבער ניט פאַרשוויגן דעם פולן אמת פון אים מיין חבר, וועלכער איז תמיד אָפנהאַרציק מיט מיר. כ׳האָב אים דעריבער דערציילט אַלץ געגוי.

בכלל בין איך איצט באַוואוסט ניט נאָר צווישן אונדזערע ישיבה־יינגלעך. ס׳קומען אויך פרעמדע מיך אָנקוקן, ווי כ׳וואָלט געווען מיט צוויי קעפּ... דאָס אַלץ וואָלט איך געקאָנט לייכט פאַרגעסן דורך לערנען מיט התמדה און זיך פאַרטיפן אין מיינע לימודים. כ׳קאָן זיך אָבער מער ניט

---

*) דער שפּעטערדיקער פּאַקטישער פירער פון גאַסטעלניקס בונדישער בוכהאַנדלונג אין ווילנע; אָרגאַניזירער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע; דיכטער און פּראָזאַאיקער. ער גייט אונטער אין 1904 (אין עלטער פון 25 יאָר) אין דער פאַרשיקונג אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע. זיין ליטעראַרישע ירושה האָט זיך געפונען ביי זיינעם אַ חבר אין מילוואָקי. דער פאַרשטאָרבענער א. ליטוואַק און איך האָבן יאָרנלאַנג געפּלאַנט צו פאַרעפנטלעכן קלמן קראַפּיוניקס שריפטן. מיר האָבן עס אָבער ניט באַוויזן. צי די דאָזיקע שריפטן געפינען זיך נאָך ביי זיין מיל־וואָקער חבר, און צי זיי עקזיסטירן נאָך בכלל, איז מיר איצט (אין מאַי 1948) ניט באַקאַנט.

באַרואיקן, זינט כ'בין געוואָרן געוואויר, אַז מען האָט געוויזן מיין טאַטן דאָס צעטעלע, וואָס כ'האָב אָנגעשריבן, כדי „אָנצולערנען" חנא־איציקען פאַר זיין פאַרשליסן מיך אינעם קלאַס־צימער. איך שטעל זיך פאָר וויפל צער דאָס פאַרשאַפט אים. איך האָב אויך מורא, אַז די באָבע און די מאַמע וועלן זיך דערפון דערוויסן. צאַפּלט מיין האַרץ און קראַמפּט פאַר ווייטיק.

קאַפּיטל איין און פופציק

די גרויסע דין־תורה

איך דערוויס זיך פאַרוואָס מ'האָט געוויזן מיין טאַטן דעם צעטל, וואָס כ'האָב געשריבן זייענדיק פאַרשלאָסן אין קלאַס־צימער.

דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב דער גרויסער דין־תורה פאַר אַ ווילנער בית־דין צווישן דער מיישעגאָלער קהילה און איר פריערדיקן רב, ר' משה יעקב ראַבינאָוויטש.

די מיישעגאָלער קהילה האָט אויסגעוויילט מיין טאַטן צו זיין איר „טוען" (טויען), איר אַדוואָקאַט ביי דער דאָזיקער דין־תורה. דעם רבס צד איז דערפון ניט געווען צופרידן. זיינע אָנהענגער אין שטעטל און שטאָט האָבן געהאַלטן, אַז צוליב מיין טאַטנס פאַרטיידיקונג וועט דער ווילנער בית־דין אַרויסגעבן אַ פּסק־דין לטובת דער קהילה. זיי האָבן דאַרום דער־קלערט מיין צעטל פאַר אַ „אצבע מהשמים" (צייכן פון הימל), אַ וואָרענונג צו מיין טאַטן, אַז די מיישעגאָלער קהילה געפינט זיך אונטער דער השפעה פון דער „קליפה" און ער זאָל זי ניט פאַרטיידיקן.

דער סיכסוך צווישן די צוויי צדדים איז אַרויסגעקומען דורך דער שׂרפה פון שטעטל, מוצאי־פּסח, תרנ"א (30־טן אַפּריל). די קהילה שיקט דעמאָלט אַרויס איר רב איבער דער וועלט צו זאַמלען געלט אויפצובויען אַ נייעם בית־מדרש. פאַר זיך אַליין האָבן די שטעטלשע יידן זיך באַנוגנט מיט זייער בטחון אויפן אויבערשטנס הילף; פאַרן בית־מדרש אָבער האָבן זיי ניט געוואָלט זיך פאַרלאָזן אויף ניסים. זיי גיבן אַרויס דעם רב אַ פּאַפּיר מיט דער חתימה פון דער קהילה און מיט די אונטערשריפטן פון אירע גבאים, אויף וואָס דאָס געלט ווערט געזאַמלט. דאָס ווערט אויך באַשטע־טיקט פון אַ צאָל באַקאַנטע רבנים, צווישן זיי אויך דער ווילנער שטאָט־מגיד ר' הערשל ראַבינאָוויטש, אַ זון פון קאָוונער רב, ר' יצחק אלחנן ספּעקטאָר. ווען דער רב קומט צוריק פון זיין נסיעה גיט ער גאָרניט דער קהילה. ער דערקלערט, אַז ער האָט ווייניק געזאַמלט און דאָס איז קוים געגנוג פאַר זיינע שׂכירות, וואָס די קהילה קומט אים פון פריער. מ'באַ־

שולדיקט אים דעמאָלט אין „גזלה און גנבה" — און אין „אַרויסרייסן 50 גרויסע בלעטער" פון דעם פנקס, וואו עס זיינען געווען פאַרשריבן אויףביידע זייטן די סומעס, וואָס ער האָט געזאַמלט, און דאָס עדות־זאָגן פון די קהילות און זייערע רבנים.

דער רב לייקנט ניט אָפּ די באַשולדיקונגען. ער קומט אויך ניט צו דער אסיפה וועגן דעם. די אסיפה איז אים דעמאָלט מודיע דורך שמשים פון חברה קדישא, ער זאָל פאַרלאָזן דאָס שטעטל, ווייל די קהילה וועט אויס־ווײלן אַ נייעם רב. זייענדיק ביי זיך תקיף, וואָס ער איז אַ גוטער בעל־דרשן, פאָרט ער ווידער אַרויס איבערן לאַנד, וואו ער האָפט צו קריגן אַ בעסערע רבנות־שטעלע. זיין ווייב און קינדער בלייבן אין שטעטל. די קהילה צאָלט זיי זייערע שכירות אַזוי לאַנג ווי ס'איז נאָך ניטאָ קיין אַנדער רב.

אַ צאָל רבנים פון פאַרשיידענע געגנטן, וועלכע האָלטן אַ סך פון מייִ־שעגאָלער רבנות, קומען זיך משתדל זיין זי צו קריגן. עטלעכע פרעגן צוערשט אָן דעם פריערדיקן רב, צי ער איז מוחל אויף זיין רבנות. ער זאָגט „יאָ" און דערמוטיקט דורך דעם אַ סך בעלנים אויף איר. אויך מיין ערשטער ראש־ישיבה, ר' אליהו פנחס, איז געווען גערן צו ווערן מייִשע־גאָלער רב, און אָנגעבאָטן דורך מיין טאַטן צו שאַפן דערפאַר אַ היפּשע סומע פאַרן בנין פון אַ נייעם בית־מדרש. מיין טאַטע האָט אָבער ניט גע־וואָלט זיין דער פאַרמיטלער. איינער פון אָט די בעלנים, דער רב פון לענדוואַראָווע (אַ באַן־סטאַנציע נאָענט פון ווילנע) האָט צעטיילט דע־מאָלט 500 רובל צווישן „תקיפים", וועלכע זאָגן אים צו די רבנות. דאָס רעגט אויף אַ סך מענטשן; זיי קלייבן דעריבער אויס פאַר אַ רב אַ יונגנמאַן, וואָס האָט סמיכות אויף רבנות, נאָר איז נאָך אין ערגעץ ניט געווען קיין רב, און איז אויך ניט בכוח צו קויפן זיין רבנות פאַר געלט. דער דאָזיקער יונגערמאַן, אַן איידעם פון דעם שוחט אין דערבייאיקן שטעטל פאָדברעזע, שלאָגט פאָר דער קהילה אַראָפּצוברענגען דעם אַמאָליקן באַליבטן מייִשע־גאָלער רב, דעם „חבל יעקב" (ר' אבא יעקב באָראָכאָוו), וואָס איז פון דאָרט אַריבער קיין קופּישאָק און איז איצט אין וועקסנע, ער זאָל פּסקענען, ווער פון די צוויי זאָל בלייבן רב.

ר' אבא יעקב באָראָכאָוו פּסקנט, אַז דער לענדוואַראָווער רב זאָל פאָרן צוריק קיין לענדוואַראָווע, און די תקיפים וואָס האָבן ביי אים גע־נומען געלט, זאָלן עס אים אָפּגעבן צוריק. פאַר די וואָס זיינען ניט ביכולת עס צוריק צוצאָלן, זאָל דער נייער רב עס טאָן פאַר זיי. די תקיפים האָבן אָבער געוואָלט זיין די פאַרמיטלער דערביי. דער יונגער רב האָט געהאַט אַ חשד, אַז זיי ווילן באַשווינדלען דעם אָרעמען לענדוואַראָווער רב, איז ער באַשטאַנען אויף דעם, אַז יענער זאָל קריגן אויסגעצאָלט דאָס געלט אָן סרסרס און אָן פאַרמיטלער. די תקיפים באַשליסן דעמאָלט פּטור צו ווערן

פון אַט דעם „פֿאַדברעזער אײדעם״. זײ ברענגען אַראָפּ דעם פּרײערדיקן רב, װאָס האָט נאָך געהאַט אַ צאָל אָנהענגער אין שטעטל. יענער קומט צוריק מיט אַ כּתב פֿון קאָװנער רב ר׳ יצחק אלחנן ספּעקטאָר, אַז ער, ר׳ משה יעקב ראַבינאָװיטש, איז נאָך אַלץ מײשעגאָלער רב, און מ׳טאָר אים ניט מסיג־גבול זײן (אַרױסזעצן פֿון זײן פּלאַץ). ר׳ יצחק אלחננס װאָרט איז געװען געגנוג פֿאַר אַ סך שטעטלשע ײדן אױפֿצונעמען צוריק דעם פּרײ־ערדיקן רב און זיך אָפּזאָגן פֿון דעם נײעם. אױך מײן זײדע שמואל־איטשע סאַפּירשטײן, אַן אַלטער פּרײנט פֿון פֿאַדברעזער שוחט, זאָגט זיך אָפּ פֿון יענעמס אײדעם און שטיצט דעם פּרײערדיקן רב.

די מײשעגאָלער קהילה האָט דערקלערט, אַז ר׳ יצחק אלחנן איז פֿון צופֿיל גוטסקײט װידער באַגאַנגען אַן עװלה קעגן איר: דאָס ערשטע מאָל בעת ער האָט אים דערלױבט װערן אַ רב ניט האָבנדיק קײן סמיכה, און איצט, דאָס צװײטע מאָל, װען יענער האָט פֿאַרלאָרן זײן רעכט אױף איר רבנות און איז צוליב זײן אױפֿפֿירונג ניט מער פּאַסיק צו זײן אַ רב, אפֿילו װען ער זאָל זײן מער למדן און האָבן סמיכה אױף רבנות.

די רײדערײען אין װילנע װעגן מײן צעטל, װי אַ װאָרענונג צו מײן טאַטן ניט צו פֿאַרטײדיקן דעם צד, װעלכן ער האַלט פֿאַרן גערעכטן, האָט אױף מײן טאַטן ניט געמאַכט קײן שום אײנדרוק. ער גלױבט ניט אין קײן שדים, און לאַכט זיך אױס פֿון קליפּות. צוגלײך אָבער איז ער ניט מוחל מײן „קינ־דערשע שטוקע״ אין קלאַס־צימער. דער עיקר פֿאַרדריסט אים, װאָס איך נעם זיך עס צום האַרצן און זע אױס שלעכט. ער שיקט מיך דאַרום אַװעק אין דאָרף זיך דערהאָלן. ער אַלײן בלײבט אין װילנע ביז װאַנען ער פֿירט דורך זײן שליחות: באַװײזט די גערעכטיקײט פֿון דער מײשעגאָלער קהילה און געװינט די דין־תּורה פֿאַר איר נײעם רב, װעלכן דער „חבל יעקב״ האָט איר רעקאָמענדירט.

***

אין דאָרף גיב איך אָפּ כּמעט די גאַנצע צײט אױף לערנען תּורה. פֿון דער דאָרפֿישער יוגנט בין איך געװאָרן אָפּגעפֿרעמדט, און פֿון די ײנגלעך פֿון מײנע חדר־יאָרן איז קײנער ניט געבליבן אין דעם דערבײיאיקן שטעטל מײשעגאָלע. טראַכט איך װעגן חברים, דענק איך נאָר װעגן מײנע באַ־קאַנטע ישיבה־ײנגלעך אין װילנע: די עלטערע פֿון מיר, װעלכע זײנען שױן דאָרט געװען, בעת איך בין אָנגעקומען אין דער קאַזיאַנער ישיבה, אױפֿן װילנער שול־הױף, באַלד נאָך די יום־טובים פֿון תר״ן (1889): מאיר און משה שמולעװיטש פֿון מושניק, אַרע (אהרן)־ליפּקע און מאָטע־מענדקע לענטשנער און מענדקע שמולעװיטש פֿון מײשעגאָלע, װעלכע זײ־

נען פֿאַרשוואונדן פֿון מיין סביבה. פֿון די אין מיינע יאָרן זיינען מיר גע־בליבן באַקאַנט, אויב אַפילו ניט אַזוי נאָענט ווי פֿריער: מאָנישקע ניסנס פֿון מושניק, וועלכער איז לאַנג ניט געבליבן אין דער ישיבה; דער קליינער, דאַרער הללקע סמאַרגאָנער, וואָס אַז מ׳שטעכט אַריין אַ נאָדל אין דער גמרא, טרעפֿט ער וועלכן וואָרט (און אַמאָל אויך אות) די נאָדל האָט דורכגעשטאָכן אויף אַלע זייטן... כ׳האָב געמיינט, אַז ער וועט ווערן גרויס אין תורה, נאָר זיין אָרעמע משפּחה האָט אים גאָר אַוועקגעגעבן פֿאַר אַ לערן־ייִנגל צו אַ גראַווירער אין ווילנע; שלמהקע סמאַרגאָנער, אַ וואויל־לערנער, וואָס איז געוואָרן אַ גאַרבער אין סמאַרגאָן; דער ביסטריטשער, אַ נידעריק קרעפּטיק ייִנגל מיט אַ קיילעכדיק פּנים און רויטע בעקעלעך, וואָס האָט אַ גוטן קאָפּ און אַ שאַרפֿן צינגל. לעצטנס האָב איך אים ניט געזען. אפֿשר לערנט ער וואו פֿאַר זיך? שמחה פּאָנעוועזשער, דער טיפּיטשנער אָרעם־בחור, משה חיים יאַשונסקי, מיין רבי ר׳ יהושע כלבס פּלימעניק, וועמען כ׳האָב האַלט פֿאַר זיין קלוגשאַפֿט און וויציקייט, אָבער קאָן אים ניט פֿאַר־ליידן ווען ער פֿאַרמיאוסט זיין מויל מיט ניבול־פּה. חנא־איצקע פֿון זאָסלע, וואָס האָט מיך פֿאַרשלאָסן אין קלאָס־צימער; בערקע שעפּס, דער זאָסלער עילוי און מעשיות־דערציילער; הירשקע שמולאָוויטש פֿון מיישעגאָלע, וועמען כ׳בין געווען געצוואונגען אָנצוזאָגן ער זאָל זיך זעצן שבעה, ווען זיין טאַטע, מיין געוועזענער רבי, איטשע־יאָשע, איז געשטאָרבן. מיר האָט זיך גריילעך ניט געוואָלט זיין דער אָנזאָגער פֿון אַזאַ שלעכטער בשורה. נאָר אַזוי ווי כ׳בין געווען דער איינציקער, וואָס האָט עס געוואוסט, האָב איך אים צוגעשיקט אַ צעטעלע מיט אַ גראַם:

„של נעליך מעל רגליך,
כי נפלה עטרת ראשך.״

(טו אויס דיינע שיך, ווייל דיין קרוין איז אַרונטערגעפֿאַלן).

פֿון די ווילנער ייִנגלעך האָב איך צו אַלעם ערשטן געדענקט די וואָס פֿלעגן קומען מיט מיר צוזאַמען פֿרייטיק־צו־נאַכט און שבת־צו־נאַכט צו ר׳ אליהו פּנחסן אַהיים, ווינטער תר״ן (1889—1890), בראש מיט בענקע שלאָסבערג, וואָס פֿלעגט זינגען שיין. באַזונדערס אָבער בענק איך נאָך מיינע נייע חברים, קלמן קראַפּיווניק און שמואל ראָזען, מיט וועמען כ׳שרייב זיך דורך מיט בריוולעך, זינט איך בין געקומען פֿון ווילנע אין דאָרף.

מיין מומע לאה דערציילט מיר, אַז די באָבע האָט איבערגעליטן אַ סך צרות דורך אַ שקר־בילבול פֿון אַ משומדתטע.

די משומדתטע, אַ יונגע שיינע פּרוי, איז אָנגעקומען אין שטעטל מיט אַ קראַנק קינד, זי האָט זיך אָנגעגעבן פֿאַר אַ שוועך־געפּרואווטער ייִדישער

מוטער, ביי ווען מען דאָס קינד איז שלאָף געוואָרן אויף דער רייזע. גוטהאַרציקע יידישע פרויען האָבן זי צוגעפירט צו מיין באָבען. זי האָט דאָס קינד אונטערזוכט און געגעבן רפואות. צוגלייך האָט זי זיך באַמיט, אַז דאָס שטעטל זאָל באַזאָרגן די מוטער און דאָס קראַנקע קינד מיט קוואַרטיר און עסן.

איינזעענדיק, אַז דאָס קינד ווערט ניט בעסער, האָט די באָבע געראָטן זיין מוטער צוצופאָרן צו ספּעציאַליסטן קיין ווילנע וועגן זיין קראַנקהייט. די ספּעציאַליסטן האָבן דער פרוי דערקלערט, אַז מ'קאָן ניט טאָן פאַר איר קינד מערער וויפל די באָבע טוט. די פרוי קומט צוריק מיט איר קינד אין שטעטל און פאַרבלייבט דאָרט ביז דאָס קינד שטאַרבט און מ'איז עס מקבר אויפן יידישן בית־עולם. די מוטער זיצט אָפּ שבעה און הויבט זיך אָן נאָך דעם גרייטן אין וועג אַריין. די יידישע פרויען באַזאָרגן זי מיט רייזע־הוצאות און באַגלייטן זי אַרויס מיט פיל פריינטשאַפט.

אין אַ קורצער צייט אַרום קומט די דאָזיקע פרוי ווידער אין שטעטל. דאָס מאָל שוין ווי אַ משומדתטע, די פרוי פון אַ רוסישן אָפיצער. צוזאַמען מיט זיי ביידן קומט אויך אַראָפּ נאַטשאַלסטווע, צו באַשטראָפן די שטעטלשע יידן, און באַזונדערס מיין באָבען, וועמען די משומדתטע באַשולדיקט אין דערמאָרדן איר קינד, אַרונטעררייסן פון זיין האַלדז אַ צלמל און עס אַריינשטופּן אין זיין הינטער־חלק, און ביידן אָט אַזוי באַגראָבן אויפן יידישן בית־עולם.

די באָבע ליידט זיך אָן אַ סך פון דער פּאָליציי, באַזונדערס אָבער טוט איר ווי די אומדאַנקבאַרקייט פון אַ פרוי און אַ מוטער פאַר דער שוועסטערלעכער פריינטשאַפט, וואָס דאָס יידישע שטעטל האָט איר אַרויסגעוויזן און וועמען זי באַצאָלט מיט אַזאַ שווידערלעכן שקר־בילבול.

דער רוסישער אָפיצער איז געווען אַ סך ערלעכער און מענטשלעכער ווי זיין געשמדטע פרוי. ווען דאָס קינד ווערט געפּאַלמעסט און מ'געפינט אויס אַז ס'איז געשטאָרבן פון אַ קראַנקהייט, און אַז מיין באָבעס פּרואוון עס אויסצוהיילן האָבן געהאַט די הסכמה פון גרויסע ווילנער דאָקטוירים, און די באָבע און אַלע אַנדערע יידישע אָנגעקלאָגטע ווערן ריינגעוואַשן פון יעדער שולד, פּאַטשט אויס דער אָפיצער זיין פאַלשע פרוי. ער פאַלט אויך אויף די קני פאַר דער באָבען, און בעט ביי איר פאַרגעבונג פאַר די אַלע צרות, וואָס די משומדתטע האָט פאַרשאַפט דער באָבען און די אַלע אַנדערע אָנגעקלאָגטע גוטע יידישע מענטשן.

קאַפּיטל צוויי און פופציק

איך פאָר בשתיקה קיין ארץ-ישראל

ווינטער תרנ״א (1891—1902) האָב איך אין ווילנע געהערט און גע־לייענט אַ היפּש ביסל וועגן ארץ ישראל און אַרגענטינע. כ׳האָב זיך אויך דערוואוסט מער פּרטים וועגן דעם „נדיב הידוע״ באַראָן ראָטשילד, וועלכער שטיצט יידישע קאָלאָניסטן אין ארץ ישראל, און וועגן באַראָן הירש, וועל־כער באַזעצט יידן אין אַרגענטינע.

מיין טאַטע איז מסופק אין די אויפטואונגען פון ביידע באַראָנען. ער האַלט, אַז באַראָן ראָטשילד וועט בשום אופן ניט קאָנען אָפּטאָן די שליחות פון משיחן, צוריקברענגען די יידן אין ארץ ישראל. ניט מער האַלט דער טאַטע פאַר מעגלעך, אַז דער באַראָן הירש זאָל קאָנען אַריבערפירן די יידן קיין אַרגענטינע. דער טאַטע זאָגט, אַז יידן קאָנען געהאָלפן ווערן דאָ גופא, ווען נאַטשאַלסטווע זאָל זיי דערלויבן צו קויפן ערד אַרום די שטעט און שטעטלעך וואו זיי וואוינען. אויף אַריבערפירן די יידן קיין אַרגענטינע, און זיי דאָרט איינאָרדענען, וועט אָבער ניט סטאַיען אפילו גאָר דאָס געלט וואָס ביידע באַראָנען פאַרמאָגן.

דער זיידע, שמואל-איטשע סאַפּירשטיין, זאָגט, אַז פאָרן קיין אַרגענ־טינע איז אַן ענין ניט נאָר פון פּרנסה. עס איז אויך אַ פראַגע, צי מ׳קאָן דאָרט אָפּהיטן יידישקייט? ער האָט געהערט, אַז דעם באַראָנס לייט לאָזן דאָרט ניט די יידן זיך אויפפירן יידישלעך. מ׳צווינגט זיי אויסצוטאָן זיי־ערע יידישע מלבושים און אָפּצוגאָלן זייערע בערד...

ניט געקוקט אויף די ספקות פון מיין טאַטן און מיין זיידן האָב איך שטאַרק חשק צו פאָרן אין ביידע מקומות: אין ארץ ישראל — „להשתקע״ (צו פאַרבלייבן דאָרט), און אין אַרגענטינע — אויסצולערנען זיך דאָרט גרינטלעך ערד-אַרבעט, און נאָכדעם זיך באַזעצן אין ארץ ישראל.

זינט כ׳בין געקומען פון ווילנע אין דאָרף טראַכט איך זייער פיל וועגן דעם. איך דערמאָן זיך, אַז נאָך ניט לאַנג צוריק האָט פאָרן קיין ארץ ישראל געמיינט: פאָרן אַהין שטאַרבן אויף דער עלטער. דעם ערשטן מענטשן, וואָס כ׳האָב געהערט ריידן וועגן פאָרן אַהין לעבן איז געוועזן מיין רבי, ר׳ אליהו פנחס, אין דער ווילנער קאַזיאָנער ישיבה, אויפן שול-הויף. ער האָט דערקלערט, אַז אויב ער וועט קריגן אַ רייכן תלמיד, וואָס זאָל אים געבן אַ פּאָר טויזנט רובל, זיך אַריבערצוקלייבן פון ווילנע קיין ירושלים, און דאָרט האָבן פון וואַנען צו לעבן, וועט ער מיט יענעם תלמיד לערנען דאָרט באַזונדער, וויפל נאָר יענעמס האַרץ געלוסט.

איך דערמאָן זיך איצט אויך אַ דרשה פונעם סקידלער מגיד ר׳ הירש

אָרלאַנסקי, וואָס כ׳האָב געהערט לעצטן זומער, תרנ״א (1891), אין וואַשי־לישאָק. ער האָט צוערשט געשטורעמט קעגן יענע יידן, וואָס קויפן „קאָרפי־רער״ אתרוגים (פון קאָרפו, גריכנלאַנד, וואו גריכישע פּאָגראָמשטשיקעס האָבן געהרגעט יידן). נאָכדעם האָט ער געמוסרט די יידן, פאַרוואָס זיי פאָרן ניט קיין ארץ ישראל, וואו זיי קאָנען האָבן זייערע אייגענע פעלדער און גערטנער און ניט דאַרפן מער מתפלל זיין פאַר אַ גרעטעניש אויף פרעמדע פעלדער. ער האָט אויך באַוויזן מיט שטאַרקע ראיות פון דער גמרא און אַנדערע הייליקע ספרים, אַז יידן דאַרפן ניט וואַרטן מיטן צוריקקער אויף אַ ווייסן אייזל כדי זיי נעמען אַהין אויף די וואָלקנס... די גאולה וועט קומען, האָט דער סקידלער מגיד פאַרזיכערט, דורכדעם וואָס יידן וועלן באַאַרבעטן די ערד פון ארץ ישראל און דאָרט אָפּהיטן די תורה.

נאָך אַ סך טראַכטענישן קום איך צום געדאַנק אַוועקצופאָרן קיין ארץ ישראל בשתיקה פון מיינע עלטערן. איך פלאַן אויך צו פאָרן אַהין צוזאַמען מיט מיין חבר שמואל ראָזען, דער איינציקער זון פון אַ ווילנער שענקער. כ׳שרייב אים אָן אַ בריוו ער זאָל קומען צופאָרן חול־המועד פּסח צו זיין פעטער אין געשווע (אַ דאָרף רעכטס פון דעם וועג פון מיישעגאָלע קיין ווילנע), וועלן מיר זיך דורכריידן וועגן אַ וויכטיקן ענין. ער ענטפערט תיכף, אַז ער וועט קומען, און אַז ער וואַרט מיט אומגעדולד אויף אונדזער שמועס.

שמואל ראָזען הערט אויס אויפמערקזאַם מיין פּלאַן. ווי אַן עלטערער און פּראַקטישערער פון מיר, באַמערקט ער דערצו:

— אונדזערע עלטערן וועלן אונדז ניט לאָזן פאָרן סתם אין דער וועלט אַריין. טאָ לאָמיר זיי זאָגן, אַז מיר ווילן פאָרן לערנען אין דער מירער ישיבה. מיין טאַטע וועט זיין שטאַרק צופרידן דערפון. כ׳בין זיכער, אַז אויך דיין טאַטע וועט זיין צופרידן. זיי וועלן אונדז מיטגעבן מער ווי גענוג אויף רייזע־הוצאות. כ׳האָב אויך אָנגעזאַמלט נאָענט פון זיבעציק רובל. ביז צו אונדזער נסיעה וועט זיין נאָך צען. זע, זאָלסט אויך האָבן אַ נישקשהדיקן „קניפּל״. ביי עלטערן מעג מען נעמען... מיט אַזאַ סומע געלט וועלן מיר אָנ־פרעגן אין קאָמיטעט, צי מ׳וועט אונדז נעמען קיין אַרגענטינע אויפן חשבון פון באַראָן הירש. אויב יאָ, וועלן מיר פאָרן אַהין, ווייל דאָרטן וועט דאָך דער באַראָן אַלץ געבן מיט דער ברייטער האַנט. אויב מ׳נעמט דאָרט ניט קיין יינגלעך, וועלן מיר זיך נאָכפרעגן וועגן ארץ ישראל.

מיר האָבן זיך שטאַרק געאַמפּערט וועגן דעם. ביי מיר איז געווען ארץ ישראל דער עיקר און אַרגענטינע נאָר אַ טפל, אַ בייזאַך, כדי צו דערלערנען דאָרט די ערד־אַרבעט פאַר ארץ ישראל. שמואל ראָזען האָט מיר אָבער באַוויזן, אַז אויף יעדן פאַל איז פּראַקטישער, אַז מיר זאָלן צוערשט אַריינ־פאָרן קיין אַרגענטינע.

אַזוי ווי מיין חבר, שמואל ראַזען, האָט בכלל געהאַט ווייניק חשק צו לערנען, האָט ער פֿאַרגעשלאָגן, אַז אויב אונדז וועט אויסקומען צו בלייבן לאַנג אין בערלין זאָלן מיר זיך אויפֿפֿירן, ווי די ברידער זבולון און יששכר. ער וועט זיין דער סוחר זבולון, און איך — דער לערנער יששכר. מיר וועלן זיך טיילן מיטביידע זאַכן: סיי מיטן פֿאַרדינסט פֿון מסחר און סיי מיט דער מצווה פֿון לערנען תורה...

כדי מיר זאָלן מצליח זיין אויף אונדזער רייזע, האָבן מיר נאָכגעטאָן די דריי ברידער פֿון „מעשה בג׳ אחים״: צו נעמען אויף זיך אַ מצווה, וואָס מיר זאָלן דורכפֿירן מיט מסירת־נפֿש. מיר האָבן אויסגעוויילט די מצווה פֿון „נטילת ידים״, זיך וואַשן די הענט פֿאַרן עסן. מיר זאָלן עס אָפּ־היטן, אַפֿילו ווען אונדז וועט אויסקומען איינצושטעלן דאָס לעבן דערפֿאַר.

נאָך דעם דאָזיקן אָפּמאַך קערן מיר זיך ביידע אום צוריק קיין ווילנע. ער — תיכף, און איך — באַלד נאָך סוכות.

ביי מיין חברס עלטערן אין ווילנע בין איך געווען אַן אָפּטער אַריינ־גייער. איך פֿלעג ביי זיי אָפּט איבערנעכטיקן, כאָטש כ׳האָב געהאַט מיין שטענדיקן געלעגער אין דער ישיבה. כ׳בין דעריבער אַריינגעקומען צו זיי מיט מיינע רייזע־פּעקלעך. איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך מיינע רייזע־הוצאות און דאָס עקסטרע געלט, וואָס מיין טאַטע־מאַמע און די באָבע מיטן זיידן האָבן מיר מיטגעגעבן. איך האָב נאָך אויך געהאַט אַ טייל פֿון מיין טאַשן־געלט פֿון לעצטן ווינטער. דערצו האָב איך קומענדיק צוריק אין שטאָט פֿאַרקויפֿט מיינע ווינטערדיקע מלבושים און יעדן בגד, וואָס כ׳האָב זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז עס פּאַסט ניט צו טראָגן אין בערלין.

אין אָוונט האָבן מיר ביידע, מיין חבר און איך, זיך געפּאַקט אין אונדזער שלאָפֿצימער. דער פּראַקטישער שמואל ראַזען האָט אויך איינגעפּאַקט מאכלים און געטראַנקען, וואָס זיינען נויטיק אויף אַ רייזע איבערן ים... אַנשטאָט „סוכאַרעס״ האָט ער מיטגענומען מצות.

אויף מאָרגן האָט אונדז יעקב ראַזען, שמואלס פֿאָטער, צוגעפֿירט מיט אַ דראָזשקע צום וואָקזאַל. ער האָט אויך געוואָלט אונדז קויפֿן באַן־בילעטן ביז דער שטאָט מיר. שמואל האָט עס אים ניט געלאָזן. ער האָט געטענהט, אַז אויף דער פּאָליעסער באַן פֿאָרט מען מערסטנס מיט די קאָנדוקטאָרן פֿאַר ביליק. יענע וועלן דאַרום זיין בייז אויף אונדז, וואָס מיר פֿאָרן דעם גאַנצן וועג מיט באַן־בילעטן... יעקב ראַזען האָט נאָכגעגעבן זיין בן־יחיד נאָר אונדז שטרענג אָנגעזאָגט ניט צו פֿאָרן אָן אַ בילעט קיין איין סטאַנציע, ניט אָפּריידנדיק פֿריער מיטן קאָנדוקטאָר. נאָכדעם האָט ער מיך געבעטן אַכטונג צו געבן אויף זיין בן־יחיד, כאָטש יענער איז עלטער פֿון מיר, ער

זאָל גיין אויפֿן גלייכן וועג. ער קויפֿט אונדז בילעטן ביז דער ערשטער סטאַנציע יאַשון.

אין יאַשון זיינען מיר אַרויס פֿון וואַגאָן און געוואַרט אויפֿן וואָקזאַל ביז ביינאַכט, ווען מיר זיינען צוריקגעפֿאָרן קיין ווילנע. מיר זעצן זיך דאָרט איבער אויף דער פּעטערבורגער באַן צום פּריסישן גרענעץ. אונדזער פּלאַן צו פֿאָרן מיטן קאָנדוקטאָר פֿון דער סטאַנציע לענדוואַראָוואָ ביז צו דער גרענעץ, גיט זיך אונדז ניט איין. דער קאָנדוקטאָר הייסט אונדז אַראָפּ־גיין, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין צייט צו קויפֿן אַ נייעם בילעט. מיט אונדז צוזאַמען גייט אויך אַרונטער אַ ייד מיט אַ רבנישער אַסאָבע. ער וואַרט אונדזער פֿירער און ברענגט אונדז צו אַ הויז, וואָס האָט אַ גרויסן טאַנץ־זאַל פֿאַר חתונות. מען לאָזט אונדז דאָרט איבערנעכטיקן פֿאַר אַ קלייניקייט. דער באַלעבאָס רופֿט אָן אונדזער באַגלייטער — „רבי". מיר זעען באַלד איין, אַז ער מיינט עס ניט ערנסט און מיר הייבן אָן קוקן מיט חשד אויף דעם דאָזיקן „רבי."

מיר שלאָפֿן דאָרט שלעכט די נאַכט, צוליב דער קעלט און באַאומרו־איקנדיקע געדאַנקען. אינדערפֿרי גיסן מיר אָפּ נעגל־וואַסער און שטעלן זיך דאַוונען מיט כוונה. אונדזער באַגלייטער אָבער דאַוונט ניט. ער וואַשט זיך די הענט און דאָס פּנים מיט זייף און זעצט זיך עסן זיין איבערבייסן. דאָס מאַכט אויף אונדז אַ מאָדנעם רושם. ווען ער גייט אַ רגע אַרויס פֿון זאַל, גיבן מיר אַ קוק אויף דעם פּעקל ספֿרימלעך, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך. מיר דערקענען באַלד, אַז דאָס זיינען די פּאַרהאַסטע ביכלעך פֿון דעם „משוגענעם מיסיאָנער", משהקע ראָזענסאָן *). מיר זיינען אים דעריי־בער חושד, אַז ער האָט אונדז נעכטן מקרב געווען, כדי אונדז אַראָפּצופֿירן פֿון גלייכן וועג. ער פּרוּווט טאַקע אויך פֿאַרפֿירן מיט אונדז אַ וויכוח. ער ווערט שטאַרק בייז ווען מיר זאָגן, אַז מיר וועלן ניט פֿירן קיין וויכוחים מיט משהקע ראָזענסאָנס אָנהענגער. ער רופֿט אָן מיט מיאוסע נעמען די גדולי ישראל, און עצהט אונדז צו פֿאַרלאָזן זייערע קרומע וועגן און גיין אויפֿן דרך פֿון „נייעם נביא משה"...

מיר פֿאַרלאָזן אים אָן „אַ גוטן טאָג" און מיר גייען אַוועק צום וואָקזאַל. אויף דער צווייטער סטאַנציע (יעוויע) פֿאַרווילט זיך אונדז עסן. גייען מיר אַרויס פֿון וואַגאָן זיך וואַשן די הענט. דאָס וואַסער דאָרט איז אָבער געווען אָנגעגרייט נאָר אויף צום טרינקען. שלאָגן אונדז די זשאַנדאַרמען פֿאַרן באַנוצן עס אויף צו וואַשן זיך די הענט. דערווייל הויבט זיך אָן צו רירן די

*) אַ ווילנער גביר, וואָס האָט פֿאַרפֿאַסט צענדליקער ביכער אין העברייאיש צו באַווייזן, אַז מ׳קאָן פֿאַראייניקן אַלע דריי אמונות — יידישע, קריסטלעכע און מאָהאַמעדאַנישע. ווילנער יידן האָבן אים אויסגעמיטן ווי אַ פּעסט.

באַן און מיר זיינען קוים מיטן לעבן אַרויפגעשפּרונגען אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן.

מיר פרייען זיך נאָכדעם שטאַרק, וואָס אַזאַ געוויינלעכע מצווה ווי נטילת ידים איז אונדז אָנגעקומען מיט מסירת־נפש. מיר נעמען עס אָן פאַר אַ גוטן סימן, אַז מיר וועלן מצליח זיין אויף אונדזער וועג.

אויף דער סטאַנציע זאַסלע באַגעגנט אונדז מיינער אַ באַקאַנטער מיישעגאָלער ייד, זעליג דער גלעזער, וואָס פירט זיין ייִנגל אין אַ ישיבה. ער פרעגט וואוהין מיר פאָרן? ווען ער הערט, אַז מיר פאָרן אין „מיר", וואונדערט ער זיך, ס'טייטש „מיר" איז דאָך אויף דער אַנדער זייט? מיר דערקלערן אים, אַז לויט דער געאָגראַפיע קאָן מען אויך קומען אין מיר, איבער קאָסידאָר, מיט דער ליבאַווער ליניע, דורך קורלאַנד. קוועטשט ער מיט די פּלייצעס און גייט זיך זיין וועג.

אין וואַגאָן האָט אונדז איינער געראָטן, אַז אויב מיר ווילן אַריבער דעם גרענעץ זאָלן מיר ליבער אַראָפּגיין אין אַ זייטיקן שטעטל, ווי, למשל, ניישטאָט־שערווענט, און דאָרט וועלן אונדז פּאָר עטלעכע רובל אַריבער־פירן שטעטלשע אַגענטן אָדער דאָרפישע פּויערים. מיר אָבער האָבן גע־מיינט, אַז מיט אונדזערע ווילנער פּאַספּאָרטן קאָנען מיר פאָרן אומעטום וואו מיר ווילן. טאָ צו וואָס זאָלן מיר גיין אויף קרומע וועגן? מיר זיינען דעריבער געפאָרן ביז קיבאַרדי און דאָרט אַריין אינעם גרויסן וואָקזאַל מיט אַזאַ ברייטקייט, ווי מיר וואָלטן געפאָרן קיין אויסלאַנד מיט „גובער־נאַטאָרסקע פּעסער" פון וועלכער מיר האָבן גאָרניט געוואוסט.

קאַפּיטל דריי און פופציק

זשאַנדאַרמען אַרעסטירן אונדז אויפן וואָקזאַל

מיר זיינען רואיק אַרומגעגאַנגען איבער דעם גרויסן שיינעם גרענעץ־וואָקזאַל, וואָס איז געווען פול מיט זשאַנדאַרמען און אַלץ געגנוי באַטראַכט.

די זשאַנדאַרמען האָבן אַפּנים געמיינט, אַז מיר זיינען געקומען אין קיבאַרדי צו קרובים און זיי האָבן אונדז אַ היפּשע ווייל געלאָזט צו רו. שפּעטער אָבער האָבן זיי אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און געפרעגט: פון וואַנען און צו וועמען מיר פאָרן? מיין עלטערער חבר האָט באַלד פאַר־שטאַנען, אַז מיר זיינען אויף צרות, האָט ער צו מיר געזאָגט אויף העברייאיש: לאָמיר דערקלערן, אַז מיר זיינען דאָ געקומען לערנען און זוכן אַ יידן, וואָס זאָל אונדז צופירן צום בית־מדרש. די זשאַנדאַרמען האָבן זיך איבער־געוואונקען, און איינער פון זיי האָט זיך אָנגעבאָטן עס צו טאָן.

מיר נעמען אונדזערע פעקלעך און גייען אים נאָך. ווען ער שטעלט זיך אָפּ לעבן דער פּאָליציי, ווילן מיר אַהין ניט אַריינגיין. ער צווינגט אונדז אָבער עס צו טאָן.

דער הויפּט־באַאַמטער דאָרט, אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן, באַגעגנט אונדז מיט אַ געלעכטער. ער פרעגט דעם זשאַנדאַרם:

— זינט ווען, פּיאָדאָר אָסיפּאָוויטש, האָסטו אָנגעהויבן אַרעסטירן קינ־דער אין די גאַסן?

— איך בין זיכער — ענטפערט יענער בייז — אַז זיי האָבן באַגנבעט זייערע עלטערן און ווילן אַנטלויפן קיין אַמעריקע!

דעם זשאַנדאַרמס חשד, אַז מיר פאָרן קיין אַמעריקע, האָט אונדז באַ־רואיקט: מיר קאָנען דאָך שווערן אפילו ביי אַ ספר־תורה, אַז מיר האָבן ניט בדעה צו פאָרן קיין אַמעריקע... אַרגענטינע רופט דאָך קיינער ניט אָן מיט יענעם נאָמען. בפרט, אַז דער זשאַנדאַרם האָט אין אונדזערע פּעק־לעך און אין אונדזערע קעשענעס ניט געפונען קיין אַדרעס פון אַמעריקע אָדער ענגלאַנד. מיר האָבן דעריבער פעסט אָפּגעלייקנט דעם זשאַנדאַרמס חשדים.

— עס געלינגט דיר ניט היינט, פּיאָדאָר אָסיפּאָוויטש — האָט דער הויפּט־באַאַמטער באַמערקט. וואָס ווילסטו פון די קינדער?

פּיאָדאָר אָסיפּאָוויטש איז געוואָרן אַן אָנגעצונדענער. ער האָט געטענהט מיט כעס:

— דאָס געלט, די מאכלים און געטראַנקען, וואָס זיי פירן מיט זיך, באַווייזן קלאָר, אַז זיי האָבן זיך צוגעגרייט צו אַ לאַנגער רייזע און טאָקע איבערן ים.

ער האָט אָנגעהויבן נישטערן פון דאָסביי צווישן מיינע פּאַפּירן און באַלד אויסגעשריען מיט נצחון:

— כ'האָב געפונען!

זיין געפינס איז געווען אַ געדרוקטער אַנאָנס פון אַ האַמבורגער האָטעל.

דער דאָזיקער אַנאָנס איז לעצטן יאָר אָנגעקומען צו מיין זיידן, נאָכ־דעם ווי זיין שטוב האָט אָפּגעברענט, און זיין זון, מיין פעטער יאַנקל־משה, דער סטאָליער, האָט אים צוגעשיקט פון לאָנדאָן אַ געוויסע סומע געלט זיך איינצוּאָרדענען אַביסל פון דאָסניי. די לאָנדאָנער באַנק האָט צוזאַמען מיט דעם געלט אויך געשיקט אַנאָנסן פון איר באַנק און איר האָטעל אין האַמ־בורג. דער דאָזיקער אַנאָנס איז געווען געשריבן אין עטלעכע שפּראַכן און מיר דערמעגלעכט צו דערלערנען אַ צאָל פרעמדע ווערטער. כ'האָב עס דערפאַר געהאַלטן צווישן מיינע פּאַפּירן, אויף וועלכע כ'האָב פאַרשריבן „חידושי־תורה."

מיין עלטערער חבר האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ פאַרוואורף, ווי איך

וואָלט אים אַריינגעשלעפּט אין אַ אומגליק. דער באַאַמטער, אָבער, האָט עס אַפּנים ניט באַטראַכט פאַר קיין שטאַרקן באַוייז קעגן אונדז. ער האָט באַמערקט:

— דעם עיקר ווייסן מיר נאָך אַלץ ניט: וואוהין האָבן זיי ווירקלעך געוואָלט פאָרן?

ער רופט אַריין אַ יידן און גיט אים לייענען מיינע פּאַפּירן. יענער פאַרשטייט ניט קלאָר מיין תורה. ער איז אָבער זיכער, אַז דאָרט איז ניטאָ קיין וואָרט וועגן אַ וועלכער עס איז נסיעה. דער באַאַמטער מאַכט דעמאָלט אַ שטרענגע מינע און פאָדערט מיר זאָלן ליבער זיך מודה זיין, וואוהין האָבן מיר געפּלאַנט צו פאָרן. ווען ניט, זאָגט ער, וועט ער אונדז צוריקשיקן קיין ווילנע געשמידט אין קייטן. ער וואָרנט אונדז, אַז מיר וועלן דאָרטן (אין ווילנע) ווערן „גאָר שטאַרק באַשטראָפט". דער עיקר, טאָקע, פאָרן זאָגן ליגן...

איך ענטפער אים, אַז מיר פאַרלאָזן זיך אויף דעם אויבערשטן וואָס וויס דעם אמת, אַז ער וועט אונדז באַשיצן...

ער שמייכלט און לייענט איבער פאַר אונדז דעם פּראָטאָקאָל, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט וועגן אונדזער ענין, און הייסט אונדז זיך אונטערשרייבן. מיר זאָגן זיך אָפּ עס צו טאָן, ווייל „מיר ווערן דאָרט באַשולדיקט אין אַזוינע זינד, וואָס מיר זיינען ניט באַגאַנגען."

— וואָס מיינט איר? — האָט דער באַאַמטער אויסגערופן מיט אַ געמאַכטן כעס, — אויב איר וועט זיך ניט אונטערשרייבן וועלן מיר אייך „פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע קיין סיביר."

זיינע סטראַשונקעס באַטראַכטן מיר פאַר אַ שפּאַס און האַלטן זיך ביי אונדזער באַשלוס. ווען ער פרעגט אונדז אָבער ערנסט, וואָס אַזוינס ווילן מיר ס'זאָל זיין געשריבן אין פּראָטאָקאָל, ענטפערן מיר אים:

— דאָס, וואָס מיר האָבן געזאָגט, אָבער ניט דאָס, וואָס אָט דער — ווייזן מיר אויפן זשאַנדאַרם — זאָגט וועגן אונדז.

דער באַאַמטער דערקלערט אונדז, אַז דאָס האָט ער קיין רעכט ניט צו טאָן. ער קאָן נאָר שרייבן, אַז מיר לייקענען אָפּ, וואָס פיאָדאָר אָסיפּאָוויטש זאָגט וועגן אונדז. דערביי קאָן ער איבערגעבן אַלץ וואָס מיר האָבן געזאָגט. אויף אָט דער פשרה שטימען מיר איין און דערקלערן, אַז מיר גלויבן, אַז נאַטשאַלסטווע וועט אויסהערןביידע צדדים און וועט אונדז געוויס באַלד באַפרייען...

נאָכדעם ווי מיר שרייבן זיך אונטער אויפן פּראָטאָקאָל, דערקלערט אונדז דער באַאַמטער, אַז ער שיקט עס באַלד צום נאַטשאַלניק פון ווילקאָווישק, וואוהין מ'וועט אונדז אָוועקפירן פון דאַנען. אונדזער געלט בלייבט אין דער פּאָליציי. מ'וועט אונדז געבן נאָר אויף קליינע אויסגאַבן. דערווייל

מוזן מיר זיין אין דער קיבאַרדער טורמע, וואוהין אײנער פון זיינע שטוב־מענטשן וועט אונדז צופירן. יענער איז גראָד געווען אונדזערער אַ מיט־פּאַרער אויפן באַן פון קאָוונע ביז קיבאַרדי, און זיך באַנומען ווי אַן אַלטער באַקאַנטער. ער האָט אויפן וועג דערציילט, אַז דער הויפּט־באַאַמטער איז צו אונדז זייער פריינטלעך, און זיינע שטוב־מענטשן באַטראַכטן די גאַנצע זאַך פאַר אַ קאָמעדיע. נאָר פּיאַדאָר אָסיפּאָוויטש איז אַ בייזער פאַרביסענער פאַנאַטיקער. דערצו וויל ער קריגן אַ העכערן טשין (אַמט) און מער „זשאַ־לאָוואַניע" (געהאַלט). ער זוכט דעריבער אַרעסטאַנטן פון אונטער דער ערד. אונדזער באַגלייטער דערקלערט אונדז אויך, אַז מיר האָבן זיך באַנאַ־רישט דערמיט וואָס מיר זיינען צו לאַנג געבליבן אויפן וואָקזאַל. מיר האָבן געקאָנט באַלד נעמען אַ דראָזשקע און אַריינפאָרן אין אַ האָטעל, פון וואַנען מיר האָבן געקאָנט דורכפירן וואָס מיר האָבן געוואָלט. דאָרט, אין האָטעל, וואָלט אויך פּיאַדאָר, פאַר אַ מטבעה, זיך מאַכן ניט זעענדיק... די דאָזיקע ווערטער פון דעם באַאַמטנס שטוב־מענטשן האָבן אונדז באַרואיקט, אַז עס וועט אונדז ניט געשען קיין בייז. דאָך זיינען מיר אַריין אין טורמע מיט צעוויטאָקטע הערצער...

די קיבאַרדער טורמע באַשטייט פון אַ קליין שטיבל מיט איין פענצטער. די שויבן זיינען פון דרויסן פאַרשטויבט און פון אינווייניק פאַרגראַטעוועט. ס'איז דאָרט דעריבער טונקל אפילו אין מיטן טאָג. ביי איין וואַנט שטייט אַ ברייטע באַנק און אויף איר ליגן צוויי סיענניקעס מיט שטרוי. מיר זעצן זיך אויף זיי און לייגן דאָרט אויך אָוועק אונדזערע פּעקלעך. דער „סמאָט־ריטעל" (אויפזעער) פון טורמע נעמט פון אונדז אָוועק אונדזערע מעסער־לעך. פון מיין עלטערן חבר, וואָס רויכערט פּאַפּיראָסן, נעמט מען צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום רויכערן.

עסן האָבן מיר ניט געוואָלט. זעצן מיר זיך אויף די סיעניקעס און זאָגן תהילים מיט האַרץ. מיר זיינען אָבער שטאַרק מיד און אָנגעשטרענגט, און דרעמלען באַלד איין.

קולות פון מענער, פרויען און קינדער וועקן אונדז אויף פון שלאָף. מיר דערזעען די טורמע איז פול מיט מענער און יינגלעך. פון צווייטן קאַמער, וואָס איז אָפּגעטיילט פונעם ערשטן דורך אַ ווענטל פון צעלעכערטע און צעשפּאָלטענע דינע ברעטער, הערן מיר שטימען פון פרויען און מייד־לעך און געוויינען פון עופּהלעך. די מענער זאָגן אונדז, אַז זיי זיינען אַ טייל פון די אַרויסגעטריבענע יידן פון מאָסקווע און פּעטערבורג. זיי זיינען שוין געווען אין איידקונען (כאַטקון), אויף דער פּרייסישער זייט. צוליב אַן עפּידעמיע האָט מען זיי ווינטער אָוועקגעשיקט קיין ווילנע, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט ביז איבער פּסח. איצט פאָרן זיי אויפן חשבון פון באַראָן הירש

קיין אַרגענטינע, אָדער קיין אַמעריקע. דער אַגענט, וואָס האָט זיי געלאָזט אַריבערפירן די גרענעץ, איז אַריינגעפאַלן אין דער פּאַסטקע פון דער זשאַנדאַרמעריע, דערפאַר וואָס ער האָט איר ניט געגעבן אַזוי פיל כאַבאַר, וויפל זי האָט פאַרלאַנגט. מ'האָט זיי דעריבער אַלעמען פאַרשפּאַרט דאָ אין טורמע. איינער פון זיי, דער זון פון דעם עלטסטן פון זייער גרופּע, האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער אַרומרינגלונג און איז אַריבערגעלאָפן דעם גרענעץ. די זשאַנדאַרמען און די גרענעץ־וועכטער האָבן אויף אים געשאָסן, נאָר ניט געטראָפן. איצט וואַרט די גרופּע ער זאָל פאַר איר קריגן הילף פון קאָמיטעט אין איידקונען. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט פון דאָרט דעפּעשירן צום באַראָן הירש.

מיין חבר און איך זיינען צוערשט ניט געווען אַזוי אָפנהערציק צו די אַרויסגעטריבענע מאָסקווער יידן, ווי זיי זיינען געווען צו אונדז. באַלד אָבער געווינען זיי אונדזער גאַנצן צוטרוי און מיר דערציילן זיי אַלץ, וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט.

אויף מאָרגן האָבן די שטעטלשע יידן געבראַכט אַ סך שפּייז פאַר די אַרויסגעטריבענע יידן פון מאָסקווע. מ'האָט זיי אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט און מיטלייד. יעדער האָט געטרייסט די פּאַטערס פון די זעקס משפּחות, אַז אין ווילקאָווישק וועט מען זיי געוויס באַפרייען.

צוזאַמען מיט די אַרויסגעטריבענע יידן זיינען מיר געווען איבער דרייסיק נפשות אין דער קיבאַרדער טורמע, און אַלע האָבן אונדז, מיין חבר און מיך, באַטראַכט ווי קינדער פון זייערע משפּחות. דער היפשער זאַפּאַס פון עסנוואַרג און געטראַנקען, וואָס מיין חבר האָט מיטגענומען פון ווילנע האָט אויך מיטגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן אונדזער אַלעמענס פריינטשאַפט.

דורכן טאָג האָבן מיר כמעט פאַרגעסן, אַז מיר געפינען זיך אין אַ טורמע. מיר האָבן כסדר געשמועסט מיט די עלטערן און קינדער, וואָס זיינען געקומען פון גאָר אַן אַנדער וועלט ווי מיר. זייערע יינגלעך קאָנען ניט ריידן גוט יידיש. אַ טייל פון זיי און זייערע עלטערן זיינען גאַנץ אויסגעטאָן פון יידישקייט, כאָטש זיי זיינען אין נויט. די מערסטע פון זיי לייגן ניט קיין תפילין און דאַוונען אויך כלל ניט.

אַנבייסן האָבן מיר געגעסן אין דער גרויסער שטוב פון דעם ממונה איבער דער טורמע. דאָרט זיינען מיר אַלע צוזאַמען, פון ביידע טורמע־קאַמערן. די יינגלעך שטיפן און לאַכן. די מיידלעך אָבער זיינען אומעטיק און דערשלאָגן. די אויגן פון די מוטערס זיינען רויט פון וויינען. נאָר די פּאַטערס האַלטן זיך מוטיק און מיר קוקן אויף זיי ווי אויף העלדן. שווער אויפן האַרצן איז דאָס געזעגענען זיך, ווען מען מוז זיך ווידער צעטיילן אין צוויי באַזונדערע טורמע־קאַמערן. די קליינע יינגלעך האַלדזן זיך און קושן זיך מיט זייערע מאַמעס און די קליינע מיידלעך מיט זייערע טאַטעס.

פרייטיק אינדערפרי זיינען מיר אַלע געפֿאָרן מיט פֿורן, אויף אונדזער אייגענעם חשבון, קיין ווערבאַלין (ווערזשבאָלאָווע). דאָרט האָבן מיר גע־טראָפֿן וואַרטן אויף אונדז טישן, געגרייט מיט געקאָכטע נאַרהאַפֿטע שפּייזן, וואָס די יידישע געמיינדע האָט אָנגעגרייט פֿאַר די „גולים" (פֿאַרטריבענע) פֿון מאָסקווע, מיט וועמען די יידן פֿון אַלע שטעט און שטעטלעך פֿילן מיט.

נאָכדעם ווי מיר האָבן פֿאַרענדיקט עסן און טרינקען איז צו אונדז צוגעקומען דער נאַטשאַלניק פֿון ווילקאָווישק. מיר האָבן געהערט, אַז דער קאָמיטעט פֿון איידקונען האָט זיך שוין מיט אים פֿאַרשטענדיקט. ער האָט גערעדט העכסט פֿריינטלעך מיט די זעקס פֿאַמיליע־פֿאָטערס און זיי פֿאַר־זיכערט, אַז אין ווילקאָווישק וועט זיך ענדיקן זייער עטאַפּ. ער האָט זיך אויך געווענדט צו זייערע קינדער ווי אויך צו מיין חבר און מיר, און גע־זאָגט: „איר געפֿעלט מיר. כ'וועל טאָן אַלץ אין מיינע מעגלעכקייטן אייך צו באַפֿרייען."

קאַפּיטל פֿיר און פֿופֿציק

באַראָן הירש באַפֿרייט אונדז פֿון טורמע

אין ווערבאַלין, אָדער ווערזשבעלאָווע, וואו מיר זיינען, ווי שוין פֿריער דערמאָנט, געבראַכט געוואָרן פֿון קיבאַרדער גרענעץ־טורמע, האָט מען אונדז לאַנג ניט געהאַלטן. דעם זעלביקן פֿרייטיק־פֿאַרנאַכט, פֿירט מען אונדז צו מיט פֿורן, פֿאַר וועלכע מיר באַצאָלן, קיין ווילקאָווישק.

אונדזערע פֿורן שטעלן זיך אָפּ ביי דער פּאָליציי, וואו מיר מעלדן זיך אַלע איין, דורך אַריינשרייבן אונדזערע נעמען אין פּאָליציי־בוך. נאָכדעם פֿירט מען אונדז אַריין אינעם הויף פֿון דער גרויסער „אויעזדנער" (ראַיאָנער) טורמע.

דער הויף איז אָנגעפֿילט מיט פּראָסטע פּויערים. צום גרעסטן טייל זיינען זיי אַרעסטירט פֿאַר אַריינפֿירן סחורה פֿון אויסלאַנד אָן טאַמאָזשנע (גרענעץ־אָפּצאָל). אַנדערע זיינען געכאַפּט געוואָרן זיך אַריבערגנבנדיק דעם רוסיש־פּרייסישן גרענעץ, אויף זייער וועג קיין אַמעריקע, בראַזיל, אַפֿריקע א. ד. גל.

די טורמע־וועכטער, מגושמדיקע פֿאַרשוינען, האָבן צופֿיל גענישטערט אין יעדנס זאַכן. זיי האָבן אויך איבערגעטרייסלט יעדן בגד, סיי אויף די מענער און סיי אויף די פֿרויען. די פֿרויענצימער פֿילן זיך שטאַרק באַליי־דיקט. זיי וויינען און קלאָגן.

מיין עלטערן חברס מיטגענומענע געטראַנקען פֿון ווילנע האָבן פֿאַר־שאַפֿט אַ סך נחת דעם „סמאָטריטעל" און די וועכטער פֿון ווילקאָווישקער

טורמע. זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז אונדזערע אַרעסטאַנטן וועלן דאָס שוין קיינמאָל מער ניט זען. קיין אַנדער זאַך אַוועקצונעמען פון מיין חבר אָדער פון מיר, האָבן זיי ניט געפונען. אַלץ וואָס מ׳האָט געמעגט פון אונדז אַוועקנעמען, האָט מען עס שוין געטאָן אין קיבאַרדער טורמע.

די פרויען און מענער קאָנען זיך דאָ ניט מער צוזאַמענריידן, ווי אין קיבאַרדי, וואו ביידע טורמע־קאַמערן זיינען געווען אָפּגעטיילט דורך אַ צעלעכערטער וואַנט פון דינע ברעטער. דאָ אין ווילקאָווישק זיינען ביידע קאַמערן אין באַזונדערע געביידעס, מיט דיקע שטיינערנע ווענט. די מאָסקווער פאַמיליע־פאַטערס האָבן געגעבן אַ „מטבעה" די טורמע־וועכטערס, זיי זאָלן באַהאַנדלען אָנשטענדיק די פרויען און קינדער אין ווייבערשן קאַמער.

אין מאַנסבילשן־קאַמער, אין וועלכן מיר זיינען נאָכדעם אַריין, איז אינווייניק ביים טיר געשטאַנען אַ קרעפּטיקער מאַנספּאַרשוין, וועלכן די אַרעסטאַנטן האָבן אָנגערופן טורמע־צאַר. ער האָט געהאַט לעבן זיך אַ פּאָר מענער מיט שטעקנס אין די הענט. אויפן פּאָל לעבן זיי איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַן אַרעסטאַנטסקער פּאַלטאָ מיט אַ גרויסער געלער לאַטע אויפן רוקן. יעדער נייער אַרעסטאַנט האָט ביים אַריינגיין אין קאַמער געדאַרפט געבן „קאַמער־געלט" אָדער ווערן געשלאָגן מיט אַ שטעקן. די מאָסקווער יידישע פאַמיליע־פאַטערס האָבן באַצאָלט פאַר די זעקס משפחות, צו וועלכע זיי האָבן אויך אַריינגערעכנט מיין חבר און מיך.

אַן אַרעמער ליטווישער פּויער מיט זיין יונגן זון האָט ניט געהאַט קיין קאַמער־געלט, און געדאַרפט קריגן געשלאָגן. דער פאָטער האָט געבעטן מ׳זאָל אים געבן אויך דעם זונס חלק. דאָס גלייכן בעט דער זון מ׳זאָל אים אויך שלאָגן אָנשטאָט זיין פאָטער. דער „טורמע־צאַר" פּסקנט, אַז דער פאָטער זאָל קריגן אויך דעם חלק פון זיין זון, ווייל ער האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט. די קלעפּ זיינען אויך געווען מיט חסד.

נאָכדעם ווי כ׳ליג אַוועק מיינע זאַכן אינעם יידישן ווינקל, וואָס די זעקס פאַמיליע־פאַטערס האָבן אויסגעוויילט, דערפיל איך פּלוצלונג, אַז עמיצער האָט מיך אַרומגענומען און קושט און האַלדזט מיך. כ׳הויב אויף מיינע אויגן און דערזע, צו מיין שרעק, אַז דאָס איז מיין שוועסטערקינד משהקע, איינער פון די יינגערע יינגלעך פון מיין מומע איטע־ראָכע וויניסקי אין ווילנע. ער דערציילט מיר, אַז ער איז אַרויסגעפאָרן פון ווילנע צוזאַמען מיט ר׳ צלאלס אלמנה, די שוועגערין פון ר׳ שלמהלע (ר׳ שלמה הכהן) דער אָנגעזעענער מורה־הוראה פון ווילנער בית־דין. זיי זיינען געפאָרן מיט אַ גובערנאַטאָרסקן פּאַס, אין וועלכן זי האָט אים פאַרשריבן אויפן נאָמען פון איר בן־יחיד. זי פלעגט ענלעכס טאָן ביי איר יעדער רייזע קיין אויסלאַנד, כדי צו האָבן צושטייער אויף אירע רייזע־קאָסטן. דאָס מאָל אָבער

האָבן איר געמסרט די אַגענטן, וואָס ציען זייער חיונה פון אַריבערצוגנבענען דעם גרענעץ און באַטראַכטן זי ווי אַ קאָנקורענט... די נאַטשאַלניקעס און די גרענעץ-וועכטער האָבן שוין געוואוסט פאַראויס אַלע איינצלהייטן און זיי ביידן אַרעסטירט. די אלמנה האָט איינגעלייגט טויזנט רובל ערבות-געלט, און געפּאָרן ווייטער. ער אָבער וועט דאַרפן גיין אַהיים מיטן עטאַפּ, צופוס און אויף אומוועגן. דער קורצער וועג פון גרענעץ ביז ווילנע וועט אים מעגלעך נעמען אַ דריי חדשים...

מיין שוועסטערקינד, משה וויניסקי, איז תמיד לוסטיק און פריילעך. ער געהערט צו יענעם מין ווילנער ייִנגלעך, וואָס פאַרברענגען זייערע שבתים אין טאַנץ-זאַלן, וואו ס׳טאַנצן בחורים מיט מיידלעך, אין טעאַטערס און נאָך אַזעלכע פּלעצער. זיין מונטערקייט און זאָרגלאָזיקייט פאַרלאָזן אים ניט אויך אין טורמע, און ניט געקוקט אויף דעם דורכפאַל פון זיין פּלאַן זיך צו באַזעצן אין בערלין, וואו זיין עלטסטער ברודער, לייבע-עליע וויניסקי, איז אַ ספּעציאַליסט אויף בראָקן טאַבאַק אין אַ ציגאַר-פאַבריק.

פרייטיק-צו-נאַכט האָבן מיר מקבל-שבת געווען און געדאַוונט מעריב מיט אַ מנין. אויך די פּויערשע אַרעסטאַנטן זיינען געזעסן אין גרופּעס און געטאָן תפילה אויף זייער שטייגער. כ׳דערפיל אין זיך אַ נאָענטקייט צו אָט די עלנטע מענטשן. כ׳טראַכט, אַז אויך זיי זיינען אין גלות און ווילן ווערן אויסגעלייזט. נאָר פּרעהס משרתים האָבן זיי צוריקגעקערט מיט געוואַלט, אַזוי ווי אונדזער יידישע גרופּע. איצט גיסן זיי אויס זייערע הערצער אין תפילות צום אויבערשטן, אַזוי ווי מיר טוען עס.

נאָך מעריב האָבן די ווילקאָווישקער יידישע פרויען און מענער גע-בראַכט פאַר אונדזער יידישער גרופּע אין טורמע חלות און וויין, און אַלערליי אַנדערע שבתדיקע מאכלים און געטראַנקען. זיי האָבן קענטיק אויך גע-געבן אַ „מתנת יד" צו די טורמע-וועכטער צו באַהאַנדלען אונדזער גרופּע מיט רעספּעקט. מיר האָבן געהאַט גענוג וואָס צו עסן און אַ טייל שפּייז האָבן מיר נאָכדעם צעטיילט צווישן די ניט-יידישע גרופּעס אַרעסטאַנטן, דאָס זעלביקע האָבן מיר געטאָן מיט די שריים (שיראַאים) פון דער צוויי-טער סעודה, שבת נאָכן דאַוונען.

שבת אינדערפרי זיינען אונדז געקומען באַזוכן עטלעכע מיטגלידער פון באַראָן-הירש-קאָמיטעט אין איידקונען, אויף יענער זייט גרענעץ. זיי האָבן אונדז מיטגעטיילט, אַז דער באַראָן וויס שוין פון דעם אַרעסט פון די אַרויסגעטריבענע מאָסקווער יידן, און נאָך שבת וועלן זיי אַלע ווערן באַ-פרייט. אויפן פאַרלאַנג פון די זעקס פאַמיליע-פאָטערס האָבן די קאָמיטעט-מיטגלידער צוגעזאָגט, צו פּועלן ביים ווילקאָווישקער נאַטשאַלניק צו באַ-פרייען די גאַנצע יידישע גרופּע.

דריי פון די פאַמיליע-פאָטערס האָט די ווילקאָווישקער יידישע גע-

מיינדע אַרויסגענומען אויף ערבות, זיי זאָלן זיין פריי צו גיין דאַוונען אין שול.

כמעט דעם גאַנצן טאָג שבת זיינען מיר אַלע פוןביידע טורמע־קאַמערן געווען צוזאַמען אין דרויסן. מיין עלטערער חבר וויזט מיר אַ פּלאַץ פון וואַנען מ׳קאָן לייכט אַנטלויפן פון דאַנען. מיר פאַרשטייען אָבער, אַז דאָס וואָלט געווען אַן אומגעהויער חלול השם, און וועלן אפילו ניט ריידן וועגן דעם.

נאָך מנחה פאַלט איין דעם טורמע־צאַר, אַז אַלע אַרעסטאַנטן זאָלן זיך אַוועקלאָזן טאַנצן. פריי דערפון זיינען נאָר טאַטעס פון זין, וואָס קאָנען זיי פאַרבייטן. מיין שוועסטערקינד פועלט אָבער מיך צו פאַרבייטן מיט זיינעם אַ עקסטרע־טאַנץ, וואָס איז אַלעמען שטאַרק געפעלן.

דעם זעלביקן שבת־צו־נאַכט דערוויס איך זיך, אַז דער טורמע־צאַר איז דאָ אַריינגעזעצט געוואָרן אויף דריי חדשים דערפאַר, וואָס ער איז ניט געקומען אָפדינען די דריי וואָכן, פאַר וועלכע מ׳האָט אַרויסגערופן אַלע אויסגעדינטע סאָלדאַטן. ער איז אַ ביטערער שונא פון דעם רוסישן צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן. ער הענגט אויף זיין בילד אין אָפּטרעט און זינגט אויף אים שפּאָט־לידלעך. מיר טוט עס הנאה דערפאַר, ווייל כ׳האַלט דעם דאָזיקן צאַר פאַר אַ שונא־ישראל, וואָס האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון מאָסקווע און פעטערבורג און לאָזט אויך יידן ניט וואוינען אין די דער־פער אַרום ווילנע און אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

מאָנטיק דעם 2־טן מאַי 1892, האָט מען אונדז באַפרייט פון טורמע, אַלעמען, אַ חוץ מיין שוועסטערקינד, משה וויניסקי, וועלכער איז אָנגע־קלאָגט, צוזאַמען מיט דער ווילנער רביצין, פאַר אָנרופן זיך מיטן נאָמען פון איר זון אין זייער גובערנאַטאָרסקן פּאַס.

אַלע מאָסקווער און פעטערבורגער יידן, ווי אויך מיין חבר און מיר, האָט די ווילקאָווישקער פּאָליציי געגעבן צען־טאָגיקע פּאַספּאָרטן, וואָס מיר דאַרפן אויסבייטן אין ווילנע אויף אונדזערע פריערדיקע פּעסער.

מיר פאָרן אַלע צוזאַמען ביז קאָוונע. דאָרט צעשיידן מיר זיך. די אַרויס־געטריבענע יידן פון מאָסקווע און פעטערבורג קערן זיך אום צוריק אויף אַן אַנדער וועג, אַריבערצוגיין די גרענעץ מיט אַן אַגענט. פון דאָרטן וועלן זיי פאָרן אויף באַראָן הירשס חשבון קיין אַרגענטינע. מיין חבר און איך, פון וועמען די פּאָליציי האָט צוגענומען אונדזער געלט און אונדז נאָר גע־געבן אויף הוצאות ביז ווילנע, איז אַ רייזע קיין אויסלאַנד ניט מער מעג־לעך. מיר געזעגענען זיך דאָרום מיט אונדזערע גוטע פריינט און פאַרבלייבן אויף דריי טעג אין קאָוונע. מיר באַקוקן אירע הויפּט־גאַסן, דעם טייך ניעמאַן מיט זיינע „דאַמף־באָטס" (דאַמף־שיפן), דעם אַלעקסאָטער באַרג מיט דער אַלטאַנקע, פון וואַנען נאַפּאָלעאָן, זאָגט מען, האָט באַוואונדערט

די שטאָט, און וואו אברהם מאַפּו האָט שפּעטער געשריבן זיין העברייאישן ראָמאַן „אהבת ציון“, די פעסטונגען מיט די פּאַרקן, די ישיבות און בתי־מדרשים, דער עיקר יענעם בית־מדרש אין וועלכן ס'דאַוונט דער קאָוונער רב ר' יצחק אלחנן ספּעקטאָר, און זיך טאַקע גוט אָנקוקן אין זיין פּנים...

אונדזערע עלטערן האָבן ניט געוואוסט און ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַר־וואָס מיר שרייבן ניט קיין בריוו. נאָכדעם אָבער ווי זעליג דער גלעזער האָט דערציילט מיין טאַטן, אַז ער האָט אונדז געזען אויפן וועג פון ווילנע קיין קאָוונע, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן ערגעצוואו געוואָלט אַנט־לויפן. זיי האָבן זיך אָבער ניט געקאָנט פאָרשטעלן פאַרוואָס מיר טוען עס און וואוהין מיר פאָרן? זיי האָבן דאַרום געוואַרט מיט אומגעדולד אויף אונדזער שרייבן. סוף־כל־סוף וועלן מיר דאָך אונדזערע עלטערן ניט פאַרגעסן.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין ווילנע, איז מיין חבר געבליבן אויפן וואָקזאַל און איך בין צוגעפאָרן צו זיינע עלטערן, זיין אַ מליץ־יושר פאַר אים. די מוטער זיינע האָט שוין געהאַט רויטע אויגן פון באַוויינען איר בן־יחיד. אויך זיין געבילדעטע שוועסטער, וואָס פלעגט מבטל זיין אַלע גמרא־לער־נער, און געקוקט אויף אונדז פון אויבן אַראָפּ, איז אויך געווען שטאַרק פאַראומערט און קאָנטיק אויך ניט געפונען קיין טרייסט אין אירע רוסישע ראָמאַנען. איר זאָרג וועגן ברודער איז אָפּנים געווען שטאַרקער ווי די זאָרג פון די ראָמאַנען־העלדן. דער פאָטער איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט און איז געוואָרן באַזונדער צעשראָקן פון מיין שלעכטן אויסזען, און דערפון וואָס איך בין אַריין אָן זיין זון. די קליינע קינדער האָבן צו מיר געשריען: וואו איז אונדזער ברודער? האָסטו געזען שמואלן? איז ער אויך צוריק־געקומען? וואו איז ער. איך האָב זיי דערציילט, ווי כ'האָב צוגעזאָגט מיין חבר, אַז מ'האָט אונדז ניט אַריינגענומען אין מירער ישיבה, האָבן מיר באַ־שלאָסן צו לערנען פאַר־זיך, און אַריינגעפאָרן קיין פּוילן, אין סואוואלקער גובערניע. ווען מיר זיינען געקומען צו אַ גרענעץ־שטעטל, האָט מען אונדז חושד געווען אין וועלן פאָרן קיין אַמעריקע און פאַרשפּאַרט אין טורמע. נאָך אַכט טעגליידן האָט מען אונדז באַפרייט. מיר האָבן אָבער שוין ניט געוואָלט מער פאָרן אין קיין אַנדער שטאָט. מיר האָבן אָנגעהויבן בענקען נאָך אונדזערע עלטערן און שוועסטער, און דעריבער זיינען מיר צוריקגע־קומען אין ווילנע. נאָר שמואל וויל ניט צוגיין אַהיים אַזוי לאַנג ווי איר זייט בייז אויף אים און וועט אים ניט אויפנעמען פריינטלעך...

זיי האָבן תיכף באַגריפן וואָס איז אמת און וואָס איז „פּאַרטיידיקעריי“, און מיך געבעטן אים תיכף ברענגען אַהיים. זיי האָבן אויפגענומען זייער זון מיט ליבשאַפט, ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט, און אויך מיך באַהאַנדלט

פריינטלעך די פאַר טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין זייער שטוב. דעם דריטן טאָג האָט יעקב ראָזען, שמואלס פאָטער, גערעדט מיט מיר אַ שמועס אונטער פיר אויגן. ער האָט מיך באַשולדיקט אין אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט, און באַזונדערס אין דעם וואָס זיין זון וויל ניט מער לערנען קיין תורה, נאָר וויל עפּעס וואָס אַנדערש טאָן. כ'האָב אים געענטפערט, אַז זיין זון איז פאַר מיר עלטער מיט אַ פּאָר יאָר און מ'קאָן מיך ניט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים. איך אַליין טראַכט ניט אויפצוגעבן דאָס לערנען, אפילו ווען זיין זון זאָל עס טאָן. אין דעם פּרט וועל איך זוכן משפּיע צו זיין (באַאיינפלוסן) זיין זון, ער זאָל, אַזוי ווי איך, ווייטער לערנען. דער פאָטער זיינער האָט מיר צוגעוואונטשן כ'זאָל מצליח זיין אין אָט דער שליחות.

נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט מיין עלטערן חבר, גייט ער איין אויף אַ פּשרה: ער וועט לערנען ווייטער, נאָר ניט אין ווילנע. איך געזעגן זיך אָפּ מיט מיין חבר און זיינע עלטערן, נאָר פאַר ניט אין דאָרף צו מיינע עלטערן. כ'האָב דאָך ניט קיין מליץ־יושר פאַר זיי... שרייב איך אַ קורצן בריוול, אַז כ'בין צוריקגעקומען אין ווילנע און פאַר לערנען פאַר־זיך אין אַ שטעטל, זיי זאָלן ניט זיין אומרואיק. באַלד ווי כ'וועל זיך דאָרט איינשטעלן, וועל איך זיי צושיקן מיין אַדרעס און זיי אויך שרייבן מער. אויף מאָרגן באַגינען נעם איך מיין פּעקל זאַכן אויף דער פּלייצע און גיי אַוועק אין דער ווילנער פאָרשטאָט אַנטאָקאָליע. איך באַשליס צו זוכן אַ שטעטל, וואו צו לערנען פאַר־זיך גראָד אין יענער זייט פון ווילנע, וואו כ'בין נאָך קיינמאָל פריער ניט געווען.

קאַפּיטל פינף און פופציק

אַ זומער אין שטעטעלע יאַנישאָק

אויפן וועג פון ווילנע, דורך דער פאָרשטאָט אַנטאָקאָליע, האָב איך געזוכט אַ רואיק שטעטל, וואו צו לערנען פאַר־זיך. כ'שטעל זיך אָפּ אין ניעמענטשין, נאָר קיינער דערמוטיקט מיך דאָרט ניט צו לערנען אין זייער בית־מדרש. גיי איך ווייטער. מיט מיר צוזאַמען אויפן וועג גייט אַ מאַן קיין יאַנישאָק, וואו ס'וואוינט מיין טאַטנס עלטסטע שוועסטער ריווע־גנענדל. גיי איך אויך מיט אַהין

מיין מומע נעמט מיך אויף מיט ליבשאַפט. זי רעדט מיך שטאַרק צו, כ'זאָל דאָרט פאַרבלייבן. איר מאַן, מיין פעטער ר' הירשע שאליט, דער הויפּט־פישער ביי דער דאָרטיקער אָזערע, בעט מיך זיך פילן ביי זיי אין שטוב, ווי זייערס אַן אייגן קינד. פיש, מילכיקס און גרינס איז דאָ ביי זיי איבערגענוג. זיי האָבן אויך פאַר מיר אַ ווייכן געלעגער. צוזאַמען מיט

זייערע אייגענע וועש וועט מען אויך וואַשן מיינע. קיין זאַך וועט מיר ניט פעלן און כ׳וועל קאָנען לערנען מיט אַ רואיקן קאָפּ. ער, ר׳ הירשע שאַליט, פילט זיך איצט גליקלעך, וואָס ער וועט האָבן ביי זיין טיש אַ מענטשן מיט וועמען ער וועט קאָנען ריידן דברי־תורה.

דעם זעלביקן טאָג באַקען איך זיך אויך מיטן יאַנישקער רב. ער זאָגט מיר, אַז ער איז אַ קרוב פון מיין ווילנער געבאָרענער באָבע דבורה. ער האַלט פון איר אַ וועלט. זי איז, זאָגט ער, אַ מלומדת ניט נאָר אין דאָק־טאָריע, נאָר אויך אין תורה, וואָס זי ווייס מער ווי אַ סך מאַנסבילן. פאַר־ברענגען מיטן רב קאָן איך אָבער ווייניק. ער איז זייער אַלט און קוים וואָס ער האַלט זיך אויף זיינע פיס.

גאָר אַן אַנדער מענטש איז מיין פעטער דער לערנער און פישער, ר׳ הירשע שאַליט. מיין מומע ריווע־גנענדל איז ביי אים די צווייטע פרוי. זיינע קינדער פון זיין פאַרשטאָרבענער ערשטער ווייב זיינען שוין אַליין אויך עלטערע מענטשן און וואוינען אין אַנדערע שטעטלעך. דער מומעס קי׳ דער זיינען נאָך גאָר יונגע. דאָס מוזיניקל איז נאָך אַן עופהלע. ער אַליין, ר׳ הירשע, איז שוין אַלט אַרום אַכציק יאָר. ער איז אָבער שטאַרקער, ווי אַנדערע מענטשן צו דרייסיק. ווען ער גייט אין גאַס, הערן זיך זיינע טריט איבערן גאַנצן שטעטל. מ׳האַלט אים פאַר אַ זייער ערלעכן מענטשן און מ׳האָט אים אויסגעוויילט פאַרן סטאַראָסטע פון דער יידישער געמיינדע. באַטשאַלסטווע איז פון אים זייער צופרידן, כאָטש ער קען ניט לייענען און שרייבן קיין רוסיש. מ׳איז מיט אים זיכער, אַז ער וועט פאַר קיין געלט ניט אַרויסגעבן קיין פאַלשן פּאַס אָדער באַגיין אַ וועלכע־עס־איז אומגעזעצלעכ־קייט. איינמאָל איז געקומען דער איספּראַווניק, דער העכסטער באַאַמטער פון „אויעזד" (ראַיאָן), און געוואָלט זען דעם בוך, אין וועלכן ס׳זיינען איינ־געשריבן אַלע נפשות פון דער יאַנישקער יידישער געמיינדע, האָט מיין פעטער אין איילעניש אים געבראַכט אַ מדרש, דעם „ילקוט שמעוני", וואָס איז געווען אין דעם זעלביקן פאָרמאַט...

לעבן לויטן שטייגער פון דער תורה, אויף ברויט און וואַסער, ווי כ׳האָב עס געפּרואווט טאָן לעצטן זומער, איז מיר ניט מער געווען מעגלעך. האָב איך כאָטש געוואָלט פילן זיך ווי אַן „אָרעם־בחור" דורך עסן עטלעכע טעג ביי פרעמדע. האָב איך געבעטן דעם שמש, וואָס איז אויך געווען אַ מלמד, מיר צו קריגן עטלעכע טעג. ער האָט עס פאַר מיר געקראָגן ביי אַ פאָר באַלמעלאָכעס און ביי אַ פישער.

דעם בית־מדרש פאַרשליסט אָפט דער אוריאַדניק, דער שטעטל־פּאָ־ליציסט. ער עפנט אים אָבער אויף ווען ער קריגט כאַבאַר. אַחוץ מיר לערנט דאָרט אַן עלטערער בחור, אָדער פרוש, ר׳ טוביה סעלעצניק. ר׳ טוביה איז זייער פרום און באַנעמט זיך ווי אַ זקן.

אין דרויסן איז איצט, אין פרילינג־צייט, זייער שיין. גייען מירביידע, ר׳ טוביה און איך שפּאַצירן צווישן די גרינע פעלדער, אָדער אין וואַלד. ר׳ טוביה האַלט מיך פאַר אַ גרויסן קענער פון ליטעראַטור, און שמועסט מיט מיר וועגן ביכער. ער וויל אָבער ניט כ׳זאָל אים דערציילן דעם אינ־האַלט פון ראָמאַנען. ער זאָגט: דאָס רעגט אויף ס׳בלוט. ער מאַכט נאָר אַן אויסנאַם פאַר יעקב דינעזאָנס ראָמאַן „הנאהבים והנעימים״ אָדער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״, וואָס די בריוו דאָרט פון יוספן צו זיין מאַמען און זיין לעבן אין בית־המדרש האָבן אויף אים, ר׳ טוביהן, געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

ר׳ טוביה עצהט מיר ניט צו לייענען די נייע אפּיקורסישע ביכער. זיי האָבן, זאָגט ער, אַ שטאַרקן טייוולשן כוח. באַקאַנטע זיינע, גרויסע מאמינים, זיינען דורכדעם אַרונטער פון גלייכן וועג. זיי גלויבן ניט מער אפילו אין דער גמרא...

נאָר כאָטש ר׳ טוביה האַלט מיך פאַר אַ בקי אין היינטוועלטיקע ביכער, איז ער מיין בריוו־שרייבער. לויט זיין מיינונג, שרייב איך צו פּראָסט. פאַרריכט ער עס מיר. למשל: איך שרייב אויף דאָס וואָרט „באַוואוסט״ שרייבט עס איבער ר׳ טוביה: „קלאָר ווי די זון אין מיטן טאָג״... צוליב דעם דאָזיקן חסרון מיינעם פון שרייבן אָן מליצה, זאָגט ר׳ טוביה פאַראויס, אַז כ׳וועל שוין קיינמאָל ניט ווערן קיין שרייבער, און ער טוט מיר אַ טובה און פאַרריכט אַלע מיינע בריוו, אפילו די, וואָס כ׳שרייב צו מיינע עלטערן.

יעדן טאָג שטיי איך אויף באַגינען, איידער די זון גייט אַרויס. כ׳נעם מיין פּאַטערס אַ מדרש, אָדער גאָר דעם „ספר הברית״ („פילאָסאָפיע״ און „וויסנשאַפט״ געשריבן פון פרומע יידן), און גיי אַוועק אין וואַלד אָדער אויף די בערג, ביז עס באַווייזט זיך די זון. דעמאָלט קום איך אַריין אין בית־מדרש, דאַוון מיט אַ מנין און זעץ זיך לערנען גמרא. צען אָדער עלף אַזייגער גיי איך עסן „איבערבייסן״. פיר אַזייגער — אָנבייסן; ביינאַכט פאַרן שלאָף, צווישן צען און עלף, אויב איך וויל עסן וועטשערע — אַ זופּ, פאַרוייסט אַביסל מיט מילך.

ביי מיין מומען עס איך יעדעס מאָל פיש. אַמאָל מאַכט זי אויך שבת אַ טשאָלנט פון פיש. פלייש עס איך זעלטן אפילו שבת. זונטיק עס איך ביי אַ יונגן טעפּער. גיבן זיי מיר מילכיקס מיט שבתדיקער חלה און דער־לאַנגען מיר אַלץ זייער ריין. צרות האָב איך פון איין טאָג ביי אַן אַלטן בעל־עגלה. זיין ווייב האַלט ניט פון ריינלעכקייט. זי גיט מיר זויערע גרינסן מיט שוואַרצן ברויט אויף אַ פאַרשוואַרצטן טישטעך. מיין בעסטער טאָג איז ביי אַ שמיד. אַ חוץ מילכיקס קאָכט זיין ווייב אַמאָל אָפּ פאַר מיר אַן איי אָדער מאַכט מיר אַ געריכט פון גרינסן מיט אייער און סמעטענע.

עטלעכע וואָכן נאָך מיין קומען אין יאַנישאָק האָט די רעגירונג פאַר־

חתמעט די טירן פון בית־המדרש און דער אוריאַדניק האָט אַליין שוין קיין רעכט ניט געהאַט זיי צו עפענען. ביינאַכט האָבן אַ פּאָר שטעטלשע יידן, ווי אויך טוביה און איך, געעפנט די הינטערשטע פענצטער פון בית־מדרש און דורך זיי אַרויסגעטראָגן די ספרי־תורות, די גמרות, און אַלע אַנדערע הייליקע ספרים. מיר האָבן זיי אַריינגעטראָגן אינעם הויז פון אַ שניידער, וואָס האָט דאָרט אָפּגעגעבן אַ באַזונדער קאַמער פאַר דאַוונען און לערנען.

פאַר ר׳ טוביהן און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אַ היפש ביסל צרות. דער שניידער האָט געניית קליידער פאַר דאָרפישע פּרויען. ווען ער האָט עס זיי געדאַרפט אָנפּאַסן, האָט ער זיי אַריינגעפירט אין אונדזער קאַמער. פלעגן מיר דערוויל דאַרפן וואַרטן אין וואָרשטאַט. דאָרט באַקאָנען מיר זיך מיט די שניידער־געזעלן. מיר קאָנען אָבער איינע די אַנדערע ניט פאַרשטיין, כאָטש מיר ריידן אַלע אין יידיש. טאַנצן מיט אַ מיידל איז פאַר זיי חשובער, ווי האָרכן צו די שענסטע גמרא־ווערטלעך און גמרא־מעשיות.

נאָך ערגער איז ר טוביהן זונטיק, ווען די פּויערטעס און זייערע טעכ־טער גייען אין קלויסטער. זיי גייען צוערשט אַריין צו אונדז אין קאַמער, זיך איינקוקן אינעם גרויסן שפּיגל אויף דער וואַנט. דערביי פאַרריכטן זיי זייערע קליידער, און טוען אָן זייערע שיך לעבן אונדזער טיש. איך בין צוגע־וואוינט צו דאָרפסלייט פון קינדוויז אויף. ר׳ טוביה אָבער גייט אַרויס פון קאַמער. נאָר זיינע תלמידים, דרייצן און פערצן־יאָריקע יינגלעך, שטערן זיך ניט. דאָס גלייכן מיינע עטלעכע תלמידים. ר׳ טוביה קריגט שכר־לימוד און האָט דערפון אויף זיינע הוצאות. איך האָב אָבער ניט קיין שום אויס־גאַבן, לערן איך מיט מיינע תלמידים אומזיסט.

ר׳ טוביהן רעדט מען שידוכים. אַזוי ווי ער האָט ניט קיין עלטערע חברים, פאַרטרויט ער עס מיר. וויל איך אים איבערדערציילן עטלעכע ראָמאַנען, וואָס ענדיקן זיך מיט רוחניות. ר׳ טוביה האַקט מיר איבער: „דאָס געהערט ניט צום ענין". כ׳האָב פאַראיבל, וואָס ער לאָזט מיר ניט אַרויסווייזן מיין בקיאות אין ראָמאַנען, און איך פרעג מיט פאַרדרוס: „ווילט איר דען נעמען אַ ווייב אָן ליבע?" ר׳ טוביה איז איבערראַשט פון מיין „משונהדיקער" פראַגע. ער רופט אויס מיט התפעלות:

— קינד! ווי קומט צו דיר אַזאַ געדאַנק, אַז כ׳וועל נעמען אַ ווייב ווי עס שטייט געשריבן אין דיינע ראָמאַנען?

— פאַרוואָס ניט? — ענטפער איך — איר קאָנט דאָך ליבן אַ שיין מיידל אַ צנועה, און זי נעמען פאַר אַ כלה און מיט איר חתונה האָבן!

— פאַרשטייסט נאָך גאָרניט — זאָגט ר׳ טוביה — איידער דער שדכן וועט מיט מיר ריידן, איידער כ׳וועל מיט איר מאַכן אַ „קנין" אָדער אַ „תנאים" איז זי דאָך אַ פרעמד מיידל, טאָ ווי קאָן איך זי ליב האָבן?

אין משך פון אונדזער שמועס זאָג איך אַ גוט וואָרט אויף דעם מיידל

פון חזן און שוחט, צו וועלכן מיר קומען אַמאָל אַריין אויף אַ גלעזל טיי. ר׳ טוביה איז אויסער זיך, וואָס אַ ייִנגל אונטער זעכצן יאָר רעדט אַזוי פריינטלעך וועגן אַ נאָך ייִנגערער מיידל. ער באַשולדיקט אין דעם מיין אַמאָליקן לייענען ראָמאַנען. דערביי דערציילט ער מיר, אַז ער האָט אַליין געהערט, ליגנדיק ביים חזן אויפן אויוון, ווי אָט דאָס נאַריש מיידל, וואָס איז נאָך אַביסל ייִנגער פון מיר, האָט גערעדט מיט דעם גביר באַראַנאָווסקיס ייִנגערער טאָכטער וועגן בחורים, ייִנגערע און עלטערע, געזאָגט מיינונגען, ווער ס׳איז שיין און ווער ס׳איז מיאוס, ווער ס׳איז אַ גוטער און ווער אַ שלעכטער, וועמען זי האָט האָלט און וועמען זי האָט פיינט. דערביי האָט זי געמאַכט באַמערקונגען, וואָס פּאַסן כלל ניט פאַר אַן אַנשטענדיק מיידל.

אַזוי ווי ר׳ טוביה האָט זיך אויסגערעדט, אַז ער האָט געהערט זי זאָגן, אַז אים האָט זי ניט האָלט און מיך יאָ, פאַלט מיר איין אַ חשד, אַז ער איז אויף איר בייז און דערפאַר באַרעדט ער זי. באַלד אָבער האָב איך שטאַרק חרטה אויף אַזאַ חשד קעגן אַ פרומען ערלעכן בן־תורה. פון דער אַנדער זייט הויב איך זיך אָן איינריידן, אַז זי האָט מיר „צוגעטרונקען״ כ׳זאָל פון איר טראַכטן. איך דערמאָן זיך מעשיות וועגן דעם. און זיצנדיק באַגינען מיט אַ ספר אין האַנט אויף אַ גרויסן שטיין לעבן וואַלד, וואָס איז געווען פול מיט פויגל־געזאַנג, דערזע איך פלוצלונג די שוואַרץ־אויגיקע און שוואַרץ־האָריקע חזנס מיידל, וואָס חזרט איבער פאַר מיר די ווערטער וועלכע ר׳ טוביה האָט געהערט, אַז זי האָט מיך האָלט... זי ווייזט מיר די שניטן אין אירע פינגער וואָס זי האָט געמאַכט, כדי צו קריגן טראָפּנס בלוט אַריינצוטאָן אין מיין גלאָז טיי, כ׳זאָל זי אַזוי ליב האָבן ווי זי מיך...

באַלד כאַפּ איך זיך, אַז אַנשטאָט לערנען תורה טראַכט איך גאָר פון אַ מיידל, האָב איך טיף חרטה, הויב אָן לערנען מיט כוונה און מיט אַ האַרצ־רייסנדיקן ניגון.

כ׳האָב שוין געפּלאַנט צוליב דעם פאַרלאָזן יאַנישאָק. דערווייל אָבער באַקען איך זיך מיטן לערער פון באַראַנאָווסקיס קינדער און פון חזנס מיידל, און אָט דער לערער העלפט מיר, ניט ווויסנדיק עס, צו פאַרגעסן, אָדער ניט מער טראַכטן וועגן אָט דעם מיידל.

נאָך אַ קורצן שמועס מיט מיר געפינט אויס דער לערער, אַז כ׳האָב כלל ניט קיין בילדונג. ער עצהט מיר צו לערנען רוסיש און אויך צו ליי־ענען די נייע העברייאישע ליטעראַטור. מיין טאַטע פלעגט מיר אויך אָפט דערמאָנען צו לערנען רוסיש און ניט צו פאַרלאָזן דעם תנ״ך. דער לערער האָט דאָרום באַלד באַמערקט, אַז זיינע ווערטער מאַכן אויף מיר אַ רושם. ער לאָזט מיך שוין דעריבער מער ניט אָפּ. אַלץ וואָס כ׳האָב געוואוסט פון נאַטור־וויסנשאַפט האָט געשטאַמט פון אַזוינע פאַרעלטערטע ספרים ווי „שער השמים״, „ספר הברית״ א. ד. גל. כ׳האָב נאָך ניט געגלויבט,

אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד א. ד. גל. פּאַרצייטיקע מיינונגען. כ׳האָב זיי פּאַרטיידיקט מיט פסוקים פון תנ״ך און מיט ווערטלעך פון גמרא. דער לערער איז געווען פּאַרזיכטיק ניט אָנצורירן דעם תנ״ך און די גמרא, נאָר מיר געבן ריכטיקע אינפאָרמאַציעס. ער גיט מיר לייענען די וועלט־גע־שיכטע אין העברייאיש, ווי אויך נומערן „המליץ״ מיט אינטערעסאַנטע אַרטיקלען. אַ באַזונדער גוטן איינדרוק מאַכט אויף מיר אַ זעלטן שיין־גע־שריבענער פעליעטאָן פון דעם שרייבער ראובן בן מרדכי בריינין.

ראובן בריינינס פעליעטאָן הייסט „ווידוי אחד הצעירים״, אַ ווידוי פון אַ יונגן מענטשן. ער שילדערט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט געוואָרפן זיינע יידישע לימודים, פּאָרט אַוועק שטודירן אין אַ גרעסערן אייראָפּייאישן אוני־ווערזיטעט. שפּעטער אָבער הויבט ער אָן בענקען צוריק צום בית־מדרש און צו די יידישע ספרים. ער וויל אויפטאָן גרויסע זאַכן פאַר זיין יידישן פאָלק. ער האָט שוין אָבער ניט מער די פריערדיקע כוחות און ער זיך מתוודה אויף זיינע טעותן.

אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכט אויך אויף מיר שאַפּיראָס וואונדער־שיין ליד „מחזיונות בת עמי״ (זעאונגען פון מיין פאָלק) אין העברייאישן זאַמל־בוך „מליץ אחד מני אלף״, פול מיט ליבשאַפט צום יידישן פאָלק. בריינין און שאַפּיראָ זיינען מיר איצט זייער ליב. כ׳טראַכט כסדר וועגן זייער שרייבן.

קאַפּיטל זעקס און פופציק

מיין באָבע לאה האָט חתונה

איך דערוויס זיך אין יאַנישאָק, וואו כ׳לערן פאַר־זיך דעם זומער תרנ״ב (1892), אַז מיין באָבע לאה, מיין טאַטנס מאַמע, האָט חתונה געהאַט נאָך מיין זיידנס טויט. איר צווייטער מאַן איז אַ פישער אין אַ פּלאַץ, וואָס הייסט דוביניק, טאַקע לעבן דער גרויסער דוביניקער אָזערע, אַרום צוויי שעה גאַנג פון יאַנישאָק. גיי איך צו אויף שבת. די באָבע נעמט מיך אויף מיט אַ סך ליבשאַפט. אויך איר מאַן, אַן אַלטער פרומער פישער, איז צו מיר זייער פריינטלעך. שבת, ביים דאַווענען, קויפט ער פאַר מיר מפטיר אין דוביניקער שולכל. זיי בעטן מיך ביידע איך זאָל קומען צו זיי אויף יעדן שבת. נאָר נאָך די ערשטע פּאָר מאָל, טו איך עס ניט גערן. דעם ערשטן שבת האָט מיר די באָבע דערציילט וועגן איר יוגנט, ווי אַזוי זי האָט דערצויגן אירע קינדער, באַזונדערס מיין טאַטן, דעם געלערנטסטן פון זיי, ווי אויך, ווי אַזוי ער האָט זיך באַקאַנט און חתונה געהאַט מיט מיין מאַמען, און זייער צוזאַמענלעבן אין דאָרף, נאָענט פון זייערע עלטערן.

דעם צווייטן שבת האָט זי פאַר מיר געשילדערט איר איצטיקן לעבן: ווי אַזוי זי ליידט פון איר צווייטן מאַן, וואָס לאָזט איר ניט פאָרן זיך זען מיט אירע קינדער און באַהאַנדלט זי בכלל שלעכט. איך שרעק זיך דעריבער ער זאָל איר ניט חושד זיין, אַז זי טוט עפּעס, דורך מיר, פאַר אירע קינ־דער, און ער זאָל ניט ווערן נאָך ערגער צו איר.

דאָס גיין אַהין און צוריק, און די צייט דאָרטן אָן ספרים, האָלט איך פאַר צופיל „ביטול תורה". בפרט, אַז אין יאַנישאָק זיץ איך שבת ביים טיש מיט מיין פעטער ר׳ הירשע שאַליט, און מיר ריידן אויך ביי אַלע דריי שבתדיקע סעודות וועגן תורה. די באָבע מיט איר מאַן מוזן דעריבער מיך גאָר אַ סך בעטן ביז כ׳בין מסכים צו קומען צו זיי אויף אַ שבת.

אַ שטעטלשער משכיל און דער העברייאיש־רוסישער לערער ביים גביר באַראַנאָווסקי ריידן מיך צו, איך זאָל פאָרן קיין פּאָדבראָדזש, וואו „אָרעם־בחורים" זיצן דאָרט אין בית־מדרש און לערנען זיך שפּראַכן און וויסנ־שאַפטן. מיר איז דאָס אָבער ניט געפעלן. כ׳זאָג, אַז אויב כ׳וועל נעמען לערנען פרעמדע לימודים, וועט עס זיין ניט אין קיין בית־מדרש און ניט וועגן כ׳קריג שטיצע פאַר לערנען תורה.

איבער די נגישות, וואָס די גבירנטע באַראַנאָווסקי טוט אָן דעם לערער פון אירע קינדער, פאַרלאָזט ער יאַנישאָק נאָך פאַרן סוף זמן. כ׳בלייב דאָרט דעריבער נאָר מיט ר׳ טוביהן, פון וועמען כ׳בין שוין גייסטיק וויט אַוועק.

מיין קאָפּ איז פול מיט זאָרגן וועגן וואָס און וואו צו לערנען ווייטער. כ׳בין אויך פול מיט ספיקות אין מיין פריערדיקער פעסטער אמונה. אין יאַנישאָק האָב איך אָבער ניט קיינעם מיט וועמען צו ריידן וועגן דעם. גע־זעגן איך זיך מיט מיין באָבע לאהן און איר מאַן, מיט מיין מומע ריווע גנענדלען, מיטן פעטער ר׳ הירשע שאַליט און זייערע קינדער אין יאַנישאָק און לאָז זיך גיין צוריק קיין ווילנע.

כ׳גיי צופוס און מיין האַרץ פרייט זיך שטאַרק מיט מיין אויפטו דעם זו־מער: כ׳האָב דורכגעלערנט עטלעכע מסכתות און געדענק אַלע זייערע האַרבע „סוגיות". אויפן וועג קומט אָן אַ דאָרפס־ייִד מיט זיין וואָגן. הייסט ער מיר זיך אַוועקזעצן לעבן אים און פירט מיך אַוועק צו זיך אין שטוב, וואו איך נעכטיק איבער. אויך מאָרגן גיי איך ביז ניעמעדין, וואו כ׳טרעף אַ פויער, וואָס רעכנט מיר גאָר ביליק צו פאָרן מיט אים קיין ווילנע. אויפן וועג שיכורט ער זיך אָן און בלייבט נעכטיקן אין אַ קרעטשמע. בין איך מוחל מיין געלט און גיי אַוועק צופוס קיין ווילנע, וואו איך בלייב איבער די ימים־טובים תרנ"ג (1892).

אין ווילנע באַזוך איך מיין חבר שמואל ראָזען; ער האָט זיך צוריק־געקערט פון סלאָבאָדקער ישיבה מיטן באַשלוס מער ניט צו לערנען. ער

וויל ווערן אַ פּריקאַזשטשיק (האַנדלס־אָנגעשטעלטער), מיטן ציל אַליין אַמאָל צו ווערן אַ סוחר.

איך באַזוך אויךביידע קאַזיאָנע ישיבות, די אין וועלכער כ׳האָב גע־לערנט און ראַמיילעסעס. כ׳גיי אויך אַריין אין ווילנער גאונס קלויז לער־נען אַ וויל. כ׳שטיי איין ביי מיין מומע ראָכע־גאָלדע, די אלמנה פון מיין עלטער־פעטער זעליג אַראַנאָוויטש, וואָס איז געפאַלן ביי פּלעוונע, אין רוסיש־טערקישן קריג מיט אַ פופצן יאָר פריער. דאַוונען ימים־נוראים גיי איך אָבער אַ שטיק וועג צו דער ווילנער גרויסער שול, וואו ס׳דאַוונט דער נייער ווילנער שטאָט־חזן, דער יונגער גרשון סיראָטע.

דעם פריערדיקן ווילנער שטאָט־חזן, קאַהאַן, האָב איך געקענט פון נאָמען. ער פלעגט אָפט קומען אין דער קאַזיאָנער ישיבה צו אונדזערע שמחות און זיי באַשיינען מיט זיינעם געזאַנג. נאָך זיין אַוועקגיין פון ווילנע צוליב דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט יום־כיפור אין שול אַראָפּגע־שלונגען אַ שטיקל צוקער באַגאָסן מיט „אַנאַדים״, דויערט אַ היפּשע צייט ביז ווילנע קלייבט זיך צו אַ נייעם חזן.

ווילנער חזנות האָט אַ גרויסן נאָמען, נאָך פון דער צייט פון דעם מיט לעגענדעס באַפּוצטן „ווילנער באַלעבעסל״. קומען אָן חזנים פון גרויסע שטעט, וואו זיי קריגן העכערע שכירות וויפל ווילנע צאָלט. יעדער פון זיי איז גרייט צו דאַוונען אויף פּראָבע, אָן געצאָלט. נאָר ניט יעדן חזן לאָזט מען צו דאַוונען ביים עמוד פון דער גרויסער ווילנער שול. אַן אויסנאַם איז דער אָדעסער חזן ראַזומני, וואָס האָט אין ווילנע אַ גרויסן צד פון פרויען און מענער. אַ חוץ אַ ראַזומני־צד איז אויך געווען אַ מינקאָווסקי־צד, אַ ראָזאָווסקי־צד און אויך צדדים פון אַזוינע חזנים, וואָס האָבן אפילו ניט געוואוסט, אַז זיי האָבן אַ צד אין ווילנע.

איינמאָל איז געקומען אַ יונגערמאַן צו דעם גבאי פון דער ווילנער גרוי־סער שול, און געפאָדערט מ׳זאָל אים לאָזן דאַוונען אויף פּראָבע. דער גבאי האָט עס אים ניט געוואָלט דערלויבן. דער יונגערמאַן האָט אָבער ניט אָפּ־געטראָטן און האָט פאַרזיכערט, אַז לויט זיין שטאַרקן קול־נגינה איז ער ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער ווילנער גרויסער שול. הערנדיק זיין שטאַרקע שטימע, האָט דער גבאי מסכים געווען אים צוצולאָזן דאַוונען, נאָר אים געוואָרנט, אַז ער וועט מעגלעך האָבן בזיונות.

ווען דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט צו קבלת־שבת אַ זונג געטאָן די ערשטע ווערטער: „לכו נרננה״ האָט זיך דער עולם אַ הויב געטאָן פול מיט אָנגעצויגענער איבערראַשונג. צו זיין זינגען „לכה דודי״ זיינען שוין אַ סך צוהערער אַרויס פון די כלים, פאַרגעסן וואו זיי געפינען זיך, און גע־נומען פּאַטשן בראַוואָ.

נאָכן דאַוונען מעריב האָבן זיך צוזאַמענגענומען נגינה־ליבהאָבער פון אַלע צדדים און געגאַנגען אַ טענצל אויפן שול־הויף פון גרויס שמחה, אַז ווילנע האָט ווידער אַ באַדייטנדיקן חזן.

שבת אינדערפרי איז שוין די שול געווען איבערגעפּאַקט. צענדליקער טויזנטער זיינען געשטאַנען אויפן שול־הויף און אין די אַרומיקע גאַסן. די התלהבות פון עולם האָט דערגרייכט אַ גאָר הויכע מדרגה. קיין ווילנער מנהיג וואָגט זיך ניט מער צו שטעלן קעגן דעם אַנטשיידנדיקן אויסוואַל פון די ברייטע יידישע מאַסן. די גבאים מוזן נאָר שווער אַרבעטן אויסצו־ווירקן ביי נאַטשאַלסטווע צו באַפרייען פון פריזיוו דעם יוגנטלעכן גרשון סיראָטע, כדי ער זאָל קאָנען רואיק פאַרנעמען די שטעלע פון אַ ווילנער שטאָט־חזן.

כ׳האָב דעריבער זיך ניט פאַרגונען אויסצולאָזן קיין דאַוונען פון סיראָטען אין די ימים־נוראים פון תרנ״ג (1892). איך קום פרי אין שול, קלייב זיך אויס אַ פּלאַץ וואו צו שטיין און איך טרעט ניט אָפּ ביז וואַנען ער ענדיקט זאָגן און זינגען. יום־כיפור צו כל־נדרי און אויך ראש־השנה און יום־כיפור ביטאָג איז די גרויסע שיינע בימה, וואָס זעט אויס ווי אַ שולכל פאַר זיך אַליין, אָנגעפּאַקט מיט הויכע נאַטשאַלסטווע און מיט מילי־טערישע מענטשן פון די העכסטע „טשינען״ (ראַנגען).

אויף סוכות פאָר איך צו פון ווילנע אין דאָרף צו מיינע עלטערן. איך נעם אַהין מיט עטלעכע זאַמלביכער פון יצחק פונקס ספרים־קראָם: סאָקאָלאָווס „האָסיף״, שפ״רס „כנסת הגדולה״ און שלום עליכמס „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק״. זיי באַפרידיקן מיך אָבער ניט גענוג. איך זוך איצט „וויסנשאַפט״ און דאָס געפין איך כמעט ניט אין זיי.

כ׳רייד ווייניק וועגן מיינע ווייטערדיקע צילן. כ׳בין פאַרטיפט אין זיך. איך טראַכט כסדר: וואָס און וואו צו לערנען ווייטער. כ׳וויל, אַז מיין הויפּט־לימוד זאָל זיין תורה (גמרא). מיר ווילט זיך אָבער אויך קאָנען וואָס מער וויסנשאַפט. נאָך אַ סך טראַכטענישן פאַלט מיר איין אַ געדאַנק צו פאָרן קיין געדראָוויטש, וואו כ׳וועל עסן און שלאָפן ביי מיינע נאָענטע קרובים און קאָנען לערנען וואָס מיין האַרץ געלוסט.

כ׳פאָר אַוועק פון דער היים מיט אַ פור קיין פאָדברעזע. פון דאָרט גיי איך צופוס קיין געדראָוויטש. די צרה איז אָבער, וואָס דאָ, אין געדראָוויטש, איז נאָר גוט פאַר מיין גוף. איך עס יעדן טאָג פלייש און פיל זיך היימיש ביי מיינע קרובים, באַזונדערס ביי מיין מומע לאהן, די „מומע לאהקע״ פון מיין קינדהייט. מיין נשמה ווערט דאָ אָבער פאַרמאַרעט. קיין וויסנ־שאַפטלעכע ווערק קריג איך דאָ ניט. די אָרעם־בחורים אין בית־מדרש, די שטעטלשע און די פרעמדע, חסידישע און מתנגדישע, זיינען פוסטע משכילים. זייער גאַנץ וויסן באַשטייט פון „שלילה״ (אין וואָס זיי גלויבן

ניט מער). ס׳געפעלן מיר אויך ניט זייערע זיטן. מיר דוכט, זיי נאַרן דעם עולם.

ביי דעם גערדראָוויטשער רב האָב איך געפונען אַביסל חקירה־ספרים, דאָס רוב דרשות על־פי חקירה. כ׳האָב זיי אַלע דורכגעלייענט. מיר געפעלט דער פירוש אויף „שיר השירים״ פון הנצי״ב (ר׳ נפתלי צבי יהודה בערלין), דער מנהיג און הויפּט ראש־ישיבה פון וואָלאָזשין. דאָס האַרץ זאָגט מיר אָבער, אַז דאָס איז ניט דער וועג, וואָס איך זוך.

דער היגער רב געפעלט מיר פאַר זיין מילדקייט און גוטסקייט. דאָך קאָן איך אים ניט רעספּעקטירן. ער ברענגט אויס אַ סך צייט אויף שפּילן קאָרטן מיט לצים און פּוסטע מענטשן.

צוליבן פּריזיוו איז איצט אין גערדראָוויטש צו ענג פאַר מיר אין שטוב פון מיין מומע און פעטער משה־איציק מילנער, וואו מיין קוואַרטיר איז ביז איצט געווען. דאָרט איז איצט אויך צוגאָסט מיין באָבע דבורה. זי איז אָבער כסדר פאַרנומען מיט איר נייעם אייניקל, שכנא־יאַנקעלע, דער מומע לאהס ערשטן קינד. אַ פּאָר נעכט האָב איך גענעכטיקט ביי איציק דעם שענקער, מיין פעטער משה־איציקס אַ שוועסטערקינד. זיין פרוי איז אַ טייערע נשמה און באַהאַנדלט מיך ווי אַ מאַמע. לעצטנס אָבער האָט דער פּריזיוו געמאַכט ענג אויך זייער גרויסע שטוב. בין איך אַוועק נעכטיקן אין בית־מדרש. די אָרעם־בחורים דאָרט זיינען אָבער, ווי שוין פריער דערמאָנט, מיר ניט געפעלן. דערמאָן איך זיך די ווערטער פון רמב״ם, אַז קעגן אַ שלעכטער סביבה איז דער בעסטער מיטל זיך צו דערווייטערן פון איר. טראַכט איך איצט צו פאַרלאָזן גערדראָוויטש און זוכן אַ בעסערע סביבה. דער עיקר פאַר מיין נשמה.

מיינע היגע קרובים זיינען קעגן מיין פּלאַן צו פאַרלאָזן גערדראָוויטש. באַזונדערס איצט, אָנהויב חודש טבת, ווען די פרעסט און שנייען מאַכן שווער דאָס פאָרן. מיין פעטער משה־איציק איז אַ קלוגער יונגערמאַן. ער איז שוין געווען אין לאָנדאָן און דערציילט מיר אינטערעסאַנטע זאַכן פון דאָרטיקע מענטשן „תושבים״ (איינגעבאָרענע) און „גרים״ (אַריינגעפאָרענע). דאָך קאָן איך מיט אים גאָרניט ריידן וועגן מיין דאָרשט נאָך וויסן און מיינע ספיקות אין עניינים פון אמונה. ער וועט עס כלל ניט באַגריפן. מיין מומע לאה האָט מיידלוויז אַ סך געלייענט. זי האָט אַ געפילפול האַרץ און אַ קלאָרן פאַרשטאַנד. מיר פלעגן אַמאָל היפּש שמועסן וועגן גייסטיקע ענינים. איצט אָבער טראָגט זי אויף זיך דעם יאָך פון דער באַלעבאַטישקייט און איר קאָפּ איז ווייט פון די זאַכן, וועלכע מאַכן מיר אַזוי פיל זאָרג. זי קאָן דעריבער איצט ניט פאַרשטיין מער ווי מיינע אַנדערע קרובים: מיין גליד־שוועסטערקינד, דער שמש און פעלצן־נייער משה מאַכמער און מיין פעטער ר׳ שלום־יאַנקל גרוזאָוויק (דער מאַן פון מיין

טאַטנס יונג־פאַרשטאַרבענער שוועסטער מיכלע). דער דאָזיקער פרומער למדן מוסרט מיך שטאַרק פאַרוואָס כ׳וויל דאָ ניט בלייבן ביז פסח. זיין קול איז דערביי אָנגעזאַפּט מיט טרערן. כ׳בין אָבער פאַרעקשנט און פאָר מיט אַ בעל־עגלה צוריק קיין ווילנע.

אין ווילנע באַזאָרג איך זיך מיט אַ נייעם פּעקל ספרים: „שלום על ישראל" (אַז „חסידים און „מתנגדים" קאָנען און דאַרפן לעבן בשלום) פון ר׳ אליעזר צווייפל, „בן פורת" (וועגן ווילנער גאונס געלערנטן תלמיד ר׳ מנשה איליער), „קנאת האמת" (חקירות וועגן יידישקייט) פון ר׳ יהודה לייב מיזעס, „דברי חכמה", „דברי תבונה" און „מאמר על האגדות" פון ר׳ משה חיים לוצאַטי, „הלכות דעות והלכות תשובה" (מיט אַ פירוש) פון רמב״ם, ווי אויך זיין מאמר וועגן „תחית המתים" און אַ צאָל אַנדערע גרעסערע און קלענערע ספרים. מיט דעם איבעריקן געלט קויף איך אַ בילעט קיין קאָוונע, מיטן געדאַנק צו פאָרן פון דאָרטן לערנען אין פּוילן.

קאַפּיטל זיבן און פופציק

„נסים" אויף מיין וועג קיין פּוילן

לערנען אין פּוילן, בין איך, ווי שוין פריער דערמאָנט, געפאָרן פון ווילנע איבער קאָוונע.

אין קאָוונע בין איך אָנגעקומען 12 אַזייגער ביינאַכט. פאָרן אין אַ האָטעל האָב איך ניט געוואָגט. דאָס געלט, וואָס איז מיר געבליבן פון איינ־קויפן זיך אַ פּעקל נייע ספרים, איז ניט געווען גענוג פאַר אַזוינע אויסגאַבן. עס וואָלט מיר אויסגעקומען אַריינצוגיין אין פּוילן אָן אַ פּרוטה אין קעשענע. כ׳בלייב דעריבער זיצן אויפן וואָקזאַל, כאָטש כ׳האָב ניט קיין פּאַספּאָרט. באַלד קומען צו זשאַנדאַרמען און פרעגן: וואוהין און נאָך וואָס איך פאָר? איך ענטפער: „קיין סואוואַלק". כ׳זאָג אָבער ניט, אַז איך פאָר אַהין לער־נען. כ׳האָב פּשוט מורא, מ׳זאָל מיך ניט אַרעסטירן, ווי מיט איבער אַ האַלב יאָר צוריק אין קיבאַרד. איך דערקלער דעריבער, אַז כ׳פאָר אַהין אַרבעטן. פרעגן זיי מיך: וואָס פאַר אַן אַרבעט? ראַטעווע איך זיך דורך אַ פאַנטאַ־זיע, אַז דאָרט וועט מיך אַן עלטערער ברודער אויסלערנען אַ מלאכה.

אויף דער פראַגע, פאַרוואָס בין איך געבליבן זיצן אויפן וואָקזאַל? ענטפער איך דעם ריינעם אמת: כ׳האָב ביי זיך ווייניק געלט. דער עלט־סטער, אַן אַלטער זשאַנדאַרם, באַמערקט דערצו:

— אַ שאָד, יינגל, וואָס דו ביסט אָנגעקומען אַזוי שפּעט. פריער וואָלטן

מיר דיר אָנגעוויזן אַ פּלאַץ, וואָס קאָסט נאָר פינף קאָפּיקעס אַ נאַכט. נו, גוט, מיר וועלן דיר לאָזן איבערשלאָפן די נאַכט דאָ אויפן וואָקזאַל.

אויסהערנדיק זיינע רייד, האָבן וואָקזאַל־באַאַמטע און זשאַנדאַרמען צוזאַמענגעבראַכט פּעקלעך און בגדים, פון וועלכע זיי האָבן מיר געמאַכט אַ געלעגער און אויך איינגעדעקט מיך, איך זאָל ניט פאַרפראָרן ווערן אין דער קאַלטער ווינטער־נאַכט. זיי ווינטשן מיר צו „אַ רואיקע נאַכט" און פאַרשווינדן.

איך באַטראַכט דאָס ווי אַ נס: משרתים פון דעם צורר היהודים אַלעק־סאַנדער דעם דריטן, טשינאָווניקעס און זשאַנדאַרמען, זאָלן זיין אַזוי פריינט־לעך צו אַ דורכפאָרנדיק יידיש ייִנגל, און אים באַזאָרגן מיט אַ געלעגער אין אַ קאַזיאָנעם פּלאַץ...

אין דער פרי וועקט מיך אויף דער אַלטער זשאַנדאַרם. ער זאָגט: מ׳דאַוונט שוין אין די יידישע שולן. כ׳קאָן אַהין אַריינגיין תפילה־טאָן און גיין ווייטער מיין וועג. איך באַדאַנק אים פאַר זיין פריינטשאַפט. ער שמייכלט:

— ניטשעוואָ, גוט ייִנגל, גיי אין פרידן.

גיי איך אַריין דאַוונען אין נאָענטן בית־מדרש. ער הייסט, דאַכט זיך, „ר׳ הערשל נאָוויאַזשערס". גיי איך אַריבער דעם טייך ניעמען מיטן איי־זערנעם בריקל און פאַרנעם זיך אויפן וועג קיין פרען.

די קעלט איז גרויס. דער פראָסט ברענט. דער וועג איז פול מיט הור־בעס שניי, דורך וועלכע איך טאָפּטשע זיך קוים דורך. מיד און פאַרפראָרן פאַל איך אַריין אין שיינעם בית־מדרשל פון גאַדילישאָק, אַ קליין שטעטל אויף דער לינקער זייט וועג פון אַלעקסאָט קיין פרען. איך רו זיך אָפּ, כאַפּ אַ שמועס אין תורה מיט אַ לערנער דאָרט, דערוואָרעם זיך און גיי ווייטער. אַ פאָר שעה שפּעטער קום איך צו אַ שטוב פון אַן אַלטן פאַר־פאַלק. זיי נעמען מיך אויף ווי אַ נאָענטן קרוב, גרייטן מיר באַלד צו אַ פיינע סעודה און, שפּעטער, אויך אַ ריינעם ווייסן געלעגער. אינדערפרי, נאָך מיין דאַוונען, מאַכן זיי מיר אַ נאַרהאַפטן איבערבייסן. נאָכדעם ווילן זיי מיך פאַרהאַלטן ביז ס׳וועט דורכפאָרן אַ יידישער בעל־עגלה און מיך אָוועק־פירן אומזיסט קיין פרען. כ׳וויל אָבער ניט מער מבטל זיין פון לערנען און גיי ווייטער צופוס ביז כ׳קום קיין פרען.

באַלד ווי איך קום קיין פרען גיי איך אַריין אין בית־מדרש און זעץ זיך לערנען. דער בית־מדרש איז פול מיט אַלערליי ספרים: הלכה און אגדה, שס"ן, פוסקים און מדרשים, קבלה, חקירה און חסידות. וואו איך קער זיך, זע איך מענטשן זיצן און לערנען, בציבור און ביחידות. דער בית־מדרש קלינגט מיטן קול פון תורה. דעם זעלביקן טאָג שרייב איך

אַהיים מ׳זאָל מיר שיקן אַ פּאַס און אַ ביסל געלט. כ׳לערן מיט התמדה, עס אויף מיין אייגענעם חשבון, און שלאָף אויף אַ באַנק אין בית־מדרש. נאָר שוין דעם ערשטן ערב־שבת קומט צו מיר צו משה דער קצב, אַ יודע־ספר, און בעט מיך כ׳זאָל עסן ביי זיין טיש יעדן שבת, אַזוי לאַנג, ווי כ׳וועל זיין אין פּרען. נאָך עטלעכע מענטשן בעטן מיך כ׳זאָל ביי זיי עסן אינדערוואָכן. אַלע זיינען דאָ גוט צו מיר און פריינטלעך.

כ׳בין שוין אַלט פולע זעכצן יאָר. קלייבן זיך אַרום מיר תלמידים אין מיין עלטער, מיט וועלכע כ׳לערן אומזיסט. זיי זיינען מיר טריי און איבער־געגעבן, ווי צו אַן אייגענעם ברודער. דעם אַלטן שוחטס זון לייבל (לעאָן) גוטפּאַרב און בערל פּעליקאַנסקי זיינען די ערשטע זיך צו באַקענען מיט מיר און ווערן גוטע פריינט. נאָכדעם קומט צו דער יינגערער פון זיי, שמואל צינעס, דער זון פון היגן „מוטניק", וועלכער האַלט די „מוטע" (דעם אָפּ־צאָל) פון פּרענער מאַרק־פּלאַץ. שמואלס מאַמע, אַ טייערע נשמה, מאַכט מיר ביי זיי אין שטוב אַ פיינעם געלעגער און באַהאַנדלט מיך ווי אַן אייגע־נעם זון. זי גיט מיר טרינקען פרישע מילך פון זייער קו און קאָכט מיר אָפּ אַן ערשט־אויסגעלייגטע איי פון זייערער אַ הון.

איינער פון די חשובע לומדים אין פּרען, דער אַלטער ר׳ איטשע, אַ שענקער, איז מיך מקרב, באַזונדערס פאַר מיין ליבע צו וויסנשאַפט. ער איז זיך מתווכח (מיסוואַקייעך) מיט מיר וועגן „תכונה" (אַסטראָנאָמיע). ער זאָגט מיר צו אַ מתנה, דעם ספר „אות זכרון להומבאָלד" פון חז״ס (ר׳ חיים זעליג סלאָנימסקי). ער פאַרלאַנגט כ׳זאָל איין טאָג אין וואָך עסן אַלעמאָל מיט אים צוזאַמען ביי זיין טיש.

דער פּרענער רב, ר׳ נחום שרגא (פייוויש) רעוועל, אַן איידעם פון פּאַנעוועזשער רב ר׳ יצחק און אַ שוואָגער פונעם סרעדניקער רב, ר׳ דוד ליבשיץ, איז אַ חוץ אַ למדן אויך אַ ידען (אַ קענער) אין דער נייער ליטע־ראַטור. זיין צווייטע פרוי איז אַ געשטודירטע און זיין מיידל לערנט אין קאָוונער גימנאַזיע.

הרב נ. ש. רעוועל איז מיך שטאַרק מקרב. ער פאַרלאָזט זיך אויף אויף מיר צו לערנען גמרא און תנ״ך מיט זיין גערעטענעם יינגל, בערעלע*), וואָס איז מיט אַ פּאָר יאָר יינגער פון מיר. אַזוי ווי בערעלע קאָן אַביסל ריידן העברייאיש, לערן איך מיט אים ביידע לימודים ניט פּאַרטייטשט. איך דערקלער אים אַלץ אויף לשון־קודש אָדער אין גמרא־לשון. אַ חוץ אים האָב איך נאָך פינף־זעקס תלמידים, לערן איך מיט יעדן פון זיי אַן אַנדער „מסכת", אַן אַנדער ספר פון תנ״ך. דאָס איז פאַר מיר אַ גרויסע טובה.

---

*) שפּעטער, דר. בערנאַרד רעוועל, גרינדער און דירעקטאָר פון ישיבת ר׳ יצחק אלחנן („ישיבה־קאָלעדזש") אין ניו־יאָרק.

ס׳וועט מיר קלאָר אַלץ, וואָס כ׳האָב אַמאָל געלערנט און כ׳פאַרשטיי עס איצט בעסער. דאָס איז מיין „שכר־לימוד״, מיט וועלכן כ׳בין שטאַרק צופרידן.

ביינאַכט לערן איך ביז שפּעט די פאַרשיידענע חקירה־ספרים אין פרענער בית־מדרש. כמעט אַלץ געשריבן פון די יידישע חכמים אין שפּאַניע, איידער מ׳האָט פון דאָרט אַרויסגעטריבן אונדזער פאָלק.

דעם פּרענער רבס רייכע ביבליאָטעק איז פאַר מיר תמיד אָפן. באַזונדערס פאַרברענג איך דאָרט יעדן פרייטיק, ווען כ׳לערן ניט מיט מיינע תלמידים. כ׳לייען דאָרט די השכלה־ספרים פון בערלין, און פון פאַרשיידענע שטעט אין גאַליציע און ליטע, באַזונדערס אין ווילנע, געשריבן אין 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט. דאָרט זיינען אויך פאַראַן שירים אָן אַ שיעור פון די אַמאָליקע יידישע משוררים אין בבל, שפּאַניע, איטאַליע, צווישן זיי ר׳ משה חיים לוצאַטיס (וואָס כ׳האָב יינגלוויז געפונען צווישן מיין טאַטנס ספרימלעך), ר׳ נפתלי וויזעלס, אַדם הכהנס, מיכה לעבענזאָנס א. א. וו. פאַראַן דאָרט אויך געבונדענע זשורנאַלן און צייטונגען פון פאַרשיידענע צייטן. איך פיל זיך דאָרטן ווי די רייזנדע אין די היילן מיט ברילייאַנטן פון „טויזנט און איין נאַכט״. ס׳איז אַזאַ שפע פון חכמה, וואָס איז פאַר מיר גאָרניט מעגלעך אויסצושעפּן.

זינט דער פּרענער רב ר׳ נחום פּיוויש רעוועל האָט מיך געהערט לערנען מיט זיין בערעלען תנ״ך און גמרא, האָט ער מיך אָנגעהויבן אירצן; מיר קלינגט עס מאָדנע. ער גייט אויך צייטנווייז מיט מיר שפּאַצירן און רעדט צו מיר וועגן אַלערליי זאַכן, ווי צו אַ דערוואַקסענעם לערער.

מיט מיינע תלמידים לערן איך לעצטנס די שיטה אין יידישקייט פון הלל הזקן, אַז די גאַנצע תורה איז געבויט אויפן פּסוק „ואהבת לרעך כמוך״, מ׳זאָל ליב האָבן יעדן מענטשן ווי זיך אַליין, און „דאָס איבעריקע איז נאָר אַ פּירוש אויף דעם״. איך באַמי זיך צו דערקלערן אַלע געבאָטן פון דער תורה אין דעם גייסט פון אָט דער שיטה. כ׳רייד אויך מיט מיינע תלמידים וועגן וויסנשאַפט. כ׳גיב זיי איבער די ידיעות וועגן דעם, וואָס כ׳האָב געלייענט ביי ר׳ צבי הכהן ראַבינאָוויטש, ר׳ חיים זעליג סלאָנימסקי א. ד. גל. געלערנטע. תכונה דערקלער איך זיי לויט דער שיטה פון קופּערניקוס, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון. מיר שמועסן וועגן דעם געוויינלעך ביינאַכט, קוקנדיק אויפן אויסגעשטערנטן הימל. גמרא און תנ״ך לערן איך מיט זיי לויטן פּשוטן פּשט. צייטנווייז אָבער גיב איך זיי אויך איבער דעם אינהאַלט פון פאַרשיידענע מפרשים וועגן דעם זעלביקן ענין.

יעדער תלמיד מיינער, וואָס געפינט אָדער דערזעט אַ נייעם ספר ברענגט עס מיר, אָדער דערציילט מיר וועגן דעם. יענע וואָס לערנען ביים העברייאישן לערער ברענגען מיר ווייזן די אויפגאַבן, וואָס ער גיט זיי

אַרויס און באַראַטן זיך מיט מיר וועגן די קאָמפּאָזיציעס, וואָס זיי דאַרפן שרייבן פאַר אים.

אָט אַזוי פאַרברענג איך דאָ אין פרעך גליקלעכע טעג אין לערנען תורה און חכמה. כ׳לערן אַליין און מיט אַנדערע. כ׳פיל דאָ, אַז קיין שעה גייט ניט ביי מיר אין ניוועץ.

די אָרעם־בחורים, וואָס לערנען דאָ,ריידן צווישן זיך וועגן כלות, נדן און קעסט. כ׳רייד זעלטן מיט עמיצן פון זיי. דאָך האָב איך איין חתן־בחור געעצהט צו לערנען רוסיש און העברייאיש. ער האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט אָט די צוויי שפּראַכן, נאָר געקויפט אַ ביכל, וואָס האָט ווער־טער פון זיבן לשונות און לערנט זיי אַלע אויף אַמאָל: רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש, איטאַליעניש, אַראַביש, פויליש אָדער שפּאַניש...

ס׳לערנען אויך דאָ עטלעכע „פּרושים". איינער פון זיי איז אַ טרייער מאַן: ער שיקט זיין ווייב יעדן חודש די שכירות, וואָס מ׳צאָלט אים דאָ און אויך דעם שכר־לימוד, וואָס ער קריגט פון זיינע תלמידים. איין פּרוש איז אַן אַלמן און אַ גרוש. ער בעט, מ׳זאָל אים ריידן אַ שידוך מיט אַן אַלמנה אָדער אַ גרושה. דער יינגסטער פון די פּרושים איז דער ראַדאָמיס־לער, אַ „כבד־פּה", אַ זאַאיקע, וואָס האָט אויף זיך אַן אייזערנעם קאָפּ, צו באַרעכענען פלינק אַלערליי „גימטריאות". ער פרעגט אַ נאָמען אָדער אַ יאָר און פּאַסט צו תיכף צו זיי ווערטער, וואָס באַטרעפן די זעלביקע צאָל, רעכענענדיק די אותיות ווי ציפערן (א—1, ב—2 א. אַז. וו. י— 10, כ—20 א. אַז. וו. ק— 100, ר—200 א. אַז. וו.).

ער איז צוגעקומען צו מיר, געפרעגט מיין נאָמען און תיכף פאַרפאַסט אַ צאָל פיינע גימטריאות מיט שבחים אויף מיר. ער האָט מיך געבעטן אים אָנרופן מיט זיין ראשי־תיבות (אָנהויב בוכשטאַבן פון זיין נאָמען): „איש"—מאַן! ער שטאַמט, זאָגט ער, פון ראַדאָמיסלער חסידים. מ׳האָט אים חתונה געמאַכט יינגלוויז, איז ער, ווערנדיק אַ דערוואַקסענער, פון דער פרוי אַנטלאָפן. ער האָט איר אָבער שפּעטער געגעבן אַ גט, נאָר די שדכנים גלויבן אים ניט. זיי ריידן אים דערפאַר שידוכים פון דערפער אָדער פון ווייטע שטעטלעך, נאָר ניט פון פרעך.

דער ראַדאָמיסלער פּרוש האַלט פון מיר באַזונדערס צוליב די פילע ראָמאַנען, וואָס כ׳האָב געלייענט. ער בעט, אַז ווען אַ שדכן וועט אים פאַר־שטעלן אַ כלה, זאָל איך געפינען אַן אויסרייד זי צו זען, און נאָכדעם זאָגן צי כ׳האַלט זי פאַר אַ שיינע, אָדער ניט...

מיינע תלמידים טרייבן איבער מיין קענטשאַפט און מאַכן מיר אַזאַ נאָמען, וואָס ברענגט מיר צער. למשל, אַ פּרוש האָט צו מיר טענות, פאַר וואָס איך צייכן זיך ניט אויס ווי דער באַרימטער שרייבער בן־אביגדור?

ווען איך דערקלער אים, אַז כ׳קען נאָך כלל ניט שרייבן ווי געהעריק און דאַרף נאָך גאָר אַ סך לערנען, זאָגט ער, אַז ער קען יינגלעך, וואָס פֿאַרמאָגן ניט מיינע „שיחת חולין״ און האָבן זיך שוין געדרוקט אין „המליץ״. כ׳האָב עס אָנגענומען, אַז ער מאַכט פֿון מיר אומזיסט חוזק און זיך געפּילט גע־קרענקט. ווערט ער ערנסט און שווערט, אַז ער האָט ניט געמיינט, חלילה, מיך צו באַליידיקן, נאָר פֿאַרקערט, אַז ער האַלט פֿון מיר גאָר אַ סך. ווי אַ צייכן דערפֿון פֿאַרפֿירט ער מיט מיר אַ שמועס צי דער ספר „זוהר״ שטאַמט, ווי אַ סך לומדים גלויבן, פֿון דעם תנא ר׳ שמעון בן־יוחאי, אָדער פֿון דעם ספרדישן מחבר, משה דעליאָן, ווי דער גרויסער למדן ר׳ יעקב עמדין (יעב״ץ) דערקלערט? אין אָט דעם שמועס פֿאַרגעס איך מיין פֿאַרדרוס און זע אויך איין, אַז דער פּרוש גלויבט מיט אַן אמת די איבערגעטריבענע שבחים אויף מיר פֿון מיינע תלמידים, וועלכע מיינען זיכער ניט קיין שלעכטס, פּונקט אַזוי ווי דער פֿרומער פֿראַנקפֿורטער רב ר׳ שמעון רפֿאל הירש האָט געוויס זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז זיינע זעלטן שיין־געשריבענע 21 בריוו וועגן יידישקייט, זאָלן פֿאַרשטאַרקן אין מיר דעם געדאַנק, אַז לעבן פֿון מלאכה איז ערלעכער, ווי פֿון רבנות.

קאַפּיטל אַכט און פֿופֿציק

ביי אַ פֿרעמדן טיש צום סדר

עטלעכע וואָכן פֿאַר פּסח תרנ״ג (1892) הער איך אויף לערנען מיט אַנדערע. כ׳לערן און לייען אַליין די פֿאַרשיידענע ספרים אין פּרענער בית־מדרש, אין רבס ביבליאָטעק און ביים איינבינדער אין שטוב.

ביים איינבינדער קריג איך צו לייענען די גייסטע ווערק, וואָס זיינען אָקאָרשט אַרויס פֿון דרוק. זיי ווערן געוויינלעך פֿאַרקויפֿט ניט געבונדענע. ווען זיי געפֿעלן, די גיבן די ווערק צום איינבינדן.

דער פּרענער איינבינדער איז צו מיר זייער פֿריינטלעך. ער גיט מיר לייענען אַלץ, וואָס כ׳וויל נאָר. ער לאָזט מיר אויך נעמען מיט זיך דאָס, וואָס כ׳באַוויז ניט דורכצולייענען ביי אים אין שטוב. כ׳לייען און לערן טאָג און נאַכט. איך מערק כלל ניט ווי עס פֿאַרגייען די טעג און דער פּסח ווערט אַלץ נעענטער.

פּסח צום סדר בין איך אַלעמאָל געזעסן ביי מיין טאַטע־מאַמעס טיש. ווען כ׳האָב זיך געכאַפּט, אַז עס איז שוין באַלד יום־טוב, האָב איך געוואָלט פֿאָרן תיכף קיין קאָוונע, און פֿון דאָרט מיט דער באַן קיין ווילנע. מיין תאווה צו ספרים און ביכער האָט אָבער אויף מיר געווירקט, כ׳זאָל דאָס

רייזע־געלט פון פארן קיין ווילנע ליבער אויסגעבן אויף נייע ספרים און ביכער.

ערב־פסח האָב איך אָבער דערפילט אַ שטאַרקע בענקשאַפט אַהיים. ר' משה דער קצב, וועלכער האָט מיך פאַרבעטן צו זיין ביי אים צוגאַסט אַלע אַכט טעג פסח, האָט עס באַמערקט. ער, זיין פרוי און קינדער — אַלע גוטע און וואוילע מענטשן — האָבן אַנגעווענדט אַלערליי מיטלען כ'זאָל זיך פילן ביי זיי ווי אין אַן אייגענער היים. ווען ס'איז אָבער געקומען צום סדר האָב איך ניט געקאָנט איינהאַלטן מיינע טרערן. כ'האָב דערביי זיך געטאָטשעט, אַז כ'פאַרשטער דעם יום־טוב פון מיינע פריינט. נאָך די סדרים, אָבער, באַרואיק איך זיך. כ'פיל זיך ווידער היימיש ביי ר' משהן אין שטוב, ווי פריער יעדן שבת זינט כ'בין אין פרען. איך באַזוך אויך מיין חבר שמואל ציגעסעס היים און מיין פריינט דעם אַלטן מאַנדעלשטאַם.

ה' מאַנדעלשטאַם וואוינט נאָענט פון בית־מדרש. ער דערציילט מיר אָפט פון זיינע אַמאָליקע מסחרים און רייכקייט (איצט אויף דער עלטער איז די פרוי מאַנדעלשטאַם די פאַרדינערקע). ער שילדערט פאַר מיר אויך זיין באַרימטע משפחה, די געלערנטע מאַנדעלשטאַמס אין סט. פעטערבורג און אין אַנדערע שטעט.

די 21 בריוו וועגן יידישקייט, געשריבן אונטערן נאָמען „בן־עוזיאל", פונעם פראַנקפורטער רבי, ר' שמשון רפאל הירש, האָבן, ווי שוין פריער דערמאָנט, געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן רושם.

ר' שמשון רפאל הירש שילדערט דאָרט פאָעטיש די אַלטמאָדישע יידישקייט, אין וועלכער כ'האָב זיך אויסגעהאָדעוועט. דערזע איך אין איר אַ וועלט מיט שיינקייט, ווערן מיר ליב און טייער די יידישע פירונגען, אַן אונטערשייד, צי זיי זיינען געבאָטן פון דער תורה אָדער זיינען איינגע־פירט געוואָרן פון פשוטע יידישע מענטשן.

כ'דערמאָן זיך דערביי אין אַזוינע „פראַסטאַקעס", ווי אָשר דער פאַ־קענטרעגער, אַן אָפטער אורח אויף שבת ביי מיין זיידן שמואל־איטשעס טיש. אַחוץ מיט ספרימלעך און מעשה־ביכלעך האָט אָשר אויך געהאַנדלט מיט פיאַוועקעס, וואָס מיין באָבע דבורה פלעגט ביי אים קויפן פאַר איר דאָק־טאָריע. איך זיין הויכן עלטער טרעף איך אים אין גערדעוויטשער בית־מדרש, וואו ער פאַרברענגט זיינע לעצטע יאָרן אין זאָגן תהילים. ער פאַר־שטייט ווייניק, אָדער גאָר ניט, דעם „פירוש המילות", דעם מיין פון די לשון־קודש־ווערטער אין תהילים. ער זאָגט זיי אָבער מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה, און דאָס באַגייסטערט מיך.

דערביי פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, אַז יענע מענטשן, וועמעס יידישקייט איז פול מיט פאָעטישער שיינקייט זיינען ניט קיין ליידיק־גייער, נאָר לעבן

פון זייער האָרעוואַניע. ניט אומזיסט זאָגט דער תהילים: „יגיע כפיך כי תאכל, אשריך וטוב לך״: וואויל און גוט איז פאַר אַ מענטשן צו עסן דער־פון, וואָס ער שאַפט מיט זיינע אייגענע הענט. דערפאַר האַלט, אַפּנים, מיין טאַטע אַזוי פיל פון ערד־אַרבעט, און די גמרא גופא שטעלט מלאכה העכער ווי רבנות. וואונדערט מיך טאַקע, פאַרוואָס מיין טאַטע, וועמעס יידישקייט איז פול מיט פּאַטעטישער שיינקייט, וויל מאַכן זיין איינציקן זון פאַר אַ רב, פאַר וועמעס חיונה אַ שמש דאַרף קלייבן „וואָכער״ ביי די וואָס לעבן פון יגיעת כפים, פון אייגענער האָרעוואַניע.

אַזוי לאַנג ווי כ׳בין געזעסן אין בית־מדרש און געלערנט אַליין און מיט אַנדערע, האָבן מיינע מחשבות און ספקות וועגן רבנות און מלאכה, וויניק וואָס געענדערט מיין לעבנס־גאַנג. דאָס לערנען, לייענען און לע־רעריי האָבן אויסגעפילט מיינע טעג, און אויך היפּשע טיילן פון מיינע נעכט. ס׳איז מיר געבליבן וויניק צייט אויף צו שפּינען וויטער יענע מחשבות און ספקות, וועלכע האָבן אָפּטמאָל גענומען טרייסלען דעם בנין פון מיין אַלט־מאָדישער יידישקייט.

זומער, אָבער, האָט זיך די לאַגע אַ סך געענדערט. עס ציט מיך שטאַרק צו די לאַנקעס און וועלדער, וועלכע געפינען זיך נאָענט פון פרעז. כ׳נעם אַהין מיט ספרים און ביכער צו לערנען און לייענען. נאָר די מערסטע צייט פאַרנעם איך זיך דאָרט מיט מיינע מחשבות. ס׳העלפן דערצו אויך די ריחות פון פעלד און דאָס געזאַנג פון די פייגל. כ׳דערמאָן זיך די עצה פון תנ״ך צו לערנען חכמה ביי דער מוראַשקע. קוק איך זיך גוט צו צו אירע פּי־רונגען, כ׳זע ווי די קליינע מוראַשקע אַרבעט כסדר אַרום איר בערגל. זי שלעפּט משאות גרעסער ווי זי איז אַליין. כ׳דעק אויך אַמאָל אויף אַ ווינקל פון אַ גרויסן מוראַשניק און באַטראַכט דאָס קאָכעדיקע לעבן און די פּילע טעטיקייטן, וואָס גייען דאָרט דעמאָלט אָן, אין דער מוראַשקישער מדינה.

נאָך שטאַרקער איז אויף מיר דער רושם פון מענטשלעכער אַרבעט. איך ליג אין שאָטן פון אַ גרויסן בוים מיט אַ סך גרינע צווייגן, כ׳פאַרטיף זיך אין אַ ספר. פּלוצלונג הער איך מענטשן זינגען. איך הויב אויף מיינע אויגן און זע פּויערים און פּויערטעס גייען פון פעלד, טראָגנדיק מיט זיך זייערע קאָסעס און גראַבליעס. כ׳קוק אויף זיי מיט גרויס דרך־ארץ: זיי טוען אָן אַרבעט, וואָס גיט מענטשן לעבן.

מיין שטאַרקער חשק צו לעבן פון אייגענער האָרעוואַניע ווערט ניט אָפּגעשוואַכט דורך מיין צוקוקן זיך, ווי שווער ס׳איז דאָס לעבן פון אַ באַל־מעלאָכע. כ׳זע די מאַטערנישן פון דעם פרומען קירזשנער, וועלכער האָט באַלד נאָך מיין אָנקומען אין פרעז מיך פאַרבעטן צו עסן ביי אים אַ טאָג. ער האָרעוועט שווער חדשים נאָכאַנאַנד צוצוגרייטן אַלערליי מינים היטלען

זיי צו פאַרקויפן אויפן יאַריד. אויפן מאַרק־פּלאַץ העלפן אים דעמאָלט אויך זיין ווייב און קינדער. דאָך גייט אָפּט זיין אַרבעט אין ניוועץ. ס׳קומען ניט געננוג פּויערים קויפן זיינע היטלען! אַמאָל איז דאָס איבער אַ שלעכ־טער גערעטעניש אויף זייערע פעלדער. אָן אַנדערשמאָל ווערט דער יאַריד צעשטערט דורך אַ שלעכטן וועטער. די היטלען ווערן דעמאָלט ניט אויס־פאַרקויפט. אַחוץ די חדשים שווערע אַרבעט אויף זיי, פאַרלירט דער קירזשנער אויך דאָס געלט, וואָס ער האָט געליען צו קויפן זייער שטאָף. ער ווערט איינגעטונקט אין חובות, און מוז נאָכדעם אַרבעטן טאָג און נאַכט צו צאָלן פּראָצענט דעם וואָכערניק.

פאַר מיר איז אָבער כלל ניט וויכטיק וועלכע פּרנסה עס ברענגט מער אַריין, נאָר וועלכע איז ערלעכער. איך קען דאָך דאָס פאָלקס־ווערטל: „ערלעך לעבן, איז שווערלעך לעבן". מיין הויפּט־שוועריקייט איז דאָס, וואָס כ׳קאָן זיך איצט ניט מער באַנוגענען נאָר מיט אַן ערלעך לעבן פון אייגענער האַרעוואַניע. מיר ווילט זיך אויך דורכאויס פאַרשטיין ריכטיק די געזעצן פון דער נאַטור, אָדער טאַקע פון דער גאַנצער באַשאַפונג: כ׳וויל וויסן די ריכטיקע ענטפערס, אויף די הונדערטער פראַגעס, וועלכע די נאַטור רופט אין מיר אַרויס. מיין העכסטער וואונטש איז איצט: אי צו לעבן ערלעך און אי צו וויסן דעם אמת. כ׳בין אָבער ניט זיכער, צי ס׳איז מעגלעך צו לערנען צוגלייך מלאכה און וויסנשאַפט, אָדער כ׳מוז אויסקלייבן נאָר איינע פון זיי.

אין מיין געדאַנק בין איך גרייט תיכף זיך נעמען לערנען אַ מלאכה. נאָר כ׳זע דערווייל ניט איין, ווי אַזוי כ׳קאָן דאָס דורכפירן.

פון פרעגן קיין ווילנע בין איך געקומען מיטן געדאַנק צוצופאָרן אויף די ימים־טובים צו מיינע עלטערן אין דאָרף. כ׳האָב אָבער קיין האַרץ ניט זיי אָנצוזאָגן די שלעכטע בשורה, אַז כ׳וויל ווערן אַ באַלמעלאָכע. כ׳בלייב דעריבער אויף ימים־נוראים תרנ״ד (1893), ביי מיין עלטער־פעטער שאול דעם בעקער אין ווילנע. איך דאַוון צוזאַמען מיט אים אין דער קליינער קלויז אויף מנחם־מאַניס זאַוואַליק, אַנטקעגן דער דרוקעריי פון דער אלמנה און ברידער ראָם. יום־כיפּור אָבער בין איך כמעט דעם גאַנצן מעת־לעת אין דער ווילנער גרויסער שול, וואו כ׳הער אַלע תפילות און גע־זאַנגען פון דעם יונגן ווילנער שטאָט־חזן גרשון סיראָטע.

ערב יום־כיפּור בין איך געפאָרן צוזאַמען מיט מיין גליד־שוועסטער־קינד, דעם קאַמאַשנשטעפּער יודל וויניסקי, צום ווילנער בית־עולם. דער וועג אַהין איז געווען פול מיט אָרעמע לייט און קאַליקעס, וואָס האָבן גע־וואַרט אויף נדבות. דאָרט זיינען אויך געווען אַ סך חשובע פרויען און מענער, וועלכע זאַמלען פאַר קהלשע אַנשטאַלטן. מיין שוועסטערקינד האָט געגעבן זיין גרעסטע נדבה דער אַלטער דבורה־אסתר, אַ ווילנער פּשוטער

פרוי, מיט אַ ליכטיקן פּנים, וועלכע זאַמלט פאַרן „גמילת־חסד״, וואָס זי האָט אַליין געגרינדעט אויפן שול־הויף, לעבן דער „צדקה־גדולה״, און האַלט אים אויס דורך אירע זאַמלונגען, און דורך איר קלוגער און ערלעכער אָנפירונג.

איך באַניי אין ווילנע מיין באַקאַנטשאַפט מיטן בלינדן זייגערמאַכער, ניסן גרעקנזאָן, דער אַגענט פון העברייאישע ציטונגען. כ׳טרעף זיך ביי אים אין שטוב מיט „חובבי ציון״. זיי דערציילן מיר, אַז ס׳איז לעצטנס געשטאָרבן דער רעדאַקטאָר פון „המליץ״, דער חובב ציון *) צעדערבוים, און זיי ברענגען אַראָפּ קיין ווילנע דעם „מטיף״ מאַסליאַנסקי צו מאַכן אויף אים אַ הספד. דאָס וועט זיין אין דער ווילנער קאָר־שול „טהרת הקודש״, און זיי וועלן מיר געבן אַ בילעט אַהין אַריינצוגיין.

די מערסטע צייט פאַרברענג איך איצט, נאָך די ימים־טובים, אין סטראַשונס ביבליאָטעק, אויף דעם פּאָליש פון ווילנער גרויסער שול, וואו ס׳איז פריער געווען די קאַזיאָנע ישיבה, וואו כ׳האָב אַ פּאָר יאָר געלערנט. איך זיץ דאָרט יעדן טאָג אַרום פיר שעה איבער דעם גרויסן ווערק פון אייזיק הירש וויס: „דור, דור ודורשיו״, די געשיכטע פון תלמוד. איך פאַרצייכן אַלע זיינע הערות (אָנמערקונקען). נאָכדעם זיץ איך שעה׳ן־לאַנג אינעם אַלטן קלויז, וואו כ׳זוך אונטער זיין יעדע ציטאַטע פון דער גמרא, און אַנדערע תלמודישע ספרים, צי עס שטימט גענוי. מיר גייט עס אין לעבן. פרומע לומדים זאָגן מיר, אַז דעם מחברס דערקלערונגען זיינען ניט ריכטיק. זוך איך אונטער זייער שטרענג, צי ער באַווייזט אַלץ, וואָס ער זאָגט.

דער ביבליאָטעקאַר, ר׳ שמואל סטראַשון, אַ פּלימעניק פון איר גרינדער מתתיהו סטראַשון, האָט באַמערקט וואָס איך טו. אים איז דאָס שטאַרק געפעלן. ער איז דאַרום זייער פריינטלעך צו מיר. ער האָט ניט האַלט, זאָגט ער, יענע, וואָס קומען אַהין לייענען העברייאישע ראָמאַנען אָדער סתם מליצות. ווען דער אַלטער אָנגעזעענער משכיל, יהודה בעהאַק, באַזוכט די ביבליאָטעק און וויצלט זיך, וואָס דער עולם דאָרט לייענט דאָס רוב „קליינע ספרים״, אָנשטאָט גמרות, פּוסקים א. ד. גל. אין גרויסן פאַרמאַט, ווייזט אים אָן ר׳ שמואל סטראַשון אויף מיר: אָט איז אַ יינגל, וואָס לייענט אַ „קליינעם״ ספר, אָבער ער לערנט נאָכדעם צוליב דעם אַ סך „גרויסע״ ספרים, — גמרות, מדרשים א. אַז. וו.

ווען איך ענדיק דעם „דור, דור ודורשיו״, נעם איך דאָרט אין סטראַשונס ביבליאָטעק לערנען, אויף דעם זעלביקן אופן, קאַראַאימישע ספרים,

---

*) כ״ו אלול תרנ״ג (7־טן סעפּטעמבער 1893).

און די ענטפערס פון רבנים און גאונים אויף זיי. איך לייען אויך אַט אַזוי די פרייע חקירות פון דר. שלמה רובין און אַנדערע פאָרשער.

כ׳פיל אָבער, אַז דאָס זיינען ניט יענע וויסנשאַפטן, וועלכע כ׳האָב גע־האַט אין זינען. כ׳נעם דעריבער אויך אויף פּראָקאַט, אָדער קויף יעדן נייעם ווערק וועגן נאַטור־וויסנשאַפט און קולטור־געשיכטע, געשריבן אָדער איבערזעצט אין העברייאיש. כ׳הויב אויך אָן לערנען רוסיש אין קאַצע־נעלנבויגנס קלאַסן. איך טראַכט אויך דורכצולערנען, דורך ביכער אין רוסיש, אַלע לימודים, וואָס ווערן געלערנט אין ווילנער רעאַל־גימנאַזיע.

דריטער טייל

איך ווער אַן אַרבעטער

קאַפּיטל ניין און פופציק

ווילנער מייסטערס ווילן מיך ניט לערנען די מלאכה

מיינע פלענער צו לערנען וויסנשאַפט שוואַכן ניט אָפּ מיין חשק צו ווערן אַ באַלמעלאָכע. איך באַגעגן אָבער אַ סך שטערונגען: צו־ערשט פון מיינע עלטערן, נאָכדעם — פון די ווילנער מייסטערס. מיין טאַטע־מאַמע זיינען, נאַטירלעך אויסער זיך, וואָס כ׳וויל בעסער זיין אַ באַלמעלאָכע איי־דער אַ רב. ווען דער טאַטע זעט אָבער איין, אַז עס קאָן שוין אַנדערש ניט זיין, טוט ער מיר צוליב און גייט מיט מיר זוכן אַ פּלאַץ ביי די ווילנער מייסטערס פון סטאָלעריי, שניצעריי און טאָקעריי — די מלאכות, וואָס זיינען מיר געפעלן, ווייל מ׳זיצט ניט ביי דער אַרבעט, מ׳שטייט און מ׳באַוועגט זיך; דערצו הערט זיך אין וואַרשטאַט דער ריח פון פעלד און וואַלד.

די ווילנער מייסטערס ווילן אָבער ניט נעמען קיין זיבעצן־יאָריקן ישיבה־בחור פאַר אַ לערן־ייִנגל. עס לוינט זיי בעסער אַריינצוקריגן חדר־ייִנגלעך, וועלכע מ׳קאָן עטלעכע יאָר באַנוצן פאַר אַלערליי שטוב־אַרבעטן, און זיי כּלל ניט לערנען די מלאכה. די מייסטערס פאַרלאַנגען דעריבער אַ היפּשע מטבעה פאַר לערנען מיך די אַרבעט און געבן קעסט. דאָס קאָן ניט און וויל ניט מיין טאַטע. פאַרברענג איך דערווייל מיין צייט אין לער־נען וויסנשאַפטלעכע ווערק. כ׳טו עס בייטאָג אין סטראַשונס ביבליאָטעק, און ביינאַכט — אין אַ קלייזל אויף רודניצקער גאַס, וואו כ׳נעכטיק איבער אַן דעם וויסן פון די גבאים. דאָרט לערנט אַ גאַליציאַנער פּרוש, מיט אַ גרוי־קיילעכדיקער באָרד און מיט אַ נגידיש קיילעכדיק בייכל. ער איז אַ חריף און אַ בקי. איך האַלט פיל פון זיין לומדות און מיר פאַרברענגען אַ היפּש ביסל אין דברי תורה.

מיינע פרענער חברים און תלמידים קאָרעספּאָנדירן מיט מיר. שמואל צינעס שיקט מיר אויך צו אַ געשריבן צייטונגל, מיט עקסטרע נייס פאַר מיר.

איינער פון מיינע ערשטע גוטע פריינט אין פרען, דעם אַלטן שוחטס זון, לעאָן (לייבל) גוטפאַרב, געפינט זיך איצט אין ווילנע. איך דערוויס זיך, אַז ער אַרבעט פאַרן גביר מאַשקע ראָזענסאָן, דער „משוגענער מיסיאָנער". כ׳רייד עס אויס לעאָנען, נאָר ער זעט ניט קיין בייז אין זיין אַרבעט איבער־צושרייבן ראָזענסאָנס כתב־ידן אין אַ שיינער ריינער האַנטשריפט און אין אַ קאָרעקטן העברייאיש. דער אינהאַלט דאָרט, זאָגט לעאָן, אינטערעסירט אים ניט. מיר איז דאָס אָבער פּריקרע און כ׳דערווייטער זיך פון אים.

אַרום דער זעלביקער צייט דערווייטער איך זיך אויך פון מיין אַמאָל־נאָענטסטן ווילנער חבר שמואל ראָזין. ער איז שוין איצט אין זיין צוואַנציקסטן יאָר, און פירט זיך אויף ווי אַ וואויל־האָבנדיקער לעבע־יונג. ער וואַרט מיך אָפּ אויפן גאַניק פון קלייזל און נעמט מיר דערציילן פון זיין לוסטיק לעבן אין די ווילנער קאַפע־שאַנטאַנען. ער פּרואווט מיך איינ־ריידן, כ׳זאָל מיטגיין מיט אים, ווי זיין גאַסט. ער וועט מיר ווייזן, זאָגט ער, ווי אַזוי הנאה צו האָבן פון לעבן. כ׳ענטפער אים מיט פּסוקים פון תנ״ך, דער עיקר פון „משלי", אַז דער דאָזיקער וועג פירט צו זינד און פאַרדאַר־בעניש. כ׳דערצייל אים דערביי, אַז כ׳לערן שוין ניט מער אויף רבנות, נאָר גרייט זיך צו ווערן אַן אַרבעטער, און פאַרנעם זיך דערוויל מיט וויסנ־שאַפטן, וואָס זיינען מיר אַן אַ שיעור ליבער ווי די אַלע תענוגים, פון וועל־כער ער האָט מיר דערציילט.

אַ חוץ תורה און וויסנשאַפט לייען איך לעצטנס ווייניק. כ׳מאַך נאָר אַן אויסנאַם פאַר דעם אַלטן גאַליציאַנער זשורנאַל פון פרייער חקירה — „החלוץ" — און די העברייאישע ראָמאַנען „הדת והחיים" (רעליגיע און לעבן) פון ראובן אָשר ברוידעס און „חטאת נעורים" (יוגנט זינד) פון משה־ליב לילִיענבלום, וואָס זיינען פול מיט לומדות. כ׳קויף אויך אין בוכהאַנדלונג פון יצחק פונק, וועלכער איז מיך שטאַרק מקרב, העפטן פון אהרן בערנשטיינס „ידיעות הטבע" (נאַטור וויסנשאַפטן) און יוליוס ליפּערטס „תולדות השלמת האדם" (קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט), ביידע איבערגעזעצט אין העברייאיש פון דוד פרישמאַן. כ׳נעם אויך אויף פּראַקאַט נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ווערק פון צבי הכהן ראַבינאָוויטש א. ד. גל.

ס׳פאַלט מיר איין אַ געדאַנק זיך אָנצוהויבן לערנען טאָקערײַ ביי מיין טאַטנס גוטן ברודער יאָשטשיק, וועמען כ׳געדענק נאָך, ווי דעם געזונטן בחור „יאָשקע חנה טויבעס".

איך פאָר צו מיינע עלטערן אין דאָרף. כ׳גיי פון דאָרטן אַריבער קיין מיישעגאָלע צו יאָשטשיק דעם טאָקער. כ׳האָב אויך אַ שמועס מיט נאָטע

דעם סטאָליער, צו וועמעס מלאכה כ׳האָב שטאַרק חשק. נאָטע האָלט אָבער, אַז פּאָר אַ לערנער, ווי איך, וואָס האָט ביז איצט געאַרבעט מיטן מוח, וועט אָנקומען גרינגער צו נעמען אַרבעטן צו זיבעצן יאָר פּיזיש, מיטן טאָקערשן דלאָט, ווי מיט דעם סטאָליאַרסקן הובל. ס׳בלייבט ביי מיר דאַרום צו לער־נען ביי יאָשטשיקן טאָקעריי. ער איז מסכים, נאָר ער וויל, אַז מיין טאַטע זאָל אים איינצאָלן צען רובל פאַרן לערנען מיך די מלאכה.

ווינטער, „יום ב׳ פּ׳ משפטים, כ״ב ימים לחודש שבט, שנת תרנ״ד״, מאָנטיק דעם 27־טן יאַנואַר, 1894, שרייבן זיך אונטער מיין טאַטע און יאָשטשיק דער טאָקער ביים רב אין שטוב אויף אַן אָפּמאַך, וואָס איז געשריבן אין לשון קודש און גמרא־לשון. דער דאָזיקער כתב *), וואָס פאַרנעמט לאַנגע 25 שורות, אַרום 300 ווערטער, באַשטייט פון דריי פּונקטן:

א. ר׳ יוסף ב״ר צבי גראַנדזיצקי איז מחויב אויסצולערנען דעם זון פון ר׳ מרדכי ב״ר שאול יהודה מאַרמער, ס׳הייסט, דעם בחור קלמן צבי, זיין מלאכה טאָקעריי, לויט זיין מעגלעכקייט, אין משך פון דריי יאָר. דעם ערשטן יאָר דאַרף ער עסן ביי זיינע עלטערן, די אַנדערע צוויי יאָר ביי ר׳ יוסף ב״ר צבי גראַנדזיצקי.

ב. ר׳ מרדכי ב״ר שאול יהודה איז מחויב איינצוצאָלן צו ר׳ יוסף ב״ר צבי גראַנדזיצקי, די סומע פון צען רובל אין מזומן. ר׳ יוסף איז מחויב אים (ר׳ מרדכיס זון) אַוועקצושטעלן ביים וואַרשטאַט ניט שפּעטער ווי צוויי וואָכן נאָך היינטיקן טאָג.

ג. אויב ר׳ יוסף לערנט ניט אויס דעם בחור קלמן צבי די מלאכה, מוז ער צוריקגעבן די צען רובל. און אויב די מניעה איז פונעם בחור קלמן צבי, איז ר׳ יוסף באַרעכטיקט צו קריגן 25 רובל פאַר זיין טרחה און זיין לימוד.

צום סוף דערקלערן ביידע צדדים, אַז זיי שרייבן זיך אונטער אויף אָט דעם כתב מיט זייער „אייגענעם ווילן״ און „קיינער צווינגט זיי ניט דערצו.״

יאָשטשיק דער טאָקער פירט דורך זיין התחיבות צו שטעלן פאַר מיר אַ וואַרשטאַט זיך צו לערנען די מלאכה. כ׳העלף אַרויס אויך יאָשטשיקן אין די הכנות צום טאָקן: צו זעגן האָלץ אין שייטערס און אַרומטעסען זייערע ברעגעס, מ׳זאָל זיי קאָנען אַריינשטעלן אין טאָקערשן וואַרשטאַט. מיינע הענט זיינען אָבער נאָך ניט געניט צו דער אַרבעט און איך צעקאַ־ליעטשע זיי: אַרומטעסענדיק אַ שייטער האָלץ גיב איך אַ טעסע מיט דער שאַרפער האַק אויף דעם גראָבן פינגער פון מיין לינקער האַנט. כ׳פאַרליר דערביי אַ סך בלוט. נאָר ס׳איז אַריבער מיט חסד. דער שניט וואַקסט צו־

*) ער געפינט זיך איצט אין מיין רשות.

זאַמען, כאָטש ס'וועט, ווי יאַשטשיק זאָגט פאַראויס, בלייבן אַ סימן אויף מיין גאַנץ לעבן...

ווען כ'דאַרף יאַשטשיקן אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט ביי זיין וואַר־שטאַט, נוצט ער אויס די געלעגנהייט מיר צו שטעלן אַלערליי פראַגעס. דעמאָלט ווערט ער דער תלמיד און איך — זיין לערער. יענטע, זיין ווייב, וויל עס ניט ליידן. אי דערפאַר וואָס ער אַרבעט דעמאָלט ניט אַזוי שנעל און אי מחמת מורא, כ'זאָל אים ניט מאַכן פאַר קיין אפיקורס, ווי דאָס ווינצלט זיך יונהקע, לאָזער דעם קצבס, אַ וואויל־לערנער, וואָס קומט אַמאָל אַריין שמועסן מיט מיר וועגן לומדות.

דער אמת אָבער איז, אַז אין יאַשטשיקס מוח לעבן בשלום אמונה און כפירה (גלויבן און אומגלויבן). ער הערט אויס פון מיר די אויסערסטע באַמערקונגען קעגן אמונה און דאַוונט באַלד נאָך דעם מנחה, אָדער בענטשט נאָכן עסן. כ'האָב ניט קיין שום טענות צו אים וועגן דעם. ווארעם איך אַליין דאַוון אויך דריי מאָל אַ טאָג און היט אָפּ אַלע אַנדערע דינים און מנהגים. אמת, כ'בין לעצטנס שטאַרק צעקריגט מיט דעם אויבערשטן און כ'טו אים אָן אַלערליי להכעיסן. קיין זייטיקער מענטש קאָן עס ניט באַמערקן, נאָר פון אים איז דאָך קיין זאַך ניט פאַרבאָרגן, כאָטש ער האָט אָן אייזערנעם געדולד און מאַכט זיך כלל ניט ווויסנדיק דערפון.

אויף די מיישעגאָלער פרומע יידן האָב איך דאָך פאַראיבל פאַרוואָס זיי זיינען ניט אַזוינע „קנאים״ פאַר ייִדישקייט, ווי די פרומאַקעס אין די העברייאישע ראָמאַנען. יענע האָבן שטאַרק רודף געווען יעדן איינעם, וואָס האָט אַרויסגערעדט אַן אפיקורסיש וואָרט, די פרומע יידן אין מיישע־גאָלע קימערן זיך אָבער כלל ניט וועגן אַ צווייטנס ניט־פרומקייט, אָדער אפילו אָפּענער אפיקורסות. זיי האָבן אויך ניט דאַקעגן מ'זאָל מיך אויפ־רופן צו דער תורה אָדער מכבד זיין מיט „הגבה״ און „גלילה״, א. ד. גל. כיבודים ביים דאַוונען.

אַן איבערראַשונג איז פאַר מיר יאַשטשיקס שוועך שמואל „דער באָרד״. ער איז שטאַרק פאַרהאַסט ביים רבס צד. כ'האָב זיך אָנגעהערט אַ סך שלעכטס וועגן אים, איצט זע איך, אַז ער איז אַזאַ פיינער מענטש ווי אַלע אַנדערע האָרעפּאַשנע יידן פון מיישעגאָלע. אָט צו־וואָס מחלוקת ברענגט: רכילות, לשון־הרע, און שקר־בלבולים!

אויף פסח זיינען געקומען פון ווילנע קיין מיישעגאָלע אַ סך געסט. צווישן זיי אויך מיינע אַמאָליקע חברים פון חדר: משהקע שמעון פּאָלאַקס, איצט אַ טאָקער, און יאַשקע חיה פעשעס — אַ שניידער. ביידע זיינען שטאַרק צופרידן, וואָס איך לערן אַ מלאכה. מיר גייען אַרום אַלע דריי אַ סך שפּאַצירן. זיי דערציילן מיר, אַז אין ווילנע זיינען איצט פאַראַן אַ סך אַר־

בעטער, וואָס לייענען גוטע ביכלעך און שטרעבן צו לערנען און וויסן. כ׳גיב זיי איבער, וואָס כ׳האָב געלייענט וועגן נאַטור־וויסנשאַפט און דער קול־טור־געשיכטע פון דער מענטשהייט. איך שילדער פאַר זיי ווי די וועלט איז אַנטשטאַנען, לויט דער נייער וויסנשאַפט, און ווי אַזוי דער מענטש האָט דורכגעמאַכט די לאַנגע אַנטוויקלונג פון חיהשאַפט צו מענטשלעכקייט. זיי זייגען אַנטציקט פון די אַלע נייע ידיעות און באַטראַכטן מיך דערביי פאַר מער ידען (יאַדן, קענער) ווי כ׳בין באמת. זיי שרייבן מיר נאָכדעם בריוו אויסצוגעפינען מיין מיינונג וועגן אַלץ וואָס זיי הערן.

איינמאָל שיקן זיי מיר אַן אויסשניט פון אַן אַמעריקאַנער יידישער צייטונג. דאָרט ווערט דערציילט, אַז מ׳האָט געפונען אין אַ הייל די איינ־געבאַלזאַמירטע קערפּערס פון אַמעריקאַנער יידן פון טויזנט יאָר צוריק. דערביי איז דאָ אין צייטונג אַ בילד פון אַט די יידן מיט לאַנגע בערד און מיט תפילין אויף די קעפּ. כ׳ענטפער באַלד, אַז לויט דער קולטור־געשיכטע קומט ביי מיר אויס, אַז דאָס בילד איז אַ פעלשונג און די גאַנצע מעשה — אַן אויסטראַכטעניש. שפּעטער פרעגן זיי מיך אָן וואָס כ׳דענק וועגן דעם, וואָס די צייטונגען שרייבן אַז די וועלט וועט באַלד ווערן חרוב. ס׳איז אויך אַרויס וועגן דעם אַ בוך אין יידיש מיטן נאָמען „אַ סוף פון דער וועלט״ פון מיכל וועבער.

איך ענטפער זיי, אַז כ׳האַלט די דאָזיקע מיינונגען פאַר ניט ריכטיק. וואָרעם לויט אַלע באַשרייבונגען פון דער וויסנשאַפט איז די ערד מיט אירע פלאַנצונגען און באַשעפענישן כסדר געוואָרן אַלץ בעסער און שענער. דערצו באַוועגט זיך די נאַטור לויט באַשטימטע געזעצן, וואָס האָבן ביז איצט געפירט די וועלט צו מער שלימות, צו פולקאָמענהייט. עס לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז פּלוצלונג וועלן די אַלע געזעצן אויפהערן צו ווירקן און צופעליק וועט אַלץ צעפאַלן.

כ׳שרייב אויך אויס פון ווילנער בוכהאַנדלונג מיכל וועבערס בוך „אַ סוף פון דער וועלט״. כ׳לייען עס דורך גרינטלעך און בלייב דאָך פעסט ביי מיין מיינונג, אַז די וועלט גייט צו בעסער און ניט צו ערגער, און זיכער ניט צום אונטערגאַנג. כ׳האַלט אַז די פאָראויסזאָגונגען פון אונדזערע „נביאים פון אמת און גערעכטיקייט״, אַז „באחרית הימים״, אין דער ווייַ־טער צוקונפט, וועט הערשן אויף דער וועלט „צדק״ (גערעכטיקייט) „דעה״ (וויסן), „שלום״ און „משור״ (גלייכהייט) איז אין איינקלאַנג מיט דעם, וואָס די וויסנשאַפט דערציילט וועגן דער ביז־איצטיקער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער באַשאַפונג.

קאַפּיטל זעכציק

מאָריס ווינטשעווסקיס „אני-מאמינס"

מיינע חברים יאָשקע דער שניידער און משהקע דער טאָקער, וועלכע האָבן מיר דערציילט, אַז די יידישע אַרבעטער אין ווילנע לייענען איצט (אין 1894) גוטע ביכלעך, שיקן מיר צו איינס אַזאַ. זיי שרייבן מיר, אַז דאָס איז אַ „זאַגראַניטשנע בראָשורקע" (אויסלענדיש ביכל), געשריבן פון אַ לאָנדאָנער יידישן אַרבעטער. כ׳זאָל עס דורכלייענען און שרייבן זיי מיין מיינונג וועגן דעם.

דאָס אויסלענדישע ביכל האָט צוויי נעמען: אַ העברייאישן — „יהי אור" (ס׳זאָל ווערן ליכטיק)! און אַ יידישן — „אַ פאַרקערטע וועלט". זיין מחבר, דער לאָנדאָנער אַרבעטער, הייסט מאָריס (אַזוי ווי מיין דאָרטיקער פעטער יאַנקל-משה דער סטאָליער). זיין פאַמיליע איז ווינטשעווסקי. דאָס ביכל הויבט זיך אָן מיט נייע דרייצן „אני מאמינס", אין לשון-קודש. זיי לייען איך טאָקע דורך צום אַלעם ערשטן. כ׳לערן זיי אויך אויס אויף אויסוויניק. וואָס ווייטער געפין איך אין זיי אַלץ מער ווערטער און געדאַנקען פון די נביאים. זיי דערמאָנען מיר אויך פסוקים פון תהילים קעגן די רייכע, וואָס לעבן פון בלוט און טרערן פון די אָרעמע. די דערציילונג אין יידיש איז מיר נאָך ניט געגנוג פאַרשטענדלעך. די גרעסטע בעל-עוולות זיינען פאַר מיר נאָך אַלץ די פּריצים, פּראָצענטניקעס, פאַלשע ריכטער און זייער גלייכן, פּונקט אַזוי ווי אין די צייטן פון די נביאים. די באַלמעלאָכישע באַלעבאַטים, די „מייסטערס", וועלכע לעבן אויפן חשבון פון זייערע אַרבעטער, און ווערן רייכע פאַבריקאַנטן, זיינען מיר נאָך ווייניק באַקאַנט. מיר געפעלן אָבער דאָרט, אין מאָריסעס ביכל, די פּלענער צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער אין פאַבריק און שאַפּ, און איינצופירן פאַר זיי אַ וועלט פון יושר און אחדות, אַנשטאָט די „פאַרקערטע וועלט" אין וועלכער זיי קומען איצט אָפּ.

יאָשקע חיה-פּעשעס, דער שניידער, און משהקע שמעון פאַלאַקס, דער טאָקער, פאַרלאַנגען דורכאויס כ׳זאָל קומען צו זיי צוגאַסט. זיי ווילן, כ׳זאָל זיך טרעפן מיט זייערע נאָענטע פריינט אין ווילנע, וועלכע לייענען מיינע בריוו און זיינען גערן זיך צו באַקענען מיט מיר פּערזענלעך.

אין ווילנע געפין איך אויס, אַז יאָשקע אַרבעט ניט מער ביי קיין מייס־טער. ער אַרבעט פאַר זיך צוזאַמען מיט ירמיה לייבן. זיי וואוינען ביידע צוזאַמען און איך שטיי איין ביי זיי. קיין ווילנער שניידער-באַלעבאָס נעמט זיי ניט צו דער אַרבעט, וואָרעם ירמיה לייב איז געווען דער אָנפירער פון סטאַטשקע (סטרייק) פון די ווילנער שניידער-אַרבעטער קעגן זייערע באַ־

לעבאַטים, און יאַשקע — איינער פון די איבערגעגעבענע „סטאַטשקעניקעס״ (סטרייקערס).

כ׳טרעף זיך אויף זייער קוואַרטיר מיט אַ סך אַרבעטער און אַרבעטערקעס פון פאַרשיידענע פאַכן. די שניידער, „אברהמעלע״, דוד „דער נאַז״, יאַשקע „דער קליינער״ (צום אונטערשייד פון זיין עלטער־שוועסטער־קינד, יאַשקע, מיין חבר); משהקע דער טאָקער, ירמיה לייבס שוועסטער, פרומל און הענע, די נייטאָרינס; חנהלע קאַנוועדטניצע, אַ גוטע טייערע נשמה, וועלכע גיט זיך אויך אָפּ מיט וואוילטעטיקייט, צו העלפן פערזענלעך קראַנקע און אָרעמע; מענדל דער איינבינדער, דער בריסקער א. אַז. וו. און דער עלטסטער צווישן זיי, הלל דער לאזורניק *) מיטן ליכטיקן גוטמוטיקן פנים, לאַנגע בלאָנדע וואָנצעס און בלויע פינגער.

ירמיה לייב רעדט ניט פיל. דאָך גיט ער מיר איבער אַ סך איינצלהייטן פון דער ערשטער גרויסער סטאַטשקע אין ווילנע, וואָס די שניידער־אַרבעטער האָבן דורכגעפירט, זייער שווערן לעבן און דעם ביטערן קאַמף קעגן זייער סטאַטשקע. פון זיינע רייד ווערט מיר אַביסל קלערער דאָס ביכל וועגן די לאָנדאָנער אַרבעטער.

אויף דער קוואַרטיר פון יאַשקען און ירמיה לייבן זיינען אַלע זייער פריינטלעך צו מיר, באַזונדערס הלל. דאָך טרעט איך אַרויס שאַרף קעגן זיי, ווען כ׳האַלט, אַז זיי ווילן טאָן עפּעס ניט יושרדיקס. למשל, זיי קויפן אַ קאַלבאַס און ווילן עס צעשניידן מיט דעם כשרן מעסער פון דער באַלעבאַסטע פון שטוב, ווען זי איז ניט געווען אין דער היים. איך זאָג זיי, אַז דאָס איז אַ אומרעכט קעגן איר. ענטפערן זיי מיר: „אַזוי ווי זי ווייס ניט, וועט איר דאָס ניט שאַדן״. באַמערק איך דערצו, אַז קיינער קאָן ניט זיין זיכער, אַז זי וועט זיך דאָס קיינמאָל ניט דערוויסן. ס׳איז אָבער ניטאָ דער מינדסטער ספק, אַז אין פאַל זי וועט עס אויסגעפינען, וועט זי שטאַרק ליידן דערפון. זיי זיינען ניט מסכים מיט מיר, דאָך טוען זיי מיר צוליב און באַנוצן זיך ניט מיט איר מעסער.

פאַר מיין אָפּפאָרן צוריק צו יאַשטשיק דעם טאָקער קויף איך אין ווילנע אַ פּאָר יום־טוב־בלעטלעך פון י. ל. פּרץ, „ר׳ שלמה״ פון דוד פינסקי, און „אַ וועלט מיט וועלטעלעך״ פון בן־אריה.

דעם לעצטן ביכל גיב איך תיכף איבערלייענען מיין באַלעבאַס דעם טאָקער. נאָכדעם גיב איך עס צו צענדליקער אַנדערע מיישעגאָלער יידן, אפילו צו די עלטערע מענטשן. איך שמועס אויך פערזענלעך מיט זיי איבער דער נייער שיטה וועגן דער באַוועגונג פון זון און ערד, שטערן און פלאַנעטן. יאַשטשיק דער טאָקער און אַלע אַנדערע, וואָס זיינען שוין געוואָרן אַביסל

---

*) הלל כץ—בלום.

אויפגעקלערט פון בן־אריהס „אַ וועלט מיט וועלטעלעך" גיב איך לייענען דוד פינסקיס „ר' שלמה". קיינער פון זיי פּרוּווט אָבער ניט גיין אין ר' שלמהס וועגן. זיי קאָנען עס אויך ניט טאָן אין זייער קליינעם שטעטל, וואו אַלץ איז אַנדערש ווי ס'איז אין פּינסקיס דערציילונג. אויף מיר פערזענלעך מאַכט אָבער דוד פּינסקיס „ר' שלמה" אַ שטאַרקן רושם.

מיין טאַטע איז לעצטנס כסדר שווער פאַרהאַרעוועט. ער לייענט ניט מער קיין ראָמאַנען און דערציילונגען, נאָר זאָגט אויף אויסווייניק תהילים; שבת לערנט ער, ווי אַמאָל תנ"ך און „עין יעקב" אין בית־מדרש. איינמאָל האָט ער דערזען אין שטוב פּרצעס יום־טוב־בלעטל „גרינס אויף שבועות" און דורכגעלייענט אַ פּאָר זאַכן. ער זאָגט מיר נאָכדעם אָן, ניט צו ברענגען מער אַזוינס אין שטוב. ער באַמערקט דערצו:

— דיינע נייע רביים גלויבן, אַז מיין יידישקייט איז אַ צו שווער פּעקל פאַר מיר. זיי ווילן מיר גרינגער מאַכן דעם יאָך. מוחל! פאַר מיר איז יידישקייט ניט קיין עול (אָל), נאָר אַ תענוג, און וואָס מער אַלץ בעסער.

מיין באָבעס אויגן דינען איר ניט מער ווי אַמאָל. זיי זיינען קאַליע געוואָרן צוליב איר דאָקטאָריע. פּאַסירט האָט דאָס אַזוי:

לעצטן ווינטער איז אין אַ פּראָסטיקן ווינטיקן טאָג צוגעפאָרן אַ פויער צו איר דירה. ער דערציילט איר, מיט אַ געוויין, אַז זיין וויב גייט שווער צו קינד. די דאָרפישע „באַבולקעס" ווייסן ניט מער, וואָס צו טאָן מיט איר. ניט געקוקט אויף פראָסט און ווינט, אויף דער מוראדיקער זאַווערוכע, זאָגט זיך ניט אָפּ די גרייז־גרויע באָבע צו פאָרן ראַטעווען די פויערשע פרוי. באַלד ווי די באָבע קומט אָן אין וויטן דאָרף, הייסט זי די „באַבולקעס" תיכף אויפקאָכן הייסע וואַסער און הויבט אָן אַרומפּאַדען אַרום דער שווער־צו־קינד־גייענדיקער פרוי. די שווערע אַרבעט אַרום דער קימפּעטאָרין, אָפּצונעמען ביי איר דאָס קינד, און דער שטיקנדיקער רויך אין דער פויערשער כאַטע, מאַכן דער באָבען שטאַרק מיד. זי גייט אַרויס אין דרויסן כאַפּן אַביסל פרישע לופט. נאָר די זאַווערוכע גיט איר תיכף אַ שטאַרקן זעץ אין פּנים, און ס'ווערט איר טונקל אין די אויגן. דער דאַנקבאַרער דערשראָקענער פויער ברענגט זי צוריק אין שטעטל אַ האַלב בלינדע.

די באָבע דבורה פאַרט קיין ווילנע זיך היילן ביים אויגן־דאָקטאָר ראָם, פון דער משפּחה פון איר יוגנט־חברטע דבורהלע ראָם, פון דרוק און פאַרלאַג „די אלמנה און ברידער ראָם". דר. ראָם באַשטעלט פאַר איר דעם באַדייטנדיקסטן אויגן־ספּעציאַליסט אין ווילנע, אַ פּוילישן פּראָפעסאָר. יענער מאַכט איר אָן אָפּעראַציע פריער אויף איין אויג און נאָכדעם אויפן צווייטן. זי הויבט ווידער אָן זען גענוג צו היילן אירע חלאים, אָבער ניט מער אויף צו לייענען ביכער. איך קום אָפּט צו איר אין דירה, וואו די באָבע

מיטן זיידן וואוינען. ווען כ׳קום אַהין, זעץ איך זיך אַוועק אויף אַ פוס־בענקל לעבן דער באָבען און לייען פאַר איר דערצולונגען און ראָמאַנען (דעם טייטש־חומש, ווי סידור, תהילים, „מנורת המאור" א. ד. גל. קען זי אויסווייניק.

אַזוי ווי אַמאָל, קימערט אויך איצט ניט דער באָבען, אויב אַ דערציי־לונג אָדער אַ ראָמאַן קריטיקירט שאַרף דינים און מנהגים, וועלכע זי היט שטרענג אָפּ. ווען כ׳האָב איר באַמערקט, אַז די דערציילונג „דער יידישער ערב פסח" לאַכט אויס די פרומע יידן, האָט זי רואיק מיר געענטפערט, אַז די בילדער וואָס דער פאַרפאַסער שילדערט דאָרט, זיינען עכטע. זיין דערציילונג איז דעריבער ווערט צו לייענען. ניט געפעלן איז איר נאָר דאָס, וואָס אַ סך היינטמאָדישע סקיצן האָבן, ווי זי זאָגט, ניט קיין אָנהויב און ניט קיין סוף, זי באַטראַכט זיי טאַקע פאַר ניט קיין פולקאָמענע אַרבעט.

הירשקע דער בן־יחיד פון לייזער־חיים דעם קרעמער, איז יינגער פון מיר. דערצו איז ער נאָך ווייט הינטערשטעליק אין לערנען. פונדעסט־וועגן חבר איך זיך אַמאָל מיט אים. איך טו דאָס צוליב מיין רעספּעקט פאַר זיין גוטהאַרציקער מאַמען. אַז עס קומט צו זיי אַן אורח, אַ בן־תורה, ווי, לעצטנס, דער וואַשילישקער ישיבה־בחורשער בעל־מקובל נחמיה, וועל־כער איז געוואָרן אַ „פּיעכאָטנער" (צופוס־גייענדיקער) מגיד, וואַשט זי און פאַרלאַטעט זיינע וועש, און באַזאָרגט אים אויך מיט אַנדערע נויטיקייטן. ווען מ׳דערציילט מיר, אַז דער רב, ביי וועמען הירשקע לערנט, וואָרנט זיין טאַטן אים ניט צו לאָזן קומען צו מיר, ווייל כ׳וועל אים אַראָפּפירן פון גלייכן וועג, פאַרדריסט עס מיר. ער ווייס דאָך דער רב, אַז מיט אַזוינע צוריקגעשטאַנענע יינגלעך רייד איך קיינמאָל ניט וועגן גייסטיקע ענינים. כ׳רוף דעריבער אַרויס דעם רב אויף אַ וויכוח, ביי אים אין שטוב, צי מ׳קאָן דערקלערן אמונה מיטן שכל. ווי אַ ביישפּיל זאָלן מיר נעמען דעם רמב"מס י"ג עיקרים (דרייצן אַני־מאמינס), ווייל פון אַזאַ פילאָסאָף מעג מען פאַר־לאַנגען, אַז מ׳זאָל זיי קאָנען דערקלערן לויטן שכל און ניט פאָדערן קיין בלינדן גלויבן.

דער רב טוט מיר אָפּ אַ שטוקע: ער פאַרבעט צום וויכוח מיין טאַטן. דאָס שטערט מיר אין ריידן. כ׳וויל דאָך ניט באַליידיקן מיין טאַטנס רע־ליגיעזע געפילן, הגם כ׳האָב באַלד ביים אָנהויב דערמאָנט דעם רמב"מס אייגענע ווערטער, אַז מ׳דאַרף דערקלערן די תורה על־פי שכל און לאָגיק. כ׳האָב דעריבער געפּאָדערט פון רב אַנצואווייזן דעם שכל פון יעדן „אַני מאמין" און אים ניט געלאָזט זיך אַרויסדרייען מיטן תירוץ, אַז מיינע פראַ־געס זיינען קעגן אמונה.

מיין קלוגער טאַטע האָט דאָך פאַרשטאַנען, אַז כ׳בין שוין ווייט אַוועק

פון יענער יידישקייט, אין וועלכער ער האָט מיך דערצויגן. ער האָט אָבער אויך איינגעזען די באַגרענעצטקייט פונעם רבס וויסן. ס'האָט דעם רב ווייניק געהאָלפן, וואָס ער האָט ביי אונדזער וויכוח געהאַט די מיטהילף פון מיין אַמאָליקן פריינט, דעם אָרעם־בחור ר' טוביה, וועלכער פלעגט פאַר מיר שרייבן בריוו אינעם שטעטל יאַנישאָק. ר' טוביה האָט זיך טאַקע גע־וואונדערט, פון וואַנען קומט אַזוי פיל קוראַזש צו אַ בחורל, וואָס קאָן ניט שרייבן קיין מליצה?

פון ווילנע פאַרוואָרפן מיך מיינע חברים מיט בריוו, כ'זאָל אַהין קומען שוין צו פאַרבלייבן. איך דערצייל עס ניט מיין טאַטן און ניט יאַשטשיק דעם טאָקער, איך מאַך נאָר די נויטיקע הכנות עס דורכצופירן.

זינט כ'בין געווען צו גאַסט ביי מיינע אַרבעטער־חברים, וועלכע גייען אַלע קורץ געקליידעט, שעם איך זיך צו קומען צוריק קיין ווילנע אין לאַנגע ישיבה־בחורשע מלבושים, כאָטש מיינע חברים האָבן מיר וועגן דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט. איך וויל דעריבער געבן אַ שניידער איבערניצעווען מיינע לאַנגע מלבושים אויף קורצע. מיין טאַטע איז קעגן דעם. ער זאָגט מיר: גיי ליבער אָנגעטאָן, ווי אַלע ערלעכע יידן... ער האַלט אויך, אַז לאַנגע מלבושים גיבן אַ מענטשן מער חשיבות. ווענד איך זיך נאָך הילף צו דער באָבען. זי איז מסכים, אַז כ'דאַרף גיין אָנגעטאָן ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער, און זי פועלט דאָס אויך ביי מיין טאַטן.

סוף זומער 1894 פאָר איך אַוועק קיין ווילנע צו פאַרבלייבן דאָרט אַר־בעטן. יאַשטשיק דער טאָקער לאָזט מיר וויסן, אַז ער פאַרשטייט די סיבה. כ'זאָל דעריבער ניט זיין אומרואיק וועגן דעם „כתב". ער האַלט עס פאַר „בטל ומבוטל" און וועט גאָרניט מאָנען ביי מיין טאַטן.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

אַ טעות אין חשבון

מיינע ווילנער חברים האָבן געמאַכט אַ טעות אין חשבון. זיי האָבן גערעכנט, אַז ווי באַלד איך קאָן שוין אַביסל טאָקעריי, וועל איך תיכף קריגן אַ פּלאַץ אין ווילנע, וואו צו פאַרענדיקן מיין טערמין פון אַ לערן־ייִנגל. דאָס דאַרף נעמען געוויס צייט. גיב איך זיך אָפּ דערוויַיל מיט לערנען אַנ־דערע. כ'לערן מיט גרופּעס יונגע אַרבעטער נאַטור־וויסנשאַפט און קול־טור־געשיכטע, וואָס כ'האָב געלייענט אין ביכער. איך רייד אויך מיט זיי וועגן אמת, יושר און אחדות, וואָס איך האָב געלערנט ביי די נביאים. איך

לערן איצט פון דאָסניי דעם תנ"ך. באַזונדערס — די נביאים, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן לעבן אויף פרעמדער פראַצע און קעגן יעדער אַנדער אומגע־רעכטיקייט. וואָס מער איך פאַרטיף זיך אין תנ"ך, אַלץ קלאָרער זע איך אַ שייכות צווישן די נביאים פון אַמאָל און די סטאַטשקעניקעס פון היינט. איך בין דעריבער צופרידן זיך אָפּצוגעבן מיט אויפקלערן די אַרבעטער: וואָס איז אמת אין דער נאַטור, און וואָס איז גערעכטיקייט צווישן מענטשן. איך ווי וויכטיק עס איז, אַז מענטשן זאָלן לעבן אין אחדות, ווי גוטע קינ־דער פון איין טאַטע־מאַמע.

יעדן אָוונט בין איך פאַרנומען ביז שפּעט מיט לערנען און אויפקלערן אַרבעטער. איך נעכטיק דעריבער ניט ביי מיינע קרובים, נאָר אויף אַן אַרבעטער־קוואַרטיר. עטלעכע נעכט האָב איך גענעכטיקט אינעם אַרבעטס־צימער פון ירמיה־ליב דעם שניידערס שוועסטער פרומל און העניע, ניי־טאָרקעס, וועלכע אַרבעטן פאַר זיך. איין פרימאָרגן טרעף איך אָבער אינעם פאָדער־צימער אַרבעטן אַן אַלטן קירזשנער. ער זאָגט מיר, אַז ס'איז ניט „סטאַטעטשנע" פאַר אַ יינגל צו נעכטיקן אין אַ מיידלשער דירה, קום איך אַהין ניט מער. נעכטיק איך איצט אויף אַ קוואַרטיר אויפן וועג פון זאַוואַל־נער גאַס צו נאַוויגאַראַד. די אַרבעטער דאָרט, אַלע יונגע, זיינען, קענטיק, אויפגעקלערטע. פון זייערע שמועסן צווישן זיך ווער איך געוואָר, אַז לעצטנס איז פאָרגעקומען אין ווילנע אַ גרויסע לוויה פאַר אַ יונגען אַרבע־טער, אַ זעצער, סווערדלאָוו. זיי דערמאָנען אים כסדר מיט ליבשאַפט. אין איין זייט פון היפשן צימער ליגן אויף סיעניקעס אויף דער פאָדלאָגע אַ גרופּע יינגלעך. אין דער צווייטער זייט צימער זיצן צוויי מיידלעך אויף אַ בעט, אָדער אַ קאַנאַפּע. ווען זיי ווילן זיך אויסטאָן, אָדער אָנטאָן, הייסן זיי די יינגלעך זיך אומקערן מיט די פּנימער צו דער וואַנט, אָדער אַרויס־גיין אין קאָרידאָר.

מ'זאָגט מיר, אַז בייטאָג, ווען קיינער איז ניטאָ אין צימער, און די טיר איז פאַרשלאָסן, קאָן איך אַריינגיין דורך דער קראָם אויף דער אַנדער זייט שטוב. איך פּרואוו עס טאָן און האָב נאָר בזיונות און האַרץ־עסעניש. די פאַרקויפערין אין קראָם, אַ טאָכטער פון מיישעגאָלער חזן, פרעגט מיך וואָס איך ווינטש? זי גייט פרעגן דער מאַדאַם. יענע דערלויבט מיר ניט דורכצוגיין. זי דערצייליט עס אויך, קענטיק, מיין טאַטן. ער מיינט, אַז איך געפין זיך אין אַ סכנה. ער האָט דערפון אַ סך צער, און וואָרנט מיך:

— די „מלכותא דרקיע" (הימלשע מלוכה) איז „מלא רחמים" (פול רחמנות) אפילו אויף די וועלכע זינדיקן קעגן איר. די „מלכותא דארעא" (ערדישע מלוכה), אָבער, משפט מיטן „מידת הדין" (האַרבן געזעץ) און די וואָס טרעטן אַרויס קעגן איר, פאַרשיקט זי אויף קאַטאָרגע, אין סיביר, אָדער ברענגט זיי אום אויף דער תליה.

***

אברהמעלע דער שניידער לאָזט מיר וויסן, אַז אַ יונגערמאַן וויל זיך מיט מיר דורכריידן וועגן אַ וויכטיקן ענין. כ׳זאָל אים אָפּוואַרטן פּאַרנאַכט, לינקס פון פּאָליש פון דער ווילנער גרויסער שול, לעבן דער אַמאָליקער קונע. דער יונגערמאַן — אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ טונקל־בלאַסן פּנים און אַ קורץ שוואַרץ בערדל, שלאָגט פאָר מיר זאָלן צום אַלעם ערשט מאַכן אַ שפּאַציר אויף דער דייטשישער גאַס. דערביי שטעלט ער מיר אַ סך פראַגעס: צו וועלכער אָרגאַניזאַציע איך געהער? ווער האָט מיך באַ־שטימט צו לערנען מיט גרופּעס אַרבעטער? וואָס זיינען מיינע טעאָריעס.

איך דערצייל אים, אַז אונטער דער השפּעה פון תנ״ך און תלמוד בין איך געקומען צום געדאַנק צו לעבן פון „יגיע כפּים״, פון אייגענער פּראַצע; אַז די זעלביקע גייסטיקע כוחות באַוועגן מיך איצט צו לערנען די אַרבעטער וועגן אמת, יושר און אחדות, וואָס כ׳האָב געלערנט און לערן, ביי די אַמאָ־ליקע יידישע נביאים. דער יונגערמאַן שמייכלט גוטמוטיק און הויבט מיך אָן אויספרעגן וועגן נאַטור־וויסנשאַפט? ער פרעגט מיך וועגן אַטאָמען און מאָלעקולן, ווייסע און רויטע בלוט־קייקעלעך א. ד. גל. ער זאָגט מיר נאָכדעם, אַז איך טו גוט, וואָס איך באַנוץ מיין וויסן און מיין כוח הדיבור אויפצוקלערן די אַרבעטער. כ׳קאָן אָבער אויפטאָן אַ סך מער, ווען כ׳זאָל האָבן די מיטהילף פון אַן אָרגאַניזאַציע. ער עצהט מיר באַלד אַריינצו־טרעטן אין אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואו ער וועט מיך רעקאָמענדירן פאַר אַ מיטגליד.

מ׳טיילט מיר נאָכדעם מיט, אַז „מאַקס דער לערער״ (אויך אָנגערופן „מאַקס דער שוואַרצער״) האָט מיך פאָרגעשלאָגן פאַר אַ מיטגליד אין דער געהיימער אונטערערדישער גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן; אַז די גרופּע האָט מיך אָנגענומען און אויך באַשטימט פאַר אַ רעגולערן פאָרליי־ענער ביי די שבתדיקע פאַרלעזונגען פאַר קרייזלעך פון מאַסאָווע אַרבע־טער. מ׳גיט מיר פאַרלייענען געשריבענע בראָשורקעס: „דער אַרבעטס־טאָג״, „די שכירות״, „וואָס איז מזל?״ א. אַז. וו. די בראָשורקעס זיינען געוויינלעך איבערגעשריבן מיט איין האַנטשריפט. כ׳לייען זיי פאַר שבת אינדערפרי, אין צייט פון דאַוונען, אָדער שבת ביינאַג נאָכן קוגל, אין אַ קוואַרטיר, אויף אַ בוידעם, אָדער אין אַ גאָרטן, אויפן הויף.

עטלעכע פון מיינע צוהערער זאָגן מיר, אַז די בראָשורקע „שכירות״ האָט שוין פאַר זיי געלייענט „חיים־יאַנקל דער הינקעדיקער מגיד*). נאָר ער פלעגט האַלטן אַ „דרשה״ אויף יעדער שורה. דאָס וואָס כ׳לייען איבער מיט זיי אין אַ שבת, פלעגט זיך ציען ביי אים חדשים.

---

*) א. ליטוואַק.

די בראָשורקע „וואָס איז מזל?" איז געשריבן גאָר פּשוט, מיט ביי־שפּילן פון דעם לעבן פון די אויפגעקומענע נגידים. באַזונדערס איז דאָרט ברייט באַשריבן דער גוט־באַקאַנטער ווילנער באַנקיר און כלל־טוער ישראל בונימאָוויטש. איין בראָשורקע האָב איך אויסגעבראַקירט מיט דער טענה, אַז די טעמע איז ניט אינטערעסאַנט פאַר יידישע אַרבעטער. דאָרט איז געווען באַשריבן, ווי אַזוי דער אייזנבאַן־מיניסטער, קריוואָשעאין, האָט באַשווינדלט קאזנא (די מלוכה). כ׳האָב געזאָגט:

— די יידישע אַרבעטער האַלטן יעדן צאַרישן טשינאָווניק פאַר אַ גנב און אַ כאַבאַרניק. ווען מ׳זאָל זיי קאָנען דערציילן פון איינעם אַזאַ, וואָס האָט ניט געגנבעט און ניט גענומען קיין כאַבאַר, וואָלט עס פאַר זיי געווען אַ חידוש. אָבער אַזאַ וואָס גנבעט און גזלט איז דאָך דאָס פון די „מעשים בכל יום" (טעגלעכע געשעענישן).

אַנשטאָט דער געשריבענער בראָשורקע האָב איך געלייענט און דער־קלערט י. ל. פּרצעס אַ יום־טוב־בלעטל. כ׳האָב געהערט, אַז כ׳וועל קריגן אַן אויסרייד פאַר אויסבראַקירן אַ בראָשורקע צוגעשטעלט פונעם קאָמיטעט. אַנשטאָט דעם, אָבער, האָט מען גאָר באַשטימט כ׳זאָל מיטטיילן פאַראויס, וואָס כ׳האַלט פאַר מער אינטערעסאַנט פאַרצולייענען פאַר מיינע קרייזלעך. מ׳האָט עס געטאָן, מעגלעך, דערפאַר, ווייל די צוהערער זיינען געווען שטאַרק צופרידן פונעם „יום־טוב־בלעטל" און האָבן צו דער קומענדיקער שבת־דיקער פאַרלעזונג געבראַכט אַ סך פון זייערע באַקאַנטע אַרבעטער.

אַחוץ פאַרלייענען בראָשורקעס, שיקט מען מיך אויך אַרום העלפן אַריינ־נעמען נייע מיטגלידער אין די „קאַסעס" (פאַך־פאַראיינען, יוניאָנס). באַ־זונדערס ווענדט מען זיך צו מיר, ווען אַ יונגער אַרבעטער וויל ניט אַריינ־טרעטן אין דער קאַסע פון זיין פאַך צוליב דעם, וואָס ער האָט מורא, אַז ס׳איז קעגן דער אמונה: ס׳הייסט אַז ער פאַרלאָזט זיך ניט מער אויף דעם אוי־בערשטן. געוויינלעך דערקלער איך יענעם, וואָס די גמרא זאָגט וועגן דעם פּסוק „וברכתיך בכל אשר תעשה", אַז דער אויבערשטער וועט בענטשן אַליץ, וואָס דו וועסט טאָן; מ׳קאָן אָבער ניט דערוואַרטן זיין ברכה, ווען מ׳טוט אַליין גאָרניט. שווערער קומט מיר אָן איבערצורעדן דעם וואָס וויל ניט געהערן אין איין אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט די „פילאָסאָפן" און „סאָצע־ליסטן" אין די „קיילעכדיקע היטעלעך" (אָן קאַזיראַקעס), וואָס דאַוונען ניט און טראָגן שטעקעלעך און רויכערן אום שבת.

אַזאַ אַרבעטער דערצייל איך איבער די מעשה פון דער גמרא וועגן דעם „גוי", וואָס איז געקומען צום באַרימטן הלל, מיט דעם פאָרשלאָג זיך מגייר (מעגאַיער) צו זיין, אויב ער (הלל) וועט אים דערקלערן די גאַנצע יידישע תורה אויף איין פוס. הלל דערקלערט, אַז דער עיקר פון דער תורה זיינען די דריי ווערטער: „ואָהבת לרעך כמוך" — ליב יענעם ווי זיך, וואָס דאָס

מיינט: טו ניט יענעם, וואָס דו ווילסט ניט מ׳זאָל דיר טאָן. דער וואָס טראָגט אַ שטעקן אום שבת טוט ניט קיינעם קיין בייז. ער זינדיקט נאָר קעגן דעם אויבערשטן, וועלכער נויטיקט זיך ניט אין סטראַפּטשעס אָנצונעמען זיך זיין קריוודע. נאָר דער, וואָס שלאָגט דעם צווייטן מיט אַ שטעקן, אָדער באַרויבט אים, זינדיקט „בין אָדם לחברו״ (צווישן מענטש און מענטש), דאָס הייסט קעגן דעם סאַמע עיקר פון דער תורה. אַזוינע זינד ווערן ניט פאַרגעבן דורך פאַסטן יום כיפור און ענלעכע תשובות. יענע זינדער מוזן צוערשט אי־בערבעטן און היילן די געשלאָגענע, אומקערן דעם רויב צום באַרויבטן און באַצאָלן דעם פולן ווערט פון צווייטנס אַרבעט.

מיט אַזוינע און ענלעכע דערקלערונגען קריג איך אויך אַריין פאַר אַ מיטגליד אין דער טאָקערשער קאַסע, וועמעס גרינדער און אָנפירער איך ביז, דעם יינגערן פון די צוויי ברידער בעהאַק, די זין פון אַן אויפזעער און מצבה־קריצער אויפן ווילנער בית־עולם. עטלעכע טעג האָבן מיר אַרומגעשפּאַצירט אין באָטאַנישן גאָרטן און זיך געאַמפּערט וועגן דעם, ביז ער האָט איינגע־שטימט צו ווערן אַ מיטגליד. זיין עלטערן ברודער, ביניאַמקען *) האָט אַריינ־געצומען אַן אַנדערער.

די געשריבענע בראָשורקעס קריג איך נאָר אויף פאַרצולייענען אין די קרייזלעך. פאַר מיר אַליין צו לייענען גיט מען מיר געדרוקטע אויסלענדישע ביכלעך און זשורנאַלן. כ׳קריג זיי ביים שניידער מענדל, מיטן צונעמעניש „מענדל דער געלער״. ביי אים אין שטוב, וואו ער אַרבעט פאַר זיך, קאָן איך איבערלייענען און אַמאָל אויך מיטנעמען אויף עטלעכע טעג אַלערליי אומלעגאַלע ליטעראַטור. כ׳האָב שוין אויך דורכגעלייענט דיקשטיינס „פון וואָס איינער לעבט״, פייגענבוימס „די גאולה״ און „ווי קומט אַ ייד צו סאָצי־אַליזם״, ווינטשעווסקיס „יהי אור!״ אָדער אַ פאַרקערטע וועלט״. איך לייען אויך אַרטיקלען אין די זשורנאַלן „פרייע וועלט״ פון לאָנדאָן, און „צוקונפט״ פון ניו־יאָרק. כ׳האָב שוין אויך געלערנט וועגן קאַרל מאַרקס׳ טעאָריע פון „מער־ווערט״ און פערדינאַנד לאַסאַלס טעאָריע פון „אייזערנעם געזעץ״.

ווען מיר האָבן אָנגעהויבןריידן וועגן גרינדן אַ טאָקערשע קאַסע, האָבן מיינע חברים מיר געראָטן איך זאָל זיך דערווייל שטעלן אַרבעטן ביי אַ טאָקער־מייסטער מיטן נאָמען ר׳ פּנחסל. יענער נעמט מיך אַריין, אָבער ניט אויף קיין טערמין. ער לערנט מיך ניט די מלאכה, נאָר לאָזט מיך שטיין גאַנצע טעג מיט אַ פלעשל פּאָליטור און פּאָליר־פּיסלעך פון טישן און שטולן, וואָס די סטאָליאַרעס באַשטעלן אין דער טאָקאַרניע אויף יאַטקעווער גאַס.

ביינאַכט, ווען די וואָך־אַרבעטער גייען אַוועק אַהיים, און מיר ביידע, דער קליינער לערן־יינגל און איך, בלייבן אַליין צווישן די וואַרשטאַטן,

---

*) ב. זאַלמענאָוויטש, אַמעריקאַנער יוניאָן־טוער און צייטונג־שרייבער.

שפּרייטן מיר אויס אַ זאַק מיטן צוקאָפּן צו דער וואַנט און לייגן זיך דאָרט שלאָפן. מיין יונגער שכן באַמערקט, אַז כ׳בין ניט גאָר צופרידן, מוסרט ער מיך אויס. דערביי דערציילט ער מיר, אַז ביי אים אין דערהיים האָט ער גע־ליטן הונגער, בעת דאָ קריגט ער עסן צוזאַט.

אינדערוואָכן גיט אונדז די באַלעבאָסטע דאָס עסן אויף אַ טישל צווישן די פּאַרטיקע אַרבעטן, וואָס איך פּאַליר. פרייטיק־צו־נאַכט און שבת עסן מיר צוזאַמען מיט דעם גאַנצן הויז־געזינד ביים גרויסן טיש, אין דער הויפּט־שטוב. דער באַלעבאָס וויל כ׳זאָל שבת אינדערפרי קומען דאַוונען אינעם „פּועלי צדק״־קלויז, אויף דער מערב־זייט פון שול־הויף, וואו ס׳דאַוונען מייסטערס מיט זייערע עלטערע לערן־ייִנגלעך. איך בין אָבער אין יענער צייט פאַרנומען מיט די שבתדיקע פאַרלעזונגען אין אַרבעטער־קרייזלעך. מוז איך אויסגעפינען אַ פּאַסנדיקן תירוץ פאַר מיין ניט קומען אין קלויז. ביים טיש איז ר׳ פּנחסל מיך מכבד מיט אָנשניידן ברויט. נאָכדעם אָבער בייזערט ער זיך, אַז כ׳שנייד אָן צופיל.

די גוטהאַרציקע באַלעבאָסטע זשאַלעוועט ניט קיין עסן. כ׳וואָלט, מעג־לעך, ביי איר געקאָנט אויך פועלן אונדז צו געבן סיעניקעס מיט פרישן שטרוי, און אפשר אויך קאָלדרעס, מיט וואָס זיך צודעקן. דער עיקר איז אָבער פאַר מיר דאָס לערנען די אַרבעט. כ׳בין דעריבער שטאַרק צופרידן, ווען מיין חבר, משהקע שמעון פּאָלאַקס, זאָגט מיר אָן, אַז מאָטע דער טאָקער (מיטן צונעמעניש „מאָטע אָקס״), דער עלטסטער זון פון משהקעס באַלעבאָס, וועט מיך אַריינגעמען אויף אַ טערמין און מיך אויך צולאָזן צום וואַרשטאַט, וואו כ׳וועל קאָנען דערלערנען די אַרבעט.

קאַפּיטל צוויי און זעכציק

אין טאָקאַרניע אויף טראָקער גאַס

די טאָקאַרניע אויף טראָקער גאַס, וואו כ׳אַרבעט איצט (ווינטער 1894—1895), זעט אויס פון דרויסן ווי אַ מאַגאַזין. זי איז דאָס אויך טיילווייז. איר פאַראַדנער אַריינגאַנג דורכן קראָם איז פול מיט פאַרטיקע טאָקערשע אַרבעטן, וועלכע מ׳קאָן דאָרט קויפן אָדער באַשטעלן.

אינעם אויסשטעלונג־פענצטער פון דער טאָקאַרניע, הינטער אַ גרויסער שויב פון דיקן גלאָז, זיינען אויסגעשטעלט אַלערליי שפּאַציר־שטעקנס פון היימיש און אויסלענדיש האָלץ, מיט הענטלעך אָדער גאַלקעס פון בורשטין, ביין, קופּער, מעש, ניקל, זילבער, גאָלד, קרישטאָל און אַנדערע מאַטעריאַלן, דאָס רוב באַצירט מיט פיינע שניצונגען פון העלפאַנט־ביין אָדער מעטאַל;

קאַלאָנעז, אַוועקצושטעלן פיגורן; שטענגעלעך אויפצוהענגען אויף זיי גאַר־דינען און פאַרהאַנגען; ביליאַרד־קוילן פון העלפאַנט־ביין און גוטאַ־פּער־טשאַ; מונדשטיקן (ציגאַר־שפּיצלעך) פון בורשטין; קראַקעט־האַמערס און קוילן פון טשעטשאַטקע; „עץ־חיימס" צו ספרי־תורות, עטאַזשערקעס, קאַנ־דעליאַברעס, וואָזעס א. אַ. וו.

פונקט אַנטקעגן, אויף דער מערב־זייט גאַס, געפינט זיך סעגאַלס גרוי־סער אַפּטייק־געשעפט. די טאָקאַרניע מאַכט אויך פאַר אים אַרבעט; היל־צערנע סלאָיקעס פון פאַרשיידענער גרויס פאַר אַלערליי מאַשטשן. כ׳טראָג עס אָפּ און קען זיך שוין אויך מיט עטלעכע פון די דאָרטיקע פיל אָנגע־שטעלטע.

אין דער גרויסער ליכטיקער טאָקאַרניע שטייען אַ צאָל וואַרשטאַטן, ביי וועלכע עס אַרבעטן טיכטיקע באַלמעלאָכעס. פאַראַן אויך אַ וואַרשטאַט, אויף וועלכן מ׳לאָזט מיך אַרבעטן פון צייט צו צייט. מערער אָבער אַרבעט איך דערוויל מיט זעג און האַק.

זעגן האָלץ האָט די מעלה פאַר אונדז לערן־יינגלעך, וואָס מיר אַרבעטן דערביי זאַלבענאַנד, אונטערן פרייען הימל און פרישער לופט. מיר שמועסן און זינגען דערביי אַרבעטער־לידער, און האָבן דערפון הנאה. מיר זעגן אַלערליי היימישע געהילצן: בעריאָזע, דוב, טשעטשאַטקע, יאסען, סאָסנע, קליאָן, א. ד. גל. ווי אויך עפּל־און נוסן־האָלץ. דאָס אויסלענדישע געהילץ, באַזונדערס דאָס קאָסטבאַרע שוואַרצע עבן־האָלץ, ווערט געזעגט אין אַ ספּע־ציעלער פאַבריק אין וואַרשע. אונדזער מייסטער פאַרברענגט דאָרט דעמאָלט אַ וואָך אָדער צוויי, און קומט צוריק קיין ווילנע אָנגעלאָדן מיט אַלערליי רוי־מאַטעריאַלן פון האָלץ, העלפאַנט־ביין, גוטאַ־פּערטשאַ, בורשטין, א. אַז. וו. אַמאָל ברענגט ער אויך נייע שטיקלעך געצייג.

דאָס זעגן און האַקן האָלץ, קאָכן פּאָליטור, פּאָלירן פאַרטיקע אַרבעט, אויפראַמען די מאַסטערסקאַיע, רייניקן און איילן די וואַרשטאַטן, פוצן די געצייג א. ד. גל. אַרבעטן, באַטראַכטן מיר, לערן־יינגלעך, פאַר אַ טייל פון דער מלאכה און מיר טוען עס ווי אַ נויטיקע פליכט. ניט גערן שטעלן מיר אָן דעם סאַמאָוואַר און נאָך וויניקער ווילן מיר וואַשן און ווישן שטוביקע כלים און געפעס. באַזונדערס באַליידיקט אונדז דאָס אַרויסטראָגן די פּאָמוי־ניצע אויפן הויף. פאַר מיר פּערזענלעך איז די גרעסטע אַפּקומעניש דאָס אָפּנעמען און טראָגן שבת דעם טשאָלענט פון דער בעקעריי. כ׳גיי דורך אומוועגן, לייג אָן וועג, דורך געסלעך און זאַוואולקעס, אַבי ניט צו באַגעגענען קיין באַקאַנטן מענטשן. דאָך פּאַסירט אַמאָל, אַז שוין נאָענט פון טראָקער גאַס, וואו כ׳קום אָן פון אַ דורכוועג, פאַרביי דעם גרויסן ווילנער לאָמבאַרד, זאָל איך זיך טרעפן פנים־אל־פנים מיט עמיצן, וואָס קען מיך פון אַ קרייזל אָדער אַ קוואַרטיר, און ווייס כלל ניט, אַז איך בין נאָך אַ לערן־יינגל...

מיינע נעגל און פינגער זיינען תמיד ברוין און געל פון פּאָליטורן. כ׳בין

שוין דערצו געוואוינט און שעם זיך ניט דערמיט. ערגער איז דאָס קאָכן דעם פּאָליטור אין אַלקאָהאָל. מ׳דאַרף זיין כסדר אויף דער וואַך און ניט פאַרטראַכטן זיך, ווי מיין געוואוינהייט איז. אַנומלט בין איך איבער דעם שיעור ניט געוואָרן בלינד. דאָס אַלקאָהאָל האָט זיך אָנגעצונדן און דער פלאַם האָט אַרומגעכאַפּט מיינע האָר און מיין פּנים. כ׳האָב פאַרשטעלט די אויגן מיט מיינע הענט, האָבן אָנגעהויבן ברענען מיינע פינגער. די אַר־בעטער און לערן־יינגלעך האָבן דערשטיקט דעם פייער און מיך אָפּגעראַ־טעוועט קוים אַ לעבעדיקן. אַ דאָקטאָר האָט פאַרשמירט מיט זאַלבן און איינ־געבאַנדאַזשירט מיין קאָפּ און מיינע הענט. ער האָט מיך געטרייסט, אַז מיינע אויגן וועלן בלייבן גאַנץ, כאָטש זיי שמאַרצן מיר שטאַרק. ער איז אָבער ניט געווען זיכער וועגן דער הויט פון מיין פּנים און הענט. ביסלעכווייז האָט זיך דאָך אַלץ פאַרהיילט. די אויגן טוען מיר איצט ווידער ווי, נאָר אין דעם איז שולדיק מיין אַרבעטן ביינאַכט.

דער מייסטער פאַרלאַנגט, אַז די לערן־יינגלעך, וואָס זיינען ביי אים מיט קוואַרטיר און עסן, זאָלן ניט גיין אין אָוונט פאַרברענגען, אָדער, חלילה, לייענען אַ ביכל. ער וויל מיר זאָלן ביינאַכט אַרבעטן עקסטרע צייט, „פאַר זיך״, כדי אָפּצושפּאָרן אַביסל געלט אויף זייטיקע הוצאות. ער גיט אונדז אויך גוטע געלעגנהייטן דערצו: ער באַצאָלט אונדז פון שטיק אַ פּאָר קאָ־פּיקעס פאַר אַלץ, וואָס מיר מאַכן אין אונדזער צייט.

נאָכן אָפּאַרבעטן פופצן שעה פאַרן מייסטער איז שווער צו אַרבעטן אַ פּאָר שעה פאַר זיך, בפרט נאָך ביינאַכט. דאָך שטרענג איך זיך אָן ניט אָפּ־צושטיין פון די אַנדערע לערן־יינגלעך. צום אומגליק אָבער טוען מיר דערפון שטאַרק ווי די אויגן. באַזונדערס זינט איך אַרבעט ביי די שפּאַציר־שטעקנס פונעם שוואַרצן עבן־האָלץ.

די דאָזיקע אַרבעט באַשטייט מער אין שניצן און פיילן מיט די הענט, ווי אין טאָקן אויפן וואַרשטאַט. כ׳טאָק אַרום נאָר קליינע, פאַראויס אויסגעצ־מאָסטענע, טיילן פון די פיר־קאַנטיקע שוואַרצע העלצער, אויסגעזעגט פון ברעטער. די ניט־געטאָקטע ערטער, וועלכע זעען דעמאָלט אויס ווי פיר־קאַנטיקע רינגען, שניץ איך אַרום מיט שניצערייי־געצייג, ביז וואַנען זיי קריגן דעם אויסזען פון נאַטירלעכע „סוקעס״ אין אַן עפּל־צווייג און אַנדערע סור־קעוואַטע העלצער. כ׳פייל נאָכדעם אַרום יעדן סוק באַזונדער מיט אַ קליין פיילעכל און רייב אים אויך אָפּ מיט זאַמד־פּאַפּיר. צולעצט פּאָליטיר איך אָפּ די דאָזיקע שטעקנס, מיט זייערע קינסטלעכע סוקעס, ביז וואַנען זייער שוואַרצקייט בלישטשעט מיט אַן אויסערגעוויינלעך־פיינעם גלאַנץ. ביסלעכ־ווייז ווער איך אַ ספּעציאַליסט אין אָט דער אַרבעט. כ׳מאַך עס איצט אַזוי שנעל, אויב ניט שנעלער, ווי אַ „פּאַדמייסטער״. איך פאַרדין יעדן אָוונט עטלעכע קאָפּיקעס. זיי פאַלן מיר אָבער אַרויס „באָקום״: מיינע אויגן שמאַרצן מיר יעדן טאָג אַלץ מער.

אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך ראַטן מיר אָזעקצוגיין שבת אין פֿאָרשטאָט רוזעלע, צום ענגלישן מיסיאָנערסקן אויגן־דאָקטאָר. ער היילט אומזיסט. זיינען שוין פֿאַראַן אַ צאָל פּאַציענטן, וועלכע זיינען געקומען פֿריער פֿאַר מיר. ער אַליין איז נאָך אָבער ניטאָ. זיץ איך אין זיין וואַרט־צימער און וואַרט אויף מיין ריי. אויפֿן גרויסן טיש ליגן אויסגעלייגט „ברית־חדשהס״ אין יידיש און העברייאיש. אַזוי ווי כ׳האָב עס שוין אַמאָל געלייענט און ס׳איז מיר ניט געווען געפֿעלן, בלעטער איך מעכאַניש דאָס מיסיאָנערסקע ביכל אין העברייאיש, און חידוש זיך, וואָס אַזוינע באָבע־מעשיות, וועגן שדים און רוחות, און וועגן אַ פּרוי, וואָס ווערט שוואַנגער פֿון הייליקן גייסט, ווערן געדרוקט, שוואַרץ אויף ווייס, נאָך איצט, אינעם לעצטן צענדליק פֿון 19־טן יאָרהונדערט?

פֿאַרטיפֿט אין מיינע געדאַנקען דערהער איך שטימען און דערזע פֿאַר זיך דריי שבתדיק־געקליידעטע יונגעלייט; אַלע דריי מיט גילדערנע זייגער־קייטלעך אין זייערע זשילעטן, אַלע אויך מיט קורצע קיילעכדיקע בלאָנדע בערדלעך און מיט נישקשהדיקע בייכלעך פֿון „איידעמס אויף קעסט״. איינער פֿון זיי פֿרעגט: „ייִנגל, גייסט שוין לאַנג צו די מיסיאָנערן? ווי וויט האַלטן זיי שוין מיט דיר? אַ צווייטער גיט צו: „פֿאַרשטייסט, וואָס דו לייענסט?״

אַ וואָרט פֿאַר וואָרט, דערקלער איך זיי, אַז אין „ברית־חדשה״ איז ניטאָ קיין איינאיינציקער וויכטיקער געדאַנק, וואָס איז ניט געווען שוין פֿריער געשריבן אין תנ״ך און אין תלמוד. איך דערמאָן אויך, וואָס גרעץ, אין זיין יידישער געשיכטע, און אייזיק הירש ווייס, אין „דור דור ודורשיו״ שרייבן וועגן דעם. פֿרעגן זיי מיך אין וועלכער ישיבה כ׳לערן? ווען זיי דערהערן, אַז כ׳בין אַ לערן־ייִנגל ביי אַ טאָקער, גייען זיי אַריין אין התפּעלות און הייבן אָן זינגען מיטן שמחת־תורהדיקן ניגון:

— אשריכם ישראל! אשריכם ישראל! אשריכם ישראל! (וואויל איז אייך יידן): ביי אַלע אומות זיינען די אַרבעטער בורים און שיכורים, און ביי אונדז יידן וויס אַ לערן־ייִנגל פֿון תנ״ך, גמרא, גרעץ און „דור דור ודורשיו״.

ס׳פֿאַרדריסט מיך, וואָס זיי מאַכן ניט קיין אויסנאַם פֿאַר די „חסידי אומות העולם״, די אויפֿגעקלערטע ניט־יידישע אַרבעטער. ס׳איז מיר אויך ניט געפֿעלן, וואָס וואויל־קענעוודיקע באַלעבאַטישע יונגעלייט „מאַכן אַ צימעס״ פֿון אַ יידישן אַרבעטער, וואָס איז ניט קיין עם־הארץ. זיי ווייסן דאָך, אַז כמעט אַלע יידן שיקן זייערע ייִנגלעך אין חדרים, תלמוד־תורות און ישיבות.

מיטאַמאָל ווערט מיר זייער פֿריקרע, וואָס כ׳בין געקומען זיך היילן צו אַ מיסיאָנערסקן דאָקטאָר, און כ׳פֿאַרלאָז תיכף זיין וואַרט־צימער.

אויף מאָרגן זוך איך אויס דעם אויגן־דאָקטאָר ראָם, וועלכער האָט לעצטנס געהיילט מיין באָבע דבורהס אויגן. ער זוכט מיך אונטער גרינטלעך, גיט מיר אויך אַ מעדיצין, נאָר זאָגט מיר אָן איך זאָל מער ניט אַרבעטן אַרום שוואַרצן עבן־האָלץ, באַזונדערס ניט ביינאַכט.

דאָס געלעגער אין דער טאָקאַרניע אויף טראַקער גאַס איז בעסער, ווי אויף מיין ערשטן פּלאַץ. כ׳שלאָף דאָ ניט, ווי דאָרטן, אויף דער ערד, לעבן די וואַרשטאַטן, נאָר אויף אַ טיר אין קראָם. ביינאַכט נעמט מען אַרונטער די שווערע הילצערנע טיר צווישן קראָם און מייסטערסקאַיאַ, מ׳לייגט זי אַוועק אויף צוויי שטאַרקע שטולן, מ׳פאַרשפּרייט אויף איר אַ סיעניק מיט שטרוי, און ס׳ווערט אַ נישקשהדיקער געלעגער. בפרט, אַז כ׳האָב נאָך דערצו אַ קישן מיט אַ קאָלדרע, וואָס מיין מאַמע האָט מיר צוגעשיקט. דער איינציקער חסרון איז, וואָס דער מייסטער וועקט מיך אויף פינף אַזייגער באַגינען, כאָטש ער ווייס, אַז כ׳לייג זיך שלאָפן זייער שפּעט, צוליב די עקסטרע צייט, וואָס איך אַרבעט ביינאַכט. ער אַליין לייגט זיך אַוועק צוריק און שטייט אויף אַ פּאָר שעה שפּעטער.

דער באַלעבאָס וויל כ׳זאָל מאַכן בקיצור מיין שלאָפן, דאַוונען, עסן און בענטשן. דעם שלאָף קאָן איך ניט מער פאַרלענגערן, נאָכדעם ווי מ׳וועקט מיך אויף. דאָס דאַוונען אָבער צי איך אויס אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך. כ׳דאַוון אַלע תפילות. כ׳הויב אָן מיטן „מה טובו״ און פאַרענדיק מיט די דרייצן „אני מאמינס״. כ׳וואָלט אויך געוועזן אַ בעלן צו זאָגן יעדן טאָג אַ „פּרק שירה״, אַ יום (יאָם) תהילים און אפילו „מעמדות״, כדי נאָך אַביסל אויסצורוען מיינע ביינער נאָכן קורצן שלאָף. דער באַלעבאָס שרייט שוין אָבער אַזוי אויך, אַז איך „פראַוועו חסידות״ אויף זיין חשבון. ער טענהט אויך, אַז מיין עסן און בענטשן דויערן צו לאַנג. ער זאָגט, אַז די תפילין קאָן מען אַריינלייגן אינעם תפילין־זעקל ניט אויפגעלייגטערהייט, און בענטשן קאָן מען אויך שטייענדיק ביים וואַרשטאַט.

די באַלעבאָסטע האַלט געוויינלעך מיט איר מאַן. נאָר מ׳איז איר אַלץ מוחל צוליב די גוטע געשמאַקע עסנס, וואָס זי דערלאַנגט. לעצטנס אָבער פאַרנאַכלעסיקט זי אַלץ איבער דער קריגעריי מיטן מאַן. ער וויל, זי זאָל נעמען ביי אים אַ גט, אַזוי ווי ס׳איז שוין צען יאָר נאָך זייער חתונה און זיי האָבן ניט קיין קינדער. זי טענהט, אַז דאָס איז זיין שולד. והא־ראיה, די דאָקטוירים האַלטן זי פאַר פולשטענדיק געזונט, בעת אים פאַרשרייבן זיי מעדיצינען.

איבער זייערע קריגערייען ווערט די שטוב אַלץ מער אָפּגעלאָזן, און די לערן־יינגלעך מוזן טאָפּלט אַרבעטן אין קיך. צולעצט הערט זי אויף אינ־גאַנצן צו קאָכן עסן. זי פאַרלאָזט די שטוב, נאָר כאַפּט זיך אַריין מיטאָג־צייט און גיסט אריין אין פאַמוניצע דעם אָנבייסן, וואָס זיין מאַמע קאָכט פאַר אונדז, און איך ברענג עס צוטראָגן פון זיינע עלטערנס הויז, אויף רודניצקער גאַס. ער העצט אונדז דעמאָלט שטאַרק קעגן איר. נאָר מיר האָבן אויף איר רחמנות. כ׳לויף נאָכדעם ברענגען עפּעס פאַר אונדז פון פרנסעס גאָרקיך אין אַ הויף אויף דייטשישער גאַס. די לערן־יינגלעך, וואָס אַרבעטן אין קיך

זיצן דאָרט פאַרביטערטע. זיי וואַשן און ווישן די געפּעס און שילטן דעם באַלעבאָס. כ'טענה צו זיי, אַז קולות זיינען אַ סימן פון שוואַכקייט און הילפ־לאָזיקייט. זאָלן זיי ליבער אַריינטרעטן אין דער טאָקערשער קאַסע, וואו מ'נעמט אויך אַריין לערן־יינגלעך, און פאַראייניקטערהייט אויסקעמפן בע־סערע באַדינגונגען און אויך קירצערע אַרבעטס־שעה'ן.

קאַפּיטל דריי און זעכציק

מיין געווינס פון אָפּטראָגן אַרבעט

צו מיינע פליכטן פון אַ לערן־יינגל אין דער טאָקאַרניע געהערט אויך דאָס אָפּטראָגן אָדער אָפּפירן אַרבעט.

אין פּריוואַטע הייזער פיר איך אָפּ חפצים: פּעדעסטאַלן, עטאַזשערקעס, קאַנדעליאַברעס א. ד. גל. אין די קלובן, אין „דוואָריאַנסקע" (אַדעליקן) און אין „וואָיענעם" (מיליטערישן), ווי אויך אין אַריסטאָקראַטישע האָטעלן און רעסטאָראַנען פיר איך אָפּ שפּיל־זאַכן: ביליאַרדס פון גוטאַ־פּערטשאַ, צע־לולאָיד און העלפאַנט־ביין; קראָקעטס פון טשעטשאָטקע א. ד. גל. ווען כ'קום צוריק אין טאָקאַרניע, גיב איך אָפּ אַ חשבון צו אַלע וואָס אַרבעטן דאָרט, וועגן דעם „טרינק־געלט", וואָס כ'קריג פון די קונדן. כ'האָב אָבער דערפון אַ היפּש ביסל צרות. טרינק־געלט גיבן דאָס רוב נאָר יונגע פאַרלעך און אָפיצערן. די באַלעבאַטים גיבן זעלטן אָדער קיינמאָל ניט. די „פאָד־מייסטערס" ווילן עס ניט גלויבן און פאָדערן פון מיר זייער חלק, אפילו ווען כ'קריג גאָרניט. אַנומלט האָט פּאַסירט אַזאַ פאַל:

כ'האָב אָפּגעפירט „עץ־חיימס" פאַר אַ ספר־תורה צו אַ רייכן גבאי פון אַ קלויז. שטופּט מיך דער נאָר אַריינצוואָרפן אַ פּאָר תורה־ווערטער ביים איבערגעבן אים די עץ־חיימס. שפּיצט ער אָן זיינע אויגן און פרעגט, ווי קומען אַזוינע ווערטער צו אַ יונג אַ באַלמעלאָכע? דערצייל איך אים אָפּנהאַרציק, אַז איך האָב זיך גענומען צו מלאכה, ווייל כ'וויל לעבן פון מיין אייגענער פּראַצע. ווערט ער אָן אַנגעצונדענער, דערקלערט מיך פאַר אַ לײדאַק, אַ הפקר־יונג און טרייבט מיך אַרויס מיט חרפּה פון זיין הויז און ווי עס פאַר־שטייט זיך אָן שום טרינק־געלט...

צום גליק האָב איך די דאָזיקע וואָך שוין געהאַט עפּעס וואָס אויף מיין חלק, גיב איך אַלץ אַוועק אין דער טאָקאַרניע ווי דאָס טרינק־געלט פאַר מיין אָפּפירן די עץ־חיימס. איך דערצייל אויך קיינעם ניט פון דער פאַרדינ־טער מפּלה, וואָס כ'האָב געקראָגן פאַרן אויסשטעלן זיך מיט מיין לומדות... דאָך בין איך גריילעך צופרידן אָפּצופירן אַרבעט, ווייל מען פאָדערט פון מיר

ניט קיין גענויעם חשבון פון דער צייט, וואָס דאָס דויערט מיר. גיט עס מיר די מעגלעכקייט אַריינצוכאַפּן זיך אויף אַן אַרבעטער־קוואַרטיר, אין סטראַשונס ביבליאָטעק אָדער — ווען זי איז שוין פאַרמאַכט — אין יצחק פונקס בוכ־האַנדלונג.

אין סטראַשונס ביבליאָטעק לייען איך און לערן לעצטנס קאַפּיטלעכ־ווייז דעם וויכטיקן ספר „מורה נבוכי הזמן" פון דעם גרויסן גאַליציאַנער געלערנטן ר' נחמן קראָכמאַל. דער אַלטער ביבליאָטעקאַר ר' שמואל סטראַשון ווייס פון מיינע שווערקייטן אָפּצושפּאָרן צייט אויף לייענען און לערנען אין דער ביבליאָטעק. ער איז דעריבער מיך נאָך מער מקרב ווי פריער. לעצטנס פאַרטרויט ער מיר אַ סוד, אַז אין ביבליאָטעק געפינען זיך דריי נומערן פון אַ סאָציאַליסטישן זשורנאַלכל אין העברייאיש, וואָס יהושע שטיינבערג, דער צענזאָר, האָט ניט דערלויבט עס אַריינצושטעלן אין געדרוקטן קאַטאַלאָג. דאָס זשורנאַלכל הייסט „האמת"; ס'האָט עס אַרויסגעגעבן אין ווין מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק מתתיהו סטראַשונס אַ באַקאַנטער ווילנער יונ־גערמאַן, וועלכער רופט זיך דאָרט אָן מיט אַנדער נאָמען (אַלע שרייבער רופן זיך דאָרט אָן מיט פאַרשטעלטע נעמען, אָדער שרייבן זיך כלל ניט אונטער אויף זייערע זאַכן). ר' שמואל סטראַשון לאָזט מיר אויך אָנקוקן דעם דאָ־זיקן אַנטיקל, ווען קיין אַנדערער זעט עס ניט.

איך שרייב תיכף איבער פון דאָרט דאָס ליד „שיר היחוד למטבע", וואָס מאַכט אויף מיר אַ גאָר טיפן איינדרוק. דאָס ליד הויבט זיך אָן מיט די זעל־ביקע ערשטע ווערטער פון דעם „שיר הכבוד", וואָס מ'זינגט שבת נאָכן דאַווענען מוסף אין די שולן, בתי־מדרשים און קלויזן, לכבוד דעם אויבערשטן. יענער הייסט אויך „אנעים זמירות" לויט זיין אָנהויב: „אנעים זמרות ושירים אארוג" (כ'רייד געזאַנגען און וועב לידער).

די זעכציק שורות פון אָט דעם סאָציאַליסטישן שיר לייענען זיך אַביסל ענלעך ווי די „אקדמות" פון שבועות. יעדע שורה ענדיקט זיך מיט דעם זעלביקן קלאַנג. למשל: מטבע, מרצע (מאַרצייא), דע (דעיאַ) רע (רעיאַ) א. ד. גל.

דער שיר הויבט זיך אָן סאַרקאַסטיש:

„אנעים זמירות למטבע,
ושירים אארוג למרצע,
למטבע — למרצע,
את עמי לעבדים רוצע"
(כ'רייד געזאַנגען צו דער מטבע,
און וועב לידער צום נאַל,
צו דער מטבע — צום נאַל,
וואָס נאָלט צו מיין פאָלק פאַר קנעכט).

נאָכדעם קומט דער פּראָטעסט קעגן די אומגערעכטיקייטן פון דער מטבע־וועלט:

„העובד העני זורע ונוטע;
הרעב זורע — ואוכל השבע;
הערום אורג — ולובש הבוצע,
העבד בונה — ויושב השוע"
(דער אָרעמער אַרבעטער זייט און פלאַנצט;
דער הונגעריקער זייט — און דער זאַטער עסט,
דער נאַקעטער וועבט — און דער רויבער טוט אָן,
דער שקלאַף בויט — און דער האַר באַוואוינט).

דאָס ליד רעכנט אויס אַ לאַנגן צעטל פון אומגערעכטיקייטן און פאַר־ברעכנס. דער דיכטער *) באַנוצט די שפּראַך פון תנ"ך, אַפּנים, כדי עס זאָל אויסזען, אַז דאָס ליד איז געשריבן אין אור־אַלטע צייטן. ער ווייזט אָן, אַז „הסוס ברכבי פרעה" (דער פערד אין פרעהס רייטוואָגן) איז זאַט און דעם אָרעמאַנס קינדער הונגערן, און ער רופט אויס:

„צדק, יושר, חכמה, דעה —
איים? הגידה לי, אח ורע!"
(גערעכטיקייט, יושר, חכמה, וויסנשאַפט —
וואו זיינען זיי? זאָג מיר, ברודער און פריינט!).

אין דעם זעלביקן לשון פון תנ"ך דערקלערט דער דיכטער, אַז אויב ער זאָל דאָס אויסשרייען אין „מצרים" וועט מען אים אָנרופן „פּושע" (פאַר־ברעכער) און פאַרשיקן „לעזאזל", אין מדבר, אים פאַרטרייבן ווי אַ משו־גענעם און חסר דעה, „אויפן וועג פון באַרג חורב... ביז קדש ברנע" (פלעצער אין מדבר פון סיני, דערמאָנט אין חומש).

איך לערן זיך אויס דאָס דאָזיקע ליד אויף אויסווייניק, און זאָג אויך איבער טיילן דערפון פאַר מיינע חברים מיטן ניגון פון „אנעים זמירות" אין שבתדיקן דאַווענען. כ'פאַרטייטש און דערקלער זיי אויך יעדעס וואָרט.

אין די אַרבעטער־קוואַרטירן, ווי אויך אויף די שפּאַצירגאַנגען אין באָ־טאַנישן גאָרטן און אין דעם „גאַי"(בערנאַרדינער גאָרטן) ווערט אַ סך גערעדט וועגן דעם אַלטן געזעץ פון דער קייסערינע יעקאַטערינעס צייטן, אַז דער אַרבעטס־טאָג זאָל באַשטיין פון צוועלף שעה, שוין אַריינגערעכנט אין דעם אויך די צייט פון עסן. פאַראַן אַ מיינונג, אַז אַרבעטער און לערן־יינגלעך זאָלן זיך ווענדן צום ווילנער פאַבריק־אינספּעקטאָר און זיך פאַר אים באַ־

*) יאָרן שפּעטער ווערט באַקאַנט, אַז דאָס איז געווען דר. יצחק קאַמינער.

קלאָגן קעגן די באַלעבאַטים, אַז זיי היטן ניט אָפּ דעם דאָזיקן געזעץ. מיר דערוויסן זיך אויך, אַז עס זיינען פאַראַן אַלטע געזעצן ספּעציעל וועגן לערן־יינגלעך, וואָס די באַלעבאַטים היטן ניט אָפּ און קיינער מאָנט גאָרניט מ׳זאָל זיי אָפּהיטן.

נאָך אַ צאָל שמועסן אין קאַסעס (פּאַך־פאַראיינען) און וואַרשטאַטן ווערט באַשטימט, אַז אַ געוויסן שבת זאָל אַ גרופּע יונגע אַרבעטער און לערן־יינגלעך וועגן דעם באַזוכן דעם פאַבריק־אינספּעקטאָר.

די קאַנצעלאַריע פון פאַבריק־אינספּעקטאָר, וואו עמיץ האָט אונדז אַהין אָוועקגעפירט, איז אין אַן אַלטער שוואַרצער געביידע. אויף איר טיר איז פאַראַן אַ קליין מעשן שילדל וועגן דעם.

דער פאַבריק־אינספּעקטאָר, אַן אַלטער הויכער, דאַרער מאַן, מיט אַ קליין גרוי בערדל, האָט אויף אונדז געקוקט פאַרחידושט. ער געדענקט ניט, זאָגט ער, צי ער האָט ווען געהאַט אַזוינע געסט ביי אים אין קאַנצעלאַריע.

אונדזערע וואָרט־זאָגער דערציילן אים, אַז מיר אַרבעטן 15 און אַמאָל אויך 16 שעה אין מעת־לעת, אַז אין די קורצע טעג צווינגט מען אונדז צו אַרבעטן דאָנערשטיק אַ גאַנצע נאַכט דערפאַר, וואָס די שבת־רו הויבט זיך אָן אויף מאָרגן, פרייטיק, פריער ווי אין די לאַנגע טעג. מיר האָבן דעריבער ניט קיין מעגלעכקייט צו פאַרברענגען כאָטש איין אָוונט אין וואָך, פרייטיק־צו־נאַכט, מיט קרובים און פריינט. מיר קאָנען זיך ווייניק אָפּרוען אויף מאָרגן, אין דעם קורצן שבתדיקן טאָג, ווייל אַזוי גיך ווי די זון פאַרגייט, מוזן מיר ווידער אַרבעטן שבת־צו־נאַכט ביז שפּעט.

דער אַלטער פאַבריק־אינספּעקטאָר ווייזט אַרויס ווייניק חשק זיך אָנ־צונעמען אונדזער קריוודע. ער דערקלערט, אַז ער האָט ניט גענוג באַאַמטע דורכצופירן אַזאַ אינספּעקציע אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן. דערצו גע־דענקט ער נאָך, פון צענדליקער יאָרן צוריק, אַז די לערן־יינגלעך באַהאַלטן זיך, ווען מ׳קומט אויף אַן אינספּעקציע, אָדער זיי ענטפערן אויף אַלע פראַ־געס פונקט אַזוי, ווי זייערע מייסטערס הייסן זיי. ענלעכע ענטפערס, זאָגט ער, פלעגן אויך געבן די אַרבעטער. ער גלויבט דערפאַר ניט, אַז ס׳וועט אים זיין מעגלעך אָפּצוהיטן יעקאַטערינעס געזעץ וועגן דעם 12־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און די רעגולאַציעס וועגן די לערן־יינגלעך.

מיר פאַרזיכערן אים, אַז די היינטיקע אַרבעטער און לערן־יינגלעך זיינען מוטיקער ווי די אַמאָליקע. זיי זיינען אויך גרייט צו קעמפן פאַר זייער זאַך. מיר וועלן דעריבער שטיין אויף דער וואַך און אים העלפן אויסגעפינען די אמתע צושטאַנדן אין די מייסטערסקאַיעס. נאָר אַנשטאָט צו זיין צופרידן מיט אונדזער צוגעזאָגטער מיטהילף, מאַכט דער פאַבריק־אינספּעקטאָר אַ בייזע מינע. ער וואָרנט אונדז אויך צו האָבן מער געדולד, ווייל יעדער אי־בערגעאיילטער שריט קאָן אונדז פירן צו טורמע, סיביר און קאַטאָרגע.

לכבוד דער קאַראָנאַציע פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן ווערן געזאָגט תפילות און געהאַלטן דרשות אין די גבעבעט־הייזער פון אַלע אמונות אין ווילנע. אין דער ווילנער גרויסער שול האָט דער קאַזיאָנער רב, ה׳ נעמזער, געהאַלטן אַ דרשה אין רוסיש, פול מיט שבחים און ברכות פאַרן צאַר. ער האָט אויך איבערגעזעצט אין רוסיש דעם „הנותן תשועה״ (די תפילה פאַרן קייסער), וואָס חזן סיראָטע און זיינע משוררים האָבן געזונגען.

אין „מאנעזש״ האָט אַ הויכער מלוכה־מאַן געהאַלטן אַ רעדע, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדער ביכל און יעדערער קאָן עס קריגן אומזיסט. די רעדע איז געבויט אויף פסוקים פון „שמואל א׳ ״, אין תנ״ך, אַז דער נביא האָט געזאַלבט דעם קעניג מיט הייליקן בוימל, אינעם נאָמען פון גאָט. זיין מלוכה אויף דער ערד איז דעריבער אַזוי הייליק און אַזוי אייביק, ווי יענעמס אויפן הימל.

אַ חוץ די אַלע תפילות, דרשות און רעדעס אין ווילנע זיינען אויך געפאָרן פון דאָרטן דעפּוטאַציעס מיט מתנות צו דער קאַראָנאַציע אין דער אַלטער צאַ־רישער קרוין־שטאָט. די מתנה פון דער ווילנער קהילה האָב איך געזען אין דער מאָסטערסקאַיע פון דעם ווילנער שניצער־קינסטלער מאיר מעבעל.

ביי מאיר מעבעל אַרבעט מיין חבר דוד אַנטאָקאָלסקי, אַ קרוב פון דעם באַרימטן סקולפּטאָר מאַרק אַנטאָקאָלסקי. איך בין דאַרום אַן אַריינגייער אין מאיר מעבעלס שניצעריי. האָט ער, דער מייסטער, מיר געוויזן זיין אַר־בעט: אַ גרויסער הילצערנער טעלער, וועמעס ראַנד איז געשניצט לויט די אוזאָרן פון אַלט־רוסישע קונסטווערק. אין דער דאָזיקער ראָם זיינען איינגעפּאַסט די שילדן פון אַלע רוסישע גובערניעס אויסגעשניצט פון שוואַרצן זילבער.

צולעצט האָט די צאַרישע אַרמיי אין ווילנע דורכגעפירט אַ גרויסן מי־ליטערישן פּאַראַד, וועלכן ס׳איז אויך געקומען זען מיין טאַטע און מיין עלטערע שוועסטער פון דאָרף. מיר זיינען אַלע דריי געשטאַנען אויף דער ברייטער גאַס, קעגן דעם סאָבאָר, פון וואַנען מיר האָבן אַלץ געקאָנט גוט זען. אַ חוץ די גענעראַלן מיט גילדערנע שליפעס, זיידענע לענטעס און אַלערליי מע־דאַלן, האָבן אויך מאַרשירט אין די ערשטע רייען די העכסט־ראַנגיקע פּראַ־וואָסלאַוונע גייסטלעכע מיט צלמים, הייליקע בילדער און פאָנען. נאָכדעם האָט זיך געצויגן אַ שטראָם פון סאָלדאַטן און קאָזאַקן מיט ביקסן, פּיקעס און האַרמאַטן, אַנגעפירט פון אָפיצערן און פאָלקאָווניקעס מיט בלויזע שווערדן אין די הענט. כ׳האָב אויסגעדריקט אַ חשד, אַז אַ טייל פון דער אַרמיי קומט צוריק דורך אַן אַנדער וועג און מאַרשירט ווידער, כדי אַנצוואוואַרפן אַ סטראַך פאַר דער צאַרישער מאַכט.

מיין טאַטע איז מיט מיר ניט מסכים. ער האַלט, אַז די צאַרישע מאַכט איז אומגעהויער שטאַרק. ער זאָגט, אַז נאָר נאַרישע יינגלעך קאָנען זיך איינ־

ריידן, אַז זיי האָבן אַ ווערדע קעגן דער צאַרישער מלוכה. זעסט, זאָגט ער, אָנווייזנדיק אויף דער דאַלאָניע, אויף דער פלאַך פון זיין האַנט: גיכער וועט דאָ וואַקסן האָר, איידער אייערע אַרבעטער־ייִנגלעך און אַרבעטער־מיידלעך וועלן זיין בכוח אַרונטערצוואָרפן דעם צאַר...

קאַפּיטל פיר און זעכציק

אויף אַן אַרבעטער־חתונה

ירמיה־לייב און מענדל דער דאַמסקער שניידער, צוויי וויכטיקע שניי־דער־אַרבעטער, לעבן ניט צווישן זיך בשלום. ירמיה־לייב האַלט, אַז מענדל האָט ניט גוט אָנגעפירט די סטאַטשקע פון די ווילנער יידישע שניידער־אַר־בעטער אין 1893. מענדל באַשולדיקט ירמיה־לייבן אין אַ סיכסוך צווישן אַרבעטער און אינטעליגענטן; וועגן וואָס דאָס איז געווען ווייס איך נאָך ניט.

צו מיר זיינען זיי ביידע פריינטלעך. אַזוי גיך ווי מענדל קריגט פון די אינטעליגענטן אויסלענדישע אומלעגאַלע ליטעראַטור, גיט ער זי מיר איבערלייענען. ער האָט מיך אויך באַקאַנט מיט זיין כלה און זיי האָבן מיך ביידע פאַרבעטן אויף זייער חתונה. כ׳וואָלט סיי־ווי געקומען, ווייל יעדע קאַסע שיקט אַ פאַרשטייער מיט אַ דרשה־געשאַנק אויף אַט דער אַרבעטער־חתונה. כ׳בין אַהין געשיקט פון מיין טאָקערשער קאַסע.

די אַרבעטער־חתונה קומט פאָר אין „פּאַסאַזש". אינעם גרויסן זאַל זיי־נען פאַרזאַמלט הונדערטער געסט. דאָס רוב יוגנט. אַלע זיינען אָנגעטאָן אין זייערע בעסטע מלבושים, און זייערע ליכטיקע פּנימער שיינען. עס זיינען אויך פאַראַן אַ צאָל עלטערע מענטשן, הויפּטזאַכלעך פון כלהס צד: מאַנסבילן מיט בערד און פּאות, ווייבער אין פאַרוקן און אַלטמאָדישער צירונג. עמיץ ווייזט מיר אָן אויף אַ צאָל יונגעלייט, אַז דאָס זיינען אינטעליגענטן. זיי זעען אויס אַריסטאָקראַטיש, כאָטש זיי זיינען אָנגעטאָן אין פּשוטע רובאַשקעס מיט קוטאַסן. זייערע פיינע צוגעפּוצטע בערדלעך גיבן זיי אַ זייער חשובן אויסזען. איך פרעג ניט זייערע נעמען, נאָר אויף איינעם ווייזט מען מיר אָן, אַז ער איז אַן „אוטשיטעל (לערער).

הגם דער עולם איז אַ היינט־וועלטיקער, ווערט דורכגעפירט די חתונה, אַפּנים צוליב דער כלהס משפּחה, מיט אַלע אַלטמאָדישע מנהגים און צערע־מאָניעס. ווען ס׳קומט אָבער צום באַזעצן די כלה, און דער בדחן הויבט עס אָן מיטן סקאַרבאָוון נוסח: „כלה, וויין, וויין!", שיסט אויס אַ שאַלנדיק גע־לעכטער. עס לאַכן די יונגע געסט, און ס׳לאַכט אויך מיט די כלה.

דער טאַלאַנטפולער בדחן, יעקב זיזמאַר, כאַפּט זיך, אַז דאָ פאָדערט זיך אַ נייער נוסח. ער שאַפט עס באַלד. זיינע נייע פערזן רירן אויף הערצער.

עס ברעכט אויס אַ געוויין. די פריער־לאַכנדיקע מיידלעך, צוזאַמען מיט דער כלה, וויינען אויפן קול. עמיץ חלשט אויך. שטאַרקע העלדישע בחורים ווישן זיך די אויגן.

יעקב זיזמאַר שילדערט דאָס לעבן פון דער אַרבעטער־מיידל: אירע ליידן אין דער אָרעמער היים און אין דער מייסטערסקאַיע; אירע חלומות און האָפענונגען, אַז מיט איר חתונה וועט זיך פאַר איר אָנהויבן אַ ניי לעבן. ער שילדערט אירע געפילן אונטער דער חופה, פרייד געמישט מיט שרעק, ווען זי שטעלט זיך פאַר דאָס שווערע לעבן פון אַרבעטער־מענטשן, וואָס זי זעט אַרום זיך, און זי ווייס, אַז דאָס וועט אויך זיין איר גורל.

זיינע שנעל־פאַרפאַסטע פערזן מאַכן אַ שטאַרקן רושם אויף דעם גרויסן עולם. די יונגע אַרבעטער שמועסן נאָכדעם אַ סך וועגן יעקב זיזמאַרס ביי־מאַדנעם „באַזעצן די כלה" און מאַכן אים אָוואַציעס.

דאָס אויסרופן דעם לאַנגן צעטל דרשה־געשאַנקען פון אַזוי פיל פאַר־שיידענע מלאכות און פון מאַסן פאַבריקן און וואַרשטאַטן באַגייסטערט דעם אַרבעטער־עולם. מ'זעט פאַר זיך די אחדות אַרום דער אַרבעטער־חתונה און מ'שטעלט זיך אויך פאַר די וואַקסנדיקע מאַכט פון די געהיימע קאַסעס.

אינעם גרויסן זאַל ווערט אַ סך געטאַנצט. אינעם קלענערן שמועסט מען און מ'אַמפּערט זיך וועגן פאַרשיידענע פראַגעס. איך גיי פון זאַל צו זאַל. כ'האָב האַלט צו הערן די שמועסן און די וויכוחים. ס'איז מיר אויך אַ פאַר־גענינגן זיך צוקוקן צו די טענץ. לאָז איך איבער אין מיטן דעם פילאָזאָפישן וויכוח: „וואָס איז געווען פריער, די איי צי די הון?", און גיי אַריין צו די טענצער. דאָרט ציען מיך אַריין באַקאַנטע בחורים און מיידלעך אין אַ קאַד־ריל פון צענדליקער פּאָרלעך. איך פלעכט זיך אָבער גיך אַרויס צוריק. כ'זאָג, אַז טאַנצן איז ניט וויניקער קונסט ווי שפּילן. מ'דאַרף עס לערנען און פּראַקטיצירן. איז מיר ליב צו זען, ווי אַזוי עס טאַנצן האַרמאָניש די, וואָס קענען עס. איך צי דערפון אַ מוסר־השכל, אַז אויך דאָס לעבן פון די ברייטע מאַסן וועט זיך אויפהויבן אויף אַ העכערער מדרגה, ווען מענטשן וועלן זיך אויסלערנען צו לעבן האַרמאָניש.

ווען כ'קום צוריק אינעם קליינעם זאַל, געפין איך נאָך אַלץ אַן עולם, וואָס פילאָזאָפירט. מיין עלטערער חבר, הלל דער לאַזורניק, חידושט זיך אפילו, למאַי כ'בין אין סאַמע ברען פון אַזאַ ערנסטן ענין אַוועק צום טאַנץ־זאַל.

***

וואָס איז אַזוינס דער ערשטער מאַי איז מיר ניט גאַנץ קלאָר. קיין בראָ־שורקע וועגן דעם פאַרצולייענען אויף די „שבתדיקע פאַרלעזונגען" האָב איך ניט געקראָגן. ביי ירמיה־לייבן אויפן קוואַרטיר האָט מען מיר דערציילט

פון אַן ערשטן מאַי אין וואַלד נאָך מיט דריי יאָר פריער, אין 1892. פאַרשטיי איך, אַז באַוואוסטזיניקע אַרבעטער פירן דורך אין אָט דעם טאָג אַ געהיימע דעמאָנסטראַציע פאַר אַ קירצערן אַרבעטסטאָג, פאַר בעסערע שכירות און פאַר פטור צו ווערן פון קייסער.

זונטיק אינדערפרי טרעף איך זיך אין דרויסן מיט מיינעם אַ חבר. ער פירט מיך דורך פאַרשיידענע געסלעך אַרויס פון שטאָט. דאָרט גייען מיר איבער פעלדער ביז מיר קומען צו אַ וואַלד. עס באַווייזן זיך אַ פּאָר בחורים און פרעגן וואוהין מיר גייען? מיין עלטערער חבר גיט זיי דעם „פּאַראָל" און יענע ווייזן אונדז אָן וואו צו גיין ווייטער. אַזוי שטעלט מען אונדז אָפּ עטלעכע מאָל, ביז וואַנען מיר דערזעען אַ היפּשע לאָנקע אין וואַלד מיט אַן עולם פון יונגע מענטשן, אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך. איך טרעף דאָרט מיינע נאָענטע חברים יאַשקע דעם שניידער, לייבקע דעם מאָלער, משהקע דעם טאָקער א. אַז. וו. עטלעכע פון זיי באַדויערן, וואָס דער קאָמיטעט האָט ניט דורכגעפירט זיין צוזאָג, אַז עס וועלן דאָ אויך זיין פּוילישע, רוסישע און אַנדערע ניט־ייִדישע אַרבעטער פון די פאַבריקן און זאַוואָדן. צום סוף האָבן זיי ווידער צוזאַמענגעבראַכט נאָר די ייִדישע אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך פון די מייסטערסקאַיעס און וואַרשטאַטן.

עמיץ, וואָס רעדט פאַרן קאָמיטעט דערקלערט אונדז, אַז די ניט־ייִדישע אַרבעטער פון די גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן ווערן שטרענגער געהיט, ווי די ייִדישע פון די קליינע וואַרשטאַטן. די היינטיקע פאַרזאַמלונג קאָן דערי־בער אויסערלעך ניט זיין קיין אינטערנאַציאָנאַלע, כאָטש עס זיינען מיט אונדז אייניק מאַסן־אַרבעטער פון פאַרשיידענע פעלקער. מען גיט אונדז אויך אָנ־צוהערעניש, אַז צוליב דעם זעלביקן טעם פון קאָנספּיראַציע פעלן דאָ אויך די אינטעליגענטן, וועלכע כ'האָב געהאָפט צו זען און הערן אויף אָט דער געהיימער ערשטער־מאַי־פאַרזאַמלונג אין וואַלד.

דער עולם האַלט נאָך אין קומען. עמיץ זאָגט מיר, אַז עס זיינען דאָ פאַראַן אַרום 500 אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך. אַ טייל בחורים און מיידלעך זיצן אין גרופּעס און זינגען. אַנדערע גרייטן־צו פאַרן עולם אַ מאָלצייט פון ברויט און פּוטער, צוואַרעך, קאָלבאַס א. דגל. פון ווייטן זע איך אַ סך באַקאַנטע פּנימער פון שניידער, סטאָליער, שניצער, זעמסער, בערשטער, איינבינדער, בייטאַרינס, קאָנווערטניקעס און קאָנווערטניצעס, זאָקנמאַכערס און אַזוי ווייטער.

אַ רעדנער שטייט אויף אַ בערגל אַרומגערינגלט פון הונדערטער מענטשן און רעדט, איך הער ניט גענוי, וואָס ער זאָגט, כ'פיל אָבער, אַז ער רעדט פון יושר און אחדות. אַן אַרבעטער נעמט אַרויס פון בוזעם אַ רויטע פאָן און פאָכעט מיט איר. דער עולם יובלט און אַלע הויבן אָן זינגען. איך זינג מיט שטיל דאָס ליד פון דער רויטער פאָן, וואָס איז „באַשפּריצט מיט דעם

בלוט פון אַרבעטסמאַן״ *), און נאָכדעם אויך הויך אויפן קול, דאָס ליד פון דער פרייהייט:

„טיראַנען איר קאָנט זי ניט טויטן,
זי איז אַן אומשטערבלעכע בלום,
אירע בליענדע, שמעקנדע קווייטן,
בליען און וואַקסן אומעטום״.

שפּעטער ליג איך אַליין אונטער אַ בוים און חלום אויפן וואָר. פון אַ נאָענטן גרינעם בערגל דערטראָגן זיך צו מיר קלאַנגען פון אומעטיקע ניגונים, וואָס כ׳האָב, דאַכט זיך, געהערט אין מיין קינדהייט אין דאָרף און אין שטעטל. פאַר מיינע אויגן שוועבן בילדער פון פאַרשוואונדענע צייטן. אַנשטאָט דעם וואַלד לעבן ווילנע, אין 1895, זע איך דעם „טאָל פון די צעדערן״ אין שפּאַניע פון אַרום פיר הונדערט יאָר צוריק, וואו מאַראַנען (געהיימע יידן) באַהאַלטן זיך פון דער אינקוויזיציע, און אַנשטאָט די נייע אַרבעטער־לידער הער איך דאָס אַלטע געזאַנג פון „כל נדרי״.

די פאַרזאַמלונג פון ערשטן מאַי איז געענדיקט. דער עולם הויבט אָן גיין צוריק אין שטאָט. מ׳היט זיך פאַר אַן „עין־הרע״ און מ׳גייט איינציק־ווייז אָדער פאַרוויז.

איך גיי שווייגנדיק. מיין האַרץ איז אָנגעלאָדן מיט געפילן, פאַר וועלכע כ׳האָב ניט קיין ווערטער. קומענדיק צוריק אין שטאָט, ביים געזעגענען זיך מיט מיין עלטערן חבר, דריק איך צו מיין קאָפּ צו זיין ברוסט. פון מיינע אויגן רינען טרערן, און איך ווייס ניט פאַרוואָס.

דער סטרייק פון די אַרבעטער אין עדעלשטיינס טאַבאַק־פאַבריק דויערט שוין חדשים. דער פאַבריקאַנט וויל ניט נאָכגעבן קיין איין פאָדערונג פון זיינע אַרבעטער. ער האָפט, אַז דער הונגער וועט זיי צווינגען צו קומען זיך בעטן ביי אים, ער זאָל זיי אַריינעמען צוריק אויף וועלכע באַדינגונגען ער וועט נאָר וועלן.

די יידישע אַרבעטער פון אַלע פאַכן זאַמלען צווישן זיך הילף פאַר די סטרייקערס. זיי קריגן אויך הילף פון ניט־אַרבעטער. דאָך איז זייער לאַגע זייער שלעכט און זיי ליידן גרויס נויט.

אַנומלט איז עדעלשטיין דורכגעפאָרן די דייטשישע גאַס. ביים ראָג פון גיטקע טויבעס זאַוואָלעק האָבן אים מענטשן דערקענט און געוואָלט אים אָנברעכן די ביינער פאַר זיינע עוולות קעגן זיינע אַרבעטער. ער איז געוואָרן בלאַס און ניט געקאָנט אויסריידן אַ וואָרט. דערווייל זיינען אָנגעקומען אַ פּאָר טוער פון די קאַסעס און ניט געלאָזן אים טאָן קיין שלעכטס.

---

* פון דוד עדעלשטאַט.

זיי האָבן דערקלערט, אַז דער קריג איז צווישן די אַרבעטער מיט דער פאַרוואַלטונג פון פאַבריק, אָבער ניט מיט דער פּערזאָן עדעלשטיין.

ה׳ עדעלשטיין זוכט נאָכדעם צו ברעכן דעם סטרייק דורך אַראָפּברענגען אַ סך צענדליקער פּאַפּיראָסן־מאַכערקעס פון סט. פּעטערבורג. אין שטאָט גלויבט מען, אַז דאָס זיינען ניט קיין רעגולערע פאַבריק־אַרבעטער, נאָר אומאָנשטענדיקע פרויען. ס׳פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז זיי זיינען „זאַראַזשעט״ (אָנגעשטעקט) מיט סיפיליס. דער עולם אין ווילנע, און אויך אין די אַרומיקע געגנטן הערט דעמאָלט אויף צו קויפן עדעלשטיינס פּאַפּיראָסן.

אין אָט דער צייט דערוויסן זיך די סטרייקערס, אַז עדעלשטיין האָט געפּועלט ביים ווילנער שטאָט־מגיד אַרויסצוטרעטן קעגן זיי אין זיינער אַ דרשה.

דער ווילנער שטאָט־מגיד, ר׳ הירשל ראַבינאָוויטש, איז אַ זון פון קאָוונער רב ר׳ יצחק אלחנן ספּעקטאָר. נאָר מ׳האָט ניט צו ר׳ הירשלען אַזאַ צוטרוי ווי צו זיין הויך־אָנגעזעענעם טאַטן. מ׳האַלט אים פאַר עדעלשטיינס אַ קרוב, און בכלל פאַר אַ פריינט פון גבירים. דאָך האָט ער געקאָנט, זאָגט מען, אויסגלייכן דעם סכסוך צווישן די אַרבעטער און דעם פאַבריקאַנט, ווען ער פאַרבעט צו זיך ביידע צדדים פאַר אָט דעם צוועק.

די יונגע אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך גרייטן זיך צו זיין דרשה, שבת ביי־טאָג, כ״ז אב, תרנ״ה (17־טן אויגוסט, 1895). זיי קומען אין מאַסן אין דער ווילנער גרויסער שול און פאַרנעמען אַלע בענק אַרום אָרון־קודש און דער בימה. זייער אָנוועזנהייט טוט צו־ערשט הנאה דעם שטאָט־מגיד. אין אָנהייב פון זיין דרשה דריקט ער אויס זיין פרייד, וואָס די יוגנט איז אים געקומען הערן. נאָר אָנשטאָט זיי צו פאַראינטערעסירן אין דער ייִדישער תורה מיט דעם אמת און דער גערעכטיקייט פון די נביאים, פּילפּולט ער זיך גאָר אין פּסוקים פון דער סדרה פון דער וואָך (פּרשה „ראה״).

זיינע יונגע צוהערער לאַנגווייליקן זיך, נאָר זיי זיינען אַנטשלאָסן אויסצוהערן זיין דרשה ביזן סוף, צי ער וועט עפּעס וואָס זאָגן וועגן סטרייק. זיי דאַרפן שוין ניט לאַנג וואַרטן. ווען ער קומט צום פּסוק „עשר תעשר את כל תבואת זרעך״ (דברים י״ד, כ״ב), דערמאָנט ער די גמרא „עשר בשביל שתתעשר״ (גיב מעשר, כדי דו זאָלסט ווערן רייך). דערביי דערקלערט ער דעם רייכן באַלעבאָס פאַרן „ברויטגעבער״ פון זיינע אַרבעטער און פאַלט אָן ביטער אויף די, וועלכע טרעטן אַרויס אין אַ סטרייק קעגן זייער באַלעבאָס און שעדיקן זיינע געשעפטן.

ביי די דאָזיקע ווערטער דערהערט זיך תיכף אַ פייף פון הונדערטער מיילער, און די יוגנט פאַרלאָזט די שול. די עלטערע מענטשן זיינען צעטומלט: אַזאַ חילול־השם! אויספייפן אַ דרשה פונעם שטאָט־מגיד אין דער ווילנער גרויסער שול, האָט נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט.

דער שטאָט־מגיד, בלאַס און צעשראָקן, לייגט אָפּ דעם סוף פון זיין דרשה אויף אַן אַנדערש מאָל... דער אָפּקלאַנג פון דעם פייף אין שול רודערט אויף די שטאָט. דער „דעת הקהל" — די עפנטלעכע מיינונג — צווינגט דעם פאַבריקאַנט זיך באַלד אויסצוגלייכן מיט די סטרייקערס. דער שטאָט־מגיד בלייבט ווייטער אויף זיין שטעלע נאָר אין זכות פון זיין באַליבטן טאַטן.

קאַפּיטל פינף און זעכציק

„אַלעקסאַנדער" און „רעזטשיק"

אויף דער קוואַרטיר פון מיין חבר יאַשקע דעם שניידער טרעף איך באַוואוסטזיניקע אַרבעטער פון אַלע פאַכן. זיי אַמפּערן זיך מייסטנס וועגן „אַגיטאַציע" און „פּראָפּאַגאַנדע". דערביי דערמאָנען זיי אָפט צוויי נעמען: „אַלעקסאַנדער" און „רעזטשיק" (גראַוויאָר).

ביידנס אַנהענגער דערציילן פון זיי חידושים. ביידע, זאָגט מען מיר, זיינען שאַרפע פּאָלעמיקער. זיי קאָנען איינער דעם אַנדערן ניט בייקומען אין זייערע וויכוחים. אַלעקסאַנדער איז אַ פולער אינטעליגענט (ווי ס'הייסן סטודענטן פון אַ רוסישן אוניווערזיטעט. אַלע אַנדערע רופט מען אָן האַלבע אינטעליגענטן). דער רעזטשיק אין אַן אַרבעטער, אַ קינסטלער אין צייכענען, גראַווירן און שניצן. ער האָט אַ סך געלייענט און איז שטאַרק באַהאַוונט אין רוסישע ביכער וועגן סאָציאַלע פּראָגעס און ליטעראַטור. אַלעקסאַנדערס צד ווערט אָנגערופן: „אַגיטאַציע" און דעם רעזטשיקס — „פּראָפּאַגאַנדע".

צוליב קאָנספּיראַציע קומט ניט אַלעקסאַנדער אויף די קוואַרטירן, וואו כ'טרעף זיך מיט מיינע באַקאַנטע אַרבעטער. דעם רעזטשיק האָב איך איינמאָל געזען אין דער טאָקאַרניע, וואו איך אַרבעט. כ'האָב אָבער ניט געוואוסט, אַז דאָס איז ער. עמיצער האָט מיר נאָר אָנגעוויזן אויף אָט דעם סימפּאַטישן יונגנמאַן מיט דעם קיילעכדיקן שוואַרצן בערדל, אַז ער איז עס דער קינסטלער, וועלכער מאַכט די שיינע שניצערייען אויף די קאָסטבאַרע שפּאַציר־שטעקנס אין אונדזער טאָקאַרניע. ער אַרבעט ביי זיך אין דער היים און קומט צו אונדז נאָר, ווען ער ברענגט אָפּ פאַרטיקע אַרבעט, אָדער ער נעמט אַן אַ נייע באַשטעלונג. אונדזער באַלעבאָס וואונדערט זיך, וואָס איז דער מער מיט אָט דעם יונגנמאַן? אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, מיט אַזוינע גילדערנע הענט וואָלט געגאַנגען אין גאָלד. ער וואָלט שוין לאַנג צוריק געוואָרן איינער פון די רייכסטע מייסטערס אין ווילנע. ער רעכנט אַ הויכן פּרייז פאַר זיין אַרבעט און פאַרדינט גרויסע געלטער. ער ווערט

אָבער אָפּט פֿאַרפֿאַלן און באַוויזט זיך ווידער ערשט אין אַ חודש אָדער צוויי אַרום.

יאַשקע דערקלערט מיר, אַז דער רעזשטשיק אַרבעט נאָר דעמאָלט, ווען ער ביטלט זיך אויס. אַזוי לאַנג אָבער ווי ער האָט אויף זיינע נויטיקע באַדערפֿעניש, גיט ער אָפּ זיין גאַנצע צייט אויף לייענען ביכער, קאָרעספּאָנדירן מיט שרייבער אָדער האַלטן רעדעס פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע.

מיינע באַקאַנטע פֿון דער „אַגיטאַציע" זאָגן מיר, אַז ניט אַלע אַרבעטער אין דער פּראָפּאַגאַנדע זיינען באַגייסטערט פֿאַר מער וויסן. אַנדערע ווילן נאָר זיך אויסלערנען מער רוסיש, כדי צו קאָנען ווערן פּריקאַזטשיקעס (האַנדלס־אַנגעשטעלטע) אָדער בוכהאַלטערס א. דגל. לייכטערע און בעסער־באַצאָלטע פּראָפֿעסיעס.

פֿון דער „פּראָפּאַגאַנדע" ענטפֿערט מען מיר אויף דעם, אַז די פֿראַגע וועגן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע האָט גאָרניט צו טאָן מיט יענע איינצלנע מענטשן, וואָס נוצן אַלץ אויס פֿאַר זיך אַליין. די גרויסע מערהייט אַרבעטער פֿוןביידע צדדים טראַכטן ניט וועגן זיך פּערזענלעך, נאָר וועגן די אינטערעסן פֿונעם גאַנצן כלל.

אין אַ וויכוח מיטן רעזשטשיק זאָל אַלעקסאַנדער זיך האָבן אויסגערעדט, ווי עטלעכע גיבן מיר איבער, אַז מען קאָן די אַרבעטער ניט געבן קיין בעסערע ליטעראַטור, ווייל די קעמערלעך פֿון זייער מוח זיינען פֿאַרטעמפּט און פֿאַרשטאָפּט. מ׳דאַרף דעריבער זיי נאָר אַגיטירן צו נעמען בולאַוועס אין די הענט און שלאָגן דעם שונא. דער רעזשטשיק אָבער זאָגט, דערקלערן זיי מיר, אַז אויב די אַרבעטער וועלן נאָר קאָנען האַלטן בולאַוועס אין די הענט, אָבער ניט וויסן געגנוי פֿאַר וואָס זיי שלאָגן זיך, קאָן מען זיי פֿאַרפֿירן, צו שלאָגן מיט אָט די בולאַוועס איינע די אַנדערע, אַנשטאָט צו קעמפֿן אַלע צוזאַמען קעגן זייער אַלעמענס שונא.

הלל, יאַשקע, ירמיה־לייב און אַנדערע פֿון דער „פּראָפּאַגאַנדע" דערציילן מיר, אַז דער רעזשטשיק האָט דאָס באַוויזן מיט פֿאַקטן פֿון דער געשיכטע פֿון די רעוואָלוציעס אין מערב־אייראָפּע, אַז צוליב דעם האָבן דאָרט די אַרבעטער פֿאַרלאָרן. ער וואָרנט דעריבער, אַז מ׳זאָל דאָ שוין איצט געגנוי אויפֿקלערן אַלע אַרבעטער, פֿאַרוואָס זיי דאַרפֿן קעמפֿן. מ׳זאָל זיך אויך שטאַרק אָנשטרענגען, אַז די אַרבעטער זאָלן דאָס אַלץ גוט באַגרייפֿן. די אָנהענגער פֿון רעזשטשיק זאָגן צו מיך צו באַקענען מיט אים פּערזענלעך. ער וועט שוין, זאָגן זיי, מיר אַלץ דערקלערן אַ סך בעסער, ווי זיי קאָנען דאָס טאָן.

דערווייל באַנוגענען זיי זיך מיט דערציילן מיר עטלעכע פֿאַקטן וועגן דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע", ווי זיי רופֿן אויך אָן זייער צד (די פּראָפּאַגאַנדע). דער רעזשטשיק האָט צוערשט (אין 1891—1892) זיך אַליין „געספּאַרעט" מיט

די גאַנצע און האַלבע אינטעליגענטן, און האָט פאַרלאַנגט מ׳זאָל די אַרבעטער געבן מער וויסן. אין 1893 שטייען צו אים צו מאַסן אַרבעטער און די אַרבעטער־אָפּאָזיציע האָט דעמאָלט אָן אַ שיעור מער אָנהענגער ווי די אַגיטאַציע־אינטעליגענטן. נאָר ווי די לערער פון רוסיש און די באַלעבאַטים פון דער „אומלעגאַלער" ליטעראַטור, וואָס גייט דורך זייערע הענט, האַלטן זיי אָן ווייטער זייער פירערשאַפט. אין 1894 געלינגט די דאָזיקע פירער דורך אַ שפּיצל אַרויסצוקריגן פון דער „פּראָפּאַגאַנדע" איר גאַנצע אומלעגאַלע ליטעראַטור און כמעט אַלע אירע גוטע ביכער בכלל. זיי דערקלערן, אַז די פּאָליציי גרייט זיך צו מאַכן אַביסקעס (הויז־זוכונגען) אין אַלע אַרבעטער־קוואַרטירן. זיי פאָדערן דעריבער מ׳זאָל זיי אַלץ איבערגעבן צו באַהאַלטן. זיי גיבן נאָכדעם ניט קיין זאַך צוריק, און אַלץ בלייבט ביי דער „אַגיטאַציע"...

אין ווילנע הערשט איצט, אין אָסיען, האַרבסט 1895, אַ מגפה פון „קרעוואַוועקע". מ׳זאָגט, אַז מענטשן „פאַלן ווי פליגן". ווען איך ווער קראַנק אויפן מאָגן, און דער דאָקטאָר זאָגט, אַז איך לייד שוין פון דער עפּידעמיע, וויל מיין באַלעבאָס מיך אַוועקשיקן אין הקדש (יידישן שפּיטאָל). נאָר מיינע באַקאַנטע אַרבעטער זיינען קעגן דעם. נעמט מיך אַוועק מענדל דער בריסקער (מיכאַאיל דער איינבינדער) אויף זיין קוואַרטיר, אין גרויס־שניפּישאָק. נאָר אָט די קראַנקהייט טוט שטאַרק ווי. מ׳קאָן זיך ניט איינהאַלטן פון צו שרייען אויפן קול. שכנים קאָנען עס אָבער ניטליידן. מוז מיכאַאיל מיך אַריבערפירן אין הקדש. דאָרט זיינען פאַראַן אַזוי פיל חולאים, אַז עס סטאַיעט ניט קיין בעטלעך פאַר אַלעמען. איך ליג אין אַ בעטל, נאָר אַנדערע ליגן אויף דער פאָדלאָגע.

ווען דער מיישעגאָלער שטומאַק, דער רימער סאָלץ (אַ נאָענטער קרוב פון ווילנער בעל־טאַקסע און גבאי, מונע סאָלץ, און פון דער אַנגעזעענער משפחה גורלאַנד) שטאַרבט אַוועק אין הקדש, כאָטש ער איז געווען אַ שטאַרקער מאַן, דערשרעקן זיך מיינע נאָענטע פריינט. זיי לאָזן צוואוויסן מיין טאַטן אין דאָרף וועגן מיין קראַנקהייט. דער טאַטע פאַרבאַהאַלט די נייס פון דער מאַמען. ער זאָגט איר נאָר, אַז ער דאַרף ערגעץ־וואו צופאָרן. ווען די מאַמע דערזעט אָבער דורכן פענצטער, אַז דער טאַטע רייט אַוועק אויפן וועג צו ווילנע, פאַלט איר גלייך אַריין אַ געדאַנק, אַז איר בן־יחיד איז אין סכנה. זי דינגט באַלד אַ פור און לויפט קיין ווילנע. מיין טאַטע־מאַמע קומען ביידע אַריין צו מיר, אין הקדש, אין איין צייט.

די מאַמע פאָדערט, מ׳זאָל איר לאָזן מיך תיכף נעמען אַהיים צו זיך אין דאָרף. דער הויפּט־דאָקטאָר, זאַלקינד, מיט אַ שיינער בלאָנדער באָרד, דערלויבט איר עס צו טאָן. ער הייסט נאָר דעם קראַנקן־וועכטער מיר

מאַכן פריער אַ וואַנע, אַנטאָן ריינע וועש און איינפּאַקן מיך אין וואַגן צווישן בעטגעוואַנט, אַז דאָס פאָרן זאָל מיך ניט צופיל טרייסלען.

אינדערהיים באַנוצט זיך ניט די מאַמע מיט די מעדיצינען פון ווילנער הקדש, און ניט מיט די רפואות פון איר מאַמען, מיין באָבע דבורה. זי היילט מיך מיט די אויסגעפּרוּווטע נאַטור־מיטלען, מיט וועלכע די דאָרפסלייט היילן די דאָזיקע קראַנקהייט זינט דורות. פון אַלע דאָרפישע כאַטעס שיקט מען אַריין צו דער מאַמען געטריקנטע שוואַרצע יאַגדעס און אַלערליי קריי־טיכער. די מאַמע טוט עס אַריין אין אַ משקה און גיט עס מיר אין טיי־לע־פעלעך. שפּעטער מאַכט זי מיר ספּעציעלע עסנס, ביז וואַנען זי שטעלט מיך אויף די פיס, און איך בין בכוח זיך צוריקצוקערן צו מיין אַרבעט אין ווילנע.

***

זינט י. ל. פּרץ גיט אַרויס זיינע "יום־טוב בלעטלעך" איז ער מיין באַ־ליבטסטער שרייבער. ער איז דאָס אויך ביי מיינע באַקאַנטע יונגע אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך.

לעצטנס לייען איך, צוזאַמען מיט אַנדערע, י. ל. פּרצעס זאַמלונג „ליטעראַטור און לעבן". מיר אַמפּערן זיך דערביי וועגן פּרצעס מיין מיט דעם אָדער יענעם מעשהלע זיינס. מיר פלעגן זיך אויך דורכשמועסן ביים לייענען זיינע פריערדיקע זאַכן, ווי, למשל, זיין מעשהלע „די רויז", אין אַ יום־טוב בלעטל, און דאָס ליד „כסא שלמה", אין זיין ביכל „פּאָעזיע". מער ווי אומעטום געפינען מיר אָבער וועגן וואָס זיך צו אַמפּערן אין זיין זאַמל־בוך „ליטעראַטור און לעבן". וואָס האָט ער דאָרט געמיינט מיט זיין „באָנטשע שווייג", „דאָס שטריימל" און באַזונדערס די צען מעשהלעך אונטערן נאָמען „קליינע מעשיות פאַר גרויסע מענטשן". אין ניין מעשהלעך זיינען מיר אַלע אייניק, וואָס י. ל. פּרץ האָט מיט זיי געמיינט. וועגן איין מעשהלע אָבער מיט העכט און קאַרפּן קאָנען מיר זיך ניט אייניקן. די מער־הייט טייטשט אין דעם אַריין דעם קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. כ'בין מיט זיי ניט איינשטימיק. כ'זאָג, אַז י. ל. פּרץ מיינט דערמיט פּראָסט און פּשוט די „חובבי ציון" (ליבהאָבער פון ציון). קיינער פון דער מער־הייט וויל ניט אָננעמען מיין דערקלערונג, ווייל קיינער פון זיי איז ניט באַקאַנט ווי איך מיט אָט דער באַוועגונג, וועגן וועלכער כ'לייען אין העבּ־רייִשע אויסגאַבעס.

ניט קאָנענדיק זיך אייניקן מיט דער מערהייט, האָב איך זיך אָנגעבאָטן צו שרייבן אַ בריוול צו י. ל. פּרצן און אים אָנפרעגן, וואָס ער האָט גע־מיינט מיט אָט דעם מעשהלע. איך קויף אַ טאָפּלטע פּאָסט־קאַרטל און באַ־שרייב דאָרט, ווי אַזוי מיר, אַ גרופּע לעזער, לייענען איצט זיין מעשהלע

וועגן די „העכט" און די „קאַרפּן". איך האַלט, אַז ער מיינט דערמיט די „חובבי ציון". די איבעריקע זיינען אָבער מיט מיר ניט איינשטימיק. מיר בעטן אים דעריבער אונדז צו ענטפערן, ווער ס'האָט ריכטיק געטראָפן, וואָס ער, י. ל. פרץ, מיינט מיט אָט דעם מעשהלע.

מיר האָבן לאַנג געוואַרט אויף זיין ענטפער. געוועזן אַזוינע, וואָס האָבן אונדז אויסגעלאַכט, וואָס מיר דערוואַרטן, אַז דער גרויסער שרייבער אין וואַרשע זאָל אונדז ענטפערן וואָס ער האָט געמיינט מיט זיינער אַ געוויסער זאַך. מיר האָבן אָבער ניט געוואַרט אומזיסט. זיין ענטפער איז געווען:

„הער מאַרמאַר, איר האָט ריכטיק געטראָפן. י. ל. פרץ".

די עטלעכע ווערטער מאַכן אויף אונדז אַ שטאַרקן רושם. מיר זעען איין, אַז י. ל. פרץ איז ניט נאָר אַ גרויסער שרייבער, נאָר אויך אַ געטרייער לערער. כ'האָב איצט דעריבער אַ סך פאַרדרוס, וואָס איינער, אַן אברהם גאָלדבערג, מאַכט חוזק פון מיין באַליבטן און געאַכפּערטן י. ל. פרץ דורך איבערמישן זיין שרייבן און כלומרשטע יום־טוב בלעטלעך מיט אַזוינע נעמען ווי „לאָקשן" אויף שבת, און „אַ פּלוי" אויף תשעה־באב.

ביי יצחק פונקן אין ספרים־קראָם דערוויס איך זיך, אַז אָט די חוזק־בלעטלעך אונטער דעם פאַרשטעלטן נאָמען „אברהם גאָלדבערג", ווערן געשריבן פון דעם באַרימטן העברייאישן שרייבער דוד פרישמאַן. דאָס רעגט מיך שטאַרק אויף.

דוד פרישמאַן איז ביי מיר זייער חשוב פאַר זיינע העברייאישע איבער־זעצונגען „ידיעות הטבע" (נאַטור־וויסנשאַפטן), פון אהרן בערנשטיין, און „תולדות השלמת האדם" (קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט), פון יוליוס ליפּערט. כ'האָב זיי איינגעקויפט העפטנווייז און אַ סך געלערנט פון זיי. כ'קאָן אָבער ניט מוחל זיין אויף דעם „כבוד התורה" פון מיין באַ־ליבטן שרייבער און לערער י. ל. פרץ.

אין מיין צאָרן אויף דוד פרישמאַנען בין איך אים אַ ווייל מבטל. כ'זאָג אין יצחק פונקס געגנוואַרט, אַז דוד פרישמאַן איז נאָר אַן איבערזעצער פון אַנדערע שפּראַכן אין העברייאיש, אָבער ניט קיין אָריגינעלער קינסט־לער ווי י. ל. פרץ.

יצחק פונק, דער מוכר־ספרימניק און פאַרלעגער, וואָס איז אויך דער אַרויסגעבער פון י. ל. פרצעס „ליטעראַטור און לעבן", איז געוויינלעך זייער גוט צו מיר. ער גיט מיר לייענען ביכער אָן פּראָקאָט און אָן אַ זאַלאָג. ער ווערט אָבער שטאַרק בייז און מוסרט מיך גוט אויס פאַר מיין יינגלשער חוצפה קעגן אַזאַ „טאַלאַנטפולן העברייאישן דיכטער און דערציילער און ליטעראַטור־קריטיקער" ווי דוד פרישמאַן. ער רעכנט מיר אויס אַ לאַנגן צעטל פון פרישמאַנס אָריגינעלע ווערק און איך מוז צוגעבן, אַז כ'בין אומגערעכט.

כ׳האָב חרטה אויף מיין באַמערקונג קעגן פרישמאַנען, ווי אַן אָריגי־נעלער קינסטלער. דאָך בין איך אים ניט מוחל פאַר זיין אָפּחוזקן פון י. ל. פּרצן, וועלכער איז פאַר מיר מער ווי אַ קינסטלער. ער איז אויך מיינער אַ לערער.

קאַפּיטל זעקס און זעכציק

אויף אַ קוואַרטיר ביי רוסן

זינט איך בין צוריקגעקומען פון דאָרף אין שטאָט נעכטיק איך אויף אַ קוואַרטיר. איך בין נאָך שוואַך פון מיין קראַנקהייט און נויטיק זיך אין מער אָפּרו. מיין באַלעבאָס, מאָטע דער טאָקער, דערלויבט עס מיר, ווייל ער נויטיקט זיך איצט אין מיין הילף. זיין ערשטע ווייב האָט שוין ביי אים גענומען אַ גט, שטייט ער איצט אין שידוכים. ער וויל זיך אָבער ניט פאַר־לאָזן אויף זיין אייגענער מבינות. ער בעט מיך דעריבער אים באַגלייטן ווען ער גייט זען אַ כלה, כדי צו קענען נאָכדעם אים זאָגן מיין מיינונג וועגן איר.

מיין קוואַרטיר איז אויף סטעפּן־גאַס לעבן מאַרק, ביי אַ פרום גריכיש־קאַטוילישׂ, רוסיש פּאָר־פאָלק; עלטערע מענטשן, אָן קינדער. מיר זיינען דאָרט זאַלבעדריט, אַלע טאָקערס: אייזיק דער מינסקער, דער בעסטער און שנעלסטער אַרבעטער ביי מיין מייסטער; משהקע, מיין חבר נאָך פון די חדר־יאָרן, וועלכער אַרבעט ביי מיין מייסטערס טאַטן, און איך, דאָס לערן־יינגל.

פון אוטשאַסטאָק (פּאָליצייי־אָפּטייל), וואו אַנדערע פּעסער זיינען „איינגעשריבן" (איינגעמאָלדן) איז געקומען אַ „גאָראָדאָוואָי" (פּאָליציסט) נאָכפרעגן ביי די אַלטע רוסן, וואָס פאַר אַ מענטשן זיינען זייערע נייע, יונגע קוואַרטיראַנטן? די אַלטיטשקע לויבט אונדז אַלעמען, אַז מיר זיינען שטילע רואיקע האָרעפּאַשניקעס. וועגן מיר פּערזענלעך גיט זי נאָך צו, אַז באַלד ווי איך קום אַריין אין שטוב, נעם איך זיך „מאָליען" (טאָן תפילה) אין אַ „געבעט־בוך". אַז כ׳קוק אַריין אין אַן אַנדער מין בוך האָט די גוטע פרומע אַלטיטשקע זיך בכלל ניט געקאָנט פאָרשטעלן.

שבת בייטאָג, ווען דאָס אַלטע פּאָר־פאָלק איז ניטאָ אין דער היים, קומען פאַר קלאַסן און פאַרזאַמלונגען אין אונדזער גרויסן צימער. מ׳לייענט דאָרט אין רוסיש סאָציאַליסטישע בראָשורן. אַליין בין איך דעמאָלט פאַר־נומען מיט די שבתדיקע פאָרלעזונגען אין יידיש פאַר מאַסאָווע אַרבעטער. ווען איך פאַרענדיק מיין פאָרלייענען כאַפּ איך זיך אַריין אויף אונדזער קוואַרטיר און שמועס מיט די לערער און לערערקעס דאָרט, פון וועלכע איך קאָן עפּעס־וואָס לערנען.

מיינע מיט־קוואַרטיראַנטן איזיק און משהקע, ווי אויך מיין פריער פיל־דערמאָנטער חבר יאַשקע דער שניידער, וועלכער קומט אָפּט צו אונדז אַריין, פירן מיט מיר היציקע וויכוחים וועגן מיינע מאָדנע אידייען פון מאָראַל. איך טענה, אַז מענטשן וועלכע ווילן איינפירן יושר אויף דער וועלט, דאַרפן אַלעמאָל זיין ניכטער, און זיך אויך אויפפירן מאָראַליש אין שייכות צו פרויען. זיי האַלטן, אַז איצט דאַרף מען זיך אָפּגעבן אינגאַנצן נאָר מיט אַגיטאַציע קעגן אַבסאָלוטיזם (אַליינהערשאַפט) פון צאַר און קעגן עקספּלואַטאַציע פון מייסטערס.

איזיק דער מינסקער טאַטשעט מיך, כ׳זאָל אים גלייך אויסלערנען אַלץ וואָס איך וויס: ער זאָל דאָס וויסן פּונקט אַזוי ווי איך. אויב איך טו דאָס ניט תיכף, באַווייזט עס, זאָגט ער, אַז כ׳וויל האָבן מאַכט איבער אים. ער צווייפלט אויך, אַז איך גלויב ניט אין שדים און רוחות. ער פועלט ביי יאַשקען און משהקען מיך אויסצופּרואוון. זיי קומען אַלע דריי אין אָוונט אויף אונדזער קוואַרטיר, פריער פאַר מיר, פאַרבאַהאַלטן זיך אונטער די בעטלעך, קושעטקע און טיש.

ווען כ׳קום אַריין אין צימער, צינד אָן דעם לאָמפּ און נעם לייענען אַ בוך, אָדער שרייבן אַ בריוו, לעשן זיי אויס דעם לאָמפּ און אַלץ נעמט גיין כאַדאָראָם: דער טיש גייט צום טיר, די קושעטקע צו די בעטלעך. חברה דערוואַרט איך זאָל נעמען שרייען, אָדער חלשן פאַר שרעק. איך בין אָבער זיכער, אַז דאָס טוען מענטשן. דערקלער איך עס אויפן קול און פאַרלאַנג זיי זאָלן מיך לאָזן רואיק לייענען אָדער שרייבן.

אַ סך פאַרדרוס גיט מיר דאָס טאָג־ביכל, וואָס כ׳האָב געפירט אַ גע־וויסע צייט. כ׳האָב לעצטנס זיך געהאַט אַריינגעקראָגן קאַצענעלענבויגענס לוח „המזכיר" (טאַשן־קאַלענדאַר און נאָטיץ־בוך פיר יעדן), רעדאַקטירט פון יהושע מזה. אַחוץ אַ לוח מיט ניצלעכע ידיעות, זיינען דאָרט אויך פאַראַן וויצן, אַנעקדאָטן און לידער. דער פּלאַץ פאַר נאָטיצן איז באַשרענקט. כ׳האָב דעריבער דאָרט פאַרשריבן נאָר די סאַמע וויכטיקסטע געשעענישן אין מיין לעבן. ווען חברה האָט עס דערטאַפּט, האָט עמיץ געלייענט מיטן ניגון פון „איכה" די באַשרייבונג פון מיין קראַנקהייט. מיין עלטערער חבר יאַשקע דער שניידער האָט אָבער די זאַך גענומען ערנסטער. ער האָט דערקלערט, אַז מיט מיין פאַרשרייבן נעמען און געשעענישן שטעל איך אין סכנה אונדזער אַלעמענס פרייהייט. אויב מ׳זאָל דאָס ביכל געפינען ביי אַ אָביסקע, וועט מען אַרעסטירן מאַסן מענטשן און אַ טייל פאַרשיקן קיין סיביר. כ׳האָב עס אַנערקענט און געלאָזט צערייסן און פאַרברענען דאָס גאַנצע טאָג־ביכל. כ׳האָב זיך אויך אַ נדר געטאָן ניט צו פאַרשרייבן מער קיין נעמען פון מיינע באַקאַנטע און כ׳באַמי זיך זיי צו פאַרגעסן, כדי זיך ניט אויסצורעדן זייערע אַ נאָמען אין צייט פון אָביסקעס און אַרעסטן.

דאַך פּאַרדריסט עס מיר און טוט ווי, וואָס כ'מוז פאַרגעסן פיינע מענטשן און וויכטיקע געשעענישן.

אַלעקסאַנדערס צד, די „אַגיטאַציע", האָט אָנגעשריבן אַ בראַשור עקסטרע פאַר באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. מ'גיט זי מיר איבערלייענען פאַר זיך אַליין.

די דאָזיקע בראָשור מיטן נאָמען „וועגן אַגיטאַציע", לייענט זיך ניט אַזוי גרינג, ווי די בראָשורקעס, וועלכע מ'גיט מיר פאָרצולייענען פאַר די מאַסאָווע אַרבעטער אויף די שבתדיקע פאַרלעזונגען. אַ צאָל זאַכן אין אָט דער בראָשור זיינען מיר טאַקע נאָך ניט קלאָר. למשל: ווי אַלע מיינע באַקאַנטע אַרבעטער און לערן־יינגלעך, האַלט איך, אַז די צאַרישע מאַכט קאָנען מיר בייקומען נאָר מיט דער הילף פון רוסישן פאָלק. מיר שטרעבן דעריבער צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג פון די אַרבעטער פון אַלע פעלקער אונטערן צאַר, באַזונדערס, די וואָס אַרבעטן אין די גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן. פון אָט דער בראָשור אָבער איז מיר געבליבן אין קאָפּ נאָר אַ פּלאַן וועגן אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער אין די וואַר־שטאַטן. דאָס קאָן זיין גענוג, אויף אויסצוקעמפן דעם צוועלף־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, אָבער ניט אויף אָפּצושאַפן דעם צאַרס אַליינהערשאַפט.

דער רעמעסלעניק מיכאַאיל דער שלאָסער, אַ יונגער פיינער בחור, האָט מיט מיר אַ עקסטרע שמועס וועגן אָט דער בראָשור. דערביי שטעלט ער מיר אַ פראַגע: וואָס געפעלט מיר בעסער — אַגיטאַציע אָדער פּראָפּאַ־גאַנדע. כ'זאָג אים דעם אמת, אַז מיר געפעלן ביידע. כ'האָב הנאה צו אַגיטירן די מאַסאָווע אַרבעטער אויף מיינע שבתדיקע פאַרלעזונגען, ווי אויך אין שמועסן מיטן עולם אין די שטאָט־גערטנער. מיר געפעלט אָבער אויך דער געדאַנק צו פּראָפּאַגאַנדירן די אַרבעטער, זיי צו געבן וואָס מער וויסן, כדי זיי זאָלן קאָנען אָנפירן די אַרבעט מיט זייערע אייגענע כוחות. איך האַלט, אַז מיר דאַרפן זיך אויך ניט מער באַנוגענען מיט די געשריבענע בראָשורקעס אויף די שבתדיקע פאַרלעזונגען, נאָר אָנהויבן פאָרצולייענען דאָרט פון דער געדרוקטער בעסערער ליטעראַטור אין יידיש. מ'קאָן אויך לייענען ביכלעך וועגן נאַטור־וויסנשאַפט אין יידיש און איינשפּאָרן די צייט פון אויסלערנען יידישע אַרבעטער עס צו לייענען אין רוסיש, ווי דאָס פירט זיך איצט.

צוליב דעם זעלביקן טעם — דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן אין ווייניקער צייט — האַלט איך אויך פאַר ניצלעך, צו געבן די באַוואוסטזיניקע יידישע אַרבעטער לייענען און זיי אויך דערקלערן די גוטע ליטעראַטור אין יידיש, ווי למשל, געוויסע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים, פּרצעס יידי־שע ביבליאָטעק", „ליטעראַטור און לעבן" און „יום־טוב בלעטלעך"; שלום

עליכמס „יידישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק״, ספּעקטאָרס „הויז־פֿריינד״ און אַנ־דערע זאַמלונגען און איינציקע ביכער, דורך וועלכע יידישע מענטשן קאָנען זיך היפּש אַנטוויקלען.

מיכאַאיל פֿרעגט מיך דערביי מיין מיינונג איבער דער פֿראַגע, וועגן וועלכער אונדזערע אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך אַמפּערן זיך איצט: צי כ׳בין פֿאַר אָדער קעגן אָפּשאַפֿן די קלאַסן צו לערנען רוסיש? כ׳ענטפֿער אים תיכּף, אַז כ׳בין קעגן צומאַכן קלאַסן, וועלכע האַלטן אין מיטן לערנען און קעגן עפֿענען נייע.

דאָס לערנען רוסיש, זאָג איך, האָט די באַוועגונג איינגעפֿירט לויט ווי עס דערציילן עלטערע אַרבעטער, כדי אַריינצוציען מאַסאָווע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך געקוואָפּעט צו קריגן אומזיסטע אוראָקן אין רוסיש. אַ טייל איז אַ דאַנק דעם געוואָרן באַוואוסטזיניק און טוט איצט גוטע אַרבעט. אַנדערע האָבן נאָכן דערלערנען רוסיש, געוואָרפֿן זייערע מלאכות, זיך גענומען צו איינטרעגלעכערע פּרנסות און זיך דערווייטערט פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט. איצט איז די לאַגע אַנדערש. מאַסאָווע אַרבעטער קומען צו אונדזערע שבתדיקע פֿאַרלעזונגען, כדי צו ווערן אַביסל אויפֿגע־קלערט. מ׳דאַרף זיי דערצו ניט אַריינגאַרן דורך לערנען זיי אומזיסט די מלוכה־שפּראַך, וואָס איז אויך אַ סגולה צו אַ בעסערער פּרנסה. דאָס לער־נען רוסיש דאַרף דעריבער זיין אַ פּריוואַטער ענין, ניט געקוקט אויף דער וויכטיקייט, אַז יידישע אַרבעטער זאָלן זיך קאָנען צוזאַמענריידן מיט ניט־יידישע פֿאַר געמיינשאַפֿטלעכע קאַמפֿן. אַנדערש איז די לאַגע פֿון די, וועל־כע האַלטן אין מיטן לערנען. אַ טייל פֿון זיי גלויבט, אַז די באַוועגונג טרויט אָן וויכטיקערע אַרבעט צו די וועלכע קענען רוסיש. מ׳דאַרף דעריבער זיי פֿאַרהיטן פֿון צו פֿילן זיך שטאַרק געקריוודעט און זיך באַקלאָגן, אַז מ׳האָט זיי איבערגעלאָזן אויף הפקר.

אַנהויב ווינטער (1895—1896) ווער איך באַשטימט פֿאַרן „רוקאָוואָ־דיטעל״ (אָנפֿירער), אָדער פֿאַרשפּרייטער פֿון לעגאַלער ליטעראַטור אין יידיש. כאָטש די דאָזיקע ביכער זיינען ניט קיין פֿאַרבאָטענע, און זיינען צענזורירט, מוז מען זיי האַלטן אין אַ געהיימער ביבליאָטעק און זיי פֿאַר־שפּרייטן פֿאָרזיכטיק. כ׳דאַרף זיי צושטעלן צו אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך פֿון דער האַלץ־אינדוסטריע, צו די סטאָליאַרעס, טאָקערס און שניצערס. די ביכער קריג איך אויף דער קוואַרטיר פֿון ישראל מיכל קאַפּלינסקי, דעם שלאָסער.

איך געפֿין אים געוויינלעך אויסגעצויגן אויף דער קושעטקע. ער נעגעט מיך תמיד פֿאַר מיין חברן זיך מיט יאַשקע דעם שניידער, וועלכער קאָן מיך נאָך פֿאַרשלעפּן צום רעזששיק אין דער „אָפּאָזיציע״ און צעשטערן

מיין גאַנצע „קאַריערע". ישראל מיכלס שפּראַך רעגט מיך אויף. נאָר כ'ווייס, אַז ער איז אַ וויכטיקער טוער און פאַרהאַלט זיך צו אים מיט דרך־ארץ. ער איז ניט דער איינציקער, וואָס וואָרנט מיך קעגן רעזשטשיק און רופט דער־מיט אַרויס מיין נייגעריקייט זיך מיט אים צו באַקענען. דאָס טוט אויך אפילו די גוטע, האַרציקע חנהלע די קאָנוועדטניצע, ווען כ'קום צו איר שטוב. זי וואוינט אויף זאַוואַלנער גאַס, ביי אירע עלטערן. די ערשטע צייט פלעגט זי פאַר מיר לייענען אַ בוך אין רוסיש. איצט לייען איך פאַר איר ביכער אין יידיש. ביי איר אין הויז באַקען איך זיך מיט זלמן דעם קאָנוועדטניק, אַ הויכער בחור מיט ברייטע פּלייצעס. כ'טרעף אים אויך ביי ישראל מיכל דעם שלאָסער. כ'שטעל זיך פאָר, אַז ער און חנהלע זיינען די הויפּט־טוער צווישן די אַרבעטער און אַרבעטערקעס אין זייער קאָנ־ווערטן־פאַבריק.

ישראל מיכל וואוינט אויפן צווייטן שטאָק, אין זאַוואַלנער גאַס, נאָענט פון האַלץ־מאַרק, אויף דער רעכטער זייט גאַס, גייענדיק צום וואָקזאַל. עס איז אַ שטיק וועג פון דאָרטן ביז צו טראָקער גאַס, וואו איך אַרבעט. איך טראָג אָבער ניט אַהין דעם שווערן פּעקל ביכער, וואָס כ'קלייב אויס אין דער ביבליאָטעק. איך צעטייל זיי אין די מייסטערסקאַיעס אויפן וועג.

דורך מיין פאַרשפּרייטן יידישע ליטעראַטור באַקען איך זיך פּערזענלעך מיט אַ סך אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך, סיי אין די קליינע וואַרשטאַטן, סיי אין אַזאַ גרויסן פּלאַץ ווי ווילקאָמירסקיס מעבל־פאַבריק, וואו עס אַרבעטן צוזאַמען סטאָליאַרעס, שניצערס און טאָקערס. איינעם פון זיי, הירשע דעם סטאָליער, קען איך שוין פון פריער. איך ווער אויך באַקאַנט מיט אַ צאָל קליינע מייסטערס, דער עיקר שניצער, וועלכע ווילן לעבן בשלום מיט זיי־ערע לערן־ייִנגלעך. זיי טענהן זיך אויס פאַר מיר. כ'הער זיך גוט איין צו די טענות פון ביידע צדדים און גלייך אויס זייערע סיכסוכים. די לערן־ייִנגלעך באַשטייען אויף דעם, כ'זאָל זיין דער שטענדיקער בורר אָדער אויסגלייכער פון זייער צד, פאַרלאַנג איך, אַז מיין עלטערער חבר, דער שניצער־אַרבעטער דוד אַנטאָקאָלסקי, זאָל מיר מיטהעלפן. כ'קום דעריבער אָפט אַריין אין דעם פּלאַץ וואו ער אַרבעט. זיין מייסטער מאיר מעבעל, איז ניט נאָר אַ קינסטלער אין זיין פאַך, נאָר אויך אַ זעלטענער מענטש. ער זאָגט מיר, אַז ביי אים וועט ניט זיין נויטיק צו סטרייקן פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג און בעסערע באַדינגונגען. ער האַלט, אַז די פאָדערונגען פון אונדזערע אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך זיינען דורכאויס גערעכטע און ער וועט זיין דער ערשטער דאָס אַלץ נאָכצוגעבן.

קאַפּיטל זיבן און זעכציק

מיין מייסטער צעשטערט אַ ספר

איך נעכטיק ווידער ביים מייסטער. די שותפותדיקע קוואַרטיר ביי די גוטע אַלטע רוסן האָבן מיר געמוזט אויפגעבן. מיין עלטערער יוגנט־חבר משהקע דער טאָקער איז אַוועק אויף סלוזשבע (מיליטער־דינסט). אייזיק דער מינסקער פאַרלאָזט ווילנע.

מיין געלעגער ביים מייסטער איז אָבער ניט מער אויף אַ טיר, נאָר אויף אַ בעטל. אַזוי ווי אונדזערע ווילנער אַרבעטער האָבן אויסגעקעמפּט דעם צוועלף־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אין אַלע וואַרשטאַטן, האָבן געמוזט עס איך נאָכגעבן די טאָקער־מייסטערס, און אויך מיין באַלעבאָס צווישן זיי. איך קאָן דעריבער איצט אַרויסגיין אַ ווייל אין אָוונט, און דער מייסטער וועקט מיך אויך ניט מער אויף 5 אַזייגער באַגינען. מיין באַלעבאָס פאַרגינט עס אונדז אָבער ניט. באַזונדערס ווען שיע, דער מעש־טאָקער, אַ טשלען (מיטגליד) און מאַכער אין דער רעמעסלענע אופּראַווע (מייסטער־צעך) האַלט כסדר אין העצן די טאָקער־מייסטערס קעגן זייערע יונגע אַר־בעטער און לערן־ייִנגלעך.

לעצטן שבת מאַכט מיר מיין מייסטער פּלוצלונג אַ סקאַנדאַל. כ׳בין געזעסן רואיק ביים פענצטער צום הויף און געבלעטערט אַ ספר — „תלפּיות" — אַ זאַמלונג פון אַרום אַ טויזנט זייטן מיט כלומרשטער לומדות און השכלה. קיין אומלעגאַלע ליטעראַטור ברענג איך ניט אינעם מייס־טערס שטוב; אפילו ניט קיין לעגאַלע פון דער געהיימער אַרבעטער־ביב־ליאָטעק. ביי אים אין שטוב לייען איך נאָר אַזוינע ביכער, וואָס כ׳נעם אויף פּראָקאַט אין די בוכהאַנדלונגען. דעם גראָבן „תלפּיות" האָב איך ניט גערן גענומען צום לייענען. זיינע שרייבער זיינען מיר ווייניק אָדער גאָרניט באַקאַנט, און דער אינהאַלט — ניט אינטערעסאַנט. דאָך בלעטער איך עס, זיץ נאָך זייט, אפשר וועל איך דאָרט געפינען עפּעס וואָס באַלערנדיקס. איך הויב אָן לייענען אַ לאַנגן אַרטיקל, וועמעס מחבר זוכט צו באַווייזן, אַז די רוסישע שפּראַך שטאַמט פון לשון־קודש. ער ברענגט אַ צעטל רוסישע ווערטער, וואָס האָבן אַן ענלעכן קלאַנג ווי העברייאיש, כאָטש זיי מיינען עפּעס אַנדערש. איך זע אייך, אַז דאָס איז ניט קיין וויסנשאַפטלעכע פאַר־שונג, נאָר בויך־סברות, און וויל עס ניט מער לייענען. פּלוצלונג באַוויזט זיך מיין באַלעבאָס. ער קוקט אויף מיר מיט אויגן פון אַ גזלן. ער רייסט אַרויס פון מיינע הענט דעם גראָבן „פּאַמפּוזש", וואַרפט עס אויף דער ערד, טרעט אויף דעם מיט די פיס און שרייט מיט באַנומענע קולות:

— אָט דאָ ליגט דער אומגליק... אָט פון וואַנען עס נעמען זיך די

סטאַטשקעס... אַט דאָ לערנט מען עס, ווי אַזוי צו באַראַבעווען דעם באַ־לעבאָס!...

פון דעמאָלט אָן היט ער מײַנע טריט, כ׳זאָל ניט אויפהעצן זײַנע אַר־בעטער. ער ווייס נעבעך ניט, אַז זיי געהערן שוין אַלע צו דער טאָקערשער קאַסע...

ניט געקוקט אויף מײַנע קריוודעס צו אים פאַר זײַנע באַלעבאַטישע רשעותן, האָב איך רחמנות אויף אים פּערזענלעך. ס׳האָט אים געקאָסט אַ פאַרמעגנס, געלט און געזונט, זײַן ערשטע ווײַב זאָל ביי אים נעמען גט — ער זאָל קאָנען חתונה האָבן פונדאָסניי, מיט דער האָפענונג צו ווערן אַ טאַטע. איצט איז זײַן צווייטע פרוי אַן עקרה, בעת די ערשטע, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדער מאַן, איז געוואָרן אַ מאַמע...

אַ גוטער פרײַנט מרים האָט איר געבראַכט אַ צעטל מיט סגולות פון „קארעליצער צדיק” צו האָבן קינדער. זיי גיבן עס מיר דורכליינען. איך גלויב ניט, אַז דאָס האָט געשריבן דער צדיק. פון די ניין סגולות דאָרט, זײַנען די ריינסטע און די נאַטירלעכסטע: „1. מאַכן וואַנעס פון קאָרע, אַביסל דעמבאָווע און אַביסל גארבארסקע”. „4. אײַנקאָכן אַ קוואָרט בראָנפן מיט ניינערליי בשמים, מיט זעקס לויט האָניק, זעקס לויט פּוטער, מיט זעקס לויט קאָרע פון אַ קאַרשן־בוים, אָבער שיילן פון אונטן אַרויף, און טרינקען צוביסלעך פאַרן שלאָף”. כ׳האָב דעריבער בדעה עס אַריבערצו־שיקן צום צדיק, ער זאָל וויסן, וועלכע סגולות מ׳גיט אין זײַן נאָמען.

ווען כ׳זאָג אַמאָל מײַן באַלעבאָס, אַז אויב ער וועט מיך ניט באַהאַנדלען בעסער, וועל איך אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט און דאָרט אַרבעטן פון וואָך... ענטפערט ער מיר אויף דעם, אַז לויטן געזעץ, ווי שיקע (שיע) דער מעש־טאָקער, האָט אים דערקלערט, קאָן אַ באַלעבאָס ברענגען צוריק זײַן לערן־ייִנגל, געשמידט אין קייטן, פון דער ווייטסטער שטאָט אין דעם צאַרס אימפּעריע. כ׳מוז דעריבער ענדיקן מײַן טערמין צי כ׳וויל אָדער ניט. שפּעטער אָבער, ווען דער קאַמף צווישן די ייִדישע אַרבעטער און די ייִדישע מייסטער ווערט שאַרפער, און שיקעס שנאה צו די אַרבעטער — שטאַרקער, רעדט ער איין מײַן באַלעבאָס ער זאָל ברעכן דעם קאָנטראַקט מיט מיר, און ער (שיקע), מיט זײַן מאַכט אין צעך, וועט שוין באַוואָרענען, אַז קיין ווילנער טאָקער־מייסטער זאָל מיך ניט נעמען צו דער אַרבעט.

אַזוי ווי מײַן באַלעבאָס האָט זיך ניט געוואָלט משפּטן מיט מיר אין סוד (געריכט), האָט ער פאַרגעשלאָגן צו קריגן פאַר מיר אַ פאָד־מייסטער־דאָקומענט פון צעך, וואָס וועט מיר געבן וואוין־רעכט אין „טיף ראסעיי”, און „אפילו אין סט. פעטערסבורג, וואו כ׳קאָן פיין פאַרדינען ביי מײַן אַר־בעט. אַ ווײַל בין איך געווען וויליק אײַנצוגיין אויף דעם אָפּמאַך, וואָס קאָן

מיר אפשר דערמעגלעכן צו אַרבעטן צוזאַמען מיט יענע רוסישע אַרבעטער, וועלכע זיינען דער הויפּט־כח פונעם קאַמף קעגן צאַריזם. מיר האָט זיך אָבער ניט געוואָלט אויפגעבן מיין טעטיקייט צו אַגיטירן און פּראָפּאַגאַנדירן, און פאַרשפּרייטן גוטע יידישע ליטעראַטור צווישן די יידישע אַרבעטער. איך האָב אויך געוואָלט זען, ווי אַזוי דאָס געזעץ, וואָס איז אַזוי שטרענג קעגן לערן־יינגלעך, וועלכע היטן ניט דעם אָפּמאַך מיטן באַלעבאָס, ווערט אָנגעווענדט ווערן קעגן אַ מייסטער, וועלכער ברעכט דעם קאָנטראַקט מיט זיין לערן־יינגל?

דער מיראָוואָי סודיאַ (פרידנס־ריכטער), אַ הויכער דיקער מאַן מיט אַ קורץ געל בערדל, האָט מיך געפרעגט: לויט וועלכן פּאַראַגראַף פון „סוואָד זאַקאָנאָוו" (געזעץ־בוך) איך קלאָג אָן מיין מייסטער? איך ענטפער: וועגן זיין ברעכן אונדזער קאָנטראַקט. דערקלערט ער מיר, דער „סודיאַ", אַז ס'איז כלל ניטאָ אַזאַ געזעץ, לויט וועלכן אַ מייסטער זאָל ניט טאָרן אָפּזאָגן זיין לערן־יינגל. טענה איך, אַז דער באַלעבאָס האָט מיר אָפּט געסטראַשעט צו ברענגען צוריק געשמידט אין קייטן, אויב כ'וועל אים פאַרלאָזן, טאָ וואו איז דער יושר, אַז איין צד זאָל פאַר דער זעלביקער זאַך ווערן האַרט באַשטראָפט און דער אַנדערער זאָל מאָגן טאָן וואָס ער וויל?...

דער מיראָוואָי סודיאַ ברעכט מיך אונטער מיט דער וואָרנונג: „כ'זאָל רעדן נאָר וועגן „זאַקאָן" (געזעץ), און ניט וועגן „יושר". מיט אַזעלכע טענות, ווי מיינע, וואָרנט ער מיך, קאָן איך נאָך זיך דערשלאָגן צו ווערן פאַרשיקט קיין סיביר...

מיין באַקאַנטער, וואָס האָט מיך באַגלייט אין געריכט, פאַרלאַנגט פון מיין מייסטער צו האַנדלען יושרדיק און מיר דאָך פאַרשאַפן דעם פּאָדמייסטער־דאָקומענט, וואָס ער האָט צוערשט אַליין אָנגעבאָטן. זיין ענטפער איז, אַז דאָס קאָן קריגן אין צעך נאָר שיקע, און יענער וויל עס בשום אופן ניט טאָן. מיין באַקאַנטער שרייבט דעמאָלט אויף אַ דערקלערונג אין רוסיש, אין מייסטערס נאָמען, אַז כ'האָב ביי אים געאַרבעט אַזוי פיל און אַזוי פיל צייט, ביי טאָקעריי, און כ'קען גוט די אַרבעט. אויף דעם שרייבט זיך מיין באַלעבאָס אונטער. כ'באַנוץ עס אָבער ניט, ווייל שיע דער מעש־טאָקער האָט מיך אַרויפגעשטעלט אויפן שוואַרצן צעטל, און קיין ווילנער טאָקער־מייסטער, וועלכער געהערט צום צעך, וועט מיך ניט אַריינגעמען אין זיין מייסטערסקאַיע קעגן שיעס ווילן. דערווייל אַרבעט איך שוין אין אַ קליין וואַרשטאַטל ביי אַ בחור, וואָס וואוינט צוזאַמען מיט זיין מוטער. זי גיט מיר קוואַרטיר מיט עסן און ער צאָלט מיר אויך אַ געוויסע שכירות פון וואָך.

הלל דער לאַזורניק און יאַשקע דער שניידער באַקאָנען מיך מיט דעם רעזשיק. דאָס קומט פאָר אויף יאַשקעס קוואַרטיר, אַראָפּ ברייטער גאַס, אויף אַ גרויסן בוידעם, וואו מ'קאָן אויך האַלטן היפשע פאַרזאַמלונגען.

אין טאָג האָב איך דאָרט איבערגעזעצט און דערקלערט פאַר מיינע באַקאַנטע זאַכן פון פרצעס העברייאישן זשורנאַלכל „החץ" (די פאַיל), וואָס טרעט שאַרף אַרויס קעגן די זאַטע, רואיקייט־ליבנדיקע עלעמענטן, וועלכע זיינען צופרידן מיט דער איצטיקער אָרדנונג. באַזונדערס באַמי איך זיך צו דערקלערן זיין מעשהלע דאָרט, „המחשבה והכנור" (געדאַנק און פידל), וואָס איך טייטש אויס, ווי אַן אַטאַקע קעגן די צענזאָרס. נאָכ־דעם לייען איך פאַר עפּעס, וואָס איך האָב אויפגעשריבן לכתחילה נאָר פאַר זיך אַליין, וועגן דעם חומש „דברים". כ׳ווייז אָן אויף די דאָרטיקע יושר־דיקע געזעצן, ניט נאָר פאַר מענטשן, נאָר אויך אפילו פאַר שטומע באַ־שעפענישן.

ווען הלל און יאָשקע שטעלן מיך פאַר פאַרן רעזטשיק, קריטיקירט ער מיין רעדע. ער זאָגט, אַז מיט אַזוינע רעדעס קאָן מען ברענגען מער שאָדן ווי נוצן. די אַרבעטער קאָנען מיינען, אַז חומש איז אַ סאָציאַל ווערק, בעת דאָס איז אַ טייל פון דער רעליגיע, וואָס האַלט די יידישע מאַסן אין פינצטערניש און צוריקגעשטאַנענקייט. איך בין מיט אים ניט איינשטימיק. דאָך מאַכט ער אויף מיר אַ שטאַרקן רושם מיט זיין אידעאַלער פּערזענלעכ־קייט און מיט זיין שאַרפער לאָגיק, מיט וועלכער ער דערקלערט מיר פּראַ־געס וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. כ׳הויב אָן לייענען זיינע דעקלאַראַ־ציעס און הויב אויך אָן באַזוכן זיינע פאַרזאַמלונגען. כ׳דאַרף עס טאָן טאָפּלט געהיים: זיך אויסהיטן ניט נאָר פאַרן שונא פון דרויסן, נאָר אויך פאַרן קעגנער פון אינווייניק. ווען כ׳קום צום ערשטן מאָל צו אַ פאַרזאַמלונג פון דער אַרבעטער־אָפּאָזיציע, שרעק איך איבער צענדליקער יונגע אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך, וועלכע קאָנען מיך פאַר אַ „רוקאָוואָדיטעל" און האַלטן דעריבער בסוד פון מיר זייער אָפּאָזיציאָנעלקייט. איינזעענדיק אָבער, אַז כ׳בין געקומען ווי אַ פּריינט, דריקן זיי אויס אָפן זייער פרייד מיט מיין אָנוועזנהייט.

קיין סך נחת האָב איך ניט פון באַזוכן די פאַרזאַמלונגען פון דער אַר־בעטער־אָפּאָזיציע. דאָס איז שוין צום דריטן מאָל, זאָגט מען מיר, וואָס זי גרופּירט אַרום זיך אַז גרויסע צאָל יונגע אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך. מיר איז אָבער שווער צו פאַרטראָגן די סכסוכים און קריגערייען צווישן זייערע אָנפירער און וואָרט־זאָגער.

***

דער היינטיקער ערשטער מאַי (1896) האָט ניט געמאַכט אויף מיר אַזאַ טיפן איינדרוק ווי דער פון פאַריקן יאָר. מעגלעך דערפאַר, וואָס ער איז געווען ווייניקער פייערלעך און איז פאָרגעקומען אין דריי באַזונדערע וועלדער. אין דער איצטיקער מאַי־פאַרזאַמלונג, אין וועלכער איך האָב זיך

באַטייליקט, איז ניט פאַרגעקומען קיין זאַך, וואָס זאָל מיך אַריינברענגען אין אַזאַ דערהויבענער שטימונג, ווי ביים ערשטן מאַי פון 1895.

גערעדט האָט מען אַ סך. מ'האָט אויך ניט ווייניק געזונגען. מ'האָט אויך אַ ווייל געפלאַטערט אַ רויט פענדל און מיט איר אויך מיין האַרץ. אין מיין קאָפּ אָבער איז מיר געבליבן נאָר די דעקלאַראַציע פאַרגעלייענט פון מיין באַקאַנטן אברהמלע דער שניידער. דאָס איז געווען אַ דערקלערונג פון אַ צאָל אַגיטאַטאָרס פאַרוואָס זיי פאַרלאָזן די „אָפּאָזיציע" און וועלן פון איצט אָן און ווייטער אַרבעטן נאָר פאַר דער „אַגיטאַציע".

דער עלטסטער מאַן אין דער „אָפּאָזיציע", מיין גוטער פריינט הלל לאַזורניק, האָט פאַרגעלייענט אַ וויציקע מעשה וועגן „אַן אסיפה פון פערד־לעך", אַנגעפירט פון דעם קלוגן „חכם קלאַצקע". דעם נאָמען פון מחבר האָט הלל ניט דערמאָנט.

קאַפּיטל אַכט און זעכציק

פּאָליציאַנט העלפט מיר איינשטעלן אַ מסור

מיין נייע מייסטער איז אַ וואוילער בחור. מיר קומען אויס זייער גוט. אויך זיין מאַמע און שטיף־שוועסטער זיינען פריינטלעך.

די שטיף־שוועסטער, אַן אַנגעשטעלטע אין אַ רייכן מאַגאַזין, וואָרנט מיך, אַז מיין לאַגע וועט ווערן ערגער, ווען איר טאַטע וועט צוריקקומען אין שטאָט. ער איז אַ מעקלער פון רבנים און האָט פיינט די היינטוועלטיקע יוגנט. דערצו האָסט ער נאָך באַזונדערס זיין שטיף־זון און לאָזט אויס דעם כעס צו זיינע אַרבעטער. דאַך, כל־זמן דער מעקלער איז אַרומגעפאָרן זוכן שטעלעס פאַר זיינע רבנישע קונדן איז מיר דאָ געווען גאָר ניט שלעכט.

די מייסטערסקאַיע געפינט זיך אויף ווילנער גאַס, רעכטס פונעם וועג צום גרינעם בריק איבער דער וויליע, צווישן ווילנע און שניפּישאָק. ס'ווערן דאָ געמאַכט פיינע אַרבעטן, כאָטש ניט אַזוינע קאָסטבאַרע, ווי אין דער רייכער טאָקאַרניע אויף טראָקער גאַס.

אין קראָם צום גאַס שטייט אַ טאָקערשער וואַרשטאַט און אַן אויסשטע־לונג פון פאַרטיקער אַרבעט. די קראָם איז אין מיטן איבערגעטיילט דורך אַ פּאַראַוואַן, הינטער וועלכן ס'איז דאָס שלאָפצימער פון דעם מייסטערס מוטער מיט איר מאַן, ווען ער איז אין שטאָט. לינקס פון קראָם זיינען צוויי קאַמערן מיט וואַרשטאַטן. אין איינעם פון זיי, נאָענט פון דער קיך, הינטערן קראָם, שטייט אויך אַ טיש אויף וועלכן מיר עסן מאָלצייטן. דאָרט איז ביינאַכט דאָס געלעגער פונעם מייסטער. אינעם פאָדערשטן קאַמער שלאָפט

די שטיף־שוועסטער. מיין געלעגער איז אין קראָם. אַלע דריי געלעגערס זיינען אויף צונויפגעלייגטע הילצערנע בעטלעך, וועלכע מ׳שטעלט דאָרט אַריין ביינאַכט.

ווען דער רבנים־מעקלער קומט צופאָרן אַהיים, פּראָטעסטירט ער, וואָס מיין געלעגער איז אין קראָם, אויף דער אַנדערער זייט פון זיין שלאָפצימער. ער הייסט אַריינשטעלן מיין בעטעל אינעם פאָדערשטן קאַמער, וואו ס׳איז אויך זיין טאָכטערס געלעגער. מיר איז געוווען לופטיקער און גרעסער אינעם קראָם. נאָר זיין טאָכטער איז מער צופרידן כ׳זאָל שלאָפן אין קאַמער, קאָן זי מיט מיר שמועסן וועגן ביכער. זי דערציילט מיר, אַז זי קען זיך גוט מיט דעם יידישן שרייבער, וואָס האָט פאַרפאַסט דאָס ביכל „אַ וועלט מיט וועלטעלעך״, אונטערן פאַרשטעלטן נאָמען „בן־אריה״. זי קען אויך אַ סך אַנדערע יונגע ווילנער שרייבער. יענע האָבן נאָך ניט אָפּגעדרוקט קיין ביכער און זיי לייענען פאַר איר זייערע פאַרפאַסונגען פון געשריבענע העפטן.

איר טאַטע זוכט כסדר זיך צו קריגן מיט מיר. אַנומלט איז אים פאַר־פאַלן געוואָרן זיינס אַ חיבור, אַ „כתב־יד״, מיט אַן הסכמה פון קאָוונער רב, רבי יצחק אלחנן ספּעקטאָר. האָט ער עס געמאָנט ביי מיר. זיין טענה איז געווען, אַז איך בין דער איינציקער דאָ אין הויז, וואָס איז אַ מבין אויף אַזוינע זאַכן. ער וויל מיך שלאָגן. ער איז הויך און ברייט, און וועגט מסתמא צוויי מאָל אַזוי פיל ווי איך. ער איז אָבער צופיל אויפגערעגט, איז אָנשטאָט צו פאַרמעסטן זיך אויף מיר מיט אַ שטיק האָלץ, אָדער אַ שטול, כאַפּט ער אָן דעם קליידער־אַלמער, וואָס ער קאָן ניט רירן פון אָרט, און סטראַשעט מיך צו דערהרגענען מיט איין קלאַפּ.

איין אָוונט האָט ער באַמערקט ביי מיר צוקאָפּנס אַ פּאָר ביכלעך. פאַלט אים איין, אַז דאָס זיינען ניט קיין כשרע. עפנט ער אויף די טיר צום גאַס און מסרט מיך פאַר אַ גאָראָדאָוואָי, אַז כ׳בין אַ „סאָצעליסט״.

זיין הויכע, שלאַנקע שיינע טאָכטער זעט אין די געפאַר און קומט מיר תיכף צו הילף. מיר ציען אים ביידע צוריק צום קראָם, און זי ווינקט דער־ביי צום גאָראָדאָוואָי, אַז אונדזער טאַטע איז ניט מיט אַלעמען. יענער נעמט עס אָן פאַר אַ צייכן, אַז דער קרעפּטיקער אַלטער איז שיכור אָדער דול. שטופּט ער אים אַריין אינווייניק צו אונדז אין קראָם, און פאַרהאַקט די טיר...

קיין ביכלעך פון דער געהיימער ביבליאָטעק ברענג איך שוין ניט מער אַהער, כאָטש מיין יונגער מייסטער האָט גאָרניט קעגן מיין לייענען אין מיין פרייער צייט.

צווישן די יונגע רבנים, וועלכע קומען צום מעקלער ער זאָל זיי נאָ־ראַיען רבנישע שטעלעס, זיינען דאָ אַזוינע, וואָס פאַרברענגען מיט מיר פריינטלעך, ווען ס׳קומט זיי אויס צו וואַרטן אויף אים. איך דערוויס זיך,

אַז אַלע באַצאָלן אים היפּשע מעקלעריי־געלט. אַנדערע גיבן אים נאָך דער־
צו וואַזשנע סומעס אויף צו צעטיילן צווישן די קהלס־לייט און דעה־
זאָגער איבער די רבנישע שטעלעס, וואָס ער נאַראַיעט. אַ צאָל יונגע
רבעלעך באַנעמען זיך כלל ניט ווי רבנים. ס׳זיינען אָבער אויך דאָ צווישן
זיי אָנשטענדיקע און פיינע פּערזענלעכקייטן.

מיין טעטיקסטער טאָג אין וואָך איז שבת. יענעם טאָג בין איך פאַר־
נומען פֿון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט.

אַחוץ דאָס פאָרלייענען געשריבענע בראָשורקעס און געדרוקטע ביכ־
לעך פאַר גרופּעס אַרבעטער אין בוידעם־שטיבלעך, אויף דייטשישער און
זאַוואַלנער גאַסן, און אין הויף־גערטענדלעך אויף פּאָגוליאַנקע, אַגיטיר איך
און פּראָפּאַגאַנדיר אויך מיט אַ סך אומבאַאַקנטע מענטשן אין די ווילנער
שטאָט־גערטנער, אין דעם באָטאַנישן און אין דעם בערנאַרדינער, וואָס
הייסט אויך „גאַי״, וואו איך הער פאַרנאַכט שפּילן דעם מיליטערישן אָר־
קעסטער. אין באָטאַנישן גאָרטן ציען מיך אַמאָל אַריין באַקאַנטע אינעם
דאָרטיקן זומערדיקן טעאַטער, ווען מ׳שפּילט דאָרט „ציגאַנסקי באַראָן״;
כ׳גיי אָבער אַרויס אין מיטן, ווייל מיר זיינען ליבער די שמועסן אין דרויסן,
אפילו ווען מיינע צוהערער דאָרט שליסן זיך ניט אָן באַלד אין דער באַוועג־
גונג. כ׳בין אַלעמאָל בטוח, אַז כ׳האָב געהאָלפן פאַרזייען זריעה אויף אַ
פּרוכטבאַרן באָדן.

אין מיינע שמועסן מיט באַקאַנטע מיידלעך און בחורים דערצייל איך
איבער, וואָס כ׳האָב געלייענט אין וויסנשאַפטלעכע ווערק, ווי אַזוי די וועלט
איז באַשאַפן געוואָרן, ווי דער מענטש האָט זיך אַנטוויקלט מיט זיין קול־
טור, ציוויליזאַציע, און געזעלשאַפטן (שקלאַפעריי, פאַנשטשיזנע), לוין־
אַרבעט. איך דערמאָן אויך די יידישע נביאים און גיב איבער זייערע ווער־
טער וועגן אמת און יושר, און באַמערק, אַז ס׳איז אינטערעסאַנט זיך פאָרצו־
שטעלן, וואָס אַזוינע נביאים וואָלטן היינט געזאָגט וועגן די פאַלשקייטן דאָ
אַרום אונדז, וואו מענטשן, וואָס פּראַצעווען כסדר, האָבן ניט זייער אויסקו־
מעניש, און די וואָס גייען אַרום „פּוסט און פּאַס״, ווערן „משוגע פאַר וואויל־
טאָג״. איך ווייז אָן דערביי, אַז קיינער איז נאָך ניט געוואָרן רייך בלויז
דורך „באַשערטקייט״ אָדער „מזל״, סיידן ער האָט נאָך דערצו באַשווינדלט
און באַרויבט ערלעכע מענטשן, געריסן אומגעהויערע פּראָצענטן, געצאָלט
קליינע שכירות פאַר לאַנגע אַרבעטס־שטונדן.

עס הויבן זיך אָן וויכוחים. איין צד איז פול מיט יאוש. און זאָגט, אַז
מ׳קאָן גאָרניט טאָן קעגן דעם: אַזוי האָבן מיר געפונען די וועלט, און אַזוי
וועלן מיר זי איבערלאָזן. אַ צווייטער צד לייגט פאָר אַלערליי מיטלען,

ווי צו פֿאַרבעסערן דעם מצב פֿון די ערלעכע מענטשן. איך שלאָג פֿאָר, אַז מיר זאָלן אַלע נאָכטראַכטן וועגן אָט די מיטלען און אומעטום ריידן וועגן דעם מיט גוטע פֿריינט און באַקאַנטע.

אין די שבתים גיי איך אויך זיך טרעפֿן מיט באַקאַנטע אויף אַרבעטער־קוואַרטירן און אין היימען, וואו יענע וואוינען ביי זייערע עלטערן אָדער נאָענטע קרובים. לעצטנס בין איך אָבער באַזונדערס פֿאַרנומען אויף באַראַטונגען אין די דאַטשעס פֿון דער פֿאָרשטאָט רוזעלע (יערוזאַלים — ירושלים). די באַראַטונגען דאָרטן זיינען פֿון דער „אַרבעטער־אָפּאָזיציע" און כ'האָב פֿון זיי אַ סך פֿאַרדרוס.

זינט הלל דער לאַזורניק [1] און יאָשקע דער שניידער [2] באַקאָנען מיך מיטן רעזטשיק [3] האָבן זיי אָנגעהויבן מיך איינלאַדן צו די באַראַטונגען פֿון דער „אַרבעטער־אָפּאָזיציע". צוערשט איז דאָס מיר געווען שטאַרק געפֿעלן, צוליב די פּלענער דאָרט, ווי אַזוי אויסצוגלייכן די סכסוכים מיט די „אַגיטאַציע"־אינטעליגענטן, כדי צו ברענגען איינִיקייט אין דער באַוועגונג. איך בין צוליב דעם אויך געקומען צו דער גרויסער פֿאַרזאַמלונג פֿון הונדערטער לערן־יינגלעך און יונגע אַרבעטער פֿון דער אַרבעטער־אָפּאָזיציע, אין וואַלד, אויפֿן וועג צו ווילייקע („תשעה באב", 19־טן יולי, 1896).

צו מיין פֿאַרדרוס געפֿין איך אויס, אַז אויך אין דער אָפּאָזיציע פֿעלט איינִיקייט. מ'האָט זיך געאַמפּערט וועגן רעזטשיקס רעדע. כ'האָב עס אויך געטאָן. מיך פֿאַרדריסט אָבער די ביטערקייט, מיט וועלכער ס'האָבן גערעדט שמואל דער זייגער־מאַכער; זימאָן דער הויכער, דאַרער „גראָזעסער" (וועגעטאַריער), און אַנדערע. ווען אייגענע מענטשן באַליידיקן און באַריידן איינער דעם צווייטן, ווייס איך שוין ניט וועמען צו טרויען. כ'האָב דרך־ארץ פֿאַר מיין גוטן פֿריינט הלל דער לאַזורניק, וואָס איז מיט אַ צען יאָר עלטער פֿאַר מיר, און ס'טוט מיר ווי צו הערן אַ שלעכטע מיינונג וועגן אים. דער רעזטשיק זאָגט מיר, אַז ווען זיי האָבן ביידע געוואוינט אויף איין קוואַרטיר פּלעגט הלל, בלייבנדיק אַליין אין צימער, זיך נישטערן אין זיינע, דעם רעזטשיקס, פּאַפּירן. ער האָט אים אַ פּאָר מאָל געטראָפֿן עס טוענדיק. מיר טוט אויך ווי צו הערן, אַז דער אָדעסער ברודער און שוועסטער אויף דער קוואַרטיר אין רוזעלע, האָבן אונדז אַלעמען אָפּגענאַרט. זיי זיינען גאָר מאַן און ווייב. אין אָט דער אָפּנאַרעריי איז אָבער אויך שולדיק אונדזער באַוועגונג, סיי די „אַגיטאַציע"־אינטעליגענטן און סיי די „פּראָפּאַגאַנדע". ביידע צדדים זוכן אָפּצוהאַלטן אַרבעטער־טוער פֿון חתונה האָבן, כדי זיי זאָלן ניט נעמען אַרבעטן פֿאַר זיך און ווערן מייסטערלעך. אַרבעטער־פּאָרלעך האָבן דעריבער חתונה אין געהיים און מ'דערוויסט זיך דערפֿון ערשט דעמאָלט, ווען די פֿרוי דאַרף ווערן אַ מוטער.

---

1) בלום—כץ. 2) לעוויץ. 3) אברהם גאָרדאָן.

***

אַ טרויעריקע איבערראַשונג אויף די דאַטשעס אין רוזעלע איז פֿאַר מיר געווען דאָס טרעפֿן דאָרט מיין אַלטן ווילנער חבר, שמואל ראָזען, מיט וועמען איך בין געווען צוזאַמען אַרעסטירט אויף דער גרענעץ, ווען מיר האָבן גע־פּלאַנט צו ווערן ערד־אַרבעטער אין ארץ ישראל, אָדער אין אַרגענטינע. מיין ווילנער חבר איז געפֿערלעך קראַנק אויף „טשעכאָטקע" (אויסצערונג). ער האַלט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע. ער דערמאָנט מיך, אַז כ'האָב אים געוואָרנט קעגן די רעזולטאַטן פֿון זיין אויסגעלאַסן לעבן. ער פֿאַרשטייט, זאָגט ער, וואָס איך טו דאָ אויף די קוואַרטירן אין רוזעלע, און ער ווינטשט אונדז אַלעמען דערפֿאָלג אין אונדזער קאַמף פֿאַר אַ בעסערער און שענע־רער וועלט.

נאָך אַ ריי באַראַטונגען אויף רוזעלע, וועגן מאַכן אַ סוף צו דער שפּאַל־טונג אין דער באַוועגונג, טיילט אונדז מיט דער רעזשטשיק, אַז אַלעקסאַנדער, דער פֿירער פֿון די „אַגיטאַציע"־אינטעליגענטן, האָט אים פֿאָרגעשלאָגן אַ קאָנפֿערענץ פֿון אויסגעוויילטע דעלעגאַטן פֿוןביידע צדדים. די „אַרבע־טער־אָפּאָזיציע" איז אויף דעם מסכים. ס'ווערט באַשלאָסן דורכצופֿירן וואַלן פֿאַר אירע דעלעגאַטן. די וואַל־פֿאַרזאַמלונג קומט פֿאָר אין אַ הויז אַנהויב סטעפֿן־גאַס, לינקס פֿונעם אַריינגאַנג דורך זאַוואַלנע.

אין אַ וואָך אַרום קומט אַרויס דער רעזשטשיק מיט אַ יללה, אַז אַלעק־סאַנדער האָט אים אָפּגענאַרט און באַשווינדלט. ער האָט געוואָלט אַרויס־קריגן פֿון אים די נעמען פֿון די אויסגעוויילטע דעלעגאַטן פֿון דער „אַרבע־טער־אָפּאָזיציע", כדי זיי צו פֿאַרפֿאַלגן...

אַ וויילע בין איך אין ספֿק, צי כ'קאָן זיך פֿאַרלאָזן אויף דעם עדות זאָגן פֿון איין צד, מעג דער זעלביקער עדות, רעזשטשיק, זיין ווער ווייסט ווי ער־לעך. איך פֿאַרטרייב אָבער פֿון זיך דעם דאָזיקן אפּיקורסישן געדאַנק. איך נעם אָן, ווי אַלע אַנדערע, פֿאַר אמת, אַלץ וואָס דער רעזשטשיק דערציילט. כ'בין דאָך שוין צוגעוואוינט צו גלויבן, אַז אַלעקסאַנדער וויל ניט דערלאָזן, אַז אַרבעטער זאָלן אַליין פֿירן זייער באַוועגונג.

נאָר כאָטש איך האַלט אַלעקסאַנדערן שולדיק אין אָפּנאַרעריי, וויל איך ניט ליידן, ווען עמיץ באַרעדט אים פֿערזענלעך. למשל, אַז ער האָט אַמאָל אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד זיך אַרומגעיאָגט מיט זיין כלה, ניט לויט דער חשיבות פֿון אַן אינטעליגענט. אין דער אמתן איז מיר אָט די זאַך גראָד געפֿעלן. כ'האָב ליב פֿאַרליבטע פֿאָרלעך זינט כ'האָב געלערנט „שיר השירים". בפֿרט, אַז אַלעקסאַנדערס כלה, פּאַטי די צאָן־דאָקטאָרקע, קען איך פּערזענלעך. איך קום אויך אַמאָל אַריין אין איר קאַבינעט. זי איז אַ וואוילער מענטש און כ'בין צופֿרידן, אַז איר חתן האָט זי ליב.

סוכות־צייט, ווען כ׳בין אין דאַרף ביי מיינע עלטערן, לאָזט מען מיר וויסן פון ווילנע, אַז די „אַרבעטער־אָפּאָזיציע" האָט געהאַט צוגעגרייט אַ קאָנצערט מיט אַרבעטער־לידער און אַ פּיעסע פון אַרבעטער־לעבן, עס דורכצופירן אין וואַלד. די פּאָליציי האָט זיך אָבער דערפון דערוואוסט און איז באַפּאַלן דעם פּלאַץ, די אַרבעטער לאָזן איבער זייערע מאַנטלען און צעלויפן זיך אין אַלע זייטן.

ווען איך קום צוריק אין שטאָט, זאָגט מיר יאָשקע דער שניידער, אַז ער האָט אַ חשד, אַז די „אַגיטאַציע"־אינטעליגענטן האָבן עס אַליין געמסרט, כדי די אַרבעטער זאָלן נאָכאַמאָל ניט אונטערנעמען אַזוינע זאַכן אָן דער צושטימונג פון דער פירערשאַפט, וואָס האָט אַ פאַרבינדונג מיט געוויסע פּאָליצייאישע עלעמענטן. מיר לייגט זיך עס ניט אויפן שכל. מיר איז אויך ניט קלאָר, פאַרוואָס די פּאָליציי האָט, ווי יאָשקע דערציילט מיר, אָפּגעגעבן די מאַנטלען און שטעקנס, ווער ס׳איז נאָך זיי געקומען, און קיינעם ניט פאַרהאַלטן ?... נאָכמער וואונדערט יאָשקעס מעשה, אַז דער פּאָליציי־מייסטער, נאַזימאָוו, האָט אים דערביי אויך אונטערגעשריבן, אומזיסט, זיין „ליגאָטע" פון 2־טן קלאַס, פאַרן באַלדיקן פּריזיוו.

⁂

מיין יונגער מייסטער איז איצט אָן אַרבעט. פּרוואו איך אַ ווייל אַר־בעטן אין שניפּישאָק, ביי דער סאַמע פּראָסטער אַרבעט, פון גראָבע העלצער, וועלכע מ׳טאָקט אויף אַ וואַרשטאַט, וואָס גייט אויף עלעקטריע. דאָרט אַר־בעטן אויך די מיישעגאָלער יינגלעך, וועלווקע נוראָק (יאַנקל דעם פערד־הענדלערס) און דער „לעבעדיקער יתום" פון יאָשע דעם שינדל־דעקערס גרושה. נאָכדעם אָבער, ווי אַ גוטער אַרבעטער קריגט דאָרט צעשפּאָלטן דעם קאָפּ פון אַ שטיק האָלץ, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פונעם שנעל־לויפנדיקן טאָקערשן וואַרשטאַט, ראַטן מיר די אַרבעטער, ליבער צו אַר־בעטן ווייטער ביי פיינער אַרבעט. אַזוי ווי כ׳געפין זיך אָבער אויפן שוואַרצן צעטל ביי ווילנער מייסטערס, פאָר איך אַוועק קיין קאָוונע.

קאַפּיטל ניין און זעכציק

אַ ווינטער אין קאָוונע און אַלעקסאָט

אין קאָוונע קריג איך באַלד, ווי איך קום אַהין אין אָקטאָבער 1896, אַ פּלאַץ וואו צו אַרבעטן. די אַרבעט איז פון וואָך; געלעגער און קעסט זיי־נען נישקשהדיק. די מלאכה איז אָבער פון ביליקערן סאָרט — דאָס גע־טאָקטע טייל פון מעבל — פאַר סטאָליאַרעס. מ׳דאַרף דערביי אַרבעטן

זייער שנעל, אַרום פופצן־זעכצן שעה אין טאָג. אינדערוואָכן בלייבט ווייניק צייט צו זוכן באַקאַנטע אין אַ פרעמדער שטאָט. דאָס איינציקע יינגל, וואָס כ׳קען דאָרט איז משהקע, מאיר דעם וועבערס (זובאַלסקי) פון מיישעגאָלע. ער באַקאַנט מיך מיט זיין טאַטנס ברודער, אַ וואוילהאָבנדיקער קאָמאַשן־שטעפּער באַלעבאָס, אַ „יודע־ספר", וואָס קוקט אַריין אין לומדישע ספרים און אין השכלה־ביכלעך. ווי אַלע מייסטערס, איז ער ניט קיין פריינט פון אַרבעטער, בפרט נאָך פון די באַוואוסטזיניקע.

די שבתים גיב איך אָפּ צו זוכן באַקאַנטע. שבת אינדערפרי גיי איך צוליב דעם אין באַראַדוליסעס באָד לעבן ניעמען. אין שבת טרעף איך טאָקע דאָרט אַ ווילנער אַרבעטער. ער איז ניט פון מיינע באַקאַנטע. ער ווייס אָבער פון דער ווילנער באַוועגונג. ער זאָגט מיר, אַז דאָ אין קאָוונע זיינען ניטאָ אַזוינע יידישע אַרבעטער, וואָס זאָלן לערנען אָדער לייענען עפּעס אין אַ גרופּע. עטלעכע ווילנער אַרבעטער האָבן שוין געהאַט אַביסל צעאַקערט דעם באָדן, נאָר איינער אַ האָלץ־אַרבעטער — ער רופט מיר אָן דעם נאָמען פון אַ מיטגליד פון אַ ווילנער סטרייק־„קאַסע" — האָט אַלץ קאַליע געמאַכט. יענער האָט אָפּגענאַרט אַ קאָוונער אַרבעטער־מיידל. ער האָט צוגעזאָגט מיט איר חתונה צו האָבן און איז פאַרשוואונדן. מ׳זאָגט, ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. איצט געטרויט מען ניט מער די ווילנער „פּראָפּאַגאַנדיסטן". דערוויל טוט איצט קיינער גאָרניט צווישן דער היגער יידישער אַרבעטערשאַפט.

איך שטעל זיך פאָר, אַז די ווילנער „אַגיטאַציע"־אינטעליגענטן מוזן דאָ האָבן פאַרבינדונגען. נאָכדעם אָבער, ווי זייער פירער, אַלעקסאַנדער, האָט לויטן רעזשטשיקס מיטטיילונג, געהאַנדלט ניט ערלעך קעגן דער „אַרבעטער־אָפּאָזיציע", האַלט איך פאַר ניט ריכטיק, און אויך פאַר אומזיסט, זיך צו ווענדן צו ישראל־מיכל דעם שלאָסער, אָדער צו אַן אַנדער טוער פון דער „אַגיטאַציע" מיך צו פאַרבינדן מיט זייערע באַקאַנטע אין קאָוונע. גיי איך אַליין אַרום זוכן באַקאַנטע, אָבער איך טרעף ניט מער אפילו קיין אומבאַקאַנטן ווילנער אַרבעטער. כ׳קום אַריין יעדן שבת אין קליינעם גאָרטן לעבן גובערנאַטאָרס מויער. דאָרט זיצן איצט ווייניק מענטשן, און כמעט גאָרניט קיין יוגנט. ניטאָ דאָרט איצט קיינער מיט וועמען כ׳זאָל קאָנען פאַרפירן אַ שמועס. איך שפּאַציר אויך יעדן שבת אויף דער שיינער קאָוונער הויפּט־גאַס, דער „נייער פּלאַן", און ביי די ברעגעס פון די צוויי ברייטע טייכן, ניעמען און ווילִיע (דאָ אין קאָוונע איז די ווילִיע אַ סך ברייטער ווי אין ווילנע), נאָר כ׳באַגעגן אין ערגעץ ניט קיין באַקאַנטן. קיינער קומט אויך ניט צו מיין מייסטערס וואַרשטאַט, אינוויינִיק, אָדער אין דרויסן, צו אַגיטירן פאַר עפּעס וואָס.

אַ סך גרינגער קומט מיר אָן אויסצוגעפינען אַ בוכהאַנדלונג פון יידישע

און העברייאישע ביכער. איך גיי אַריין אין הורוויצעס בוך־קראָם און קויף ביי אים עטלעכע ביכער אין העברייאיש און יידיש. ה׳ הורוויץ רעקאָמענ־דירט מיר אויך אַ קליין ביכעלע אין יידיש, אינעם פאָרמאַט פון אַ בענ־טשערל מיטן נאָמען: „אַ טרער אויפן קבר פון ר׳ יצחק אלחנן״, צו זינגען מיט דער מעלאָדיע פון אליקום צונזערס עלעגיע „לעוואנדע״. די גאַנצע הכנסה פונעם פאַרקויף גייט פאַרן „מאכל כשר״ פון די יידישע סאָלדאַטן אין קאָוונע. דער מחבר גופא, אברהם רייזען, איז אויך אַ סאָלדאַט.

ר׳ יצחק אלחנן (ספעקטאָר), דער קאָוונער רב, איז געשטאָרבן מיט איבער אַ האַלב יאָר צוריק. נאָר מ׳רעדט נאָך אַ סך וועגן אים. אַ היפּשע צאָל קאָוונער לומדים, משכילים און כלל־טוערריידן נאָך אַלץ מיט פאַר־דרוס, פאַרוואָס ר׳ יצחק אלחנן האָט אָנגעזאָגט, אַז מ׳זאָל נאָך זיין טויט איבערגעבן די קאָוונער רבנות צו זיין זון ר׳ הירשל ראַבינאָוויטש, אַנשטאָט צו איינעם פון די הויך־אָנגעזעענע לומדים, וואָס איז פּאַסיק דערצו, און איז ניצלעך פאַרן כלל. די בוכהאַנדלונג פאַרקויפט אויך מעדאַליאָנען מיט ר׳ יצחק אלחנגס פּנים, צו טראָגן עס אויף טאַשן־זייגערס. כ׳קויף אויך איינעם אַזאַ.

אַ טאָקער־אַרבעטער, יודקע פון אַלעקסאָט, וועלכער באַזוכט מיין באַ־לעבאָס, רימט פאַר מיר דעם אַלעקסאָטער טאָקערס קינסטלערישע אַרבעט. גיי איך אַהין שבת זיך באַקאָנען מיט אים. איך געפין אויס, אַז דאָס איז איטשע דער טאָקער פון מיישעגאָלע, אַ הויכער קרעפּטיקער ייד מיט אַ האַלב גרויער בלאָנדער באָרד. ער קען גוט מיין טאַטן און נעמט מיך אויף פריינט־לעך. איך זע ביי אים קינסטלעריש־געטאָקטע צוקערניצעס, לייכטער, הענ־גערס פאַר האַנטעכער א. ד. גל. געמאַכט פון פיינעם האַרטן „טשעטשאָטקע״, אויף אַן ענלעכן שטייגער, ווי מיין ערשטער מייסטער יאָשטשיק גראַנד־זיצקי פלעגט עס מאַכן און עס מיר דעמאָלט אָנהויבן לערנען.

איטשע דער טאָקער באַקאָנט מיך מיט זיין שכן לייבע לייבאָווסקי, וואָס איז אַזוי הויך ווי איטשע, נאָר גרויער און שוואַכער פון אים. ער איז אַ קאָמיסיאָנער, וואָס פירט אַ היפּשן מסחר. ער קען זיך גוט מיטן דאָרטיקן רב און משכיל, אַלכסנדר לאַפּידעס, וועמעס תורה און חכמה ער לויבט פאַר מיר. ער אַליין, לייבאָווסקי, איז אַ משכיל, אַ לעזער פון „המליץ״, און האַלט ביי זיך אין שטוב געבונדענע יאָרגאַנגען פון השכלה־צייטונג.

ס׳קומט אַריין אים עפּעס פרעגן זיין שיינע טאָכטער. ווען זי גייט אַרויס, דערוויס איך זיך, אַז זי הייסט שרהלע אָדער שרה שיפּרהטשקע און איז אַלט אַרום אַכצן יאָר, האָט געלערנט אין חדרים און קלאַסן יידיש, העברייאיש (תנ״ך און דיקדוק), רוסיש און דייטש. ער האָט געפּלאָנט זי לאָזן שטודירן ווייטער. נאָר ער איז איצט אַלט און קראַנק און האָט נאָך

אַ האַלב טוץ קינדער, דריי מיידלעך און דריי יינגלעך, אַחוץ איר. דערצו איז אויך זיין פּרנסה געשלאָגן. האָט ער זי געמוזט לאָזן לערנען אַ מלאכה און זי אַרבעט איצט ביי אַ נייטאָרין, טאַקע דאָ אין אַלעקסאַט.

דעם טאָקערס קינסטלערישע אַרבעט, דעם קאָמיסיאָנרעס השכלה און זיין טאָכטערס אויסערגעוויינלעכער חן און שיינקייט ווירקן אויף מיר זיך צו באַזעצן אין אַלעקסאַט. נאָך שבת קלייב איך זיך אַריבער צו איטשע דעם טאָקער און שטעל זיך ביי אים אַרבעטן. כ׳געפין אויס, אַז דער טאָקער האָט אויך אַ טאָכטער אין די זעלביקע יאָרן, אָדער עטלעכע יאָר עלטער, ווי דעם קאָמיסיאָנערס. דעם טאָקערס טאָכטער איז אַ פאַרקויפערין אין אַ קאָאָנער מאַגאַזין. זי איז תמיד שיין געקליידט און איז אַליין אויך שיין. זי האָט סאַמעט־שוואַרצע האָר, קויל־שוואַרצע אויגן און אַ זעלטן ווייסע הויט. זי זעצט זיך צייטנווייז לעבן מיר, לייגט אַוועק איר שניי־ווייסן אָרעם לעבן מיין האַנט, און פרעגט מיך: צי האָב איך ווען געזען אַזאַ ווייסע הויט ווי אירע? שמועסן מיט מיר וועגן עפּעס אַנדערש קען זי ניט. כ׳וועל דער־ריבער גיך מיד פון אירע שיינע האָר און ווייסע הענט.

„דאָס מיידל פון אַנטקעגן״, די נייטאָרין, האָט ניט אַזאַ ווייסע הויט. איר פּנים איז ווי פאַרברוינט פון זון. איר האַלדז און אָרעמס זיינען פון בראָנז־קאָליר. זי איז אָנגעטאָן איינפאַך, ווי אַן אַרבעטער־מיידל, נאָר מיט אַ סך געשמאַק. זי פאַרמאָגט אַן עסטעטישן חוש און אַ דראַנג צו לער־נען און וויסן; זינגט האַרציק יידישע, העברייאישע און דייטשישע לידער; איז אויסערסט באַשיידן און אויפריכטיק; האָט אַ סך וואָס צו ריידן מיט מיר וועגן דעם, וואָס זי לייענט, טראַכט און פאַנטאַזירט. און ווען זי קומט אַריין אַהער, צום טאָקער אין שטוב, פרייטיק־צו־נאַכט, אָדער שבת בייטאָג, שמועסן מיר אַזוי לאַנג, ווי זי פאַרברענגט דאָ.

מיין באַלעבאָסטע, איטשע דעם טאָקערס ווייב, איז ניט צופרידן דער־פון. באַרעדט זי פאַר מיר דער נייטאָרינס משפּחה; דערציילט, אַז איר פאָטער גיט ניט געהנוג אויף חיונה זיין ווייב מיט זייערע זיבן קינדער, און אַז איר באָבע, די רביצין, האָט אַ נאַטור צו שילטן, און איר מויל איז תמיד פול מיט קללות. קעגן דער נייטאָרין גופא רעדט די טאָקערקע קיין שלעכט וואָרט ניט.

אומצופרידן פון מיינע שמועסן מיט דער נייטאָרין איז אויך איר אַל־טער קראַנקער טאַטע. זי איז זיין עלטסט קינד. ער גלויבט, אַז ער קאָן זי חתונה מאַכן מיט אַ רייכן יונגענמאַן, וואָס וועט אים (דעם קאָמיסיאָנער) העלפן אויסהאַלטן זיין גרויס געזינד. ער וויל דעריבער ניט ליידן, וואָס זי חברט זיך מיט אַן אַרבעטער, כאָטש ער אַליין האָט ליב מיט מיר צו פאַר־ברענגען און שמועסן וועגן לומדות און השכלה.

מיר, די נייטאָרין און איך, טרעפן זיך דעריבער מערסטנס אין דרויסן.

איך וואַרט זי אָפּ לעבן איר אַרבעטס־פּלאַץ, ביי אַ נייטאָרין אויפן צווייטן אַלעקסאַנדער באַרג, און מיר גייען אַרונטער צוזאַמען אַהיים, לעבן ניעמען, און שמועסן.

אויף איינעם פון אַט די שפּאַצירן באַגעגענען מיר איינמאָל די שיינע, שלאַנקע, עלעגאַנטע פריילין אסנע סויפער. ניט געקוקט אויף איר באַקאַנט־שאַפט מיט אינטעליגענטע אָפּיצערן האָט אסנע ליב צו ריידן מיט מיר וועגן יידישע ביכער. זי לאַדט מיך איין צו זיך אַהיים און שטעלט מיך פאָר פאַר איר אַלטן טאַטן, אַ פשוטער פרומער ייד, וואָס ווייזט מיר זיין אַנטיקל, אַ קליין אַלט ספרל פון „סגולות."

אסנע האָט אַ שוועסטער־קינד אויף יענער זייט ים. ער שיקט איר אין זיינע בריוו קליינע אויסשניטן פון צייטונגען. דאָס רוב לידלעך. זי ווייזט מיר אַזאַ לידל מיטן נאָמען „אַן ערלעכע באַטריגערין" *), וואָס באַשרייבט אַן אַרבעטער־מיידל:

„זי נאַרט אָפּ מיט מילך־זופּ איר מאָגן,
די פיס מיט צעריסענע שיך;
דאָך וועט זי אַ ליגן ניט זאָגן;
די אָרימע נאַרט מער ניט זיך."

אַחוץ איר שיין פּעקל צייטונג־אויסשניטן, ווייזט מיר אויך אסנע אירע אייגענע געשריבענע זאַכן, אין אַ זעלטן שיינער האַנטשריפט. זי שרייבט אַזוי שיין, ווי זי רעדט. כ'וואָלט מיט איר אָפטער פאַרברענגען, נאָר כ'קאָן ניט פאַרטראָגן איר שפּאָט, פאַרוואָס כ'גיי אַרום מיט „אַ מיידעלע, וואָס דאַרף נאָך שפּילן אין ליאַלקעס". אין דער אמתן איז די נייטאָרין שוין אַלט אַכצן יאָר און איך בין דאָ ניט לאַנג צוריק, „שמחת־תורה", ערשט געוואָרן צוואַנ־ציק. איך ענטפער אָבער אסנען גערן אויף אירע שיינע בריוולעך. כ'נעם אויך איר געשריבענעם העפט איבערצולייענען, און כ'היט אָפּ איר אָנזאָג: עס קיינעם ניט צו אַנטלייען.

די נייטאָרין באַקענט מיך מיט איר נאָענטסטער חברטע רחל רייבמאַן, אַ קלוגע סימפּאַטישע הוטמאַכערין מיט פיינע מאַנירן. יענע פאַרבעט מיך, אינעם נאָמען פון איר מוטער און שוועסטער צו באַזוכן זייער היים. איך קום אַהין און זע דאָס גאַנצע הויז־געזינד. דער טאַטע, ר' יהושע רייבמאַן, אַ הענדלער פון געניצטע מעבל, איז אַן עלטערער מענטש, אַ האָרבאַטער, מיט אַן אַסאַבע פון אַ תלמיד חכם. אויף זיין פּנים מערק איך לומדות און אָרענט־לעכקייט און האָב פאַר אים דרך־ארץ. די מאַמע, רויזע, אַ הויכע אשת חיל, צייכנט זיך אויס מיט איר געלאַסנקייט, קלוגשאַפט און באַנעמונג. די עלטסטע

*) פון מאָריס ווינטשעווסקי.

שוועסטער, מרים, הויך און שלאַנק, האָט ענלעכקייט צו איר מוטער. די צווייטע, יענטל *), אָדער יעטע, ווי רחל פאַרציט זי, איז אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, מיט טיף־שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. זי קען איך שוין אַביסל פון פרי־ער. זי האַלט אַ בשמים־קראָם און פאַרקויפט דאָרט אויך פּאַפּיר, טינט, פּע־דערס און אַנדערע קלייניקייטן. ווען כ׳קום דאָרט אַרויף עפּעס קויפן, ריידן מיר וועגן ליטעראַטור. יענטל איז מער באַלעזן ווי אסנע. זי לייענט גוטע ביכער אין יידיש, העברייאיש, רוסיש און דייטש. איר באַליבטסטער שריי־בער, אין יידיש, איז דער מיר ליבער און טייערער י. ל. פּרץ. די פערטע שוועסטער, די ייִנגערע פון רחלען, איז די מיזינקע, מלכה, וועלכע שעמט זיך נאָך פאַר אַ נייעם מענטשן.

מרים באַדויערט, וואָס איך בין ביי זיי ניט געווען פריער. צו זיי אין הויז פלעגן אַמאָל אַריינקומען צוויי יידישע סאָלדאַטן — אברהם רייזען און י. י. פּראָפּוס, — וועלכע שרייבן פיינע לידער אין יידיש. דעם האַרבסט האָט מען זיי ביידן באַפרייט פון סלוזשבע (מיליטער־דינסט) און זיי האָבן שוין פאַר־לאָזן קאָוונע. איך באַמערק, אַז כ׳האָב לעצטנס געקויפט אין קאָוונע אברהם רייזענס עלעגיע אויפן טויט פון ר׳ יצחק אלחנן. מרים פאַרזיכערט מיר, אַז די לידער, וואָס דער „סאָלדאַט רייזען״ פלעגט פאַרלייענען ביי זיי אין הויז, זיינען פון אַ סך אַ העכערער מדרגה.

צוליב מיין ניט קאָנען דאָ אַגיטירן און פּראָפּאַגאַנדירן, קריג איך אַ נייגונג צו שרייבן „השתפכות הנפש׳עס״ (האַרץ־אויסגוסן), ווי אויך האַלב־סאַציאַלע בילדער און משלים פון דער נאַטור. איך וויז עס יענטלען. זאָגט זי מיר ניט, אַז דאָס איז ניט־גוט געשריבן. אָנשטאָט דעם וויזט זי מיר אין פּרצעס אַ זאַמלונג, ווי אַזוי „ער״ שרייבט... עס פאַרגייט מיר שוין דעמאָלט יעדער חשק צו שרייבן ווייטער אַזוינע זאַכן. דאָך שרייב איך איין טאָג אויף „חנוכה געדאַנקען״, וואָס כ׳האָב געטראַכט, שטייענדיק ביי דער אַרבעט, וועגן חנוכה, די חשמונאים און די העלעניסטן. דאָס איז אָבער גראָד יענטלען געפעלן געוואָרן. כ׳האָב דאָס דעריבער ניט צעריסן נאָר געלאָזן ליגן **).

---

*) יענטע סערדאַצקי.

**) עס איז פאַרעפנטלעכט מיט קליינע ענדערונגען אַ 25 יאָר שפּעטער אין אַ שיקאַגער יידישער צייטונג און אין ראובן ברײנינס „התורן״, אין העברייאיש.

קאַפּיטל זיבעציק

איך געפֿין זיך צווישן צוויי מאַגנעטן

איך געפֿין זיך צווישן צוויי מאַגנעטן, זינט כ׳האָב זיך באַזעצט דאָ, אין דער קאָוונער פֿאָרשטאָט אַלעקסאָט.

מיין בענקשאַפֿט נאָך דער אַרבעטער־באַוועגונג ציט מיך צוריק קיין ווילנע, וואו כ׳האָב זיך געפֿילט ווי אַ פֿיש אין וואַסער. אַן איינציק אַרבעטער־מיידל, וואָס איז מיר פֿערזענלעך נאָענט, לאָזט מיך אָבער ניט אַוועק פֿון דאַנען, וואו כ׳בין איינגאַנצן דערווייטערט פֿון מיין פֿריערדיקער טעטיקייט.

צייטנווייז דערהויב איך זיך אין מרידה קעגן מיין איצטיקן אָרט לעבן. מיר הויבט זיך דעמאָלט אָן דוכטן, אַז עס איז כּלל ניט שווער פֿאַר מיר צו ווערן ווידער טעטיק אין ווילנע. איך שטעל זיך פֿאָר, אַז שיע דער טאָקער, וועלכער האָט אַרויפֿגעשטעלט מיין נאָמען אויפֿן שוואַרצן צעטל פֿון ווילנער צעך, האָט מיך שוין לאַנג פֿאַרגעסן, און אַז איך קאָן צוריקקומען קיין ווילנע ווי אַ רעגולערער קאָוונער אַרבעטער און קריגן לייכט אַ פּלאַץ ביי אַ ווילנער טאָקער־מייסטער.

דערווייל אָבער פֿאַרגייט מיר די צייט אין לאַנגע טעג פֿון שווערער אַר־בעט. נאָך פֿופֿצן־זעכצן שעה אַרבעטן מיט די הענט און פֿיס, וועלכע באַוועגן דעם ראָד, בין איך צו־מיד אפֿילו צו זוכן באַקאַנטע אין קאָוונע, אָדער צו שרייבן בריוו צו באַקאַנטע פֿריינט אין ווילנע. איך שרייב נאָר קאָרטלעך אַהיים און צו מיין יוגנט־חבר משהקע דעם טאָקער, וועלכער איז איצט אַ סאָלדאַט. פֿון צייט צו צייט ענטפֿער איך אויך אויף די בריוו פֿון מיינע שוועס־טער — די יינגסטע, די דרייצן־יאָריקע דאָבעלע, שרייבט שוין מיר אויך, — און פֿון עטעלע די נייטאָרין אין ווילנע.

עטעלע איז מיט מיר באַקאַנט שוין אַרום צען יאָר, זינט כ׳האָב געלערנט אין חדר ביי איר טאַטן רפֿאל־ראובן. זינט איר מאַמע איז געשטאָרבן פֿלעגט עטעלע אויסריידן פֿאַר מיר איר יתומיש הערצל. איך פֿלעג זי טרייסטן און דערמוטיקן. פֿאַריקן יאָר האָב איך זי געטראָפֿן אויף אַן אַרבעטער־קוואַרטיר אין ווילנע. זי איז ניט געווען אַזוי באַריידעוודיק און ניט געצויגן אויף זיך אַזאַ אויפֿמערקזאַמקייט ווי איר חברטע, דעם מיישעגאָלער חזנס פּלימעניצע, אסתּר, וועלכע האָט דאָרט געפֿירט היציקע וויכּוחים. ווען מיר קומען ביידע צוזאַמען אין שטעטל, לאַדט מיך עטעלע איין אויף אַ שפּאַציר צווישן די פֿעל־דער קאָרן און קעמעלער געסל (אויפֿן וועג צום דאָרף קעמעל). מיין באָבע גייט־מיט, ווי זי דערקלערט מיר, כּדי בייזע צינגער זאָלן ניט באַריידן די יתומה... עטעלע אָבער איז געווען אומצופֿרידן, וואָס זי האָט ניט געקאָנט ריידן מיט מיר אונטער פֿיר אויגן. זי שיקט מיר נאָכדעם אַ בריוו, אַז זי איז

גרייט צו וואַרטן אויף מיר יאָרן, אויב כ׳האָב זי אַזוי ליב ווי זי מיך. איך ענט־פער איר דעמאָלט, אַז כ׳וועל ערשט אין אַ דריי יאָר אַרום (אין 1898) שטיין צום פּריזיוו און כ׳בין כלל ניט זיכער, צי מ׳וועט מיך ניט אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט, כאָטש איך בין אַן איין־איינציקער ביי מיינע עלטערן. ס׳איז דערי־בער בעסער זי זאָל אויף מיר ניט וואַרטן און מיר זאָלן בלייבן, ווי פריער, גוטע פריינט פון ווייטן.

***

צוליב די שטערונגען פון מיין באַלעבאָסטע, די טאָקערקע, און איר טאָכ־טער, און אויך צוליב די איינוועגדונגען פון שרהלעס טאַטן און באָבען, טרעף איך זיך מיט שרהלען זעלטענער. מיר שיקן זיך אָבער אָפּט בריוולעך און צע־טעלעך דורך איר לאַכנדיק שוועסטערל באַשעלע. די זעכצן־יאָריקע נחמה טאָר דערפון ניט וויסן; זי גייט שוין אַרבעטן און קאָן זיך פון אונדז אַראָפּ־נעמען אַ „שלעכטןביישפּיל״...

ניט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען באַווייזן מיר אויך צו מאַכן איינע פאַר די אַנדערע מתנות. זי, דאָס פרומע אייניקל פון דער רביצין, שטריקט אויס פאַר מיר אַן ארבע כנפות, אויף וועלכן זי העפט אויך אויס מיין מאָנאָגראַם. זי נייט אויך אויף פון סאַמעט אַ תפילין־זעקל פאַר מיר, מיט מיין נאָמען און בר־מצווה־יאָר. איך טאָק אויס פאַר איר, פון פיינעם שטאַרקן האָלץ, אַ גאַנצע רייע פיינע און ניצלעכע זאַכן. איר אַלטער, קראַנקער פאָטער האָט מיט מיר אַן אָפנהאַרציקן שמועס. ער זאָגט מיר, אַז איך בין אים מער צום האַרצן ווי אַ סך רייכע יונגעלייט. נאָר ער האָט דאָך אויף זיך די פליכט צו זאָרגן פאַר אַ ווייב מיט זיבן קינדער, און נאָך אַן אַלטע שוויגער דערצו. ער מוז דערי־בער טאָן אַ רייכן שידוך מיט זיין עלטסטן קינד. איך פיל, אַז ער איז גערעכט, און איך שרייב שרהלען אַ בריוו, אַז ס׳וועט זיין בעסער פאַר איר און איר פאַמיליע איך זאָל פאַרלאָזן קאָוונע. זי ענטפערט מיר תיכף, אַז כ׳האָב פאַר־וואונדעט איר האַרץ און רופט מיך דערביי אַן: „בעסטער, טייערסטער ברו־דער״, כאָטש זי האָט אייגענע דריי ליבלעכע ברידערלעך. דאָך הויב איך אָן צו פּלאַנען אַוועקצופאָרן פון דאַנען; איך באַטראַכט עס פאַר מיין פליכט... ווען מיך טרעפט אַן אומגליקספאַל און איך פאַרליר בלוט, נעם איך עס אָן פאַר אַ „כפרה״ אויף דעם, וואָס מ׳האָט אפשר צוליב מיר עמיצנס בלוט פאַר־גאָסן... אַזוי גיך אָבער, ווי שרהלע זאָגט מיר: „פאָרט ניט, קלמן!״, פאַר־שווינדן אַלע מיינע פליכט־געבאָטן.

זי אַליין, שרהלע, ווערט כסדר מוטיקער. זי קומט ווידער אַריין שבת אין טאָקאַרניע, וואו מיר לייענען צוזאַמען ביכער און ביכלעך אין יידיש. זי פאַרלאַנגט אויך פון מיר איר צו געבן איבערלייענען דעם העפט, אין וועלכן איך שרייב אַריין מיינע „האַרץ־אויסגוסן.״

אויף אונדזערן אַ שפּאַציר, איינמאָל אין אַ שבת, דערקלערט זיך שרהלע פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר מיינע געפֿילן צו איר. שפּעטער, נאָך הבדלה, שיקט זי מיר צו אַ צעטעלע איך זאָל זי אָפּוואַרטן זונטיק נאָך דער אַרבעט, לעבן איר אַרבעטספּלאַץ. מיר ריידן דעמאָלט אָפּ זיך צו טרעפֿן יעדן אָוונט. אויף מאָרגן שפּאַצירן מיר אַרום אויפֿן אַלעקסאַטער באַרג אין שניי און קעלט. אין אונדזערע הערצער הערשט אָבער פֿרילינג, ווי מיר וואָלטן שפּאַצירן צווישן בליענדיקע סעדער און פֿעלדער קאָרן. מיר טוען נאָך די יידישע פֿאַרליבטע פֿון אוראַלטע צייטן, און שווערן זיך, ווי זיי, „אייביקע ליבע" און טרייהייט. אַ טאָג שפּעטער גיט זי מיר אָפּ מיין העפֿט. איך געפֿין דאָרט אין העפֿט צוגעשריבן אין איר פֿיינער האַנטשריפֿט, אַז דעם 25־טן יאַנואַר, 1897, האָבן מיר הייליק געשוואָרן, אונדזער בונד זאָל קיינמאָל ניט ווערן צעריסן; זי פֿאַרצייכנט אויך וואָס זי האָט געפֿילט דערביי. זי פֿאַרענדיקט מיטן וואונטש מיר זאָלן דאָס אַלץ „אַמאָל אין פֿריידן דערציילן."

איך לעב איצט ווי אין היגערפֿלעט, אויסער צייט און אָרט. כ'זע גאָרניט און הער גאָרניט. כ'האָב זיך לעצטנס געטראָפֿן מיט אַ פּאָר ווילנער באַקאַנטע, האָב איך ניט קלאָר באַגריפֿן וואָס זיי ריידן צו מיר. איך טראַכט נאָר פֿון שרהלען, פּונקט אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט באַשטאַנען נאָר פֿון אונדז ביידן.

***

דער טייך ניעמען, וועמעס דיקן אייז ווינטער־צייט כ'האָב אין מיין העפֿט פֿאַרגליכן צו די קייטן, אין וועלכע דער פֿאַרשקלאַפֿטער טייל מענטשהייט איז געשמידט, און זיין צעשמעלצן — ווי דעם אָנקום פֿון פֿרייהייט, וואַרפֿט איצט אָן אויף מיר אַ פּחד. דאָס אייז פֿלאַצט און דאָס וואַסער פֿון אונטן האַלט זיך כסדר אין הויבן. מיר שטייען איצט, אָנהויב מערץ, ביי דער אַרבעט אין טאָקאַרניע, ביז די קני אין וואַסער. באַלד וועלן מיר שוין, ווי אַ סך אַנדערע מענטשן אין די הייזער נאָענט פֿונעם טייך, זיך לויפֿן ראַטעווען אויפֿן אַלעקסאַטער באַרג, און נעכטיקן ביי די דאָרטיקע איינוואוינער, אָדער אין אַ לאַגער אין דרויסן.

מ'זאָגט מיר, אַז אַזוינס פּאַסירט דאָ יעדן יאָר. די, וועלכע וואוינען ביים סאַמע טייך, ליידן אין פֿרילינג פֿיזיש און מאַטעריעל. זיי קריגן רעמאַטעס, לונגען־פֿעלער, א. ד. גל. זייערע מעבל, בעטגעוואַנט, קליידונג, ביכער א. אז. וו. ווערן צעשטערט, אָדער, אין בעסטן פֿאַל, שטאַרק אָפּגענוצט. איך בין צוגעגאַנגען קיין קאָוונע און געזען, אַז דאָרט אויף דער זייט ניעמען, וואו ס'זיינען ניטאָ אַזוינע בערג ווי אין אַלעקסאָט, זיינען פֿאַרטרונקען גאַנצע געגנטן, ווי, למשל, אַרום יאַנאָווער גאַס, וואו מ'פֿאָרט דאָרט אַרום אויף לאָדקעס, ווי איבער אַ טייך.

דאָך בין איך דער עיקר אומרואיק, וואָס כ'וועל שרהלען ניט קאָנען

זען נאָך דער אַרבעט. דאָס דערמאָנט אין די ווערטער פון שיר השירים, אַז „וואַסערן קאָנען ניט אויסלעשן די ליבע און טייכן קאָנען זי ניט פאַר־פליצן . . .״

***

מרים, די עלטסטע פון די פיר שוועסטער רייבמאַן, און איר חתן, דער איינבינדער לייבע פּראַשעגאָלסקי, אַ שיינער בחור, הויך און שלאַנק, פאַר־בעטן מיך ביידע אויף זייער חתונה. איך זאָג זיי ניט צו, און קאָן זיי ניט דערקלערן פאַרוואָס. איך קאָן עס אויך ניט זאָגן יענטלען און רחלען. די סיבה איז, ווייל דאָרט וועט דאָך זיין אויך שרהלע און מיר וועלן זיך מוזן היטן ניט אַרויסצואווייזן קיין נאָענטקייט איינע צו די אַנדערע. איך באַנוגן זיך דעריבער נאָר מיט שיקן אַ דרשה־געשאַנק, אַ גוטן בוך, פאַר דער כלה מיטן חתן.

***

שבת האָב איך צוזאַמען מיט שרהלען געלייענט דעם צווייטן טייל פון ספּעקטאָרס זאַמלבוך „הויז־פריינד״. ס׳איז איר אָנגעקומען ניט לייכט צו פאַרשטיין, וואָס דאָרט רעדט זיך וועגן דער „יודישער מוזע״. ניט אומ־זיסט האָט זי באַמערקט, אַז זי טוט תפילה כ׳זאָל ניט ווערן געלערנטער, און זי זאָל זיך קענען אויסגלייכן מיט מיר.

צייטנווייז דוכט מיר, אַז כ׳האָב זיך שוין צופיל אויסגעגליכן מיט מיין אַלעקסאָטער סביבה. דער „שטאָט״ צווינגט מיך צו גיין יעדן שבת דאַווענען אין בית־מדרש. כ׳ווער דאָרט אַריינגעצויגן אין שמועסן מיט אַלעקסאָטער לומדים און משכילים, צווישן זיי אויך מיט ר׳ ישראל סאַלאַנטערס זון, וואָס פאַרמאָגט אַ קיילעכדיקע בלאָנדע באָרד. כ׳ווער דאָ ניט ווילנדיק אַ צד. מיין סימפּאַטיע איז מיט די באַלעבאַטישע יורדים, וועלכע זיינען לומדים און משכילים, וועלכע די אויפגעקומענע געלט־גיריקע נגידים ווילן צעטרעטן.

***

אַ היפּש ביסל פאַרדרוס און אומרו פאַרשאַפט מיר אַ בריוו פון מיין פריינט פסח, אַ מיטגליד פון אונדזער ווילנער טאַקערשער סטרייק־קאַסע, ער שרייבט מיר, אַז רחלע, די געליבטע פון מיין יוגנט־חבר משהקע דעם טאַקער, וועלכער איז איצט אַ סאָלדאַט, האָט אים פאַרביטן אויף אַ צווייטן. כ׳קאָן ניט פאַרגעסן, אַז נאָך ניט לאַנג צוריק האָט זי אַרויסגעוויזן משהקען אַזוי פיל ליבשאַפט, אים נאָכאַנאַנד געקושט און געהאַלדזט. איצט וועט זי מיט די זעלביקע ליפּן קושן איר נייעם חתן. איך שרייב פּסחן, ער זאָל ניט שטערן רחלעס שידוך. ווער ווייס? אפשר טו איך עס כדי זיך צו „מאַכן האָרץ״, אַז שרהלע וועט קיינמאָל אַזוינס ניט טאָן.

***

מיין באַלעבאָסטע, דעם טאָקערס פרוי, זאָגט מיר, אַז זיי האָבן ניט קיין געלט צו באַצאָלן וואָס מיר קומט פאַר מיין אַרבעט. שכנים זאָגן, אַז זי איז בייז, וואָס איך בין פריינטלעכער צו „דער מיידל פון אַנטקעגן" ווי צו איר, דער טאָקערקעס טאָכטער. נאָר מיין באַלעבאָס, איטשע דער טאָקער, שלאָגט מיר פאַר אָפּצוטאָקן אַ צאָל זאַכן און עס פאַרקויפן אויפן חשבון פון מיין חוב. האָרעווע איך איצט זייער שווער צו מאַכן עס פאַרטיק אײדער איך פאָר אָפּ אויף פסח אַהיים.

***

דעם טאָג פון ערב־פסח קום איך צוריק קיין ווילנע. איך באַזאָרג זיך מיט אַ צאָל ביכער צו לייענען יום־טוב, שיק אַ קאַרטל צו שרהלען און פאָר צו אין דאָרף צו מיין טאַטע־מאַמען. איך דערוויס זיך דאָרט, אַז איך בין אַן אבל: מיין 18־יאָריקע שוועסטער רחל איז געשטאָרבן. ערב־פּסח זיץ איך ביז נאָכמיטאָג שבעה. איך זיץ און טראַכט, אַז פאַר מיין שוועסטער רחלען איז מעגלעך דער טויט געווען אַ דערלייזונג פון איר שווערער קראַנקהייט, זינט די בייזע אַנדרעקייטשיכע האָט זי קליינערהייט שטאַרק געשלאָגן.

פסח ווערט פאַר מיר אַ „ראש־השנה" — אַ „יום הדין"! אין די אַכט טעג יום־טוב אין דאָרף גיב איך זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון מיין לעבן זינט איך האָב גענומען לערנען אַ מלאכה, און בין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן."

די אונטערערדישע אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַר מיר געווען צו־ערשט אַ המשך פון די „בני הנביאים", די גרופּעס יונגע נביאים, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט אליהו הנביא און געדאַרפט זיך באַהאַלטן פון דער קע־ניגלעכער מאַכט, וועלכע האָט זיי געזוכט אויסצוראָטן.

דער סאָציאַליזם אויף וויפל איך האָב אים באַגריפן לייענענדיק דאָס ביסל, וואָס איז דעמאָלט געווען וועגן דעם אין יידיש און אין העברייאיש, איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ נייער נוסח פון די נביאימשע ווערטער פון אמת און גערעכטיקייט, וועלכע געפינען זיך אינעם אַלטן תנ"ך. מער האָט קיינער מיך ניט געלערנט וועגן סאָציאַליזם. די פּאַרטיי־פירער האָבן, אַפּנים, געהאַלטן, אַז איך ווייס איבערגענוג דורכצופירן די מאַסאָווע אויפ־קלערונגס אַרבעט, וועלכע זיי האָבן פאַר מיר באַשטימט.

אַזוי לאַנג ווי איך בין געשטאַנען אויסערהאַלב די אינווייניקסטע סיכסוכים האָט דער דאָזיקער סאָציאַליזם און זיין אַרבעטער־באַוועגונג פאַרביטן פאַר מיר די אַלטע תורה און עבודה, אין וועלכע איך האָב זיך אויסגעהאָדעוועט. די קריגערייען צווישן דער „אַגיטאַציע" און דער „פּראָ־

פּאַגאַנדע" און באַזונדערס דעם אינטעליגענט אַלעקסאַנדערס אָפּנאַרן די אַרבעטער אָפּאָזיציע, און דער חשד פון אַ צאָל אַרבעטער, אַז אַלעקסאַנדערס צד האָט אַרויסגעגעבן דער פּאָליציי אַ צוזאַמענקונפט פון דער דאָזיקער אַרבעטער אָפּאָזיציע אין האַרבסט 1896, האָט פאַרבאַהאַלטן פון מיינע אויגן דעם אמת און די גערעכטיקייט פון דער דאָזיקער באַוועגונג. איך בין מער ניט זיכער, אַז איך גיי אויפן ריכטיקן וועג. איך מוז נעמען זוכן פון דאָס ניי: וואו איז דער אמת? וואו איז די גערעכטיקייט?

קאַפּיטל איין און זיבעציק

איך הויב אָן צו בלאָנדזשען

איך הויב אָן צו בלאָנדזשען. כ'וויל גיין פאָראויס, כ'זע אָבער ניט קלאָר אין וועלכער ריכטונג דאָס איז. איך בין נאָר זיכער, אַז דער וועג צו אמת און גערעכטיקייט קאָן ניט פירן דורך אָפּנאַרעריי און אומרעכט. כ'געפין דעריבער ניט קיין זכות פאַר דעם אינטעליגענט אַלעקסאַנדערס אָפּנאַרן די יונגע אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך פון דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע", אפילו אויב פאַר אַ גוטן צוועק. ס'עגבערט מיך אַ געדאַנק, אַז פרומע ייִדן, ווי מיין טאַטע און מיינע זיידעס, וואָלטן אַזוינס ניט געטאָן. און אָט דער געדאַנק רופט אַרויס אַ צווייטן: אפשר האָב איך צו פרי פאַרלאָזן זייער אמונה, מידות און מנהגים? טאָ לאָמיך זיך צוריקקערן צו אָט דער אַלטער ייִדישקייט און דורכלעבן אַלץ אויף דאָס ניי. אפשר וועל איך דאָרט אַנט־דעקן דעם ריינעם אמת, די פולקאָמענע גערעכטיקייט, און אויך דערשפּירן זייער „אל־מסתתר" — די פאַרבאָרגענע געטלעכקייט.

צוגלייך גיב איך זיך אָפּ אַ חשבון פון אַלץ, וואָס כ'האָב אין די לעצטע עטלעכע יאָר געלייענט און געלערנט. כ'זע איין, אַז י. ל. פרץ האָט היפּש באַאיינפלוסט מיינע מיינונגען וועגן ישוב ארץ ישראל, קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, אָדעסער „חובבי ציון" קאָמיטעט, און זיינע וואָרטזאָגער, ווי ליליענבלום, אחד העם א. א.; אויך וועגן דר. הערצלס פּלאַן פון אַ „יודענ־שטאַט", וועגן נאַציאָנאַליזם, קאָסמאָפּאָליטיזם, אַסימילאַציע, אַנטיסעמיטיזם א. אז. וו. איך האַלט זיך אויך ביי די לימודים, וואָס כ'האָב געלערנט אין גרעצס ייִדישער געשיכטע, אייזיק הירש ווייסעס „דור דור ודורשיו" (גע־שיכטע פון תלמוד), דוד פרישמאַנס איבערזעצונגען פון נאַטור־וויסנשאַפטן און קולטור־געשיכטע, צבי הכהן ראַבינאָוויטשעס „אוצר פון חכמה און וויסן" א. ד. גל. ווערק, אָריגינעלע און איבערזעצטע. באַזונדערס שטיי איך פעסט ביי אַלץ, וואָס כ'האָב אין ווילנע אַגיטירט און פּראָפּאַגאַנדירט:

גלייכהייט פון אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד פון געשלעכט, פון הויטקאָלירן, שפּראַכן, רעליגיעס און קולטורן; פאַר אַרבעטער־אחדות אין קאַמף קעגן עקספּלואַטאַציע און לוין־שקלאַפעריי, און פאַר בויען אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואו אַלע מענטשן זאָלן לעבן פון אייגענער פּראַצע, אין אחדות און שלום, אמת און יושר.

איצט אָבער (אָנהויב מאַי 1897), וויל איך נאָך צוגעבן דערצו — דערווייל נאָר פאַר מיר אַליין — די פאָלקסטימלעכע יידישע אמונה, און זיך מיחד (מעיאַכעד) זיין, ווערן איינס, מיט די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן און אָפּהיטן זייער אַלטע יידישקייט, כדי זיך אויסצולעבן ווידער אין זייער תמימותדיקער אַטמאָספערע, ווי אין מיין קינדהייט.

אין דער צווישן־צייט, איידער כ׳הויב אָן מיינע געפּלאַנטע זוכענישן, בין איך אַריינגעטאָן אין מיין טאָג־טעגלעכן לעבן. כ׳שיק צענדליקער ביכער צו שרה שפּרהן אין אַלעקסאַט, ווי אויך אַביסל צו יענטל רייבמאַן, אַ מתנה, דערפאַר וואָס זי דערמוטיקט שרה שפּרהן מיר צו שרייבן וועגן דעם, וואָס זי לייענט.

איך פאַרענדיק לייענען די ביכער, וואָס כ׳האָב מיטגענומען פון ווילנע אין דאָרף, צווישן זיי אויך ראובן בריינינס „ממזרח וממערב" און דעם „המאסף" פון דער חברה „מפיצי השכלה בישראל". אַ שווערן איינדרוק מאַכט אויף מיר די ביאָגראַפיע פון שלמה מיימון. ס׳טוט ווי דאָס גיין אין גיוועץ פון אַזאַ אויסערגעוויינלעך באַגאַבטן מענטשן מיט טיפזיניקע געדאַנקען. עס באַאומרואיקן מיך אָבער אויך אַ צאָל געשטאַלטן פון דערציילונגען. איז עס צוליב מיין איצטיקן גייסטיקן צושטאַנד? כ׳וואונדער זיך אויך פאַרוואָס אין מיין בענקשאַפט נאָך שרה שפּרהן זע איך ניט איר געשטאַלט פאַר מיינע אויגן, נאָר בענק באַזונדערס זי צו הערן ריידן? זי שרייבט פאַנטאַסטישע בריוו. זי שטעלט זיך פאָר, אַז כ׳וועל ווערן אַ שרייבער און זי וועט מיר נאָך מיטהעלפן. זי שיקט מיר איינדרוקן פון מיינע צוגעשיקטע ביכער, וואָס זי לייענט איצט, באַזונדערס וועגן זאַכן פון פּרצעס „יודישע ביבליאָטעק", צווישן דעם אויך וועגן יהואָשעס פּאָעמע „ר׳ מתיא."

די מאַמע און די באָבע ווייסן שוין וועגן שרה שפּרהן. די באָבע זאָגט, אַז אַמאָליקע יאָרן פלעגט אַ בחור ניט חתונה האָבן מיט אַ מיידל, וואָס האָט דעם זעלביקן נאָמען ווי זיין מאַמע (מיין מאַמע הייסט שרה בלומע). די מאַמע דערקלערט מיר, אַז איר אַרט ניט דער נאָמען פון דעם מיידל, וואָס מיר געפעלט. זי איז אָבער אומצופרידן פון מיין „פאַרדרייען זיך דעם קאָפּ", איידער כ׳בין פריי פון פּריזיוו.

דער טאַטע ווייס נאָך דערווייל גאָרניט דערפון.

אידער כ׳פאַרלאָז דאָס דאָרף באַזוכט מיך מיין ערשטער מייסטער יאַשטשיק דער טאָקער. מיר שמועסן וועגן די שווערקייטן פאַר אַן אָרע־מען יידישן באַלמעלאָכע אַריינצופאַרן אין „טיף ראָסיי״. ס׳פאָדערן זיך דערצו אַ „כאַראַשאַיע פּאָוועדעניע״ (גוטזאָגונג) פון דער פּאָליציי און „פּאַדמאַסטעריע״ פון צעך. ביידע פּאַרלאַנגען פון אים אַזוינע סומען, וועל־כע ער איז ניט בכוח צו שאַפן, אפילו ווען ער איז גרייט פאַרוואָגלט צו ווערן צווישן פרעמדע מענטשן מיט אַ פרעמדער שפּראַך.

⁂

אין ווילנע געפין איך וויניק פון מיינע באַקאַנטע אַרבעטער. אַ טייל איז אַרעסטירט. אַ טייל איז אַוועקגעפאָרן אַרבעטן אין אַנדערע געגנטן. צוזאַמען מיט מיין דרייצן־יאָריק שוועסטערל דאָבעלע, וואָס אַרבעט איצט אין ווילנע און לערנט זיך פאַר אַ נייטאָרין, באַזוך איך מיינע נאָענטע טאָ־קעד־אַרבעטער פסח לוריע און מאָטעלע.

נאָכן געזעגענען זיך מיט מיינע ווילנער קרובים, כאַפּ איך זיך אַריין אין סטראַשונס ביבליאָטעק. כ׳לייען דאָרט דורך אברהם גייגערס „קבוצת מאמרים״ פון וועלכע כ׳לערן אַ סך.

מיינע איצטיקע זוכענישן פאַרשאַפן מיר ניט קיין פרייד.

יינגלוויז, ווען כ׳האָב געזוכט אַ פּלאַץ, וואו צו לערנען מיט התמדה, און גוט אָפּהיטן יידישקייט, איז עס געווען אַ גאַנג פאַראויס, מיט אַ פריי־לעך זינגענדיק האַרץ. איצט בין איך אַ צוואַנציק־יאָריקער באַוואוסטזי־ניקער אַרבעטער, פאַר וועמען אַזוינע זוכענישן און בלאָנדזשענישן זיינען אַ גאַנג אויף צוריק, אַ וועג פון „תשובה״, וואָס איז פול מיט שטרויכלונגען און סתירות. איך פּרוּאוו זיך איינריידן, אַז כ׳קאָן קריגן דעם נויטיקן תיקון צו מיין איצטיקן געמיט, דורך גיין וויטער מיט דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע״. איר גרויסע מערהייט באַשטייט דאָך פון תמימותדיקע אַרבעטער־מיידלעך און אַרבעטער־יינגלעך, וועמעס אַרנטלעכקייט איז ניט קלענער, ווי פון די בעסטע „גוטע פרומע לייט״. זי איז אין ווילנע איצט ניט טעטיק. אירע „מאַסאָווע״ זיינען פּאַראַליזירט דורך אַלעקסאַנדערס אָפּנאַרעריי. די באַ־וואוסטזיניקע זיינען אַרעסטירט. מ׳זאָגט מיר אָבער, אַז אין מינסק איז פאַראַן אַ טעטיקע אָרגאַניזאַציע. וועל איך פאָרן אַהין.

כ׳נעם אַ בילעט ביז סמאַרגאָן, כדי נאָכצופרעגן זיך דאָרט אויף מיינע סמאַרגאָנער חברים, וועלכע האָבן מיט מיר צוזאַמען געלערנט אין ווילנער קאַזיאָנער ישיבה, באַזונדערס הילקע, וועלכער איז געוואָרן אַ גראַווירער און שלמהקע — אַ גאַרבער.

אַזוי גיך, ווי כ׳זעץ זיך אַוועק אין וואַגאָן וועפּט זיך אויס מיין איינריי־

דעניש. כ׳זע איין, אַז די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער וועלן ניט זיין פריינט־לעך צו דער אַלטער יידישקייט, כל־זמן עס ריידן אין איר נאָמען אַזוינע פאַרשטייער, ווי דער טרויעריק־באַרימטער שטאָט־מגיד, וואָס האָט פאַלש אויסגעטייטשט פסוקים פון דער תורה, מיט דער כוונה צו ברעכן אַ גע־רעכטן סטרייק פון אַרבעטער קעגן זייער עקספּלואַטאַרישן פאַבריקאַנט. כ׳מוז דעריבער צוערשט זוכן, טאָקע נאָר פאַר זיך אַליין, אויסצוגעפינען די מעגלעכקייט צוצופּאַסן די אַלטע תורה פון אמת און רעכט צו די נייע לעבנס־באַדינגונגען.

מיט אָט דעם באַשלוס גיי איך אַרונטער אין סמאַרגאָן און פאָר שוין ניט ווייטער קיין מינסק. כ׳טרעף זיך מיט לומדים און געפין אויס וועגן דער מעגלעכקייט צו לערנען ביחידות אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווייל אין סמאַרגאָן איז צופיל טומל. עמיץ רעקאָמענדירט מיר דאָס שטעטל קרעווע און פאַרלויבט פאַר מיר איר גרויסן למדן ר׳ נחמן עפּשטיין.

אין קרעווע, וואוהין איך בין אָנגעקומען אין מיטן מאָנאַט מאַי 1897, פיר איך דאָס לעבן פון אַ בעל־תשובה, נאָר איך טו עס אין געהיים. איך דערצייל ניט קיינעם מיין פאַרגאַנגענהייט. כ׳וואוין ביי ר׳ נחמן עפּשטיין, וועלכער קען מער לערנען, ווי אַ סך באַרימטע רבנים. ער גיט מיר אָפּ זיין סאַלקע, וואָס איז פול מיט ספרים. ער איז צו מיר ווי אַ טאַטע און פון זיינעטוועגן קען איך ביי אים אויך זיין אויף קעסט. כ׳לערן אָבער ליבער אין בית־מדרש, איבערהויפּט ביינאַכט, ווען קיינער שטערט מיר ניט, און וואו כ׳קוק אויך אַריין אין ספרים פון קבלה און חסידות. כ׳לערן דורכ־שניטלעך אַכצן שעה אין מעת־לעת, אָנגעטאָן אין תפילין, וועלכע אַ זיי־טיקער קאָן ניט באַמערקן. זיי זיינען אויסערגעוויינלעך קליין, מערקט קיינער ניט דעם „של יד״ אונטער מיין אַרבל, וואָס פאַרדעקט אויך די רצועות. עס זעט זיך ניט אָן דער „של ראש״ צווישן מיינע לאַנגע שוואַרצע גרייזלעך. איך דאַוון מיט כוונה (על פּי כוונת האר״י ז״ל), כ׳היט זיך אָבער ניט צו ציען אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט. כ׳שטיי ניט צו לאַנג „שמונה עשרה״, מיינע פאות זעען זיך ווייניק אָן צוליב מיינע לאַנגע געגרייזלטע האָר.

פון צייט צו צייט לערן איך מיטן עולם „פרק״ ביים לאַנגן טיש נאָענט צו מערב־זייט. כ׳דערקלער ברייט, אָבער גאָר פשוט די עטיק און מידות פון די נביאים און די בעלי־התלמוד. אויפן פאַרלאַנג פון קהל האָלט איך אַמאָל אַ דרשה אויף דער בימה. מיר איז אָבער ליבער צו לערנען מיטן עולם אַרום טיש, וואָס דערמאָנט מיר דאָס לערנען „עין יעקב״ אין שטעטל מיישעגאָלע, וואו מיין טאַטע פלעגט דערביי מיך האַלטן אויפן שויס, כדי מיך צוגעוואוינען צום לערנען תורה.

דער פשוטער עולם איז גאַנץ צופרידן פון מיין לערנען זומער פרק. כ׳גיב איבער דעם תוך פון די בעסטע פירושים אויפן פרק און טראָג דאָרט

איך אַדריך סאָציאַלע געדאַנקען. די וואוילהאַבנדיקע באַלעבאַטים און זיי־ערע איידעמלעך אויף קעסט ווילן עס ניט ליידן.

קרעווע איז אַ שיין שטעטל. פאַראַן דאָרט אויך אַ שיינער טייך זיך צו באָדן. קרעווע האָט אַ צאָל איידעמס מוסמכים — רבנים אָן שטעלעס. מיט איינעם פון זיי, הרב ר׳ רפאל מיליקאָווסקי, אַ הויכער מיט אַ שוואַר־צער באָרד, לערן איך אַ געוויסע צייט אין אין גמרא. כ׳קום אויך אַריין צו אים אין שטוב. ער הייסט מיר אָוועקוואַרפן דעם מעדאַליאָן מיט ר׳ יצחק אלחננס פנים, וואָס איז אַרונטערגעהאַנגען פון מיין זייגער. ער וויל אויך ניט ליידן, וואָס כ׳בין פריינטלעך צום חסידישן שוחט, וועלכן ער באַטראַכט פאַר אַ „האַלבן געצנדינער" (אָן „עובד עבודה זרה בשיתוף"), וואָס „פאַר־לאָזט זיך ניט אויפן אויבערשטן אַליין, נאָר דינט אויך צו אַ חסידישן רבין"... דער געזינדסטער און פריילעכסטער פון אָט די יונגע רבנים איז הרב ר׳ גרשון, מיט אַ ברייטער בלאָנדער באָרד. דער משכיל צווישן זיי איז הרב ר׳ יהודה לייב מזאה *). ער שרייבט אין העברייאיש און יידיש. מיין נאָענטסטער פריינט צווישן זיי איז הרב ר׳ יוסף רודניק, אַ וואוילער יונגערמאַן און פיינער בעל־דרשן. ער איז אַ שוואָגער פון דעם געוועזענעם מיישעגאָלער רב ר׳ יעקב ראַבינאָוויטש.

כ׳קום אויך אָפט אַריין צום רב ר׳ יצחק אלחנן פלאָטקין, אַ געוועזענער מינסקער ראש־ישיבה, וועמען ר׳ נחמן עפשטיין איז מבטל. כ׳בין גוטע פריינט מיט זיין בחור זלמן און זיין טאָכטער חנה. זיין עלטערער זון ר׳ אהרן איז שוין אַליין אויך אַ רב. איך אַמפער זיך אַמאָל מיט הרב פלאָטקין וועגן לומדות און חקירה, באַזונדערס וועגן „מורה נבוכים" פון רמב"ם. אַמאָל אַמפערן מיר זיך אויך וועגן דעם לידער רב ר׳ יצחק יעקב ריינעסעס „חותם תכנית", וואָס גיט מוסטערן ווי צו לערנען גמרא אויף אַ וויסנ־שאַפטלעכן שטייגער, און אויך וועגן דעם שרייבער שמואל יצחק יאַצקאַן.

צוליב מיין פריינטשאַפט מיט נחמיה עפשטיין, דער יינגסטער זון פונעם „תקיף" משה מאיר עפשטיין, קום איך אַמאָל אַריין צו זיי אין הויז. ער איז אַ קרעפטיקער מאַן מיט ברייטע פלייצעס און אַ ברייטער, לאַנגער ווייסער באָרד. משה מאירס עלטערער זון, באָריס **) שטודירט פאַר אַ כעמיקער אין היידלבערג, דייטשלאַנד. ווען ער קומט אויף וואַקאַציע, פאַרברענגען מיר צייטנווייז ביי זיי אין שטוב.

איך נעכטיק געוויינלעך אין ר׳ נחמן עפשטיינס הויז. ווען ער איז ניטאָ אין דער היים, לאָזט מיך זיין שוואָגער, ר׳ רפאל בערלין, אַ פרומער

---

*) שפעטער אַ רב אין אַמעריקע.

**) דעלעגאַט צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. אַ טיכ־טיקער שליח פון נאַציאָנאַל־פאָנד אין אַמעריקע, וואו ער שטאַרבט יונג.

משכיל, ניט נעכטיקן דאָרטן מיט בלויז צוויי מיידלעך אין הויז, זייער פּלי־מעניצע גיטל אַנטשעלעוויטש, וועלכע פירט דעם טוך־געשעפט און דאָס דינסטמיידל. איך נעכטיק דעמאָלט ביי גיטלס מאַמען, וואו עס זיינען פאַראַן דריי טעכטער און אַ זון, אברהם.

כ׳קום אויך אַריין: צום „בעל קורא״, יעקב ליאַקערמאַן, וועלכער זינגט אויס דעם טראָפּ פון דער תורה זעלטן שיין, און טייטשט אויס יעדן פּסוק דורך זיין גענאַנג. צו יוסף באָדאַנאָווסקי, וועלכער לערנט מיט זיינע תלמידים עברית־בעברית; צו אַנשל מיליקאָווסקי, מיט וועמעס זון, שמואל, כ׳בין נאָענטע פריינט, און צו אַ צאָל אַנדערע קרעווער איינוואוינער.

אַט אַזוי פאַרגייט מיר אַ יאָר צייט אין קרעווע, ביז עס דערגרייכט מיר די שלעכטע בשורה פון מיין מאַמעס טויט. זי שטאַרבט אַרום פערציק יאָר אַלט, ליגנדיק אין איר פערצנטן קינפּעט (ראש־חודש ניסן תרנ״ח, 24־טן מערץ, 1898). איך לעב דעמאָלט דורך שווידערלעכע טעג. ווען כ׳שטעל זיך זאָגן מיין ערשטן קדיש נאָך דער מאַמען, צוקט מיין גאַנצער קערפּער און ס׳טרייסלען זיך מיט מיר צוזאַמען דער ארון־קודש און די טרעפּ צו אים, אין וועמעס שטאַכעטן כ׳האַלט זיך אָן...

מיטן אָנקום פון פרילינג דערפיל איך שוין אַן ענדערונג אין זיך. מיין מוח לייטערט זיך אויס. ס׳ווערט מיר כסדר קלאָרער, אַז דער „אל־מסתתר״, וואָס כ׳האָב געזוכט ביי דער אַלטער יידישקייט, געפינט זיך ניט אין אירע שולן און בתי־מדרשים, אָדער אין חסידישע שטיבלעך, נאָר איז דאָס, וואָס מיין מאַמע פלעגט אָנרופן „גאָט אין האַרצן״ און איז אַ טייל פון מיין אייגענעם איך.

מיין בלאָנדזשעניש הערט אויף. כ׳פיל, אַז כ׳וועל שוין קיינמאָל זיך ניט מער צוריקקערן צו דעם פון וואָס כ׳בין שוין אַרויסגעוואַקסן. איך באַגרייף אויך, אַז כ׳קאָן זיין ניצלעכער פאַרן כלל מיט גייסטיקער אַרבעט. כ׳דאַרף אָבער נאָך אַ סך לערנען און שטודירן דאָס צו דערגרייכן. מיט אַט דעם באַשלוס פאָר איך אַריין זומער 1898 אין ווילנע, זיך אָנצוהויבן גרייטן מיט נייע כוחות פאַר נייע אויפגאַבן און אַנטוויקלונגען.

קאַפּיטל צוויי און זיבעציק

מיט דער מאַמעס טויט צעפאַלט די היים

מיט דער מאַמעס טויט צעפאַלט אונדזער היים. דער טאַטע, וועמען די פויערים האַלטן פאַרן שטאַרקסטן מענטשן אין אונדזער דאָרף, בלייבט הילפלאָז אָן מיין קליינער שוואַכער מאַמעלע. ניט אומזיסט האָבן פאַרצייטיקע יידן אָנגערופן די פרוי מיטן נאָמען „בית״ (שטוב). מיין שוועסטער

הענע־טאַנע האָט חתונה קורץ פאַר דער מאַמעס טויט און באַזעצט זיך אין איר מאַנס דאָרף. מיין פערצן־יאָריק שוועסטערל, דאָבעלע, אַרבעט ביי אַ נייטאָרין אין ווילנע. דאָס עופהלע, פון אַ פּאָר וואָכן, גיט דער טאַטע אַוועק צו אַן אַם. ער געפינט שפּעטער אויס, אַז ס׳האָט ניט לאַנג געלעבט, כאָטש די אַם האָט אַ סך חדשים נאָכאַנאַנד ביי אים גענומען שכירות פאַר כלומרשט האָדעווען עס און עקסטרע אויסגאַבן פאַר דאָקטוירים און מעדי־צינען, וועלכע דאָס עלנטע עופהלע האָט קיינמאָל ניט אַנגעזען.

דער מאַמעס קרובים עצהנען דעם טאַטן חתונה צו האָבן מיט דער מיישעגאָלער אלמנה, חיה־פעשע, מיין חבר יאָשקע דעם שניידערס מאַמע, וועלכע האָלט אַ גאָרקיך אין ווילנע. דער טאַטע נעמט אָן די עצה און קלייבט זיך אַריבער פון דאָרף אין שטאָט, וואו ער פילט זיך פרעמד. ער האָט נאָך דערצו פאַרדרוס פון דער מיזינקע, וועלכע האָלט, אַז די שטיפ־מוטער איז צו איר ניט פריינטלעך. ווען כ׳קום פון קרעווע צוריק קיין ווילנע, דינג איך דעריבער אַ קוואַרטיר פאַר זיך. כ׳וואוין ביי די גילדענ־בלאַטס, העלענע און ח. ד. ער איז אַ מחבר פון מעשה־ביכלעך אין יידיש, לערנט זיך פאַר אַ צאַן־דאָקטאָר און באַשעפטיקט זיך אויך מיט לערעריי.

דעם טאַטנס גאָרקיך ווערט ביסלעכווייז דער מיטלפונקט, וואו עס טרעפן זיך אַרבעטער פון דער באַוועגונג. צווישן זיי אויך מיין חבר יאָשקע דער שניידער, וועלכער צאָלט זיין מאַמען פאַר זיינע מאָלצייטן, ווי אַלע אַנדערע. טו איך אויך אַזוי. מיינע הוצאות פאַרדין איך פון לערעריי, פון געבן שטונדן אין העברייאיש. צוגלייך בין איך אַליין אַ תלמיד ביי צוויי לערער, וועלכע גרייטן מיך צו פאָרן שטודירן אין אויסלאַנד, ווייל אין רוסישע לערן־אַנשטאַלטן נעמט מען אַריין אַ גאָר קליינעם פּראָצענט יידן.

דורך מיין פריינטשאַפט מיט דעם סטודענט־כעמי באָריס עפּשטיין פון קרעווע, ווער איך באַקאַנט מיט זיין ווילנער כלה רעוועקאַ טילעס, אַ טאָכ־טער פון אַ פיין באַלעבאַטיש הויז. זי איז אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין און האָט אַ ברייטע באַקאַנטשאַפט מיט דער יידישער סטודענטישער יוגנט. צו־זאַמען מיט איר פריינדין מרים גאָרדאָן קריגט זי פאַר מיר אַ לערערין פאַר דייטש, אַ סטודענטין פון בערלינער אוניווערזיטעט, פריילין לעווינסאָן *), און אַ לערער פאַר מאַטעמאַטיק, ה׳ שאַפּיראָ. די סטודענטין לעווינסאָן

*) אַ יינגערע שוועסטער פון ליובע לעווינסאָן־אייזענשטאַט, די וויכ־טיקע טוערין פון דער אונטערערדישער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן״ אין ווילנע, און איבערזעצערין פון איינער פון די ערשטע סאָצי־אַליסטישע בראָשורן „דער אַרבעטס טאָג״, וועלכער קומט שפּעטער קיין ניו־יאָרק, וואו מ׳געפינט זי אַ טויטע אין וואַנע (מאַי 1903), אינעם עלטער פון 37 יאָר.

לערנט מיט מיר אין איר טאַטנס רייכן הויז. ער, אַ הויכער מאַן, מיט גרויע לאַנגע וואָנצעס, דער אייגנטימער פון אַ גרויסן מאַגאַזין אויף זאַוואַלנער גאַס, וויל עס ניט ליידן. זי פאַרלאַנגט פון מיר כ׳זאָל זיך מאַכן ניט וויסנדיק דערפון, אויף קיין פאַל ניט דורכלאָזן אירן אַן „אוראַק״, און אָפּהיטן שטרענג צו קומען צו יעדער צייט, וואָס זי באַשטימט פאַר מיר. ה׳ שאַפּיראָ רעפּע־טירט מיט מיר אַלגעברע און געאָמעטריע. ער קאָנטראָלירט אויך מיינע לערנביכער פון געאָגראַפיע, נאַטור־וויסנשאַפט און וועלט־געשיכטע.

דעם גרעסטן רושם מאַכן אָבער אויף מיר הענריק איבסנס דראַמעס. איך באַטראַכט אים פאַר דעם באַדייטנדיקסטן דראַמאַטורג פון דער איצ־טיקער צייט. מיר געפעלן אויך זיינע היסטאָרישע טראַגעדיעס, באַזונדערס „קייסער און גאַליליייער״ — די גרויסע וועלט־דראַמע פונעם קאַמף צווישן דעם קולטורעלן יידנטום און דעם פּאַגאַנישן קריסטנטום, וואָס דאָס האָט אויך אַ היפּשע שייכות צום יידישן פאָלק.

מיין אַמאָליקער חבר, פון דער ווילנער קאַזיאָנער ישיבה, וואו מיר האָבן, ווינטער 1891—1892, געשריבן בשותפות „חידושי תורה״, האָט שוין אַ נייע באַשעפטיקונג. ער הייסט שוין ניט מער „קלמן דער פּאַפּיראָסן־מאַכער״, ווי אין 1894, ווען מיר האָבן זיך צופעליק געטראָפן אויף אַן אויסשטעלונג פון וואַקסענע גיפּסענע פיגורן פון פאַרצייטיקע און הייני־טיקע באַרימטע פּערזאָנען. איצט הייסט ער „קלמן דער פּריקאַזשטשיק״, איז דער אָנפירער פון אַ בוך־קראָם, וואָס הייסט „גאַסעלניקס בוכהאַנדלונג״, און דינט דער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר באַנייען אונדזער אַלטע פריינט־שאַפט און פאַרברענגען אָפט צוזאַמען. איך שטיי אַפּ שעה׳ן־לאַנג מיט אים אין דער בוכהאַנדלונג, אויף דעם הקדש־געסל. מיר זיצן אויך אַפּ אָוונטן ביי אים אויפן קוואַרטיר, אויף דעם זעלבן געסל. מיר דיסקוטירן איבער געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע ענינים און, ס׳פאַרשטייט זיך, אַז מיר אַמפּערן זיך אַ סך וועגן דער אונטערערדישער באַוועגונג. פון צייט צו צייט וויַזט ער מיר אויך זיינע ליטעראַרישע פּרוּוון.

קלמן קראַפּיווניק לאַכט זיך אויס פון דעם, וואָס יאַשקע דער שניידער און אַנדערע מיטגלידער פון דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע״ האָבן מיר דער־ציילט, אַז די „אַגיטאַציע״ האָט זיך געגעבן אַ נייעם נאָמען, אָבער אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן. ער וויַזט מיר מיט פאַקטן, פון זיין אַרבעט אין בוך־קראָם און אויף אַנדערע געביטן, אַז די באַוועגונג, אונטער דעם נייעם נאָמען „דער יידישער אַרבעטער־בונד״, איז ניט באַשרענקט אויף דער שטאָט אָדער דעם אָקרוג פון ווילנע. די באַוועגונג איז איצט פאַרבונדן מיט יעדער שטאָט און שטעטל אין לאַנד, וואו עס געפינען זיך יידישע אַר־בעטער. אַלס אָנפירער פון דער גאַסעלניק בוכהאַנדלונג דערפילט ער אויס

פינקטלעך אַלע אַן אונטערשייד באַשטעלונגען פון ביכער און ביכלעך אין יידיש, אָדער אין העברייאיש, פּראָגרעסיווע ליטעראַטור אָדער ציוניסטישע אַגיטאַציע־בראָשורן, נאָר צו „ריכטיקע מענטשן" שיקט ער אויך אַרויס „ריכטיקע ליטעראַטור". ער ווייזט מיר די באַשטעלונגען אויף זיינע חשבונות און מאַכט מיך באַקאַנט מיט איינצלהייטן. ער לאָזט מיר ציטנווייז איבער אַליין אין אָט דער בוכהאַנדלונג. איך פאַרקויף אָבער ניט קיין זאַך, ווען ער איז ניטאָ: איך פאַרצייכן נאָר ווער ס'איז געווען און אויף וואָס מ'האָט געפרעגט *).

ווען כ'קלייב זיך אַריבער פון די גילדענבלאַטס אויף אַ גרעסערן פּלאַץ, אין אַ קעלער־שטוב, ביי מיין מומען ראָכע־גאָלדע, ברענגט קלמן קראַפּיוור־ניק צופירן צו מיר די געהיימע יידישע אַרבעטער־ביבליאָטעק, וועמעס ביכער כ'פלעג מיט עטלעכע יאָר פריער צושטעלן צו די אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך פון דער האָלץ־אינדוסטריע. ער דערקלערט, אַז איר פריערדיקער פּלאַץ איז ניט מער זיכער און איך מוז זי באַהאַלטן ביי זיך. איך באַט זיך תיכף אָן צו זיין איר צייטווייליקער ביבליאָטעקאַר. אים איז עס געפעלן, נאָר די פירערשאַפט פון דער נייער פאַרטיי שטעלט אַ באַדינג, כ'זאָל צו־ערשט ווערן אַ מיטגליד פון איר „אַלגעמיינעם אַרבעטער־בונד". אויף דעם בין איך ניט מסכים, אַזוי לאַנג ווי די „אַרבעטער אָפּאָזיציע" טרעט ניט אַריין אין דער נייער פאַרטיי, און לייזט זיך ניט אויף, כאָטש זי איז איצט געזעלשאַפטלעך ניט טעטיק.

אין דער צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין קרעווע און זיך פאַרנומען מיט אמת־און גאָט־זוכעניש, איז אויך דער אָנפירער פון דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע", אַבראַם רעזשטשיק, געווען פאַרנומען מיט סאָציאַליסטישע זוכענישן. ער פאַרברענגט אַ האַלב יאָר אין סט. פּעטערבורג, אין קרייז פון דעם טעאָרעטיקער פון רוסישן פאָלקיזם — נ. ק. מיכאַילאָווסקי, דעמאָלט רעדאַקטאָר פון דעם אָנגעזעענעם פּראָגרעסיוון זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ". ער קומט פון דאָרט צוריק מיט אַ רייכן אויסוואַל פון גוטע רוסישע ביכער. דער רעזשטשיק פאָרט אויך צו קיין מינסק, זיך באַקאַנען מיט דעם דאָרטיקן אָפּאָזיציע־אָנפירער, יעפּים, וועלכער איז אויך אַ פאַרערער פון מיכאַילאָווסקין, און אויסגעפינען צי זיי קאָנען ביידע אַרבעטן צוזאַמען. זיי קאָנען זיך אָבער ניט איינינקן, כאָטש יעפּים איז גרייט צו געבן הילף דער ווילנער אָפּאָזיציע. דאָס אַלץ ווירקט, אַז פון די הונדערטער

*) שפּעטער קריגט קלמן קראַפּיוורניק אַ געהילף, הירש שמויסקאָוויטש, וועלכער בלייבט מיינער אַ פריינט אויך נאָכדעם, ווי דער ערשטער ווערט אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר, וואו ער קומט אום אין עלטער פון אַרום 26 יאָר.

מיטגלידער פון דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע" אינעם זומער 1896 זאָל בלייבן אין האַרבסט 1898 ניט מער ווי אַ קרייזל פון זעלבסטבילדונג. פאַר וועלכן דער רעזשטשיק לייענט און דערקלערט שריפטן פון מיכאַילאָווסקין און בעלטאָוו־פּלעכאַנאָוון.

קאַפּיטל דריי און זיבעציק

מיין פאַרשפּעטיקטער פּריזיוו

נאַטשאַלסטווע האָט מיך גערופן זיך גרייטן צום פּריזיוו נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. מיינע עלטערן זיינען דערפון געווען צופרידן, כדי כ'זאָל עס אַריבערקומען וואָס פריער, און זיין אַ פרייער מענטש. אַזוי ווי געוויינלעך האָבן די צאַרישע באַאַמטע ניט געטרויט זייערע אייגענע אָפיציעלע פּאַפּירן, האָבן זיי אונדז אַלעמען געשאַצט די יאָרן לויטן אויסזען אויפן לייב. זיי האָבן זיך אויך נאָכגעפרעגט וואָס מיר אַליין וויסן וועגן אונדזער עלטער.

לויט מיין געוואוינהייט צו זאָגן דעם אמת, האָב איך ניט געמאַכט קיין אויסנאַם פאַר נאַטשאַלסטווע און דערקלערט, אַז כ'וועל ערשט „שמחת תורה" 1897 ווערן פולע 21 יאָר. האָבן זיי פון זיכערקייט וועגן עס אָפּגעלייגט נאָך אויף אַ יאָר שפּעטער, אין האַרבסט 1898. מיין טאַטע האָט זיך דעמאָלט געבייזערט אויף מיר, נאָר ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן. איצט ווען איך האָב זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, זייענדיק שוין נאָענט צו 22 יאָר, האָט מיין טאַטע זיך געשראָקן, מ'זאָל מיך ניט אָפּגעבן פאַר קיין סאָלדאַט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס כ'בין אַן איין־איינציקער ביי מיינע עלטערן. ער האָט מיר דאַרום אָנגעזאָגט, אַז אויב מען וועט אָנהויבן אונטערזוכן מעדיציניש די „ערשטע ליגאַטניקעס" זאָל איך תיכף אַנטלויפן און זיך כלל ניט רעכענען דערמיט, וואָס די מלוכה וועט ביי אים דערפאַר מאָנען 300 רובל שטראָף.

איך פאָלג אים אָבער ניט, צוליבן כבוד פון יידישן פאָלק, וועלכן די שונאים באַשולדיקן אין אומטרייהייט צו דער מדינה, צו וועלכער יידן געהערן. אמת, מיר האָבן רעכט ניט צו וועלן דינען אין דער אַרמיי פון אַ לאַנד, וואו מיר האָבן ניט קיין גלייכע רעכטן. דאָך זאָל מיינס אַריבערגיין, אַבי ניט צו געבן די שונאים קיין געלעגנהייט צו העצן קעגן יידן און זיי שטעמפּלען פאַר פאַררעטער און טרוסן (פּחדנים). ווען דער טאַטע דערוויסט זיך, אַז מ'האָט שוין אויסגערופן מיין צעטל, און איך בין שוין אַריין אונטערזוכט צו ווערן, לעבט ער איבער שווערע מינוטן. צום גליק זיינען אַ פּאָר אַנטלאָפענע פּריזיוויניקעס צוריקגעקומען טאַקע איבער דער מורא פון צאָלן 300 רובל שטראָף. די צאָל רעקרוטן איז געווען פאַרפולט און איך

בין אַרויס מיט דעם בילעט פון אַ ליגאַטניק, וואָס איז אין פרידלעכע צייטן פריי פון צו גיין דינען אין סאָלדאַטן.

איך פאָר נאָכדעם צו אין שטעטל, וואו כ׳בין געבאָרן, וואו מיין באַפרייאונג פון פריזיוו איז אַ גאַנצע שמחה. כ׳ברענג דערביי אַ מתנה פאַרן בית־מדרש, מיין ש״ס גמרות, צום אָנדענק נאָך מיין מאַמען. כ׳שיק אויך נאָכדעם אַריין אַ פעקל פון אַ סך צענדליקער „ליקוטי מזמורים״, — קאַפּיטלעך תהילים, וואָס דער עולם זאָגט שבת פאַרנאַכט אין בית־מדרש, און וואָס מיין טאַטע פלעגט עס מיט אים זינגען אַ פסוק איבער אַ פסוק. איך טו עס, כדי אויך די פשוטע יידן, וואָס קאָנען זיך ניט באַנוצן מיט די גמרות און אַנדערע לומדישע ספרים, זאָלן אויך האָבן עפּעס צום אָנדענק פון מיר.

מיין קויפן די „ליקוטי מזמורים״ פאַרשאַפט מיר אַ פּאַק מיט צרות. דער בוכהענדלער, יצחק פונק, האָט פאַראיבל אויף מיר, פאַרוואָס כ׳האָב עס געקויפט ביי זיין קאָנקורענט דעם הויכן קאַצענעלנבויגן מיט דער שוואַרצער באָרד. נאָר דער עיקר איז, וואָס מיין „שטיף־ברודער״ יאַשקע און מיינער אַ באַקאַנטער אַרבעטער פון דער אָפּאָזיציע זיינען שטאַרק בייז אויף מיר פאַר אָט דער פרייגיביקייט מיינער, צו־פאַרשטאַרקן „פאַנאַטיזם און אומוויסנקייט״, ווי דאָס זעט זיי אויס.

יאַשקע דער שניידער איז נאָך באַזונדער אין כעס אויף מיר צוליב מיין טאַטן, וועלכער איז באַליבט ביי די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער פאַר זיין ערלעכקייט, פאַר היטן זיי פון אַרעסטן, פאַר באַהאַלטן זייער ליטעראַטור, כאָטש ער מוסרט זיי מיט די ווערטער פון פרק, אַז „ווען ניט די מורא פאַר מלכות וואָלטן מענטשן איינער דעם אַנדערן איינגעשלונגען לעבעדיקערהייט״... איך גיב יאַשקען מאַטעריאַל צו פאַרטיידיקן די באַוועגונג קעגן מיין טאַטנס אַרגומענטן. יאַשקע וויל אָבער כ׳זאָל עפנטלעך פּאָלעמיזירן מיט מיין טאַטן און אים „אַרונטעררייסן״. דאָס וויל איך ניט טאָן. פון דער אַנדער זייט אָבער פאַרטיידיק איך, אין אַ שמועס מיט יאַשקען און אַנדערע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, דאָס זאָגן תהילים פון פשוטע פאָלקס־מענטשן. איך דערקלער, אַז תהילים איז פּאָעזיע און דערהויבט דעם געמיט פון יענע מענטשן וואָס לייענען ניט קיין אַנדערע פּאָעטישע שאַפונגען. דערביי זאָג איך אַרויס אַן אַפּיקורסישן געדאַנק, אַז אַ גוט רעוואָלוציאָנער ליד קאָן זיין אַ בעסערע אַגיטאַציע פאַר די מאַסן ווי אַ סך טרוקענע בראָשורן.

אַזוי גיך ווי מיינע חברים פון דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע״ דערוויסן זיך אויך מיין שייכות צו דער ניט־פּאַרטייאישער נייטאָרין אין אַלעקסאָט, וועלכע איז נאָך דערצו פרום, און מיין גרייטן זיך צו פאָרן שטודירן אין אויסלאַנד, רופן זיי מיך אַרויס צו אַ „פּאַרטיי־געריכט.״

די „אַרבעטער אָפּאָזיציע״ אין דער אָרגאַניזאַציע פון יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן אין ווילנע איז געוואָרן אין 1898 אַ קרייזל פון סאָציאַליסטישע אַרבעטער, וועלכע גיבן זיך אָפּ באַזונדערס מיט לערנען סאָציאַליזם.

צוליב קאָנספּיראַציע, בפרט זינט די אַרעסטן פון 1896, האָב איך זיך אנגעשטרענגט צו פאַרגעסן די נעמען פון מיינע באַקאַנטע אין דער געהיימער אַרבעטער-באַוועגונג. צו מיין פאַרגעסן זיי האָט אויך מיטגעהאָלפן דער פאַקט, וואָס מיינע ערשטע באַקאַנטע, ווי ירמיה-לייב דער שניידער, הלל דער לאַזורניק, מאָניע די נייטאָרין א. אז. וו. האָבן סוף זומער 1896 אָנגעהויבן פאַרלאָזן ווילנע. די נעמען פון די שפּעטערע הונדערטער באַקאַנטע האָב איך שוין פון אָנהויב אָן וויייניקער געדענקט. כ׳בין דערפאַר ניט זיכער געגנוי פון וועמען ס׳זיינען באַשטאַנען די היפּשע צאָל אַנוועזנדיקע אויפן פּאַרטיי-געריכט פון דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע״, וואָס האָט באַטראַכט מיין משפט אין האַרבסט 1898. אַחוץ די וועלכע האָבן דאָרט אַ סך גערעדט ווי אברהם רעזשיק, בלומעלע, יאַשקע דער שניידער און כאַצקל דער שלאָסער, זיינען מעגלעך אויך אַנוועזנדיק געווען: אסתר (שפּעטער רעזשיקס פרוי), דרייזל, הירשע דער קאַמאַשנשטעפּער, חנה, לייבע, לייבציג דער מאָלער און אַנדערע, וועלכע כ׳האָב ניט באַמערקט.

דאָס פּאַרטיי-געריכט איז פאָרגעקומען אויף אַ געהיימער אַרבעטער-קוואַרטיר, אויף די „פּיאַסקעס״, אין דרום-זייט פון שטאָט. מיר זיינען אַריין אינעם הויף איינציקווייז און זיך געהיט, אַז קיינער זאָל ניט מערקן, אין וועלכער וואוינונג מיר גייען דאָרט אַריין. אַרום 9 אַזייגער אין דער פרי זיינען מיר זיך שוין אַלע צוזאַמענגעקומען און דער משפט האָט זיך אָנגעהויבן.

די אָנקלאַגע איז באַשטאַנען פון דריי פּונקטן: 1) זיך פאַרליבט אין אַ שיינער נייטאָרין, וועלכע איז ניט קיין מיטגליד פון דער באַוועגונג. 2) זיך אויסגעדריקט פאַר אַ צאָל אַרבעטער, אַז פּאָעזיע איז פאַר די אַרבעטער אַזוי וויכטיק, אויב ניט נאָך וויכטיקער, ווי סאָציאַליסטישע בראָשורן. 3) געוואָרפן די אַרבעט און געוואָרן אַן „עקסטערן״, וואָס גרייט זיך צו פאַרן שטודירן אין אויסלאַנד.

קיין פאַרזיצער פון געריכט איז ניט געווען. דער אָנקלאַגער איז אויך געווען דער הויפּט-ריכטער. מ׳האָט גערעדט ווי לאַנג מ׳האָט געוואָלט. מ׳האָט אָפט אויך איינע די אַנדערע אונטערגעבראָכן. מיין פאַרטיידיקונגס-רעדע האָט דערפאַר געדויערט אַרום אַכט שעה. ווער ס׳האָט געוואָלט האָט מיך אונטערגעבראָכן, מיך גענומען אין מיטן דערינען אויף אַ קרייץ-פאַרהער, און נאָכדעם גערעדט אַזוי לאַנג ביז וואַנען כ׳האָב זיך אַביסל אָפּגערוט און אונטערגעבראָכן מיינע אונטערברעכער און ווידער פאַרגעזעצט מיין פאַרטיידיקונג. אַלץ צוזאַמען האָט אַזוי פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג. דאָס „געריכט-הויז״ איז אויך געווען אונדזער עס-צימער. מ׳האָט צעשניטן

אַ פּאָר לאַבּנס ברויט און עטלעכע קאָלבאַסן, און נאָכן עסן פאַרטרונקען מיט ביר, און ווידער געעפנט דעם געריכט.

מײַן פאַרטיידיקונג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. כ׳האָב קיין זאַך ניט געלייקנט, קיין זאַך ניט באַרעכטיקט, ניט פאַרגלעט. כ׳האָב נאָר גע־מאָלן בילדער. כ׳האָב געשילדערט מײַן לעבן פון קינדהייט ביז בחורשאַפט. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ קייט מיט רינגען פון אורזאַכן און רעזולטאַטן. מײַן ווערן אַן אַרבעטער און אַ סאָציאַליסט איז אַרויסגעקומען ווי אַ רעזולטאַט פון מײַן האַרעוואַניע אויפן לאַנד. תנ״ך און תלמוד האָבן דערפאַר אַרויס־גערופן אין מיר גראַד אַנדערע געדאַנקען און געפילן, ווי בײַ שטאָטישע קינדער. כ׳האָב דערום אויך שפּעטער ניט געקאָנט מיטפילן די שנאה און פאַראַכטונג צום אַלטן ספר, וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן מײַנע שטעטלשע און שטאָטישע חברים. כ׳האָב אויך געשילדערט מײַנע גייסטיקע וואַנדע־רונגען און בלאָנדזשעניש, אין מײַן פיבערהאַפטן זוכן אַ גאָט פון אמת און גערעכטיקייט; וויפל כ׳האָב געליטן, ווען כ׳האָב אויסגעפונען, אַז ער איז ניטאָ אינעם אַלטן בית־מדרש, אַז די אָפיציעלע פאַרשטייער פון דער רע־ליגיע קאָנען אים ניט און ווייסן אים ניט.

ביים שילדערן מײַן לעבן אין דער ווילנער יידישער אַרבעטער־באַ־וועגונג האָבן מיר אַ טייל ריכטער אָפּט אונטערגעזאָגט. זיי האָבן אונטער־געשטראָכן און פאַרשטאַרקט יענע מאָמענטן, וואָס כ׳האָב, לויט זייער מײ־נונג, פאַרשוויגן צוליב נאַאיוועער באַשיידנקייט. מיט זייער הילף איז אַרויס־געקומען קלאָר, פאַרוואָס איך בין פאַר דער צייט געוואָרן פון אַ לערן־ייִנגל אַ לוין־אַרבעטער און אַזאַ, וועמעס נאָמען שטייט אויפן שוואַרצן צעטל פון די ווילנער טאָקער־מייסטערס.

איך באַשרייב נאָכדעם מײַן לעבן אין קאָוונע, באַזונדערס אין איר פאַרשטאָט, אַלעקסאָט, וואו די אַרבעט איז געווען זייער שווער; די אַרבעט־שעה׳ן — זייער לאַנג; די שכירות — אומבאַדייטנדיק; דערצו אַן אָפּגע־שטאַנענע סביבה, ווייט פון חברים און פרײַנט, און אין האַרצן נאָגט דאָס ווערעמל פון צווייפל, וועגן די צאַנקערייען אין דער באַוועגונג. אין אָט דער געמיט־שטימונג באַגעגן איך די יונגע שיינע נייטאָרין, צוליב וועלכער איך שטיי איצט פאַרן פאַרטיי־געריכט. דערבײַ שילדער איך, ווי אַזוי אָט די „ניט־באַוואוסטזיניקע״ אַרבעטאָרין האָט מיט איר אײַנפאַכער ערלעכקייט און גוטסקייט מיר צוריקגעגעבן מײַן גלויבן אין מענטשן. איך דערצייל אויך מײַנע איבערלעבענישן אין קרעווע, וואו די זעלביקע תורה פון די נביאים און תנאים, וואָס כ׳לערן דאָרט מיטן פּשוטן פרומען יידישן עולם, באַגייס־טערט די האָרעפּאַשנע פאָלקס־מענטשן און רעגט אויף קעגן מיר די וואויל־האָבנדיקע יידיקגייער. כ׳ווער איבערצייגט, אַז די וועלכע לעבן פון פרעמ־דער פראַצע זײַנען גרייט אָפּצוהיטן אַלע דינים און מנהגים פון זייער רע־

ליגיע, נאָר ניט דאָס, וואָס דער תנא הלל האָט געהאַלטן פאַרן סאַמע עיקר: „טו ניט דעם צווייטן, וואָס דו ווילסט ניט מ'זאָל דיר טאָן". כ'זע אויך איין, אַז דאָס לעבן האָט מער ווירקונג אויף דער תורה, ווי די תורה אויף דעם לעבן. ס'דערוועקט זיך אין מיר דער געדאַנק צו דערלערנען וואָס מער די סודות פון דער נאַטור און די געזעצן פון לעבן. און מיין הויפּט־ציל ווערט צו פאָרן שטודירן אין אויסלאַנד, אין אַזאַ לאַנד, וואו ס'זיינען ניטאָ קיין באַגרעניצונגען פאַר יידישע סטודענטן.

בלומעלע איז געווען באַזונדערס שטרענג קעגן מיר. זי האָט מיט איר קלוגן קעפל שאַרפזיניק צעגלידערט אַלץ וואָס כ'האָב דערציילט. זי באַמערקט אויך, אַז מ'דאַרף ניט זיין מילדער צו מיר צוליב דעם, וואָס מיין געליבטע איז אַן אַרבעטאָרין. דאָס איז נאָר אַ צופאַל. מיין ליבע, דערקלערט די קליינגעוויקסיקע האַרבאַטע בלומעלע, געהערט ניט דער נייטאָרין, נאָר דעם שיינעם וואוילן מיידל.

ווען כאַצקל דער שלאָסער, דער העכסטער און שטאַרקסטער פון אונדזער קרייז, וויל פון מיר קריגן אַ הבטחה, אַז איך וועל זוכן צו באַאיינפלוסן מיין געליבטע פאַר אונדזער אידייע, האַקט אָפּ בלומעלע שאַרף דעם דאַזיקן ריז מיט די ווערטער: „דאָס וועלן באַאיינפלוסן די פרוי איז אַ מיאוסער עגאָאיזם..."

דעם רעזטשיק איז שטאַרק געפעלן מיין פּאַרטיידיקונג, באַזונדערס די שילדערונג פון מיין קינדהייט. ער האַלט אָבער, אַז מ'קאָן ניט ליבן צוגלייך די סאָציאַליסטישע אידייע און אַ ניט־סאָציאַליסטישע „שיינע צורקע". מיין קינדהייטס־חבר, יאַשקע דער שניידער, וועלכער איז עלטער און פּראַקטישער פון מיר, דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, אויב ער טראַכט פון חתונה האָבן, זוכט דער עיקר אַ חברטע אין לעבן. ווער עס פאַרליבט זיך אָבער אין אַ „ניט־באַוואוסטזיניק" מיידל, טוט עס געווינלעך צוליב לייכטזיניקייט אָדער עגאָאיזם. לייכטזיניק, ווייל דאָס איז אַ סימן פון שוואַכקייט, ווען מ'לאָזט זיך מיטרייסן פון אַ מיידל, וואָס איז ניט באַוואוסטזיניק, מעג זי זיין ווער ווייסט ווי שיין און גוטהאַרציק; עגאָאיסטיש, ווייל אַ באַוואוסטזיניק מיידל איז אַ גלייכער מענטש, און „סתם אַ שיין מיידל" איז געווינלעך אַ שקלאַפין...

לויטן פאַרשלאַג פונעם רעזטשיק, דעם אָנפירער פון דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע", באַשליסט דאָס פּאַרטיי־געריכט מיך ניט צו שטעלן פאַר קיין שווערן נסיון. מ'נעמט פשוט אַרונטער פון דער אָנקלאַגע דעם קאָמפּליצירטן פּונקט וועגן פאַרליבן זיך. דאָס האָט געהייסן, ס'איז גענוג פאַר מיר צו וויסן, אַז דער „באַוועגונג" איז ניט געפעלן דער שידוך...

שווער איז געווען צו אַנטשיידן וועגן מיין מיינונג וועגן פּאָעזיע און

טרוקענע בראָשורקעס. קיינער האָט ניט געקאָנט, און אויך ניט געוואָלט, אָפּלייקענען די שטאַרקע ווירקונג פון די רעוואָלוציאָנערע לידער, וועלכע פלעגן געזונגען ווערן דעם ערשטן מאַי אין וואַלד און ביי אַנדערע געלעגנהייטן, ווי אויך צייטנווייז ביי דער אַרבעט. נאָר גאָר אַנדערש איז געווען די אַלגעמיינע מיינונג וועגן סתם פּאָעזיע. דאָך האָט דאָס פּאַרטיי־געריכט זיך באַנוגנט מיט אונטערשרייבן זיין ניט איינשטימען מיט מיין מיינונג, אַז בכלל באַרייכערט פּאָעזיע דעם מענטשנס גייסט און דערלייכטערט דאַרום דעם אַרבעטער צו ווערן באַוואוסטזיניק.

שטרענג איז דאָס פּאַרטיי־געריכט געווען נאָר מיטן דריטן פּונקט. אַלע אין געריכט זיינען געווען איינשטימיק, אַז עס איז אַן אומרעכט עמיץ פון אונדז זאָל גיין זוכן נאָך בילדונג, ווען אַרום אונדז געפינען זיך ברייטע מאַסן, וועלכע ווייסן גאָרניט און ס'איז ניטאָ ווער ס'זאָל זיי אויפקלערן. מ'האָט אויך אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, וואָס די געשטודירטע אינטעליגענטן, אפילו די סאָציאַליסטישע, באַנוגענען זיך איצט מיט בלויז אויבערפלעכלעכער אַגיטאַציע: זיי הייסן „געבן דעם אַרבעטער אַ דובינע, ער זאָל זיך גיין שלאָגן", אָבער זוכן ניט אויסצובילדן אים, ער זאָל קאָנען דענקען זעלבסטשטענדיק. קורץ, כ'האָב געהאַט צו קעמפן קעגן דעם טיפן אומצוטרוי, וואָס די יונגע אַרבעטערשאַפט פון דער אָפּאָזיציע האָט געהאַט קעגן די סאָציאַליסטישע אינטעליגענטן פון דער „אַגיטאַציע", אַלעקסאַנדער און זיינע חברים. דער קאַמף איז געווען נאָך שווערער פאַר מיר דורכדעם, וואָס איך אַליין האָב צו יענעם עלעמענט ניט געהאַט מער צוטרוי ווי אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע."

דער טאָג האָט זיך דערנענטערט צו זיין סוף. כ'האָב זיך געפילט מיד, זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, שטייענדיק אויף זיי באַלד אַכט שעה, אין אַ גייסטיק אָנגעשטרענגטן צושטאַנד. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל. דאָס צימער איז געוואָרן פול מיט שאָטנס. כ'האָב מער ניט געזען די שאַרפע אָנגעשטרענגטע פּנימער פון מיינע ריכטער, נאָר שאָטנס פון באַקאַנטע אַרבעטערינס און אַרבעטער, וועלכע זיינען מיר ליב און טייער. כ'דערפיל ווי שווער מיר איז זיך צו שיידן פון זיי. הינטער זייערע שאָטנס זע איך די ליבע געשטאַלטן פון די קרייזלעך, פאַר וועלכע כ'האָב פאָרגעלייענט און גערעדט אויף די שבתדיקע פאַרלעזונגען אויף אַרבעטער־קוואַרטירן, ווי אויך די מאַסן פון אונדזערע פאַרזאַמלונגען אין וועלדער און אין חתונה־זאַלן. איך הויב אָן ריידן צו זיי ווי אַ ברודער צו שוועסטער און ברידער אין אינטימען פאַמיליע־קרייז. כ'רייד אומגעפּער אַזוי:

— מיר יונגע אַרבעטער און אַרבעטערינס האָבן ניט איבעריקס האָלט די געשטודירטע אינטעליגענטן. קיינער פון זיי געהערט ניט צו אונדזער

„אַרבעטער אָפּאָזיציע״ זיי זיינען אונדז פרעמד. מיר האָבן צו זיי אַ סך קריוודעס. דאָס גיט אונדז אָבער ניט צו קיין כוח. אונדזער טעטיקייט צו געבן פּראָפּאַגאַנדע אָנשטאָט אַגיטאַציע וואָלט געווען דערפּאַלגרייכער. און די באַוועגונג אַ סך שטאַרקער. ווען מיר זאָלן האָבן עטלעכע געשטודירטע אַרבעטער־אינטעליגענטן אין אונדזערע רייען

אַזוי ריידנדיק האָב איך אויפגעהויבן מיין רעכטע האַנט און פּאַרענ־דיקט מיט אַ טיף באַוועגטער שטים, אינעם נוסח פון דער אַלטער שבועה, ביי די טייכן פון בבל, אַז כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיינע שוועסטער און ברידער פון אַרבעטער־קלאַס, און מיין וואָרט און מיין וויסן וועט אַלע־מאָל שטיין אין דינסט פון דער אַרבעטערשאַפט.

מיינע ווערטער, אַרויסגעזאָגט פון דער טיפעניש פון מיין האַרצן, האָבן געטראָפן אין ציל. אין דער טונקעלער שטוב האָט געהערשט אַ „נעילה״־שטימונג. די טעאַרעטישע ראַנגלענישן און דער פּאָלעמישער טאָן זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן. איצט האָבן ניט גערעדט מער קיין ריכטער, נאָר שוועסטער און ברידער. מ׳האָט זיך באַקלאָגט, ווי ווייניק אונדזערע קרעפטן זיינען, וואָס פאַר אַ שאָדן עס איז פאַר אונדז צו פאַרלירן איינעם פון אונדזערע רייען, אפילו ווען ער וועט שפּעטער דערפאַר אָפּאַרבעטן כפל־כפלים. געענדיקט האָט זיך אָט דער האַרציקער שמועס מיט גוטע וואונטשן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון מיינע פּלענער צו לערנען און שטודירן.

קאַפּיטל פיר און זיבעציק

העצער קעגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג

ניט געקוקט אויף מיין פאַרנומענקייט אין ווינטער פון 1898—1899 מיט לימודים און מיט אָפטע עקזאַמענס ביי מיינע לערער, בין איך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם היגן קלאַסנקאַמף צווישן די סוחרים און זייערע אָנגעשטעלטע.

אַ דאַנק דער ענערגישער טעטיקייט פון דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אָנצוהויבן אָרגאַניזירן די יידישע „פּריקאַזשטשיקעס״ (האַנדלס־אָנגעשטעלטע) אין ווילנע, האָבן יענע אַרויסגעשטעלט אַ רייע פאָדערונגען צו פאַרבעסערן זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען. די באַלעבאַטים ווילן עס בשום אופן ניט נאָכגעבן. זיי צווינגען דאַרום זייערע שיק־ייִנגלעך און יונגע פּריקאַזשטשיקעס צו קומען צו די אסיפות אין יאַגיכעסעס קלויז, וואו עס ווערט געפּלאַנט זיי פאַרבינדן אין אַ נאַציאָנאַליסטיש־רעליגיעזער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אין די אינטערעסן פון די באַלעבאַטים.

אַזוי ווי יאַגיכעסעס הויף אין מנחם מאַנס זאַוואָולאַק געפינט זיך אַנט־קעגן דער בעקעריי פון מיין עלטער־פעטער, שואל וויניסקי, וואו כ׳בין אַן אָפטער אַריינגייער, כאַפּ איך זיך אַריין צו יעדער אסיפה אינעם דאָרטיקן קלויז. איך הער זיך צו אויפמערקזאַם צו אַלץ, וואָס ווערט דאָרט געזאָגט פון די באַלעבאַטים און פון די דריי פּיאַיקע דרשנים: אַבראַמזאָן, אַלפּס, (אַלפּעס) און ציזלינג, וועלכע ריידן פאַר זיי. צו וואָס די באַלעבאַטים צילן איז פאַר מיר קלאָר. זיי זאָגן, אַז אַלץ וואָס זיי טוען איז „לשם שמים״ (פון הימלס וועגן). זיי קאָנען דעריבער ניט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון זייערע אָנגעשטעלטע, וואָס שטאַמען פון „לאַידאַקעס״ און „סטאַטשקעניקעס״, וועלכע זיינען „קעגן גאָט און קעגן קייסער״. כ׳פאַרשטיי גענוי, אַז דאָס איז אַ באַלעבאַטישער נוסח פון דער באַקאַנטער פאַרטיידיקונג פונעם גנב, אַז ער האָט צוגעגנבעט די זילבערנע לייכטער, ווייל זייער באַלעבאַסטע גייט מיט אייגענע האָר. שווערער איז מיר צו באַגרייפן די דריי דרשנים.

אַבראַמזאָן דער „מטיף״, דער ניי־מאָדנער מגיד האַלט שיינע ציוניס־טישע רעדעס, וועגן פאַרבעסערן דעם מצב פונעם יידישן פאָלק. פאַקטיש אָבער שטייט ער מיט די באַלעבאַטים, וועלכע דערלאָזן ניט, אַז יידישע פאָלקס־מענטשן זאָלן פאַרבעסערן זייער שלעכטן מצב.

בן־ציון אַלפּס, דער מוסרניק, רעדט מיט התלהבות פון תורה און פרומקייט. זיין יידישקייט איז אָבער פון יענעם מין, וואָס עסן כשר איז פאַר איר מער מצווה, ווי לעבן פון אייגענער פראַצע, און רויכערן אום שבת איז אַ גרעסערע עבירה ווי גנבה און גזלה, ווי לעבן פון צווייטנס בלוט און מאַרך. זיין יידישקייט איז אַ המשך פון כהנימשע דינים און מנהגים, אָבער ניט פון נביאימשע אמת און גערעכטיקייט. ניט אומזיסט האַלטן זאַקנמאַכערקעס, צווישן זיי אויך מיין עלטערע שוועסטער, אַז ער איז ניט בעסער און ניט ערגער ווי אַלע אַנדערע זאַקן־פאַבריקאַנטן.

בן־ציון ציזלינג, דער אַלטער קאָנסערוואַטיווער משכיל, העברייאישער שרייבער און חובב־ציון, ווייזט אַרויס אַזוי ווייניק סימפּאַטיע, ווי דער ציוניסטישער „מטיף״, פאַר דעם קאַמף צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די האָרעפּאַשנע יידישע מאַסן.

די העצעס פון די באַלעבאַטים קעגן דער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין ווילנע רעגן מיך מער אויף, ווי די שקר־בלבולים פון די פראַנצויזישע גענעראַלן און קלעריקאַלן קעגן דעם קאַפּיטאַן דרייפוס אין פּאַריז. באַזונדערס פאַרדריסט מיר אויף דעם „מטיף״ אַבראַמזאָן, וועמעס רייד וועגן ציוניסטן איז מיר גראָד געפעלן. מיין חבר קלמן קראַפּיוניק, וועלכער אַרבעט פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די פריקאַזשטשיקעס און פאַר דער פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע, און מיט וועמען איך שמועס וועגן אַלץ וואָס כ׳הער אויף די אסיפות פון די באַלעבאַטים, מיינט, אַז איך בין לעצטנס

געוואָרן אַ סימפּאַטיזירער מיטן ציוניזם. דער אמת איז, אַז וואָס ווייניקער איך בין אַ רעליגיעזער ייד, אַלץ מער ווער איך אַ נאַציאָנאַלער ייד, איך סימפּאַטיזיר דעריבער מיטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, וואָס זוכט צו שאַפן אַן עפנטלעך־רעכטלעך־געזעצלעכע היים פאַרן יידישן פאָלק. כ׳האָב אָבער ניט די מינדסטע סימפּאַטיע פאַר די וואוילהאָבנדיקע פריערדיקע „חובבי־ציון״, און איצטיקע ציוניסטן, וועלכע שטייען אויף דער זייט פון די באַלעבאַטים, וועלכע העצן קעגן דער „גאָטלאָזער״ אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פאַרמסרן אירע סטריקס אַלס „מרידה במלכות״. ווען עמיצער האָט נאָך אַבראַמזאָנס אַ שיינער ציוניסטישער רעדע מיר פאָרגעשלאָגן צו קויפן אַ ציוניסטישן „שקל״ האָב איך זיך אָפּגעטרייסלט, ווי ער וואָלט מיך אָנריידן צו ווערן אַ „פורש מן הציבור״ און אָפּזאָגן זיך פונעם יידישן אַרבעטער־כלל.

די מוסר־זאָגעריי פון ר׳ בן־ציון אַלפּס מיט זיין רבנישער געל־גרויער באָרד, האָט, צו מיין פאַרדרוס, אויפגעוועקט ביי מיר אַ חשד אויך קעגן דער מוסר־זאָגעריי פון מיין רבין ר׳ אליהו־פּנחס, מיט קנאָפּע צען יאָר פריער. עס פאַלט מיר אָריין אַ ספק: אפשר איז מיין פרומער ראש־ישיבה, ר׳ אליהו־פּנחס געווען אַזוי ווי ר׳ בן־ציון אַלפּס, אַ „שליח לדבר עבירה״ פאַר די אינטערעסן פון מייסטערס און נאַטשאַלסטווע קעגן דער האָרעפּאַשנער יידישער יוגנט. מיין חשד ווערט נאָך שטאַרקער, ווען איך קריג ביי ר׳ אליהו־פּנחסן זיין ספר „אלף המגן״ (וועלכן כ׳האָב ביי אים געקויפט אין 1890, ווען ער האָט עס נאָך געהאַלטן אין שרייבן), און איך געפין דאָרט אויס, אַז ער פאַרטיידיקט די צאַרישע מלוכה...

צוויי יונגע בחורימלעך און אַ זקן זיינען לעצטנס געוואָרן באַפריינדעט מיט מיר. די ערשטע צוויי האָבן זיך מיר תיכף פאָרגעשטעלט מיט זייערע נעמען: אליהו גאָלדשמיד און חיים מאַגידס. ביידע זיינען גוט באַהאַוונט אין דער נייער העברייאישער ליטעראַטור און האָבן אַמביציע אַליין אויך צו ווערן שרייבער *). דער לוסטיקער מאַגידס מיט די רויטע בעקלעך קען זיך אויך פּערזענלעך מיט אַ סך העברייאישע שרייבער. ער גיט מיר

*) אליהו יעקב גאָלשמיד ווערט שפּעטער אַ פּאָפּולערער העברייאיש־יידישער שרייבער אין ווילנע. חיים־יוסף מאַגידס שיקט מיר יאָרן נאָכאַנאַנד מעשהלעך און שפּריכווערטער, וועלכע איך פאַרעפנטלעך אין „יידישן קעמפער״ (פילאַדעלפיע—ניו־יאָרק, 1906־1907), „די וועלט״ (שיקאַגאָ 1917־1918) א. א. אויסגאַבעס. אויף דער עלטער וואוינט ער אין ניזשני־נאָווגאָראָד (איצט גאָרקי), וואו ער שרייבט אין דער דאָרטיקער רוסישער פּרעסע.

לייענען די בריוו און שירים וועלכע ער קריגט פון נח גמזו און אַנדערע משוררים. ער קען אויך די היגע יידישע שרייבער פון וועלכע ער, מאַגידס, און גאָלדשמיד האַלטן ניט פיל. זיי האָבן דעם ערשטן מאָל מיךביידע באַזוכט, ווען כ'האָב נאָך געוואוינט ביי חיים־דוד גילדענבלאַט, פון וועמעס מעשה־ביכלעך אין יידיש זיי האָבן גאָר ווייניק געהאַלטן. דער יונגער מאַגידס האָט מיך אַמאָל אויך אַוועקגעפירט צום פריער־דערמאָנטן אַלטן העברייאישן שרייבער, בן־ציון ציזלינג, וועלכער האָט שוין אין די זיבעציקער יאָרן געשריבן מאמרים אין ווילנער „הכרמל", אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פון שמואל־יאָסל פין. מאַגידס האָט מיך אויך געוואָלט באַקענען מיט דעם אַלטן שרייבער אין העברייאיש און יידיש, יהושע מזח, וואָס רעדאַקטירט איצט דעם לוח „המזכיר", וואָס דער ווילנער בוכהענדלער און פאַרלעגער, יצחק קאַצענעלנבויגן, גיט אַרויס יערלעך. מאַגידס האָט מיר אָבער אָנגעדערציילט אַזוי פיל וועגן די משונהדיקע אויפפירונגען, דעם הילוך, עסן, טרינקען א. אַז. וו. פון דעם דאָזיקן זקן, אַז כ'האָב פאַרלאָרן דעם חשק מיטצוגיין אים איפזוכן אין זיינע צופעליקע „היימען."

***

דער הויכער, בלאַסער זקן, מיט וועמען איך בין לעצטנס געוואָרן באַפריינדעט, איז מיינער אַ שכן. ער וואוינט אין דער רעכטער זייט פון מיין קוואַרטיר, אין דער קעלער־שטוב פון מיין עלטער־מומען ראָכע גאָלדע. ער זיצט מייניסטנס אין דרויסן אויף אַ שטול, לעבן די טרעפּ פון זיין דירה. זיין רבנישער קאָפּ איז באַדעקט מיט אַ ריינער שוואַרצער יאַרמעלקע, און זיין ווייסע באָרד איז פיין פאַרקעמט. ער זעט מיר אויס ווי אַ „מורה־הוראה", וועלכער איז שוין צו־אַלט צו פּסקנען שאלות אָדער דין־תורות. ער זיצט מיטן רוקן צו זיין דירה, אין מערב־זייט פונעם גרויסן הויף, און מיטן פּנים צום ווייטן טויער אין מזרח־זייט. די זון שיינט אויפן שטול פון מזרח און דרום, און דער זייער אַלטער און שוואַכער זקן האָט קענטיק שטאַרק הנאה פון איר וואַרעמקייט.

ווען איך גיי אַרויס פון מיין קוואַרטיר, אָדער כ'קום אָן פון דרויסן, באַגריס איך דעם אַלטן. ווען איך זע אים ניט אַ טאָג, בין איך אומרואיק. און ווען כ'טרעף אים אויף מאָרגן פרעגט ער מיך פאַרוואָס כ'האָב אים נעכטן ניט באַזוכט, פונקט אַזוי, ווי זיין שטול וואָלט געווען אַ שטוב. צום גרעסטן טייל רייד איך מיט אים וועגן זיין געזונט. דאָך פאַרשטייט ער, אַז איך געהער צו די „נייע מענטשן" און ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף מיינע „יינגלשע חלומות". ווען ער דערוויסט זיך, אַז די דרוקעריי פון דער „אלמנה און ברידער ראָם" צעטיילט איצט צווישן אַרבעטער די אָנגעזאַמלטע

אַלטע ספרים, פאַר איר דרוקן דעם באַרימטן „ווילנער ש״ס״, און אַז מיין עלטער־מומעס צווייטער מאַן, ראובן, וועלכער אַרבעט דאָרט, שענקט מיר אַוועק זיין חלק, איז דעם אַלטן געפעלן, וואָס איך, אַ „סאָציאַליסטל״, אינ־טערעסיר זיך מיט אַזוינע ספרים.

איין פרימאָרגן זע איך דורכן פענצטער פון קעלער־שטוב אַ היפשן עולם אויפן הויף. איך וויל אָבער ניט מפסיק זיין פון מיינע לימודים ביז וואַנען איך פאַרענדיק מיין טעגלעכע אַרבעט. די מומע זאָגט מיר נאָכדעם, אַז דאָ איז געווען אַ לוויה. ס׳פּאַלט מיר דעמאָלט איין: אפשר האָט עס אַ שייכות צו מיין אַלטן פריינט. אינצווישן באַמערק איך, אַז די טיר פונעם זקנס וואוינונג איז אָפן. גיי איך אַרויף די טרעפּ און גיי צום ערשטן מאָל אַריין אין זיין היים. איך דערזע תיכף אויפן וואַנט אַן אָנערקענונגס־אַדרעס, געשריבן אין העברייאיש און אונטערגעצייכנט מיט אַ סך חתימות, לכבוד דעם באַוואוסטן העברייאישן שרייבער קלמן שולמאַן. פוןביידע זייטן אַדרעס זיינען צוגענאָגלט פּאַלמען און איילבערט־בלעטער פון ארץ־ישראל.

איך דערפיל זיך אין אַ הייליקן פּלאַץ. מיין האַרץ דריקט. ס׳פּאַרדריסט מיך, וואָס כ׳האָב פאַרלאָרן מיין אַלטן פריינט, און נאָכמער פאַרוואָס כ׳האָב די גאַנצע צייט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז קלמן שולמאַן, און אים ניט געקאָנט אויסדריקן מיין דאַנק פאַר דעם, וואָס כ׳האָב אַמאָל געלערנט פון זיינע ווערק.

דאָס רעשטל פון דער אַרבעטער אָפּאָזיציע גרייט זיך אָנהייב 1899 צו עפענען אַן אייגענעם געהיימען דרוקל, צו קאָנען פאַרשפּרייטן שריפטלעך אירע מיינונגען. די מינסקער יידישע אַרבעטער־אָפּאָזיציע, וועלכע איז ניט גאַנץ איינשטימיק מיט די ווילנער, העלפט, פונדעסטוועגן, איר אַרויס מיט אַביסל „שריפט״ פאַר אָט דעם צוועק. דאָס ליגט באַהאַלטן אויפן רעזנ־טשיקס נייער קוואַרטיר, אויף וועלכער ס׳איז ניט געווען דער מינדסטער חשד. צופעליק אָבער זוכט די פּאָליציי אין יענעם געסל אַ פּאָלשן ברייט־זעל און שטויסט זיך אָן אויפן געהיימען דרוקל. דער רעזטשיק און זיינע געסט (הירשע דער קאַמאַשן־שטעפּער, אסתר דעם רעזטשיקס כלה און נאָך עמיץ ווערן אַרעסטירט) און פאַרמשפּט אינעם „פערצנטן נומער״, אין דער טורמע פאַר שווערע פּאָליטישע פאַרברעכער.

צוליב דער מורא און דעם גרויסן רעספּעקט, וואָס צאַרישע באַאַמטע האָבן לעצטנס פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווערן דאָרט די פּאָ־ליטישע אַרעסטירטע ניט שלעכט באַהאַנדלט. דעם רעזטשיק געלינגט אויך צו געווינען עמיצן פון דער וואַך, וואָס פאַרבינדט אים מיט קרובים און פריינט. ער האַלט זיך דאָרט מונטער און מוטיק, שיקט אונדז וויציקע בריוועלעך, וועלכע ער, אַלס טיכטיקער קינסטלער, אילוסטרירט מיט פיינע

צייכענונגען. איין טאָג שיקט ער אונדז אָן אָנזאָג, אַז מ׳האָט ביי אים גע־
פונען אַ צעטל, אויף וועלכן ס׳זיינען פאַראַן די נעמען פון יאַשקע דעם
שניידער, כאַצקל דעם שלאָסער, לייבטשיק דעם מאָלער און קלמן דעם
טאָקער. מיר באַשליסן, אַז צו אַלעם ערשטן מוזן מיר אַרויסקריגן כאַצקלען
פון דער אַרמיי, וואו ער איז, אַלס סאָלדאַט, אין טויט געפאַר, און אים
אַריבערפעקלען אויף דער אַנדער זייט גרענעץ. ער פאָרט אַוועק קיין
אַמעריקע *). נאָכדעם פאָרן אָפּ יאַשקע און לייבטשיק קיין פאַריז, וואו
ירמיה־לייב דער שניידער און אַנדערע מיטגלידער פון דער ווילנער „אַר־
בעטער „אָפּאָזיציע״ און „שטרייק־קאָסעס״ (פאַך־פאַראייגען) זיינען שוין דאָרט
פון פריער. אַזוי ווי איך בין די לעצטע פאָר יאָר פאַרנומען מיט לערנען,
האַלט איך, אַז כ׳בין פאַרלויפיק ניט אין קיין שום געפאַר. איך אייל זיך
דעריבער ניט מיט מיין רייזע קיין שווייצאַריע, וואו כ׳פּלאַן דאָרט אָנקו־
מען ערשט אין אַפּריל.

⁂

צוליב דעם אַרעסט פונעם רעזשטשיק קאָן איך זיך ניט צוריקהאַלטן
פון אויפשרייבן אַ האַרץ־אויסגוס וועגן דעם. ס׳איז געשריבן אַלעגאָריש,
וועגן אַ קאָרשון וואָס פאַרצוקט אַ קאַנאַריק. כ׳וויס, אַז געמאָסטן מיט דער
מאָס פון י. ל. פרצעס מעשהלעך אין „ליטעראַטור און לעבן״ האָט מיין
אַלעגאָריע קיין שום ליטעראַרישן ווערט ניט. כ׳האָב אויך ניט קיין אַמבי־
ציע צו ווערן אַ שרייבער. אַזוי ווי דאָס דריקט אָבער אויס מיינע געפילן
וועגן דעם אַרעסט פון דעם פירער פון דער יידישער אַרבעטער אָפּאָזיציע,
האָב איך עס פאַרגעלייענט פאַר מיין לערער, דעם מאַטעמאַטיקער ה׳
שאַפּירא. ער האָט מיר ניט אָנגעוויזן אויף די ליטעראַרישע חסרונות, נאָר
אויסגעלאַכט מיין סימפּאַטיע מיט די אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן. כ׳וואַרף
דאַרום אויף אים אָן אומחן. כ׳מאַך די אַרבעט וועלכע ער גיט מיר אַרויס.
נאָר כ׳רייד ניט מער מיט אים וועגן קיין שום אַנדער זאַך.

---

*) ווערט דאָרט אונטער זיין נאָמען (דזשאָזעף) גאָדעס אַ מיטגליד
פון דער הויך־קוואַליפיצירטער געציי־מאַכער („טולמייקערס״) יוניאָן אין
שיקאַגאָ, פון דער „אַמעריקען לעיבאָר פעדערעישאָן״, ווי אויך פון דער
„ס. ל. פּ.״ (סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי). אַ פּאָר צענדליק יאָר
שפּעטער ווערט ער אַ קאָמוניסט. העלפט אַמעריקאַנער טעכניקער קריגן פּאַ־
סנדיקע שטעלעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. פאָרט אַליין אויך אַהין אויף
עטלעכע יאָר, און העלפט דאָרט ביים צונויפשטעלן און אָפּהיטן די סאַמע
קאָמפּליצירטע מאַשינען.

*
**

אַזוי גיך ווי כ׳וועל פאַרטיק מיט מיינע עקזאַמענס הויב איך אָן זיך אָפּצוזעגענען מיט מיינע קרובים, פריינט און באַקאַנטע אין ווילנע. כ׳לאָז אויך ניט אויס מיין אַריסטאָקראַטישע מומע, די פּריצישע גוואַרנאַנטין רעבעקאַ, וועלכע כ׳האָב קיינמאָל ניט באַזוכט זינט זי האָט זיך באַזעצט אין ווילנע, אַלס די פרוי פון דעם אָנגעזעענעם באַאַמטן (פון דער „קאָמער־טשעסקי באַנק״, אויף ברייטער גאַס, קעגן סאָבאָר) ה׳ גאָרדאָן, אַ הויכער, שיינער, עלעגאַנטער מאַן מיט לאַנגע בלאָנדלעכע וואָנצעס. כ׳האָב גערעדט צו איר שטאָלץ, ווי ניט זי, נאָר איר פּשוטע שוועסטער און שוואָגער, די דאָרספּלייט, מיין באָבע לאה און מיין זיידע שאול־יהודה מאַרמאָר — מיין טאַטנס עלטערן — זיינען מיין העכסטער יחוס. איך פאַרזיכער איר, אַז כ׳וועל זיך אַנשטרענגען ניט צו פאַרשעמען זייער נאָמען מאַרמאָר...

אַלץ איז שוין גרייט צו מיין נסיעה קיין אויסלאַנד. כ׳האָב נאָך אָבער צוויי שווערע ענינים צו באַזאָרגן. ערשטנס, אַוועקנעמען פון דער שטיף־מוטער מיין ייִנגערע, פּופּצן־זעכצן יאָריקע שוועסטער, דאָבעלע, וואָס אונדזער טאַטע וועט ניט וועלןליידן. צווייטנס, פאַרהיטן שרה שפרהן, דורך חתונה האָבן, שטעלן אַ חופּה, אָדער אפילו נאָר איר מקדש זיין, אַז איר טאַטע זאָל איר ניט קאָנען צווינגען צו טאָן אַ שידוך קעגן איר ווילן. כ׳וועל ערשט דעמאָלט פאַרלאָזן רוסלאַנד ווען אָט די צוויי זאַכן וועלן זיין באַזאָרגט.

קאַפּיטל פינף און זיבעציק

אויפן וועג פון ווילנע קיין בערן

אַפּפאָרן פון ווילנע איז מיר אָנגעקומען לייכט. שווערער איז געווען דאָס פאַרלאָזן רוסלאַנד. די מלוכה האָט מיר ניט געשטערט. זי האָט גיך באַוויליקט מיין פאַרלאַנג מיר צו געבן אַ „גובערנאַטאָרסקן פּאַס" צו פאָרן קיין אויסלאַנד. די שוועריקייטן זיינען באַשטאַנען אין דורכפירן מיינע באַשלוסן: ערשטנס, אַוועקצונעמען פון מיין שטיפמוטער מיין יינגערע, זעכצן־זיבעצן יאָריקע שוועסטערל דאָבע; צווייטנס, באַוואָרענען, אַז מיין אַלעקסאַטער שיינע נייטאָרין זאָל מער ניט ליידן פון איר אַלטן קראַנקן טאַטן, וועלכער טאַטשעט זי צו טאָן אַ רייכן שידוך.

מיין טאַטע, וועלכער איז געווען אומצופרידן, וואָס זיין מיזינקע פאַרלאָזט אים, האָט, נאַטירלעך, ניט מיטגעהאָלפן צוגרייטן איר נסיעה. כ'האָב אַלץ אַליין געמוזט באַזאָרגן: זיך צונויפשרייבן מיט דער מאַמעס ברודער יאַנקל־משה אין לאָנדאָן, ער זאָל איר העלפן איינאָרדענען זיך דאָרט; קריגן אויך דערפאַר די צושטימונג און סימפּאַטיע פון באָבען און זיידן, פון אונדזער עלטערער שוועסטער, ווי אויך פון אונדזערע מומעס און פעטערס, סיי פון מאַמעס צד און סיי פון טאַטנס צד.

די פראַגע וועגן שרה שפרהן פאָדערט אויך אויסצוגלייכן די מיספאַרשטייענישן, וועלכע זיינען אויפגעקומען צווישן אונדז אין די אומגעפער צוויי און אַ האַלב יאָר, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען.

ניט געקוקט אויף איר טיפער ליבע און טרייהייט צו מיר, און אירביישטיין שווערע נסיונות, האָט דאָך שרה שפרה ניט געקאָנט סימפּאַטיזירן מיט מיינע בלאָנדזשענישן און גאָט־זוכענישן. זי האָט געהאַלטן, אַז צום אַלעם ערשטן דאַרף איך זיך איינאָרדענען מאַטעריעל אַלס באַלמעלאָכע. זי איז געווען גרייט צו טאָן איר טייל, דורך איר פאַך, אין וועלכן זי האָט זיך כסדר פאַרפולקאָמט, אַז מיר זאָלן ביידע פאַרדינען גענוג אויסצוהאַלטן אַ פאַמיליע. זי מאַכט מיר אויך אויפמערקזאַם, אַז ביי עלטערע מענטשן זיינען מיינע אידייען פון לערנען תורה לשמה, זייער קאָמיש, ווייל זיי זאָגן, אַז אויב דו רעכנסט ניט קיינע מאַטעריעלע נוצן צו האָבן, פאַרוואָס זאָלסטו לערנען?...

ענלעכע בריוו קריג איך פון איר חברטע, די הוט־מאַכערין רחל רייבמאַן, און אַמאָל אויך פון די רייבמאַן שוועסטער, מרים און יענטל. איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז אויך די מיינונג פון זייער קלוגער מאַמען, רויזע, וואָס שרה שפרה רופט אָן „עלטערע מענטשן"...

אין אַנדערע בריוו צו מיר דריקט אויס שרה שפרה אין אַ מילדער פאָרם אירע טאָפּלטעליידן: ערשטנס, פון איר „געטרייען פריינט קלמן, וועלכער פאַרשאַפט איר פאַרדרוס און ליידן פון בריוו צו בריוו". צווייטנס, פון איר פאָטער, וועלכער נעמט פון איר אַוועק „דאָס געזונט מיטן לעבן צוזאַמען". ער פרעגט זי: „ווי לאַנג וועסטו בויען טורעמס אין חלום?" און ווען זי דערקלערט אים, אַז איך וועל עפּעס וואָס טאָן פאַר אַ ציל, און זי וועט מיטהעלפן דורך איר נייען, ווערט ער נאָך מער אויפגערעגט און שרייט אויס:

— ניין! דאָס וועל איך ניט דערלאָזן!... דו זאָלסט האָרעווען דיין גאַנצן לעבן, בעת איך ווייס, אַז דו קאָנסט אַ שידוך טאָן, און קאָנען רויִק לעבן... אָ, עס וואָלט מיך ניט פאַרדראָסן, ווען מ'וואָלט ביי מיר ניט גע־פרעגט, פאַרוואָס איך וויל מיט דיר קיין שידוך ניט טאָן. דו ביסט אין רעכטן בליען, אין צוואַנציקסטן יאָר! דו גייסט אַרום שטענדיק אומע־טיק, פאַרטרויערט. דו וועסט באַלד אָנפאַנגען וועלקן, און נאָכדעם וועט דיך קיינער ניט וועלן...

אירע בריוו ווערן ווידער האָפנונגספול ערשט, ווען כ'הער אויף בלאָנ־דזשען און נעם זיך גרייטן צו שטודירן אין אויסלאַנד. זי הויבט דעמאָלט אָן פלאַנען צו נעמען אַרבעט פאַר זיך, און ווערן אומאָפּהענגיק. צו דעם צוועק איז זי אויך גרייט מיר זאָלן פאַר מיין אָפּפאָרן פון רוסלאַנד „שטעלן אַ חופּה" און זיין געזעצלעך פאַרהייראַט.

איך פועל ביי מיין טאַטן ער זאָל צופאָרן קיין קאָוונע זיך באַקאָנען פערזענלעך מיט זיין צוקינפטיקער שנור, און מיט אירע עלטערן און משפחה. מיין קלוגער פרומער טאַטע מיט זיין פיינער אָסאָבע מאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק אין קאָוונע. פון דער אַנדער זייט נעמט ביי אים שטאַרק אויס שרה שפרה מיט איר איידלקייט, ערלעכקייט און שיינקייט.

צוליב אונדזער געפּלאַנטער חופּה מוז איך קריגן מיין מעטריקע און אַנדערע אָפיציעלע פּאַפּירן פון ווילנער קאַזיאָנעם רב, וואָס קומט מיר אָן ניט לייכט. שפּעטער קריג איך פון דעם קאָוונער קאַזיאָנעם רב אַ דערלויבעניש דאָרט חתונה צו האָבן. איך באַקום אויך אַ צעטל פונעם קאָוונער רב, ר' הירשל ראַבינאָוויטש, אַז ער דערלויבט שרה שפרהן שטעלן אַ חופּה. מיר פירן עס דורך אין קאָוונע אין הויף, וואו עס וואוינט די עלטסטע שוועס־טער רייבמאַן, מרים, די פרוי פון דעם איינבינדער לייבע פּראַשעגאָלסקי. דער ערשטער עדות אויף אונדזער כתובה איז מרימס שוואָגער, בן־ציון ב"ר צדוק, יענטלס מאַן, דער איינבינדער ה' סערדאַצקי, וועלכער שיינט צו געהערן צו דער געהיימער קאָוונער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. באַלד נאָך דער חופּה פאָר איך אָפּ מיט מיין שוועסטערל צום דייטשישן גרענעץ.

מיין שוועסטערל פירט מיט אַ היפּשן באַגאַזש קיין לאָנדאָן. דער טאַטע האָט, ביים אָפּפאָרן פון דאָרף מיט זיין צווייטער ווייב, קיין ווילנע, אַוועקגעשיקט אונדזער עלטערער שוועסטער, דער מאַמעס ווירטשאַפט: קופּער, מעש, זילבער; בעטגעוואַנט, וועש און אַנדערע חפצים. פאַר זיך אַליין האָט ער נאָר מיטגענומען עטלעכע שטיקלעך זילבער: זיין קידוש־בעכער, בשמים־פושקע און פּסחדיקן כוס, וועלכע ער האָט געקראָגן בירושה פון זיין טאַטן. מיין שוועסטערל האָט געקאָנט נעמען מיט זיך קיין לאָנדאָן, וואָס נאָר זי וויל, אַחוץ דער מאַמעס בענטש־לייכטער, וואָס הענע־טאַנע, די עלטערע שוועסטער, וויל האָבן צום אָנדענק. דאָס אַלץ האָב איך אַוועקגעשיקט קיין איידקונען, אויף דער אַנדער זייט פון פּרייסישן גרענעץ.

די דייטשישע באַאַמטע האָבן עס אונדז ניט געלאָזט אַרויסגעבן אָן אונדזער עקספּעדיטאָר עליע פראַנק. זיי האָבן מיר געהייסן צוגיין צו אים אין אַ נאָענטער גאַס. אויפן וועג שטעלן מיך אָפּ רוסישע זשאַנדאַרן און רייסן אָפּ דעם טאַלאָן פון מיין פּאַס פאַר דער צוריקרייזע פון אויסלאַנד. זיי דערקלערן מיר, אַז כ׳בין אַריבער דעם גרענעץ קיין רוסלאַנד און קאָן ניט גיין צוריק צום באַנהאָף אָן אַ נייעם „גובערנאַטאָרסקן פּאַס״. איך בין פאַרצווייפלט צוליב מיין שוועסטערל, וועלכע כ׳האָב איבערגעלאָזן אויפן באַנהאָף אָן אַ פּעניג און כ׳קאָן זיך ניט שטעלן אין פאַרבינדונג מיט איר. ה׳ פראַנק ראַט מיר זיך צו ווענדן צום רוסישן ראַטמייסטער. יענער איז גראָד ניטאָ אין דער היים און די זאַך טאָר ניט אָפּגעלייגט ווערן אויף מאָרגן. זיין ווייב און הויז־געזינד סימפּאַטיזירן מיט מיר און ווען ער קומט אַהיים, שפּעט ביינאַכט, דערציילן זיי אים, וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט, און בעטן אים ער זאָל מיר תיכף העלפן. ער הייסט מיר צוגיין צו דער „טאַמאָזשנע״ וואוהין ער טעלעפאָנירט מ׳זאָל מיר צוריקגעבן דעם אָפּגעריסענעם טאַלאָן. די זשאַנדאַרן טוען עס. זיי באַמיען זיך אויך אָפּצומעקן דערפון דעם רוסישן שטעמפּל. כ׳לאָז זיי איבער אָן „אָטיעזדנע״ פאַר אַ טרונק ביר און לויף זוכן מיין שוועסטערל. איך לויף פון גאַסטהאָף צו גאַסטהאָף ביז כ׳געפין זי שטיין אויף אַ גאַניק, אַרומגערינגלט פון פרויען, וועלכע זוכן זי צו טרייסטן און דערמוטיקן. אונדזערביידנס צוזאַמענטרעפונג רופט אַרויס טרערן פון פרייד ביי אומבאַקאַנטע מענטשן...

פון איידקונען פאָרן מיר קיין בערלין, וואו מיר וועלן זיך זען מיט דער באָבע בונען, די אלמנה פון אונדזער עלטער־זיידן, דוד אַראָנאָוויטש. וואָס נעענטער מיר קומען צו בערלין, אַלץ מער זומער איז אַרום אונדז. די פעלדער קאָרן זיינען שוין היפּש אויסגעוואַקסן. די גערטנער זיינען אַלע פאַרזייט. אַ טייל גרינסן זעען שוין אויס צייטיק. אומעטום בליען בלומען. אַ סך בוימער זיינען באַדעקט מיט בליאונג, און פאַרשפּרייטן אַרום זיך געשמאַקע ריחות.

די באַן ברענגט אונדז קיין בערלין צו ליכט־בענטשן, פרייטיק פאַר־נאַכט, דעם 14־טן אַפּריל. מיר זיינען ניט זיכער צי די באָבע בונע איז אינדערהיים. פאָרן מיר אַריין צו אונדזערע גלידסשוועסטער־קינדער לייבע־עליע און פייגע וויניסקי. ער איז אַ ספּעציאַליסט אויף בראָקן טאַבאַק אין אַ גרויסער בערלינער ציגאַר־פאַבריק און זיי לעבן בהרחבה, מיט אַ ברייטן פּאַרנעם. ביידע הויכע און שלאַנקע, ער אַ בלאָנדער, זי אַ ברונעטע, זיינען זיי צו אונדז זייער פריינטלעך. אויך זייערע קינדער פרייען זיך מיט אונדז. די באָבע בונע בייזערט זיך פאַרוואָס מיר זיינען ניט אַריינגעפאָרן צו איר. מיר אייניקן זיך, אַז מיין שוועסטערל זאָל איינשטיין ביי דער באָבען און איך ביי די קוזינען.

די באָבע בונע לעבט פון דער ירושה, וואָס אַ רייכער ברודער אין ענגלאַנד האָט פאַר איר איבערגעלאָזן. זי האָט אויף אַלץ גענוג. וואוינט אין אַ שיינער דירה און גייט אָנגעטאָן ווי אַ פּריצטע. זי וואוינט אין בערלין, כדי צו זיין צוזאַמען מיט איר יינגסטער טאָכטער שרה, ווענען זי העלפט אַרויס מיט חיונה, און מיטן האָדעווען די צוויי קליינע אייניקלעך. בערלין איז אָבער דער באָבען ניט צום האַרצן. זי באַקלאָגט זיך פאַר מיר, אַז זי וועט דאָרט „אויסגיין פון הונגער" ווייל זי קאָן ניט קריגן קיין אמתע־כשרע מאכלים. זי מוז אַלץ אויסשרייבן פון ווילנע און וואַרשע, מיט כשר־פּלאָמ־בעס פון „ריכטיקע רבנים" (די בערלינער רבנים געטרויט זי ניט).

די לעצטע טעג אין אַפּריל געזעגענען מיר זיך אָפּ מיט דער משפּחה, און פאָרן צום האַנאָווער־באַנהאָף, וואו מיר קויפן בילעטן ביז דעם האָ־לענדישן פּאָרט ראָטערדאַם, וואוהין כ'האָב פון איידקונען אָוועקגעשיקט מיין שוועסטערלס באַגאַזש. פּלוצלונג ווערן מיר אַרומגערינגלט פון דייטשישע פּאָליציסטן און שיפס־באַאַמטע, וואָס פאָדערן מיר זאָלן דאָ קויפן שיפס־קאַרטן קיין אַמעריקע. כ'דערצייל זיי דעם אמת, אַז איך פאָר שטודירן אין שווייצאַריע, און וועל נאָר פריער צופירן מיין שוועסטערל קיין ראָטערדאַם, און אַרויפזעצן זי אויף אַ שיף, וואו כ'וועל קריגן גאַראַנ־טירט, אַז מ'וועט אויף איר גוט אַכטונג געבן, ביז וואַנען אונדזער לאַנדאַנער פעטער וועט קומען זי אָפּנעמען.

די ברוטאַלע באַאַמטע פירן אונדז אַוועק מיט געוואַלט פון באַנהאָף צו אַ אימיגראַנטן־סטאַנציע. זיי פאָדערן מיר זאָלן דאָרט, פאַר אַ גרויסער סומע, נעמען בעדער און דורכמאַכן אַ דיזינפעקציע, כאָטש מיר זיינען ביידע ריינער און ציכטיקער פון זיי. ווען זיי זעען איין, אַז זייער הויפּט־ציל (פאַר־קויפן אונדז שיפס־קאַרטן קיין אַמעריקע) קאָנען זיי ניט דערגרייכן, לאָזן זיי אונדז אַראָפּ אויף אַ וויסטן פּלאַץ, ווייט פון באַנהאָף, וואוהין מיר דאַרפן אַליין שלעפּן אונדזערע טשעמאָדאַנעס; מיר קומען אָן אַהין פאַרמוטשעטע.

אין ראָטערדאַם קויף איך פאַר מיין שוועסטערל אַ שיף־בילעט ביז לאָנדאָן. איך באַזאָרג אויך איר באַגאַזש אַהין. די מאַטראָנע פון שיף איז געווען זייער פריינטלעך. זי זאָגט מיר צו, אַז זי וועט אָפּהיטן מיין שוועסטערל ווי אַן אייגן קינד און האַלטן זי אויפן שיף ביז אונדזער פעטער וועט קומען זי אָפּנעמען. איך געזעגן זיך מיט מיין שוועסטערל. כ׳זאָג איר אָן, אַז זי זאָל אונטער קיינע אומשטענדן ניט אָננעמען קיין שטעלעביים פעטער אין הויז, אפילו ווען אונדזער מומע, האָדע, וועט איר צוזאָגן צו באַהאַנדלען ווי אַן אייגענע טאָכטער. זי זאָל ליבער גיין אַרבעטן ביי איר פאַך און זיין זעלבסשטענדיק. איך בייט אויך אַ צאָל דייטשישע מאַרקן אויף ענגליש געלט, זי זאָל ניט קומען קיין לאָנדאָן מיט ליידיקע קעשענעס...

באַזאָרגט מיין שוועסטערל, פאַרנעם איך זיך אויף מיין וועג קיין שווייצאַריע. כ׳פאָר פון האָלאַנד קיין בעלגיע. איך שטעל זיך אָפּ אַ ווייל אין די יידישע קוואַרטאַלן פון אַנטווערפּן און בריסל, און פון דאָרט, איבער לוקסעמבורג, לאָריין און עלזאַס, קום איך אָן אין בערן דעם ערשטן מאַי 1899.

כ׳לאָז איבער מיין געפּעק אויפן בערנער באַנהאָף און לויף זען דעם ערשטן מאַי־פּאַראַד, וואו אַרבעטער מאַרשירן פריי און פראַנק אויף די גאַסן, אָנשטאָט זיך צו באַהאַלטן אין וועלדער פון די צאַרישע שפּיאָנען.

איך באַרשט אָפּ מיינע קליידער און פאַרקעם מיינע האָר און לאָז זיך גיין דורך די גאַסן. כ׳דאַרף לאַנג ניט זוכן דעם פּאַראַד. אין דער בערנער שטאָט־רעגירונג האָבן איצט (1899) די אַרבעטער אַ היפּשע דעה. די פּאָליציי באַגלייט דעם פּאַראַד ווי פריינט. דער פאַרקער אין די גאַסן איז אָפּגעשטעלט. די קראָמען זיינען פאַרמאַכט. די טראָטואַרן זיינען פול מיט פריינטלעכע צוקוקער, וועלכע אַפּלאָדירן יעדער נייער מחנה.

די אַרבעטער־מחנות מאַרשירן לויט זייערע פאַכן. אַחוץ די רויטע פאָנען פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, טראָגן זיי אויך אויסשטעלונגען פון זייער אַרבעט: געבעקס, קאָנפעקטן, קליידונג, שיך, זייגערס א. אַז. וו.

ווען עס מאַרשירט פאַרביי די מחנה פון דער זינגענדיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, צווישן וועלכע איך זע מאַסן יידישע פּנימער, סטודענטקעס און סטודענטן, וועלכע זינגען רוסישע לידער, גיי איך אַרונטער פון טראָטואַר, און עס גליקט מיר אָפּ ביסלעכווייז זיך אַריינצורייסן אין די רייען. אַ פּאָר פריינטלעכע סטודענטן מאַכן מיר אַ פּלאַץ צווישן זיך. ווען זיי געפינען אויס, אַז כ׳קום איצט דירעקט פון באַנהאָף, און האָב געהערט צו דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ווילנע, לאָזן זיי שוין מיך ניט אָפּ פון זיך. איך מאַרשיר מיט זיי צוזאַמען ביז צום „גורטן״־באַרג, פון וועלכע עס זעען זיך אַ שורה אַלפּן באַדעקט מיט שניי.

צופוסן פון באַרג שטייט אַ ריזיקער בנין, וואָס נעמט אין זיך אַריין די גרויסע מאָסע דעמאָנסטראַנטן. דאָרט שטייען בופעטן, וואו מ׳קאָן קויפן אַלערליי מאכלים און געטראַנקען. עס שטייען אויך אָן אַ שיער טישן און בענק, וואו דער עולם קאָן עסן און טרינקען. כ׳זיץ צווישן סטודענטן און סטודענטקעס, וועלכע זינגען לידער אין רוסיש און יידיש, אויך די וועלכע מיר האָבן געזונגען דעם ערשטן מאַי 1895 אין אַ וואַלד לעבן ווילנע. אין מיטן זאָל ווערן אויך געטאַנצט אַלערליי טענץ. עס טרעטן אויך אַרויס פאַרשיידענע רעדנער. איך בין אָבער אין אַזאַ התלהבותדיקן צושטאַנד, אַז כ׳הער זעלטן וואָס די רעדנער ריידן און אפילו זייערע נעמען וואָס מ׳רופט פאַר מיר אָן. דאָס גלייכן דרינגען ניט אַריין אין מיין באַוואוסטזיין די צענדליקער נעמען פון די סטודענטקעס און סטודענטן פאַר וועלכע מ׳שטעלט מיך פאָר. כ׳וויס נאָר, אַז ס׳האָט געזאָלט ריידן פלעכאַנאָוו, פון וועמען כ׳האָב געהערט נאָך אין 1894 אין ווילנע, נאָר ער האָט ניט געקאָנט קומען און זיין רעדע איז פאַרגעלייענט געוואָרן פון פּאַוועל אַקסעלראָד, אַן אַלטער מאַן מיט אַ ווייסער באָרד, וועמעס קול ס׳האָט זיך אינעם ריזיקן זאַל ניט גוט געהערט.

די דריי יידישע סטודענטן מיט וועלכע כ׳האָב צוזאַמען מאַרשירט, — פערלשטיין פון אָדעס, זאַביעזשינסקי פון וויטעבסק און אורינאָווסקי פון סלאָנים, — האָבן מיך באַגלייט צוריק אין שטאָט. זיי האָבן מיר געקראָגן אַ פלאַץ וואו צו נעכטיקן און אַנגעזאָגט כ׳זאָל מאָרגן קומען עסן מיטאָג אין דער סטודענטן־קיך און זיי וועלן מיר העלפן זוכן אַ קוואַרטיר.

קאַפּיטל זעקס און זיבעציק

איך קריג אַ וואויל צימער, ווייל איך בין אַ ייד

די סטודענטן שלמה אורינאָווסקי, מענדל זאַביעזשינסקי און ירוחם פערלשטיין, וועלכע באַגלייטן מיך נאָכן ערשטן מאַי־פּאַראַד אין בערן, וואָרענען מיך, אַז כ׳וועל האָבן שוועריקייטן ביים קריגן אַ קוואַרטיר. זיי זאָגן, אַז די שווייצער פאַרדינגען ניט גערן קיין צימער צו סטודענטן, צוליב זייערע פילע טומלער און ווייניק צוכטן. בכלל אָבער זיינען פאַראַן אין בערן איבערגענוג מעבלירטע צימערן צו פאַרדינגען. אַ חוץ די פּלאַקאַט־לעך אין די פענצטער וועגן דעם, הענגען נאָך לאַנגע צעטלען מיט אַדרעסן פון אַזוינע צימערן אויף אַ טאָוול ביים שטאָטראַט.

באַוואָרנט מיט אַ מאַפּע פון בערן און אַ צעטל אַדרעסן, הויב איך אָן זוכן אַ פּאַסנדיקע קוואַרטיר. כ׳שטעל זיך אָפּ אין אַ פיינער שטילער גאַס,

לעבן אַ הויז, וואָס האָט צו פאַרדינגען אַ צימער. איך קום אַריין. אַן על־טערער מאַן פרעגט מיך, צי כ׳בין אַ רוס? איך ענטפער: ניין, פרעגט ער מיך ווייטער: צו וועלכן פאָלק כ׳געהער? ווען כ׳זאָג: צום יידישן, קוקט ער אויף מיר מיט פאַרוואונדערונג. מיין איך, אַז ער צווייפלט, צי ס׳איז פאַראַן אַ יידיש פאָלק? דערקלער איך אים, אַז דאָס איז דאָס פאָלק ישראל... די העברייער... דאָס פאָלק פון דער ביבל... לייכט אויף זיין פנים און ער רופט אויס מיט פרייד:

— מוטערכען! קום נאָר אַהער! זע, וואָס פאַר אַ קוואַרטיראַנט מיר קריגן... ער שטאַמט דאָך אָפּ פונעם ביבלישן פאָלק!

זי דערקלערט, אַז איך קאָן זיך באַלד אַריינקלייבן. ביז וואַנען כ׳וועל ברענגען מיינע זאַכן פונעם באַנהאָף (וואָקזאַל) וועט אַלץ זיין צוגעגרייט פאַר מיר.

*
**

אין רעקטאָראַט (פאַרוואַלטונג) פון אוניווערזיטעט מעלד איך זיך צום רעקטאָר, פּראָפעסאָר דר. האַנס שטראַסער. ער פרעגט מיך אויס גענוי: וואָס כ׳האָב געלערנט און וואו כ׳האַלט אין יעדן לימוד. ער דריקט אויס זיין צופרידנקייט און גיט מיר אַרויס אַן אַטעסטאַט, אַז כ׳בין אָנגענומען אין בערנער אוניווערזיטעט. דער פיין אילוסטרירטער אַטעסטאַט איז געשריבן אויף לאַטייניש, און אויך מיין נאָמען איז דאָרט לאַטייניזירט. כ׳הייס דאָרט „קלעמענס“ אַנשטאָט „קלמן“. דער פריינטלעכער פּראָפעסאָר דערקלערט מיר, אַז ביידע נעמען שטאַמען פון גריכישן „קאַלאָנימאָס“. איך באַמערק דערצו, אַז אין העברייאיש שרייבט מען מיין נאָמען „קלונימוס“, וואָס מ׳דאַרף אָפּנים אַרויסריידן קאַלאָנימאָס *).

כ׳קריג אויך אין רעקטאָראַט אַ סטודענטן־קאַרטל, וואָס גיט מיר אַלע פּריווילעגיעס פון אַן אַקאַדעמיקער אין דער שווייצער רעפּובליק. כ׳ווער אויך אַ מיטגליד אין דער סטודענטישער קראַנקן־קאַסע און כ׳קריג אַ רייע טאַלאָנען, וואָס כ׳דאַרף געבן די דאָקטוירים און שפּיטאָלן, ווען כ׳וועגד זיך נאָך מעדיצינישער הילף.

מיינע באַקאַנטע עטלעכע סטודענטן זיינען איבערראַשט פון מיין קריגן אַזוי גיך אַ קוואַרטיר, דערצו נאָך אין אַ פיינער געגנט, נאָענט פון אוניווערזיטעט, און פאַר אַ ביליקערן פּרייז ווי זיי צאָלן פאַר קלענערע צימערן אין

---

*) יידן האָבן מסתמא זיך אָנגערופן מיט אַזוינע נעמען אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש, ווען זיי האָבן אויך איבערגעזעצט די תורה אין גריכיש.

ווייטע אָפּגעלאָזענע געסלעך. זיי באַקאַנען מיך באַלד מיט אַ סך סטודענטן און סטודענטקעס, יינגערע און עלטערע פון מיר, און דערציילן זיי, אַז כ׳בין אַ געוועזענער אַרבעטער און אַ מיטגליד פון דער ווילנער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג. מיינע נייע באַקאַנטע ראָטן מיר זיך צו פאַרשרייבן פאַר אַלע קורסן, וואָס כ׳וויל נעמען. אויב ס׳וועט מיר זיין צו שווער צו באַצאָלן פאַר זיי, זאָל איך זיך ווענדן צו די לערער פּראָפעסאָרן אָדער דאָ־צענטן פון די דאָזיקע לימודים, זיי זאָלן מיר שענקען זייער שכר־לימוד, ווער דער „קוועסטאָר״ (קאַסירער) ניט נעמען ביי מיר קיין געצאָלט פאַר אָט די לעקציעס.

פון דער אַנדער זייט וואָרענען מיך עטלעכע רייכע סטודענטן, אַז אַלס געוועזענער באַלמעלאָכע, דאַרף איך ליבער פאָרן קיין ווענטערטור, לערנען אין דאָרטיקן טעכניקום פאַר אַ מעכאַניקער, אָנשטאָט צו שטודירן אין אוניווערזיטעט, וואָס דאָס דאַרף נעמען יאָרן־לאַנג און מען מוז דערצו האָבן גאָר אַ סך מיטלען.

***

די ווילנער געזעלשאַפטלעכע טוערין, רבקה טילעס, וועלכע שאַפט דאָרט מיטלען פאַר דער יידישער סטודענטנשאַפט אין בערן, האָט מיר צוגעשיקט אַ בריוו, אַז די קאָאָפּעראַטיווע סטודענטן־קיך זאָל ביי מיר ניט נעמען קיין געצאָלט. איך ווייז ניט קיינעם דעם בריוו און צאָל פאַר מיינע מאָלצייטן, ווי אַלע אַנדערע סטודענטן. כ׳נעם אויך אויף זיך אַלע פליכטן פון אַ קאָאָפּעראַטיוו־מיטגליד, לויט דער רייע נאָך, אין קיך און עס־צימער.

דאָס הויז וואו עס געפינט זיך די קיך, עס־צימער און ביבליאָטעק רופט זיך אָן „רוסישע קאָלאָניע״. פאַקטיש זיינען אָבער דאָרט כמעט אַלע סטו־דענטן יידישע. ס׳וואונדערט און ס׳פאַרדריסט מיך דאָרום, וואָס אין דער ביבליאָטעק איז ניטאָ קיין איין בוך, בראָשור, זשורנאַל אָדער צייטונג אין יידיש. ווען כ׳זאָג עס, ווערט אַ געלעכטער. עמיץ באַמערקט לאַכנדיק, אַז מ׳דאַרף מיך שיקן צום דר. זשיטלאָווסקי.

זשיטלאָווסקי איז פאַר מיר געווען אַ ניט־יידישער נאָמען. איינער פון די פויערים אין אונדזער דאָרף האָט געהייסן זשיטלער און דער נאָמען זשיטלאָווסקי האָט עס מיך דערמאָנט. כ׳פאַרשטיי דעריבער ניט, וואָס די דאָזיקע באַמערקונג מיינט?

אויפן לייען־טיש אין ביבליאָטעק זע איך ליגן אַ דייטשישע צייטונג, דעם בערלינער „פאָרווערטס״. נעם איך עס לייענען. באַלד זעצט זיך לעבן מיר אַ סטודענטין מיט אַ שיינעם איינדרוקספולן פּנים: שטרענג און דאָך פול מיט גוטסקייט. זי זעט אויס עלטער פון מיר און באַנעמט זיך, ווי זי וואָלט געווען מיינע אַן עלטערע שוועסטער. זי זאָגט מיר, אַז זי איז אַ קור־

לענדערין און האָט זיך דערצויגן אין דייטש. זי קען דעריבער מיר אַרויס־העלפן אין לייענען און ריידן אין אָט דער שפּראַך. איר נאָמען, זאָגט זי, איז אַנאַ ליפּשיץ *), נאָר כ'זאָל זי אָנרופן „חנה". זי הייסט מיר פאַרלייענען עפּעס פון דער צייטונג און זי בעסערט מיר אויס יעדעס וואָרט. כ'טראַכט, זי האַלט, אַז מ'האָט מיך געקריוודעט, דורך אויסלאַכן מיין נאָכפרעגן אויף לייענשטאָף אין יידיש, און זי וויל אָפּוואַשן דעם שלעכטן איינדרוק וואָס דאָס האָט אויף מיר געמאַכט. פּלוצלונג רייסט זיך פון מיר אַרויס די פראַגע: „ווער איז דר. זשיטלאָווסקי? איז ער אַ ייד?"

אַ שמייכל באַוויזט זיך אויף חנהס ליפּן און זי ענטפערט:

— יאָ, דר. זשיטלאָווסקי איז אַ ייד. ער איז דער סעקרעטאַר פון פּראָ־פעסאָר לודוויג שטיינס פילאָסאָפישן זשורנאַל. ער רעדט און שרייבט אין רוסיש און דייטש. ער האָט אָבער ליב יידיש.

חנהס מיטטיילונג אַז דר. זשיטלאָווסקי האָט ליב יידיש, רופט אַרויס מיין נייגעריקייט זיך צו באַקענען מיט אים. מיינע באַקאַנטע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע סטודענטן לאַכן אויס אָט די נייגעריקייט מיינע. זיי גיבן מיר דערביי אַזאַ מין כאַראַקטעריסטיק פון דר. זשיטלאָווסקי: ער איז דער אויסלענדישער פאַרשטייער פון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. זיין פּאַרטיי אין בערן באַשטייט פון דריטהאַלבן מיטגלידער: פון אים, זיין פרוי און זייער עלטסטן יינגל...

מיין נייגעריקייט זיך צו טרעפן מיטן דר. זשיטלאָווסקי פאַרמינדערט זיך ניט דורך די אָפּלאַכונגען פון זיין רוסישער פּאַרטיי. מיך אינטערעסירט דאָך דער עיקר זיין ליבע צו יידיש. ניט געקוקט דעריבער אויף מיין שעמעוו־דיקייט, האָב איך אין אַ געוויסן טאָג אָנגעקלונגען אין זיין טיר.

דר. זשיטלאָווסקי, אַ קרעפטיקער מאַן אין די דרייסיקער יאָרן, האָט מיר אויסגעזען צו געזונט פאַר אַ יידן. זיינע פולע רויטע באַקן און דאָס רויטלעך אַרומגעשאָרן בערדל האָבן נאָך פאַרשטאַרקט אָט דעם איינדרוק מיינעם. ס'האָט זיך מיר גאָר ניט געוואָלט גלויבן, אַז די ערנסטע וואוילע חנה ליפּשיץ זאָל זיך דערלויבן אַזאַ מין שפּאַס. דר. זשיטלאָווסקיס ערשטע ווערטער אין יידיש האָבן מיך אָבער באַלד באַרואיקט. זיין שטים האָט געקלונגען אין מיינע אויערן אַזוי אָנגענעם, אַז כ'האָב פאַרלאָרן אַלע מיינע ספקות. כ'האָב זיך דערפילט היימיש אין זיין רייכער ביבליאָטעק, וואו ער האָט מיך אויפגענומען, כאָטש כ'האָב אין איר ניט באַמערקט קיין יידישע ביכער. וועגן זיין ליבע צו יידיש האָט אָבער ניט געקאָנט זיין דער מינדסטער צווייפל.

---

*) שפּעטער אַ באַרימטע רעוואָלוציאָנערין. די פרוי פון אַ באַלטישן דיפּלאָמאַט.

אַזוי גיך ווי ער האָט איינגעזען, אַז כ׳האָב געהערט צו דער אונטער־
ערדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ווילנע, האָט זשיטלאָווסקי ביי מיר גע־
נומען אויספרעגן יעדע קלייניקייט, דער עיקר אָבער האָט ער געוואָלט וויסן
גענוי און אויספירלעך איר באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך און קולטור.
דורך מיין געגויער באַקאַנטשאַפט מיט דער אַרבעט פון דער גאַסעלניק־בוכ־
האַנדלונג, וואו מיין יוגנט־חבר קלמן קראַפּיווניק איז געווען דער פאַרוואַל־
טער און כ׳פלעג דאָרט אַריינקומען כמעט יעדן טאָג, בין איך געווען אימ־
שטאַנד צו אינפאָרמירן דעם דר. זשיטלאָווסקי וועגן דער טעטיקייט פון אָט
דעם לעגאַלן צענטער פון דער באַוועגונג צו פאַרשפּרייטן פּראָגרעסיווע לי־
טעראַטור צווישן די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן איבער גאַנץ רוסלאַנד.
כ׳האָב אים אויך איבערגעגעבן מיינע ידיעות פונעם ערשטן קוואַל וועגן דעם
פּלאַן פון דער גאַסעלניק־בוכהאַנדלונג אַרויסצוגעבן אַ גרויסן ליטעראַרישן
זאַמלבוך אין יידיש. פאַר מיין אַוועקפאָרן פון ווילנע האָבן קלמן קראַפּיווניק
און זיין געהילף הערש שמורסקעוויטש אַרומגערעדט מיט מיר אַלע איינצל־
הייטן וועגן אָט דעם פּלאַן. דער לעצטער האָט מיר אויך געשריבן וועגן דעם,
ווען כ׳בין שוין געווען אין בערן.

אַ פאַרליבטער אינעם יידישן וואָרט, איז דר. זשיטלאָווסקי געווען פאַר־
אינטערעסירט אין יעדער איינצלהייט: די געשריבענע בראָשורן אויף די
שבתדיקע פאָרלעזונגען אין די אַרבעטער־קרייזלעך, די אונטערערדישע
„אַרבעטער שטימע״, די פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע געדרוקטע ביכלעך פון
חי״ה זעלדעס (חיים־יאַנקל העלפאַנד — א. ליטוואַק), אברהם קאַטיק און
אַנדערע. ברעסלער, בן־אריה, ד. פּולס (דוד פּינסקער) און אַנדערע אָריגי־
נעלע און איבערגעזעצטע; די אומלעגאַלע ביבליאָטעק, וואו ס׳האָבן זיך גע־
פונען די בעסטע ביכער און זאַמלביכער אין יידיש פון יענער צייט. אַרויס־
קריגנדיק פון מיר, אַז כ׳בין געווען אי אַ „פאָרלעזער״ און דערקלערער פון
בראָשורן און ביכלעך אויף די שבתדיקע פאָרלעזונגען, און אי אַ ביכער־פאַר־
טיילער צווישן יידישע אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן און פאַבריקן, האָט דר.
זשיטלאָווסקי אויך פאַרלאַנגט פון מיר איינצלהייטן וועגן דער השפּעה פון
אָט די קולטור־טעטיקייטן אויף די פאַרשיידענע מינים אַרבעטער פון ביידע
געשלעכטער.

צום סוף פון אונדזער שמועס, האָט דר. זשיטלאָווסקי מיר געגעבן אַ צאָל
נומערן פון דער ניו־יאָרקער טעגלעכער סאָציאַליסטישער צייטונג „אַבענד־
בלאַט״, אַרויסגעגעבן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי
(„ס. ל. פּ.״). ער האָט מיר אויך געשענקט דער נומער 6 „אידישער אַרבעטער״,
אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט, וואָס ער (דר. חיים זשיטלאָווסקי) האָט מיט אַ
פּאָר חדשים פריער צוזאַמענגעשטעלט פאַרן אויסלענדישן קאָמיטעט פון
„בונד״. ער האָט באַמערקט דערביי, וואָס כ׳האָב שוין געוואוסט פון פריער,

אַז ער אַליין איז ניט קיין בונדיסט. די בונדיסטישע פירער פונעם אויסלענ־דישן קאָמיטעט זיינען אויך ניט איינשטימיק מיט זיינע מיינונגען אינעם פינפטן קאַפּיטל פון זיין אַרטיקל „ציוניזמוס אָדער סאָציאַליזמוס״; וועגן דער גרויסער באַדייטונג, וואָס ער זעט אין דער יידישער שפּראַך פאַר דער אויפהייבונג פון דעם קולטור־ניוואָ פונעם יידישן פאָלק. זיי דערקלערן בפירוש, אין אַן אָנמערקונג צו זיין אַרטיקל, אַז ס׳איז איצט שווער צו ענט־פערן באַשטימט „צי וועט זיך די יידישע פאָלקס־שפּראַך, דער „זשאַרגאָן״, אַזוי אַנטוויקלען, אַז זי וועט ווערן אַ קולטור־שפּראַך; צי וועט זיך מיט דער צייט אויסבילדן אַ ספּעציעלע יידישע ליטעראַטור און וויסנשאַפט, אַ ספּעציעלע יידישע קולטור; צי וועט די וויסנשאַפט אין יידיש שטיין אַזוי הויך, אַז די יידן וועלן קאָנען אין צוקונפט האָבן יידישע גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטן און אַנדערע שולן״ (ווי ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט זיך עס פאָרגעשטעלט אין יענעם אַרטיקל).

דאָס אַנדערע אַרטיקל פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, אינעם נומער 6 „אַי־דישער אַרבעטער״, אונטערגעשריבן „בן־אהוד״, אויפן נאָמען פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער אין די אוראַלטע צייטן פון די „שופטים״, האָט דער עיקר זיך פאַרנומען מיט דער קריטיק פונעם פּאָליטישן ציוניזם — אַ פראַגע אין וועלכער אַלע מינים יידישע סאָציאַליסטן זיינען דעמאָלט געווען איינשטימיק. פערזענלעך אָבער האָב איך מער מסכים געווען מיטן פינפטן קאַפּיטל ווי מיט די אַנדערע פיר.

הערצלס געדאַנק פון אַ „יודנשטאַט״ (יידישע מדינה) איז מיר גראַד יאָ געפעלן. אין אַ בריוו צו אַ פריינט האָב איך געשריבן, אַז די „יודנשטאַט־פראַגע״ אינטערעסירט מיך פונקט אַזוי ווי צו האָבן אַן אייגענע וואוינונג, ביז וואַנען ס׳וועט איינגעפירט ווערן די קאָמונע״...

קאַפּיטל זיבן און זיבעציק

ווי אַ דורשטיקער ביים קוואַל

ווי אַ דורשטיקער ביים קוואַל, כאַפּ איך זיך צו צו מיינע לימודים אין בערנער אוניווערזיטעט. כ׳טרעט אַריין אין זיין פילאָסאָפישן פאַקולטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַלגעמיינער בילדונג. די אַנדערע דריי פאַקולטעטן זיינען פאַר מעדיצינער, אַדוואָקאַטן און פריסטער.

דער פילאָסאָפישער פאַקולטעט באַשטייט פון צוויי אָפּטיילן: ערשטנס, פילאָסאָפיע, שפּראַכן און געשיכטע; צווייטנס, מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסנשאַפט. ביידע אָפּטיילן האָבן אַ היפּשע צאָל סעמינאַרן און אינסטיטוטן.

דער ערשטער האָט סעמינאַרן פאַר פילאָלאָגיע, פעדאַגאָגיק, דייטש, ראָמאַ־נישע שפּראַכן, ענגליש, געשיכטע און פילאָסאָפיע, ווי אויך אַ לערער־שול, אַ קונסט־שול און אַ קונסט־מוזיי. דער צווייטער אָפּטייל האָט אַ סעמינאַר פאַר מאַטעמאַטיק, אַ קאַבינעט פאַר פיזיק, אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר כעמיע, אַן אָבסערוואַטאָריע פאַר אַסטראָנאָמיע און אינסטיטוטן פאַר באָטאַניק, גע־אָגראַפיע, געאָלאָגיע, זאָאָלאָגיע און מינעראַלאָגיע. דערצו אַ נאַטור־היסטאָ־רישן מוזיי און אַ באָטאַנישן גאָרטן.

צוליב די פילע פאַרשיידנאַרטיקע לימודים אין פילאָסאָפישן פאַקולטעט, קומען דאָרטן הערן לעקציעס אויך סטודענטן פון אַנדערע פאַקולטעטן. למשל: יוריסטן און מעדיצינער הערן דאָרט לעקציעס איבער נאַטור־וויסנשאַפטן; טעאָלאָגן לערנען דאָרט העברייאיש — צוליב דעם תנ״ך, און גריכיש — צוליב דעם נייעם טעסטאַמענט. מ׳קומט אַהין אויך הערן פאָפּו־לערע לעקציעס איבער ליטעראַטור, פילאָסאָפיע און קונסט, און אַנדערע געגנשטאַנדן.

פאַרן ערשטן סעמעסטער קלייב איך אויס לימודים פונעם ערשטן אָפּ־טייל. איין פּראָפעסאָר, דער אָנגעזעענער אַלטער עקאָנאָמיסט, א. אָנקען, האַלט זיין קורס „פּראַקטישע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע״ גלייכצייטיק פאַר צוויי פאַקולטעטן: דעם יורידישן און פילאָסאָפישן. קום איך שוין אויך צו זיינע אַנדערע לעקציעס אין יורידישן פאַקולטעט, וואו ער לערנט טעאָרעטישע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע און דיסקוטירט אויך די נייע ליטעראַרישע דערשיי־נונגען אויף אָט דעם געביט. פאַראיינס באַזוך איך שוין דאָרט אויך די קלאַסן פאַר סטאַטיסטיק און „געשיכטע פון נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע״, פון דר. זשיט־לאָווסקיס אַ פריינט, פּראָפעסאָר נאַהום (נחום) רייכסבערג. כ׳קום אויך צו זיין לעקציע „די אַרבעטער פראַגע אַמאָל און איצט.״

פינף טעג אין וואָך הער איך לעקציעס אַרום אַכט שעה אַ טאָג, — שבת פיר שעה. פון זיבן ביז אַכט אַזייגער אינדערפרי הער איך די לעקציעס פון פּראָפעסאָר אָנקען; מאַנטיק און דאָנערשטיק, פון 10 ביז 11 — די לעקציעס פונעם אַרכיטעקט פּראָפעסאָר האַנס אויער: „אַרכיטעקטור און פּלאַסטיק פון דעם רענעסאַנס״. יעדן טאָג פון 11 ביז 12, אויך שבת, לערן איך דייטשע ליטעראַטור ביים „פּריוואַטער״ (באַראָן), פּראָפעסאָר אָסקאַר וואַלצעל. נאָכמי־טאָג, פון 2 ביז 3, — לעקציעס איבער טעאָרעטישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע. 4—3: „אַלגעמיינע געשיכטע פון מיטלאַלטער״ ביי פּראָפעסאָר פ. וואָקער. 5—4: „געשיכטע פון דער נייער צייט״ ביי דעם זעלביקן פּראָפעסאָר. מאָנ־טיק, מיטוואָך און פרייטיק, פון 5 ביז 6, פּראָפעסאָר לודוויג שטיינס „גע־שיכטע פון דער נייערער פילאָסאָפיע״. דינסטיק, 5—6, פּראָפעסאָר גוסטאַוו טאָבלערס: „שווייצער געשיכטע פון 1291 ביז 1515״, וואו כ׳בין באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין דעם האַלב־לעגענדאַרן נקמה־העלד ווילהעלם טעל,

װעלכער באַפרייט זיין פֿאָלק פון אַ טיראַנישן פרעמד־הערשער ; אויך אין די „אייד־גענאָסן״ (חברים פון שבועה), ווי ס׳האָבן זיך דעמאָלט אָנגערופן די שווייצער אונטערערדישע פרייהייט־קעמפער. איך הער אויך אַמאָל זיינע לעקציעס וועגן דער שווייצער נייערער געשיכטע. 6—7 הער איך לודוויג שטיינס פּאָפּולערע לעקציע „די פילאָסאָפן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (די ענציקלאָפּעדיסטן). נאָכדעם פון 7:30 ביז 9 אין פּראָפעסאָר וואלצעס דייטשישן סעמינאַר, וואו ער דערקלערט געטעס „פאַאוסט״. מיטוואָך אָוונט, 7־8, איז מיין לעקציע: „די פרויען אין מיטלאַלטער״ פון פּראָפעסאָר סאַמועל זינגער. כ׳קום אויך אָפטמאָל צו זיינע לעקציעס וועגן דייטשישע פֿאָלקס־לידער.

די סעמינאַרן זיינען געוויינלעך פאַר עלטערן סטודענטן. פאַראַן צווישן זיי אויך גרייז־גרויע „קאַנדידאַטן״, וועלכע אַרבעטן אויף זייערע דאָקטאָר־דיסערטאַציעס. דאָך לאָזט מען מיך דאָרט זיצן. ווען מיר איז עפּעס ניט קלאָר, פרעג איך עס ביי אַ פריינטלעכן עלטערן סטודענט. אַזוי באַזוך איך אין די אָוונטן די סעמינאַרן פון געשיכטע, ליטעראַטור און פאָלקס־ווירטשאַפט, און שבת פון 2 ביז 4 בייטאָג דעם פילאָסאָפישן סעמינאַר פון פּראָפעסאָר לודוויג שטיין.

לודוויג שטיינס לעקציעס זיינען מיר אַ פאַרגעניגן צו הערן. כ׳זיץ ביי זיינע לימודים צוזאַמען מיט מיין פריינט דעם סטודענט סטופּניצקי *), וועלכער לערנט שוין דאָ דעם דריטן סעמעסטער, און איז דאָך ניט ווייניקער אַנטציקט ווי איך. פּראָפעסאָר לודוויג (לייזער) שטיין, אַ זון פון אַן אונגאַרישן למדן, איז געווען אַ פּאָר יאָר אַ רב אין בערלין, וואו ער קומט אַריין דורך הייראַט אין אַ מיליאָנערישער משפחה. ער זאָגט זיך אָפּ פון רבנות, גיט זיך אָפּ אינגאַנצן מיט זיינע פילאָסאָפישע לימודים, איז דער פאַרפאַסער פון אַ סך ווערק, אַ רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון אַ פילאָסאָפישן זשורנאַל אין פיר שפּראַכן (דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש און איטאַליעניש), און איז אויך דער גלענצנדיקסטער רעדנער אין בערנער אוניווערסיטעט **). די האַרב־

---

*) שאול־אייזיק סטופּניצקי, דער מחבר פון אַ בוך איבער „שפּאַניע״ און אַנדערע ווערק אין יידיש. ער קומט אום אַלס מאַרטירער צוזאַמען מיט די מאַסן אַנדערע יידן אין פוילן. ווען די נאַציס האָבן פאַרטיליקט אין די פערציקער יאָרן.

**) וועגן לודוויג שטיינס ווירקן און שאַפן האָט דער שרייבער פון אָט די שורות פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין דער „מאָרגן פרייהייט״ פון די צוואַנציקער יאָרן, צו דער פייערונג פון דעם פּראָפעסאָרס 70־סטן געבורטסטאָג.

סטע פילאָסאָפישע טעמע קומט ביי אים אַרויס לייכט און שפּילעוודיק. דאַנערשטיק אָוונט, ווען ער האַלט זיין לעקציע: „לאָגיק אויף דערקענטעניש־טעאָרעטישער גרונטלאַגע“, וואָס דויערט צוויי מאָל אַזוי לאַנג ווי געוויינלעכע לעקציעס, און באַהאַנדלט אַ זייער האַרבן ענין, פילט מען כלל ניט, ווי ס׳פאַרגייט די צייט. ער נעמט זיינע ביישפּילן פון לעבן. ביים פענצטער פון לערן־זאַל שטייט אַ בוים, קוקט דער פּראָפעסאָר אויפן בוים, מאָלט אָפּ זיינע צווייגן און בלעטער און פאַרגלייכט דערמיט די געזעצן און כללים פון לאָגיק. צו זיינע לעקציעס קומען דעריבער סטודענטן פון אַלע פאַקולטעטן. זיין פריער־דערמאָנטע פּאָפּולערע לעקציע וועגן די פילאָסאָפן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט ער געהאַלטן אין גרויסן אוידיטאָריום, וואָס איז געווען איבערגעפּאַקט, און ס׳איז דאָ אַ פאַרלאַנג, אַז ער זאָל זיין לעקציע האַלטן פון דאָסניי, פאַר די פילע הונדערטער, וועלכע האָבן שוין אַהין ניט געקאָנט אַריינגיין.

אַ שטאַרקן רושם מאַכן אויף מיר די לעקציעס איבער אַלגעמיינער געשיכטע פון פּראָפעסאָר פ. וואָקער, אַ שווייצער מיט אַ גרוי שפּיציק בערדל. ער שילדערט פאַר אונדז די געשיכטע פון מיטלאַלטער ניט ווי אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר ווי דאָס וואָלט היינט פּאַסירט. ער איז פול מיט צאָרן קעגן יעדן שלעכטן פירער פון יענער צייט. ער שרייט, בייזערט זיך, טופּעט מיט די פיס אויף דער קאַטעדרע, קלאַפּט מיט די פויסטן אויפן טיש. ער שוינט ניט קיין שונא פון פאָלק. ער פאַראורטיילט דעם דייטשישן רעפאָרמאַטאָר מאַרטין לוטער: רופט אים אָן „פאַררעטער פון די דייטשישע פויערים“ און באַשולדיקט אים אין אַרבעטן פאַר די אינטערעסן פון די פּריצים. ער שטעלט אַרויס קעגן אים, ווי אַ מוסטער פון אַן אָרנטלעכן מענטשן און אַ פריינט פון פאָלק, דעם וויניקער באַרימטן רעפאָרמאַטאָר צווינגל, וועלכער איז געשטאַנען מיט די פויערים קעגן זייערע אונטערדריקער. אויף דעם זעלביקן אופן רעדט פּראָפעסאָר וואָקער אויך וועגן די געזעלשאַפטלעכע טוער און פירער פון 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט.

צווישן די סטודענטן זיינען פאַראַן וויצלער, וואָס חזרן איבער דעם אַלטן וויץ: „אַלעקסאַנדער מוקדון איז טאַקע געווען אַ גרויסער העלד, נאָר ברעכן שטולן דאַרף מען ניט“. מיר אָבער געפעלט פּראָפעסאָר וואָקערס צוגאַנג צו געשיכטע. איך טראַכט, אַז ווען איך וואָלט געווען אַ לערער פון געשיכטע, וואָלט איך אויך ניט געקאָנטריידן רואיק וועגן די שונאים פון פאָלק, אפילו ווען זיי זיינען שוין דורות־לאַנג טויט.

פּראָפעסאָר אָסקאַר וואַלצעל, דער שיינער באַראָן, מיט זיין געפּוצט און פיין פאַרקעמט בלאָנד בערדל, איז גוט באַהאַוונט אין דער אַלטער און נייער דייטשישער ליטעראַטור. מיר דוכט זיך אָבער, מעגלעך דערפאַר,

וואָס ער איז אַ באַראָן, אַז ער האַלט זיך גרויס. צו מיר פּערזענלעך איז ער גראָד פריינטלעך. ער שטערט מיר אויך ניט צו זיצן אין זיין סעמינאַר, כאָטש כ׳בין אַן אָנפאַנגער.

מיט פאַרגעניגן פאַרברענג איך די צוויי שעה אַ וואָך מאַנטיק און דאָ־נערשטיק, ביים אַרכיטעקט, פּראָפעסאָר האַנס אויער, וועלכער לערנט „אַרכיטעקטור און פּלאַסטיק פון רענעסאַנס״. איך זיץ דאָרט ביי דער רעכטער האַנט פון אַן עלטערער, געלערנטער סטודענטין אידא אקסלראד*), זי לערנט שוין אין בערן דעם פערטן יאָר. איר עלטערע שוועסטער, ליובאַ, לערנט שוין דאָ דעם זיבעטן יאָר, זינט ווינטער 1893. ליובאַ ווערט דאָ באַטראַכט פאַר אַ באַדייטנדיקער קענערין פון מאַרקסיזם. מ׳זאָגט מיר, אַז אָט די צוויי שוועסטער זיינען פּלימעניצעס פון דעם אַלטן רוסיש־יידישן סאָציאַליסט פּאַוועל אקסלראָד. ווען כ׳פאַרשטיי עפּעס ניט אין פּראָפעסאָר אויערס קלאַס, פרעג איך ביי אידא אקסלראָד. זי איז שוין באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אַרכיטעקטור און פּלאַסטיק. זי צייכנט אויך אין איר העפט די אַלע קונסט־געגנשטאַנדן וואָס דער פּראָפעסאָר באַשרייבט.

אַ חוץ מיינע לימודים אין די קלאַסן לערן איך און לייען אין ביבליאָ־טעק און אויף מיין קוואַרטיר, ווי אויך אין דרויסן, אויף דעם גורטן־באַרג קעגן די מיט שניי־באַדעקטע אַלפּן פון „בערנער אבערלאַנד״, און אין די וועלדלעך אַרום שטאָט. כ׳בין שוין באַהאַוונט אין די מיליטערישע מאַפּעס פון בערנער געגנט און ווייס פון אַ סך פּלעצער אַרום שטאָט. וואו כ׳קאָן זיצן אָדער ליגן רואיק און שטודירן.

איין טאָג טרעף איך זיך אין אַ וועלדל מיט אַ גרופּע שווייצער יינגלעך. כ׳קום מיט זיי צו אַ פּלאַץ מיט אַרומגעפּוצטע ביימער און מיט בלומען־בייטן. דאָרט שטייען אויך געפאַרבטע בענק צו זיצן. אין אַ ווינקל שטייט אַ בעזעם און דערביי אַ שילדל, אַז מ׳בעט די באַזוכער אויסצוקערן דעם פּלאַץ און אים האַלטן ריין. דאָס רופט ביי מיר אַרויס אַ שמייכל. די יינג־לעך פרעגן מיך, וואָס מיינט מיין שמייכלען. איך דערקלער זיי, אַז אין אַנדערע לענדער האָב איך נאָר געזען שילדן מיט פאַרבאָטונגען און מיט שטראָפן פאַר ניט אָפּהיטן אַ פאַרבאָט. דאָ אָבער זע איך גאָר אַ בקשה צו האַלטן ריין דעם פּלאַץ. ענטפערן זיי מיר, אַז דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך: ס׳איז אונדזער וואַלד, אונדזערע ביימער, אונדזערע בלומען, אונדזערע

*) אידא אקסלראדס אַן עסיי איבער קונסט און סאָציאַליזם איז אַריין אין אַ יידישער איבערזעצונג, אין אַ בוך וועגן דעם, וואָס עס האָט אַרויס־געגעבן די אַמאַליקע יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע אין ניו־יאָרק.

בענק. אַלץ איז דאָ אונדזערס, דערמאָנט מען אונדז נאָר אונדזער בירגער־לעכע פליכט צו האַלטן ציכטיק אונדזער פּלאַץ.

איך נעם זיך גוט אַריין אין זינען זייערע ווערטער בירגערלעכע פליכט. אין דעם צאַרס מדינה האָב איך אַזוינס ניט געהערט. אייגנטלעך בין איך טאַקע דאָרט ניט געווען קיין בירגער, נאָר אַ רעכטלאָזער אונטערטאַן. כ'בין מקנא די שווייצער יינגלעך זייער בירגערלעכן געפיל. כ'בין אָבער זיכער, אַז כ'וועל קריגן דעם דאָזיקן חוש, אַזוי גיך ווי כ'וועל קריגן אַ פאָ־טערלאַנד און ווערן אַ בירגער.

***

מיט יעדן טאָג ווער איך דאָ אַלץ מער היימיש. איך לייען די טעגלעכע צייטונג „דער בונד", דעם אָרגאַן פון דער „פרייזיניקער פּאַרטיי". אַזוי גיך אָבער, ווי כ'הויב אָן לייענען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע וואָכנבלאַט „טאַגעוואַכט" זע איך איין, אַז די הערשנדיקע, בורזשואַזע פרייזיניקע פּאַר־טיי איז קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פּויערים, און פון די שווייצער פאָלקסמאַסן בכלל. כ'ווער דורכדעם פאַראינטערעסירט אין יעדער שטאָטישער, קאַנטאָנאַלער (פּראָווינציעלער) און נאַציאָנאַלער (אַל־שווייי־צאַרישער) פראַגע. כ'רייס אָפּ צייט פון עסן און רוען כדי צו קאָנען זיצן ביי פאַרהאַנדלונגען אין שטאָטראַט, ווי אויך אין פּאַרלאַמענט און אין סע־נאַט. איך געפין אויס זאַכן, וואָס שאָקירן מיך צוערשט און געפעלן מיר שפּעטער. למשל, כ'זע אַז ביי געוויסע פראַגן שטייען די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פאַרשטייער פאַר די קלעריקאַלן און קעגן די פרייזיניקע. פאַר־שטיי איך ניט צוערשט וואָס דאָ קומט פאָר. טעאָרעטיש דוכט מיר זייַנען די ליבעראַלן און די פרייזיניקע נעענטער צו די אינטערעסן פון פאָלק. פּאַרטיף איך זיך אין דעם ענין, באַטראַכט די זאַך גענויער אין אַלע איינצל־הייטן. איך געפין דעמאָלט אויס, אַז די ווירקלעכע אינטערעסן פון די אַרבעטער זייַנען נעענטער צו די פון פּויערים, כאָטש יענע ווערן געפירט פון קלעריקאַלן. כ'זע אויך איין, ווי אַזוי צייטנווייז גייען איין אָט דיביידע הערפּאָשנע טיילן פון פאָלק אויף אַ בשותפותדיקער פּאָליטיק קעגן דער פרייזיניקער בורזשואַזיע. למשל, די פּויערים זייַנען מסכים צו שטימען פאַר עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען פאַר די אַרבעטער, אויב די לעצטע וועלן שטימען קעגן דער פרייזיניקער פּאַרטיי, וואָס וויל צומאַכן אַ צאָל רעלי־גיעזע שולן, וועלכע די פרומע פּויערים ווילן אָנהאַלטן. די קאָנסערוואַטיווע פּויערים ברענגען אַ קרבן מיט זייער שטיצן די סאָציאַליסטן. די אויפגע־קלערטע ניט־רעליגיעזע אַרבעטער ברענגען אַ קרבן, וואָס זיי לאָזן פאַר־שטאַרקן די רעליגיע אין דאָרף. די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פּוי־עריםליידן אָבער ניט פון אַזוינע צייטווייליקע אָפּמאַכן.

אַט אַזוי הויב איך אָן באַטראַכטן יעדע פראַגע ניט לויט דאָגמעס, נאָר לויט דיווירקלעכע אינטערעסן פון די אַרבעטער און פון די אָרעמע פאָלקסמאַסן בכלל.

קאַפּיטל אַכט און זיבעציק

איך באַזוך פּראָפעסאָר לודוויג שטיין

איך באַזוך פּראָפעסאָר לודוויג שטיין אין זיין רייכער היים. כ׳וויל פון אים פערזענלעכע אָנווייזונגען וואָס צו לייענען, צו זיין גוט צוגעגרייט צו זיינע לעקציעס. ער פרעגט מיך אויס וועגן אַלץ, וואָס כ׳האָב געלייענט אין העברייאיש וועגן דער יידישער „רעליגיאָנס-פילאָסאָפיע״, ווי אויך וועגן די פילאָסאָפישע ווערק, וואָס זיינען איבערזעצט פון אַנדערע שפּראַכן. ער דריקט אויס זיין צופרידנקייט מיט מיין לייענען די שריפטן וועגן לאָגיק פון רמב״ם און אַנדערע פילאָסאָפן, ווי אויך דר. שלמה רובינס העברייאישע איבערזעצונגען פון שפּינאָזע א. ד. גל. וואָס איז נוגע (נויגעיע) זיינע לעקציעס, ראָט ער מיר זיך איינצושאַפן פּראָפעסאָר פאַלקענבערגס „געשיכטע פון דער נייערער פילאָסאָפיע״ (די 3-טע פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון 1898) און אַ האַנט-בוך פון פילאָסאָפיע, וואָס אַנטהאַלט די לימודים פון מעטאַפיזיק (וואָס קאָן ניט דערקלערט ווערן דורך נאַטור-געזעצן), לאָגיק און פּסיכאָלאָגיע. אַ חוץ דעם זאָל איך תמיד נעמען אין ביבליאָטעק די ווערק פון יענע פילאָסאָפן, וועמעס אידייען ער דערקלערט אין זיינע לעקציעס, און אויך קונאָ פישערס ביכער וועגן זיי. און כדי צו זיין באַקאַנט מיט זיינע אייגענע אידייען, זאָל איך קריגן אין ביבליאָטעק זיין בוך „די סאָציאַלע פראַגע אינעם ליכט פון דער פילאָסאָפיע.״

פאַרן אָוועקגיין שטאַמל איך אַרויס, שעמעוודיק, מיין בקשה מיך צו אָפּרייען פון צאָלן פאַר זיינע לעקציעס. ער ענטפערט מיר מיט אַ שמייכל: „זייט נאָר פלייסיק, הער מאַרמאָר, דאָס איז מיין בעסטער לוין.״

דעם זעלביקן טאָג שאַף איך זיך איין די דריי דערמאָנטע ווערק. די ערשטע צוויי קויף איך. דעם דריטן אַנטליי איך און הויב עס אָן תיכף לייענען.

לודוויג שטיינס ענציקלאָפּעדיש ווערק באַלייכט די סאָציאַל-פילאָסאָפיע פון די עלטסטע צייטן ביז 1897 (ווען אָט דאָס בוך פון איבער 800 זייטן איז אַרויס אין שטוטגאַרט, דייטשלאַנד); פּראָפעסאָר שטיין איז דאָרט אַזוי ווי אין זיינע איצטיקע לעקציעס אומפּאַרטייאיש און אָביעקטיוו. ער פּריידיקט „סאָציאַלע סאָלידאַריטעט״ — זיין טאָלעראַנט צום צווייטנס סאָצי-

אַלע אידעאַלן. ער אונטערשטרייכט כסדר, אַז ער שטיצט זיך אויף די רע־זולטאַטן פון דער נאַטור־וויסנשאַפט, און ווענדט אָן אירע מעטאָדן אויפן געביט פון דער סאָציאָלאָגיע. דערפון, זאָגט ער, פאָלגט זיין „סאָציאַלער אָפּטימיזם”, וואָס האַלט פון דער פאַרפולקאָמענהייטס־פּייאיקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור”, איר אומאויפהערלעך שטייגן אַלץ העכער. ער שטרעבט דאַרום צו די אידעאַלן פון „די לעצטע טעג” פון ישעיה הנביא — „דער גלענצנדיקסטער געשיכטלעכער פאַרטרעטער פון אַן אוניווערסאַ־ליסטיש־געשטימטן אָפּטימיזם”. לודוויג שטיין דערקלערט, אַז ער זוכט, ווי ישעיה, די גליקזעליקייט פון מענטשן ניט ריקווערטס, אינעם פאַרלאָ־רענעם גן־עדן, ניט אין אַ „יענער וועלט”, נאָר אין דער צוקונפטיקער פאַר־פולקאָמענהייט פונעם מענטשן, אין דער אַנטוויקלונג פונעם מענטשלעכן מין צו אַלץ העכערער פולקאָמענהייט. ער האַלט, אַז פאַרלויפיק זיינען מיר נאָך ווייט ניט „פּערפעקט” און „יעדער צושטאַנד, אפילו דער בעסטער, איז נאָר אַ טרעפּל צום ווייטערן אויפשטייגן, אָבער ניט קיין שלוס”. ער מאַכט דער־פון דעם אויספיר, אַז „אין דער סאָציאַלער באַוועגונג, אין דער פאַרבעסע־רונג פון דער סאָציאַלער לאַגע פון אַלעמען, באַזונדערס אָבער פון די אָר־בעטנדיקע קלאַסן, דאַרף ניט פאַרקומען קיין אונטערברעכונג — סיידן אָפּ־צוכאַפּן דעם אָטעם פאַר נייע מעשים.”

אין זיין קלאַס איז פּראָפעסאָר לודוויג שטיין בכלל פונקט דער היפוך (הייפעך) פון אונדזער געשיכטע־פּראָפעסאָר, פּ. וואָקער. לודוויג שטיין איז ניט קיין צד פאַר אָדער קעגן די דענקער, וועלכע ער שילדערט. ווען ער דערמאָנט אָבער ברוך שפּינאָזען, רעדט ער וועגן אים מיט אַ באַזונדער וואַרעמקייט. זיין לעקציע וועגן לייבניץ און שפּינאָזע האָט מיר געקלונגען ווי פּ. וואָקערס לעקציעס וועגן לוטער און צווינגל, כאָטש ער, לודוויג שטיין, האָט, ווי תמיד, גערעדט רואיק און געמיטלעך. ער האָט געשיל־דערט שפּינאָזען פאַר אַ סך אַן אָרנטלעכן מענטשן און טיפערן דענקער, ווי לייבניץ (אין די דייטשע ביכער, אויך אין פאַלקענבערגס, וואָס פּ. פּראָפעסאָר שטיין, האָט מיר רעקאָמענדירט, פאַרנעמט לייבניץ אַ פּיל גרע־סערן פּלאַץ ווי שפּינאָזע). דאָס איז אָבער, מעגלעך, געווען צוליב שטיינס סימפּאַטיע פאַר אַ יידישן דענקער, וועלכער ווערט פון די דייטשע פּראָ־פעסאָרן שטאַרק געקריוודעט. וועגן שפּינאָזעס אידייען אָבער האָט ער גע־רעדט אַזוי אומפּאַרטייאיש ווי איבער אַלע אַנדערע. פאַרקערט, ער האָט אונדז גערעטן אויסצוקלייבן פאַר זיך אַ מילדערע פילאָסאָפיע (אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ זאַך, וואָס מ׳קאָן אויסקלייבן) . . .

אַזוינע באַמערקונגען רופן אַרויס ביי מיר אַ ווידערווילן. כ׳האָב גרויס רעספּעקט פאַר זיין אויסערגעוויינלעכער בקיאות און פאַר זיין וואונדערבאַרער הסברה. דאָך באַטייליק איך זיך אין אַ קאָלעקטיוון צווישן־רוף ביי זיינער

אַ לעקציע. דאָס איז געווען נאָך זיין דערקלערונג, אַז אידייען זיינען פאַר־איבערגייענדיקע דערשיינונגען, ווי אַלץ אין דער נאַטור. זיי וואַקסן, בליען און פאַרוועלקן. דערביי באַמערקט ער, אַז קיין אידייע קאָן ניט לעבן לענ־גער ווי צען יאָר... ניט צונויפגערעדטערהייט ברעכן מיר אים אונטער מיט דער פראַגע: „און וואָס איז וועגן מאַרקסיזם?!" פּראָפעסאָר שטיין בלייבט אַ וויילע אַפּהענטיק, נאָר ער קאָנטראָלירט זיך שנעל און ענטפערט אומגעפער אַזוי: „דער מאַרקסיזם לעבט, ווייל זיינע אָנהענגער ווערן פאַר־פּאַלגט און אונטערדריקט. ווען מ'וועט קאָנען דיסקוטירן דעם מאַרקסיזם אַזוי פריי און אָלזייטיק, ווי אַלע אַנדערע אידייען, וועט ער אויך ניט אויס־האַלטן מער ווי צען יאָר..."

פּראָפעסאָר שטיינס ענטפער האָט אים ניט צוגעגעבן קיין כבוד. קיי־נער האָט אים עפנטלעך ניט קריטיקירט. נאָר אין די שמועסן צווישן זיך האָט דער סטודענטישער עולם אים שטאַרק אויסגעלאַכט.

***

דורך דער היגער פּאָטשט האָב איך זיך אַבאָנירט אויף דעם בערלינער „פאָרווערטס" כדי עס צו קאָנען לייענען ביינאַכט אויף מיין קוואַרטיר, נאָכדעם ווי כ'וועל פאַרטיק מיט אַלע מיינע לימודים. אין דער ליטעראַרי־שער ביילאַגע לייען איך קלאַראַ וויביגס שפּאַנענדיקן ראָמאַן פונעם קינסט־לער־לעבן, וואו דער הויפּט־העלד איז לודוויג יאַקובאָווסקי, דער פאַרפאַ־סער פונעם קונסט־ווערק „ווערטער דער יוד"*). נאָר אַ סך מער בין איך פאַראינטערעסירט אין דער דיסקוסיע אינעם הויפּט־בלאַט וועגן „רע־וויזיאָניזם" (רעווידירן די טעאָריע פון מאַרקסיזם), אָדער בערנשטייני־אַניזם, ווי מ'רופט עס אויפן נאָמען פונעם אַלטן דייטשן סאָציאַל־דעמאָ־קראַט, עדואַרד בערנשטיין, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן מיט דער פאָדע־רונג פאַר דער דאָזיקער רעוויזיע. כ'לייען אויפמערקזאַםביידע צדדים און בין שוין אַליין אויך געוואָרן אַ צד. כ'האַלט מיט אויגוסט בעבל, ווילהעלם ליבקנעכט און קאַרל קאַאוטסקי און בין אַנטשיידן קעגן די רע־וויזיאָניסטן עדואַרד בערנשטיין, דר. דאַוויד, פאָן פאָלמאַר און זייערע מיטגייער.

---

*) זעקס יאָר שפּעטער, אין 1906, באַשטעל איך ביים ליטעראַטור־קריטיקער מ. לעאָנטיעוו (אינזשינער לעאָן מאָיסעיעוו) אַ רעצענזיע איבער יאַקובאָווסקיס ראָמאַן פאַרן וואָכנבלאַט „דער יידישער קעמפער", וואָס איך רעדאַקטיר דעמאָלט.

פון רעוויזיאָניסטישן צד מאַכט אויף מיר דעם שטאַרקסטן איינדרוק דר. דאַווידס קריטיק פון דער אַגראַר־פּאָליטיק פון די דייטשע מאַרקסיסטן. מיין אינטערעס אין דער אַגראַר־פראַגע און וואָס ס׳דאַרף זיין די שטעלונג פון דער אַרבעטערשאַפט צו די גרויס־ און קליין־פויערים האַלט דאָרום ביי מיר אין שטייגן. עדואַרד בערנשטיינס אידייען, אַז „דער ענד־ציל איז גאָרניט, די באַוועגונג — אַלץ״, זעט ביי מיר אויס ווי אַן אָפּזאָגן זיך פון סאָציאַליזם. פון רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישן צד געפעלן מיר באַזונדערס די מיינונגען פון ראָזע לוקסעמבורג.

אַזוי גיך, ווי כ׳האָב דערזען אַנאָנסירט איר בראָשור „רעפאָרם אָדער רעוואָלוציע״ בין איך אַריין אין דער רעדאַקציע פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „בערנער טאַגעוואַכט״ עס קויפן. דער רעדאַקטאָר, קאַרל מאָר, אַ הויכער, קרעפּטיקער מאַן, מיט אַ לייבן־שטים, שרייט אויף מיר אַן, וואָס איך רייד אַזוי שטיל וועגן אַזאַ רעוואָלוציאָנערער בראָשור. מ׳דאַרף, זאָגט ער, עס אויסשרייען הויך, אויפן קול (און ער טוט עס): „ר־רע־וואָ־לו־ציאָן!!!״ צום סוף לאַכט ער זיך פאַנאַנדער און באַמערקט גוטמוטיק, אַז ס׳מאַכט ניט אויס, ווי הויך איך זאָג עס אַרויס, אַבי כ׳רייד רעוואָלוציע. ער דערמוטיקט מיך אויך אַריינצוקומען אָפט אין רעדאַקציע פון „טאַגעוואַכט״ און אַרויסזאָגן פריי און אָפן מיין מיינונג וועגן אַלץ, וואָס כ׳לייען אין אָט דער צייטשריפט. ער וועט, זאָגט ער, מיט פאַרגעניגן מיך אויסהערן און מיך אויפקלערן וועגן דער שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו די אָנגעלעגנהייטן פון שטאַט און קאַנטאָן בערן, ווי אויך פון דער גאַנצער שווייץ.

די רעדאַקציע פון „בערנער טאַגעוואַכט״ איז אין „פאָלקס־הויז״, קום איך שוין דאָרט אויך אָפט צו אַלערליי פאַרזאַמלונגען און לעקציעס. כ׳הער דאָרט אויך פאָרטראַגן און דיסקוסיעס וועגן דער מאַרקסיסטישער טעאָריע און פּראַקטיק, פון אָרטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ווי אויך פון אויסלענדישע געסט, באַזונדערס פון דייטשלאַנד און עסטרייך.

כ׳לייען איצט אַ סך סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, און וואָס מער איך לייען, אַלץ נייגעריקער ווער איך צו וויסן מער. כ׳לייען דורך קאַאוטסקיס בוך וועגן מאַרקסיזם און הייב אָן לערנען מאַרקס׳ אייגענע שריפטן. דעם שטאַרקסטן איינדרוק אויף מיין געמיט מאַכט אָבער דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט״ פון מאַרקס און ענגעלס. זיין ערשטער טייל קלינגט מיר ווי אַ היינטצייטיקער נוסח פון דער נבואה פון עמוס, ישעיה און ירמיה, כאָטש אַלץ קומט דורך נאַטירלעכע אַנטוויקלונגען. כ׳ווער ניט מיד עס איבערצולייענען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און איך אַנטדעק תמיד טיפערע געדאַנקען ווי פריער. ס׳פּאָעטיזירט אויך צייטנווייז אין מיין פאַנטאַזיע, ס׳גיט מיר פליגל זיך צו דערהויבן הויך איבער די אַלפּן, און זען צוגלייך בילדער פון דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט און פון דער ווייטער, ליכטיקער צוקונפט.

***

צוליב מיין אָפטן באַזוכן פאַרזאַמלונגען און אויסהערן רעדעס אין פאָלקסהויז, שטאַטראַט און פאַרלאַמענט, ווער איך אַלץ מער און מער אַריינגעצויגן אין שווייצער אָנגעלעגנהייטן, באַזונדערס פון די אַרבעטער און פויערים. כ׳ווער באַקאַנט מיט דר. וואַסיליעוו, אַ רוסישער דאָקטאָר־מעדיצין, וואָס איז איצט אַ שווייצער בירגער און אַ מיטגליד פון שטאַט־ראַט. ער האַלט אויך לעקציעס אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּאַרטיי־לאָקאַל פאַר שווייצער הויז־פרויען וועגן היגיענע און פאָלקס־מעדיצין. כ׳בין אָבער דער עיקר פאַראינטערעסירט אין זיין שטעלונג צו דער אַנגעוויי־טאָגטער פראַגע וועגן סיכסוכים צווישן די שווייצער און אויסלענדישע (איטאַליענער) בוי־אַרבעטער.

די שווייצער בוי־אַרבעטער האָבן ניט דאַקעגן, וואָס די אַרבעטס־געבער שטעלן אָן אויסלענדישע אַרבעטער, בעת עס איז פאַראַן אַ סך בוי־אַרבעט, און זיי (די שווייצער בוי־אַרבעטער) אַליין זיינען ניט בכוח עס דורכצופירן. אַזוי גיך אָבער ווי דער בוי־סעזאָן ענדיקט זיך, דערזעען די שווייצער אין די איטאַליענער אַרבעטער קאָנקורענטן און פאָדערן מ׳זאָל זיי אָפּשיקן צוריק אין איטאַליע. דאָס טוט זיך אָבער ניט אַזוי לייכט, ווי ס׳רעדט זיך. פאַראַן איטאַליענער, וואָס היימישן זיך איין אין דער שווייץ און קאָנען זיך ניט מער צופּאַסן צו די שלעכטע איטאַליענישע אַרבעטס־באַדינגונגען. דר. וואַסיליעוו זוכט דאַרום מיטלען ווי אַזוי צו באַשיצן די איטאַליענער אַרבעטער קעגן פאַרפאָלגונגען און אויסווייזונגען. פאַראַן שווייצער „פּאַטריאָטן", וואָס העצן די צוריקגעשטאַנענע טיילן פון דער שווייצער אַרבעטערשאַפט, צו באַפאַלן די „פרעמדע" און זיי פאַרטרייבן פונעם לאַנד מיט געוואַלט. די צוריקגעשטאַנענע אַרבעטער פאָדערן, אַז דער שטאַטראַט זאָל דורכפירן אַ געזעץ אַז אויסלענדער זאָלן ניט טאָרן אַרבעטן אין דער שווייץ. פאַרשיידענע פּאָליטיקאַנטן זיינען גרייט צו שטיצן אַזוינע פאָרשלאָגן כדי צו געווינען איינפלוס אויף די הינטערשטעליקע שווייצער אַרבעטער. מעסיקע סאָציאַליסטן ווילן זיך דעריבער ניט אַריינמישן, כדי מ׳זאָל ניט זאָגן, אַז די סאָציאַליסטן שטייען מיט די „פרעמדע" קעגן די „אייגענע". דר. וואַסיליעוו אָבער האַלט, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער דאַרף שטיין העכער פון אַזוינע עגאָאיס־טישע חשבונות. ער האָט דעריבער צוזאַמענגענומען די איטאַליענישע בוי־אַרבעטער מיט זייערע פרויען און קינדער, און דורכגעפירט מיט זיי אַ דעמאָנסטראַציע ביים שטאַטראַט. כ׳בין געווען, דוכט מיר, דער איינצי־קער סטודענט, וואָס האָט מיט זיי צוזאַמען דעמאָנסטרירט. כ׳האָב עס געטאָן ניט נאָר ווי אַ סאָציאַליסט־אינטערנאַציאָנאַליסט, נאָר אויך ווי אַ ייד, וועל־

כער האַלט פון דער תורה פון די נביאים וועגן גלייכהייט פון פרעמדן און אייגענעם, פון אַלטגעזעסענעם און איינגעוואַנדערטן.

די לערע פון די נביאים ניט צו קריוודן אויך פויגל האָט מיך באַוועגט זיך אַנצושליסן אין אַ קליינער גרופּע שווייצער סטודענטן, וועלכע זיינען קעגן דעם אויסשיסן מאַסן אומשולדיקע פויגל. מיר האָבן צוזאַמען זיך באַנוצט מיטן שווייצער געזעץ פון „איניציאַטיווע", פאַרצושלאָגן נייע געזעצן דורך פּעטיציעס, צו זאַמלען אונטערשריפטן אויף אַ פּעטיציע צו באַשיצן די פויגל. כ'האָב זיך תיכף אַליין אונטערגעשריבן אויף דער פּעטיציע און געהאָלפן זאַמלען אונטערשריפטן פאַר דעם.

אַריינגעטאָן אין סאָציאַלע פראַגן, בין איך ניט געווען גענוג אויפמערקזאַם צו די נאַציאָנאַלע. כ'בין דערפאַר געווען איבערראַשט, ווען אַ יונגער דעפּוטאַט פון אַ איטאַליעניש־ריידנדיקן קאַנטאָן האָט געהאַלטן אין פאַרלאַמענט אַ רעדע אויף איטאַליעניש, כאָטש די דעפּוטאַטן פאַרשטייען נאָר דייטש און פראַנצויזיש. כ'פרעג אים נאָכדעם, פאַרוואָס ער האָט גערעדט אין אַ ניט־פאַרשטענדלעכער שפּראַך? ער דערקלערט מיר, אַז ער האָט עס געטאָן בכיוון: ערשטנס, צו דעמאָנסטרירן אַז די קליינע איטאַליענישע מינדערהייט האָט אַזאַ רעכט אויף איר שפּראַך און קולטור, ווי די דייטש־און פראַנצויזיש־ריידנדיקע מערהייט. צווייטנס, צו שיקן אין זיין קאַנטאָן די רעדע געדרוקט אינעם פּראָטאָקאָל פונעם פּאַרלאַמענט, דער עולם דאָרט זאָל זען זיינע ווערטער געטרוי, ווי ער האָט זיי גערעדט אין זייער אייגענער שפּראַך.

דעם דעפּוטאַטס דערקלערונג מאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. אין מיין זכרון וואַכט אויף דער שילד פון מיישעגאָלער פּאָטשט, וואָס האָט „שטרענג פאַרבאָטן" צו ריידן דאָרט אין פויליש, כאָטש דאָס איז די מוטער־שפּראַך פון כמעט אַלע פויערים אין דאָרף. כ'דערמאָן זיך אויך דעם שפּראַכן־קאַמף און די געשלעגן אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט פון וועלכע כ'האָב געלייענט אין דער פּרעסע, ווי אויך די געשעענישן אין פּרייסן, וואו מ'האָט געשמיסן פּוילישע שול־קינדער פאַר זייער עקשנותדיקן האַלטן זיך ביי זייער שפּראַך. כ'באַשליס זיך מער צו פאַראינטערעסירן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און זיך נעענטער באַקענען מיט דער ליטעראַטור וועגן דעם.

קאַפּיטל ניין און זיבעציק

די נייעס וועגן פּאָגראָם אין ניקאָלאַיעוו

די נייעס וועגן פּאָגראָם אין ניקאָלאַיעוו (אין מאַי, 1899) ענדערט מיין אַרט לעבן אין בערן.

אין מיין דאָרף אין ליטע האָבן די פּוילישע פּויערים זיך באַנומען פריינטלעך צו מיינע עלטערן און משפּחה. ווען כ׳האָב געהערט פון פּאָ־גראָמען אויף יידן, זיינען עס געווען אין אוקראַינע אָדער רומעניע. די ידיעה וועגן אַ פּאָגראָם אין דעם פאַר מיר ווייטן ניקאָלאַיעוו האָט מיך דאָרום ניט איבערראַשט. דאָך האָט די דאָזיקע טרויעריקע געשעעניש אַריינגעבראַכט אַן ענדערונג אין מיין איצטיקן לעבן.

דערוואוסט די נייעס האָב איך זיך אין דער „סטודענטן־קיך" אין דער היגער „רוסישער קאָלאָניע". אַ גרופּע עלטערע סטודענטן, מיט בערד פון אַלערליי קאָלירן, האָבן זיך שטאַרק געאַמפּערט וועגן דעם. געווען דאָרט אויך אַ צאָל פרויען, פיינע בכבודיקע דאַמען — סטודענטקעס פון מעדיצין. די דיסקוסיעס ווערן געפירט אין רוסיש, נאָר די רעדנער זיינען קענטיק אַלע יידן. מער פון זיי אַלעמען האָט זיך געהיצט אַ מיטליאָריקער מאַן מיט אַ קיילעכדיק־ברוינער באָרד. כ׳דערוויס זיך, אַז דאָס איז אַ סטודענט סירקין, וועלכער שטודירט שוין איבער צען יאָר אין פאַרשיידענע אוניווער־זיטעטן. ער איז אָבער פאַרנומען דער עיקר מיט כלל־זאַכן. די סימפּאַטישע בלאָסע פרוי, וועלכע זיצט ניט ווייט פון אים, איז זיין ווייב בתיה אָסנאָס, אַ סטודענטין פון מעדיצין. ער אַליין איז אויך דעם סעמעסטער (זומער 1899) פאַרשריבן אין מעדיצינישן פאַקולטעט. נאָר קיינער גלויבט ניט, אַז דער דאָזיקער כלל־טוער וועט ווען עס איז געפינען צייט אויסצושטודירן פאַר אַ דאָקטאָר־מעדיצין *).

די מערהייט האָט געפאָדערט, אַז די רוסישע קאָלאָניע זאָל תיכף אַרויס־שיקן אַ פּראָטעסט אין דער רוסישער פּרעסע, ווי אויך אין אַנגעזעענע צייטונגען פון אַנדערע לענדער קעגן דעם ניקאָלאַיעווער פּאָגראָם. די קעגנער פון אַ פּראָטעסט זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון דעם קאַנדידאַט אויף „דר. פילאָסאָף", סאָלאָמאָן גראָסמאַן, אַ הויכער מאַן מיט אַ טונקעלן פּנים און אַ קיילעכדיקער פעך־שוואַרצער באָרד, וואָס זעט אויס אין זיינע טיף־בלויע ברילן, ווי דער מיישעגאָלער „סמאָטריטעל" (פּאָטשט־באַאַמטער). ה׳ גראָס־מאַן רעדט רוסיש ווי אַן עכטער רוס. ער האַלט זיך רואיק, כאָטש זיין פּנים איז בייז. ער גיט אַן אַלערליי אַרגומענטן פאַרוואָס די רוסישע קאָלאָניע דאַרף זיך ניט אַריינמישן אין אָט דעם ספּעציעלן יידישן ענין. זיינע טענות געפעלן מיר ניט. איך וואַרף אויף אים אַן אומחן. מיר דוכט, אַז אַ חוץ וואָס ער איז אַן אַסימילאַטאָר, האָט ער אויך ניט קיין שום סימפּאַטיע מיט די פּאָגראָם־געליטענע. צו מיין צופרידנקייט הער איך, אַז עס וועלן פּראָטעס־

*) נחמן סירקין שרייבט שפּעטער אויף אַ דיסערטאַציע וועגן ליטעראַטור און קריגט דערפאַר דעם טיטל „דר. פילאָסאָף."

טירן ניט נאָר די רוסישע קאָלאָניע, נאָר אויך די בערנער יידן און די שווייצער סאָציאַליסטן.

איך באַקאָן זיך ביי דער געלעגנהייט מיט אַ סך יידישע סטודענטן און סטודענטקעס. מיט אַ צאָל פון זיי ווער איך נאָענטע חברים, כאָטש זיי זיינען שוין עלטערע אָדער לאַנג־יאָריקע סטודענטן, ווי יעקב־מאיר זאַלקינד, פון קאָברין, שאַרל (יחזקאל) וואָרטסמאַן פון זוואניטש, רעבעקאַ געצאָווא פון מינסק אָדער האָמעל. די לעצטע ווערט מיר אַזוי נאָענט, אויב ניט נאָענטער, ווי חנה ליפשיץ פון ליבאַווע, וועלכע לייענט מיט מיר צוזאַמען סאָציאַליסטישע צייטונגען און זשורנאַלן אין דייטש.

רעבעקאַ געצאָווא איז די ייִנגערע שוועסטער פון דער הויך־אָנגעזעענער סטודענטין־מעדיצין, סאָפיע געצאָווא, וועלכע לערנט שוין דאָ אַ פינף יאָר, און ווערט דאָ באַטראַכט פאַר דער נאָענטער פריינדין, אָדער אויך כלה, פון דעם כעמישן פריוואַט־דאָצענט, דר. חיים וויצמאַן, אין גענף (זשענעווע), וועלכער קומט אָפט קיין בערן. רעבעקאַ איז ניט אַזוי הויך געוואַקסן ווי סאָפיע, וועלכע איז אין איין וואוקס מיט דר. וויצמאַן, און אַזוי דאַר, בלאַס און טונקל ווי ער. זי, רעבעקאַ, איז מונטערער און איר פנים איז ליכטיקער און פריינטלעכער ווי ביי איר עלטערער שוועסטער. זי רעדט צו מיר אַ סך וועגן איר טאַטן, און איז שטאַרק צופרידן, וואָס כ׳האָב געלייענט זיין העבּרייאיש ווערק וועגן דעם לעבן פון די יידן אין בבל, אין צייט פון תלמוד.

שאַרל, אָדער יחזקאל, וואָרטסמאַן, איז אַ היץ־קאָפּ. אַנומלט איז ער געווען גרייט זיך צעפּאַטשן מיט דעם פון אים עלטערן און קרעפטיקערן טימאָפיי (צמח) קאפּעלזאָן פון ווילנע און פּאָנעוועזש. ניט זייענדיק נאָך דעמאָלט באַקאַנט מיטביידן, און אַלס אַ יונגער נייער סטודענט, האָב איך דאָך געוואַגט צו באַמערקן, אַז ס׳איז ניט שיין אַזאַ באַנעמונג אין עס־צימער ביים מיטאָג, און נאָך דערצו ניט צוליב פּרינציפּן פון אידעאַלן, נאָר צוליב אַ טעלער זופּ א. דג. דער עלטערער, קאָפּעלזאָן מיט די לאַנגע וואָנצעס, האָט געשוויגן, נאָר וואָרטסמאַן איז אויפגעשפּרונגען גרייט צו אַ נייעם סקאַנדאַל. ער קילט זיך אָבער שנעל אָפּ, ווערט מיט מיר באַקאַנט און מיר ווערן גאָר נאָענטע פריינט.

יעקב־מאיר זאַלקינד, הויך, ברייט, אַ ריז קעגן מיר, מיט אַ שפּיציק שוואַרץ בערדל און מיט אַ פּאָר לאַנגע אויסגעוואַקסטע וואָנצעס אַלאַ־קייזער ווילהעלם דער צווייטער, מאַכט צוערשט אויף מיר ניט קיין גוטן איינדרוק, אַפּנים טאַקע צוליב די מיט וואַקס־אויסגעפּלאָכטענע וואָנצעס. באַלד אָבער ווערן מיר „ידידים אהובים", באַזונדערס צוליב אונדזער ביידנס געמיינשאַפטלעכער ליבע פאַר העברייאיש (מיין צווייטער נייער פריינט, וואָרטסמאַן, איז גראָד אַ „זשאַרגאָניסט"). יעקב־מאיר זאַלקינד איז אַ לאַנג־יאָריקער סטודענט, כאָטש ער איז אַ סך ייִנגער פון נחמן סירקין. ער גיט

זיך אָפּ מיט כלל־אַרבעט, נאָר ניט אַזוי פיל, ווי יענער, וועלכער איז אַ סאָציאַליסט. ער, זאַלקינד, געהערט צו די „פראַנקפורטער פרומאַקעס״, וועלכע טראָגן „טלית־קטנס״ און עסן נאָר כשר. ער קריגט טאַקע צוגעשיקט כשרע מאכלים, מיט פלאָמבעס פון רבנים, אַזוי ווי מיין עלטער־באָבע אין בערלין. ער איז אַ שפּראַכן־קענער, אַ למדן, אַ תלמיד פון וואָלאָזשינער ישיבה, און אַ מיוחס, שטאַמט פון רבנים און רביים; כ׳גיב אים ניט אָן מיין באָבעס יחוס, נאָר זאָג אים, אַז כ׳שטאַם פון דאָרף־יידן, בין אַ „פריי־געזאָנענער״ און אַ סאָציאַליסט, נאָר דאָס שטערט אים ניט צו ווערן מיט מיר אינטים, ווי כ׳וואָלט געווען זיינער אַ ייִנגערער ברודער. ער באַקענט מיך אויך מיט אַ גרופּע גאַליציאַנער סטודענטן (בנימין גריל, יוסף־מענדל זינרייך, יוסף זעליגער און מאָזעס (משה) מערגעל. יעדער איינער פון זיי, אַחוץ יוסף זעליגער, פּלאַנט צו ווערן אַ דר. ראַבינער. יוסף זעליגער פון סניאַטין, זעט מיר אָבער אויס צו זיין מער למדן און פרומער פון זיי אַלעמען*).

פון דער אַנדער זייט ווער איך נאָענטע פריינט מיט אַ סערבישן סטודענט, אֶליאַ מ. עגאַנאָוויטש, אַ ברודער פון אַ רעגירונגס־מאַן אין בעלגראַד. ער שטודירט פאַר אַדוואָקאַט, איז פון נאַטור אַ פריילעכער, נאָר איז כסדר פול מיט שרעק פאַר אַ „הויף איבערקערעניש״ אין בעלגראַד, וואו זיין עלטערער ברודער קאָן פאַרלירן זיין לעבן און ער (אֶליאַ עגאַנאָוויטש) וועט בלייבן אַ הילפלאָזער...

וויניקער נאָענט בין איך מיט מאָזעס אנשער פון ראַדאָם, כאָטש מיר אַמפּערן זיך אָפּט וועגן סאָציאַליזם. ער וויל ניט ליידן, ווען כ׳זאָג, אַז ווען ער זאָל זיין אַן אָרעמער סטודענט, וואָלט דער סאָציאַליסטישער אידעאַל ניט אַרויסגערופן ביי אים אַזאַ ווידערווילן. נחום ברוק פון טשערניגאָוו, אַ זייער קורצזיכטיקער, אַ ברודער פון דעם ציוניסטישן פירער ברוק, און זיין חנעוודיקע שוועסטער שרה, אַ סטודענטין מעדיצין (מיר דיסקוטירן אַמאָל וועגן ציוניזם). יהושע גוטענסקי, פון נאָוואָרידאָק, וועלכער באַרימט זיך פאַר מיר מיט זיין בריהשקייט אַרויסצוקריגן פון וואוילהאָבנדיקע מענטשן די מיטלען פאַר זיין שטודירן. מיר קומט פאָר, אַז שנאָרעריי איז ניט אַזאַ חשובע „קונץ״, נאָר כ׳וויל אים ניט וויי טאָן. ער לעבט דאָך דערפון.

---

*) ער ווערט שפּעטער, אַלס דר. יוסף זעליגער הלוי, דער גרינדער און אָנפירער פון דער העברייאישער גימנאַזיע „תחכמוני״ פאַר קינדער פון פרומע עלטערן אין ארץ־ישראל. כ׳באַזוך אים דאָרט און עקזאַמעניר זיינער תלמידים (יפו, 1907—1908). נאָך זיין פריציייטיקן טויט קאָרעספּאָנדיר איך אַ געוויסע צייט מיט זיין אלמנה, לאה זעליגער, אין ירושלים, וועלכע פאַר־עפנטלעכט אַ דיקן באַנד שריפטן פון זיין ליטעראַרישער ירושה.

כסדר נעענטער ווער איך מיט ירחמיאל אווערבוך פון ריגע. אַ הויכער, קרעפטיקער יונגערמאַן מיט בלאָנדע וואָנצעס, זעט ער אויס ווי אַן עכטער דייטש. ער איז אָבער אַ וואוילער ייד און ציוניסטיש געשטימט. משה אויערבאַך פון סעבעזש און וויטעבסק, וועלכער לייענט און שרייבט העב־רייאיש, און אַ רייע אַנדערע. כדי מיינע פריינט און באַקאַנטע, די אַלטע און נייע, זאָלן קאָנען קומען צו מיר אויפן קוואַרטיר אומגעשטערט, קלייב איך זיך אַרויס פון מיין שטילער דירה ביי דעם אַלטן, רואיקן פאַר־פאַלק. כ׳נעם אַ צימער ביי אַ סטאָליער־אַרבעטער, פאול היגין, ניט ווייט פון טייך און נאָענט צו די לעקציע־זאַלן פון פילאָסאָפיע, אין דער אַלטער טורמע. דאָרט, אין מאַרצעלי שטראַסע, 2, קאָן מען צו מיר קומען אין יעדער צייט, פאַר־ברענגען, דיסקוטירן, מאַכן טומל, אַזוי ווי אויף אַלע אַנדערע סטודענטישע קוואַרטירן. לכבוד שבועות גיי איך אַריין מיט אַ פּאָר פריינט אין דער שיין־אויסגעפּוצטער סינאַגאָגע פון די בערנער יידן, וואָס איז פול מיט גרינס און בלומען. מיר עסן נאָכדעם אַ מאָלצייט ביי אַ יידישער פרוי, וואָס קאָכט היי־מישע מאכלים.

צוליב מיינע פילע פריינט און באַקאַנטע קויף איך אַ קאָך־מאַשינקע און אַ קענדל צו קאָכן טיי. כ׳האַלט אויף שטענדיק גרייט אין צימער דעם נויטיקן כיבוד צו טיי.

דער סטאָליער, זיין פרוי און קינדערלעך זיינען אַלע זייער פריינטלעך צו מיר. די מיידעלעך שטעלן אַוועק אויף מיין טיש פרישע בלומען יעדן טאָג. כ׳באַדעק די ווענט מיט שיינע נאַטור־סצענעס פון שווייצאַריע און קונסט־בילדער, וואָס כ׳קויף אין בוכהאַנדלונגען אַזוי, אַז מיין ריין, ליכטיק און דופטנדיק צימער זעט אויס נאָך פיינער ווי מיין פריערדיקס.

*
**

זאַלקינד, זעליגער און איך גרינדן אַ העברייאישן פאַראיין. מיר הענגען אויף אויפן אָפיציעלן טאָוול אין קאָרידאָר אַן אויפרוף צו גרינדן אַ העב־רייאיש־ריידנדיקן פאַראיין *).

אין אונדזער אויפרוף ווענדן מיר זיך צו „אַלע אונדזערע ברידער יידן, סטודענטן פון בערנער אוניווערזיטעט, וועלכע פאַרשטייען העברייאיש". מיר דערקלערן, אַז יענע פאַרצייטיקע פעלקער, וועלכע זיינען אין גאַנצן געוואָרן פאַרשוואונדן און פאַרגעסן, זיינען דערצו געקומען צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך אַסימילירט מיט זייערע אונטערדריקער און פאַרגעסן זייער

*) דער אָריגינעלער אָנוואורף אין מיין האַנטשריפט געפינט זיך נאָך אין מיין אַרכיוו.

אייגענע שפּראַך. „דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן לעבן, ווייל ס׳האָט ניט פאַרגעסן זיין שפּראַך און זיין קולטור". דאָ וואו זי האָט ניט געקאָנט מער אָנ־געהאַלטן ווערן ווי אַ ריידנדיקע שפּראַך איז זי אָנגעהאַלטן געוואָרן שריפט־לעך. זי לעבט און בליט נאָך היינט אויך, און ווען די אַסימילאַציע וואָלט פון אונדז ניט אַוועקגעריסן אַזוי פיל כוחות וואָלט אונדזער שפּראַך נאָך גע־קאָנט קאָנקורירן מיט איר קולטורעלער רייכקייט אפילו מיט אירע גייסט־רייכע שוועסטער דייטש, ענגליש און פראַנצויזיש.

נאָכדעם ווי מיר שילדערן די פעלקער־דערוואַכונג אין 19־טן יאָרהונ־דערט, ווייזן מיר אָן, אַז דאָס שטאַרקסטע וואָפן אין אָט דעם קאַמף איז די שפּראַך. מיר דערציילן נאָכדעם, וואָס עס איז שוין געטאָן געוואָרן אויף אָט דעם געביט אין ברעסלוי, מינכען, בערלין א. אַז. וו. און מיר מאַכן דערפון דעם אויספיר, אַז מיר קאָנען אויך דאָ אין בערן גרינדן אַ העברייאישן פאַר־איין מיטן צוועק: „צו פאַרשטאַרקן דאָס קענען אונדזער שפּראַך מינדלעך און שריפטלעך פון די, וועלכע קענען זי פון פריער, און אויך לערנען די וועלכע קאָנען זי נאָך ווייניק אָדער גאָרניט". צולעצט טיילן מיר מיט, אַז דערווייל האָבן מיר געגרינדעט אַ צייטווייליקן קאָמיטעט, ביי וועמען מ׳קאָן אויסגע־פינען אַלע איינצלהייטן. אויף דער קומענדיקער זיצונג (שבת, ט"ז תמוז, 24־טן יוני), אין „קאַפע די קאָמערס", (גערעכטיקייט גאַס 79, 6:30 פאַרנאַכט) וועט אויסגעקליבן ווערן אַ שטענדיקער קאָמיטעט. אונטערגעשריבן זיינען:

יעקב־מאיר הלוי זאַלקינד, קאַנדידאַט פילאָסאָפיע, פּרעזידענט. יוסף זעליגער הלוי, תלמיד פילאָסאָפיע. ק. מרמר, סטודענט פילאָסאָפיע.

נאָכדעם ווי מיר האָבן אַרויסגעשטעלט דעם דאָזיקן אויפרוף, בין איך געשטאַנען אין אַ ווינקל אין קאָרידאָר און באַאָבאַכטעט ווער ס׳לייענט אים. דער ערשטער עס צו לייענען איז געווען פּראָפעסאָר לודוויג שטיין. ער האָט עס געלייענט גאַנץ אויפמערקזאַם.

אַ וואָך שפּעטער נאָך דער גרינדונג שטעלן מיר אַרויס אַ מיטטיילונג, אַז לעצטן שבת האָט זיך געגרינדעט דער פאַראיין „שפת עבר" (העברייאישע שפּראַך). „זיין צוועק איז 1) ריידן. 2) רעפעראַטן און 3) „אוראָקן". דאָס ריידן העברייאיש איז אַ פליכט פאַר מיטגלידער אָבער נאָר ביי די פאַרזאַמ־לונגען. ביי יעדער פאַרזאַמלונג — שבת אַרום 7:30 פאַרנאַכט — וועט אַ מיטגליד האַלטן אַ העברייאישן רעפעראַט, און ער קאָן זיך אויסקלייבן וואָס פאַר אַ טעמע ער וויל. דאָס האַלטן רעפעראַטן איז ניט קיין פליכט פאַר די מיטגלידער. די „אוראָקן" ווערן געגעבן אומזיסט" (פאַר אָנפאַנגער און פאַר־געשריטענע) און „לייענען און שרייבן, איבערזעצן און ריידן. דאָס לערנען וועט זיך אָנהויבן מיטן קומענדיקן סעמעסטער. — — — די צאָל מיטגלי־דער איז דערווייל 12 פּערזאָן. צום פאַראיין קאָן געהערן יעדער העברייער, און אויך העברייערין. די קענער ווי די ניט קענער. דער פאַראיין מאַכט ניט

קיין שום אונטערשייד צווישן מיטגלידער. די מיטגלידער טראָגן ניט די אויסגאַבן פון פאַראיין.״

אַלס ערשטער רעפעראַט פאַרן אַקאַדעמישן פאַראיין „דוברי עברית״ איז געווען אַנאָנסירט: „קאָראַן און עוואַנגעליום״, מיט מיר אַלס רעדנער. זאַלקינד האָט מיך צוגערעדט צו ריידן איבערן תנ״ך און קאָראַן. מיין ענטפער איז געווען, אַז וועגן דעם קאָן איך ניט זאָגן מער וויפל אברהם גייגער האָט שוין געשריבן. כ׳וויל אָבער עפּעס וואָס אַליין אויספאָרשן. כ׳האָב דעריבער אויסגעוויילט די טעמע „קאָראַן און עוואַנגעליום״.ביים בוכהאַנדלער קויפמאַן פון פראַנקפורט האָב איך געקראָגן צו קויפן אַ ניט פולן עקזעמפּלאַר פון קאָראַן, איבערזעצט אין העברייאיש פון צבי (הערמאַן) רעדענדאָרף. מיר שרייבן נאָכדעם אויס דעם פולן עקזעמפּלאַר פון לייפּציגער ביבליאָטעק.

מיין רעפעראַט האָב איך איינגעטיילט אין זעקס קאַפּיטלעך: 1) וואָס האָט מחמד גענומען פון דעם נייעם טעסטאַמענט פאַרן יסוד (יעסאָד) פון זיין גלויבן און רעליגיע? 2) זיין מיינונג וועגן די פאַרפאַסער פון די עוואַנגעליען און 3) וועגן דעם עוואַנגעליום בכלל? 4) זיינע דערציילונגען פונעם נייעם טעסטאַמענט. 5) זיין מיינונג וועגן די קריסטן. 6) אַ פאַרגלייך צווישן דעם קאָראַן און דעם עוואַנגעליום.

קאַפּיטל אַכציק

דער שווייצער זינגער-יום-טוב

די „אייד־גענאָסנשאַפט״, ווי די שווייץ רופט זיך אָן אויף אירע אָפיציעלע דאָקומענטן, פייערט איצט, אין דער ערשטער העלפט פון חודש יולי, 1899, איר גרויסן זינגער־יום־טוב.

צו אָט דעם נאַציאָנאַלן יום־טוב זיינען געקומען גאַנצע גרופּעס פאַרשטייער פון אַלע שווייצער כאָרן איבער דער גאַנצער וועלט, ווי אויך איינצלנע זינגער, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן וועלט־נעמען אַלס קאָנצערטיסטן אָדער אָפּערע־זינגער. זיי קומען פון אַ סך לענדער אין אייראָפּע, און אויך פון יענער זייט ים, באַזונדערס פון אַמעריקע, דרום־אַפריקע און אויסטראַליע. דער דאָזיקער יום־טוב קומט יעדעס מאָל פאָר אין אַן אַנדער קאַנטאָן. עלטערע באַזוכער זאָגן מיר, אַז זיי דערוואַרטן נאָך אַ מאָל צו זען אין בערן אַן אַל־שווייצער זינגער־יום־טוב, וואָס וועט דאָרט קאָנען פאָרקומען ערשט אין צענדליקער יאָרן אַרום. זיי זיינען מיר מקנא, וואָס איך בין יונג און קאָן עס נאָך דערלעבן. זיי זאָגן עס מיר פריינטלעך און ווינטשן מיר צו האָבן די זכיה דערצו.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער יום־טוב איז געווען אַנאָנסירט אין אוניווערזיטעט, און סטודענטן האָבן ניט געדאַרפט צאָלן דעם פולן פּרייז פאַר בילעטן, האָב איך דאָרט ניט באַגעגנט קיינעם פון די, וואָס זיינען מיר באַקאַנט פון דער רוסישער קאָלאָניע, אָדער פון די לעקציעס אין אוניווער־זיטעט. פון מיין זייט אָבער האָב איך זיך באַזאָרגט מיט איינטריט־קאַרטן צו די פּאַראַדן אין דער קאָלאָסאַלער פעסט־האַלע, וועלכע מ׳האָט ערשט אויפגעבויט פאַר אָט דעם צוועק, און מיט רעזערווירטע בילעטן פאַר די קלענערע זאַלן.

אין דער דערעפענונג אין פעסט־האַלע האָבן זיך באַטייליקט אַלע כאָרן. זיי זיינען אויפגעטראָטן אַלע צוזאַמען אין געזאַנג פון דעם שווייצער הימן: „אונדזער פאָטערלאַנד איז פריי! פריי! פריי!״ ס׳האָבן עס אויך מיטגע־זונגען די פילע טויזנטער באַזוכער. אַ סך האָבן דערביי געוויינט פון פרייד.

אַ געהויבענער מאָמענט איז דאָרט געווען, בעת דער פרעזידענט פון דער שווייצער רעפּובליק האָט פּרעזענטירט דעם אַלוועלטלעכן שווייצער זינגער־פאַרבאַנד מיט אַ נייער פאָן. באַזונדערס אָבער בין איך געווען פאַראינטע־רעסירט אין די געוועט־געזאַנגען צווישן די כאָרן אין די קלענערע זאַלן, טאָג נאָך טאָג, און די אַרויסטרעטונגען דאָרט, אין סאָלאָס, פון די באַדייטנדיקע שווייצער אָפּערע־זינגער און קאָנצערטיסטן, פרויען און מענער. יעדן טאָג זיינען אויך אַרויסגעטראָטן לכבוד די זינגער טורן־פאַראיינען מיט גימנאַס־טישע איבונגען; טאַנץ־גרופּעס אין די נאַציאָנאַלע קאָסטיומען פון אַלע קאַנטאָנען און פון די אַלפּן; אויך איינצלנע טענצערינס פון הויכן קינסט־לערישן ראַנג.

אין משך פון דעם יום־טוב האָב איך מיטגעלעבט מיט דעם שוויי־צער עולם, מיט זיינע זינגער, און מיט די אַנדערע קינסטלער. כ׳בין געווען פול התלהבות און עקסטאַז, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען מיין אייגענע שמחה. ערשט ווען דער יום־טוב איז געווען ביים סוף, און אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן זיך מיט מיר געזעגנט, ווי מיט אַ ברודער, זיך געקושט און געהאַלדזט, און דערביי ליב געשמייכלט דורך טרערן, האָב איך אָנגעהויבן נאָכטראַכטן: וואָס פאַר אַ מחותן בין איך דאָ געווען? האָב איך זיך דאָ ניט משמח געווען אויף אַ פרעמדער חתונה? כ׳האָב דאָ איצט באַקאַנטע סטודענטן און סטו־דענטינס אין די צענדליקער. נאָר אויסריידן דאָס האַרץ האָב איך זיך גע־שעמט אפילו פאַר אַזוינע שוועסטערלעכע מיטפילנדיקע, ווי רעבעקאַ געצאָוואַ און חנה ליפשיץ. כ׳האָב עס דעריבער נאָר אויסגעדריקט, פאַר זיך אַליין, אויפן פּאַפּיר.

אין אַ העברייאישער השתפכות הנפש (האַרץ־אויסגוס) האָב איך גע־שילדערט, ווי אַזוי כ׳בין איין אָוונט, אין חודש אָב תרנ״ט (יולי, 1899), צוריקגעקומען אויף מיין קוואַרטיר פון דעם שווייצער זינגער־יום־טוב, מיד

און פאַרמאַטערט. כ'וואַרף זיך אַרויף אויף מיין בעט. כ'קאָן אָבער ניט איינ־ליגן. מיין מוח איז פול מיט מחשבות און מיין האַרץ מיט געפילן, וועלכע זוכן אויסדרוק. איך שפּרינג אַרונטער פון געלעגער. לויף אַרום הין און צוריק איבערן צימער, נאָר די אומרואיקע מחשבות טרעטן ניט אָפּ פון מיר, און מיין האַרץ קלאַפּט שטאַרקער ווי מיינע טריט. כ'שטעל זיך אָפּ אַ ווייל, לייג אַרויף מיין האַנט אויפן האַרצן, אַזוי ווי כ'וואָלט דערמיט וועלן אָפּ־שטעלן זיין קלאַפּן. נאָכדעם זעץ איך זיך אַוועק אויף מיין בעט און הויב אָן איבערטראַכטן מיט אַ סדר מיינע מחשבות, און די ביטערע פראַגעס: פאַר־וואָס און פאַר ווען? צולעצט שטעל איך זיך אַוועק ווי אַ רעדנער פאַר אַן עולם און זאָג: „כ'האָב אויסגעפונען!" — דער ענטפער אויף אַט די אַלע פראַגעס איז: כ'בין אַ ייד! אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס האָט ניט קיין פאָטערלאַנד און איז אומעטום אַ מער־וויניקער, געדולדיקטער פרעמדער...

***

די יידישע סטודענטנשאַפט אין בערן באַשטייט כמעט אינגאַנצן פון אויסלענדער. זיי זיינען צום גרעסטן טייל געקומען פון ליטע, פוילן און רוס־לאַנד, עטלעכע אויך פון גאַליציע.

אין טעאָלאָגישן פאַקולטעט פאַר פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע גלחים זיינען נאַטירלעך ניטאָ קיין יידן. כ'זע אויך ניט קיין אויסלענדישע יידן צווישן די איבער 200 סטודענטן אין יורידישן פאַקולטעט, וועלכע באַשטייען כמעט אַלע פון שווייצער מענער. די גרעסטע צאָל יידן לערנען אין מעדיצי־נישן און פילאָסאָפישן פאַקולטעט. צווישן די אומגעפער 70 יידישע סטו־דענטן, וועלכע שטודירן מעדיצין זיינען איבער 60 פרויען (די גאַנצע סטו־דענטנשאַפט דאָרט באַשטייט פון אַרום 160 מענער און נאָענט פון 90 פרויען). אַ סך קלענער איז דער פּראָצענט יידן אין פילאָסאָפישן פאַקולטעט, וואו עס געפינען זיך בערך 70 יידישע — 50 מענער און 20 פרויען — צווישן די אומ־געפער 330 — 290 סטודענטן און 40 סטודענטינס, וועלכע שטודירן דאָרט איןביידע אָפּטיילונגען: אַלגעמיינע בילדונג און נאַטור־וויסנשאַפט.

פון אַט די אויסלענדישע יידישע שטודירנדיקע אין בערן קען איך שוין פּערזענלעך נאָענט פון אַ העלפט. אַרום צוויי דריטל פון די סטודענטן און אַ פערטל־חלק פון די סטודענטינס. זיינען, לויטן אלף־בית: אידל אַבראַ־מאָוו פון וויטעבסק; משה אווערבאַך פון סעבעזש; סאָלאָמאָן אורינאָווסקי; דוד אַלפּערן, אָדעס; מאָזעס אַנשער, ראַדאָם; די שוועסטער אידאַ און ליובאַ אַקסלראָד; הירש אַראָנאָוויטש, יעקאַטערינאָסלאַוו; ירוחם בלומשטיין, קורלאַנד; ער לערנט שוין דאָ אַרום פיר יאָר נאַטור־וויסנשאַפט, און רעכנט זיך פאַר אַ קענער פון כעמיע. אַ צאָל סטודענטן נעמען ביי אים

אוראָקן אויף אָט דעם געביט. ער איבערזעצט אויך פון דייטש אין יידיש סאָציאַליסטישע שריפטן פאַרן אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. חיים בלינקאָוו, יעקאַטערינאָסלאַוו; נחום ברוק און זיין שוועסטער שרה, טשערניגאָוו; יהושע גוטענסקי, נאָוואַרודאָק; רבקה געצאָוואַ און איר עלטערע שוועסטער סאָפיע, האָמעל; סאָלאָמאָן גראָסמאַן; בנימין גריל; ראָזע גרינבלאַט, וויטעבסק, וועלכע קומט אַזוי ווי איך פון דער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג. זי האָט אויך ענלעכע מיינונגען, ווי מיינע, וועגן דער וויכטיקייט פון אַ יידישער מדינה. ראָזאַליע דימשיץ, פאָלטאַווע; יוסף דאָבקין, ריגע — אַ הויכער מיט שוואַרצע וואָנצעס. ער איז כסדר צעטומלט און ווייס ניט, וואו ער איז אין דער וועלט. כ׳האַלט אים אָבער פאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן און בין מיט אים פריינט. כאַצקל וואָרטסמאַן, זוואָנעץ. ער פלאָנט איצט, ווי ער זאָגט מיר, צו ווערן אַ כעמיקער, און נאָכדעם אַרבעטן אין אַ זאַוואָד. פלאָראַ ווילענקין און מלכה זאַרעוויטש,ביידע פון ווילנע. מ׳האָט זיי פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַלס מיינע לאַנדס־מיידלעך, וועלכע איך קען מסתמא פון דער היים. נאָר מיינע באַקאַנטע מיידלעך אין ווילנע זיינען כמעט אַלע אַרבעטערינס. די צוויי האָב איך דאָרטן ניט באַגעגנט. מנחם מענדל זאַביעזינסקי, וויטעבסק. ער דערציילט איבער אַלץ וואָס ער ווייס פון מיין לעבן, און האָט פאַראינטערעסירט אַ סך צו פאָדערן פון מיר איך זאָל זיי דערציילן, אָדער גאָר אויפשרייבן, מיינע זכרונות, באַזונדערס — פון דאָרף און פון דער געהיימער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג... יעקב־מאיר זאַלקינד פון קאָברין *) יוסף־מענדל זינגרייך, סניאַטין, גאַליציע; שמואל זיק, קרינאק; מענדל זכות, קרייצבורג. ער זאָגט מיר, אַז ער שטאַמט פון אַן אַלטער משפחה, וואַרף איך אויף אים אומחן, ווייל איינער מיט אָט דעם פאַמיליע־נאָמען איז אַמאָל געווען אַ מסור... שפּעטער אָבער באַדענק איך זיך, אַז אַחוץ דעם, וואָס ער איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יענעמס זינד, האָט זיין משפחה בכלל קיין שום שייכות ניט צו יענעמס, און כ׳ווער צו אים פריינטלעכער. יוסף זעליגער, סניאטין, גאַליציע; סאָפיע טראַכטענבערג, קאָוונע; זי איז דאָ אַ טעטיקע סאָציאַליסטקע. וולאַדימיר יאָכעלסאָן, ווילנע; בעלאַ יודינאַ, וויטעבסק; חיים כישין, מיר — ארץ ישראל; ער איז דער קאָרעספּאָנדענט פון רוסיש־יידישן וואָכנבלאַט „וואָסכאָד“ און דער פּרעזידענט פון דער רוסישער קאָלאָניע. מיר זיינען גוטע פריינט, כאָטש ער איז כמעט צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי איך. ער געהערט צו דער גרופּע כאַרקאָווער סטודענטן פון אַרום צוואַנציק יאָר פריער, וועלכע זיינען נאָך די שוידערלעכע פּאָגראָמען אין אוקראַינע פון יענער צייט אַרויסגעטראָטן מיט דעם לאָזונג

---

*) שפּעטער רב אין קאַרדיף, ענגלאַנד; דערנאָך רעדאַקטאָר פון אַנאַרכיסטישן „אַרבייטער פריינד“, און איבערזעצער פון תלמוד אויף יידיש.

ביל״ו: „בית יעקב לכו ונלכה״. ווי איינער פון די „בילו׳צעס״ איז ער ביז ניט לאַנג צוריק געווען דאָרט אַ קאָלאָניסט. איצט וויל ער ווערן אַ דאָקטאָר־מעדיצין און דאָרט פּראַקטיצירן. יוליוס לאַעווע פון אונגאַרן; אברהם ליכטנשטיין: ער איז דער הויפּט פון דעם אַקאַדעמישן ציוניסטן־פאַראיין, וואו עס געהערן אויך מיינע פריינט זאַלקינד, זעליגער און וואָרטסמאַן. דער לעצטער דערציילט מיר, אַז דאָרט האָט אויך געהערט נחמן סירקין, נאָר מ׳האָט אים אויסגעשלאָסן, ווייל ער האָט אויפן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס באַליידיקט עפנטלעך דעם רוסישן קייסער און דערמיט געשטעלט אין געפאַר די פרייהייט פון די רוסלענדער דעלעגאַטן. חנה ליפשיץ פון ליבאַווע. זי זאָגט מיר, אַז זי וועט מעגלעך מוזן אויפהערן צו שטודירן מעדיצין. לינאַ מינקין־אַזוף; באַשע אַסנאַס־סירקין און איר מאַן נחמן פון מאָהילעוו; שאול־אייזיק סטופּניצקי *) פון ביעלסק; ישראל עפראָס, כאַרקאָוו; סאָפיע און לואיזע פּאָליאַקאָוו, אָדעס; אַנאַ פּערלין, סלוצק; ירוחם פּערלשטיין, וועמען איך טרעף חזרן פּושקינס לידער, ווייל ער וויל ניט „פאַרגעסן זיין רוסישע מוטער־שפּראַך״. יעקב פריידקעס פון אָדעס; שלמה פיינבערג, וויטעבסק; ער איז מיט מיר איינשטימיק, אַז נאַטור־וויסנשאַפט איז אָן אַ שיער וויכטיקער ווי פילאָסאָפיע. הירש פיינשטיין, מינסק; גוסטאַוו פריד, מינסק, בעריש קאַהאַן, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק; אסתר קאַהאַן, וויטעבסק, צמח (טימאָפיי) קאַפּלאַן, פּאָניעוועזש־ווילנע; מאַרקוס (מרדכי) קאַרנאָווסקי, טשערניגאָוו; חיה ראַבינאָוויטש, מינסק; מענדל ראָזענבוים, באָריסאָוו; איך באַגעגן אים אָפט אין קאָרידאָר פון די לעקציע־צימערן, וואו ער שמועסט מיט אַנדערע מיטל־יאַריקע סטודענטן. מ׳זאָגט מיר, אַז ער געהערט צו דר. זשיטלאָווסקיס רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. מיט אים אַליין האָב איך נאָך ניט גערעדט. שאַיע (ישעיה) ראָזענבערג **) פון קאָוונע. ער איז אַ היימישער עילוי און הויך־געלערנט אין סאָציאַלע וויסנשאַפטן, נאָר מישט זיך זעלטן אין עפנטלעכע וויכוחים. שמואל ראָזענפעלד (קאָוונע). איך זע אים אָפט אַרומגיין הין און צוריק אין קאָרידאָר און שמועסן מיט מיטל־יאַריקע סטודענטן. כ׳האָב גרויס דרך־ארץ פאַר אים אַלס שרייבער, וועלכן כ׳לייען שוין אַרום אַ צענדליק יאָר, זינט מיין בר־מצווה, סוף זומער 1889. כ׳קוק צו אים אַרויף ווי צו אַ „גדול בישראל״, כאָטש כ׳האָב אָפט אויף אים פאַר־

---

*) מחבר פון בוך „שפּינאָזע״ און פון אַנדערע ביכער; קומט אום אַלס „קדוש״ אין פּוילן.

**.) באַקאַנט אין אַמעריקע אונטערן נאָמען „ד״ר קאַרל פאַרנבערג״. ער און זיין פרוי מרים קאַמענעצקי האָבן געהערט צו מיינע נאָענטסטע פריינט אין שיקאַגאָ.

איבל, פאַרוואָס ער נוצט זיין שאַרפע פען אָנצופאַלן אויף אַנדערע יידישע גדולים. דוד ראַשאנסקי, ביאַליסטאָק; אברהם חיים שאַפּירא, סטאָל. ער האָט אַ שאַרפן מוח און איז באַהאַוונט אין פילאָסאָפיע; ער לערנט עס דאָ שוין דאָס צווייטע יאָר. ער איז תמיד צעטראָגן. ער גיט אויך כלל ניט אַכטונג אויף זיין הילוך. דאָס שטערט מיר אָבער ניט צו זיין מיט אים גוטע פריינט. מלכה שטיינבערג, סטאַרא־קאָנסטאַנטינאָווע. זי איז הויך, שלאַנק, מיט פלאַמענדיקע רויטע האָר און אַ פּנים „בלוט און מילך". זי איז תמיד פריילעך און איר געזונטער קלינגענדיקער געלעכטער איז אַ נחת צו הערן *). שטערקע שנייערסאָן (ליאדי), אַ טאָכטער אָדער אַן אייניקל פון אַ חסידישן רבין, וועלכע מ'האָט זי, ווי מ'דערציילט מיר, פון אים אַרויס־געגנבעט און געבראַכט קיין אויסלאַנד. זי זעט מיר אויס ווי פון אַנדער וועלט, מיט איר אַלבאַסטער־ווייסן פּנים און מיט אויגן, וואָס קוקן מער אין זיך ווי אין דרויסן **). יוליאַ שאַפּיראָ (סימפעראָפּאָל), זעט אויס העכסט אַריסטאָקראַטיש. רעדט געלאַסן און שמייכלט שיין. אין סימפעראָפּאָל געפינען זיך מיינע אַ פּאָר גליד־שוועסטערקינדער, אויסגעשטודירטע אַקושאָרינס. מיר ווילט זיך גריילעך וויסן עפּעס פון זיי, נאָר כ'וואָג ניט איר עס צו פרעגן. ס'דוכט זיך מיר, אַז אַזאַ אַריסטאָקראַטישע דאַמע, ווי זי איז, קען זיך נאָר מיט גרעפינס און פרינצעסינס.

אַחוץ אָט די אויסגערעכנטע יידישע סטודענטן און סטודענטינס קען איך אויך עטלעכע שווייצער און אַ פּאָר אויסלענדישע ניט־יידישע סטו־דענטן: דעם סערבישן פריינט אַליאַ עגאַנאָוויטש און דעם קורלענדער לאַטיש יאַהאַן קליאַווא. ער זעט מיר אויס עטוואָס ענלעך צו מיין פריינט ירחמיאל אַווערבוך פון ריגע ***), וועלכער איז אַפּנים דערוויל נאָר אַ

*) יאָרן שפּעטער טרעף איך זי אין ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע אַלס דענדיסטין. געוועזענע פרוי פון אינזשינער קאַצמאַן. זי איז תמיד געווען פאַראומערט. ס'איז געווען קענטיק, אַז זי גייט אַרום מיט אַ צעבראָכן געמיט.

**) שטערקע שנייערסאָן ווערט שפּעטער די פרוי פונעם יידיש־דייטשן דיכטער בערטאָלד פיוול (דער איבערזעצער פון מאָריס ראָזענפעלדס לידער אין דייטש, אילוסטרירט פון אפרים משה ליליען). כ'טרעף זי דעמאָלט אין זשענעווע, וואו זי איז שוין אַ גאַנץ אַנדערע און מאַכט דעם איינדרוק פון אַ לוסטיקער שטיפערישער פראַנצויזין.

***) ווערט שפּעטער אַ סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער טוער אין אַמעריקע, און צולעצט אַ טעטיקער ציוניסט.

פרייער צוהערער (דער בערנער אוניווערזיטעט האָט אַזוינע אַרום 90 מענער און פרויען), און וועט ערשט אַריינטרעטן אינעם אָנהויב פונעם ווינטער־סעמעסטער. ער קומט צו מיר אָפּט אין מיין צימער, אין אַ טאָל, וואו מ׳דאַרף אַרונטערגיין מאַסן טרעפּ, אָדער זיך אַרונטערלאָזן מיט אַ „דראָט זייל באַן״ (אַ וואַגאָן אויף אַ קייט). פון מיין צימער איז נאָענט צום טייך, וואו אונדזערע סטודענטן גייען זיך באָדן אין די איצטיקע הייסע טעג. אַנדערע לאָזן איבער ביי מיר אין צימער זייערע באָד־מכשירים און לויפן דורכן נאָענטן אונטערשטן וועג, וואָס פירט פון מיין גאַס צו די קלאַס־צימערן פון פילאָסאָפיש פאַקולטעט.

אַ היפּשער טייל פון מיינע באַקאַנטשאַפטן זיינען געשלאָסן געוואָרן אין די „אַקאַדעמישע פערטל שטונדען״ (יעדער פּראָפעסאָר הויבט אָן זיין לעקציע פּופצן מינוט שפּעטער פון דער באַשטימטער צייט *). מיט אַנדערע באַקאָן איך זיך ביים עסן אין דער קאָאָפּעראַטיווער קיך פון דער רוסישער קאָלאָניע און ביים באַזוכן איר ביבליאָטעק, ווי אויך אירע פאַרשיידענע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, וואו ס׳קומען אויך אַזוינע סטודענטינס און סטודענטן, וועלכע באַזוכן ניט צוליב וועלכער ס׳איז סיבה די לעקציעס אין אוניווערזיטעט. מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל פון אָט די באַקאַנטע ווער איך ביסלעכוויז נאָענטע פריינט.

קאַפּיטל איין און אַכציק

אַ מחלוקה וועגן טאַנצן תשעה־באב

די רוסישע קאָלאָניע אַראַנזשירט יעדן סעמעסטער אַ טאַנץ־אָוונט. די הכנסה גייט פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן: אויפצוהאַלטן די סטודענטישע קיך, די ביבליאָטעק, דעם ליי־און־הילפס־פאָנד א. אַז. וו. דער טאַנץ ווערט אַלעמאָל דורכגעפירט נאָענט פון סוף סעמעסטער, איידער די סטודענטנשאַפט הויבט זיך אָן פאַנאַנדערפאָרן אויף וואַקאַציע, אָדער זיך אומקערן צו אירע אויסלענדישע היימען. דאָס מאָל (זומער 1899) איז דער טאַנץ־אָוונט באַשטימט געוואָרן פאַרן 15־טן יולי, די נאַכט פאַר תשעה־באב.

---

*) אויב עמיץ קומט אַריין אין קלאַס נאָך אָט די 15 מינוט מאַכן די סטודענטן קעגן אים אַ דעמאָנסטראַציע דורך שאַרן מיט די פיס אויפן דיל. באַזונדער שטורעמדיק מאַכן עס די שווייצער, ווי כ׳האָב געהאַט די דערפאַרונג אין דעם געשיכטע־קלאַס פון דעם שווייצער פּראָפעסאָר וואָקער, וואו ס׳לערנען אַ היפּשע צאָל שווייצער סטודענטן.

אין דער צייט, ווען פרומע יידן זאָגן קינות און וויינען אויפן חורבן בית־המקדש.

אַזוי ווי די רוסישע קאָלאָניע באַשטייט פּאַקטיש כמעט נאָר פון יידן, האָבן נאַציאָנאַל־געשטימטע יידישע סטודענטן געפאָדערט מ׳זאָל אָפּליגן דעם טאַנץ אויף אַן אַנדער אָוונט. די פאַרוואַלטונג פון דער קאָלאָניע האָט עס געהאַלטן פאַר ניט מעגלעך און אויך פאַר שעדלעך פאַר דער הכנסה פונעם אָוונט. די וויכוחים וועגן דעם זיינען געווען שאַרפער און קריגעריי־שער ווי מיט צוויי חדשים פריער וועגן פּראָטעסטירן קעגן דעם פּאָגראָם אין ניקאָלאַיעוו. דעמאָלט איז די איבערוועגנדיקע מערהייט געווען פאַר דער פּראָטעסט־רעזאָלוציע, און אַזוי גיך, ווי ס׳זיינען באַקאַנט געוואָרן מער איינצלהייטן וועגן דעם גרויסן שאָדן, וואָס די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אָנגעטאָן דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב פון האַרעפּאַשנע יידן, איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ געלט־זאַמלונג צו העלפן די פּאָגראָם־געליטענע. אין דער פראַגע פון אָפּליגן דעם טאַנץ צוליב תשעה־באב, איז אָבער די מערהייט אַרויסגעטראָטן קעגן, באַזונדערס די סטודענטינס. זייער מיינונג האָט קלאָר און שאַרף אויסגעדריקט יוליאַ שאַפּיראָ, אַ שיינע עלעגאַנטע דאַמע פון סימפעראָפּאָל, אַ סטודענטין פון מעדיצינישן פאַקולטעט. זי האָט דערציילט, אַז מיט דריי יאָר צוריק צום פופצנטן יאָר־צייט פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן (דערהרגעט דורך די „נאַראָדאָוואָלצעס" אין מערץ 1881) האָט זי און אַנדערע רוסלענדער סטודענטינס אין פּאַריז אַראַנזשירט אַ טאַנץ יענעם אָוונט. די רוסישע אַמבאַסאַדע האָט פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן אָפּליגן דעם טאַנץ און זיי האָבן ניט געפאָלגט. איר אויספיר איז געווען, ווי זי האָט דערקלערט, שמייכלענדיק דערביי שיין און ליבלעך, אַז ס׳איז לעכערלעך אָפּצוליי׳גן דעם טאַנץ פון דער קאָלאָניע צוליב דעם, וואָס מיט טויזנטער יאָרן צוריק איז ערגעצוואו אין אַזיע צעשטערט געוואָרן אַ יידישער טעמפּל אָדער אַ סינאַגאָגע...

ניט געקוקט אויף מיין שעמעוודיקייט, און מיין גרויס רעספּעקט פאַר יוליאַ שאַפּיראָ, האָב איך אויסגערופן: „תשעה־באב איז ניט קיין יאָר־צייט נאָך אַ געבעט־הויז, נאָר אַ טרויער־אויסדרוק פאַר ניט האָבן מער קיין אייגענע מדינה"... דער אַסימילירטער קאַנדידאַט־פילאָסאָף, סאָלאָמאָן גראָסמאַן, האָט מיך תיכף שאַרף אָפּגעהאַקט מיט דער באַמערקונג: „יינגלעך דאַרפן זיך ניט אַריינמישן ווען עלטערע מענטשן ריידן."

נחת און פאַרדרוס צוגלייך האָב איך ביי אָט דער מחלוקה געהאַט פון מיין ווילנער לאַנדסמיידל מלכה זוראַוויטש. געוויינלעך האָט אָט די קליינ־געוויקסיקע סטודענטקע אויסגעזען אין מיינע אויגן פאַרזויערט און ניט שיין אין דעם קרייז פון אַזוינע הערלעכע געשטאַלטן, ווי יוליאַ שאַפּיראָ,

שטערקע שנייערסאָן, מלכה שטיינבערג, חנה ליפשיץ, ראָזע גרינבלאַט א. ד. גל., נאָר היצנדיק זיך אויף אָט דער פאַרזאַמלונג, איז די ווילנער מלכהלע געוואָרן צעפלאָמט און געקראָגן היפש חן. ס'האָט מיר פאַרדראָסן, וואָס אַ ווילנער יידישע טאָכטער איז אַזוי אָפּגעפרעמדט פונעם יידישן לעבן, ווי די אָדעסער שוועסטער פאָליאַקאָוו, די קרימער אַריסטאָקראַטינס און אַנדערע אַסימילירטע פרויען.

אַ סך פאַרדרוס פון דער מחלוקה האָט אויך באַשע אָסנאַס־סירקין. איר מאַן, נחמן, האָט זיך ווידער צו־שטאַרק געהיצט. זי זאָגט מיר, אַז דאָס איז שעדלעך פאַר זיין געזונט, נאָר זי קאָן אים ניט צוריקהאַלטן. איך האָב זיך לעצטנס מיט אים נעענטער באַקאַנט, דורכגעלייענט אויך זיין דייטשיש ביכל „די יידן־פראַגע און דער סאָציאַליסטישער יודענשטאַט", וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אונטערן פסעוודאָנים „בן אליעזר" *).

מיר האַלטן שוין אין בערן ביים סוף סעמעסטער. דער סטודענטישער עולם הויבט שוין אָן זיך פאַנאַנדערפאָרן. דער שריפטשטעלער שמואל ראָזענפעלד, מיט וועמען כ'האָב זיך לעצטנס באַקאַנט, און וועלכער איז צו מיר גאָר פריינטלעך, זאָגט מיר, אַז ער פאָרט־אָפּ דעם 16־טן יולי אַהיים קיין קאָוונע. כ'האָב געפּלאַנט אים מיטגעבן אַ מתנה פאַר שרה שפרהן, נאָר איך באַשליס עס ליבער איר שיקן דורך פּאָטשט. מיין פאַרהייראַטקייט איז דאָ אַ סוד, און דאַרף עס אַזוי בלייבן. קיין סטודענט טאָר עס דאָ פאַר־לויפיק ניט וויסן. די מיטליאַריקע, וועלכע האָבן אין דער היים פרויען און קינדער, וועלן מיך ניט פאַראורטיילן דערפאַר, כאָטש איך בין נאָך ניט אַלט קיין 23 יאָר. נאָר די יונגע סטודענטן פון וואוילהאָבנדיקע עלטערן וועלן מיר דאָס ניט מוחל זיין. זיי האָבן דאָך מיר געוואָרנט, באַלד ווי כ'בין אַהער געקומען, אַז ווי אַ געוועזענער אַרבעטער זאָל איך ניט נעמען קיין קורסן פון אַלגעמיינער בילדונג אָדער נאַטור־וויסנשאַפט אין בערנער אוניווער־זיטעט, נאָר אַריינטרעטן אין טעכניקום פון ווינטער־טור, לעבן ציריך, און זיך לערנען דאָרט פאַר אַ מעכאַניקער. אויב אָט די וואוילהאָבנדיקע סטו־דענטן וועלן זיך דערוויסן, ווי אַזוי כ'לעב דאָ... מיין שפּאָרזאַמקייט מיט סאַנטימען, און אַז אַ פראַנק איז ביי מיר מער פאַרמעגן ווי אַ רובל אין רוס־לאַנד, און כ'בין נאָך דערצו שוין פאַרהייראַט, וועלן זיי מיך בסדר יאָדען און אינגאַנצן אַנטמוטיקן פון לערנען...

---

*) ער שענקט עס מיר שפּעטער און גיט מיר דאָס רעכט עס איבער־צוזעצן אין יידיש. דאָס ערשטע קאַפּיטל איז דערשינען אינעם זשורנאַל „יידישע פרייהייט", וואָס איך האָב רעדאַקטירט אין לאָנדאָן, 1905.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ צאָל סטודענטינס און סטודענטן האָבן שוין פאַרלאָזן בערן, טומלט זיך דאָ ניט ווייניקער ווי פריער. ס׳קומען איצט אַהער צו גאַסט אַזוינע, וועלכע שטודירן אין זשענעווע, ציריך און אַנדערע פלעצער אין דער שווייץ, אָדער אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. ס׳ווערן דאָ איצט אויך אַראַנזשירט לעקציעס און דיסקוסיעס וועגן סאָציאַליזם און ציוניזם, באַזונדערס צוליב דעם, וואָס קומענדיקן חודש, אויגוסט 1899, ווערט אָפּגעהאַלטן אין באַזעל דער דריטער ציוניסטן־קאָנגרעס. אויף איינער אַזאַ דיסקוסיע האָט דער זשענעווער פּריוואַט־דאָצענט דר. חיים ווייצמאַן זיך שטאַרק אויפגערעגט און איז געפאַלן אין חלשות. זיין פריינדין סאָפיע געצאָוואַ, אַ סטודענטין־מעדיצין פון די העכערע קורסן, איז גלייך צוגעלאָפן אים ראַטעווען. נאָר אַזוי גיך, ווי ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט זי אַליין אויך געחלשט.

אַזוי ווי כ׳בין איצט שטאַרק פאַרנומען מיט מיינע צוגרייטונגען אַריינצוטרעטן קומענדיקן סעמעסטער אינעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן אָפּטייל פונעם פילאָסאָפישן פאַקולטעט, גיי איך זעלטן צו די פריער־דערמאָנטע דיסקוסיעס. דאָך בין איך געווען הערן די לעקציע פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט א. דאַווידזאָן. ער איז מאָאָל געווען אַזוי ווי דער שווייצער סאָציאַליסט, דר. פאַרבשטיין אין ציריך, אַ „חובב־ציון" אָדער ציוניסט. איצט האַלט מען אים פאַר אַ קעגנער פון ציוניזם. כ׳הער, אַז ער איז ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי, אַ ליבהאָבער פון יידיש און האָט זיך באַטייליקט אין אַ בערלינער סטודענטישן פאַרלאַג, אַרויסצוגעבן פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַלע בראָשורן פאַר די יידישע מאַסן. זיינס אַ ביכל וועגן דאַרוויניזם איז אויך דערשינען אין דרוק.

דאַווידזאָן, אַ הויכער, שלאַנקער מיטליאָריקער מאַן, מיט אַ בלאָנד בערדל, האָט מיט אַ שאַרפער לאָגיק צעגלידערט דעם פּאָליטישן ציוניזם, און פאַראורטיילט זיינע פירער. ער האָט אויך ניט געשוינט דעם דר. הערצל, וועלכן ער האָט באַשולדיקט אין רייכוואַשן דעם טערקישן דעספּאָטישן סולטאַן אַבדול האַמיד פאַר זיינע בלוטיקע פּאָגראָמען אויף אַרמעניער, מיט דער האָפענונג צו קריגן דערפאַר פון אים אַ גוט וואָרט פאַר יידן. דאַווידזאָן האָט דערביי דערציילט, אַז דער וועלט־באַרימטער פראַנצויזיש־יידישער שריפטשטעלער און דרייפוסיסט בערנאַר לאַזאַר, האָט צוליב דעם רעזיגנירט פון ציוניסטישן „אַקציאָנס־קאָמיטעט", צו וועלכן דער צווייטער ציוניסטן־קאָנגרעס האָט אים פריער דערוויילט. דאַווידזאָן האָט אויך פאָרגעלייענט אַ בריוו פון בערנאַר לאַזאַר, געשריבן אַרום סוף מאַי 1899, אין וועלכן ער דערקלערט, אַז די ציוניסטישע פירער זיינען ניט די מענטשן פון וועלכע ס׳האָבן געחלומט די נביאים און די דיכטער פון תהילים. און אַוועקגייענדיק פון די ציוניסטן, גייט ער, בערנאַר לאַזאַר,

ניט אַוועק פונעם יידישן פאָלק פון פּראָלעטאַריער, פאַר וועמעס באַפרייאונג ער וועט ווייטער קעמפן, נאָר אויף אַן אַנדער אופן, ווי די ציוניסטן.

דעם רעדנערס יעדע באַמערקונג האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם. איין צד האָט שטאַרק אַפּלאָדירט און אַ צווייטער האָט געמאַכט אומפאַרייגנטלעכע צווישנרופן. אויפרעגנדיק און שטורעמדיק זיינען אויך געווען די דיסקו־סיעס וועגן דאַווידזאָנס רעפעראַט. די שאַרפסטע פּאָלעמישע רעדע האָט געהאַלטן אַ זעלטן שיינער יונגערמאַן, דער סטודענט ראַוויקאָוויטש, וואָס איז אַהער געקומען פון אַן אַנדער אוניווערזיטעט. ער האָט דערקלערט, אַז די בונדיסטן זיינען קנאַפּע סאָציאַליסטן און זיינען פּונקט אַזוינע נאַציאָ־נאַליסטן, ווי די ציוניסטן.

***

זינט דער היגער דרייפוס־קאָנפערענץ, דעם 19־טן מאַי, הערט זיך דאָ ניט אויף צו רודערן וועגן דער דאָזיקער אַפערע. די נייע פראַנצויזישע רע־גירונג האָט דעם קאַפּיטאַן דרייפוס צוריקגעבראַכט פון „טייוולס אינדזל״ קיין פראַנקרייך, און קומענדיקן חודש קריגט ער אַ נייעם פּראָצעס אין דער שטאָט רען. מיין געדאַנק איז אָבער איצט מער פאַרנומען מיט דעם ציוניסטן־קאָנגרעס, וואָס דאַרף מיך קאָסטן ניט ווייניקער ווי אַכט רובל, דאָס מיינט צוויי וואָכן לעבנסמיטל אין בערן... נאָר ניט פאָרן קיין באַזעל, ווען כ׳וואוין אין דער שווייץ, זעט מיר אויס, ווי כ׳זאָל וואוינען אין ארץ ישראל און ניט עולה־לרגל־זיין קיין ירושלים...

דעם דריטן אויגוסט האָב איך שוין געלייענט אין בערנער „טאַגעבלאַט״, אַז דער קאָנגרעס וועט דויערן פיר טעג: דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק און פרייטיק, פון דעם 15־טן, 16־טן, ביזן 18־טן אויגוסט. ער וועט זיך עפענען מיט אַ רעדע פון דר. הערצל, און נאָכדעם וועט דר. נאָרדוי, ווי לעצטן יאָר, ווידער האַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער אַלגעמיינער יידישער לאַגע. גלייכצייטיק דערוויס איך זיך אויך, אַז צו דער דערעפענונג מוז מע גיין אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן אָנצוג מיט אַ ווייסן שניפּס...

צוזאַמען מיט דער אַרטיקער נייעס וועגן קאָנגרעס דרוקט איבער די צייטונג אַ בריוו פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל צום „פּעסטער ללאָיד״ אין בודאַ־פּעסט. דאָרט ווערט מיטגעטיילט פון טערקישע אָפיציעלע קוועלן, אַז דער סולטאַן אַבדול האַמיד וועט אונטער קיינע אומשטענדן ניט דערלויבן קיין יידישע מאַסן־אימיגראַציע קיין ארץ ישראל... נאָר כאָטש כ׳ווייס שוין, אַז פון קעגנווערטיקן ציוניזם ביז „אונדזערע אַן אייגענע מדינה״ איז כמעט די זעלביקע ווייטקייט ווי פון דער חובבי־ציונישער קאָלאָניזאַציע איז געווען, וויל איך דאָך זיין אין באַזעל. כ׳מוז אַלץ אַליין הערן מיט מיינע

אויערן, אַליין זען מיט מיינע אויגן, אפשר וועל איך דעמאָלט זיך דערוויסן אַביסל מער אמת.

די אויגוסט־היצן פאַרמאַטערן מיך און עס ציט מיך צו די אַלפּן און די אַזערעס פון בערנער אָבערלאַנד. כ׳טראַכט אָבער, אַז אויב שוין יאָ מאַכן אַ רייזע, טאָ זאָל עס זיין קיין באַזעל.

שבת־צו־נאַכט, דעם 12־טן אויגוסט, כאַפּ איך זיך, אַז כ׳האָב גאָר מיין געלט צעליען צו מיינע חברים און באַקאַנטע, וועלכע זיינען שוין טאַקע אַלע אין באַזעל. ס׳איז מיר ניט געבליבן מיט וואָס צו פאָרן צום קאָנגרעס, ווי אויך ניט אין וואָס צו פאָרן. מיינע קליידער זיינען שוין אָפּגעטראָגן, און ס׳וועט זיין מיאוס פאַר די שווייצער, אַז אַ ייד טוט זיך ניט אָן ווי גע־העריק אפילו אויף אַזאַ קאָנגרעס...

מאָנטיק דעם 1־טן אויגוסט האָט מיך דער אַטענטאַט אויף דרייפוסעס אַדוואָקאַט, לאַבאָרי, געמאַכט אַ ווילדע פאַרגעסן מיין האַרצווייטיק וועגן קאָנגרעס. כ׳האָב קוים דערוואַרט די אָוונט־בלעטער, צו וויסן אויב דער גרויסער פאַרטיידיקער איז נאָך ביים לעבן. שפּעטער אָבער האָט זיך באַנייט און נאָך פאַרשטאַרקט מיין בענקשאַפט קיין באַזעל. כ׳האָב זיך געוואָלט איינריידן, אַז אין באַזעל וועט ניט זיין קיין ווירקלעכער יידישער קאָנגרעס, נאָר אַ ריין ציוניסטישער, אַן אסיפה פון אַ געוויסער אָרגאַניזאַציע, און כאָטש זי געפעלט מיר, מוז איך דאָך ניט זיין אויף אירע פאַרזאַמלונגען. נאָר אַ שטים אין מיין האַרצן רעדט צו מיר: ניין, דאָס איז אַ ריינער, עכט יידישער קאָנגרעס... אַ ייד, וועלכער איז אַזוי נאָענט פון באַזעל זאָל אויפן קאָנגרעס ניט זיין? אפשר לויפן צופוס, נאָר ווען וועל איך אַהין קומען? מאָרגן איז דאָך שוין די דערעפענונג... מיך קימערט שוין איצט מער קיין קליידונג, וואוינונג און עסן דאָרט. איך פיל נאָר, אַז כ׳מוז זיין אין באַזעל, און טאַקע נאָך מאָרגן אינדערפרי! איך בין פאַרצווייפלט און קאָן זיך קיין עצה ניט געבן...

דינסטיק, דעם 15־טן אויגוסט, האַלב זיבן (6:30) אין דער פרי, בין איך שוין אין וואַגאָן אויפן וועג קיין באַזעל. כ׳בין שוין אָפּגעפאָרן אַ שעה צייט פון בערן און בין נאָך אַנדערהאַלבן שעה פון מיין ציל. איך גלויב ניט, אַז כ׳פאָר... אפשר איז דאָס גאָר אַ חלום. כ׳האָב דאָך אָבער היינ־טיקע נאַכט ניט אָנגערירט מיין בעט, ניט אויסגעטאָן מיינע קליידער, און ביי מיין שרייב־טיש בין איך נאָך קיינמאָל ניט איינגעשלאָפן. אָט בין איך דאָך ערשט דורכגעפאָרן דעם שיינעם בורגדאָרף. איך האָב געזען דייטלעך זיינע פיינע הייזער און גלאָקן־טורעמס. ניין, איך בין וואַך און געדענק אויך אַלץ.

אין דעם מאָמענט פון העכסטער פאַרצווייפלונג בין איך באַזעלט גע־

וואָרן מיט מוט און ענערגיע. כ׳האָב תיכף געליען ביי מיין ווירט אויף אַ בילעט קיין באַזעל, כאָטש כ׳בין אים שולדיק פאַר אַ חודש דירה־געלט... מיין ווירטין האָט איינגעפּאַקט מיין קליינעם רייזע־פּעקל, נאָכן שווייצער פאַסאָן. כ׳בין מוטיק געזעסן די גאַנצע נאַכט און פריער פאַר אַלץ געמאַכט ריינער און פיינער מיין קליידונג, מיין פאַלק זאָל דורך מיר ניט האָבן קיין בזיונות... כ׳האָב געוואַשן און זיך געפּוצט וויפל כ׳האָב געקאָנט. נאָכ־דעם האָב איך געלייענט וועגן די פריערדיקע ציוניסטישע קאָנגרעסן און פאַרזאַמלונגען, ווי אויך וועגן חובבי־ציונישע אסיפות און זייערע פּראָגראַ־מען און סטאַטוטן. כ׳האָב אויך געמאַכט אַ צאָל נאָטיצן און פינף אַזייגער באַגינען בין איך אַוועק צום וואָקזאַל.

(סוף פון ערשטן באַנד)